ד״ר י. צינבערג

געשיכטע פון דער
ליטעראטור
ביי יידן

~~105~~
Z/1

ספריה עממית
יודישע
פאלקס ביבליאטעק
JEWISH PUBLIC LIBRARY

Dr. I. ZINBERG

THE HISTORY OF THE JEWISH LITERATURE

FIRST VOLUME:
MIDDLE AGES

JEWISH PEOPLE'S LIBRARY

VILNO, 1929

PUBLISHED BY "TOMOR" J. KAMERMACHER

ד"ר ישראל צינבערג

די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן

אייראָפּעיִשע תקופה

ערשטער באַנד

מיטלאַלטער

ווילנע — 1929

פאַרלאַג „טאָמאָר" פון יוסף קאַמערמאַכער

ספריה עממית בטורונטו
יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

ס'איז שטרענג פאַרבאָטן צו איבערזעצן
דאָס דאָזיקע ווערק אויף וועלכער עס
איז שפּראַך אָן דער דערלויבעניש פון
דעם מחבר אָדער פון זיין פאַרטרעטער,
י. יאַשונסקי, וואַרשע.

Copyright by I. Cinberg, Leningrad.

: : P r i n t e d i n P o l a n d : :

Dr. .I Cinberg, „Di Geszichte fun der Literatur bej idn“

הילע און שלום-באַצירונגען פון ת מ ר צ י נ ב ע ר ג

זעצעריי „טאָמאָר“, ווילנע, פון יוסף קאַמערמאַכער.

Zecernia ,,Tomor“ Wilno, ul. Szopena 1, m. 30

Odbito w drukarni Notesa i Szwajlicha, Wilno.

מיין געטרייען פריינד און חבר —

מיין פרוי — אַ מתנה

פון מחבר.

PEOPLE'S L

פונם מחבר.

מיר הייסן ניט אומזיסט „עם הספר". דאָס בוך פאַרנעמט אַזאַ באַדייטנדיקן אָרט אין לעבן פונם גלות־פאָלק, אַז ביי אַ סך פאָרשער ווערט די געשיכטע פונם יידישן פאָלק אין געוויסער מאָס מגולגל אין יידישער ליטעראַטור־געשיכטע. דאָס קולטורעלע לעבן, די מלוכה פון געדאַנק — דאָס איז געווען דאָס איינציקע געביט. אויף וועלכן דאָס יידישע פאָלק איז נאָך אימשטאַנד געווען צו אַנטפּלעקן זיינע זעלבּ־שטענדיקע כוחות, די איינגאַרטן פון זיין נשמה, — דאָס איז געווען דאָס איינציקע געביט, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פאַרן אייביקן נַע־וָנַדניק, וועלכער האָט אין משך פון לאַנגע־לאַנגע דורות ניט געפירט קיין אייגן, פּאָליטיש לעבן, נאָר אָפּגעריכט גלות, געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד...

די אָפטע גירושים און וואַנדערונגען, די שרעקלעכע רדיפות און צרות האָבן יעדן מאָל אויפסניי צעשטערט דעם סאָציאַלן יסוד פונם יידישן קיבוץ, אים געוואָרפן אין די טיפע אָפּגרונטן פון נויט און אָרימקייט. די קולטורעלע רייכטימער האָט אָבער דאָס פאָלק מיט זיך גענומען, אויף זיי האָבן די שונאים אַ קנאַפּע שליטה געהאַט. אמת, אויך דאָס קולטורעלע שאַפן איז אין זייער אַ באַדייטנדיקער מאָס אָפּהענגיק פון דער אויסערלעכער סביבה, פון די סאָציאַלע צושטענדן, אין וועלכע דער יידישער קיבוץ האָט געלעבט. נואָס מער עס זיינען צוזאַמענגע־שרומפּן געוואָרן די עקאָנאָמישע יסודות פונם יידישן לעבן, וואָס שטאַרקער עס איז געוואַקסן די רעכטלאָזיקייט פונם יידישן געטאָ און ס'האָבן זיך געמערט די רדיפות און גזירות, — אַלץ ענגער און איינזייטיקער איז אויך געוואָרן דאָס גייסטיקע יידישע לעבן, און קודם־כל זיין בולטסטע אַנטפּלעקונג — דאָס ליטעראַרישע שאַפן.

אָט מהאי טַעמָא זיינען אין דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע די תקופות פון וואַקסן און פאַלן, פון שיינעם אויפבליען און טרויעריקן אָפּלעבן און פאַרוועלקן פאָרגעקומען אין אַ גאַנץ אַנדערן סדר, ווי ביי די אַנדערע אייראָפּעיִשע פעלקער. די יידישע קולטור־געשיכטע האָט זיך איר אייגענעם נוסח, האָט זיך אַנטוויקלט אויף איר באַזונדערן שטייגער, האָט דורכגעמאַכט גאַנץ אַנדערע עטאַפּן. אין דער קולטור־געשיכטע פון מערב־אייראָפּע, למשל, ווערט דער סוף פונם XV יאָרהונדערט לויט קריסטלעכער צייט־רעכענונג באַטראַכט ווי אַ גרענעץ, וואָס טיילט אָפּ

דעם פינסטערן מיטלאַלטער פון דער נייער צייט, ווען דער אייראָפּעיִשער געדאַנק האָט זיך אָנגעהויבן באַפרייען פון די אייזערנע קייטן, וואָס האָבן אַזוי שווער אויף אים געדריקט אין משך פון לאַנגע דורות. די אַנטדעקונג פון אַמעריקע און פון נייע ים־וועגן אין די ווייטע לענדער און מדינות פון אַפריקע און אַזיע; גוטנבערגס גאוניש״ע המצאה — דער דרוק־וואַר־שטאַט, וואָס איז געוואָרן דער געטרייער שליח פון קולטור און וויסן; די רעליגיעזע רעפאָרם־באַוועגונג, וואָס האָט דערשיטערט די פעסטע מויערן פונם קאַטוילישן קריסטנטום, — אַט די דאָזיקע וויכטיקע געשעענישן האָבן געבראַכט אַ גייסטיקע איבערקערעניש אין אייראָפּע און געבראַכן די פינסטערע נאַכט פונם מיטלאַלטער. אַ גאַנץ אַנדערע באַדייטונג האָט אָבער די זעלביקע דאַטע — דער סוף פונם XV יאָרהונדערט — אין דער יידישער געשיכטע. עס איז נישט קיין אָנזאָג פון אַ נייער וועלט. נישט קיין נייע גייסטיקע כוחות ווערן דעמאָלט געשאַפן און געזאַמלט, — עס איז אַ פינסטערע תקופה פונם גרויסן נאַציאָנאַלן חורבן, עס איז דער טראַגישער סוף פונם שפּאַניש־יידישן קיבוץ, דעם שענסטן און גלענצנדיקסטן טרעגער פון יידישער קולטור אין משך פון צענדליקע דורות. ניט דער ליכטיקער קאַיאַר (כָּאוֹר) ברעכט דעמאָלט אויס איבער דעם יידישן געטאָ, נאָר דער אומעט פון בין־השמשות.

דאָס אייגענע האָט זיך אויך איבערגעחזרט אין דער שפּעטערדיקער תקופה. אין דער מיט פונם XVII יאָרהונדערט איז די אייראָפּעיִשע וועלט שוואַנגער געוואָרן מיטן געדאַנק, וואָס דער גרויסער דענקער פון יענער צייט, דעקאַרט, האָט אַרויסגעזאָגט אין דריי קורצע לאַטיינישע ווערטער: cogito ergo sum — באַשר איך דענק, איז דאָס דער שאַרפסטער באַווייז, אַז איך לעב און עקסיסטיר. און דווקא דעמאָלט, בעת די גייסטיק־פרייע מענטשלעכע פערזענלעכקייט, וואָס דענקט און שאַפט און בויט אויף איר אייגענעם חשבון, האָט אָקאָרשט געפּרוּווט זיך אַרויסרייסן פון דער שליטה פון דער מיטלאַלטערלעכער ירושה, — איז אין יידישן תּחום ערשט שטאַרק פינסטער געוואָרן און עס האָט זיך דאָרטן אָנגעהויבן דאָס אמתע מיטלאַלטער. דאָס איז געווען דער פועל־יוצא פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס ס'האָט דעמאָלט געטראָפן דעם רוב מנין ורוב בנין פונם יידישן פאָלק: דער דרייסיק־יאָריקער קריג האָט געבראַכט אַ גייסטיקן און עקאָנאָמישן חורבן דעם דייטשן יידנטום, און די פּוילישע יידישע קהילות האָבן כמעלניצקיס חיילות מיט פייער און שווערד געמישפּט, אין בלוט און שאַנד געטרעָנקט...

דערפאַר אָבער, אין דער שטאָק־פינסטערער תקופה פונם טיפן מיטלאַלטער, אינם משך פון דעם X ביז דעם XIII יאָרהונדערט, בעת

גאַנץ אייראָפּע איז נאָך געווען פאַרשטאַרט אין גייסטיקן דרימל, — זיינען די שפּאַנישע יידן געווען, צוזאַמען מיט די אַראַבער, די איינציקע טרעגער פון קולטור און בילדונג, פון קונסט און וויסנשאַפט.

נאָר ווי פאַרשיידן עס זיינען די אַלע תּקופות אינם קולטורעלן לעבן פונם יידישן קיבוץ אין אייראָפּע, הן די צייטן פון גייסטיקער ירידה, הן די עטאַפּן פון וואַקסן און אויפבליען, — דאָך זיינען זיי אַלע פאַראייניקט דורך איין הויפּט־פּראָבלעם, וואָס שלענגעלט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך אַלע ווינקעלעך און קעמערלעך פון דעם נאַציאָנאַלן שאַפן. דער דאָזיקער גרונד־מאָטיוו, דער לעבנס־נערוו פון דער יידישער ליטע־ראַטור — דאָס איז די עקשנותדיקע פראַגע וועגן דעם צוועק און תּכלית פונם לעבן. צו וואָס לעבט דער מענטש? אין וואָס באַשטייט דאָס ציל? מיט וואָס קאָנען באַרעכטיקט ווערן דעם מענטשנס גרויסער צַעַר, די אומענדלעכע ליידן פונם „אויסדערוויילטן" פאָלק? ווי איז צו דערקלערן, ווי איז צו באַגרייפן דאָס טראַגישע רעטעניש פון דער וועלט? ווי קאָן מען פאַרענטפערן דעם גרויסן פלאָנטער, די טיפע סתירה: דער באַשעפער — אַן אֵל מלא רחמים, און איינגעטונקט אין־ רשעות און אין פאַרדאַרבנקייט איז די וועלט? און די סתירה מוז פאַרענטפערט ווערן: גערעכט מוז דאָך זיין דער סדר פון דער וועלט — בכדי ניט צו פאַרלירן דעם מוט און די קראַפט צו טראָגן ווייטער דעם טיפן צַעַר פון לעבן און ניט אָנצוווערן דערביי די האָפענונג און דעם גלויבן...

דער גרונד־מאָטיוו פון דעם טיפסטן פּאָעטישן ווערק, וואָס די אַמאָליקע דורות האָבן אונז איבערגעלאָזן בירושה — דעם ספר „איוב" מיט זיין געוואַלטיקער מרידה קעגן דעם אומגערעכטן סדר פון דער וועלט און מיט זיין דערשיטערנדיקן פּראָטעסט קעגן די אומשולדיקע מענטש־לעכע ליידן און אומזיסט פאַרגאָסענע טרערן — דער קלינגט און ציטערט אויך אין די פאַרמָרה־שחורהטע בלעטער פון דער יידישער מיטלאַלטער־לעכער ליטעראַטור. דעם דאָזיקן שמאַרציקן פּראָבלעם האָבן אָפּגעגעבן זייערע בעסטע כּוחות די טיפסטע דענקער און די באַדייטנדסטע פּער־זענלעכקייטן פונם יידישן מיטלאַלטער. אַ טייל פון זיי האָבן אַן ענטפער געזוכט אין דעם שטאָלצן טורעם פונם פרייען פאָרשער־געדאַנק, אַנדערע ווידער — אויף די פאַרשלענגלטע, אין סוד איינגעהילטע וועגן פון מיסטיק און חכמת הנסתּר. און דער געראַנגל צווישן די צוויי שטרעמונגען האָט אין משך פון לאַנגע דורות פאַרנומען דעם גאַנצן פאָדערגרונד פון דעם יידישן קולטור־לעבן...

מיר ריידן דאָ אַלץ וועגן אייראָפּעישער קולטור און וועגן איי־ראָפּעישער תּקופה אין דער יידישער ליטעראַטור, ווייל נאָר זי וועט באַ־

האַנדלט ווערן אין דעם דאָזיקן ווערק. שרייבן א וויסנשאַפטלעך זעלבשטענ=
דיק ווערק אויפן יסוד פון די ערשטע קוועלן און אייגענע אויספאָרשונגען, וואָס
זאָל אַרומנעמען דאָס גאַנצע ליטעראַרישע שאַפן פונם יידישן פאָלק אויפן
אַנצן ריזיק=לאַנגן משך פון זיין קולטורעל=באַוואוסטזיניקן לעבן, — דאָס
איז כמעט איבער די כוחות פון א יחיד, פון אן איינציקן פאָרשער. און
דאָס האָט טאַקע פּאַקטיש קיינער ביז איצט ניט באַוויזן. מיר האָבן אויף
דעם געביט וועלכע=ס'איז קאָמפּילאַטיווע ווערק, אָבער קיין אמתע געשיכטע
פון אונזער ליטעראַטור האָבן מיר, דער עם=הספר, עד היום ניט. מיר
האָבן דערפאַר זיך געשטעלט א מער באַגרענעצטע אויפגאַבע: באַקענען
בלויז מיט דער שפּעטערדיקער תקופה פון דער יידישער ליטעראַטור=
געשיכטע, וואָס נעמט הגם אַרום א בערך לאַנגע צייט פון איבער טויזנט
יאָר — די אַזויגערופענע אייראָפּעיִשע תקופה, וואָס הייבט זיך אָן פון
דעם מאָמענט, ווען דאָס אייראָפּעיִשע יידנטום, ד.ה. די יידישע קיבוצים,
וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די אייראָפּעישע לענדער, טרעטן אַרויס צום
ערשטן מאָל ווי א זעלבשטענדיקער קולטורעלער פאַקטאָר און הייבן
אָן זיך באַטייליקן אין דעם בנין פון נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. דער
דאָזיקער מאָמענט איז הגם אויך ענג פאַרבונדן מיט איינעם פון די וויכטיקסטע
געשעענישן אין דער אַלגעמיין=יידישער קולטור=געשיכטע: די קולטורעלע
העגעמאָניע, די גייסטיקע ממשלה איבער דעם גאַנצן יידישן קיבוץ, איבער
דעם אין אַלע לענדער צעשפּרייטן יידישן פאָלק, גייט=איבער פונם אַזיאַ=
טישן מזרח צום דָרומדיקן עק פון מערב=אייראָפּע. מיט דער התחלה פונם
צווייטן יאָרטויזנט לויט קריסטלעכער רעכענונג הייבט זיך פאַקטיש אָן די
א י י ר אָ פּ ע יִ ש ע תקופה פון דער אַלגעמיין=יידישער קולטור.

מיר שטעלן פאַר זיך די אויפגאַבע צו געבן א מיגלעכסט=פול=
שטענדיק בילד פונם גאַנצן יידישן גייסטיקן און קולטורעלן שאַפן פאַרן
משך פון דער באַטרעפנדיקער תקופה. מיר ווילן דערפאַר זיך ניט
באַגניגן מיט דער געשיכטע פון בלויז דער אַזויגערופענער שיינער ליטע=
ראַטור אַליין. די אַנטוויקלונג פון די פּאָעטישע פאָרמען וועט דאָ אויס=
געפאָרשט ווערן אויפן יסוד פון דער גאַנצער קולטורעלער יידישער
סביבה מיט אירע גייסטיקע און געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען, ענג פאַר=
בונדן מיט דער אַלגעמיין=אייראָפּעיִשער קולטור פון יענער תקופה.

אמת, דאָס געפינט זיך אין שטאַרקן ווידערשפּרוך מיט דער טענ=
דענץ, וואָס טרעט די לעצטע צייט אַלץ בולטער אַרויס ביי א סך ליטע=
ראַטור=היסטאָריקער: מאַכן אַלץ זעלבשטענדיקער און אומאָפּהענגיקער
זייער וויסנשאַפטס=געביט און וואָס מער זי אָפּגרענעצן פון קולטור=
געשיכטע. אָנהענגער פון דעם אַזויגערופענעם „פאָרמעלן מעטאָד" ווילן

גלייך אָנווייזן, אַז ביי די אויפגאַבן, וואָס מיר שטעלן פאַר זיך, דאַרף אונזער ווערק גיכער באַטראַכט ווערן אַלס געשיכטע פון געזעלשאַפטלעכע און גייסטיקע באַוועגונגען, איידער אַלס געשיכטע פון ליטעראַטור. מיר וועלן זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין חקירות, צי זיינען טאַקע גערעכט די פאָרשער, וואָס דרינגען, אַז אונטער געשיכטע פון ליטעראַטור דאַרף מען פאַרשטיין אויסשליסלעך די געשיכטס־אַנטוויקלונג פון די ריין־פּאָעטישע קונסט־פאָרמען; איינס איז אָבער קלאָר — בנוגע צו דער ליטעראַטור פונם יידישן פאָלק קאָן מען מיט דעם סיסטעם קאַרג וואָס אויפטאָן. דאָס גאַנצע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע לעבן ביי די יידן אין מיטלאַלטער האָט זיך געקאָנט אַנטוויקלען אויסשליסלעך אין וואָרט. דאָס שריפטלעכע וואָרט איז געווען די איינציקע פאָרם, אין וועלכער ס׳האָט זיך געקאָנט פאַרקערפּערן פאַר די קומענדיקע דורות די ווילנס־ענערגיע און שאַפונגס־קראַפט פונם יידישן קיבוץ, די גאַנצע אייגנאַרטיקייט און זיין לעבנס־שטייגער. ביי אַנדערע פעלקער, וואָס פירן אַ זעלבשטענדיק לעבן, פאַרקערפּערן זיך דער געשמאַק, דאָס באַוווסטזיין, די אידעאַלן און די גאַנצע אָרגאַניש־וואַקסנדיקע אייגנאַרטיקייט פונם פאָלק — אין די פאַרשיידנאַרטיקסטע פאָרמען: ניט בלויז אין ליטעראַטור און קונסט, נאָר אויך אין פּאָליטישע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס, אין געזעלשאַפט־לעכע אַנשטאַלטן, אין דער אַרכיטעקטאָניק, אין סטיל פון מלוכות און שטעט, גאַסן און הייזער... אָבער ביים יידישן פאָלק, דעם היימלאָזן נע־ונדניק, האָט דאָס אַלץ זיך געקאָנט אָמבולטסטן אָפּשפּיגלען נאָר אין זיין ליטעראַרישן שאַפן. און טאַקע, ענג פאַרבונדן מיט זיין גלות־לעבן, האָט דאָס דאָזיקע שאַפן געמוזט זיין אָרגאַניש צונויפגעפלאָכטן מיט דער אינטימער וועלט פון ליידן און האָפענונג, מיט זיין שמאַרציקן זוכן דעם גרויסן סוד, וואָס שטעקט אין דער טראַגיק פון לעבן, דעם צוועק און די באַרעכטיקונג פון זיין גרויסן צער, פון זיינע אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט און טרערן... און עס איז דערפאַר כלל ניט קיין צופאַל, וואָס די באַדייטנדיקע יידישע דיכטער, פון שלמה אבן גבירול ביז משה חיים לוצאַטאָ, זיינען געווען ניט נאָר קינסטלער, נאָר אויך דענקער, בעלי־מוסר, עטיקער און פּרעדיקער. די עסטעטיק איז דאָ אַזוי אָפט פאַרבונדן מיט עטיק, דאָס לאָגישע דענקען און פאָרשן מיטן אינטואיטיוון שאַפן. מיר שטעלן דאָ ניט די פראַגע: צי איז געוווּנטשן אַזאַ שכנות? — מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ רעאַלן פאַקט און מיר מוזן זיך מיט אים רעכענען. און ווער ס׳איז נאָר באַקאַנט מיט דער אייגנאַרטיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור, דער וועט מוזן מודה זיין, אַז ביי איר איז שווערער ווי ביי וועלכער ס׳איז אַנדערער ליטעראַטור דורכ־

צופירן אַ שאַרפע גרענעץ צווישן ליטעראַטור־געשיכטע (Histoire literaire) און געשיכטע פון ליטעראַטור (Histoire de la literature).

מיר מוזן אָבער גלייך אונטערשטרייכן, אַז מיר האָבן כּלל ניט בדעה צו געבן אַ מין כּל־בו, אין וועלכן עס. זאָל קיין שום יידישער מחבר ניט פעלן. אונזער אויפגאַבע איז — באַקאַנען דעם לעזער נאָר מיט די וויכטיקע און באַדייטנדיקע דערשיינונגען אויפן געביט פון יידישן שאַפן. מיר וועלן דערפאַר זיך אָפּשטעלן בלויז אויף די יידישע שריפט־שטעלער און דענקער, וואָס האָבן ווירקלעך געהאַט, וויניקסטנס פאַר זייער דור, אַ וועלכע־ס'איז השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון יידישער קולטור און יידישן געראַנק.

אונזער ווערק וועט באַשטיין פון אַכט בענד; יעדער באַנד באַזונ־דער ווערט איינגעטיילט אין צוויי ספרים. די ערשטע צוויי בענד נעמען אַרום די אייראָפּעיִשע תּקופה ביז גלות ספרד, די ווייטערע צוויי — די בין־השמשות־תּקופה, בעת די העגעמאָניע פון דער יידישער קולטור גייט אַריבער פון די ספרדישע יידן צו די אַשכּנזים — פון סוף 15־טן יאָר־הונדערט ביז דער צווייטער העלפט פונם 18־טן יאָרהונדערט; דער פינפטער און זעקסטער באַנד — די השׂכּלה־תּקופה פון 1780 ביז 1881; די לעצטע צוויי בענד — די נייסטע צייט. מיר שרייבן דאָס דאָזיקע ווערק זינט 1915. אין משך פון דער דאָזיקער צייט, אין די היסטאָרישע יאָרן פונם גרויסן וועלט־משפּט, פון דעם אֵימהדיקן תּוהו ובוהו, איז, ניט געקוקט אויף דחקות און נויט, אויף מאָראַלישן און עקאָנאָמישן חורבן, אונז דאָך געלונגען צו פאַרענדיקן די ערשטע פיר בענד ביז דער השׂכּלה־תּקופה. די דאָזיקע פאַרענדיקטע בענד האָבן מיר געשריבן לכתחילה אין רוסיש און אַרבעטן זיי איצט איבער אין יידיש. מיר שטרייכן אונטער דאָס וואָרט „איבעראַרבעטן", ווייל עס האַנדלט זיך דאָ ניט וועגן אַ פּשוטער איבערזעצונג. דאָס וואָרט איז דאָך ניט בלויז דער לבוש, די כּלי פונם געדאַנק,—עס איז אויך דער וויכטיקסטער טייל פונם געדאַנק גופא. אין יידיש מוז די ליטעראַטור־געשיכטע פון אונזער פאָלק אין אַן אַנדער נוסח געשריבן ווערן ווי אין אַ פרעמדער שפּראַך. מיר פאַרעפנטלעכן די ערשטע טיילן פון אונזער ווערק אין יידיש פריער ווי אין רוסיש *). די ווייטערדיקע טיילן וועלן אויך אינגיכן דערשיינען, אויב גאָר אונזער געשיכטע וועט נושׂא־חן זיין ביים יידישן לייענער.

דעצעמבער 1927.

---

*) בלויז די ערשטע פינף קאַפּיטלעך פונם רוסישן טעקסט זיינען דערשינען אין קיעוו אין 1919.

ערשטער טייל

די אַראַביש-שפּאַנישע תקופה.

אַרײַנפיר.

„פריער פון אַלץ איז געווען דאָס וואָרט". ניט נאָר גאָט האָט, לויט דער קדמונישער אגדה, דורך זיין וואָרט די וועלט באַשאַפן, נאָר אויך דער מענטש באַשאַפט זיין וועלט מיט דער הילף פונם וואָרט. כל־זמן די זאַך האָט נאָך קיין נאָמען ניט, איז נאָך ניט איינגעקריצט מיטן צייכן פונם וואָרט אינם מענטשנס זכרון, — עקסיסטירט די זאַך ניט פאַרן מענטשן, לעבט זי נאָך ניט אין זיין באַוווּסטזיין, ווייל נאָר דורכן וואָרט קומט דער מענטש צום זעלבסטבאַוווּסטזיין, צו דער וועלט־דערקענונג. און עס ליגט אַ טיפער אמת אין דער ביבלישער לעגענדע, וואָס דערציילט אונז, ווי דער באַשעפער האָט פאַר דעם אָקאָרשט אַנטשטאַנענעם מענטשן געבראַכט אַלע באַשעפענישן, וואָס ווידמען זיך אויף דער יבשה, אין דער לופט און אין די ימען, בכדי יענער זאָל זיי נעמען געבן; און אָט מיט דעם נאָמען, וואָס דער מענטש האָט געגעבן, לעבט יעדע באַשעפעניש...

דאָס דאָזיקע מעכטיקע געווער, וואָס מיט זיין הילף האָט דער מענטש זיין קולטור געשאַפן און די גאַנצע וועלט איינגענומען, איז אים אָבער ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען. מיט גרוים מי און שמאַרציקע מאַטערנישן האָט עס דער מענטש דערוואָרבן. אין משך פון טויזנטער דורות האָט ער געשמאָלצן און געשליפן דאָס דאָזיקע קאַמף־געווער, און עס איז אים אַלץ ניט געלונגען אינגאַנצן עס צו באַוועלטיקן, עס זאָל געטריי און בשלימות דערפילן זיין ווונטש און ווילן. דער מענטש פילט נאָך אַלץ — ער איז אַ „כבד פה", און פלומפ און אומגעשליפן איז זיין וואָרט. און בכדי צו פאַרשטאַרקן די מאַכט פונם וואָרט, מאַכן עס בולטער און קרעפטיקער, ווערט עס באַלייט מיט דער מימיק, מיט דער אויסדרוקספולער באַוועגונג. דאָס איז טאַקע זייער באַמערקבאַר ניט נאָר ביי יעדן יחיד באַזונדער, נאָר אויך אינם פאָעטישן שאַפן פון יעטווידן פרימיטיוון קיבוץ...

בעת מיר באקענען זיך מיט דער קולטור=געשיכטע פון וועלכן ס'איז פאלק, תמיד זעען מיר איינע און די זעלביקע דערשיינונג: אויף די פרימיטיווע קולטור=שטופן געוועלטיקט נאך דער גייסטיקער תוהו ובוהו, ווען אלץ איז צונויפגעמישט אין איין קנויל, און מען האט נאך קיין באגריף ניט פון באזונדערע גרענעצן, פון בולטע פעסט=געשטעלטע פארמען. די לידער, למשל, וואס דער קיבוץ שאפט, אנטהאלטן נאך קודם=כל די פארשיידנסטע מינים און גאטונגען פון פאעזיע און ליטע=ראטור: ליריק, דראמע, עפאס און אויך געשיכטע, ווייל די דאזיקע פאלקס=לידער דערציילן דאך, ווי אזוי די אבות האבן געלעבט, ווי אזוי זיי האבן געפירט מלחמות מיט אנדערע שבטים און פרעמדע געטער. אלץ איז אויסגעמישט אינאיינעם. דערצו זיינען נאך די דאזיקע לידער פעסט צונויפגעבונדן מיט געזאנג, שפיל, טענץ און גאטעסדינסט. דאס ווארט באלייט די מימיק, דער זשעסט. דאס ליד ווערט ניט געלייענט, אויך ניט דעקלאמירט, — עס ווערט געזונגען, באלייט מיט שפיל פון פארשיידענע כְּלֵי=זֶמֶר און מיט התלהבותדיקע ריטמישע קערפער=באווע=גונגען. און דאס אלץ ווערט צונויפגעגאסן אין איין תפילה, אין וועלכער די נשמה פונם קיבוץ דריקט=אויס אירע געפילן בנוגע צו די גרויסע אומבאקאנטע כוחות און גייסטער, וואס געוועלטיקן איבער איר און איבער דער וועלט.

אט דער דאזיקער ערבוב=התחומין, די צונויפגעשמאלצנקייט פון פארשיידענע קולטור=עלעמענטן, הייסט אין דער קולטור=געשיכטע סינ=קרעטיזם. מיט דער צייט אבער, וואס מער דער קיבוץ דערהייבט זיך צו א העכערער מדרגה פון קולטורעלער אנטוויקלונג, אלץ שוואכער ווערט דער סינקרעטיזם. פונם תוהו ובוהו הייבן זיך אן ביסלעכווייז באווייזן גרענעצן, וואס טיילן פונאנדער פארשיידענע געביטן פון מענטש=לעכן שאפן. די פאעזיע, דער תמצית פון מענטשלעכן גייסט און שאפונג, וואס ווערט אינם ווארט פארקערפערט, — גייט ביסלעכווייז ארויס פון פרעמדן רשות און ווערט אלץ מער זעלבשטענדיק. אין איר גופא גייען אויך פאר גרויסע שינויים: די פארשיידענע עלעמענטן, וואס זיינען אין דער התחלה געוועזן ענג צונויפגעבונדן, טיילן זיך מיט דער צייט פונאנדער אין זעלבשטענדיקע באזונדערע נוסחאות: ליריק, עפאס, דראמע א. א. וו.

אבער אפילו נאכדעם, ווי דער סינקרעטיזם ווערט אפגעשוואכט, טראגט נאך אלץ די פאעטישע שאפונג פון פאלק אין משך פון א לאנגער צייט א ריין קאלעקטיוון כאראקטער, ד. ה. זי טראגט נאך אויף זיך אויסשליסלעך דעם שטעמפל פון דעם גאנצן קיבוץ, ניט פונם יחיד און

זיין פּערזענלעכקייט. די פּאָעזיע בלייבט נאָך אַלץ אַנאָנים, זי ווייסט נאָך נישט פון באַזונדערע נעמען, וואָס שאַפן און בויען; און אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן אויפן פּאָעטישן געביט, געהערט נישט דעם יחיד, דעם אָדער יענעם זינגער און דיכטער, נאָר דעם גאַנצן קיבוץ. דער יחיד געפינט זיך נאָך אַזוי שטאַרק אונטער דער השפּעה און גייסטיקער שליטה פון דער סביבה, אַז ער ווערט דורך איר אינגאַנצן איינגעשלונגען. ביים פּרימיטיוון און ווייניק-אַנטוויקלטן קולטור-לעבן איז נאָך דער שטח פונם קיבוץ גאַנץ איינפאַרביק און איינטעניק; די איינצלנע מיטגלידער אונ-טערשיידן זיך זייער ווייניק איינער פונם אַנדערן. די שטרעבונגען, אידעען און באַגריפן, די גאַנצע וועלט אָנשויאונג איז איינע און די זעלביקע ביי אַלע יחידים, ביים גאַנצן קיבוץ, וואָס זעען אויס ווי מעור אחד.

און ווען דער יחיד פון אַזאַ איינפאַרביקן און נאָך ניט דיפע-רענצירטן קאָלעקטיוו שאַפט, למשל, אַ ליד, קומט ניט דעם מחבר און ניט קיין אַנדערן אויף דער מחשבה אפילו, אַז דאָס ליד געהערט אים, דעם יחיד, ניט דעם גאַנצן קיבוץ. וואָרום אין דער אמתן אַנטפּלעקט זיך טאַקע אין אַזאַ ליד ניט די פּערזענלעכקייט פון דעם באַטרעפנדיקן זינגער, ניט זיינע אידעאַלן, זיין „איך", נאָר דער „איך", דער „מהות" פון דעם גאַנצן קיבוץ, אין וועלכן די פּערזענלעכקייט פונם פּאָרפאַסער ווערט בטל ממש ווי אַ טראָפּן וואַסער אין אַ ברייטן טייך.

ערשט ביסלעכוויז, וואָס רייכער און אַנטוויקלטער עס ווערט דאָס קולטור-לעבן פונם באַטרעפנדיקן קיבוץ, הייבט אָן צו וואַקסן דאָס זעלבסטגעפיל פונם יחיד. עס באַווייזן זיך אַזוינע פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען שוין בכּוח אין געוויסער מאָס זיך צו באַפרייען פון דער אומ-באַגרענעצטער שליטה פונם כּלל. אַזאַ הויך-באַגאַבטע פּערזענלעכקייט דערהייבט זיך איבער דער סביבה, זי איז גייסטיק פיל אַנטוויקלטער פון דער איבעריקער מאַסע; אין איר אַנטפּלעקן זיך אַזוינע אָנשויאונגען און אידעאַלן, צו וועלכע דער רוב איז נאָך גאָרניט דערוואַקסן; עס ווערן אין איר געבאָרן אַזוינע פּראָבלעמען און פאָדערונגען, וואָס דער קיבוץ האָט נאָך גאָר פון זיי קיין השגה ניט. און ווען אַזאַ פּערזענלעכקייט שאַפט אַ פּאָעטיש ווערק, דריקט זי אין אים אויס נישט נאָר די השגות און דעם וועלט-באַנעם פונם קיבוץ, נאָר פון איר אייגענער נשמה מיט אירע אייגענע חלומות, האָפענונגען, סתירות, ליידן און ווייען.

נאַטירלעך ווערט אַזאַ געוואַלטיקער שינוי ניט נולד מיט אַמאָל. זעלבשטענדיקע נאַציאָנאַלע דיכטער זיינען אַ פּועל-יוצא פון אַ לאַנגן אַנטפּלעקונגס-פּראָצעס. עס גייען זיי אָפּט פאָרויס אַזוינע דיכטער, וואָס זיינען דערוויַיל נאָך ניט אין־שטאַנד צו ווערן זעלבשטענדיקע שעפער.

זיי געפינען זיך נאָך אַלץ אין צו גרויסער מאָס אונטער דער שליטה פונם קאָלעקטיוון שאַפן, פון דער גייסטיקער ירושה פונם קיבוץ. אַט די דאָזיקע פאָלקס־דיכטער זיינען אינשטאַנד נאָר צו זאַמלען די גרויסע אוצרות, די דימאַנטן און די פּערל, וואָס געפינען זיך אין די טיפענישן פונם פאָלקס־שאַפן; זיי צו שליפן, צו באַהעפטן זיי אין אַ האַרמאָנישער גאַנצקייט, פול מיט גלאַנץ און שיינקייט. אַזוינער איז געווען, למשל, דער מחבר פון די באַרימטע אַלטע גריכישע פּאָעמען „איליאַדע" און „אָדיסעע", דער גאונישער בלינדער האָמער.

ערשט נאָך אים, בעת די גריכישע קולטור האָט דערגרייכט צו גאָר אַ הויכער מדרגה, זיינען אויפגעשטאַנען אַזוינע גאונישע דיכטער, ווי סאָפאָקלעס, אויריפּידעס, אייסכילאָס און אַנדערע, וועלכע האָבן געשאַפן אייגענע מייסטערווערק, וואָס האָבן זייערע נעמען אומשטערבלעך געמאַכט פאַר די קומענדיקע דורות.

אויך די דאָזיקע גאונים האָבן געשעפּט זייער יניקה פון דער סביבה; אויך זיי זיינען געווען אונטער דער שטענדיקער השפּעה פון דעם לעבנס־שטייגער, וועלט־אָנשויאונג און אידעאַלן פון זייער פאָלק. נאָר דאָס אַלץ האָבן זיי אין די טיפן פון זייער נשמה אומגעשמאָלצן, נייע פּאָעטישע געשטאַלטן געשאַפן, באַגאָסן און באַשטראַלט מיט זייער רוח הקודש. די דראַמען פון אַ סאָפאָקלעס אָדער אויריפּידעס זיינען געווען געהייליקט פונם גאַנצן גריכישן פאָלק. אויפפירן אויף דער בימה זייערע אַ דראַמע, אין וועלכער עס ווערט מיט אַזאַ גאונישער פּשטות אַנטפּלעקט די טיפע טראַגיק פונם לעבן, איז געווען ביי די גריכן גערעכנט פאַר אַ גאָטס־באָרכטיקע זאַך; עס איז ממש געגליכן געווען צו אַ גאָטעסדינסט, צו אַ שבח און לויבגעזאַנג די שטאַרקע און גרויסע געטער, וואָס רעגירן די וועלט. דאָס פאָלק האָט אָבער דערביי זייער גוט געדענקט, אַז דאָס באַטרעפנדיקע מייסטער־ווערק האָט באַשאַפן ניט דער קיבוץ, נאָר דער יחיד, דער פון גאָט אָדער פון די מוזן *), ווי עס האָט דעמאָלט געהייסן, געבענטשטער דיכטער.

אַזוי איז אויך געווען אין אַלע אַנדערע צווייגן פון פּאָעזיע און ליטעראַטור. די פּרימיטיווע קדמונישע ליריק, אין וועלכער דער גאַנצער קיבוץ האָט אויסגעגאָסן זיינע האַרציקע געפילן פון פרייד און פון צער, איז מגולגל געוואָרן אין השתּפכות הנפש פון דעם יחיד, פונם הויך־באַגאַבטן, איידל און טיף פילנדיקן דיכטער. און די באַרימטע לירישע

*) געטינס, וואָס אונטער זייער שליטה געפינען זיך אַלע קונסטן, ווי דיכטונג, מוזיק, טענץ א. אַ. וו.

דיכטערין, וואָס האָט געלעבט אין גריכנלאַנד אין ישעיה הנביאס צייטן, סאַפאָ, שטרייכט דייטלעך אונטער אין איינעם פון אירע לידער: „די מוזן האָבן מיך מיט אומשטערבלעכקייט געקרוינט. מיין נאָמען און מיין געדעכעניש וועט בלייבן פאַר אַלע דורות!“ — דאָ ווערט שאַרף און בולט אויסגעדריקט דאָס פּערזענלעכע געפיל פונם דיכטער: אים, דעם יחיד, האָבן די מוזן באַרימט געמאַכט; די לידער, וואָס ער האָט געשאַפן, זיינען זיין אייגנטום, זיינע אוצרות, וואָס געהערן נאָר אים און ווייטער קיינעם ניט.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז אין דער התחלה, אויף די ערשטע שטאַפּלען פון קולטור, זיינען די זכרונות וועגן עבר, די אַגדות וועגן דעם לעבן און די מעשים פון די אָבות געווען דער גאַנצער תוכן, דער הויפט־יסוד פון פאָלקס־פּאָעזיע, איר גייסט און נשמה. וואָס מער אָבער דאָס קולטור־לעבן איז געשטיגן, האָט זיך בהדרגה אַנטוויקלט אַ נייער צווייג אין דער ליטעראַטור — היסטאָריאָגראַפיע (געשיכטס־שרייבונג). אין גריכנלאַנד, למשל, זיינען אויפגעשטאַנען באַדייטנדיקע געלערנטע ווי טוקידידעס, הערואָדאָט און אַנדערע, וואָס האָבן פאַר די קומענדיקע דורות געזאַמלט אַלע זכרונות וועגן אַמאָליקע דורות און אויך פאַרשריבן אַלע וויכטיקע געשעענישן פון זייער צייט, וואָס זיי האָבן געזען מיט זייערע אייגענע אויגן.

אָט אַזוי ביסלעכווייז, טריט ביי טריט, ווערט דאָס פּרימיטיווע און אַנאָנימע פאָלקס־שאַפן מגולגל אין נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. פון פּשוטע פאָלקסלידער און לעגענדן, וואָס ווערן געשאַפן פונם גאַנצן קיבוץ, אַנטוויקלען זיך אין משך פון דורות גאַנצע צווייגן פון שיינער קונסט און ליטעראַטור. דער קאָלעקטיוו, דער קיבוץ, דער איינציקער באַשעפער פון גייסטיקע אוצרות אין די קדמונישע צייטן, בייגט זיך פאַר דער שטאַלצער פּערזענלעכקייט פונם גאונישן יחיד, וואָס דערהייבט זיך איבער דער מאַסע, שטייט העכער פונם כּלל. ער, דער יחיד, ווערט דער באַשעפער פון די נאַציאָנאַלע אוצרות, ער לייגט אויף זיי זיין שטעמפּל, באַהעפט זיי מיט זיין גייסט און מיט זיין נאָמען... נאַטירלעך פאַרדרענגט ניט אינגאַנצן די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור דאָס קאָלעקטיווע פאָלקס־שאַפן. אין דער צייט, ווען די יחידים, די הויכבאַגאַבטע דיכטער און שריפטשטעלער, בויען, שאַפן, שפּינט אויך דער כּלל, דאָס פּשוטע פאָלק, זיינע חלומות און זיינע לעגענדן. דאָס דאָזיקע פאָלקס־שאַפן האָט, בלי־ספק, אַ גאַנץ באַדייטנדיקע השפּעה אויף דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. די דיכטער שעפּן זייער אָפט פון איר יניקה. עס האָט אָבער שוין אַליין פאַר זיך באַזונדער ניט קיין פעסטן קיום. עס לעבט דאָך

נאָר אין דעם מויל און אין דעם זכרון פונם פאָלק. איין דור גיט איבער בעל פה דעם אַנדערן, פיל גייט אָבער דערביי פאַרלאָרן, פיל ווערט פאַרגעסן אָדער איבערגעאַרבעט, פיל שטייט מיט דער צייט אויף תחית=המתים, אָבער שוין גאָר אין אַן אַנדער געשטאַלט און פאָרם.

בעת מיר וועלן איצט זיך ווענדן צו אונזערע אייגענע נאַציאָנאַלע אוצרות און פּרוּוון באַטראַכטן די אַנטוויקלונג פון אונזער יידישער ליטעראַטור, וועלן מיר באַלד דערזען, אַז אויך אין דעם פּרט זיינען מיר משונה פון אַנדערע אומות העולם. די געשיכטע פון דער אַלטער העברעישער ליטעראַטור באַקענט אונז מיט אַ דערשיינונג, וואָס חזרט זיך ניט איבער ביי קיין שום אַנדער אומה ולשון. אמת, אויך די קולטור=געשיכטע פונם יידישן פאָלק דערציילט אונז, ווי אַזוי דער פּשוטער פאָלקס=זינגער פון קדמונישע דורות ווערט מיט דער צייט מגולגל אין דעם קונסט=דיכטער, דעם מייסטער און באַשעפער. אויך די אַלטע יידישע קולטור האָט אויפגעצויגן געשיכטס=שרייבער, דענקער, שריפטשטעלער מיט גרויסע פעיִקייטן און טאַלענטן, אָבער — אַלץ בלייבט ווי פריער, די ליטעראַטור בלייבט נאָך אויף לאַנגע=לאַנגע דורות אַנאָנים. דער קיבוץ בייגט זיך ניט פאַרן יחיד, אדרבא: דער יחיד, דער פון גאָט באַגנאַדיקטער קינסטלער, איז נכנע פאַרן כלל. ער ווערט ממש בטל אין אים. אַלץ, וואָס ער, דער יחיד, שאַפט, אַלץ, וועגן וואָס ער חלומט און האָפט און ס׳לעכצט זיין נשמה, — געהערט אויסשליסלעך דעם כלל, דער אומה. פעסט צונויפגעבונדן בלייבט דאָס פאָלקס=שאַפן מיט דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. אַלע גייסטיקע אוצרות, וואָס ווערן געשאַפן און געזאַמלט אין פאָלק, געהערן דעם גאַנצן קיבוץ, זיי טראָגן נאָר זיין נאָמען, זיי ווייסן בלויז נאָר פון איין באַשעפער — דאָס איז דאָס גאַנצע פאָלק, די כנסת ישראל.

אין אַ סך ערטער פון דער ביבל, בפרט אין חומש, זיינען נאָך דייטלעך באַמערקבאַר רעשטן פון קדמונישן סינקרעטיזם. מרים הנביאה, למשל, דאַנקט און לויבט גאָט פאַר זיין גרויסער הילף מיט געזאַנג, טענץ און שפּיל צוזאַמען. אָבער טאַקע דערביי געפינט זיך אין דער תורה אויך אַ גרויסער עפּאָס, וואָס נעמט אַרום גאַנץ ספר בראשית און די ערשטע קאַפּיטלעך פון שמות ביז יציאת מצרים. אַזוי קונציק אַרומשלייפן אַלטע לעגענדעס און אגדות, וואָס האָבן געלעבט אין זכרון פונם פאָלק, זיי האַרמאָניש צונויפשמעלצן און אויפבויען אַזאַ אויסטערליש=שיין עפּיש ווערק — דאָס איז אינשטאַנד צו טאָן נאָר אַן אמתער

דיכטער פון גרויסער פּאָעטישער קראַפט. מיר ווייסן אָבער ניט דעם נאָמען פון אונזער יידישן האָמער — אים האָט איינגעשלונגען דער כּלל, דער קיבוץ; און דאָס גאוניש מייסטערווערק געהערט ניט דעם יחיד, נאָר דער גאַנצער אומה און ווייטער קיינעם ניט.

אַזוי זיינען אונז אויך אומבאַקאַנט געבליבן די נעמען פון אונזערע טוקידידעסן און העראָדאָטן, „די טאַלענטפולע מחברים פון אונזערע אַלטע היסטאָרישע ספרים: שופטים, שמואל, מלכים. אַזא צניעות־שיינע ביבלישע אידיליע ווי ספר „רות" האָט געקאָנט באַשאַפן נאָר אַן אמתער קינסטלער, וואָס ווייס דעם כּישופדיקן „סוד הצמצום" און פאַרשטייט, ווי אַזוי פּשוטע קורצע ווערטער ווערן מגולגל אין בלענדנדיקע פאַרבן, אין פּלאַסטישע פאָרמען און בילדער. ניט אָבער וועגן זיין כּבוד און רום, ניט וועגן פאַראייביקן זיין נאָמען האָט דער דיכטער געטראַכט, — זיין איינציקער ווונטש איז געווען באַזינגען פאַר די קומענדיקע דורות די עניוותדיקע שיינקייט און דעם תּמימותדיקן חן, וואָס האָבן באַצירט די טאָכטער פון מואָב, רות, וועלכע האָט געהאַט די זכיה צו זיין די שטאַממוטער פון דעם באַליבטסטן און גרעסטן יידישן מלך, דוד בן ישי.

„שיר השירים", דאָס גאוניש „געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען", דאָס אומשטערבלעכע ליד פון ליבע, וואָס איז „שטאַרק ווי דער טויט", האָט באַרימט געמאַכט די שיינע שאַפּוועכטערין שולמית, שלמה המלכס געליבטע, אָבער ניט דעם דיכטער, וואָס האָט דאָס מייסטער־ווערק געשאַפן. דאָס אייגענע זעען מיר אויך ביי דעם וואונדערבאַרן ספר „תּהלים", וואָס איז אַזוי פעסט צונויפגעבונדן מיט די הערצער פון אַלע אומות העולם, מיט דער נשמה פון אַלע געדריקטע און נויטבאַדערפטיקע. אין די רייכע גייסטיקע אוצרות פון אַלע אַלטע קולטור־פעלקער האָבן נישט זייער גלייכן אָט די דאָזיקע וווּנדערבאַרע לידער־תּפילות, אין וועלכע עס האָבן זיך אָנטפּלעקט מיט אַזא האַרציקער מילדקייט און הייליקער פּשטות די צניעות־פאַרבאָרגענע טיפענישן פון דעם מענטשנס נשמה, מיט איר הכנעהדיקער בענקשאַפט נאָך גאָט, דעם באַשעפער פון דער וועלט. און אָט אַפילו אַזא ריין־פּערזענלעכע השתּפכות הנפש פון דעם יחיד, די געהייבענע רעליגיעזע שטימונג פון אַ גאָטספאַרכטיקן מענטשן בעת ער גיסט־אויס זיין האַרץ אין אַ כּשרער תּפילה צו גאָט דעם אַלמעכטיקן, אויך זי טראָגט ניט דעם נאָמען פון דעם, וואָס האָט זי מיט ציטערדיקע ליפּן אויף דער וועלט געבראַכט. דער תּהלים־דיכטער מיט זיין רייכער און פילפאַרביקער וועלט פון געפילן און פאַרלאַנגען ווערט פּשוט איינגעשלונגען פונם קיבוץ; זיינע פּערזענלעכע טיפע איבערלעבונגען, דער זיסער שמאַרץ פון זיין פּאָעטישער נשמה, וואָס

חלומט און בענקט נאך גאטס שיינקייט און דערהייבענער פראכט, ווערט צונויפגעגאסן מיט דער תפילה פון דער גאנצער אומה, פון כלל ישראל. די אינטימסטע ליריק פון דעם יחיד ווערט געשטעמפלט מיט דער חתימה פון דעם קיבוץ; די וואונדערשיינע, נאך בשמים־ און ווייןרויך־שמעקע־דיקע תהלים־תפילות ווערן צונויפגעבונדן מיט דעם נאמען פונם נאציאָנאלן העלד, דעם ליבלינג פונם פאלק, דוד בן ישי, דעם שטאמפאטער פון דעם ליכטיקן גואל, דעם געטלעכן משיח. אים, דעם גרויסן מלך, דעם שטאלץ און האפענונג פון דער אומה, האט דאס פאלק אויף אלע דורות געקרוינט מיט דעם אומשטערבלעכן נאמען „נעים זמירות ישראל״.

צווישן די פיר־און־צוואנציק כתבי הקודש געפינען זיך צוויי טיפע פּאָעטיש-פילאזאפישע ווערק — „איוב״ און „קוהלת״. די וואס האבן געשאפן די דאזיקע מייסטער־ווערק זיינען געשטאנען פיל העכער פון זייער סביבה; זיי, מיט זייער שארפן פילאזאפישן אויג און פּאָעטישער נשמה, האבן געשטעלט אזוינע פּראָבלעמען, אנטפלעקט אזוינע סתירות, וואס זיינען געבליבן פארהוילן און פארבאָרגן פאר רוב פון זייער דור און אויך פון די קומענדיקע דורות. און אפילו זיי, אט די גאונישע יחידים, די טיפע דענקער און דיכטער, איז גאר אויף דער מחשבה ניט געקומען, אז די דאזיקע ווערק, וואס זיי האבן מיט אזוי פיל שמארץ און ביטערע ספקות פון די טיפענישן פון זייער צעווייטיקטער נשמה אויף דער וועלט געבראכט, זיינען זייער אייגנטום, זייער רייכער אוצר, וואס דארף טראגן זייער נאמען. אויך די דאזיקע צוויי ספרים געהערן ניט דעם יחיד, נאר דער גאנצער אומה, און זי האט מיט זיי, מיט די טייערע פערל פון דער נאציאנאלער ליטעראטור, געקרוינט אירע געליבטע העלדן: דעם גרעסטן נביא און דעם קליגסטן מלך — משה רבנו און שלמה בן דוד.

אמת, אונזער ביבל האט אויך ספרים, וואס טראגן יא די נעמען פון זייערע באשעפער; דאס זיינען די נעמען פון אונזערע גרויסע נביאים; אבער ניט ווי פארפאסער, ווי באשעפער פון פאעטישע אוצרות זיינען זייערע נעמען פארשריבן אין זכרון פונם פאלק, נייערט ווי געטלעכע אויסדערוויילטע, ווי טרעגער פון גאטס וואָרט און געטרייע שלוחים פון גאטס שטראף. מיט יראת־הכבוד און הכנעהדיקער התבטלות האבן די קומענדיקע דורות די פייערדיקע שטראף־רייד פון גאטס שלוחים אויף די לוחות פארשריבן. אבער אויך דא האט מען זיך זייער ווייניק מיטן פארפאסער גופא און מיט זיין נאמען אינטערעסירט; זייער אפט האט מען אונטער איין נאמען צונויפגעזאמלט אין איין ספר

נבואות־רייד און שטראָף־דרשות פון פאַרשיידענע נביאים, וואָס זיינען אָפּגעטיילט איינער פון דעם אַנדערן מיט גאַנצע דורות.

אַט די אומבאַגרענעצטע שליטה פונם קיבוץ איבער דעם יחיד און זיין שאַפן, די צונויפגעשמאָלצנקייט פונם פאָלקס־שאַפן מיט דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור ציט זיך אינם משך פון דער גאַנצער ביבלישער תקופה און אויך פיל דורות נאָך איר. עזרא, נחמיה און זייערע נאָכ־פאָלגער האָבן פעסט געלייגט דעם גרונד־געדאַנק פונם שפּעטערדיקן יידנטום: „גאָט, די תורה און דאָס פאָלק ישראל זיינען איינס". דאָס פאָלק האָט געשעצט און באַהאַלטן פאַר די קומענדיקע דורות נאָר דאָס, וואָס ס'איז געווען מסוגל דעם דאָזיקן הייליקן דרייבונד צו שטאַרקן, אַלץ, וואָס ס'איז ענג פאַרבונדן מיטן כלל ישראל; אָבער דאָס, וואָס ס'האָט געהערט דעם יחיד, מעג זיין אפילו דעם גאוניש יחיד, — דאָס האָט דאָס פאָלק רוּיק און שטרענג אויסגעמעקט פונם ספר החיים, אויס־געלאָשן אין זיין זכרון און געלאָזט גיין לטמיון. דער ספר „משלי", למשל, וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט די חכמה און פּקחות פונם קיבוץ, איז געוואָרן געהייליקט און אויפגעזאַמלט אין דעם גרעסטן נאַציאָנאַלן אוצר — אין די כתבי הקודש, אָבער „משלי בן סירא", ווייל זיי זיינען פאַרבונדן מיטן נאָמען פון אַ יחיד, — איז אויף זיי אַרויס דער גְזַר, אַז זיי זיינען „אָסור במִקרא"; אויסגעשלאָסן האָט מען זיי פונם נאַציאָנאַלן אוצר, מיט דער צייט זיינען זיי אינגאַנצן פאַרלאָרן געגאַנגען, און ערשט ניט לאַנג האָט אַ יידישער געלערטער פון 19טן יאָרהונדערט געהאַט די זכיה צופעליק אין האַלב־פאַרפוילטע גניזה־בלעטער דעם אַלטן פאַרלאָרן־גע־גאַנגענעם העברעיִשן בן־סירא־טעקסט צו אַנטדעקן און אים אויפסניי פאַר דער וועלט צו אַנטפּלעקן.

טאַקע אין בן־סיראס צייטן איז פאָרגעקומען אַ זייער אינטערעסאַנטע דערשיינונג פון גרויסער קולטור־היסטאָרישער וויכטיקייט: אין צפון־אַפריקע, אין אַלכסנדריא של מצרים, האָבן זיך צוויי פאַרשיידענע וועלטן באַגעגנט, די צוויי ווינטיקסטע קולטורן פון יענער צייט — די יידישע און די גריכישע. דער יידישער גייסט האָט דאָרטן אָנגענומען אמת־גריכישע פאָרמען, די שליטה פונם קיבוץ איבער דעם יידישן יחיד איז דאָרטן, אין פרעמדן אַלכסנדריא, אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דאָרטן האָבן זיך אויך אין יידישן קיבוץ אויף ריין־גריכישן שטייגער באַוויזן געלערנטע און דיכטער, ווי פ י ל ו ן, א ר י ס ט ע א ו ס, י ח ז ק א ל און אַנדערע, וואָס האָבן געשאַפן פאַר זיך, אויף אייגענעם חשבון, און ווערק געשריבן אונטער זייער אייגענעם נאָמען. די דאָזיקע ווערק האָבן אָבער ניט קיין שייכות ניט צום יידישן פאָלקס־שאַפן, ניט צו דער יידישער נאַציאָנאַלער

ליטעראַטור. גריכישע ווערק זיינען זיי, פון ריין גריכישן גוסח, נאָר אין געוויסער מאָס אָנגעשמעקט מיט נאַציאָנאַל-יידישן גייסט.

אין יענער תקופה איז אָבער אויך אין דעם יידישן פאָלק גופא, אין דעם גרויסן יידישן קיבוץ אין ארץ-ישראל, אַ געוואַלטיקער שינוי פאָרגעקומען, וואָס האָט געהאַט די גרעסטע באַדייטונג פאַר דעם ווייטערדיקן קולטורעל-נאַציאָנאַלן לעבן: דאָס פאָלק האָט זיין לשון אָנגעוואָרן... אין די צייטן פון ישעיה הנביא און חזקיהו המלך איז דאָס אַרַמיש לשון, די דעמאָלטיקע אומגאַנגס-שפּראַך פון גאַנץ פאָדער-אַזיע, זייער ווייניק פאַרשפּרייט געווען אין יידישן פאָלק *). נאָר די רייכע און רעגירנדיקע שיכטן, די רוזנים, שועים און שרים, האָבן די דאָזיקע שפּראַך פאַרשטאַנען; דאָס פשוטע פאָלק אָבער, די ברייטע שיכטן, האָבן פאַרשטאַנען נאָר זייער אומגאַנגס-שפּראַך — העברעיִש. אין דער צייט אָבער פון די בעלי-המשנה איז שוין דער אַרַמישער דיאַלעקט, צונויפגעמישט מיט אַ געוויסער צאָל העברעיִשע און אויך גריכישע און לאַטיינישע ווערטער, געווען די אומגאַנגס-שפּראַך פון דעם יידישן קיבוץ, און די בעלי המשנה האָבן אים שוין גערופן „לשון הדיוט״ — די שפּראַך פונם פשוטן עולם, פון דער ברייטער מאַסע. אויף דעם דיאַלעקט האָט מען דעם פשוטן פאָלק אין בתי מדרשים און אויף פאַרזאַמלונגען די הייליקע תורה דערקלערט (מתרגם געווען); ער איז געווען די אונטערריכט-שפּראַך אין יידישע פאָלקס-שולן, ער איז געוואָרן דער גרויסער קולטור-פאַקטאָר, דער גייסטיקער וועכטער, וואָס וועקט אין די ברייטע מאַסן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל און פאַרשטאַרקט דעם פאַראייניקונגס-בונד צווישן פאָלק, גאָט און דער הייליקער תורה. דער אַרַמישער דיאַלעקט, די אומגאַנגס-שפּראַך און שאַפונגס-שפּראַך פון די ברייטע פאָלקס-שיכטן, פלעכט זיך צונויף מיט דער נאַציאָנאַלער שפּראַך פון דער ביבל, צוויי צווילינג-שוועסטער ווערן זיי פאַר אַלע דורות;ביידע געהייליקט אינם באַוווסטזיין פון פאָלק, ביידע צוזאַמען שפּינען זיי ווייטער דעם גאָלדענעם פאָדעם פון נאַציאָנאַלער קולטור, — אפילו אין די שפּעטערדיקע צייטן, ווען אויך דער אַרַמעיִשער דיאַלעקט איז אָפּגעשטאָרבן אין מויל פונם פאָלק און צוזאַמען מיט העברעיִש אויסשליסלעך אַ שריפט-שפּראַך געוואָרן. אויף ביידע צוזאַמען ווערט בכל תפוצות ישראל די תורה געלייענט (שנים מקרא ואחד תרגום), אויף ביידע צוזאַמען ווערן תפילות באַשאַפן, אויף אַרַמישן דיאַלעקט ווערן געשאַפן און געזאַמלט די גרויסע נאַציאָנאַלע אוצרות, וואָס ווערן פון פאָלק מיט יראת הכבוד געשעצט און

---

*) ישעיהו ל״ו, י״א.

געהייליקט, — ניט נאָר דער „תּלמוד", נאָר אַפילו דער „זוהר" פון מיטל־אַלטער. אַפילו די תּפילה, מיט וועלכער דער לעבעדיקער דור געזעגנט זיך מיט דעם אָפּשטאַרבנדיקן (דער „קדיש"), איז אויף „תּרגום־לשון", און דער גרעסטער רעליגיעזער פּייטן פון דער נייער צייט, ישראל נַגאַרַא, האָט איניקע זיינע בעסטע פּיוטים אויף אַרַמיש געשריבן.

אין דער השכּלה־צייט פונם 19־טן יאָרהונדערט פלעגן אונזערע משׂכּילים שטענדיק אונטערשטרייכן, ווי שלעכט דער „תּלמוד" איז בשעתו רעדאַקטירט געוואָרן. עס זיינען — פלעגן זיי טַענהן — אָן אַ שום סדר צונויפגעמישט טיפע שׂכלדיקע זאַכן, דינים און הייליקער מוסר, צוזאַמען מיט נאַרישע מעשׂיות, מיט ווילד־משונהדיקע גוזמאות און קינדערשן אָבער־גלויבן. נאָר דווקא דאָס, וואָס דער משׂכּיל מיט זיין שׂכל הישר האָט געהאַלטן פאַר אַזאַ הארבן חסרון, איז אין די אויגן פון אַ קולטור־היס־טאָריקער די גרעסטע מעלה. ווייל דער תּלמוד איז דער פּועל־יוצא, דער סכום פון דורות־לאַנגן קאָלעקטיוון שאַפן, ווייל דעם דאָזיקן ריזיקן בנין האָט געבויט דער גאַנצער קיבוץ, גאַנץ כּלל ישׂראל, — מוזן און דאַרפן אין אים זיין צונויפגעזאַמלט אַלע צווייגן, אַלע פאַרשיידענע אַרטן פון פאָלקס־שאַפן: רעליגיעזע געזעצן און משפּטים, פילאָזאָפישע געדאַנקען און חקירישע ספקות, צוזאַמען מיט פאָלקס־מעשׂהלעך, אגדות, כּישוף־שפּרוכן, גלייכווערטלעך, לֵצָנות, טאַנץ־לידלעך וכדומה. אויך דער תּלמוד איז זיין עצם נאָך — אַן אַנאָנים ווערק; זיין פאַרפאַסער און באַשעפער איז דאָס גאַנצע פאָלק ישׂראל פונם גרעסטן תּלמיד־חכם און געלערטן ביזן לעצטן עם־הארץ און פאַרגרעבטן ערדאַרבעטער. דאָס דאָזיקע גרויסע זאַמלווערק איז אַ ריזיקער מאָנומענט הן פון פאָלקסשאַפן און פּשוטן פאָלקלאָר, הן פון נאַציאָנאַלער ליטעראַטור; דאָס ריין־פאָלקסטימלעכע און קינסטלעריש־נאַציאָנאַלע, דאָס אינטים־פּערזענלעכע און שטרענג קהלישע, דער יחיד און דער קיבוץ — אַלץ איז ברידערלעך צונויפגע־בונדן צוזאַמען, אין איין קנויל פאַרוויקלט און צונויפגעפלאָכטן.

אַזוי זיינען אויך די אַלטע מדרשים, די אייגנאַרטיקע זאַמלביכער פון דרשות און גאָטספאָרכטיקן מוסר, וואו די פּקחות און געניטקייט פונם חריף דעם בעל־דרשן זיינען צונויפגעבונדן מיט דער האַרציק־נאַיווער פּשטות פון פאָלקסטימלעכע מעשׂיות און לעגענדן. אויך זיי, די מדרשים, האָבן פאַקטיש ניט קיין באַשטימטן באַשעפער. דאָס פאָלק, דער קיבוץ האָט פאַר זיי בווישטיינער געלייגט, דער יחיד, דער בעל־דרשן — פון זיי אַ בנין געמאַכט. אינטים־שיינע אגדות, פון וועלכע דאָס פאָלק האָט ליבקרענץ פאַר זיינע געליבטע העלדן געפלאָכטן,

האט דער למדן, דער בעל־דרשן, אויף זיין שטייגער מסביר געווען, זיי אין א מאנטל פון פלפול איינגעהילט און מיט פסוקים פון תנ״ך באפוצט.

נאכן סיום התלמוד איז דער „יידישער קיבוץ״ עפעס ווי גייסטיק איינגעדרעמלט געווארן. א צייטווייליקער שטילשטאנד האט זיך געפילט אין זיין קולטורעלן שאפן. פון דעם דאזיקן דרעמל האט דעם יידישן גייסט פלוצלינג אויפגעוועקט א גרויסע וועלט־היסטארישע געשעעניש, וואס האט געהאט א געוואלטיקע ווירקונג אויף דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דער גאנצער יידישער קולטור. די דאזיקע נייע תקופה איז ענג פארבונדן מיט דער נייער אמונה, דעם איסלאם, וואס מחמד האט געגרינדעט, און די אראבישע שבטים האבן זי מיט דער שארף פון שווערד איבער דער וועלט פארשפרייט. שפעטער, אין גוף הספר, וועלן מיר האבן די געלעגנהייט מער בהרחבה צו באטראכטן די גרויסע איבערקערעניש, וואס די יונגע איסלאמישע קולטור האט ארויסגערופן אינם גייסטיקן לעבן פונם יידישן קיבוץ בכלל און אין זיין ליטעראטור בפרט. דערווייל וועלן מיר אנמערקן נאר צוויי, אמת, זייער וויכטיקע פרטים. קודם־כל האט דער רוב פונם יידישן קיבוץ נאך א מאל זיין לשון אנגעווארן. דער רוב מנין ורוב בנין פון דעם יידישן ישוב האט גראד געוווינט אין די לענדער, אויף וועלכע די אראבער האבן זייער ממשלה פארשפרייט, און אין משך פון א בערך קורצער צייט האט דער גרויסער יידישער קיבוץ פארביטן זיין אומגאנגס־שפראך, דעם ארמישן דיאלעקט, אויף דער שפראך פון דער נייער געוואלטיקער וועלט־מלוכה — אויף אראביש.

די נייע אומגאנגס־שפראך פונם יידישן קיבוץ האט אבער, ווי מיר וועלן שפעטער זען, ניט געקאנט פארנעמען דעם בכבודיקן פלאץ אין דער נאציאנאל־יידישער קולטור, ווי בשעתו דער ארמישער דיאלעקט; ניט די צווילינג־שוועסטער פון דער ביבל־שפראך איז זי געווארן, נאר איר שטאלצע קעגנערין. די אראבישע שפראך איז געווארן אויף לאנגע דורות פארן חשובסטן טייל פונם יידישן פאלק דער וויכטיקסטער פאקטאר פון אלמענטשלעכער קולטור, אבער ניט פון נאציאנאלן שאפן, דאס האט ארויסגערופן א גאנץ נייע תקופה אין דער אנטוויקלונג פון דער יידישער נאציאנאלער ליטעראטור: דער יחיד האט גובר געווען דעם קיבוץ, די ליטעראטור פונם יידישן פאלק האט אויפגעהערט צו זיין אנאנים, אן אייגענע נעמען, האט אויפגעהערט צו טראגן דעם אויסשליסלעכן שטעמפל פונם כלל. ניט דער קיבוץ, נאר דער יחיד, דער דיכטער, דער דענקער, דער פארשער, וואס שטייט איבער דעם קיבוץ,

שאַפט אויף זיין אייגענעם חשבון, זאַמלט אונטער זיין אייגענעם נאָמען נאַציאָנאַלע אוצרות. דאָס אייגנאַרטיקע, ספּעציפישע, מיט וואָס די אַלטע העברעיִש-אַרַמישע ליטעראַטור האָט זיך אַזוי שאַרף אונטערשיידט פון אירע אַנדערע שוועסטערס, איז בטל געוואָרן. פון דער אַראַבישער תקופה אָן איז שוין אויך ביי יידן די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור אָפּגעזונדערט פונם פאָלקסטימלעכן, פון דעם קאָלעקטיוון פאָלקסשאַפן, אָבער מיט זייער אַ וויכטיקן אונטערשייד: ביי דעם רוב אומות העולם אַנטוויקלען זיך ביידע צווייגן פון קולטורעלן שאַפן אויף איינער און דער זעלביקער פאָלקס-שפּראַך, ביי יידן אָבער — אויף פאַרשיידענע שפּראַכן. די דאָזיקע צוויי גאָלדענע קולטור-פעדים זיינען שוין מער ניט צונויפגעפלאָכטן אין איין קנויל, נאָר זיי ווערן געשפּונען באַזונדער פאַר זיך. די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור ווערט געשאַפן פון יחידים, וואָס שטייען איבער דעם פאָלק, און דאָס פאָלק גופא, די שיכטן פון די ברייטע מאַסן, שאַפן באַזונדער פאַר זיך; פון מויל צו מויל גייט איבער איין דור דעם אַנדערן גאַנצע אוצרות פון אַגדות, מעשיות, לידער און משלים, נאָר אַלץ בעל-פּה. ניט אין ספר ווערט דאָס אַלץ פאַרצייכנט, נאָר אין נאַציאָנאַלן אוצר ווערן זיי געזאַמלט; זיי בלייבן בלויז אין זכרון פונם לעבעדיקן דור; אַ סך גייט דערביי לאיבוד, פיל באַקומט מיט דער צייט אַן אַנדער צורה, שטייט אויס אַ סך גלגולים. אַ טייל באַקומט אויך אַ תיקון: עס ווערט אויסגענוצט פון די אויבערשטע יחידים, די באַשעפער פון די נאַציאָנאַלע אוצרות.

צו דער זעלביקער צייט איז, טאַקע אונטער דער השפּעה פון דער אַראַבישער קולטור, אין דער קולטור-געשיכטע פון יידישן פאָלק פאָרגעקומען נאָך אַ שינוי פון גרעסטער וויכטיקייט: די נַצחָנישע אַראַבער האָבן מיט דער הילף פון זייער שווערד פאַרשפּרייט די גרינע פאָן פון זייער נביא מהמד פון פאָדער-אַזיע קיין צפון-אַפריקע; פון דאָרטן האָבן זיי זיך מיט זייערע העלדישע חיילות קיין דרום-אייראָפּע געלאָזט, און אין שפּאַניע אַ שטאַרקע מלוכה געגרינדעט. דאָרט, אויף דעם פירענעיִשן האַלב-אינזל, האָט די אַראַבישע קולטור איר העכסטע מדרגה דערגרייכט און אונטער די ליכטיקע וואַרעמע שטראַלן פון דער דאָזיקער קולטור האָט אויך דער יידישער קולטורעלער קיבוץ אויפגעבליט, וואָס איז באַלד געוואָרן דער גייסטיקער צענטער פונם גאַנצן גלות-פאָלק.

אין דער יידישער קולטור-געשיכטע ווערט אַ נייַ בלאַט אויפגעמישט: דער יידישער קיבוץ פון פאָדער-אַזיע הערט אויף צו זיין דער צענטער פון דער גייסטיקער העגעמאָניע, דער הויפּט-קוואַל פון יידישער

קולטור; זיין אָרט פאַרנעמט דער איראָפּעיִשער צענטער. די אזיאַטישע תקופה פון יידישער קולטור־געשיכטע באַקומט איר סיום. עס הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה, די איראָפּעיִשע. באַטראַכטן די דאָזיקע איראָפּעיִשע תקופה אין דער געשיכטע פון יידישער קולטור בכלל און ליטעראַטור בפרט, די תקופה, וואָס ציט זיך שוין בערך טויזנט יאָר — אָט דאָס איז די אויפגאַבע פון אונזער ווערק, וואָס מיר לייגן דאָ פאָר דעם יידישן לעזער.

ערשטער קאַפּיטל

פון אִבן־שַפּרוט ביז אִבן־גבירול.

די השפּעה פון דער אַראַבּישער קולטור. — דער מדרש און די אַגדה אַלס מקור פאַר רעליגיעזער פּאָעזיע. — ינאַי און הַקַלִיר. — חסדאי אִבן־שַפּרוט אַלס מעצענאַט און קולטור־טרעגער. — מְנחם בן סרוק און זיין „מחברת". — דונַש בן לַבּרַט און זיין פּאָלעמיק. — דונַש און די אַראַבּישע מעטריק. — מנחמס בריוו צו שַפּרוטן. — דער ויכּוח צווישן מנחמס און דונַשס תלמידים. — חַיוג און גאַנאַח און זייער פילאָלאָגישע עסיקיים. — יוסף אִבן אָבִיתָר אַלס ליטורגישער דיכטער. — שמואל הנגיד אַלס תלמודיסט און געלערטער. — הנגיד אַלס באַשעפער פון ניי־העברעיִשער וועלטלעכער פּאָעזיע.

איידער די אַראַבער האָבן זיך באַזעצט אויפן פּירענעיִשן האַלבּ־אינזל, האָבן זיך די דאָרטיקע יידן געפונען אין אַ שרעקלעך נידעריקן מצב. די פאַנאַטישע וועסטגאָטן, וואָס האָבן דעמאָלט געוועלטיקט אין שפּאַניע, האָבן שטאַרק גערודפט די יידן און געהאַלטן זיי אין קנעכט־שאַפט [1]. ביי אַזעלכע שווערע אומשטענדן זיינען די שפּאַנישע יידן אויך גייסטיק געווען זייער אָפּגעשטאַנען, געהאַט גאַנץ קנאַפּע ידיעות אַפילו אין יידישע לימודים. אין אַלץ, וואָס ס׳איז נוגע געווען צו רעלי־גיעזע אָנגעלעגנהייטן, פלעגן זיי זיך ווענדן צום וויכטיקסטן קוואַל פון נאַציאָנאַלן יידישן וויסן — צום יידישן קיבוץ אין בבל, מיט זיינע באַרימטע ישיבות, מיט די רֵיש־גלותאס און גרויסע גאונים בראש. די אַראַבער, וואָס האָבן אין 8טן יאָרהונדערט (לויט דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג) געבראָכן די ממשלה פון די וועסטגאָטן אין שפּאַניע, האָבן אויף דער שאַרף פון זייער שווערד געבראַכט די אמתע גאולה פאַר די

---

1 מיט באַזונדערער גרויזאַמקייט האָט גערודפט די שפּאַנישע יידן איינער פון די לעצטע וועסטגאָטישע קיניגן, עֶ ג י ק אַ. ער האָט די שפּאַנישע יידן חושד געווען, אַז זיי פירן אונטערהאַנדלונגען מיט זייערע ברידער פון צפון־אַפריקע, וואו ס׳האָבן שוין געוועלטיקט די אַראַבער. און עס איז דערפאַר אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל (694), אַז אַלע יידן ווערן איבערגעגעבן אַלס קנעכט דעם אַדל פונם לאַנד, וואָס מעג טאָן מיט זיי וואָס ער וויל, נאָר ניט פריילאָזן זיי.

דאַרטיקע יידן. די אַראַבער האָבן ניט נאָר אויסגעלייזט די יידן מֵעַבדות לְחֵרות, נאָר אויך זיי משפיע געווען ליכט און וויסן. אין משך פון עטלעכע דורות זיינען די, פריער גייסטיק אַזוי אָפּגעשטאַנענע, שפּאַנישע יידן געוואָרן די וויכטיקסטע טרעגער פון אַלמענטשלעכער און יידישער קולטור, און דאָס האָבן זיי הויפּטזעכלעך געהאַט צו פאַרדאַנקען זייערע באַפרייער און מורי־דרך, די אַראַבער. יענע זיינען געווען געבענטשט מיט אַ מעלה, וועלכע ס׳איז ניט געווען צו געפינען אין יענער צייט ביי קיין שום פאָלק פון דער קריסטלעכער אייראָפּע. דאָס גייסטיקע לעבן איז ביי די אַראַבער געווען האַרמאָניש גאַנץ, זייער קולטור איז געווען איינהייטלעך, מְעוֹר אחד. זיי האָבן כלל ניט געוווּסט פון דער צעשפּאָלטנ־קייט, אונטער וועלכער עס האָט אַזוי געליטן די קריסטלעך־אייראָפּעיִשע קולטור אין מיטלאַלטער. די קריסטלעכע פעלקער פון אייראָפּע האָבן דאָך באַקומען זייער אמונה, די איינציקע קולטור־טרעגערין פון יענער פאַרחושכטער צייט, פון דער פרעמד. די איינציקע קולטור־שפּראַך פון דער מיטלאַלטערלעכער אייראָפּע איז אויך געווען אַ פרעמדע — דאָס אָפּגעשטאָרבענע לאַטיין. די לשונות און דיאַלעקטן, אויף וועלכע ס׳האָבן דעמאָלט גערעדט די אייראָפּעיִשע פעלקער, האָבן געשפּילט די ראָלע נאָר פון אומגאַנג־שפּראַכן, און מ׳האָט זיי כלל ניט באַנוצט צו קולטור־צוועקן. ביי אַזוינע אומשטענדן האָבן זיי ניט געהאַט די מיגלעכקייט זיך נאָרמאַל צו אַנטוויקלען, צו דערגרייכן צו אַ מדרגה פון קולטור־שפּראַכן. די אמונה און וויסנשאַפט אין זייער פרעמדער לאַטיינישער הלבשה זיינען ווי מיט אַ פעסטער מויער אָפּגעזונדערט געווען פונם פאָלק און זיין לשון. ביי אַזאַ מין מחיצה קאָן בעצם גאָר קיין רייד ניט זיין ניט מכּוח נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון רעליגיע און וויסנשאַפט, ניט וועגן אמתער נאַציאָנאַלער קולטור. די אַראַבער אָבער האָבן ניט געוווּסט פון דער דאָזיקער סתירה און צעשפּאָלטנקייט. דער קאָראַן, די הייליקע שריפט פונם איסלאַם, האָט געשפּראָצט אויף אייגענעם אַראַבישן באָדן, איז באַשאַפן געוואָרן אויף דער לעבעדיקער אומגאַנג־שפּראַך פונם פאָלק. די רעליגיעזע התלהבות און דאָס קולטורעלע אויפלעבן פון די אַראַבער אין יענער תקופה, בעת דער איסלאַם האָט זיך פאַר דער וועלט אַנט־פּלעקט, האָבן געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקע השפעה אויף דער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקס־שפּראַך. אַ גאַנצע וועלט מיט נייע מושגים און אידעען האָט זי באַדאַרפט אַרומנעמען. די לעבעדיקע שפּראַך פונם פאָלק, בעת זי איז געוואָרן די הייליקע שפּראַך פונם קאָראַן, איז אויך דערהייבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ בליענדיקער קולטור־שפּראַך פון וויסנשאַפטן און ליטעראַטור.

אַט די רייכע, אַזוי שיין אויפגעלעבטע אַראַבישע קולטור האָט געהאַט אַ השפעה אויך אויף די שכנותדיקע פעלקער, בפרט אויף יידן. די קריסטלעכע שבטים אין שפאַניע האָבן געזען אין די אַראַבער זייערע געפערלעכסטע שונאים, און זיי האָבן ווייניק־וואָס געוואָלט געניסן פון זייערע ניט־געוואונטשענע שכנים, מיט וועלכע זיי האָבן געפירט די פאַר־ביטערטסטע מלחמה; אַנדערש אָבער האָבן זיך די יידן פאַרהאַלטן. פאַר זיי זיינען דאָך די אַראַבער געווען די אמתע באַפרייער און גואלים; די אַראַבישע שפּראַך, וואָס האָט פיל קרובהשאַפט מיט דער העברעיִשער און אַרַמישער, איז שוין צו יענער צייט געווען די אומגאַנג־שפּראַך פונם גרעסטן יידישן קיבוץ. בערך צוויי הונדערט יאָר נאָך דעם אויפטרעטן פון מחמד האָט שוין דער גאַנצער יידישער ישוב פון פאָדער־אַזיע געהאַט פאַרביטן זיין אַלטע אומגאַנג־שפּראַך, דעם אַרַמעיִשן דיאַלעקט, אויף אַראַביש [1]. דאָס אייגענע איז אויך געווען ביי די שפּאַנישע יידן. אונטער דער ממשלה פון די הויכגעבילדעטע אַראַבישע הערשער, די קאַליפן, האָבן זיך שוועסטערלעך פאַרבונדן צוויי קרובישע קולטורן, די יידישע מיט דער אַראַבישער; איינע האָט משפיע געווען אויף דער אַנדערער, און פון דער השפעה האָבן אַרויסגעשפּראָצט די שענסטע קולטור־בלומען. מ׳קאָן דאָ ניט ריידן וועגן אַסימילאַציע, וועגן התבטלות (זעלבסטפאַרניכטונג), נאָר וועגן אָנרעגן, וועגן גייסטיקער השפעה. די אַראַבישע קולטור האָט געווירקט אויף די איינגעדרעמלטע יידישע כוחות, ווי הייוון, וואָס רופן אַרויס די שטאַרקסטע לעבנס־פּראָצעסן, און די שווערע איינגעשלאָפענע שטאָפן ווערן דערביי מגולגל אין ענערגיע און גייסט, וואָס קאָן ניט רוען און שטרעבט אין דער הייך.

די אַראַבישע שפּראַך, די הייליקע שפּראַך פון איסלאַם, איז ניט געוואָרן די נאַציאָנאַלע שפּראַך פונם יידישן קיבוץ [2], אָבער דאָס אויפ־בליען פון דער דאָזיקער שפּראַך און איר ליטעראַטור האָט געהאַט די ווירקונג, וואָס יידן האָבן זיך מתקנא געווען און האָבן זיך געפלייסט צו ברענגען צו אַזאַ הויכן מצב אויך זייער הייליקע שפּראַך, די שפּראַך פון דער ביבל.

אונטער דער השפעה פון דער רייכער און שיינער אַראַבישער שפּראַך האָט זיך ביי די שפּאַנישע יידן אַנטוויקלט אַן איידעלער און פיינער געשמאַק, און דער חוש צו שיינקייט האָט גורם געווען דערצו,

---

1 זע צונץ — געזאַמלטע שריפטן I, 45.

2 וועגן די סיבות, וואָס האָבן דערצו גורם געווען, וועם זיין רייד ווייטער די רייד.

וואָס זיי האָבן זיך באַזונדערס אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט די ריין־פּאָעטישע אוצרות פון דער ביבל און איר שפּראַך. הויך און שיין האָט אין שפּאַניע אויפגעבליט די אראַבישע פּאָעזיע, — האָבן זיך די יידן מתקנא געווען און ס׳איז ביי זיי נולד געוואָרן דער ווונטש צו פּרוּוון שאַפן אויך אויף דער שפּראַך פון תנ״ך גיט נאָר רעליגיעזע פּאָעזיע, נאָר אויך וועלטלעכע פּאָעטישע ווערק, און זיך טאַקע דערביי באַנוצן מיט אראַבישע פאָרמען און כּללים פון מעטריק און צעזור.

די רעליגיעזע פּאָעזיע האָט זיך אַנטוויקלט ביי יידן ערשט נאָך דער תּלמודישער תּקופה. נאָך בימי בית שני האָט דער עפנטלעכער רעליגיעזער קולט שוין מער זיך ניט באַגרענעצט בלויז מיטן בית־המקדש און מזבח אליין; חוץ דעם בית־המקדש האָבן שוין אָנגעהויבן שפּילן א ראָלע פּשוטע בתי־תּפילה, א חוץ קרבּנות — אויך דרשות און תּפילות. דער מנהג, וואָס איז אײַנגעפירט געוואָרן נאָך פון עזרא הסופר, איבער־צוזעצן און עפנטלעך צו דערקלערן דעם פאָלק אויף זיין אומגאַנג־שפּראַך די סדרות פון דער תּורה, איז מיט דער צייט געוואָרן זייער באַליבט און אָנגענומען. פון דעם „דערקלערן" די תּורה זיינען ביסלעכווייז נולד געוואָרן גאַנצע דרשות פול מיט מוסר און דרך־ארץ. אַזוינע דרשות פלעגן די לערער און מדריכים פון פאָלק האַלטן שבת און ימים טובים אין די בתי־כּנסיות און בתי־מדרשים. שוין די באַרימטע ראשים פונם סנהדרין, שְׁמַעְיָה און אַבְטַליון, האָבן געטראָגן דעם נאָמען „דרשנים", ווייל זיי פלעגן דַרְשְׁנֶען פאַרן פאָלק, זאָגן אים מוסר, טרייסטן אין דער נויט און שטאַרקן אין אים דעם בטחון אויף גאָטס באַלדיקער ישועה. אַזוינע דרשות פלעגן זיך תּמיד אָנהייבן מיט א פּסוק פון דער סדרה, נאָר דער בעל־דַרשן איז דאָ כּלל ניט אויסן געווען צו דערקלערן דעם פּשט פונם באַטרעפנדיקן פּסוק: דאָס האָט נאָר געהערט צום נוסח; דער פּסוק איז געווען דער אריינפאָר, די ראַם, און וועלכער דער בעל־דַרשן פלעגט איינשפּינען און אויסשטיקן זיין קונציק געוועב פון האַרציקן מוסר, ערנסטע שטראָפרייד און שיינע לעגענדן און משלים, וואָס פון זיי זיינען דערנאָך אויפגעבויט געוואָרן הן דער אַגָדישער טייל פון תּלמוד הן די אַלטע מדרשים. נאָכן חורבן בית־המקדש, בעת די קרבּנות זיינען בטל געוואָרן, האָבן זייער אָרט פאַרנומען תּפילות און דער עיקר — דרשות. כּמעט אַלע בַּעֲלֵי־הַמִּשנה און בעלי־התּלמוד זיינען אויך געווען בעלי־דַרשָׁנִים, די באַשעפער פון אַגָדישן מדרש. זיי פלעגן דַרְשְׁנֶען פאַר דעם פאָלק, גיסן זאַלב אויף זיין צעווייטיקט האַרץ, טרייסטן אים אין די צרות און גרויסן אומגליק, וואָס אים האָט געטראָפן, וועקן אין אים די שענסטע האָפענונגען אויף באַלדיקער גאולה און שטאַרקן

אים מיט וווּנדערבאַרע פאַנטאַסטישע אַגדות וועגן די באַליבטע גרויסע נאַציאָנאַלע העלדן פון אַמאָליקע דורות [1].

נאָכדעם ווי דער תּלמוד און די אַלטע מדרשים זײַנען אויפגעשריבן געוואָרן, האָט זיך דערמיט ניט פאַרשלאָסן דער קוואַל פון אַגדה. די נאַציאָנאַלע אַגדות און לעגענדן האָבן אויך אין דער שפּעטערדיקער תּקופה פאַרנומען זייער אַ בכּבֿודיקן אָרט אין דעם עפנטלעכן רעליגיעזן קולט. זיי האָבן נאָר זייער הלבשה געענדערט: דער בעל־דרשן איז אין פּ י י ט ן מגולגל געוואָרן; דעם שטאָף פון די דרשות האָט מען אין פּיוט אומגעשמאָלצן. אונטער דער השפּעה פון דער קריסטלעך־רעליגיעזער (ליטורגישער) פּאָעזיע בײַ די סיריער, גריכן וכדומה איז דער יידישער פיוט באַשאַפן געוואָרן. דער פּייטן, וואָס איז על־פּי־רובֿ געוועזן אויך דער חזן און פאָרבעטער פון דער קהילה [2], האָט געשפּילט די זעלביקע ראָלע, וואָס דער בעל־דרשן אין דער פריערדיקער תּקופה. אויך ער פלעגט זיך באַנוצן פאַר זײַן פּיוט מיטן אַלטן שטאָף פון דער אַגדה. דער תּוך איז דער אייגענער געבליבן, נאָר די פאָרם, דער לבֿוש איז נִשתּנה געוואָרן [3].

די ערשטע יידישע פּיוטים, ד.ה. תּפילות בדרך שיר, אין פאָרם פון לידער און געדיכטן, זײַנען פאַרפאַסט געוואָרן אין 7טן יאָרהונדערט לויט דער קריסטלעכער רעכענונג. זייערע באַשעפער האָבן נאָך אָבער קיין באַגריף ניט געהאַט הֵן וועגן מעטריק (מִשקל) הֵן וועגן גראַם (חרוזים). דער ערשטער, וואָס האָט אײַנגעפירט אין יידישן רעליגיעזן פּיוט גראַמען, איז געוועזן דער באַקאַנטער פּייטן יַ נַ א י [4], דער רבי פון דעם באַרימטן א ל י ע ז ר הַ קַּ ל י ר. פאַרשפּרייט און גוט באַוווּסט זײַנען בכּל תּפוצות ישׂראל הַקַלירס פּיוטים, אָבער הַקַליר גופא, זײַן לעבן און פּערזענלעכקייט זײַנען לחלוטין אומבאַקאַנט, און מען ווייס אַפילו ניט באַשטימט, אין וואָסער לאַנד און אין וועלכער צײַט ער האָט געלעבט. בכּלל זײַנען די געלערנטע נוטה צו דער דעה, אַז דער באַרימטער פּייטן האָט געלעבט

---

1 באַריכות וועגן געשיכטע פון יידישער רעליגיעזער דרשנות (האָמילעטיק) זע: צ ו נ ץ — „גאָטעס־דיענסטליכע פאָרטרעגע", אויך מייבּום — „יודישע האָמילעטיק", 1890.

2 עס איז זייער מעגלעך, אַז טאַקע דאָס וואָרט „חזן" נעמט זיך פון „חַרָזָן" — גראַמען־מאַכער (זע וועגן דעם — „ליטעראַטורבלאַט דעם אָריענטס", 1844, ז. 686).

3 זע — מ י כ א ל ז.ק"ש: „דיע רעליגיעזע פּאָעזיע", 179; צ ו נ ץ — „דיע זינאַגאָגאַלע פּאָעזיע", ז"ז 59—60; דערזעלביקער — „ליטעראַטור־געשיכטע", ז"ז 23—26.

4 זע ש. ד. ל ו צ אַ ט אָ — „מבוא למחזור", 8; אויך ל. ל אַ נ ד ס ה ו ט — „עמודי העבודה", 102—104. לויט נײַערע פאָרשונגען איז אויך י נ א י ניט געווען דער ערשטער אין דער בראַנזשע. זע חיים בראָדי — „סטודיען" 9.

אין דרום ארץ-ישראל אין 7טן יארהונדערט [1]. הקליר האט בלי-ספק געהאט א ניצוץ פון אן אמתן דיכטער. ער האט אבער ניט געוווסט פונם „סוד הצמצום", אט דעם סוד, וואס אים פארמאגט נאר דער פון גאט געבענטשטער קינסטלער. די וויסנשאפט פון העברעישער שפראך-פארשונג איז נאך דעמאלט אין די וויקעלעך געלעגן [2], און אן איינגעבארענעם חוש צום אינעווייניקסטן ריטם און צו דער פארבארגענער הארמאניע פון דער העברעישער שפראך האט הקליר אויך ניט פארמאגט. דער איידעלער שפראך-שטאף האט זיך אונטער זיינע שטייפע פינגער ניט געוואלט בייגן; האט יענער זיך געמיט מיט געוואלט אים צו באצווינגען: נייע ווערטער האט ער געשאפן, ווילד און אומגעלומפערט געפארמט, ווי שווערע שטיינער זיי איינס איבערן אנדערן אן א סדר אויפגעטורעמט און צונויפגעווארפן. ניט נאר דער פשוטער בשר ודם, נאר אפילו דער בקי, דער למדן קען דארט דעם וועג ניט געפינען און ניט תמיד געלינגט אים נאך גרויס מי און מאטערניש דעם פשוטן פשט ארויסצובאקומען. גאר ערטערווייז, צווישן די דאזיקע אומגעשליפענע און שטיינהארטע פארמען, רייסט זיך פלוצלינג דורך דער פלאם פון גרויסן פאטאס און פאעטישער באגייסטערונג, און דער פארחידושטער לעזער דערפילט, אז ער האט דאך צו טאן מיט א דיכטער, ניט מיט א פשוטן גראמען-מאכער.

ינאי און הקליר האבן געשריבן פיוטים אין גראמען [3]. זיי האבן אבער נאך ניט געוווסט פון מעטריק און צעזור. די געגראמטע שורות און סטראפן זיינען ביי זיי געווען פון פארשיידענער לענג און אומגלייכן בוי. מיט די כללים פון מעטריק האט זיך די יידישע פאעזיע באקענט ערשט אין אראבישן שפאניע, דעמאלט, ווען די וועלטלעכע מיטלאלטער-לעכע העברעישע פאעזיע האט זיך אקארשט אויף דער וועלט באוויזן. נאר קודם-כל, איידער די שפאנישע יידן האבן אין זייער ליטעראטור די אראבישע פאעטישע פארמען איינגעפירט, האבן זיי געלייגט די ערשטע יסודות פון העברעישער שפראך-וויסנשאפט (פילאלאגיע). דאס איז אויך

---

1 יעדנפאלס רעדט וועגן הקלירן א פילאלאג פונם צענטן יארהונדערט, יהודה בר ששת, ווי וועגן א קדמונישן פייטן.

2 די קנאפע פילאלאגישע ידיעות און די ניט גענוגנדיקע געניטקייט אין דעם שפראך-מאטעריאל ווירקן באזונדערס שטערנדיק ביי אזא שפראך, ווי די העברעישע, וואס איז שוין אויך אין יענער צייט ניט געווען קיין אומגאנג-שפראך און האט מער ניט געלעבט אינם מויל פונם פאלק.

3 הקליר האט אויך איינגעפירט אין דער העברעישער פאעזיע די איינגארטיקע פארם פון אקראסטיך, וואו אין די ראשי-תבות, מיט וועלכע עס הייבן זיך אן די סטראפעס, איז פארצייכנט דער נאמען פונם מחבר.

געשען אונטער דער השפעה פון די אַראַבער, וואָס האָבן זייער פיל געשאַפן אויפן געביט פון שפּראַך־פאָרשונג, בפרט אין משך פונם צענטן יאָרהונדערט, בעת די אַראַבישע קולטור אין שפּאַניע האָט דערגרייכט איר העכסטע מדרגה.

די התחלה פון העברעיִשער שפּראַך־וויסגשאַפט און פון וועלט־לעכער פּאָעזיע, געבויט לויט די אַראַבישע פאָרמען, איז ענג פאַרבונדן מיטן נאָמען פון חסדאי בן יצחק אָבן שַפּרוט, וואָס איז געווען דער בעל־יועץ און הויפּט־דאָקטאָר ביים אַראַבישן קאַליף עַבד־אל־רַחמַן דעם דריטן, אין דער שטאָט קאָרדאָווע. דער דאָזיקער יידישער מיניסטער פונם צענטן יאָרהונדערט[1] איז באַקאַנט אויך אין דער אַלגע־מיינער געשיכטע צוליב דעם בריוו, וואָס ער האָט געשיקט דעם מלך (כַגַן) פון די כוזרים, יוסף דעם צווייטן, און יענעמס ענטפער, וואָס איז זייער וויכטיק פאַר דער געשיכטע פון דער כוזרים־מלוכה אין די לעצטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ.[2]

חסדאים גרויסער פאַרדינסט באַשטייט קודם־כל דערין, וואָס ער האָט באַפרייט די שפּאַנישע יידן פון דער בַבלישער העגעמאָניע, דען ביז דעמאָלט זיינען זיי אין גייסטלעכע פראַגן געווען אָפּהענגיק פונם נאַציאָנאַל־קולטורעלן צענטער אין בבל. זיין גרויסע עשירות האָט חסדאין געגעבן די מעגלעכקייט אויסצושרייבן פון בבל און פון צפון־אַפריקע רבנים און בעלי־תלמוד; ער האָט זיי באַזעצט אין דרום־שפּאַניע (אַנדאַ־לוזיע) און אונטער זייער השגחה געגרינדעט ישיבות. ער האָט אויך צונויפגעקויפט ספרים און פאַרזאָרגט מיט זיי די נייע ישיבות. זיין הויף איז געוואָרן אַ בֵּית־וַעַד, וווהין עס פלעגן זיך צונויפפאָרן פאַרשיידענע געלערנטע און יודעי־ספר, וואָס פלעגן באַקומען תמיכה פון דעם יידישן מעצענאַט און נַדבן.

וועגן דער דאָזיקער גרויסער קולטור־געשיכטלעכער ראָלע פונם יידישן מיניסטער חסדאי דערציילט דער באַקאַנטער יידישער דיכטער פונם 13טן יאָרהונדערט יהודה אַלחריזי אויף זיין מליצה־לשון:

„בימים ההם, אין יענע טעג האָט די זון פון לויב אָנגעהויבן שיינען איבער דעם הימל פונם גרויסן נשיא רַב חסדאי. איבער אַלע באַדירפטיקע

---

1 חסדאי אָבן שַפּרוט איז געבאָרן אין דער שטאָט כאַיענע בערך אין יאָר 915, געשטאָרבן נאָך 970.

2 אין עטלעכע יאָר אַרום האָבן די רוסישע שבטים מיט דעם פירשט אָליעג בראש חרוב געמאַכט די כוזרישע מלוכה אויף דער וואָלגע. די איבערשטע שיכטן פון דער דאָזיקער מלוכה צוזאַמען מיט דעם מֶלֶכס משפחה האָבן, ווי באַקאַנט, אָנגענומען אין [illegible] יאָרהונדערט די יידישע אמונה.

האָט ער אויסגעגאָסן זיין חסד און ברכה אָן גרענעץ און מאָס. אין זיין צייט האָבן זיך הויך און שטורמיש דערהויבן די כוואַליעס פון דער וויסנשאַפט, און פון די גרויסע טיפענישן אַנטפּלעקט טייערע שטיינער און בריליאַנטן. ווער עס האָט געדורשט נאָך וויסן, האָט זיך דערנענטערט צום לעבעדיקן זיסן קוואַל פון חכמה און די אויגן זיינע זיינען דער־לויכטן געוואָרן... דער גרויסער נשיא האָט מיט זיין מילדקייט צונעצויגן די הערצער פונם גלות, וואָרום ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל: „ווער עס דורשט נאָך גאָטס וואָרט, זאָל צו מיר קומען און איך וועל אים מיט אַלץ פאַרזאָרגן". און עס זיינען געקומען צו אים רבנים און גאונים פון אדום און ערָב, פון מזרח און פון מערב. די גרעסטע מענער פון זיין צייט, אַלע ליכטיקע שטערן פון זיין דור, האָבן זיך אַרום אים פאַרזאַמלט. יעדער האָט מיט פלייס און גרויס באַגייסטערונג דאָס פעלד פון וויסנ־שאַפט באַאַרבעט, גאַנצע אוצרות אויסגעגראָבן, די מוחות דערלויכטן און די הערצער דערפרייט. די קוואַלן פון פּאָעזיע האָבן זיי אַנטפּלעקט, זיסע לידער האָבן די לופט דערפילט, די הימלען האָבן זיך געעפנט, און פאַרגאַפט האָט מען גאָטס וואונדער דערזען. פון יענער צייט אָן איז שפּאַניע געוואָרן דאָס געבענטשטע לאַנד פון וויסנשאַפט, און פון דאָרטן האָבן זיך די חכמות איבער אַלע אַנדערע לענדער פאַרשפּרייט" 1.

צווישן די געלערנטע, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין חסדאיס הויף, איז אויך געווען דער ערשטער יידישער שפּראַך־פאָרשער אין אייראָפּע, מנחם בן יעקב אָבן סרוק 2. ער איז געווען חסדאיס סעקרעטאַר און הויף־דיכטער 3. די געלערנטע האָבן שוין פון לאַנג דער־וויזן, אַז דעם באַרימטן בריוו צום מלך הכוזרים האָט פּאַקטיש ניט חסדאי גופא פאַרפאַסט, נאָר זיין געלערנטער סעקרעטאַר 4. זיין שטעלע ביים יידישן נשיא האָט געגעבן מנחמען די מעגלעכקייט זיך אָפּצוגעבן מיט וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. באַרימט האָט אים געמאַכט דאָס ווערק „מחברת", דאָס ערשטע תנך־ווערטערבוך אויף העברעיש, וואָס איז דורות לאַנג געווען דער וויכטיקסטער קוואַל פון שפּראַך־וויסנשאַפט פאַר דעם יידישן קיבוץ אין דער קריסטלעכער אייראָפּע, וועלכער האָט זיך

1 אַלחריזי — „תחכמוני", שער יח.

2 געבאָרן אין טורטוסאַ (צפון־אַפריקע) בערך אין יאָר 910, געשטאָרבן בערך אין 970.

3 מנחם דערציילט, אַז ער פלעגט פאַר זיין מעצענאַט שרייבן: גליוני־שבח, אגרות־מהללים, ספרי הוד און אויך דברי־ברכות און שירי ספוד.

4 בכדי די קומענדיקע דורות זאָלן וויסן, ווער דער אמתער מחבר איז געווען, האָט מנחם אינם בריוו קונציק מיט ראשי־תיבות איינגעפלאָכטן זיין נאָמען.

ניט געקאָנט באַנוצן מיט די שפּעטערדיקע ווערק אויפן געביט פון העברעיִשער פילאָלאָגיע, ווייל יענע זיינען געווען געשריבן אויף אַראַביש. אַט דאָס ווערק, וואָס האָט באַרימט געמאַכט זיין מחבר אין די שפּעטערדיקע דורות, האָט אָבער ביים לעבן אים גורם געווען פיל צרות און בזיונות. פאַר אַ קורצער צייט איידער מנחמס ווערק איז אויף דער וועלט דערשינען, האָט שפּרוט צו זיך איינגעלאַדן אַ יונגן געלערנטן פילאָלאָג פון פעז, דונַש בן-לַבּרַט, אַ תּלמיד פונם באַרימטן סעדיה גאון [1]. אַז דונַש האָט זיך באַקענט מיט מנחמס אָקאָרשט דערשינענעם ווערק, האָט ער מיט זיין שאַרפן חוש פון אַן אמתן געלערנטן גלייך דערזען, אַז דאָס דאָזיקע ווערק האָט ביי אַלע זיינע מעלות אויך ניט ווייניק פעלערן, וואָס מוזן אויסגעבעסערט ווערן. עס איז אָבער בלי-ספק, אַז דונַש האָט דערביי אויך געהאַט זייטיקע, ריין-פּערזענלעכע פּניות. ער האָט זיך מתקנא געווען אין מנחמען, וואָס האָט זיך מיט זיין ספר קונה שם געווען און איז שטאַרק דערהויבן געוואָרן אין די אויגן פון חסדאי אבן שַׂפּרוט. דונַש, וואָס האָט, ווי עס שיינט, אויך געוואָלט שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָלע ביים הויף פונם יידישן נשיא, האָט פּעסט באַשלאָסן זיין קעגנער צו באַזייטיקן. קודם-כּל איז ער אַרויס מיט אַ שאַרפער פּאָלעמיק אַקעגן מנחמס ווערק. אַז ער איז דערביי ניט אויסן געווען אויסשליסלעך די ריין-וויסנשאַפטלעכע פראַגע, איז זייער לייכט צו דערקענען אינם אויפגערעגטן, ממש חוצפּהדיקן טאָן, אין וועלכן די קריטיק איז געשריבן [2]. קודם-כּל האָט ער זיך געפלייסט אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף מנחמס פעלערן און גרייזן זיין מעצענאַט, דעם נשיא חסדאי, בכדי יענער זאָל וואַרפן אַן אומחן אויפן אָרעמען תלמיד חכם.

בתּור הקדמה צו זיין פּאָלעמישן ווערק האָט דונַש אָנגעשריבן אַ לויב-ליד דעם „גרויסן האַר, דעם גלאַנץ פון דער וועלט און שטאָלץ פון פאָלק", ר' חסדאי בן יצחק. דאָס דאָזיקע ליד האָט אַ געוויסן קולטור-

---

1 פריער איז געווען אָנגענומען אין דער געלערנטער וועלט, אַז דונַש בן לַבּרַט (זיין יידישער נאָמען איז געווען אדונים הלוי) איז דערנאָך אַרויסגעטראָטן מיט אַ קריטיק אַקעגן זיין רבינס אַראַבישער ביבל-איבערזעצונג (ספר תשובות דונש בן לַבּרַט על ר' סעדיה גאון); די לעצטע צייט איז מען מסופק געוואָרן, צי דונַש האָט דאָס דאָזיקע ווערק געשריבן (זע פּ ו ר נ אַ ס — „איבער די עכטהיים דער דעם דונַש בן לברט צו-געשריבענען קריטיק נעגען סעדיה", קויפמאַן-דענקשריפט, 245—256; מאָנאַטסשריפט, 1902, ז"ז 66 און 141. וועגן דונַשן אַלס פּייטן זע לאַנדהוט — „עמודי העבודה". 61; מחזיר: חיסרי II, 178).

2 דונַשס קריטיק האָט פאַרעפנטלעכט צוזאַמען מיט רבנו תּם קעגנקריטיק (ספר התכרעות) פיליפּאָווסקי אינם יאָר 1855.

היסטאָרישן ווערט, ווייל דונש בן לַבְרַט טרעט דאָ ארויס ווי אַ מְחַדֵש, ווי אַ נייערער: עס איז דאָס ערשטע פּאָעטישע ווערק אין העברעיִשער שפּראַך געשריבן לויט די שטרענגע כּללים פון דער אַראַבישער מעטריק. דער מחבר גופא האָלט פאַר נייטיק דעם דאָזיקן פּרט באַזונדער אונ־טערצושטרייכן און מיט גַדלות איז ער דערביי מוסיף, אַז זיינע געמאָס־טענע און געוואויגענע סטראָפן זיינען „ווי טוי אויף די הערצער פון חכמי ספרד און וועלן בלייבן אין גדעכעניש פון אַלע קומענדיקע דורות" [1].

נאָך דעם לויב־ליד גייט דער „אריינפיר" צו דעם ווערק גופא, אויך בדרך שיר, באַשטייט פון 150 פירצייליקע שטראָפן, געבויט אויף דעם זעלביקן משקל און נוסח, ווי דאָס לויב־ליד [2]; נאָר דער טאָן איז שוין אַ גאַנץ אַנדערער. דער דאָזיקער אריינפיר, ווי הגם דער גאַנצער ספר, וואָס דונַש האָט דערלאַנגט פאַר אַ מתנה דעם נשיא חסדאי, טראָגט בלי ספק מער דעם כאַראַקטער פון אַ שאַרפן גאַליקן פּאַמפלעט, איידער פון אַ וויסנשאַפטלעך־קריטישן ווערק. דונַש באַגניגט זיך ניט דערמיט, וואָס ער טרעט אַרויס קעגן מנחמען ,מיט פּשוטע זלזולים און רופט אים: עם הארץ, טיפש וכדומה; ער האָלט אפילו פאַר פּאַסיק צו ווערן אַ רכילות־טרייבער: באַשולדיקט מנחמען אין אפּיקורסות און פאַר־זיכערט, אַז יענער איז כלומרשט נוטה צו די קראים, מיט וועלכע די יידן האָבן דעמאָלט געפירט אַ פאַרביטערטן געראַנגל [3].

ווי עס שיינט, האָט מנחם געהאַט ביים נשיאס הויף נאָך אַנדערע שונאים און ניט־פאַרגינער; יענע האָבן גוט פאַרשטאַנען ווי אויסצונוצן דונַשס פּאַמפלעט, און האָבן אויך פון זייער צד זיך געפלייסט אויפצו־ברענגען הסדאין קעגן דעם אָרעמען תלמיד־חכם. דער סוף איז געווען זייער אַ טרויעריקער פאַר מנחמען: מיט שַפּרוטס ידיעה זיינען אייניקע פון זיינע מקורבים באַפאַלן אין אַ יום־טובדיקן טאָג מנחמס הויז, אַלץ

---

1 בְּשִׁירִים נִשְׁקָלִים — חֲדָשִׁים נִסְגָּלִים —
בְּמִבְטָא נִגְבָּלִים — וְקִיקִים נֶחְבָּרִים.
בַּחֲרוּז וּמִפְזָּרָד — כְּמוֹ טַּל יוֹרֵד —
בְּלֵב חַכְמֵי סְפָרָד — לְדוֹרֵי הַדּוֹרִים.

2 ביידע שירים זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך פיליפּאָווסקי אינם יאָר 1855, איבערגעדרוקט מיט אַ גרויסער הקדמה דורך דוד כּהנא 1894. נאָר ניט לאַנג האָט מען אין דער גניזה אין קאַהירע געפונען נאָך אַ דריט ליד פון דונַשן, געשריבן מיט דעם זעלביקן משקל, וואָס די ערשטע צוויי, פאַרעפנטלעכט דורך יעקב מאַן אין: The Jews in Egipt and in Palestine under thə Fatimid Caliphs; 1922, vol. II 21—23.

3 „תשובות דונַש" וכו', ז' 75; והענין הרע הזה הוא ענין ענן ראש המינים המחלקים על תלמידי רבנו.

חרוב געמאַכט, אַפילו די פענסטער מיט די טירן אַרויסגענומען און אַוועקגעטראָגן; מנחמען גופא צעהרגעט, צעשלאָגן און פון שטאָט אַרויס־געטריבן. דער אָרעמער געלערנטער האָט פון דער פרעמד זיך געווענדעט מיט אַ בריוו צו זיין געוועזענעם באַשיצער און הכנעהדיק געפרעגט, פאַרוואָס האָט יענער אויף אים זיין צאָרן אויסגעגאָסן. דער יידישער נשיא, חסדאי, האָט געגעבן אַ קורצן ענטפער. און ניט צופעליק איז פאַר־בליבן אין געדעכעניש פון די קומענדיקע דורות דער דאָזיקער ענטפער,— אַזוי כאַראַקטעריסטיש איז ער פאַר די גרויסע הויפליים מיט זייער אויפגעבלאָזענער גאוה און שטאָלצער זעלבסטצופרידנקייט. „ביזטו באמת שולדיק — איז געווען שפּרוטים ענטפער — האָב איך דיך באַשטראָפט לויט דיין פאַרדינסט נאָך; אלא ביזטו אומשולדיק — האָב איך דיר דאָך דערמיט גורם געווען דאָס אייביקע לעבן" [1]. אַפילו דער שטילער עניוותדיקער מנחם האָט אַזאַ ענטפער ניט געקאָנט פאַרשווייגן; אין אים האָט זיך דערוועקט דאָס באַליידיקטע געפיל פון זעלבסטאַכטונג, דער שטאָלץ פון אַן אמתן תלמיד־חכם, וואָס ווייס דעם ווערט פון כבוד התורה און קאָן ניט מוחל זיין די פאַרשוועכונג פונם מענטשנס גייסט און נשמה. ער האָט חסדאין געשיקט אַ בריוו, וואָס שוין צוליב אים אַליין האָט מנחמס נאָמען פאַרדינט צו פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור.

מנחם פאַרשטייט זייער גוט, ווי געפערלעך עס איז פאַר אים, דעם אָרעמען געלערנטן, זיך אַקעגנשטעלן דעם שטאַרקן מעכטיקן מיניסטער. דער בריוו הייבט זיך דערפאַר אָן אין אַ געלאַסענעם הכנעהדיקן טאָן, נאָר באַלד איז גובר דאָס געפיל פון צער און צאָרן און ער פאָדערט שאַרף און באַשטימט דין וחשבון פון זיין באַליידיקער פאַר די גרויסע בזיונות און ליידן, וואָס ער איז אַזוי אומשולדיק אויסגעשטאַנען. „צו גאָט דערגרייכט מיין געבעט, — שרייבט מנחם, — צו אים, דעם באַשיצער פון געדריקטע און אומשולדיקע, דערהייב איך מיין געשריי, און כל זמן איך לעב וועט ניט אַנטשוויגן ווערן מיין שטים פון צאָרן!.. איך, וואָס ווער געיאָגט און געפּלאָגט, איך, וואָס בין דורך דיר געשליידערט געוואָרן אין אָפּגרונט פון דחקות און נויט, — איך ווענד מיך צו דיר, מיין געוועזענער האַר און באַשיצער: צי האָסטו גאָר פאַרגעסן, אַז דו ביזט דאָך אויך נאָר אַ פשוטער בשר־ודם גלייך מיט מיר, אַז מיר ביידע צוזאַמען זיינען ניט מער ווי עָפָר וָאֵפֶר? די שטאַרקסטע מלכים און שרים, די פאַרוואָגלטע

---

1 אם העוית — כבר הביאותיך למוסר, ואם לא העוית — כבר הביאותיך לחיי עולם הבא.

אביונים און אָרעמע נויטבאַדערפטיקע — צי וואַרט דען אויף זיי ניט איין און דער זעלביקער גורל: צוריקקערן צו דער ערד, וואָס האָט זיי אַלעמען געבאָרן?

„טיף פאַרוויטיקט איז מיין האַרץ, וואָרין אויף דער גאַנצער וועלט איז צו מיינע ליידן קיין גלייכן ניטאָ; מיין איינציקע נחמה איז אָבער דער געדאַנק: עס איז דאָ אַ שופט אויף דער וועלט, דער בַיָן, וואָס לעבט אייביק; ער וועט פאָדערן געצאָלט פאַר אַלע בזיונות און שאַנד (על כל כלימותי), וואָס איך בין אויסגעשטאַנען. איך גלויב און בין זיכער — עס לעבט מיין באַשיצער! ער וועט פאָדערן דין וחשבון, ער וועט משפטן מיין משפט; זאָל זיין, אַז דאָ איז לית דין ולית דיין — איך ווייס אָבער אויף זיכער: עס איז פאַרהאַן דער גאָט פון משפט, און קומען וועט דער טאָג, ווען מיר אַלע וועלן מוזן פאַר זיין געריכט־שטול שטיין. ער וועט קומען, דער גרויסער יום־הדין, ווען די פאַרוואָגלטע וועלן שוין מער ניט דאַרפן נע־ונד זיין, און די גרויסע און מעכטיקע וועט גאָלד און זילבער שוין מער ניט שיצן. עס וועט קומען דער טאָג, ווען אַלע וועלן גלייך זיין — דער שַר און דער אביון, דער רייכער און דער לוין־אַרבעטער... קומען וועט דער טאָג — און געוויזן און גע־מאָסטן וועט אַלץ ווערן, און די שטאַרקע און די גרויסע וועלן מער ניט האָבן די מאַכט צו אונטערדריקן און געוועלטיקן...

„איך פאָדער פון דיר דין וחשבון, — ווענדט זיך מנחם צו שַפרוטן, — וואָרין איך בין דער גערעכטער און אומשולדיקער. דו האָסט מיר דעם ענטפער געגעבן: „ביזטו שולדיק, האָב איך דיך באַ־שטראָפט לויט דיין פאַרדינסט נאָך; אֶלָא ביזט ניט שולדיק, — האָב איך דיר גורם געווען דאָס אייביקע לעבן". און מיינסטו, אַז דאָס איז אַ גערעכטער ענטפער, אַז דאָס איז דער וועג פון משפט? אָדער גלויבסטו, אַז מיט שפּאָט און געלעכטער וועסטו מיר דאָס מויל פאַרשליסן און מיט לייכטזיניקע ווערטער מיך ברענגען צום שווייגן? הער זשע, בֶּן־אָדָם! דו ביזט דאָך אַ גדול בישראל — דאַרפסטו דאָך האָבן אַ באַגריף, וואָס ס'אַזוינס משפט און יושר! דו זאָגסט: אויב איך בין שולדיק. צי משפט מען דען נאָר אויפן סמך פון „אויב" און „טאָמער". צי קאָן מען דען אַרויסטראָגן אַ פסק־דין נאָר אויפן סמך פון השערות? ניט אויפן גרונט פון פעסטע באַווייזן, נייערט פון געדאַנקען, וואָס זיינען טיף ביי יענעם אין האַרצן פאַרהוילן? „אויב איך בין אומשולדיק — שרייבסטו — האָסטו מיך דערמיט געבראַכט צום אייביקן לעבן". נו, און מיטן אומגערעכטן שופט — מיט אים וואָס וועט זיין? מיט וואָס וועט ער קומען פאַרן בַיָן אמת?..

„אפילו ביי די ווילדע שבטים — שרייבט מנחם ווייטער — האָט מען פון אזא משפט ניט געהערט. אפילו ביי די געצנדינער האָט מען מער יראת־הכבוד פאר יושר און גערעכטיקייט. דאָס קאָן ניט פארשוויגן ווערן! אפילו נאָך מיין טויט וועט די גרויסע עוולה ניט פארגעסן ווערן; אין שטויב וועל איך צעפאלן — און אויך דעמאָלט וועט טיין געשריי די הימלען שפאלטן״ [1].

דונש׳ס קריטיק קעגן מנחמען איז אויך ניט געבליבן אָן ענטפער. צווישן די תלמידים פון דיביידע געלערנטע האָט זיך אנגעהויבן א ליטע־ראַרישער גערא‏נגל, וואָס האָט א געוויסן קולטור־היסטאָרישן ווערט, ווייל ער האָט אין א געוויסער מאָס ארייגעבראַכט פריש לעבן און אויך נייע פאָרמען אין דער העברעישער שפראַך און איר ליטעראַטור. פאר דעם באליידיקטן מנחם האָבן זיך אנגענומען זיינע דריי תלמידים: דער גע־לערנטער יצחק ג׳יקאַטילא [2], אפרים אבן קפרון און דער יונגער יהודה בן דוד חיוג׳ [2], וואָס האָט דערנאָך זיין נאָמען באַ־רימט געמאַכט אויפן געביט פון שפראַך־פאָרשונג. זיי זיינען ארויס קעגן דונש מיט א קעגן־קריטיק (תשובות תלמידי מנחם) [3]. אויך זיי האָבן געהאַלטן פאר נייטיק צו געבן בתור הקדמה צו דער „תשובה״ א לאנג לויב־ליד דעם נשיא שפרוט. דאָס דאָזיקע ליד איז געשריבן אין דעם אייגענעם נוסח און אין דערזעלביקער מעטריק, ווי דונש׳ס צוויי שירים, בכדי צו באַווייזן, און זיי שטרייכן דאָס טאַקע אָגב אונטער, אז אויך זיי זיינען ביכולת צו שרייבן העברעישע שירים לויט די כללים פון אראַ־בישער מעטריק. נאָר טאַקע דערביי טרעטן זיי שאַרף ארויס קעגן דונש אויפטו און פלייסן זיך צו באַווייזן, אז די אראַבישע מעטריק איז בכלל ניט פאַסיק פאר דער העברעישער שפראַך.

„אונזער איינציקע ירושה — טענהן זיי — מאַכט ער חרוב און וויסט, אין פרעמדע בענדער בינדט ער די הייליקע שפראַך [4].

---

1 מנחמס בריוו איז דאָס ערשטע מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך שד״ל אין „בית האוצר״ I אינם יאָר 1847; דערנאָך דורך גרעצן אין „לקט שושנים״ 1862 און דורך ז. שטערן אין דער הקדמה צו „תשובות תלמידי מנחם״ XXII—XXXIII.

2 די גימל ווערט אין דעם דאָזיקן נאָמען אויסגעשפראָכן ווי „דזש״.

3 פאַרעפנטלעכט דורך ז. שטערן אין יאָר 1870.

4 לָשׁוֹן קֹדֶשׁ חֲבֵרִית —
אֲשֶׁר הוּא לִשְׁאֵרִית,
שָׂמְלוּ הָעִבְרִית —
בְּמִשְׁקָלִים זָרִים.

דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט באַגרינדן זיי באַריכות אין זייער ספר גופא [1] און ווייזן דערביי דונשן אָן אויף זיין אייגענעם לערער סעדיה גאון, וואָס האָט אין זיינע שירים אויסגעמיטן די אַראַבישע מעטריק.

מען מוז מודה זיין, אַז אין די טענות פון מנחמס תלמידים האָט געשטעקט פיל אמת. און צו דער זעלביקער החלטה איז דערנאָך געקומען אויף דער עלטער דער גרעסטער יידישער דיכטער פון מיטלאַלטער, יהודה הלוי [2]. און דאָך האָט דער אַרויסטריט פון מנחמס תלמידים קיין פעולה ניט געהאַט, און די אַראַבישע מעטריק האָט זינט דונשס אַרויסטריט אומבאַגרענעצט געוועלטיקט אין דער העברעיִשער פּאָעזיע אין משך פון לאַנגע דורות.

די „תשובות" פון מנחמס תלמידים זיינען געשריבן אין דעם זעלביקן שאַרפן, פּאַמפלעטישן טאָן [3], ווי דונשס קריטיק; נאָר זיי אַלע האָט אין דעם פרט ווייט איבערגעשטיגן דונשס תלמיד יהודה בן ששת, וואָס האָט זיך אָנגענומען פאַרן כבוד פון זיין רבין און געשריבן אַן ענטפער אויף די טענות פון מנחמס תלמידים. די קעגנער זיינע קרוינט בן־ששת מיט אַזוינע נעמען, ווי חמורים, הזירים, טיפשים, נאַראָנים, פּראים, מאַלפּעס, עמי־הארצים וכדומה. דערפאַר אָבער איז ער אויך ניט קאַרג אין תהילות און שבחים אָן מאָס און אָן גרענעץ בנוגע צו זיין לערער. דונש איז ביי אים דער גרויסער „געלערנטער פון מערב", וואָס האָט ניט זיין גלייכן. די חכמה זיינע איז ברייט ווי דער ים און שטילט דעם דורשט פון אַלע וויסנסבאַגעריקע. זיינע שירים זיינען אויסגעקריצט אויף אייביקע צייטן, און אַלע קומענדיקע דורות וועלן זיי די הערצער דערקוויקן [4].

אין דער אמתן זיינען ביידע קעגנער, הן מנחם הן דונש, געווען ניט מער ווי אָנהייבער; זייער באַדייטונג באַשטייט דער עיקר אין דעם, וואָס זיי זיינען געווען די ערשטע, די מוטיקע פּיאָנערן. זיי האָבן מיט זייערע ווערק בלי ספק דערוועקט דעם אינטערעס צו וויסנשאַפטלעכער שפּראַך־פאָרשונג, נאָר דער אמתער פאָטער פון העברעיִשער גראַמאַטיק,

1 תשובות תלמידי מנחם 21—30; זע אויך: ש. פּינסקער „לקוטי קדמונים", 62—65.

2 כוזרי, II, §§ 78—80.

3 זע תשובות תלמידי וכו' ז"ז 15, 24, 25, 33, 40, 41.

4 זע תשובות תלמידי וכו', ז"ז 6, 15, באַזונדערס 44.

דער „ראש המדקדקים" [1], איז ערשט געוואָרן מנחמס תּלמיד, דער פריער דערמאָנטער יהודה חַיוּג׳ [2].

גראָד אין יענער צייט האָבן אין קאָרדאָווע, אין דעם דעמאָלטיקן וויכטיקסטן צענטר פון אַראַבישער קולטור אין אייראָפּע, געלעבט און געשאַפן באַרימטע אַראַבישע גראַמאַטיקער, וואָס האָבן דערהייבן די וויסנשאַפטלעכע שפּראַך-פאָרשונג אויף אַ געוואַלטיקער הייך. אפילו די ברייטע שיכטן האָבן זיך שטאַרק אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט פילאָ-לאָגישע פראַגן [3]. אָט אונטער דער השפּעה פון די דאָזיקע וויסנשאַפט-לעכע שטרעבונגען איז אויסגעוואַקסן חַיוּג׳ און צוגעטרעטן צו זיין אַרבעט, מיט וועלכער עס הייבט זיך אָן אַ גאַנץ נייע תּקופה אויפן געביט פון העברעיִשער שפּראַך-פאָרשונג. דאָרט, וואו ס׳האָט פריער געוועלטיקט דער אמתער תוהו ובוהו, האָט ער מיט זיין שאַרף אויג און חוש פון אַן ערשטקלאַסישן געלערנטן געמאַכט אַ סדר און אויפגעדעקט שטרענג-גילטיקע כּללים און געזעצן. ער איז דער באַגרינדער פון דעם באַרימטן הויפּט-געזעץ, וואָס איז געוואָרן דער יסוד פון דער גאַנצער העברעיִשער גראַמאַטיק: אַז אין דער העברעיִשער שפּראַך איז נישט פאַראַן קיין איין צייטוואָרט (פֹּעַל), וואָס זאָל באַשטיין פון ווייניקער ווי 3 אותיות [4].

דער יידישער „ראש המדקדקים" פאַרדינט בלי ספק צו פאַרנעמען אַ גאַנץ בכּבודיקן אָרט אין דער געשיכטע פון דער אַלגעמיינער אייראָ-פּעיִשער פילאָלאָגישער וויסנשאַפט [5], און דאָך, ווי גרויס ס׳איז זיין פאַר-דינסט, האָט אים פאָרט איבערגעשטיגן זיין גאוניִשער נאָכפאָלגער און

---

1 „ראש המדקדקים" רופט חַיוּג׳ן אָפּט אָן דער באַרימטער אברהם אִבן עזרא (זע זיין „שפה ברורה", 21 אא"וו).

2 געבאָרן איז פעז אין דער מיט פונם צענטן יאָרהונדערט, געשטאָרבן אין סוף פון יענעם יאָרהונדערט.

3 זע: П. Коковцев, Новые материалы etc. 1916, 5

4 זיין טעאָריע האָט חַיוּג׳ באַגרינדעט אין צוויי וויסנשאַפטלעכע אַראַבישע ווערק: 1) כתאב אלאפעאל דואת חרוף אַלליין (ספר אותיות הנח), 2) כתאב אלאפעאל דיאת אלמתלין (פעלי הכפל).

חַיוּג׳ס ווערק זיינען צוויי מאָל איבערגעזעצט געוואָרן פון אַראַביש אויף העברעיִש, — דאָס ערשטע מאָל דורך משה ג׳יקאַטילה און שפּעטער דורך אברהם אִבן עזרא.

5 זע: Коковцев, Ор. с. 73: „Iегуда Хайюджъ, имя котораго заслуживало-бы упоминаться во всѣхъ общихъ обзорахъ исторіи языковдѣнья съ неменьшимъ правомъ, чѣмъ имя индійскаго грамматика Панина".

תלמיד, יונה אבן גַ׳נַאח[1], איינער פון די באדייטנסטע פילאלאגן און לינגוויסטן (שפראך=פארשער) פונם איירֹאפעיִשן מיטלאלטער. זיין מייסטערווערק „כתאב אל תנקיח״ (ספר הָרִקְמָה) איבער העברעיִשער גראמאטיק און שפראך=פארשונג איז די שענסטע און רייכסטע פרוכט, וואס די העברעיִשע שפראך=וויסנשאפט האט געבארן. עס איז אן אמתער אוצר פון וויסן בנוגע צו שפראך=פארשונג און ביבל=דערקלערונג. דאס דאזיקע ווערק האט געהאט די גרעסטע השפעה ניט נאר אויף אלע שפעטערדיקע יידישע מדקדקים, נאר אויך אויף די ביבל=פארשער און מפרשים. אלע האבן זיי געשעפט פון דעם דאזיקן רייכן און טיפן קוואל.

די ערשטע יידישע מדקדקים, מנחם און דונַש, האבן זייערע ווערק געשריבן אויף העברעיִש, אבער די גרויסע שפראך=פארשער, וואס זיינען געקומען נאך זיי, חַיוּג׳ און גַ׳נַאח, האבן זיך שוין באנוצט מיט דער אראבישער שפראך, און מיט זייערע ווערק האבן זיי געלייגט די ערשטע יסודות פון דער רייכער אראביש=יידישער וויסנשאפטלעכער ליטעראטור, וואס האט שנעל אויפגעבליט אין שפאניע. עס מוז אבער נאך אמאל אונטערגעשטריכן ווערן דאס, וואס מיר האבן שוין פריער באמערקט: די דאזיקע געלערנטע זיינען טאקע געווען אונטער דער שטארקער השפעה פון דער אראבישער קולטור, דעם העברעיִשן דקדוק האבן זיי אויפגעבויט לויט די כללים פון דער אראבישער גראמאטיק, און אגב אויך אויסגענוצט די אראבישע טערמינאלאגיע; נאר דאס אלץ איז געווען בלויז א מיטל צו א פעסט באשטימטן ציל: אויסצופארשן די שפראך פון זייער נאציאנאלן היי ליקטום, די כתבי הקודש, בעסער צו פארשטיין און דערקלערן דעם פשַט פון דער תורה. דעם דאזיקן געדאנק זאגט ארויס גאנץ שארף און בולט דער גרעסטער פון זיי, אבן גַ׳נַאח. ער דערקלערט, אז דאס הויפטציל פון זיין לעבן איז דערגיין דעם אמתן פשַט פון דער ביבל, און בכדי בעסער דאס דאזיקע ציל צו דערגרייכן, האט ער זיך גענומען צום אויספארשן די העברעיִשע שפראך.

„די פון גאט אנטפלעקטע כתבי הקודש — שרייבט גַ׳נַאח אין דער הקדמה צו זיין הויפט=ווערק — קאן מען גוט פארשטיין נאר ביי דעם תנאי, ווען מ׳האט פעסטע ידיעות אין דער שפראך, אויף וועלכער זיי

[1] אויף אראביש האט ער געהייסן: אבול וואליד מרואן אבן גַ׳נַאח. געבארן איז ער אין קארדאווע אינם יאר 990. בעת די אומרועז אין שטאט אין 1012 האט ער פארלאזן זיין געבורטשטאט, איז לאנג געווען נע=ונד און צום סוף זיך באזעצט אלס פראקטישער ארצט אין סאראגאסע. געשטארבן איז ער אין דערמיט פון עלפטן יארהונדערט. מער באריכות וועגן אים זע: וו. באכערס מאנאגראפיע און אויך זיין פארריידע צו „ספר השרשים״, 1892; דאן אויך עוואלד, „ליטעראטורבלאטט דעם אריענטס״, 1844, 675—678.

זיינען געשריבן. דער דאָזיקער געדאַנק ווערט ביי אונז אַלץ קלערער, וואָס מער מיר שטרעבן צו פאַרשטיין דעם תּוֹך פון די כּתבי הקודש און וואָס מער אונזער שׂכל איז משׂיג די גרויסקייט פון דעם, וועלכער האָט אונז דורך רוח-הקודש די דאָזיקע ספרים אנטפּלעקט".

דאָס איז זייער אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פאַר דער גאַנצער תּקופה בכלל. די שפּאַנישע גאָטספאַרכטיקע יידן ווערן כּלל ניט בטל פאַר דער אַראַבישער קולטור; זיי געפינען זיך, אמת, אונטער איר שטאַרקער השפּעה, נאָר זיי פלייסן זיך אָבער, און טאַקע מיט גרויס הצלחה, די דאָזיקע פרעמדע אוצרות פון קולטור און וויסן צו ברענגען אונטער דער השגחה און שליטה פון דעם רעליגיעזן יידישן געדאַנק. זיי אָרגאַניש צו פאַרבינדן מיט דעם אייגענעם נאַציאָנאַל-קולטורעלן שאַפן...

* *

אָבן גַ׳נאח און זיינע פאָרגענגער האָבן אָבער ניט נאָר געהאָלפן בעסער צו פאַרשטיין דעם פּשט פון די „דורך גאָט אנטפּלעקטע כּתבי הקוֹדש", — זיי האָבן אַגב מיט זייער קלאַסישער וויסנשאַפטלעכער שפּראַך-פאָרשונג געלייגט דעם יסוד און פרוכטבאַר געמאַכט דעם באָדן פאַר דער גלענצנדיקער בלי-תּקופה פון דער העברעיִשער פּאָעזיע און שיינער ליטעראַטור.

דונַש בן לַבְּרַט האָט דער ערשטער איינגעפירט די כּללים פון אַראַבישער מעטריק אין דער העברעיִשער פּאָעזיע; ער האָט אויך איינ-געפירט אַ ספּעציעלן אייגנאַרטיקן נוסח פון פּאָלעמיק-ליטעראַטור: פּאָמ-פלעט בדרך שיר, מיט שאַרף צוגעשפּיצטע גראַמען. ער האָט אויך פּיוטים פאַרפאַסט 1. און דאָך איז ער קיין אמתער דיכטער ניט געווען; ניט מיט אים איז אין שפּאַניע אויפגעגאַנגען דער מאָרגנשטערן פון דער העב-רעיִשער פּאָעזיע. קיין אמתע דיכטער זיינען ניט געווען אויך די דריי פּייטנים, וואָס זיינען ארויסגעטרעטן באַלד נאָך אים. אַלע דריי האָבן זיי געטראָגן איין און דעם זעלביקן נאָמען—יצחק: מנחמס שוין פריער דער-מאָנטער תּלמיד, יצחק בן ג׳יקאַטילה, גַ׳נאחס לערער, יצחק בן מר שאול און יצחק בן חלפן, וואָס איז געווען דער ערשטער וואַנ-דער-דיכטער ביי יידן און האָט פון זיינע לידער געצויגן חיונה, געלעבט דערפון, וואָס ער פלעגט מכבד זיין גבירים און מעצענאַטן מיט זיינע לויבלידער 2.

---

1 זע לאַנדסהוט, "עמודי העבודה", 61; מחזור וויטרי, II, 178.

2 אייניקע פון זיינע לויב-לידער, וואָס ער האָט געשיקט שמואל הנגיד, זיינען אָפּגעדרוקט אין הנגידם לידער-זאַמלונג (זכרון לראשונים, I, 91, 94, 98).

די ערשטע אמת=פּאָעטישע טענער האָבן זיך ערשט דערהערט אין די רעליגיעזע פּיוטים פון אַן אַנדער תּלמיד=חכם פון יענעם דור, — יוסף בר יצחק בן שטנאש בן אביתור האָט ער געהייסן. אַן אומרויִק וואַנדער=לעבן האָט דער דאָזיקער געלערנטער פאַרבראַכט. ער איז געווען אָנגעזען ביים הויף פונם געבילדעטן און וויסנסדורשטיקן קאַליף אלחכּים פון קאָרדאָווע, און אויף זיין וואונטש האָט בן=אביתור פאַרפאַסט אין אַראַביש אַ פּירוש אויף גאַנץ תּלמוד. נאָכן טויט פון דעם באַריכטן קאָרדאָווער רב, ר' משה, איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע מחלוקת צווישן זיין זון ר' חנוך און זיין תּלמיד בן=אֶבְיָתָר וועגן רבנות אין קאָרדאָווע [1]. דער סוף איז געווען, אַז בן=אביתר איז אַוועק פון שפּאַניע, געוועזן נע=ונד כּל ימיו און געשטאָרבן (בערך אין יאָר 1000) אין דמשק.

דער רוב פּיוטים זיינע זיינען „מעמדות" אויף יום=כּפּור. ער געהערט נאָך צו הַקַלִירס חדר, שרייבט אין זיין נוסח, מיט אַ סך האַרבע ווערטער און אַלטמאָדישע אויסדריקן; די שירים זיינע זיינען שווערע, האַלפּעריקע, ניט לייכט פאַרשטענדלעך. און דאָך פילט זיך אין זיי ערטערווייז דער אמתער דיכטער. אין בן=אבִיָתרס האַרציקער תּפילה „אֶת מִי זָנַחְתָּ נֶצַח" הערט זיך שוין דער בת=קול, דער פאָרקלאַנג פון די שיינע נאַציאָנאַל=רעליגיעזע לידער, וואָס וועלן באַלד דערשאַלן אין דעם שפּאַנישן לאַנד אין די געצעלטן פונם פאָלק ישראל.

אין דעם דאָזיקן ליד קלאָגט זיך דאָס פאָלק ישראל פאַר זיין פאָטער אין הימל: „צי האָסטו דען וועמען אויף אייביק פאַרלאָזן? פאַרוואָס=זשע האָסטו אונז לדורי דורות פאַרגעסן? צי האָסטו וועמען מיט אייביקן צאָרן באַשטראָפט? און אונז האָסטו פאַריאָגט אויף אַלע צייטן- אַ דור נאָך אַ דור שמאַכט איך אַלץ אין קנעכטשאַפט, און פאַרשלאָסן איז מיין מויל; איך האָב הכנעהדיק געוואַרט, ניט געמאָנט פון געפענגעניש אויסצולייזן, איך בין געוואָרן צו שפּאָט און צו געלעכטער, קיין פונק רחמנות אין ערגעץ ניט געפונען. צווישן אַלע געפאַלענע האָב איך מיין גלייכן ניט, פון אַלע געפייניקטע בין איך אַן אויסנאַם... יעדער אומגליק האָט דאָך אַ גרענעץ, יעדע האָפענונג — אַ טאָג פון דערפילונג, נאָר מיין גלות האָט ניט קיין שיעור, ער ווערט אַלץ לענגער און וואַקסט אָן אַ סוף.

1 דער רבנות-סכסוך איז זייער רייך אין פּרטים, וואָס האָבן אַ גרויסן אינטערעס פאַר דעם קולטורעלן מצב פון יענער צייט (באַשריבן אין דעם „ספר הקבלה" פון ר' אברהם בן דאוד), וועגן דעם נאָמען שטנאַש (פון די צוויי ווערטער „שום אֱנוֹש) זע „מאָנאַטשריפט" 1923, I—III, 59.

„שטיי־אויף און זע: גרויס איז אַ צאָל זיינען אונזערע פיינד — פּישטאַ ווי זיך צו באַהאַלטן, ווו שוץ צו געפינען! ווער קאָן עס צוזען, ווי אייגענע קינדער ווערן געשאָכטן — און נישט האָבן אויף זיי קיין רחמנות און ניט קומען זיי צו הילף?.. אַלמעכטיקער אין הימל! דו ביסט דאָך אונזער פאָטער, — פאַרוואָס־זשע זיינען מיר צו יתומים געגליכן? דו ביזט דאָך אונזער איינציקער, — ווער אויסער דיר קאָן אונז העלפן אין אונזער נויט? ביי וועמען אויסער דיר קאָנען מיר שוץ געפינען? מיר זיינען דאָך דיין פאָלק, דיינע שוצלאָזע שאָף! פאַרלאָז־זשע אונז ניט ביי די פרעמדע אין די הענט! דיין גענאָד און דער־באַרעמען אַנטפּלעק אונז היינט אינם טאָג פון רחמים!"

בן־אָביתר געהערט נאָך, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, צו דער אַלטער שול. ער האָט געשריבן אינם נוסח פון אליעזר הקליר מיט האַרבע מישונהדיקע ווערטער, וואָס ווילן ניט וויסן פון גראַמאַטישע כּללים און געזעצן. אַ רעליגיעזער פּייטן איז בן־אביתר געווען, האָט געשריבן אויס־שליסלעך פּיוטים און תּפילות, זיך ניט פאַרנומען מיט דברי חול. דער אמתער אָנהייבער פון אַ נייער תּקופה, דער פאָטער פון דער וועלט־לעכער פּאָעזיע ביי יידן אין מיטלאַלטער איז געווען דער באַרימטער שמואל הנגיד אָבן נַגדילה, איינע פון די מערקווירדיקסטע און אינטערעסאַנטסטע געשטאַלטן פונם שפּאַנישן מיטלאַלטער.

שמואל הנגיד איז דערצויגן געווען אין איינער פון די ישיבות, וואָס שפּרוט האָט געגרינדעט אין שפּאַניע, אונטער דער אויבער־השגחה פון די רבנים ר' משה און זיין זון ר' חנוך, וואָס זיינען געקומען פון בבל און געלייגט אין שפּאַניע דעם ערשטן יסוד פון חָכְמַת התלמוד און הכמת היַהֲדוּת. און שמואל איז געווען די ערשטע צייטיקע פרוכט, וואָס די דאָזיקע ישיבות האָבן אויפגעצויגן. ער איז געווען דער ערשטער בָּקי אין ים התלמוד, דער גאון בישראל, וואָס איז אויפגעוואַקסן אויף שפּאַ־נישן באָדן. אינם יאָר 1027 איז שמואל אָנערקענט געוואָרן פאַרן רב הכולל [1], פאַרן גייסטיקן ראש פונם שפּאַנישן יידנטום, און אַז איז צען יאָר אַרום איז געשטאָרבן דער לעצטער גרויסער גאון אין בבל, רַב האי, איז ער, דער רב הכולל און ראש פון די שפּאַנישע ישיבות [2], פאַקטיש געווען דער גייסטיקער יורש פון די גאונים אין בבל. בעת נאָך רַב הַאיס טויט איז דער קוואַל פון תלמודישן וויסן אין בבל פאַרטריקנט געוואָרן [3],

---

1 זע: סעדיה אָבן דאנו אין „חמדה גנוזה", 29; ראב"ד — „סדר הקבלה".

2 שלמה גבירול רופט ר' שמואלן אין איינעם פון זיינע, דורך אוגז פאַרעפנט־לעכטע לידער „ראש ישיבה" (קראָום שמואל ראש ישיבה).

3 די ישיבה אין סורא האָט זיך פאַרמאַכט אין 1034 און אין פומבדיתא — אין 1040.

זיינען די ישיבות אין ווייטן מערב אונטער דער השגחה פון ר' שמואל געוואָרן דער נייער לעבעדיקער קוואַל, וואָס האָט דערפרישט און באַפרוכפּערט דאָס פעלד פון יידישן וויסן. זיין „מבוא התלמוד", אין וועלכן ר' שמואל האָט געפּרוווט ברענגען אין אַ סדר דעם ריזיקן מאַטעריאַל, וואָס איז צונויפגעזאַמלט אינם ים התלמוד, איז אָנגענומען געוואָרן בכל תפוצות ישראל, און עד היום ווערט דער תלמודישער טעקסט געדרוקט צוזאַמען מיט די וויסנשאַפטלעכע הערות פון דעם באַרימטן שפּאַנישן רב [1].

ר' שמואל האָט זיך אָבער אָפּגעגעבן ניט נאָר מיט הלכות התלמוד, „באַשעפטיק זיך פּלייסיק מיט וועלטלעכע ביכער, — פּלעגט ר' שמואל זאָגן, — זיי וועלן זיין דיינע נוצלעכע וועגווייזער אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן" [2], און ר' שמואל איז געווען ניט נאָר אַ נָאֶה דוֹרֵשׁ, נאָר אויך אַ נָאֶה מְקַיֵּם. דער דאָזיקער רב איז געווען אַן ערשטקלאַסישער געלערנטער פון פּילזייטיקן, ממש ענציקלאָפּעדישן וויסן, אַ גאוניִשער שפּראַך־פאָרשער, וואָס האָט מיט פולן רעכט געהאַט דעם מוט זיך אַריינצולאָזן אין לאַנגן וויסנשאַפטלעכן ויכוח מיטן גרעסטן יידישן פילאָלאָג אָבן גַ'נַאח [3]. דאָס איז געווען אַ געראַנגל צווישן צוויי ריזן, גלייך אין קראַפט און באַדייטונג. און די מומחים פילאָלאָגן זיינען מסכים, אַז ר' שמואלס הויפּטווערק, זיין ביבל־ווערטערבוך „כתאב אל־אסתאגהאנא" (ספר העושר) [4] איז ניט מינדער אין באַדייטונג און וויסנשאַפטלעכן ווערט, ווי גַ'נַאחס מייסטערווערק „כתאב אל תנקיח".

דאָס דאָזיקע ריזיקע תנך־ווערטערבוך, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי און צוואַנציק חלקים, האָט פאַרפאַסט אַ מענטש, וואָס איז נישט געזעסן כל ימיו באהלה של תורה, נישט אַ פאַך־געלערנטער, וואָס אינטערעסירט זיך אויסשליסלעך מיט וויסנשאַפטלעכע פראַגן, — נאָר אַ שטאַטסמאַן און פּאָליטיקער, אַ איש־מלחמה, וואָס האָט זיך אויפן שלאַכט־פעלד געפילט אַזוי היימיש, ווי אין דער ישיבה. ניט נאָר אין דער געשיכטע פון יידישער וויסנשאַפט האָט שמואל אָבן נַגדילה זיין

1 ר' שמואל האָט אויך געמאַכט אַ פּירוש צום תלמוד אונטער דעם נאָמען „הלכתא גברוותא".

2 הנה הרבה בספרי חוץ ותמצא אשר יכשר עשהו בשערים.

3 באַריכות וועגן דעם זעז ה. באַכער אין זיין פאָררעדע צום „ספר השרשים" XV—XVII, און אין קאָקאָווצעווס ציטירטן ווערק, 77—87.

4 באַריכות וועגן דעם דאָזיקן ריזנווערק און בכלל וועגן שמואל הנגיד אַלס שפּראַכפאָרשער זע: П. Коковцев, Новые материалы етс. S. Posnasky — Revue d. et. juives, 58, 183, 188.

נאָמען איינגעקריצט, נאָר אויך אין דער געשיכטע פון מוסלמענישן שפּאַניע [1]. אַ פּשוטער קרעמער איז ער געווען אין די יונגע יאָרן, נאָר אַ דאַנק זיינע גאונישע פעיִקייטן האָט ער דערגרייכט די העכסטע שטופן פון מלוכה-מאַכט. אַלס ערשטער מיניסטער (וויזיר) ביי די קאַליפן פון גראַנאַדע, חַאבּוּס און זיין זון באַדיס, איז דער יידישער רב און ראש ישיבה פּאַקטיש געשטאַנען אין משך פון צענדליקער יאָרן בּראש פון דער גראַנאַדער מלוכה [2].

און דער דאָזיקער רב און שטאַטסמאַן, קונציקער דיפּלאָמאַט און געלערנטער שפּראַך-פאָרשער, איז אויך געווען דער באַגרינדער פון וועלטלעכער יידישער פּאָעזיע. דער געשיכטס-שרייבער ר א ב "ד (ר' אברהם בן דַאוּד), וואָס דערציילט אין זיין „ספר הקבלה" אינטערע-סאַנטע פּרטים וועגן שמואל הנגידס לעבּן, איז מוסיף: „אין די טעג פון חסדאי האָבּן די יידישע זינגער קוים אָנגעפאַנגען זייער קול צו באַווייזן, אָבער אין שמואלס צייטן האָט שוין זייער שטימע הויך געקלונגען" [3]. דער דיכטער משה אִבּן עזרא רעדט אין זיין אַראַבּישן ווערק איבּער פּאָעזיע און מעטריק „כּתאב אַלמחאצרה" מיט גרויס התפּעלות וועגן שמואל הנגיד אַלס פאַרפאַסער פון דריי פּאָעטישע זאַמל-ווערק: „בּן-תהִלים", „בּן-משלי" און „בּן-קהֹלת". בּיז דער לעצטער צייט זיינען געווען בּאַקאַנט נאָר עטלעכע קליינע שִׁיוּרים (פראַגמענטן) פון שמואל הנגידס „בּן-משלי". די דאָזיקע קליינע רעשטלעך האָבּן ניט געקאָנט געבּן קיין דיכטיקן בּאַגריף פון שמואלס פּאָעטישן טאַלענט, און מען האָט זיך דער-פאַר אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף איין און איינציקן פערז, וואָס מ ש ה אִ בּ ן ע ז ר א האָט אַגב אורחא געבּראַכט אין שלמה גבירולס נאָמען: קאַלט ווי דער שניי פונם חֶרמון אָדער ווי שמוּאל דעם לֵוִים אַ שיר [4].

צוריק מיט אַ יאָר פערציק האָט אָבּער דער באַקאַנטער געלערנטער א ב ר ה ם א ל י ה ו הַ ר כַּ ב י געפונען צווישן די אַלטע כּתבי-יד אין פּעטערבּורגער בּיבּליאָטעק צענדליק עטלעכע שירים פון שמואלס „בּן-

1 אויף דער וויכטיקער ראָלע פון שמואל הנגיד אַלס שפּאַנישער שטאַטסמאַן האָט דער ער-שטער אָנגעוויזן ד אָ ז י (Dozy) אין זיין גרויסן ווערק: Histoire des mussulmans d'Espagne.

2 שמואל הנגיד איז געבּאָרן אין קאָרדאָווע אין יאָר 982, געשטאָרבּן אין גראַ-נאַדע אין יאָר 1055.

3 „בימי חסדאי הנשיא התחילו לצפצף ובימי ר' שמואל הנגיד נתנו קול.

4 וְצָנְתָה כמו שלג שניר — או כמו שירת שמוּאל הקהתי. אין איינעם פון די פראַגמענטן פון אִבּן גבירולס ד י ו ו אַ ן, וואָס מיר האָבּן באַשריבּן, געפינט זיך דער דאָזיקער פערז מיט אַ קליינער ענדערונג: „ומימיה כמו שלג שניר — או כמו שירת שמואל הקהתי". זע אונזער אַרטיקל אין: Еврейская Мысль, I, 18.

תהלים״ [1]. און ערשט דעמאָלט האָט מען זיך איבערצייגט, אַז די גע־לערנטע זיינען באַגאַנגען אַ פעלער, בעת זיי האָבן זיך פאַרלאָזן אויפן פּסק־דין פון איין־איינציקן פערז, אַרויסגעריסן פון אַ גאַנצן ליד, וואָס איז פאַרלאָרן געגאַנגען און ס׳איז דערפאַר שווער צו וויסן דעם אמתן פשט [2].

„בן־משלי״ איז געשריבן אין באַזונדערע צוויי־צײַליקע סטראָפן; אין יעדן אַזאַ טאָפּל־פערז האָט דער יידישער שטאַטסמאַן און געלערנטער אַרויסגעזאָגט אַ באַשטימטן געדאַנק אָדער אַ ספּעציעלע סענטענץ פון מוסר און דרך־ארץ [3]. שמואל הנגיד, וואָס האָט דורך שווערער מי און ענערגישן פלייס זיך דערהייבן צו די העכסטע מַדרֵגות פון מאַכט, ווייזט אָן אין זיין „בן־מִשלי״: „זאָג ניט, מיין ברודער, מנוחה איז דאָס בעסטע אין דער וועלט! געדענק, אַז דאָס איז דער וועג, וואָס פירט צו קנעכט־שאַפט און אונטערטעניקייט. צום טראָן פון הערשאַפט און מאַכט פירן דעם מענטשן די שטאַפּלען פון שווערער אַרבעט און מי [4]. „מיר זעען ניט זעלטן — זאָגט שמואל הנגיד — סַגי נָהורם, וואָס זייער הארץ איז פול מיט שוואַרצאַפּלען, און מענטשן מיט געזונטע אויגן, וואָס זיינען ווי בלינד, וואָרום ס׳זיינען אויגן פאַראַנען, וואָס זעען ניט, דאָס הארץ אָבער — דאָס דערפילט און אַנטפּלעקט די פאַרבאָרגנסטע סודות״ [5].

---

1 הַרכָּבי האָט די דאָזיקע שירים, צוזאַמען מיט די פריער באַקאַנטע, פאַרעפנטלעכט אין אַ באַזונדערן ווערק „זכרון לראשונים״ 1879. מיט דער צייט האָבן הרכּבי און אַנדערע געלערנטע געפונען נאָך אייניקע אומבאַקאַנטע שירים פון שמואל הנגיד, און אינם יאָר 1910 זיינען זיי אויפסניי איבערגעדרוקט געוואָרן אונטער דער רעדאַקציע פון ח י י ם ב ר אָ ד י. ערשט ניט לאַנג האָט ד ו ד י ָ ל י ן מודיע געווען („מדעי היהדות״, I, 1926, ז׳ 153), אַז ביי זיין קרוב ד ו ד ש ו ש ן אין לאָנדאָן געפינט זיך אַ מאַנוסקריפט פון הנגידס אַלע פּאָעטישע ווערק, צווישן זיי אויך דער „בן־קהלת״, וואָס מען האָט ביז דער לעצטער צייט גערעכנט, אַז ער איז אינגאַנצן פאַרלאָרן געגאַנגען.

2 אַגב האָבן אין דער לעצטער צייט בראָדי און דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות אַנטדעקט אין אַלטע כּתבֿ־יָדן אַ גרויס לויב־ליד פון שלמה אִבן גבירול, וואו ער רעדט מיט גרויס התפּעלות וועגן שמואל הנגידס פּאָעטישן טאַלענט (זע אויך קויפמאַן אין „מאָנאַטסשריפט״ 1899, 310).

3 גענויערע פּרטים וועגן דעם פּלאַן פון דעם גאַנצן ספר זע: ד. יָלין אין „מאָנאַטשריפט״ 1912, 721—728.

4 אֱמוֹר מַה טוֹב לָךְ, אָחִי כּה שָׁכֵם? והוא דרך נתיבה אל כניעה, ולא יעלה אלי כסא שררה אנוש כי אם עלי מעלת יגיעה.

5 „אנוש! העולם הזה עִוֵּר ולבו מלא בבות, ופִּקֵּחַ — כְּעִוֵּר, ויש אישון ולא יראה, ולבב שני סודות ונפלאות יְחַוֶּר״.

„דרײַ זיינען פאַראַן, צו וועלכע דו דאַרפסט שטענדיק ריידן ווייך און געלאַסן, ווען זיי ענטפערן דיר אַפילו אויפגערעגט און מיט עזות: צום מלך, וואָס הערשט איבער דיר, צו אַ שווער קראַנקן און צו אַ פרוי [1]. דער רעגן גיט לעבן דער ערד, גייט ער אָבער צו פיל — טויט ער דאָס, וואָס ער האָט באַשאָנקן מיט לעבן; נאָך דעם קוואַל פון חכמה און וויסן — דעם דאַרף מען ניט מעסטן און וועגן: ער איז שטענדיק דער טרעגער פון לעבן" [2].

די קלוגע, אָבער קאַלט־געלאַסענע פעדאַנטישע סטראָפן פון „בן־משלי" [3] קאָנען נאַטירלעך ניט געבן אַן אמתן באַגריף פון שמואל הנגידס פּאָעטישן טאַלענט. זיין טאַלענט אַנטפּלעקט זיך ערשט אין זיינע לידער, וואָס הַרַבֵּי האָט פאַרעפנטלעכט. אין דער, פון דער נאַטור געבענטשטער שפּאַניע, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, האָט רייך אויפגעבליט די אַראַבישע פּאָעזיע. פרייַ און שטורמיש האָט דאָרטן דערשאַלט דאָס פריילעכע ווײַן־ליד; באַרוישט און פאַרשיכורט האָבן די הייסע, לעבעדיקע לידער פון גיריקער ליבע און דאָרשטיקער לוסט. די אַראַבישע זינגער און דיכטער האָבן זיך געפלייסט איינער פאַרן אַנדערן, געבלענדט מיט די רייכסטע פינקלדיקע פאַרבן פונם הייסן מזרח אין זייערע לויב־לידער, די אַזוי־גערופענע „קאַסידן", אין וועלכע זיי פלעגן באַזינגען זייערע מעצענאַטן, די מושלים און שררות. ביים רייכן טיש, אין פאַר־שיכורטקייט פון בשמים און רוישנדיקן שטאַרקן ווײַן, זיינען ווי שפּיציקע פיילן געפלויגן פיינגעשליפענע וויצן, קונציקע, שאַרפזיניקע רעטענישן, בייסנדיקע עפּיגראַמען... דער יידישער וויזיר, דער גרויסער פאַרשער און ליבהאָבער פון דער העברעיִשער שפּראַך, האָט געשטרעבט דערצו, אַז די אַלע פילפאַרביקע טענער פונם רַעשדיקן לעבן זאָלן דערשאַלן אויך אויף דער אַלטער הייליקער שפּראַך פון תהילים און שיר־השירים, פון עמוס און ישעיה. און ער גופא זינגט ווײַן־לידער, לאַדט־איין זיינע פריינד, זיי זאָלן „טרינקען פון בעכער, טרינקען פון קרוגן הן בייטאָג הן ביינאַכט" [4]; שיקט אויך לויבלידער זיינע פריינד און חברים, און

1 בדרך בך תדבר אל שלשה יאם ענו לך עַזוּת וקשה: אלי מלך בך ישלוט, ואל איש, אשר חָלה חָלִי כבד, ואשה.

2 גשמים את פני ארץ מְחַיִּים, ואם ירבו — ימיתון מה יחיו. וגשמי פִּי חכמים אם מעטים ואם רבים להחיות יָאֳתָיו.

3 לויט דעם ערשטן קאַפּיטל, וואָס יעלין האָט ערשט נים לאַנג פאַרעפנטלעכט פון דעם „בן־קהלת", קאָן מען זיך משער זיין, אַז דאָס לעצטע ווערק איז אין דער פאָרם נאָך ענלעך צום „בן־משלי", נאָר רייכער פון אים אין פּאָעטישע בילדער.

4 קוּמָה שְׁתֵה בְּכוֹס וָשׁוּב וּשְׁתֵה בְּכַד וּבְלֵיל וּבְיוֹמָם.

שרייבט קלאגלידער נאכן טויט פון גרויסע באדייטנדיקע מענער, ווי רב האי גאון און אנד.; נאר דאך בעסטע און אריגינעלסטע, וואס ס'איז געבליבן פון שמואל הנגידס ליטעראַרישער ירושה — דאס זיינען זיינע נצחנישע קאמפס-לידער, וואס ער האט פארפאסט אויפן שלאכט-פעלד.

די מלוכה פון גראנאדע בכלל און איר יידישער וויזיר בפרט האבן געהאט א סך שונאים אין די שכנישע אראבישע מלוכות. דער חייל פון גראנאדע האט אונטער דער אויבערהערשאפט פון שמואל הנגיד געפירט אפטע מלחמות; ניט זעלטן איז שמואלס חייל געווען ארומגערינגלט פון אלע זייטן, נאר דעם קונציקן און קאלטבלוטיקן קריגספירער איז שטענדיק געראטן ארויסצוהעלפן זיין חייל פון געפאר און אים ברענגען צום גלענצנדיקן נצחון. אט די גרויסע און שיינע נצחונות האט דער העלדישער יידישער וויזיר באזונגען אין העברעישע לידער. נאך א הפסקה פון אזוי פיל דורות האבן זיך ווידער דערהערט יידישע קאמפס-לידער פון נצחון און פרייד, וואס דערהייבן זייער לויב און דאנק צום יידישן גאט פון מלחמה, דעם שטארקן באשיצער אויפן פעלד פון דער בלוטיקער שלאכט. שמואלס וויין-לידער זיינען צו האלפעריק און שווערוואגיק, אבער זיינע לויב-און קאמפס-לידער זיינען דורכגעדרונגען מיט פייערדיקער התלהבות, מיט הייסן ברענענדיקן פלאם פון שטארקע באוישנדיקע געפילן. עס שמעקט אין זיי צייטנווייז מיט בלוט, עס הערט זיך אין זיי דער פאטאס פון אלטע ביבלישע צייטן, דער גוואלדיקער נצחנישער געשריי פון דוד המלכס דור מיט זיינע העלדן און גבורים.

באזונדערס כאראקטעריסטיש איז דאס גרויסע לויבליד, אין וועלכן שמואל הנגיד האט באזונגען זיין גרויסן נצחון איבער דעם חייל פון זיין פארביטערטן שונא, אבן-עבאס. דאס לויבליד הייבט זיך אן מיט א שבח און לויב דעם „גאט פון גבורה, דעם גאט פון גוואלדיקער נקמה, דעם גאט, וואס שטייט העכער פון אלע תהלות ותשבחות". באלד גייט אבער דאס שטורמישע לויבליד איבער אין א שטילן תפילה-נוסח, און עס דערהערט זיך א געבעט פול מיט בטחון צו גאט פון רחמנות, וואס נעמט זיך אן פאר דאס אומשולדיק בלוט, וואס ווערט פארגאסן, און איז א זיכערער באשיצער און א גומל חסד פאר די, וואס האלטן טייער די הייליקע תורה [1]. תיכף נאך דער הארציקער תפילה בייט זיך ווידער דער טאן: אינם גאטספארכטיקן מאן דערוועקט זיך דער קריגסמאן, וואס האט אקארשט זיין געפערלעכן שונא בייגעקומען, און ער דערציילט

---

1 ויש פוצה ויש דורש דמי דל, ויש גומל ויש שכר לתורת.

מיט באַגייסטערונג, באַטרונקען פון נצחון, די בלוטיקע פרטים פון דער הארטנעקיקער מלחמה: „זייערע גרויסע און שטאַרקע זיינען אויפן שלאַכט־פעלד געלעגן אויפגעבלאָזן ווי די בלאָזזעק און די שוואַנגערע פרויען. אַלע צוזאַמען זיינען זיי געלעגן: די קנעכט און די האַרן, די פירשטן מיט די דינער אינאיינעם. אויך זייער מלך, דער נייער אגג — ווי מיסט האָבן זיי זיך אַלע אויף די פעלדער געוואַלגערט און זיינען צו קבורה ניט געקומען. געראַטעוועט האָט זיך נאָר איינער פון טויזנט, ווי איינציקע טרויבן אין אַ פאַרלאָזענעם וויינגאָרטן. אויסגעמעקט איז עמלקס זכר פונם שפּאַנישן לאַנד, זיין חייל צעזייט, די מלוכה צעשטערט...

„די הרוגים האָבן מיר פאַר די שאַקאַלן געלאָזן, פאַר לעמפּערטן און ווילדע חזירים; זייער פלייש האָבן מיר אַ מתנה געגעבן די וועלף פון די וועלדער און די פויגל פון הימל. און גרויס איז געווען די סעודה, איבערזאַט זיינען אַלע געוואָרן. איבער אַלע שטרויכן און דערנער האָט מען זייערע גלידער געשלעפּט, די לעוויָנען האָבן מיט זיי זייערע קינדער געשטילט... גרויס און רייך איז געווען די סעודה געגרייט, און זאַט זיינען אַלע געווען, פאַרשיכּורט פון בלוט אָן אַ שיעור. די היענעס האָבן זייערע פּראַהאָדן געפירט און די נאַכט האָבן באַטויבט די בַּת־הַיְענות־געשרייען...

„און מיר האָבן זייער לאַנד איינגענומען די פעסטונגען, טורעמס צעשטערט, דערפער און שטעט אונטעריאָכט און מיט געוואַלט די רעזי־דענץ־שטאָט באַצוווּנגען" — — —

אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז אַ צווייטער שונא אויפגעשטאַנען, דער קאַליף פון סעווילע, און שמואל מיט זיין חייל איז געווען אַרומגערינגלט פונם פיינד. דער פרומער רָב און איש־מלחמה, שמואל הנגיד, האָט אין דעם קריטישן מאָמענט דערהייבן אַ קורצע, אָבער האַרציקע תפילה צו גאָט:

„דו זעסט, איך בין אין גרויסער נויט, — דערהער־זשע מיין געבעט! אין טיפן אָפּגרונד בין איך געשטירצט, איבערן קאָפּ שטייגט דאָס גע־וויסער, — שטרעק אויס די האַנט פון הילף! פלאַמענדיק פייער לאָדערט אונטער מיינע טריט, — ראַטעווע מיך! פון דער גרויסער געפאַר איז פאַרשטומט מיין צונג, און געשלאָסן זיינען מיינע לעפצן. אָפן זיינען אָבער פאַר דיר אַלע הערצער, — אייל־זשע מיר צו הילף!"

שמואל האָט אויך אין דער מלחמה מנצח געווען. דער ראש פונם שונאס חייל, אָבן עבאַד, איז געהַרגעט געוואָרן און זיין גאַנצע אַרמיי — צעשלאָגן. שמואל הנגיד, פאַרשיכּורט פון נצחון, האָט דעמאָלט אַ לויבליד געזונגען, וואָס ער גופא האָט עס אָנגערופן אַ „גרויס און

שטאַרק דאַנקליד גאָט דעם אַלמעכטיקן און זיינע וווּנדערבאַרע מעשים"[1]. אין שטאַרקע, ווי פון שטאָל געגאָסענע סטראָפן, באַזינגט ער דעם נצחון פון זיינע קריגסלייט, ווי זיי האָבן דעם שונא בייגעקומען און מיט גרויס רויב פונם שלאַכטפעלד צוריקגעקערט[2].

„דעם האַר פונם טויט האָב איך מיט מיינע אויגן געזען, ער האָט זיך איבער דעם שלאַכטפעלד געטראָגן, און ווי שטרוי זיינען די קריגער געפאַלן... די שטאַרקסטע און גרעסטע האָב איך אין קייטן געזען, מיט שטריק האָט מען זיי איבער די וועגן געשלעפּט — — — איך האָב מער ניט געקאָנט צוזען די אַלע דערשלאָגענע און זייערע שלעגער, עס עקלט פון פיל בלוט און פון די בערג הרוגים — — —"[3].

אין אַ קורצער צייט אַרום (אינם יאָר 1042) איז קעגן גראַנאַדע אַרויסגעטרעטן אַ שטאַרקע פאַראייניקטע אַרמיי פון צוויי שכנותדיקע מלוכות. פאַר דער שלאַכט האָט שמואל הנגיד געשיקט פאַר אַן אָנדענק אַ שיין אָפּשיידס־ליד זיין איינציקן זון יוסף ן. נאָכדעם אָבער ווי ער האָט אויך אין דער מלחמה גובר געווען, האָט ער גלייך דורך אַ טויבן־פּאָסט אָנגעזאָגט דעם זון די פרייערלעכע בשורה: „אַ טויב שיק איך צו דיר — זי זאָגט דיר אָן די בשורה. שטום איז איר צונג, נאָר אַ צעטעלע טראָגט איר פליגל; גלייך פליט זי צו יוספס הויז, — ער וועט איר שטים דערקענען; אויף זיין האַנט וועט זי זיך זעצן, ער וועט זי מיט ליבשאַפט גלעטן, דאָס צעטעלע וועט ער אָפּבינדן און אַזוי וועט ער דאָרט לייענען: „מיין זון, זיי וויסן, צעלאָפן איז די פאַרשאָלטענע באַנדע, איבער אַלע בערג איז זי צעשפּרייט, ווי שפּריַי פונם ווינט געטראָגן!"[4].

1 תהלה היא גדולה והדורה לאל הדור ומפעליו גדולים.

2 „זכרון לראשונים", 61.

3 ונלאֵיתי ראות מַכִּים ומֻכִּים — מגוללים בדם נפש טבולים.

4 שלום יונה מבשרת — ואם היא לא מספרת — באגרת קטנה אל כנפיה מחוברת — זעת תגע לבית יוסף — תצפצף על מרום קרת — ועת תרד עֲלֵי ידיו — ישחק בת כְּצִפֹּרֶת — ויתיר את כנפיה — וכה יקרא באגרת: „בני, דע כי כבר ברחה — עדת קמים מאוררת — ונפוצה עֲלֵי הרים — כמוץ חלקה מסוערת".

צווייטער קאַפּיטל

שמואל הנגידס קולטור־היסטאָרישע באַדייטונג. שלמה אבן גבירול. — זיין דורשט נאָך וויסן אין די יונגע יאָרן. — דער דיכטער־שטאָלץ. — דעם דיכטערס קרענק און מרה־שחורה. — זיין פריינדשאַפט מיט יקותיאל הנגיד. — זיינע טרויער־לידער. — דעם דיכטערס איינזאַמקייט און די שנאה פון דער סביבה. — דער דיכטער אין גלות. — אבן־גבירולס וועלט־אָנשויאונג. — זיינע פּיוטים. — די נאַציאָנאַלע שטימונגען אין גבירולס פּאָעזיע — אבן־גבירול אַלס דענקער. — זיין „מקור חיים" און „כּתר־מלכות". די מעטרישע פאָרמען אין אבן גבירולס דיכטונגען.

שמואל הנגיד האָט מיט זיין אומגעוויינלעך־פילזייטיקער פּערזענ־לעכקייט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אויף זיין דור. די דיכטער פון יענער צייט האָבן אין אַ סך לידער באַזונגען דעם וואונדערבאַרן יידישן נשיא, וואָס איז אין איין און דער זעלביקער צייט געווען ראש־ישיבה און קריגספירער, דיכטער און געלערנטער. איין דיכטער, יוסף בן חסדאי, האָט זיך קונה שם געווען און איז פאַרבליבן אין דער ליטע־ראַטור־געשיכטע אויסשליסלעך צוליב זיין „שירה יתומה", אַ לויבגעזאַנג לכּבוד דעם וויזיר פון גראַנאַדע. דער דיכטער פאַרזיכערט, אַז אַלע סודות פון חכמה האָט ער, שמואל, דערגרייכט. גרויס ווי דער ים איז זיין פאַרשטאַנד, די ברייטקייט פון זיין הארץ שטייגט איבער די ווייטקייט פון מזרח צו מערב... אַלע מלכים שעפּן פון זיין ליכט און וויסן. קעגן אים זיינען אַלע ראַטגעבער און שטאַטסמענער געגליכן צו שטומע שאָף און נאַרישע אָקסן [1]. אַן אַנדער דיכטער דערקלערט, אַז „שמואל הנגיד שיינט איבער אונזער לאַנד, ווי בשעתו שמואל הנביא אין רמה און מצפה" [2]. שמואל הנגיד, וואָס איז ביי זיינע ברייטע רבנישע

1 והר חכמה עד עמד בסודה — והבינה עד ידע מקומה... וכל מלך לאור פניו יהלך — וכל פנים תכסמו כּלמה, וכל שרים לפניו כשורים — וכל יועץ כרחל נאלמה...

2 שלמה גבירול אין זיין ליד „מי זאת כּמו שחר": לכי אל שמואל שעלה בארצנו — כעלות שמואל ברמה ומצפה. וועגן אַנדערע, פון אונז אַנטדעקטע און פאַרעפנטלעכטע גבירולס לויבלידער, וואו שמואל הנגיד ווערט געגליכן צו אַ „געטלעכער געשטאַלט" (מראותך כמראות אל), זע אונזער פריער ציטירטע אַרבעט אין Еврейская Мысль (איבערגעדרוקט אין „שירי שלמה בן יהודה" 1924, 188).

ידיעות געווען אויך אַ גרויסער בקי אין אַלע וועלטלעכע וויסנשאַפטן פון יענער צייט, האָט געהאַט זייער אַ באַדייטנדיקע קולטורעלע ווירקונג אויף זיין דור, וואָרום זיין אויטאָריטעט האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן צו פאַר=גרעסערן די השפעה פון דער אַראַבישער קולטור אויפן יידישן קיבוץ. און שוין ביי זיין לעבן האָט דאָס שפּאַנישע יידנטום געבאָרן אַ גאוניש פּערזענלעכקייט, וואָס די רייכע יניקה פון דער שכנותדיקער קול=טור האָט געגעבן די פולע מעגלעכקייט געהעריק אויסצונוצן אירע געוואַלטיקע פעיִקייטן און צו ווערן דער גרויסער מייסטער, וואָס שאַפט אומשאַצבאַרע קולטורעלע אוצרות, ניט נאָר פאַר זיין סביבה, נאָר אויך פאַר די קומענדיקע דורות.

שלמה בן יהודה בן גבירול האָט דער דאָזיקער גאון געהייסן, דער ערשטער גרויסער דיכטער און דענקער, וואָס דאָס אייראָ=פּעיִשע יידנטום האָט געבאָרן.

אַ טרויעריקער דיכטער איז שלמה אָבן גבירול געווען, דער ערשטער אייראָפּעיִשער דיכטער, וואָס האָט אין זיין האַרצן געטראָגן דעם טיפן „צער העולם", דעם וועלט=שמערץ, ווי עס הייסט אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור. און טרויעריק און פינסטער איז אויך זיין לעבן געווען. דאָס אומגליק האָט אים געיאָגט ניט נאָר ביים לעבן, נאָר אויך נאָכן טויט: זיין באַרימט פילאָזאָפיש ווערק האָט, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, גע=וואַנדערט אין משך פון לאַנגע דורות איבער דער אייראָפּעיִשער דענקער=וועלט אונטער אַ פרעמדן נאָמען. נאָך טרויעריקער איז געווען דער גורל פון זיין פּאָעטישער ירושה. די לידער=זאַמלונגען [1] פון אַלע איבעריקע באַדייטנדיקע יידישע דיכטער פון יענער תקופה, ווי יהודה הלוי, משה און אברהם אבן עזרא, יהודה אלחריזי א. אנד., זיינען דערגאַנגען צו אונז בשלימות, נאָר שלמה גבירולס ביטערער מזל האָט געטראָגן, וואָס זיין לידער=זאַמלונג איז ניט אויפגעהיט געוואָרן און מיט דער צייט פאַר=לאָרן געגאַנגען; עס איז אַפילו אַ לאַנגע צייט געווען אַ ספק, צי האָט איבערהויפּט אַזאַ „דיוואַן" פון גבירולס לידער עקזיסטירט. ביז צום סוף פונם 19טן יאָרהונדערט זיינען פון גבירולס וועלטלעכע לידער געווען באַקאַנט נאָר קאַרגע צענדליקע, וואָס מ'האָט צופעליק געפונען אין אַלטע כתב=ידן, מייסטנס פאַרשריבן דורך ווייניק געניטע סופרים און אַפּשריי=בערס (קאָפּיסטן), וואָס האָבן מחמת עם=הארצות און ניט געניטקייט אַנגעמאַכט זייער פיל גרייזן, און עס איז אָפט ממש ניט מיגלעך געווען

1 אין דער אַראַביש=שפּאַנישער תקופה האָבן אַזעלכע לידער=זאַמלונגען געטראָגן דעם אַראַבישן נאָמען „דיוואַן".

אַרויסצוגעפינען דעם פשוטן פשט. ערשט אין משך פון די לעצטע יאָרצענטן איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז אין מיטלאַלטער האָט שלמה אבן גבירולס דיוואַן עקזיסטירט אין מערערע אָפּשריפטן. אייניקע רעשטן פון אַזעלכע אָפּשריפטן האָבן די לעצטע צייט אַנטדעקט פאַרשיידענע געלערנטע (הרבּבי, דאַווידזאָן, בראָדי א. אנד.) [1]; אויך דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט געהאַט די זכיה צו אַנטדעקן דריי ביז איצט אומבאַקאַנטע רעשטן פון שלמה גבירולס רייכער ירושה, — ער האָט געפונען אין די אַלטע האַלב-פאַרפוילטע בלעטער אַ פּאָר צענדליק ביז איצט אומבאַקאַנטע שירים פון אונזער גרויסן דיכטער. און אונזער דיכטערס פּאָעטישע יצירות זיינען דער איינציקער זיכערער מקור, וואָס מיר קאָנען פון אים שעפּן וועלכע-ס'איז ידיעות וועגן דעם דיכטערס לעבן. די ווייניקע פּרטים, וואָס געפינען זיך אין אַנדערע מקורים, זיינען מייסטנס לחלוטין פאַלש און מ'קאָן זיך אויף זיי ניט פאַרלאָזן [2].

פון אייניקע שירים זיינע איז געלונגען פעסטצושטעלן, אַז ער איז געבאָרן בערך אין יאָר 1021—22 אין דער שטאָט מאַלאַגע [3]. נאָך קליינערהייט האָט ער זיך באַזעצט אין סאַראַגאָסע און דאָרט זיין יוגנט פאַרבראַכט. דאָס איינציקע, וואָס מיר ווייסן פון זיינע יונגע יאָרן, איז דער גרויסער, ממש אומשטילבאַרער דורשט נאָך וויסן. „ויגעתי בחכמה מנעורי", „והיא היתה אחותי מנעורי", „והנה התבונה אָם לנפשי והחכמה והדעת אחותי" (די פאַרגונפּט איז מיין מוטער און די חכמה און דאָס וויסן — מיין שוועסטער), — דערמאָנט גאַנץ אָפט דער דיכטער [4]. אין איין ליד, וואָס שלמה גבירול האָט פאַרפאַסט אויפן 17טן יאָר פון זיין

---

1. מער באריכות וועגן דעם זע אונזער פריער ציטירטע אַרבעט.

2. צום ביישפּיל: סעדיה אָבן דַאנַזן דערציילט (חמדה גנוזה 25), אַז שלמה גבירול איז געווען אַ תּלמיד פונם באַרימטן גאון ר' נ י ס י ם. יענער האָט אָבער געלעבט אין אַפריקע און האָט נאָר אַ גאַנץ קורצע צייט פאַרבראַכט אין גראַנאַדע. שלמה גבירול איז אָבער געקומען קיין גראַנאַדע, ווען ער איז שוין אַלט געווען 24 יאָר און האָט שוין געשטאַנען פאַר אַ גדול בישראל. דעמאָלט האָט ער זיך ווירקלעך באַקאַנט מיטן גאון ר' ניסים און לכבוד אים פאַרפאַסט דעם שיר „שאלתם על לבבי" (פאַרעפנטלעכט אין ח. בראָדיס „שַער הַשיר" און איבערגעדרוקט אין „שירי שלמה ג' גבירול 1924, 81).

3. דערפאַר זיינען אַ סך רעליגיעזע פיוטים זיינע געחתמעט: ש ל מ ה מ ל ק ו (אַזוי האָט אין אַמאָליקע יאָרן געהייסן ביי יידן די שטאָט מאַלאַגע). ש. זאַקס'ס אָנווייזונג, אַז גבירול פלעגט זיך אויך חתמען ש ל מ ה מ ל ק, איז אַ בלויזער טעות, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אין אונזער רוסישער אויסגאַבע ז. 22.

4. איינס פון זיינע נאָך ניט פאַרעפנטלעכטע יוגנט-געדיכטן פאַרענדיקט זיך מיט דער סטראָפע: „וְלָבַשְתִּי לבוש חכמה ומוסר והדעת אזרני רדידו" (די קליידער פון חכמה און מוסר טו איך טראָגן און וויסן האָט מיך מיט זיין שלייער באַצירט).

Montreal

לעבן, ווערט דערציילט, ווי אזוי א נאָענטער חבר שטראָפט דעם יונגן דיכטער:

„פארלאנג נישט צופיל, מיין פריינד, — ניט אלץ קאָן מען דער־גרייכן. דעם מענטשנס לעבן איז דאָך אזוי קורץ: אָט פלאנצסטו א וויינ־גאָרטן, — ביזטו דען זיכער, אז ס׳וועט דיר געלינגען זיין זאפט צו גע־ניסן, איידער דו וועסט מיט דער וועלט זיך צעשיידן? און דו שטרעבסט דעם העכסטן שפיץ פון דער חכמה דערגרייכן, איַלסט בארג ארויף געשווינט ווי א הירש, לויפסט שנעל, ווי א רייטער איבער דעם טאָל אין דער נידער? דו שטרעבסט אין דער הייך צו די הימלען, אהין, וווּ קיין אָדלער האָט נאָך ניט דערגרייכט מיט זיינע מעכטיקע פליגל און קיין מענטשלעכער פוס האָט נאָך ניט געטראָטן? דו ווילסט זיך גלייכן צו די פרייע פייגלען אין מדבר — און דיין גורל איז דאָך צו זיין נאָר דער עזאזל פון מדבר! טרעט אָפּ פון די וועגן פון חכמה, שטרעב ניט צו דעם, וואָס דו קאָנסט ניט דערגרייכן...״

שטאָלץ ענטפערט דער דיכטער דערויף:

„דאָס שענסטע און דאָס טייערסטע אין דער וועלט איז דאָך פאָרשן און וויסן! ווי געהאַסט וואָלט איך מיך אליין, ווען איך זאָל אין דער חכמה פארגעסן און ווי א נישטיקער וואָרעם קריכן נאָך די ער־דישע תאוות און קנעכטיש געניסן פון לעבן. ניין, מיין פריינד! ווי די לבנה באגלייט אומדערמידלעך די ליכטיקע זון אויפן הימל, אזוי וועל איך ביי דער חכמה פארבלייבן איר שטענדיקער געטרייער באגלייטער. אָך, מיין נישט, מיין פריינד, מיר קויפן די חכמה פאַר קליינגעלט אויף די רעשדיקע געמארקן פון לעבן! מיין נישט, אז דער, וואָס האָט פון קוואַל פון דער חכמה געגאַסן, וועט אויך קריכן אין שטויב און קראַבלען נאָך גיריקע ביסן. די חכמה — זי איז דער ציל און ענדצוועק פון אלע געטלעכע וועגן. זי איז דאָך דער שפיגל און אָפּגלאַנץ פון אייביקן ליכט־קוואַל, זי האָט גאָט אליין מיט זיין אלמאכט באשאפן״ 1.

גבירולס גרויס דיכטעריש טאלענט איז זייער פרי צייטיק געוואָרן און שוין ביי זעכצן יאָר האָט דער נאָמען פון דעם יונגן דיכטער גע־קלונגען אין די ווייטע לענדער. בעת דער גאון רב האַי איז געשטאָרבן

---

1 אינם ליד „בָּחַר מֵהֶחָלִי מִבְחַר שְׁבִיסוֹ״, — צום ערשטן פארעפנטלעכט דורך ש. זַקש אין „ר׳ שלמה גבירול וקצת מבני דורו״, 16—23. א בעסערן און גענויערן טעקסט פון דעם דאָזיקן געדיכט האָבן מיר געפונען אין אַן אלטן כתב־יד אין לענינ־גראַדער ביבליאָטעק (זע אויך די נייע אויסגאַבע פון גבירולס לידער, 1924, I, 45).

(אינם יאָר 1038), האָט מען זיך פון בבל און מצרים געווענדט צו שלמה גבירול, ער זאָל אָנשרייבן אַ הספד [1].

דער דיכטער גופא האָט געפילט און פאַרשטאַנען, אַז ער איז איינער פון די אויסדערוויילטע, פון די יחידי סגולה, און שטאָלץ איז ער מודיע: „איך בין אַ דיכטער און געוועלטיק איבער אַלע פּאָעטישע פאָרמען! איך בין די האַרפע פאַר אַלע שפּילער און זינגער; מיין ליד איז אַ קרוין פאַר מלכים, אַ דיאַדעם פאַר די קעפּ פון אַלע האַרן און פירשטן" [2].

„זייער יונג בין איך נאָך, — דערקלערט גבירול אין אַן אַנדער געדיכט, — ערשט זעכצן יאָר געניס איך די וועלט, און דאָך בין איך דער שטאָלץ און די פרייד פון אַלע הערצער, וואָס לעכצן נאָכן קוואַל פון דער חכמה און אירע פאַרבאָרגענע סודות... מיין ליד קאָן פעלזן צעשפּאַלטן און פון האַרטע שטיינער אַ פרישן קוואַל געבוירן. די טויערן פון וויסן, וואָס זיינען פאַר מיין פאָלק פאַרשלאָסן, שטייען פריי פאַר מיר און אָפן. מיין וועג שטרעבט אין דער הייך צו די הימלען און צווישן די גלענצנדיקע שטערן האָב איך מיין געצעלט אויסגעשפּרייט. מיין וואָרט וועט איינגעקריצט זיין אין זכרון פון אַלע קומענדיקע דורות, און אויף אייביקע צייטן וועט מיין ליד זיין די שטראָף־רוט פאַר אַלע פינסטערע מוחות" [3].

---

1 גבירול האָט רב האיס טויט באַקלאָגט אין פיר שירים. איין שיר „בְּכוּ עַמִּי" איז שוין פון לאַנג באַקאַנט. צוויי אַנדערע: „מי יתבוש נזר בנו יִשַׁי" און „הלא תבכון" האָט הרבּבי פאַרעפנטלעכט, און דעם שיר „נגדעה קרן עדינה" האָבן מיר געפונען אין אַן אַלטן כּתב־יד אין פעטערבורגער ביבליאָטעק און ערשט נים לאַנג פאַרעפנטלעכט אין Еврейская Мысль, I.

2 אֲנִי הַשָּׂר וְהַשִּׁיר לִי לְעֶבֶד,
אֲנִי כִּנּוֹר לְכָל שָׁרִים וְנוֹגְנִים
וְשִׁירִי הוּא עֲטָרָה לַמְּלָכִים
וּמִגְבָּעוֹת בְּרָאשֵׁי הַסְּגָנִים.

3 די דאָזיקע סטראָפן האָבן מיר צום ערשטן געפינען אין אַן אַלטן כּתב־יד אין לענינגראַדער מלוכה־ביבליאָטעק (זע אונזער אַרטיקל אין „Еврейская Мысль" I, 126). אין אַן אַנדער, אויך ערשט נים לאַנג פאַרעפנטלעכטן ליד דערקלערט מיט שטאָלץ דער דיכטער:

כפי חרבי, ובלשוני חניתי,
וּמָגִנִּי וְצִנָּתִי — שְׂפָתִי
וְשִׁירִי על לבב שומעיו כפטיש —
יפוצץ צור, ואריק חמתי
(ביאַליק—ראַבניצקיס נייע אויסגאַבע, III, 1).

אין אַן אַנדער ליד דערציילט דער 17־יעריקער דיכטער מיט גדלות, אַז „אים באַגריסט בבל און מצרים און חֵנם וויל זיך באַקענען מיט אים". „מיר האָט די וועלט איר טיפן סוד אַנטפּלעקט" — זאָגט מיט שטאָלץ דער דיכטער [1]. און אַגב שטרייכט ער אונטער, אַז ער איז בקי אין אַלע וויסנשאַפטן פון יענער צייט און „זיין נשמה איז באַפריינדעט מיט די ליכטיקע שטערן אין הימל".

נאָר אָט פאַר דער דאָזיקער נשמה, וואָס איז געווען „באַפריינדעט מיט די ליכטיקע שטערן אין הימל", האָט די פּשוטע זינדיקע ערד מיט אירע גענוסן און פרייד זייער פרי איר חן אָנגעוואָרן. פאַר דער פריער צייטיקייט האָט דער יונגער דיכטער זייער טייער באַצאָלט. דער שטאַר־קער דורשט נאָך וויסן האָט זייער שעדלעך געווירקט אויף דעם יונגן, נאָך ניט אַנטוויקלטן קערפּער. גרויסע פיזישע ליידן האָט דער דיכטער געמוזט אויסשטיין שוין אין די יונגע יאָרן. אין די לידער, וואָס ער האָט פאַרפאַסט אַלס 16—17 יעריקער ייִנגלינג, זיינען שוין פול מיט האַרצ־רייסנדיקע געשרייען: „די קרענק האָט מיין קערפּער צעשטערט; „איך וועלגער זיך גאַנצע נעכט אויף מיין געלעגער, ווי אויף דערנער און שטעכעדיקע ריטער"; „פאַרפלוכט זאָל זיין די קרענק, וואָס האָט מיין פלייש אויפגעפרעסן" [2]. „אינם אומדערזעטלעכן דורשט נאָך וויסן — קלאָגט זיך דער דיכטער — האָב איך מיין געזונט פאַרלאָרן, ווי אַנדערע אין פלאַם פון דער ליבע" [3]. „אויסגעצערט איז מיין לייב, אַ שוואַכע פליג קאָן אים אויף אירע פליגלען אַוועקטראָגן" [4].

---

1 ועמי לחשה תבל בסודה — כאלו השקתה נפשי אשושה.

2 וְהִנֵּה הָחֳלִי כִּלָּה בְשָׂרִי —
וְהִכְאִיב לֵב וְהִבְהִיל בְּעִיּוּנִים —
וְאֶתְגּוֹלֵל בְּצִירִים עַל יְצוּעַי
כְּמִתְגּוֹלֵל עֲלֵי קוֹצִים וְצִנִּים;
וְהִנֵּה הָחֳלִי כִּלָּה בְשָׂרִי —
חֲמָסִי עַל חֳלִי כִּלָּה שְׁאֵרִי.

(השלח, XXV, 558; איבערגעדרוקט אין ביאַליקס און רבניצקים נייער אויסגאַבע פון גבירולס שירים, I, 51).

אייניקע פאָרשער זיינען זיך משער, אַז גבירול איז געווען קראַנק אויף שווינדזוכט.

3 הֵן מִדְּרוֹשׁ חָכְמָה בְּשָׂרִי נֶאֱכָל — וּבְשַׂר אֲחֵרִים אַהֲבָה אוֹכָלֶת (דוקס, „שירי שלמה", 38; נייע אויסגאַבע, I, 25).

4 וְדַל מֵרֹב חֳלִי עַד כִּי נְשָׂאוֹ זְבוּב קָטֹן בְּאֶחָד מִזְּרוֹעָיו (נייע אויסגאַבע, I, 125).

אומצופרידנקייט און טיפע ספקות האָבן זייער פרי דערוואַכט אינם האַרצן פונם קראַנקן דיכטער. „שִׂפְטֵנִי לְבָבִי מִנְעוּרַי" — שוין פון קינד־הייט אָן טוט מיין האַרץ מיך שטראָפן, — קלאָגט זיך דער זעכצניאָריקער דיכטער. „אַ זעכצניאָריקער און שוין אַזוי אַלט", — זאָגט וועגן זיך דער דיכטער גופא. און ער, דער „זעכצניאַריקער", ווענדעט זיך מיט גרוים זוייטיק צו זיין פאַרשטאַרבענער מוטער: „אַך, ווי צו מיר, וואָס האָסט מיך אויף דער וועלט געבראַכט! ווי גוט וואָלט געווען, זאָלסט אָן עקרה בלייבן!" [1].

שוין אין די יונגע יאָרן איז דער שמייכל אָפּגעשטאָרבן אויף דעם דיכטערס ליפּן; פרי האָט זיך זיין ליד אין מרה שחורה איינגעהילט; אומבאַקאַנט איז אים דאָס געזאַנג פון ליבע געבליבן, — דער גרויסער טרויער האָט עס פאַרטריבן [2].

„די נשמה מיינע — קלאָגט זיך דער דיכטער — האָט פאַר מיר די טירן פון טרויער ברייט אויפגעמאַכט, און די טויערן פון יוגנט — פעסט אונטער מיר פאַרשלאָסן!" [3].

דעם דיכטערס גרויסער פאַרשער־גייסט האָט זיך זייער פרי באַ־קאַנט מיטן שאַרפן מעסער פון ספקות און קאַלטן אומבּרחמנותדיקן ביטול. דער דיכטער, וואָס האָט מיט אָדלער־שטאָלץ דערקלערט: „מְגִלַּת שְׁחָקִים עֲצוּרָה בְּלִבִּי" — די גאַנצע וועלט איז אין מיין האַרץ איינ־געשלאָסן [4], — איז שוין פון די יונגע יאָרן אָן געווען פאַרסמט מיטן עקל צו דער נישטיקייט פון דער וועלט און קליינלעכקייט פונם לעבן. דערצו אָבער, — און דאָס איז באַזונדערס וויכטיק אונטערצושטרייכן ביי אַ דיכטער פון טיפן מיטלאַלטער, — טראָגט זיין שמאַרץ־געפיל אַ ריין עולמישן כאַראַקטער, אָן אַ שום רעליגיעזן בייגעשמאַק. און דאָס דערנענטערט אַזוי דעם יונגן גבירולס דיכטונג צו דער מאָדערנער וועלט־אַנשויאונג, און דער היינטיקער אייראָפּעער דערפילט אין די פאַרזאָוּשטע

1 וְאוֹי לִי כִּי יְלִדְתִּנִי, הֲלֹא יוֹם הֱיוֹתֵךְ — טוֹב — כְּמוֹ אִשָּׁה עֲקָרָת.

2 אין דער פּאָעטישער ירושה פון שלמה גבירול איז נישטאָ קיין איין ליבע־ליד. מיר האָבן אַפילו יאָ געפונען אין אַן אַלטן כתב־יד אין לענינגראַדער מלוכה־ביבליאָטעק אַ קליין ליבע־ליד, וואָס טראָגט גבירולס נאָמען. מיר זיינען אָבער זייער מסופק, צי דאָס ליד געהערט הירקלעך אים (זע אונזער אויבן־ציטירטן אַרטיקל).

3 דלתי יגונים פותחה אלי, הֲכִי — דלתי נעורים אחרי נועלת (אינם ליד „לו היתה נפשי").

4 אין דעם צום ערשטן דורך אונז פאַרעפנטלעכטן ליד „שמש מרומים" (זע ביאַליק־ראַבניצקים אויסגאַבע, I, 187).

סטראָפן פונם מאַלאַגער דיכטער פון דעם עלפטן יאָרהונדערט דעם אָפּ־קלאַנג פון זיינע אייגענע שמערצן און ליידן [1].

„דאָס לעבן — קלאָגט זיך דער דיכטער — האָט ווי אַ שלאַנג די טריט מיר געביסן... בכדי די אָדלער זאָלן אין די הימלען ניט פליען, האַקט דאָס לעבן זיי אונטער די פליגלען. אויך איך בין צו אַזאַ אָדלער געגליכן, אויך איך ליג מיט צעבראָכענע פליגלען" [2].

און פול מיט יאוש קלינגט דאָס ליד פונם 17־יאָריקן דיכטער:

„מיין געזאַנג איז אין טרויער געהילט, מיין ליד איז מיט זיפצן דורכ־געדרונגען. דערהער איך פון פרייד און געלעכטער — וויין איך מיט ביטערע טרערן... מיר האָט געזאָגט מיין פריינד: צי פּאַסט ביי זעכצן יאָר באַקלאָגן דעם עקל פון לעבן? און שוין ביי דער יוגנט באַגינען טרויעריק דעם קאָפּ אָנבויגן, ווי די בלאַסע ליליע אונטער די ברענענדיקע שטראַלן?" — אך! פון קינדוויז אָן נאָגט דער טרויער מיין הארץ, און פאַראומערט איז מיין נשמה. דעם סוד פון לעבן האָב איך באַגרייפן געוואָלט, נאָר אומזיסט איז מיין שטרעבן געווען. אומגעשטילט און פאַר־שמאַכט איז מיין גייסט געבליבן!.. מיר זאָגט ווידער מיין פריינד: „צי

---

1 די נישטיקייט פון דער ערדישער חעלט און פונם מענטשנס לעבן איז, אמת, אַ גאַנץ געוויינלעכער מאָטיוו אין דער אַלטער העברעיִשער פּאָעזיע. נאָר ביי אַלע אַנדערע עלטערע דיכטער, אַ חוץ גבירולן, טראָגט דער דאָזיקער מאָטיוו אַ ריין רעליגיעזן כאַראַקטער און שעפּט יניקה פון די פרומען „תשובה"־געפיל. דאָס זיינען פּאַקטיש גיט קיין לידער, נאָר „סליחות", דברי־מוסר איבערגעאַרבעט אין פערזן. עס איז גענוג צו דערמאָנען די דידאַקטישע סטראָפן פון דעם באַקאַנטן פייטן, וואָס האָט געלעבט אין גבירולס צייטן, יצחק אבן גיאת:

מה יתרון לאדם — כעוף יתעופף כבודם
ואיך יתגאו בעודם — ופתאם יבוא אידם
יבין איש־לֵב ונבון — כי סוף לְרִקָּבוֹן
ומעפר חֻצבנו — ועתה עָדָיו שבנו.

יום יום הוחילו — למות ואל תחילו
כי חייכם מותכם — ומיתתכם חייכם...
כי אין בתבל הועל — כי אם בטוב פעל
תכלית שישה אבל — וראשה וסופה הבל.

2 וּפֶתֶן הַזְּמַן נָשַׁךְ עֲקֵבָי...
וּבַל אָעוּף עַל גָּבְהֵי מְזִימוֹת,
יְקַצֵּץ בַּעֲדִי כַּנְפֵי נְשָׁרָיו,
וְהָיִיתִי כְּמוֹ נֶשֶׁר אֲשֶׁר בַּל —
בְּרוּם יִגְבַּהּ — וְזִמְרְתוּ אֲבָרָיו...

(אינם באַקאַנטן ליד „כשרש עץ").

קאָן מען דען העלפן מיט קלאָגן? ניט מיט טרערן שטילט מען דעם צער, און געוויין קאָן ניט היילן קיין ווונד. שוויג בעסער, מיין פריינד, און פאַרגעס ניט צו האָפן!" — צי קאָן דען די האָפענונג העלפן? און קאָן מען דען האָפן אָן אויפהער? ווער ס'טראָגט אַ שטערבלעכע ווונד אינם האַרצן, ביי וועמען די נשמה איז געבראָכן — דער קאָן שוין קיין תּרופה ניט געפינען!"[1].

אין איינציקער ליכטיקער שטראַל האָט באַשיינט דעם דיכטערס יוגנט — דאָס איז די פריינדשאַפט מיט אַ באַדייטנדיקער פּערזענלעכקייט, מיט דעם געלערנטן אַסטראָנאָם יקותיאל בן יצחק (בן חאַסאַן אין אַראַביש). די דאָזיקע פריינדשאַפט האָט גבירול באַזונגען אין אַ סך שיינע לידער:

„איבער אונזער הימל — פאַרזיכערט דער דיכטער — איז אַ ליכטיקער שטערן אויפגעגאַנגען; יקותיאל איז זיין נאָמען, און פאַרבלענדט זיינען קעגן אים אַלע איבעריקע שטערן אין הימל"[2].

דער דיכטער ווענדט זיך צום רוח=הקודש, צו דער געטין פון געזאַנג, וואָס שוועבט איבער אים: „ליבלעך טייבעלע, דו ליליע פון שרון! קום אַהער אין דיינע גאָלדענע, מיט גלעקלעך געברייטע קליידער, וואָס בלענדן ניט מינדער, ווי דער מאַנטל פון אהרן הכהן. דערזע איך דיך — דאַכט זיך מיר, די ליכטיקע זון איז אין איר גאַנצער פּראַכט דערשינען. זעץ זיך ביי מיר, מיין געליבטע! אַנטפּלעק פאַר דיין פריינד די בשמימדיקע בלומען פון שיינקייט. נעם די האַרפע, די ציטרע אין האַנט, אַלע כּלֵי=זֶמֶר, וואָס דעם מענטשנס האַנט האָט באַשאַפן, און זינג דיין געזאַנג פון לויב, באַזינג דעם געליבטן, אויסדערוויילטן, דעם בעסטן פון אַלע האַרן און פירשטן — באַזינג יקותיאלן, דאָס ליכט פון דער וועלט, דעם שטאָלץ און האָפענונג פון אונזער דור"[3].

---

1 דאָס ליד „מליצתי בדאגתי הצופה" איז אַ סך מאָל געדרוקט. אַמעריקאַנישער טעקסט ביי דאַוו דזאָנען אין: Quartly Rewiew, 1913, IV, 68 איבערגעדרוקט אין דער נייער ביאַליק-ראַווניצקיס אויסגאַבע, I, 3.

2 כּוכב אשר דָּרַךְ במשקפנו — החשיך באורו כּוכבי נשפנו.

3 וְאַתְּ יונה, חבצלת שרונים — ושוּלַיִךְ מְלֵאִים פּעמונים
וּרְמוני מְעִילַיִךְ זהובות — אשר ידמו מעילי אחרונים.
וּעת צאתך לְאֻמּתי אדמה — הליכתך כּשמש במעונים.
שבי פֹּה, יעלת חן, לנגדי — העירי לדודך השושנים
קחי התֹּף והנבל ושירי — בּנְגוּנַיִךְ עֲלֵי עשור ומינים
וקומי הַלְּלִי דודך בּחירך — יקותיאל נשיא שרים ורוזנים
מאור עולם, יסוד אֲדָנֵי מכוניו — ועמודי מרומים בו נכונים,
אשר כּל רוזניו אליו מְיחלים — ולדבריו מְיַחֲלִים כּל סגנים.

באַלד איז אָבער אויך דעם דיכטערס איינציקע פרייד אויפן טראַגישסטן אופן צעשטערט געוואָרן: אין יאָר 1039 איז יקותיאל אומגעקומען; שונאים האָבן אויף אים אַ בלבול געמאַכט און מ׳האָט אים מיטן טויט באַשטראָפט.

דעם פריינדס טראַגישער טויט האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אויפן יונגן דיכטער. „אויב יקותיאלס טעג האָבן אַ סוף גענומען, וועלן אויך די שטערן אין הימל ניט אייביק שיינען“ [1], — אַזוי הייבט זיך אָן גבירולס באַרימטע פּאָעמע פון צוויי הונדערט סטראָפן, אין וועלכער ער באַוויינט דעם טויט פון זיין אומגליקלעכן פריינד. פול מיט שטילן אומעט איז אויך זיין קליין עלעגיש ליד „ראה שמש“:

„זע, ווי רויט די זון איז ביים אונטערגיין, ווי אין ברענענדיקן פורפור איז זי אָנגעקליידט. דער קאַרמין-געפאַרבטער מערב האָט מיט גאָלד אויסגעשטיקט אי צפון אי דרום; די פאַרמָרה-שחורהטע ערד האָט זיך אין נאַכט-מאַנטל איינגעהילט. עס וואַקסן די שאָטנס און שטאָקפינסטער איז דער הימל געוואָרן. דאָס איז זיין טרויער-קלייד נאָך יקותיאלס טויט“ [2].

נאָך יקותיאלס טויט איז דעם דיכטערס מרה-שחורה נאָך מער געוואַקסן. „דאָס לעבן — קלאָגט זיך דער דיכטער — האָט מיר אין האַנט דעם פולן בעכער פון טרויער דערלאַנגט און שטרענג מיר באַפוילן אויסליידיקן אים ביז צום טראָפּן דעם לעצטן“ [3]. און פול מיט געוואַלדיקן יאוש קלינגט זיין האַרצרייסנדיק ליד „אחי תבל“ [4].

„אוי, קינד פון דער ערד, ווי אַכזריש איז דיין מאַמע! — זי פאַרצוקט אירע אייגענע קינדער, נאָך איידער זיי האָבן פון דער וועלט וואָס

---

1 די פּאָעמע „זעקת שבר“ איז טלעכע מאָל איבערגעדרוקט. באַזונדער האָט זי אַרויסגעגעבן בן-יעקב אין יאָר 1846.

2 רְאֵה שֶׁמֶשׁ לְעֵת עֶרֶב אֲדוּמָּה —
כְּאִלּוּ לָבְשָׁה תּוֹלָע לְמִכְסֶה.
תְּפַשֵּׁט פַּאֲתֵי צָפוֹן וְיָמִין —
וְרוּחַ יָם בְּאַרְגָּמָן תְּכַסֶּה.
וְאֶרֶץ עָזְבָה אוֹתָהּ עֲרוּמָּה —
בְּצֵל הַלַּיְלָה תָּלִין וְתֶחֱסֶה.
וְהִשְׁחִיק אֲנִי קָדַר, כְּאִלּוּ
בְּשַׂק עַל מוֹת יְקוּתִיאֵל יְכֻסֶּה.

3 וְשָׂם תֵּבֵל בְּיָדִי כּוֹס יְגוֹנִים — ועלי הַפְקָדָה למצות שמריו (אינם ליד „דרשו עץ“).

4 נייע אויסגאַבע, I, 137.

גענאָסן! וואָלטן די ערדישע קינדער אָפענע אויגן באַקומען — אין אַ וויסטן
מדבר וואָלטן זיי די ערד פאַרוואַנדלט! וואָלטן מענטשן דאָס פאַר־
שטאַנען, וואָס מיין האַרץ האָט באַגריפן, — מיט שפּאָט און מיט גאַל
וואָלטן זיי די ערד באַשפּיגן!.. אַ, ווי נמאס איז מיר די ערד, עס עקלט
פון איר שאַנד און פאַרדאָרבנקייט!.. מיר, קינדער פון דער ערד, מיר
צאַפּלען זיך אַלע אין איר פאַרשאָלטענעם נעץ; מיר טראָגן אַלע איר



אַ בלאַט פון איינעם פון די דריי פראַגמענטן פון גבירולס
דיוואַן, וואָס געפינט זיך אין לענינגראַדער מלוכה־ביבליאָטעק.

הטאים־שטעמפּל אויפן שטערן; מיר שפּיגלען אַלע אָפּ איר שרעקלעך
בילד, — פאַרוואָס זשע ציטערן מיר אַזוי פאַרן טויט און זיין נאָמען
פילט אונז אָן מיט שרעקן? וואָס האָט עס אַזוי מורא דער מענטש?
וואָס האַלט ער זיך נאָך אין דינגען? דער טויט איז דאָך אונזער גואל —
און מיר ציטערן גאָר פאַר זיין בעכער! מיט דאַנק דאַרפן מיר זיין גע־
בענטשטן זאַפט געניסן".

אונטער די ברענענדיקע שטראַלן פון דער אַראַבישער שפּאַניע,
וווּ דאָס לוסטיקע לעבן האָט געשלאָגן ווי אַ הייסער קוואַל, האָבן אויך
די אָרטיקע יידן מיט רחבות גענאָסן פונם פריילעכן לעבנס־בעכער. די
יידישע יוגנט פון די רייכערע קלאַסן האָבן נאָכגעטאָן דער אַראַבישער,
פאַרבראַכט געמיטלעך די צייט אין וויינגערטנער, אין כּנופיות זיך פאַר־
זאַמלט אַרום די פולע וויינבעכערס, דורך די נעכט פריילעכע לידער
געזונגען, געשפּאַסט און געלאַכט, און איינער דעם אַנדערן מיט לוסטיקע
ווייצן מכבד געווען. אפילו אונזער פאַרמרה־שחורהטער דיכטער פלעגט,
ווי עס שיינט, גאָר אין די יונגע יאָרן אויך אַמאָל פאַרברענגען די צייט

אין אַזאַ פרייליכער געזעלשאַפט. עס איז אַפילו פאַרבליבן פון אים (אמת, אַן איין און איינציקס) אַ וויציק וויין־ליד, וואָס ער האָט געשאַפן בעת ער האָט אַן אָוונט פאַרבראַכט צוזאַמען מיט אַ גאַנצער חברה ביי איינעם מיטן נאָמען משה. דער בעל־הבית איז, ווי עס שיינט, אַ שטיקל קמצן געווען, און האָט זיינע פריילעכע געסט מכבד געווען מיט וויין אין זייער אַ קנאַפּער מאָס. צום סוף האָט דער עולם געמוזט אָנפילן די ליידיקע בעכערס מיט פּשוטן וואַסער. דאָ האָט גבירול דעם קאַרגן בעל־הבית אַ בייסנדיק ליד געזונגען [1]. דאָס דאָזיקע וויין־ליד האָט אינם 17טן יאָרהונדערט אַן אומבאַקאַנטער איבערגעזעצט אויף פּראָסט יידיש. די איבערזעצונג איז אַפילו ניט שטאַרק געלונגען, דאָך באַנוצן מיר זיך מיט איר, ווייל עס איז קיין בעסערס ניט פאַרהאַן [2]:

מיין גוטער אַלטער שטאַרקער וויין,
ווּשר (וואַסער) וויל דיין מיינשטער זיין.
קיין גיזאַנג וויל אין מיין מול הריין,
וואל (פול) וַשֶׁר, וואל וַשֶׁר.

איך האָב קיין וויין, דיא אויגן מיין,
איך האָב קיין וויין, דיא אויגן מיין
רינן ווּשר, רינן ווּשר.

ווי וויל דש ברוט אין מיך גֵין,
מיין גישפּייז האָט קיין געשמאַק מֵין,
ווייל די בעכר ור (פאַר) מיר שטֵין
מיט ווּשר, מיט ווּשר.

שפּילט משה [3] און טריקנט דש מער,
ווייאר בון מצרים דען שטענקט ער,
אָבער אונזער הויז הער [4], דער שעפּט ווּשר, שעפּט ווּשר.
איך הב וגו׳

---

[1] יעדע סטראָפע פון דעם דאָזיקן ליד פאַרענדיקט זיך מיטן ביינעזאַנג: כְּבְלוֹת יֵינִי, תֵּרֵד עֵינִי פַּלְגֵי מָיִם". ליידער איז דאָס קונציקע ליד דערגאַנגען צו אונז ניט בשלימות. עס פעלן אין דער מיט וויניקסטנס צוויי סטראָפן, וואָס ס׳איז לייכט אַרויס־צוזען פונם אַקראָסטיך. די ראשי־תבות פון די אָנפאַנג־סטראָפן דאַרפן מאַכן: „שלמה קטן". די פאַרלעצטע צוויי סטראָפן פעלן אָבער, און די ראשי־תבות מאַכן בלויז: „שלמה ...ן".

[2] די איבערזעצונג האָט צוערשט פאַרעפנטלעכט שטיינשניידער אין „אוצר לעטערבאַדע", IV, 13.

[3] משה בן עמרם.

[4] ויאָס טראָגט אויך דעם נאָמען משה.

לייכט בין איך גלייך צו דיזר ורישט [1]
אז דער וורוש (פּראָש) אם וושר אישט
מיין מול אז ער איז גרישט מיט גזנג וושר
מיט גזנג וושר.
איך הב וגו׳

נזיר ווערט מיר צו זיינם ענד
אז קינט רכב [2] אין זיינם אילענד
ער און זיין הויז גיזינד שעפּפען וושר. שעפּפען וושר.
איך הב קיין וגו׳

מיט דער צייט אָבער, וואָס מער ס׳איז געוואַקסן די מרה־שחורהדיקע שטימונג ביים דיכטער, אַלץ אָפּגעזונדערטער איז ער געוואָרן פון מענטשן, אַלץ מער האָט ער זיך אָנגעהויבן דערווייטערן פון זיינע יוגנט־פריינד. אין איינעם פון זיינע לידער באַשרייבט דער דיכטער גופא, ווי פאַרחידושט די ערשטע צייט זיינע חברים זיינען געווען. זיי האָבן געפּרווווט אים טרייסטן מיט רייד, פאַרטרייבן זיין טרויער און דערוועקן אין אים דעם חשק און לוסט צום לעבן.

„דיינע טייכן טרערן קאָנען דאָך בערג פאַרפלייצן. פאַרוואָס באַזינגסטו ניט דעם וויין, באַגריסט ניט דעם שוימענדיקן בעכער? פאַר אים וואָלט דאָך דיין טרויער אַנטלאָפן, ווי דער דערשראָקענער פיינד פאַרן שאַרף פונם שווערד. „יאָ, אמת, — האָב איך זיי געענטפערט, — דערטרונקען ווערט אינם בעכער דער אומעט, דער צער און דער שמערץ ווערט פאַרגעסן; דער וויין באַשאַפט פליגל, וואָס באַפרייען פונם אַל־טעגלעכן יאָמער און הייבן אָן טראָגן אין די ליכטיקע הימלען פון פרייד און געלעכטער... מיר קאָן אָבער דער בעכער ניט העלפן! גרוים מעג ער זיין ווי דער ים־סוף, דאָך וועט ער דער אָפּגרונט ניט ווערן, וואָס זאָל מיין אומעט איינשלינגען! און ריזיק גרוים וואַקסט אַלץ מיין טרויער, ער קאָן די וועלט באַדעקן. מיין האַרץ רייסט ער אויף שטיקער, מיין בלוט, מיין מאַרך פאַרצערט ער, ווי היים־פלאַמענדיק פייער... איך שריי אין דער פינסטער פאַר ווייטיק און צער, און די טונקעלע נאַכט — זי הילט מיך איין אין איר מאַנטל, און פאַרשטומט ווערט מיין געשריי, דערשטיקט ווערן מיינע זיפצן... [3].

1 ורישט — פריסט, ד. ה. צו דער דאָזיקער צייט.

2 די ביבלישע בְּנֵי־רֵכָב, וואָס פלעגן נישט טרינקען קיין ווייַן.

3 דאָס ליד „רביבי דמעך היו רסיסים".

נאָך מיט ווייט טיפערן יאוש איז דורכגעדרונגען אַ צווייט ליד גבירולס, וואָס איז, ליידער, צו אונז דערגאַנגען אין זייער אַ פאַרגרייזטן צושטאַנד, אַז עס איז ערטערווייז ממש אוממיגלעך צו דערגיין דעם פשט. דאָס ליד [1] הייבט זיך אָן מיט ריין־אָריענטאַלישע בילדער און פאַרגלייכן: „דער טרערן־שטראָם וואָלט מיינע באַקן אין אַ פרוכטבאַר פעלד אומגעוואַנדלט, וואָלטן פרישע טרערן־קוואַלן די ערשטע ניט פאַרטריבן. ווי נאָר די ביטערע טרערן פאַרהאַלטן אַ רגע זייער רַעַשיקן שטראָם, דערשרעקן זיי שרעקלעכע זיפצן, און שנעל לויפן זיי ווייטער פון פחד געטריבן... די נאַכט איז ביי מיין געוויין דער שומר, די שטאָקשטילקייט היט אָפּ מיינע זיפצן און די שטערן קוקן אַראָפּ פונם בלויען הימל, הערן זיך איין אין מיינע האַרץ־געשרייען און סודן זיך איינער צום צווייטן... — — — אין די לאַנגע נעכט לעבן־אויף אין זכרון די גאָלדענע יוגנט מיט אירע ליכטיקע טעג, שיין און פילפאַרביק, ווי אַ שנור אָפּאַלן און פינקלדיקע רובינען. איצט איז מיין טאָג ווי די נאַכט פאַרהוֹשֶכט; דעמאָלט האָבן אויך די נעכט געשיינט און געלויכטן... ווי נאָר דער טרויער האָט געזאָלט דערוואַכן, גלייך האָב איך צו די פריינד געטאָן איילן, וואָס האָבן די טרויבן געטרעטן און זייער בלוט אָן רחמנות געגאָסן... אין בלוט די הענט, — און דאָך ניט קיין מערדער! זיי האָבן ניי לעבן געשאַפן, דעם קוואַל דערגראָבן פון פרישע געטלעכע כוחות. אויך אין מיין האַרצן האָבן זיי גלייך אָנגעצונדן דעם זיסן רויש פון ברענענדיקע באַגערן; און בעת די זון האָט פאַר דער מלכה נאַכט איר קאָפּ איינגעבויגן, האָבן זיי פאַרשיכורט באַקן געקושט שענער פון דער לייכטנדיקער זון... .

„און פלוצלינג דערוואַכט טיף אין האַרצן דער געדאַנק פול מיט טרויער און יאוש: אַ פאַרבלענדעניש איז דאָך די באַרוישנדיקע שיינקייט, ווי נישטיק און קליין איז די פרייד און די לוסט, און אויך די וואָס לאַכן און טאַנצן פאַרשיכורט פון גענוס און פאַרלאַנגען, — ביי זיך אין געצעלט שרייען זיי אויף פאַר גרויס ווייטיק און וויינען מיט ביטערע טרערן... [2]

דער דאָזיקער געדאַנק: „ווי נישטיק און קליין איז די פרייד און די לוסט" באַקומט ביים דיכטער אַלץ מער שליטה, וואָס מער עס וואַקסט ביי אים דאָס שטאָלצע זעלבסטבאַוווסטזיין... אַלץ ווייניקער קאָן אים

---

[1] דאָס ליד „אולי דמעות בחרי נדחו".

[2] די הייטערדיקע פיר שורות זיינען שטאַרק פאַרגרייזט און דעם דיכטערס געדאַנק בלייבט אָפּגעריסן אין דער מיט.

באַפרידיקן די וואַכעדיקייט פון אַלטעגלעכן לעבן מיט זיינע קליינלעכע אינטערעסן. אַט די דאָזיקע שטימונג ווערט שאַרף און בולט אויסגעדריקט אינם שיינעם שיר „הפרש לילה" [1].

„די נאַכט האָט שוין אירע פליגל פאַרשפּרייט און זיך אַ לאָז געטאָן די זון צו פאַנגען... דעם ליכטיקן שיין האָט זי מיט איר מאַנטל באַדעקט; די לבנה האָט זיך אין איר גרינעם קראַנץ אויסגעצירט און איז באַלד אונטער דעם וואָלקן פאַרשוווּנדן, וואָס האַלזט זי און קושט זי מיט ליבשאַפט. אַלץ איז ווי פאַרגליווערט; נאָר קוים צו באַמערקן האָט די מירטע אַ צאַפּל געטאָן אין איר לייכטן זיסן דרימל. לאַנג האָב איך אין דער נאַכט איינגעקוקט, און פאַרחידושט האָבן אירע ליכטער אין הימל געפרעגט: וואָס האָסטו, מענטש, דאָ צו טאָן?..

— — — — — — — — — — — — — — —

„מיינע פריינד זיינען מילד מיט זיסע רייד, מיין האַרץ־שמערץ ווילן זיי שטילן. אומזיסט די מי! נישט צו לינדערן דעם ווייטיק, נישט צו היילן איז די וווּנד. דער גיהנום־פלאַם פון נבוכדנאַצרס פייער־אויוונס איז אויך ניט ביכולת אויסצוברענען דעם קוואַל פון מיינע ביטערע טרערן. איך האָף ניט אויפן פרימאָרגן: יעדער קומענדיקער טאָג איז אַ פרישע טעסט, אַ נייער פרוּושטיין פאַר מיינע גרויסע ליידן... מ'זאָגט מיר אַלץ: „נוץ אויס דעם מאָמענט און גענים די עשירות פון לעבן". דער וויינגאָרטן פון לעבן איז אָבער געגרייט בלויז פאַר קליינינקע נישטיקע מענטשן, וואָס קראַבלען און רייסן מיט גיריקע הענט די נאָך נישט צייטיקע פרוכטן. און דער שטאָלצער לייב — ער קאָן זיין הונגער ניט שטילן מיט פאַרטריקנטן גראָז און שפּריי, וואָס ווערט פונם ווינט צעטראָגן... אין דער הויכער רחבות, צו די פרייע הימלען לעכצט מיין נשמה, — מיך קאָן ניט באַפרידיקן די פלאַכע זאַמדיקע וויסטע; איך בין ניט פון יענע, וואָס קניען אונטערן יאָך פונם לעבן, מיין קאָפּ וויל איך ניט בויגן און איבער מיין אייגענעם גורל וויל איך זיין דער האַר און באַפעלער. זאָל ווי טרויעריק זיין מיין מזל, זאָל דער טל פון ברכה ניט דערפרישן מיין לעבנס־גאָרטן און פול מיט שטיינער מעג זיין מיין שווערער לעבנס־וועג, — ניט געבויגן וועט ווערן מיין שטאָלץ, ניט בלענדן וועלן מיך די נישטיקע גאָבן פון לעבן"...

וואָס גייסטיק רייפער דער דיכטער איז געוואָרן, אַלץ מער איז געוואַקסן אין אים דאָס געפיל פון פרעמדקייט און איינזאַמקייט.

---

1 צום באַדויערן איז דער טעקסט אויך פון דעם דאָזיקן ליד ערטערווייז שטאַרק פאַרגרייזט.

„שיין איז אַמאָל די וועלט געווען, — איך בין אָבער צו שפּעט געקומען״ [1], — קלאָגט זיך דער דיכטער. אַלץ מער וואַקסט די מחיצה צווישן אים און זיין סביבה, און מיט אונזער דיכטער האָט סוף־כּל־סוף פּאַסירט דאָס, וואָס געשעט ניט זעלטן מיט די גדולי הדור, וואָס שטייען באַדייטנדיק העכער פון דער סביבה: די אָפּגעזונדערטקייט און פרעמדקייט גייען ביסלעכווייז איבער אין קאַלטן ביטול און אמתער שנאה. „מיין אויג נעמט אַרום די גאַנצע וועלט און דרינגט דורך די טיפעניש פון די מענטשלעכע הערצער״ — דערקלערט מיט שטאָלץ דער דיכטער [2]. און אָט פאַר דעם שאַרפן, פונם רוח הקודש געבענטשטן אויג האָט זיך אַזוי קלאָר און בולט אַנטפּלעקט די נישטיקייט פונם אַלטעגלעכן לעבן מיט אַלע זיינע קליינלעכע פריידן און פאַרלאַנגען, מיט זיין גאַנצער גייסטיקער פּוסטקייט, לעכערלעכער גאוה און אויפגעבלאָזנקייט. דער דיכטער האָט געזען, ווי פיל פון זיינע אַמאָליקע חברים פלייסן זיך נאָכמאַכן דער דעמאָלטיקער מאָדע: זינגען לידער, שרייבן אָדעס און לויב־געזאַנגען, שפּילן די ראָלע פון מעצענאַטן און פלעגער פון וויסנשאַפט און קונסט, אין וועלכע זיי האָבן געהאַט גאַנץ קנאַפּע ידיעות. דער דיכטער האָט אין דעם געזען אַ פּחיתות־הכּבוד און לעסטערונג פון דעם, וואָס איז אים געווען אַזוי ליב און טייער; זיין מעכטיק ליד איז דערפאַר געוואָרן די שטראָף־רוט, מיט וועלכער ער האָט געמשפּט די פאַרשוועכונג פון די הייליקטימער, און מיט האַס און פאַראַכטונג האָט ער געשטעמפּלט פאַר דער גרויסער עוולה זיין דור און זיין סביבה.

בעת מ׳האָט ביי אים געפרעגט, פאַרוואָס ער, דער פון גאָט־געבענטשטער דיכטער, איז אַ צייט לאַנג אַנטשוויגן געוואָרן, האָט ער מיט כּעס און צער געענטפערט:

„ווי זאָל איך זינגען, אַז אין אונזערע טעג שטרעקט־אויס יעדער נאַר און ליידיקגייער זיין האַנט צום דיכטער־קראַנץ. דעם קיניגלעכן מאַנטל האָט מען פונם ליד אַראָפּגעריסן און אין בעטלערישע לומפּן איינגעהילט. די שטאָלצע מלכּה האָט מען פונם טראָן געשלעפּט און מיט שמוציקע הענט איר ריינקייט באַפלעקט. דאָס נביאיש געטלעך וואָרט איז אַ צייט־פאַרטרייב געוואָרן, דאָס הייליקע פייער — צו אַ שפּילצייג פאַרשוועכט... מענטשן פון וויסן, געבענטשטע פון גאָט, זיינען אַלע פאַרשוואונדן: זיי זיינען מיט גאווה, זיי זיינען מיט חוצפּה פאַרטריבן געוואָרן דורך טעמפּע עמי־הארצים און גייסטיקע פּריצים... ביי זיי איז ניט טייער קיין חכמה,

---

1 ומה אאריך שיחי, ותבל היתה טובה, אבל באחרונה באתי.

2 ולי עין משוטטת בתבל — אשר לב אנוש תראה סתריו.

קיין ווײַסן, אַבי נאָר זייער נאָמען זאָל קלינגען, גלאַנצן מיט לויב און מיט פּראַכט... זיי, די גראַמען־שרײַבער, מיינען, זיי זיינען דיכטער: דאָס גרילצנדיקע קראָעס־געשריי רופן זיי געזאַנג! אַך, ווען וועט לסוף קומען דער נייער פּינחס בן אלעזר [1], וואָס זאָל מיט זיין שטאַרקער האַנט דורכשפּיזן די חוצפּהדיקע זמרים, וואָס פאַרגוואַלטיקן די בת־השירה, די איידעלע פירשטין פון געזאַנג...׳ מיין דור וועל איך מיט מיין אייזערנעם ליד באַשטראָפן. ער האַסט מיין ליד, — נאָר ער וועט אין אים שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסן..." [2].

דאָס באַוווּסטזיין, אַז ער איז איינער פון די יחידי סגולה, פון די אויסגעוויילטע, צוזאַמען מיטן וואַקסנדיקן געפיל פון האַס און פאַר־אַכטונג צו דער קליינלעכקייט און נישטיקייט פון דער סביבה — דאָס זיינען בײַ גבירולן געוואָרן די הויפּט־מאָטיוון פון אַ סך לידער זיינע... „מיין פריינד זאָגט מיר — אַזוי הייבט זיך אָן דאָס שיינע ליד „עטה הוד" — פאַרגעס אינם טרויער, פאַרבאָרג דיינע טרערן און מיט פאַר־שלאָסענע ליפּן גיי שטאָלץ דיר דיין וועג. פאַרוואָרף ניט די האָפענונג — דיין גורל איז דאָך אַזוי אויסטערליש שיין: דו ביזט דאָך דער גלענצנ־דיקער שטערן, וואָס לייכט איבער אונזער דור, און שענער פונם רייכסטן פּעררלשנור זיינען די געוויגענע ווערטער אין דיין געטלעכן געזאַנג!". „אַך, ניין — איז געווען מיין ענטפער — איך קאָן ניט און איך טאָר ניט שווייגן! איך קאָן קיין רו ניט געפינען, ווי די שוימענדיקע כוואַליעס פון דעם קאָכנדיקן ים. איך בין די ציל־שייב פון דעם צָרות געשפּיצטע פּיילן. איך בין דער רייטוואָגן פון ליידן און פון שמערץ, און איבער מיר פּאַכט דאָס אומגליק מיט זיינע שוואַרצע פליגלען!.. איך בין דער מענטש, וואָס איז נאָך יונג אין יאָרן, נאָר רייך מיט ווײַסן ווי די קליגסטע זקנים! מיין גוף בלאָנדזשעט אין דער נידער, נאָר מיין גייסט שטייַגט העכער פון די וואָלקן... איך קאָן ניט רויִק זען, ווי קליינע ניש־טיקע מוחות גילטן פאַר זייַלן פון חכמה, און פּלומפּע פּערזון־מאַכער ווילן מיך מיט זייערע לידער באַשעמען: מיר עקלט פון זייער שענדלעכן געזינדל! מיט מיר ווילן זיי זיך גלייכן, נאָר ווי קענען זיי, די בלינדע, מיין אמתן ווערט אָפּשאַצן? איך בין דער מייסטער פון געזאַנג, דער

---

1 עס ווערט דערציילט אין חומש, אַז בעת די בני־ישראל האָבן עפנטלעך מזנה געווען מיט מואבס טעכטער, האָט פּינחס בן אלעזר הכהן מיט זיין שפּיז דערשטאָכן איינעם פון די פאַרזינדיקטע, זמרי בן סלוא.

2 אינם ליד „אָני בסעיף חלום" (לידער איז אויך דאָס ליד שטאַרק פאַרגרייזט און מיר גיבן דאָ איבער דעם אינהאַלט בלויז פון געציילטע סטראָפן).

געטרייער וועכטער פונם קוואַל פון חכמה. איך בין דער פּערלזוכער, וואָס זאַמלט אוצרות פון די פאַרבאָרגנסטע אָפּגרונטן! פון ניגונים, ווערטער, קלאַנגען שאַף איך ווי דורך כּישוף געטלעכע געזאַנגען. איך בין דער מאַן, וואָס פריי און שטאָלץ דרינגט ער אריין אין די פאַרבאָרגנסטע הייליקטימער; די שאַרפסטע שפּיצן פון די הויכע חכמה־בערגער, די ווייטע הימלען פון דער שטאָלצער געדאַנקען־מלוכה — פאַר שפּרייטן זיך פאַר מיינע פיס ווי אַ פּילפאַרביקער בלומען־טעפּיך... איך זינג — און מיין ליד דערפרייט אַלע בענקענדיקע נשמות, און אַלע פאַרשמאַכטע הערצער לייזט עס אויס פון טרויער!..״

און פּלוצלינג ווערן די דאָזיקע שטאָלצע שטראָפן איבערגעריסן דורך קלאָגענדיקע אַקאָרדן פול מיט יאוש:

„וויי איז מיר! ווי גראָב און אומוויסנדיק איז מיין דור — אַ דור פון לויטער שאַנדמענטשן און פאַררעטער! דערייבער טרויער איך מיין לעבן לאַנג, און ביטער וויינט מיין האַרץ!״ [1].

דער דיכטער ווערט ניט מיד צו וואַרפן זיינע געשפּיצטע פיילן אין די „באַנדעס טעמפּזיניקע מענטשן״ (להקת פתאים) מיט „ליידיקע הערצער און מוחות״ (ערירי לב ורעיון), און מיט טיפן צער ווענדט ער זיך צו זיין דור: „אַך, ווען וועסטו ענדלעך די ווונטשן פון מיין האַרץ דערפילן, — דיין האַרצן זיינען זיי נאָך אַלץ פרעמד געבליבן! ווילאַנג וועל איך דיך שטראָפן — און טויב וועסטו צו מיינע ווערטער בלייבן! ווילאַנג וועל איך פאַרשפּרייטן ליכט פאַר דיינע אויגן און זיי וועלן דאָך ניט זעענדיק ווערן!״ [2].

די דאָזיקע שטראָפרייד זיינען בלי ספק שטאַרק ניט געפעלן פיל פון גבירולס מיטבאַוווינער פון דער שטאָט סאַראַגאָסע; זיי האָבן זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט, און, ווי עס שיינט, האָט מען זיך געווענדט

---

1 ערכוני והם לא ידעו כי — אני שמש אכסה במעונים,
אני אחקור צפוני המליצה — ואפתח שערי דעת ובינים.
ואקבץ מנפוצותיה חרוזים — ואלקט מפזוריה פנינים.
וגבנוני הרריה שרונים — לפני וארחיה נכונים.
אני באתי לחדריהם אשר הם — לכל מבין וכל חכם צפונים
ואשיר שיר, ישמח נפשות — וכל לבות יחלץ מיגונים
— — — — — — — — — — — —
אהה, כי הזמן חסר תבונות — ונמלא מעדת רוננים ושונים,
ועל כן כל ימי חיי אקונן — ולבי יעשה מספד כתנים.

2 מָתַי תמלא, הזמן, לי מְשְׁאֲלוֹת — לבי אשר מלבך נשכחו?
עַד אָן אלמדך ולא תבין ואור — אפיץ לעיניך ולא נפקחו?

צום דיכטער, ער זאָל זיך מער ניט דערוועגן אַרויסצוטרעטן קעגן דער געזעלשאַפט אין אַזאַ שאַרפן טאָן. „ניין! — איז געווען דעם דיכטערס ענטפער — איך בין נישט פון די, וואָס געפינען חן מיט זייערע ווייכע זיסע רייד; איך בין נישט פון די, וואָס בויגן זיך און קניען פאַר מעכ־טיקע און שטאַרקע! איך געהער צו די, וואָס שטעלן זיך שטאָלץ דער וועלט אַנטקעגן, ווי דער ווידערשפעניקער פּריסטער, וואָס צעשטערט זיינע געוועזענע געטער" [1] און ער ווענדט זיך מיט צאָרן צו זיינע שטאָט־באַוווינער:

„ניט דערפילט וועט אייער נאַריש פאַרלאַנגען ווערן. מיינע ליפּן וועל איך ניט שליסן צוליב דעם בילן פון אויפגערייצטע הינט. ניט די שוואַרצע קראָע, — די ווייסע טויב איז דער געטרייער שליח, וואָס דערפילט דעם רצון פון איר באַפעלער [2]. פּרווּוט שטעלט אָפּ דעם גאַנג פון די פּלאַנעטן, באַפעלט די שטערן, זיי זאָלן זייער אָרט פאַרלאָזן, — אַזוי וועט אויך אייך געלינגען מיין מויל צום שווייגן ברענגען, איידער איך וועל מיין ליד איינקריצן טיף, אויף אייביקע צייטן, אינם האַרצן פון דער וועלט!.. זע, דו מענטש: אָט ווערן שוואַרצע וואָלקנס פון דעם ווינט געפּאַטשט און זיי בלייבן טונקל־שוואַרץ ווי פריער. איצט באַטראַכט די זונען־שטראַלן — זיי בלייבן אייביק דער קוואַל פון ליכט, די פרייד און טרייסט פון מענטשנהערצער. און ווי דעם שוואַרצן וואָלקן איז ניט מיטן ליכטיקן שטראַל צו גלייכן, אַזוי קאָן אַ נידערטרעכטיקער קהָת ניט צו פּינחס הכהן זיך גלייכן" [3].

צו דערזעלביקער צייט האָט גבירול, ווי עס שיינט, כאַרפּאַסט זיין שיין ליד „נפש אשר עלו שאוניה". דאָס ליד איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער דיכטער מיט זיין אייביק אומרויִקן, אייביק זוכנדיקן גייסט, וואָס שטרעבט שטענדיק אין דער הייך צו די הימלען, אויף די ליכטיקע פליגל פון דעם שטאָלצן פאָרשער־געדאַנק. טיפע באַגייסטערונג און דער־הייבענער פּאַטאָס דרינגען דורך יעדע סטראָפע פון דעם דאָזיקן ליד. און אונזער פּשוטע האַלב־פּראָזאַישע איבערזעצונג איז ליידער ניט אימ־שטאַנד איבערצוגעבן די אויסטערלישע שיינקייט פונם אָריגינאַל:

---

1 ואינני כגבר יענה רך — וישלח ונפל בעצמיו.
ויש איש יעמוד לפני אנשים — כמו כהן זדון לפני צלמיו.

2 אַן אָנשפּילונג אויף דער קראָע און דער טויב, וואָס נח האָט אַרויסגעשיקט פון תבה בעת דעם מבול.

3 דוקעס, „שירי שלמה", 22, די סטראָפן „עד אָן, פתאים, תאהבו ריק" א. אַ. ווי

„ווי אומרויק דו ביזט, מיין נשמה! דו שטרעבסט אין דער הייך,
און דיינע געדאנקען פליען און שוועבן ווי לייכטנדיקע ברענענדיקע פונקען
איבער דעם פלאמענדיקן לאדערנדיקן פייער. דו ביזט ווי די הימלישע
גלגלים, וואס איילן שטענדיק זייער וועג ווייט איבער דער ערד און איר
געזינדל; דיינע געדאנקען זיינען ווי די ימען טיף, וואס פארבארגן אין
זייערע אפגרונטן די גרונד־יסודות פון דער וועלט״...

„מ׳זאגט מיר אלץ: פארלאז נאר דאס שטענדיקע פארשן און
גריבלען — און גלייך וועט דיך די וועלט באשענקען מיט אירע רייכסטע
און שענסטע אוצרות״. זיי רעכענען דאס פאר טרייסט, נאר פון דער
נחמה וואקסט נאך מער מיין טרויער. איך דארשט און זוך ווי די גאולה
דעם פרייען מענטשן מיט די שטאלצע אדלער־אויגן. נאר אומזיסט מיין
זוכן, — נישט אונזער דור איז ווערט די זכיה אזוינע מענער צו גע־
בארן... דא הער, דו ערד! אויב אומדערפילט וועט בלייבן מיין פאר־
לאנגען, וועל איך דיך מיט גאל באשפייען; אויב דיינע אויגן וועלן ניט
מיין ליכט דערבליקן, ביזטו ווערט דעם בלינדן מוילווורפס פינסטערן
גורל... איך וואלט אזוי געוואלט מיט ליבע די וועלט באשיינען! איך
וואלט איר אלע זינד פארגעבן, זאל זי נאר אנקלאפן אין די טויערן פון
תשובה. נאר אומזיסט איז מיין פארלאנגען. א, ערד דו זינדיקע! ווענד
אפ דיין געזיכט, צעשטער דיינע גרונד־פעסטן, — דו ביזט צופיל מיט
שמוץ באדעקט! שטאלצע צעדערביימער האסטו צו שפאט געמאכט
פאר נישטיקע קארליק־דערנער. לומפן־מענטשן, שפריי און אפוואר פון
דעם דור, האלטן הויך דעם קאפ געהויבן און פארגעסן מיט גרויס
חוצפה, וואס הייסט יושר, אמת און פארשטאנד. ווען גערעכטיקייט זאל
די וועלט רעגירן, ווי וואלטן די מיט שאנד באפלעקטע געוועלטיקט איבער
אלץ, וואס גרויס און שיין? און בכדי די נארישע חוצפה צו געבארן, פאר־
גוואלטיקן זיי די ליכטיקע טעכטער פון דער זון״ 1.

און ווידער ווענדט זיך דער דיכטער צו די, וואס זיינען אים אזוי
פארהאסט:

„איר, דערנער און ווילדע וואלד־געוויקסן! איר דערקלערט מיר
קריג דערפאר, וואס איך האלט הויך דאס ליכט פון וויסן און בין דער
געטרייער וועכטער ביי דער חכמה, וואס איז פון אייך אזוי פארהאסט?
דערפאר וואס איר זייט בלינד, ווילט איר אויך, אז די מיט אפענע
אויגן זאלן טאפן אין דער פינסטער? ניין, איך וועל פון דער חכמה
מיך ניט שיידן — גאטס װארט אליין האט צווישן איר און מיר געשלאסן

1 לקחו בנות שמש והולידו — סכלות ולא היו חתניה.

אַ בונד אויף אייביק! ווי קאָן איך אָן דיר פאַרגעסן, מיין געטרייע מוטער? ווי קאָן איך מיין האַנט אויסשטרעקן און פון דיין קאָפּ אַרונטערנעמען דיין שטראַלנדיקע קרוין, — דו טרייסט און שטאָלץ פון מיין נשמה! דיין זון בלייב איך אויף אייביק! ווי ריזנגרוים איז מיין פאַרגעניגן און דער גן-עדן-נחת פון מיין נשמה, ווען איך רו ביים בשמים-ברעג פון דיינע דערקוויקנדיקע באַלזאַם-קוואַלן!..

„שטרעב ווייטער אין דער הייך, מיין גייסט! דערהייב זיך איבער די וואָלקנס, וואָס באַדעקן די ליכטיקע זונען-שטראַלן. — אַ שבועה האָב איך געגעבן: איך דאַרף און טאָר ניט רוען ביז איך וועל די פאַרבאָרגענע גרונטן פון דער חכמה אַנטפּלעקן!“.

אָט מיט דעם אומשטילבאַרן דורשט נאָך וויסן זיינען דורגעדרונגען זייער פיל פון גבירולס לידער. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז דאָס פּראַכטפולע ליד „אני האָיש“, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער שטאָלצער סטראָפע: „איך בין דער מאַן, וואָס האָט אָנגעגורט זיינע לענדן און וועט ניט אומקערן זיך ביז ער וועט זיין שבועה ניט דערפילן... איך בין דער מאַן, וועלכער צעשטערט אַליין וואָס ער האָט מיט אייגענע הענט געבויט, רייסט אויס די וואָרצלען, וואָס ער האָט אַליין געפלאַנצט, און צעברעכט די צווייגן, וואָס ער האָט אַליין געגרויזעט[1].

ליידער איז דאָס ליד, ווי אויך דאָס צווייטע, אין דעם זעלביקן גייסט געשריבענעם ליד „כשרש עץ“, זייער שווער צו איבערזעצן: עס איז כמעט אוממעגלעך צו געבן אין אַ פּראָזאַישער איבערזעצונג אַ קלאָרן באַגריף פון אַזעלכע מעכטיקע סטראָפן:

וְדַע כי בעלותך על הר תבונה — אבקש ממך לספור עֲפָרָיו
ועוד לא אשקטה מהר מזימותי — עדי כי אעלה לטרוף כפיריו
ולי עין משוטטת בתבל — אשר מלב אנוש תראה סתריו
ולבי — פתחו תמיד שעריו — ושירי לוטשו שבע תעריו.

דערווייל זיינען די באַציאונגען צווישן דעם דיכטער און דער אַרומיקער סביבה אַלץ מער פיינדלעכער געוואָרן. תקיפים און אָנגעזעענע מענטשן פון דער קהילה, וואָס האָבן זיך געפילט באַליידיקט פון דעם דיכטערס שאַרפע און שטראָפנדיקע סטראָפן, האָבן באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אין דעם אומבאַקוועמען מוכיח, און דער פיר-און-צוואַנציקיעריקער גבירול האָט געמוזט אַנטלויפן פון סאַראַגאָסע, וווּ ער האָט פאַרבראַכט זיינע יונגע יאָרן, און זיך באַזעצט אין גראַנאַדע, וווּ ער

1 אני האיש אשר שנס אזורו — ולא ירף עדי יקום אסירו...
ויהרום כל אשר יבנה ויתוש — אשר יטע ויפרוץ את גדרו.

האָט געפונען שטיצע ביי שמואל הנגיד [1]. איידער ער האָט סאַראַגאָסע פאַרלאָזן, האָט ער זיין גאַנצן צאָרן אויף זיינע קעגנער אויסגעגאָסן אין דעם לאַנגן ליד „נחר בקראי גרוני" [2].

„צווישן אַ ווילד פאָלק מוז איך וווינען, לעבעדיק בין איך באַגראָבן, מיין געצעלט איז מיין אָרון! איינער אַליין בין איך אויף דער וועלט, אַ קראַנקער אָן אַ מאַמען, אָן אַ פאָטער [3], אָן אַ ברודער. דער איינציקער פריינד איז מיין פאַרשער-געדאַנק...

מיינע שטראָפרייד האָבן אַריינגעבראַכט זיי אין ווילדן צאָרן, זיי האָבן מיר קריג דערקלערט, — צעשמעטערן וועט זיי מיין שאַרף געווער, דאָס פיילגעשפיצטע וואָרט!.."

און ווידער רייסט זיך איבער די שטאָלצע סטראָפע דורך אַ האַרצ-רייסנדיק וויינגעשריי:

„ווייי איז מיר און וויי איז מיין פאַרשטאַנד! איך געפין מיך צווישן מענטשן, וואָס פאַרביטן גאָטס הייליק וואָרט אויף נאַרישע הַשְבָּעוֹת פון אַ שפּרעכער און מכשפים... אומזיסט זוכן מיינע אויגן, איך זאָל ערגעץ אין דער וועלט אַ ליכטיקן פונקט געפינען, ווו מיין האָפענונג זאָל ווידער קאָנען בליען!.. און נמאס איז מיר די ערד געוואָרן! איך וואַרט אויפן טויט ווי אויפן גואל. פאַרהאַסט איז מיר די וועלט מיט איר גאַנצן גע-פלינדער; איך וויל ניט אירע פריידן, — דעם אייביקן טרויער טראָג איך אין מיין האַרצן... צו וואָס טראָג איך דעם יאָך פון לעבן, נאָך וואָס קראַבל איך דאָ ווי אַ בלינדער? אַך, ווי מיר עקלט פון דעם לעבן און פון מיין אייגענעם גוף דעם קראַנקן! ווי אויפגעוויכצט וואָלט מיין נשמה, ווען דער טויט זאָל זי באַפרייען!"

---

1 עס זיינען פאַראַן אַ גרויסע צאָל לויב-לידער, אין וועלכע גבירול באַזינגט דעם באַרימטן יידישן נדבן און געלערנטן. איניקע פון זיי האָט צום ערשטן אַנטדעקט דער פּראָפעסאָר פון די דאָזיקע שורות.

2 מערערע מאָל געדרוקט. זע די נייע אויסגאַבע, I. 4. אין אַן אַנדער ליד, וואָס גבירול האָט געשריבן אין דער זעלביקער צייט, „מה לך יהידה", דריקט ער אויס דעם חוּנטש צו פאַרלאָזן שפּאַניע. ער זאָגט צו זיין איינענער נשמה:

„שימי ספרד אחרי גֵוֵךְ ואַל תתעכבי
עד תדרכי צֹעַן וגם בבל וארץ הצבי"

(פאַרלאָז שפּאַניע וואָס גיכער, ווענד זיך קיין מצרים, קיין בבל און אייך קיין ארץ-ישראל).

3 ניט לאַנג האָט מען אַנטדעקט (דאַווידזאָן אין דער ענגלישער צייטשריפט The Jewish Quarterly 1913, IV, 65) אַ ליד פון גבירולן, אין וועלכן ער באַקלאָגט דעם טויט פון זיין פאָטער.

דאָך איז פאַר דעם פאַרזאָרגטן דיכטער עפּעס געווען אויף דער וועלט, וואָס איז אים שטענדיק געבליבן ליב און טייער. און וועגן דעם דערמאָנט ער טאַקע אין די לעצטע סטראָפן פון זיין צאַרן־ליד:

„אויף מיר ליגט דער חוב צו דערפילן דעם זיידנס שלמהס [1] געבאָט: זוכן, פאָרשן שטענדיק און אָן אויפהער דערגרינדן זיך אין די סודות פון חכמה — אפשר וועלן זיי מיינע אויגן דערלייכטן. אָט דער געבאָט איז מיין איינציקע טרייסט, מיין איינציקע נחלה אויף דער וועלט!" [2].

* * *

„דעם זיידנס שלמהס געבאָט" איז ווירקלעך געוואָרן דאָס הויפּט־ציל און ענדצוועק פון גבירולס לעבן און שאַפן. אָט דער ערשטער גרויסער אייראָפּעיִשער דיכטער פון „וועלט־שמערץ" האָט גובר געווען דעם טיפן טרויער, דערשטיקט די ביטערע טרערן און מנצח געווען זיין שטאַרקן צאָרן און שנאה. אין דער שפּעטערדיקער תקופה פון זיין לעבן האָט דער דיכטער זיך אויפגעהויבן אויף אזא גייסטיקע און מאָראַלישע הייך, וווּהין עס האָבן שוין ניט געקענט דערגרייכן קיין האַס און קיין צאָרן. דאָס קליינלעכע און צופעליקע איז פאַרשווונדן און איינגעשלונגען געוואָרן אין דעם איינציק־גרויסן און אומשטערבלעכן.

„וואָס ווייטער — שטרייכט אונטער דער דיכטער גופא — דער מענטש דערהייבט זיך אין דער הייך, אַלץ קליינלעכער דערשיינט פאַר אים דאָס ערדישע און קערפּערלעכע. עס ווערט פאַרשוווּמען און פאַרשווונדן ווי אַ פויגל אין דערלופטן, אָדער ווי אַ שיף אין גרויסן ים" [3].

אונזער גרויסער דיכטער און דענקער מיט זיין אומדערמידלעכן פאָרשן און זוכן איז אין דער שפּעטערדיקער תקופה פון זיין שאַפן געווען דורכגעדרונגען מיטן געדאַנק, אַז איבער אַלץ, וואָס עקסיסטירט, קיניגט און געוועלטיקט מיט אָן אומבאַגרענעצטער ממשלה דאָס אומשטערבלעכע און אייביקע. די דאָזיקע אידעע פון אומשטערבלעכקייט איז אָבער פאַר דעם דיכטער ניט געווען קיין אַבסטראַקטער פילאָזאָפישער באַגריף, וואָס מ'קען משיג זיין נאָר מיטן שכל, — זי האָט אויסגעפילט

---

1 שלמה המלך אַלס מחבר פונם פילאָזאָפישן ספר „קהֶלֶת".

2 אדרוש בעודי אחפש — במצות שלמה זקני
אולי מגלה־עמוקות — יגלה תבונה לעיני
כי הוא מָנָתִי לבד — מכל עמלי והוני.

3 שם טוב פאלקירא, לקוטים III, § 87: ואם עלית במדרגות העצמים המושכלים, תמצא הגופים המוחשים בצירוף אליהם בתכלית המיעוט והקטנות ותראה העולם הגשמי בכללו משוט בהם כאלו הוא ספינה בים או עוף באויר. זע אויך „מקור חיים", 1926, 137.

דעם גאנצן מהות פונם דיכטער, ער האָט זי געפילט מיט זיין גאנצער נשמה, אין יעדן ווינקעלע פון זיין גרויסן הארצן. וואָרום גבירול איז ניט נאָר א שטאָלצער דענקער געווען, א פרייער פאָרשער מיטן שארפן קריטישן אויג, — ער איז דערביי געווען אויך א טיף און היים גלויביקע נאטור, דורכגעדרונגען מיטן מיסטישן פייער פון רעליגיעזער התפעלות. אומאויפהערלעך האָט אונזער דענקער און דיכטער געשטרעבט צום אייביקן ליכט; פעסט האָט ער אָבער געגלויבט, אז איבעראַל, אפילו אין דעם נישטיקן און קליינלעכן, זיינען פאַרשפרייט און צעזייט איינציקע פונקען פון דעם דאָזיקן ליכט, און זיי אַלע רייסן זיך, לעכצן און שטרעבן צוריק צו זייער מקור... „וווּנדער זיך ניט אויף דעם מענטשן, — זאָגט דער דיכטער, — וואָס ער שטרעבט אומערדמידלעך צו דערגרונטעווען זיך אין די פאַרבאָרגענע וועגן פון דער חכמה: דער זעלביקער גייסט, וואָס געוועלטיקט איבער זיין גוף, איז אויך די קראַפט, וואָס ברענגט אַלץ אין באַוועגונג“ [1].

גבירול באַשרייבט זייער זעלטן די נאַטור אָן און פאַר זיך [2], נאָר תמיד געשעעט דאָס אין פעסטן און ענגן צוזאמענהאַנג מיט זיין נשמה-וועלט, מיט זיינע שטימונגען און איבערלעבונגען. דעם דיכטערס אומרויִקע און שטענדיק גריבלענדיקע נשמה האָט אין דער נאַטור געזוכט געוואַלטיקע שאַרפע און בולטע בילדער, אין וועלכע זי זאָל קאָנען פאַרקערפּערן און אויסדריקן אירע געפילן און געדאַנקען. בעת דער דיכטער שילדערט אין וווּנדערשיינע בילדער די פינסטערע שטורעם-נאַכט, וואָס דער בליץ האָט זי ווי מיט אַ פייל דורכגעשטאָכן [3], — דאָ שפּיגלט זיך אָפּ דעם דיכטערס שטורעמישע און אומרויִקע נשמה גופא. באַשרייבט דער דיכטער די שטאָלצע פּראַכט פון דער דרומדיקער אויסגעשטערנטער נאַכט, האַלט ער קודם-כל פאַר וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז די שטערן, אָט „די העל פינקלענדיקע דיאַמאַנטן, וואָס זיינען איבער טונקל-בלויען אַטלאַס צעשאָטן“, — זיינען די שטומע שליחים, וואָס אַנטפּלעקן פאַר טויב-

---

[1] ואל תתמה באיש כָּמָה בשרו — להשיג מעלית חכמה ויכול, והוא נפש אשר הניף תסבב — והוא גלגל אשר יסיב עלי כל.

[2] דוקעם ברענגט אַפילו אין זיין „שירי שלמה“ צוויי קליינע שירים פון גבירול, וואָס אין ערשטן ווערט באַזונגען דער פרילינג (ז. 7—8) און אין צווייטן דער האַרבסט (ז. 38). עס איז אָבער זייער וואַרשיינלעך, אַז דאָס זיינען נאָר פראַגמענטן פון גרעסערע שירים.

[3] אין דעם אויבנדערמאָנטן ליד „אני האיש אשר שנס“.

אויעריקע דעם גרויסן סוד פון דער אייביקער חכמה, וואָס רעגירט די וועלט" [1].

דאָרט, אויף די העכסטע מדרגות, צו וועלכע גבירולס גייסט האָט זיך דערהייבן, האָט גענומען אַ סוף צום דיכטערס איינזאַמקייט. דערמיט, וואָס דעם דיכטערס פּערזענלעכקייט האָט זיך דערפילט צונויפגעוועבט מיט דעם גייסט פון דער וועלט, האָט דער דיכטער גובר געווען די אומבאַפרידיקטקייט פון זיין נשמה, בייגעקומען זיינע שמאַרציקע ספקות. זיין גרויסע פּערזענלעכקייט שטעלט ער שוין ניט פיינדלעך אַנטקעגן זיין נישטיקן דור און דער קליינלעכקייט פון לעבן, נאָר ער שמעלצט זי צונויף מיט דער גאַנצער מענטשהייט, און זיין „איך" ווערט דערטרונקען אין דעם גרויסן „איך" פון דער גאַנצער וועלט. דעם „צער העולם" האָט פאַרדרענגט די מיסטישע התלהבות, דער הייסער פלאַם פון טיפע רעליגיעזע איבערלעבונגען. דער דיכטער איז העכסט באַגייסטערט פונם שטאָלצן באַוווסטזיין, אַז דער מענטש איז כּלל נישט קיין נישטיק זעמדעלע, וואָס ווערט געטראָגן פונם בלינדן צופאַל, נישט קיין אָרעמזעליקער וואָרעם, וואָס קראַבלט אין דער פינסטער, נייערט אַ רינג אין דער גרויסער קייט, אַ וויכטיק גליד אין דעם געוואַלדיקן אַלוועלטלעכן בנין, אַ באַדייטנדיקער טייל פון דעם לבוש, אין וועלכן עס אַנטפּלעקט זיך די געטלעכע חכמה. די אומענדלעכע ווייטן פונם וועלטאַל — רופט אוים מיט התפעלות דער דיכטער — זיינען צו קליין דיר פאַר אַ וואוינונג צו דינען, — און אין מיין געדאַנק טוסטו רוען" [2].

אָט מיט דעם געדאַנק, וואָס פאַרנעמט, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, דעם בכבודיקסטן פּלאַץ אין גבירולס פילאָזאָפישן סיסטעם, איז אינגאַנצן דורכגעדרונגען דעם דיכטערס רעליגיעזע ליריק. כאַראַקטעריסטיש זיינען אין דער הינזיכט פאָלגנדקע טיף־באַגייסטערטע סטראָפן:

1 מיר ברענגען דאָ אין אָריגינאַל די שיינע סטראָפן (אינם ליד „אוּלַי דמעות):

שַׁחַק כְּמוֹ פַּרְדֵּס אֲדַמְּת, כּוֹכָבָיו — צִצִּים ואולם בסתו פְּרָדוֹ.
יִדְמוּ בגביהם לברקת ופז — על רִצְפַּת בהט ודר שׁוּשָׁתוֹ׃
כֻּלָּם כאחד לאלומים נִצְּבוּ — כְּאִלְּמִים וחרשים סוד שחון;
יורו ויגידו לאדם נפלאות — אל ממסילותם אשר אָרְחוּ.
מעת היותם עד כלותם ישמרו — חֻקּוֹת אלוהיהם ולא יִזְנָחוּ.
כי הָפקדו לרעות יצורים עמדו — על משמרותיהם ובם צֻוָּחוּ.
ובשום לבבי להתבונה אחזה — כי היקום כצאן ותבל אֶחוּ.
מהם רחַב־נפש, גדָל־לבב ובם — חפצו בעם ובחלקיהם.

((נייע אויסגאַבע, I, 12–13).

2 בְּרוֹמוֹת לא יְכָלוּן לְשִׁבְתֶּךָ — וְאוּלָם יֵשׁ מְקוֹמְךָ תּוֹךְ סְעִפַּי (נייע אויסגאַבע II, 47)

„דריי זע איך שטענדיק פאַר מיינע אויגן, וואָס דערמאָנען מיר, גאָט, דיין הייליקן נאָמען: באַטראַכט איך איבער מיר די הימלען די ווייטע, — זיי זיינען דער אייביקער עדות פון דיין אומענדלעכער אַלמאַכט; די ערד די פעסטע, וואָס אונטער מיינע פיס, דערמאָנט מיר אָן דיר, דעם אייביקן בויער און שעפער, און מיין הארץ, וואָס פילט און טראַכט, געדענקט אָן דיר און הויך שרייט עס אויס: „בכל עת ברכי נפשי אדני!“ [1].

דער שטאָלצער דיכטער, וואָס „טראָגט דעם גאַנצן וועלטאַל אין זיין הארצן איינגעשלאָסן“, קניט הכנעהדיק פאַר זיין גאָט דעם באַשעפער, מיט תמימות-עניוות-דיקן ווייכהארציקן געבעט-ליד אויף די ליפּן.

אין גבירולס רעליגיעזער פּאָעזיע זיינען הארמאָניש צונויפגעשמאָלצן טיפע געפילן און דערהייבענע געדאַנקען, א שטרענג-רעליגיעזע פילאָזאָפישע וועלטאַנשויאונג מיט הויכער באַגייסטערונג און לירישן פּאַטאָס. ווי א גאָטישער שאַרפשפּיציקער טורעם פון א מיטלאַלטערלעכן טעמפּל, אַזוי שטרעבט גבירולס רעליגיעזע ליד אין דער הייך, אין די ווייטע הימלען...

„יעדן פרימאָרגן און יעדן זונענאונטערגאַנג שטיי איך מיט מיין האַפן-הארץ פאַר דיר, מיין הילף און מיין באַשיצער. דערשראָקן שטיי איך פאַר דיין אַלמעכטיקער גרויסקייט, — פאַר דיין אויג זיינען דאָך אָפן אַלע מענטשנהערצער. און ווי אומבאַהאָלפן איז דאָס הארץ, ווי אומבאַהאָלפן איז דאָס וואָרט, ווי קליין און שוואַך איז מיין געדאַנק. נאָר דיר, מיין גאָט, געפעלט דעם מענטשנס געזאַנג, — וועט מיין ליד דיך לויבן ווי לאַנג דיין גייסט וועט שלאָגן אין מיין הארצן“ [2].

דער גאָט, פאַר וועמען דער מיטלאַלטערלעכער יידישער דיכטער גיסט-אויס זיין גייסט, איז אָבער ניט בלויז דער אַלמעכטיקער באַשעפער פון דער וועלט, — ער איז אויך — אלהי ישראל, דער גאָט פון דעם אויסדערוויילטן פאָלק, דער גאָט פון אברהם יצחק ויעקב, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אויפן באַרג סיני לעיני כל ישראל...

דערפאַר, בעת מען באַטראַכט די אינעווייניקסטע אינטימע וועלט פון אונזער דיכטער, מוז אויך באַרירט ווערן איין זייער וויכטיקער

---

1 שְׁלֹשָׁה נוֹסְדוּ יַחַד לְעֵינַי — יְשִׁימוּךָ זִכְרְךָ תָּמִיד לְפָנָי;
לִשְׁמָךְ — אֲנִי אַזְכִּיר שְׁמֶךָ — וְהֵם עָדַי. לְעֵדִי נֶאֱמָנַי
מְקוֹם שִׁבְתִּי — יְעוֹרֵר מַחְשַׁבְתִּי, — בְּרָקִיעוֹ — אֶזְכְּרָה רֹקַע אֲדֹנָי
הֲגִיג לִבִּי בְּהַבִּיטִי בְּקִרְבִּי: בְּכָל עֵת בָּרְכִי נַפְשִׁי אֲדֹנָי!

2 די באַקאַנטע תפילה „שחר אבקשך צורי ומשגבי“, געדרוקט אין אַ סך סידורים.

מאָמענט — דער ניגון פון נאַציאָנאַלן טיפן טרויער, וואָס קלינגט אַזוי שטאַרק און מעכטיק אין אַ סך פון גבירולס רעליגיעזע לידער. מיר האָבן שוין אין ערשטן קאַפּיטל אָנגעוויזן, וואָס פאַר אַ גרויסע השפּעה עס האָט געהאַט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער ביבלישער שפּראַך דאָס אײַפבליען פון דער אַראַבישער ליטעראַטור. די לעבעדיקע פאָלקס־שפּראַך פון די אַראַבער, בעת זי איז דערהייבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ הייליקער שפּראַך, די שפּראַך פונם קאָראַן, האָט אָנגעהויבן אויך וויסנשאַפטלעך אויסגעפּאָרשט צו ווערן. און אין אַ בערך קורצער צייט איז זי געוואָרן די שפּראַך פון הויכער קולטור און וויסנשאַפט. די פילאָ־לאָגישע פאָרשונגען אויפן געביט פון דער אַראַבישער שפּראַך האָט, ווי מיר וויסן שוין, אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אויך אין די יידישע קרייזן. אויך דאָרט האָט מען מיט גרוים התפּעלות אָנגעהויבן אויסצופאָרשן די אייגנאַרטיקע שיינקייט פון זייער אייגענער הייליקער שפּראַך, דער שפּראַך פון דער ביבל. עס איז דערפאַר לייכט פאַרשטענדלעך, וואָס דער ערשטער גרויסער יידישער דיכטער, וועלכער האָט געשעפּט יניקה פון דער אַראַבישער קולטור, שלמה גבירול, האָט אויף זיך געקוקט ווי אויף דעם גואל פון דער הייליקער שפּראַך און איר געטרייען וועכטער, וואָס איז פון דער השגחה געשיקט געוואָרן, ער זאָל מיט זיין פייערדיקן וואָרט דערוועקן אין די הערצער פון זיינע ברידער די ליבע צום לשון פון דער הייליקער שריפט. אַלס 19־יאָריקער יינגלינג האָט גבירול געפּרוּווט קורץ צוזאַמענפאַסן און דערקלערן בדרך שיר די גרונטן און כּללים פון דער העברעיִשער גראַמאַטיק. דאָס דאָזיקע ווערק — „עֲנָק" האָט עס דער מחבר אָנגערופן [1], — איז באַשטאַנען פון 400 סטראָפן, נאָר דערגאַנגען צו אונז זיינען בלויז די ערשטע הונדערט, און דאָס אַדאַנק דעם געלערנטן פונם 12טן יאָרהונדערט ש ל מ ה פּ ר ח ו ן, וואָס ברענגט די דאָזיקע סטראָפן אין דער הקדמה צו זיין „מחברת הערוך" [2]. פון גרויסן אינטערעס זיינען די ערשטע פּופּציק סטראָפן, וואָס זיינען אייגנטלעך נאָר די „הקדמה" צום ווערק גופא. אין דער דאָזיקער הקדמה באַקלאָגט זיך דער יונגער דיכטער דערויף, וואָס ס'איז בלינד געוואָרן דאָס אויג פון זיין פאָלק, פאַרגעסן האָט דאָס פאָלק זיין הייליקן ספר

1 קראתיו ענק שהענקתיהו אנוש גם כענק שמתיו עלי גרגרת.

2 אין „מחברת הערוך" זיינען אָבער די דאָזיקע סטראָפן שטאַרק פאַרגרייזט. אין אויסגעבעסערטער פאָרם זיינען זיי איבערגעדרוקט אין צונץ־יובלשריפט, II, 191—192. זייער אַ גוטן טעקסט פון די דאָזיקע גבירולשע סטראָפן האָבן מיר אויך געפונען אין אַן אַלטן כּתב־יד אין הרבּנים קאָלעקציע אין דער „אָפּע"־ביבליאָטעק". מיר ציטירן לויט דעם דאָזיקן כּתב־יד.

און זיין שפּראַך איז אים פרעמד; „אַפילו דעם כּתב איז ער מער ניט ביכולת צו לייענען“ [1]. דער דיכטער הערט איבער זיך אַ געטלעכע שטים, וואָס רופט צו אים: „שטיי אויף! דו ביזט פון גאָט געוויילט געוואָרן צו זיין דער פאַרשפּרעכער פאַר די שטומע מיט זייערע פעסט־געשלאָסענע ליפּצן“ [2]. שטיי אויף! זאָג ניט: איך בין צו יונג, — די אַלטע — זיי זיינען צו שוואַך צו זיין די שטיצע פון דער הייליקער קרוין“. איך בין גרייט — ענטפערט דער דיכטער — איך וויים: אַזוי האָט גאָט באַפוילן!“.

און אינם נוסח פון די אַלטע נביאים וועגדט ער זיך מיט גרימצאָרן צו זיין פאָלק: „קריג דערקלערט איך גאָט, שארית יעקב! די איינציקע און אויסדערוויילטע שפּראַך האָט איר פאַרלאָזן. זעט! ווען אייערע עלטער־זיידעס זיינען געוואָרן ווידערשפּעניק און האָבן געלאָזט זיך בלינד אין פרעמדע וועגן, האָט זיי דער נביא (ישעיהו) באַשטראָפט מיט זיין צאָרנדיקן וואָרט: מיט אַזאַ פאָלק וועט מען אויף אַ פרעמדער געמישטער שפּראַך מיט אַ שטאַטערנדיקער צונג מוזן ריידן!“ [3].

און מיט כּעם רופט אויס דער דיכטער: „די האַרין האָט דאָס וואָרט פאַרגעסן און די דינערין איז אויף דער בימה! ווי איז דער אומה, וואָס הית פרעמדע וויינגערטנער און איר אייגענעם וויינגאָרטן האָט זי פאַרלאָזן!“ [4].

דער דיכטער האָט אָבער ניט נאָר געשטראָפט זיין פאָלק, נאָר אויך געטרייסט און געגאָסן זאַלב אויף זיינע ווונדן. דער דיכטער, וואָס זיין נשמה איז פון קינדוואיז אָן געווען איינגעהילט אין טרויער, האָט באַזונדערס שאַרף געפילט דעם טראַגישן גורל פון זיין גלות־פאָלק, דעם אייביקן נע־ונדניק. דאָס גרויסע היסטאָרישע נאַציאָנאַלע אומגליק, די ליידן און צער פונם פאָלק האָבן געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דעם דיכטערם האַרץ און שטורמיש זיך אויסגעגאָסן אין האַרצרייסנדיקע טענער.

„אונזערע יאָרן — באַקלאָגט זיך דער דיכטער — פאַרגייען אין דלות און פאַראַכטונג. מיר האָפן אויף ליכט, — אָבער שאַנד און קנעכטשאַפט

[1] לא ידעון חזון וגם לא ידעו ספר ואיכה יקראו אגרת.

[2] שים פה לפיות נסגרו כאלמים כי יש בזאת לך מדי משמרת.

[3] ריב יש לאל בכם, שארית יעקב — כי תשכחי שפה מאד נבחרת.
וראו: אבותיכם בעתם מרדו — ויתנו כתף מאד סוררת, —
לכן הֲנִישֵׁם בְּאֹמֶר: כי בלעגי־שפה בכיד חדות תהי נדברת.

[4] ייסב היות אָמָה גבירה שכחה דבר ופלגשה תהי שומרת
חה לה אשר לא נטרה כרמיה — אבל כרם אחרים היתה נוטרת.

איז אונזער גורל. נידעריקע קנעכט געוועלטיקן איבער אונז — און מיר שמאַכטן אַלץ אין גלות!" [1].

„אומגליקלעכע געפאַנגענע, אין א פרעמד לאַנד פאַרטריבענע, פאַר א דינסט, פאַר א מצרים-דינסט ביזטו פאַרקויפט געוואָרן!.. פון יענעם טאָג, הה גאָט, וואָס דו האָסט זי פאַרלאָזן, וואַרט זי אַלץ אויף דיר, ליידט זי אויס פון געפענגעניש, דו אַלמעכטיקער, דו שטאַרקער!.. אַלץ האָט א סוף — נאָר מיין עלנד האָט קיין ענד ניט! א דור גייט נאָך א דור, און מיין טיפע וווּנד ווערט אַלץ ניט געהיילט. אין גלות פאַר-שמאַכט ווער איך, דערטרונקען ווער איך אינם טיפן אָפּגרונט, און קיי-נער פאַסט דעם רודער ניט אין האַנט די שיף צו רעטן און צום ברעג צו ברענגען... זע, מיר זיינען געיאָגט און געפּלאָגט, געבראַכט צו שאַנד און צו שפּאָט, מען רויבט אונז און מען פייניקט אונז. אין שטויב זיינען מיר געטראָטן. מיר קומען אום אונטערן יאָך דעם שווערן. ביז וואַנען, אָ, גאָט, וועט אונזער קנעכטשאַפט געדויערן, ווי לאַנג וועלן פרעמדע איבער אונז געוועלטיקן? ישמעאל [2] איז ווי א לייב, עֵשָׂו [3] ווי א וויל-דער גייער; דעם שריד, וואָס איינער לאָזט פון אונז איבער, פאַרצוקט דער צווייטער" [4].

פלוצלינג רייסט זיך דורכן דורכן טרויעריקן עלעגישן ניגון א העלער, פריילעכער אַקאָרד. דער דיכטער שילדערט, ווי עס דערהערט זיך א געטלעכע שטים, וואָס זאָגט אָן די ליכטיקע בשורה, אַז דער טאָג פון דער גאולה איז נאָענט; און דאָרט, פונם שפּיץ באַרג, דערהערן זיך שוין די תּרועות פונם לאַנג דערוואַרטן שופר — דאָס איז מודיע דער שליח מיט די ווייסע פליגלען: ער קומט שוין אָן, דער גואל פון ציון!".

אָט מיט דעם מונטערן, האָפענונגספולן אַקאָרד שליסן זיך פיל פון גבירולס צניעות-שיינע נאַציאָנאַל-רעליגיעזע לידער, וואָס זיינען געשריבן אין פאָרם פון צווייגעשפּרעך (דיאַלאָג) צווישן גאָט און כנסת-ישראל.

---

1 שְׂנִיתִינִי סָפִּי בְּדַלּוּת יִבְהָלוּת
לְאוּר נִבְיָה — וְהִנֵּה בִּיז יִשְׁפָּלוּת
מִשְּׁלוֹ בְנוֹ עֲבָדִים — יְאַנְחֵנִי בַּגָּלוּת.

2 די מחמדאַנישע פעלקער.

3 די קריסטלעכע פעלקער.

4 די „גאולה", וואָס ווערט געלייענט דעם ערשטן שבת נאָך פּסח:
שְׁבוּיָה עֲנִיָּה — בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה
לְקוּחָה לְאָמָה — לְאָמָה כְּצָרִיָה א. א. ת.

„פּאַלאַזענע און געיאָגטע, וואָס וויינסטו און קלאָגסט? ביזט זיך דען מְיַיאֵש פון דעם, אויף וועמען דו וואַרטסט אַזוי לאַנג?"

— „מיין גאולה איז ווידער דערוויטערט און מיין פינסטערניש איז דערלענגערט".

— „וואַרט, דו ליידנדיקע! ניט לאַנג וועט שוין געדויערן. באַלד שיק איך מיין שליח, ער וועט דעם וועג גרייט מאַכן און אויף דעם ציון־באַרג וועל איך מיין מלך זאַלבן!"

די דאָזיקע דיאַלאָגן־לידער בילדן אַן איבערגאַנגס־שטופע צו אַן אייגנאַרטיקער גרופּע ליבע־לידער, וואָס גבירול האָט געשריבן אין קלאַסישן סטיל פון „שיר השירים". דער מרה־שחורהדיקער דיכטער, וואָס האָט קיין איינציק עראָטיש ליבע־ליד ניט געזונגען, פאַרפאַסט אַ גאַנצע צאָל באַגייסטערטע ליבעזאַנגען, אין וועלכע די הייספלאַמענדיקע שפּראַך פון ערדישער תאווהדיקער ליבע ווערט אויסגעשמאָלצן אין מיסטיש־רעליגיעזן פּאַטאָס, און עס ווערט דערביי באַשאַפן אַ באַגייסטערט יובל־געזאַנג, וואָס באַזינגט אין פּילפאַרביקע פריי־אַנטבלויזטע בילדער דעם אייביקן הייליקן ליבעס־בונד צווישן דער שיינער כלה, דער כנסת ישראל, און איר קיניגלעכן, דעם איינציקן און אומפאַרגלייכלעכן געליבטן. בכדי צו געבן אַ באַגריף פון דעם אייגנאַרטיקן סטיל, אין וועלכן די דאָזיקע לידער זיינען געשריבן, ברענגען מיר דאָ דריי פון זיי אין יידישער איבערזעצונג, וועלכע איז נאַטירלעך ניט אימשטאַנד איבערצו־געבן די ריין־ביבלישע שיינקייט פונם אָריגינאַל:

I.

דו, וואָס וואַנדערסט איבער די פעלדער, אונטער די געצעלטן אין כושן! אויפן שפּיץ פון כרמל שטייג אַרויף, הייב־אויף דיינע אויגען צו די בשן־בערג! אַהין, צום פאַרבאָטענעם גאָרטן גיב אַ קוק, דו שיינע! זע, דיינע קלומבן זיינען שוין אַלע מיט בלומען באַדעקט". אַ, דו הירש [1] מיין שיינער, וואָס האָסטו מיין גאָרטן פאַרלאָזן און בלאָנזשעסט איבער יָקשָנס (ישמעאלס) סעדער און איבער די וועלדער פון דישון (אַנדערע אומות)? קום צוריק, מיין געליבטער! טיף אינם גאָרטן וועלן מיר זיך באַהאַלטן, מיט זיינע זאַפטיקע פרוכטן וועלן מיר זיך אָנזעטן, און די אָרעמס פון דער שיינאויגיקער וועסטו ליגן און דרעמלען" [2].

[1] אין דער מיטלאַלטערלעכער העברעיִשער פּאָעזיע ווערט דער געליבטער זייער אָפט גערופן הירש (צבי) און די געליבטע — הירשין (צביה). עס האָט נאָך דאָ אַ טאָפּלטן זין, ווייל „צבי" הייסט אויך אין העברעיִש — שיינקייט.

[2] דער פּזמון „שוכנת בשדה עם אהלי כושן", וואָס ווערט געלייענט לויטן מנהג ספרד אין שמחת תורה.

.II

„שנעל עפן דעם פאַרשלאָסענעם טויער, קער מיר אום דעם אַנטלאָפענעם הירש! ווען דו, מיין געליבטער, וועסט צוריק קומען צו מיר — צווישן מיינע ברוסטן וועסטו רוען, מיט דיין בשמים=ריח וועל איך באַטרונקען ווערן".

— „זאָג נאָר, דו כלה, דו שיינע: ווי זעט אויס דיין געליבטער, וועלכן בעטסט צוריק צו קערן, אים דיר ווידער צו געבן?"

— שיינאויגיק, שלאַנק און רויטוואַנגיק — אָט אַזוי איז מיין פריינד, מיין געליבטער! אָ, קער מיר אים גיכער צוריק!" [1].

.III

„מיין פריינד דעם ליכטיקן=שיינעם באַגריס איך! אַ גרוס אויך פון אים צו דיר, וועמענס שלייף איז געשליפענער פונם שענסן גראַנאַט=עפלבוים".

אַך, קום גיכער דיין פריינדין צו הילף! באַגליק מיט דעם בן=ישי די, וואָס איז אַרומגערינגלט פון עמונס ווילדע חיילות".

— „ליבע בעטסטו, דו שיינע מיינע, דיין שטים קלינגט שענער ווי די זילבערנע גלעקלעך אויף אהרן הכהנס מאַנטל. די צייט פון ליבע, צו וועלכער דו גלוסט אַזוי היים, וויל איך דערנענטערן. איך וועל מיך אַראָפּלאָזן איבער דיר, ווי דער זעגן=טוי פון חרמון!" [2].

אויפן ערשטן בליק קאָן זיך דוכטן, אַז די דאָזיקע מיסטישע שפּראַך פון רעליגיעזער פאַנטאַסטישער סימבאָליק און התלהבותדיקער בענקשאַפט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שפּעטערדיקער קבלה, — האַרמאָנירט זייער ווייניק מיטן ברייטן, שטאָלצן שווונג פונם שאַרפן קריטישן פאָרשער=געדאַנק. אין די ווייטערדיקע טיילן פון אונזער ווערק וועלן מיר טאַקע זען, ווי פונם 13טן יאָרהונדערט אָן ווערן אין דער יידישער קולטור אַלץ בולטער צוויי פיינדלעכע שטרעמונגען, וואָס פירן צווישן זיך אַ שטענדיקע און עקשנותדיקע מלחמה: פון איין זייט דער פרייער, געשליפענער, אָבער אייזקאַלטער פילאָזאָפישער פאָרשער=געדאַנק, וואָס טרעט אַרויס אונטער דער פאָן פון די מיימוניסטן; און

---

1 דער פזמון „שער אשר נסגר" ווערט אויך אין שמחת=תורה געלייענט.

2 דער פזמון „שלום לך דודי". נאָך אַזוינע גבירולישע פזמונים ווערן געלייענט אין שמחת=תורה: „שובי שובי השולמית", שובי לבצרון", „שולמית שובי", „שיר לאילת אהבים". דריי ענלעכע פזמונים האָט דוקעס אָפּגעדרוקט אין זיין „צור קעננטניסס דער נויהעברעאישען רעליגיעזען פּאָעזיע", 157—159. אויך אין „ליטעראַטור=בלאַטט דעס אָריענטס", 1843, 307. נאָך אייניקע אַזוינע לידער זיינען פאַרעפנטלעכט אין ביאַליק=ראַבניצקיס ביידער אויסגאַבע, III, 43, 46, 64.

פון דער אנדער זייט דער מיסטישער פאטאס, די אין מאנטל פון ראמאנטיק געהילטע „תורה שבלב״, וואס איז אנטפלעקט געווארן דורך דער חכמת הנסתר״, דער מיטלאלטערלעכער קבלה. נאר ביי אונזער דיכטער און דענקער, ביי שלמה גבירול, זיינען נאך די דאזיקע צוויי שטרעמונגען הארמאניש צונויפגעשמאלצן. דער התלהבישער מיסטיקער לעבט נאך ביי אים בשלום צוזאמען מיטן פרייען שטאלצן דענקער, ביי וועמען דאס העכסטע ציל, דאס שענסטע גליק באשטייט אינם פארשן גופא, אינם משיג זיין דעם אמת, דעם ריינעם אמת. פאר אים איז דער פראצעס פון פארשן דער זיכערער וועג, וואס פירט דעם מענטשן פונם ערדישן און באגרענעצטן צום הימלישן און אומענדלעכן. נאר דאס פארשן, דאס וויסן און פארשטיין דעם מהות פון גאט איז ביי גבירול ענג פארבונדן מיטן שטענדיקן גלוסטן און שטרעבן צום העכסטן אידעאל, מיטן הארציקן, זיס־שמארציקן בענקען נאך גאט, דעם אייביקן מקור פון ליכט און לעבן. גבירולס פרייער פילאזאפישער פארשער־געדאנק איז נישט דער קאלטער ראציאנאליזם פון אריסטו, נייערט די באגייסטערטע, אין פאעטישע בילדער איינגעהילטע „אידעען־וועלט״ פון אפלטון...

אין דער הינזיכט איז זייער כאראקטעריסטיש די מערקווירדיקסטע פרוכט פון גבירולס רעליגיעזער פאעזיע: זיין בארימטע מאראליש־דידאקטישע פאעמע „כתר מלכות״. דאס דאזיקע ווערק איז אבער ענג צונויפגעבונדן מיט גבירולס פילאזאפישער וועלט־אנשויאונג, אז מען מוז זיך פריער מיט דעם דאזיקן סיסטעם באקענען, בכדי ריכטיק אפצושאצן דעם ווערט פון זיין מייסטער־ווערק „כתר מלכות״.

אלס מענטש, וואס איז געשטאנען אויף די העכסטע שטופן פון דער דעמאלטיקער קולטור, האט גבירול באוויזן זיין גרויסע שאפונגס־קראפט אויף די פארשיידנסטע געביטן פון וויסן. ער גופא דערמאנט וועגן צוואנציק שריפטן זיינע[1]. אין אים האט געוועלטיקט נישט נאר דער אומשטילבארער דורשט נאך וויסן, נאר אויך דער שטארקער דראנג צום שאפן. ער האט געשאפן נישט דערפאר, ווייל ער האט געוועלט, נאר ווייל ער האט געמוזט. די געדאנקען און בילדער, וואס זיינען נולד געווארן אין זיין אומרויִקן גייסט, האבן אים נישט געגעבן קיין רו;

1 אין דעם באקאנטן ליד „כשורש עץ״, פערז 48. זע אויך ש. זקש, „ר׳ שלמה בן גבירול וקצת בני דורו״, 46—48. דער מיטלאלטערלעכער פילאזאפישער שריפטשטעלער משה פון סאלערנא דערמאנט גבירולס א ווערק „שער השמים״. פון די ערשטע קאפיטלעך פון „מקור חיים״ איז זיך לייכט משער צו זיין, אז שלמה גבירול האט אויך געשריבן א ווערק „תורת הנפש״; דאס באשטעטיקט טאקע מונק (זע וויטערדיקע באמערקונג).

זיי זיינען אים נאָכגעגאַנגען ווי די שאָטנס און געפאָדערט „תיקון״. און בכדי צו באַפרייען זיך פון זיי, האָט ער זיי געמוזט מתקן זיין, ד. ה. אויף דער וועלט ברענגען, זיי אָנקליידן אין אַ לבוש, געבן זיי פאָרמען און לעבן. אָט אַזוי האָט ער געשאַפן איין ווערק נאָכן אַנדערן, אַבי לייזצוווערן פון די שאָטנס, וואָס פלעגן געבאָרן ווערן מחנותוויז אין זיין שאַפונגס=גייסט... פון אַלע גבירולס וויסנשאַפטלעכע ווערק זיינען אָבער אויפגעהיט געוואָרן בלויז דריי: איינס אין אַראַבישן אָריגינאַל און צוויי אין איבערזעצונג [1]. צוויי פון זיי, „תּקון מִדות הנפש״ [2] און „מבחר הפנינים״, זיינען אַפילו אין דער העברעיִשער איבערזעצונג געווען זייער באַליבט ביי יידן, נאָר קיין באַזונדערס גרויסן ווערט האָבן זיי ניט. דאָס ערשטע בוך איז אַ מוסר=ספר, וווּ עס ווערן געגעבן די כללים, ווי אַזוי דער מענטש דאַרף שולט זיין איבער זיין אייגענעם גייסט, זען באַפרייען אים פון אַלערליי תאוות, בכדי צו דערגרייכן די הויכע מדרגה פון גאָטפאָרשונג. דאָס איינציק=כאַראַקטעריסטישע אין דעם דאָזיקן קליינעם ווערק איז פאָלגנדיקער פּרט: בעת דער מחבר שטעלט ארויס זיינע עטישע פאָדערונגען, איז ער זיך דערביי כלל ניט סומך אויף וועלכע=ס׳איז רעליגיעזע דינים און געזעצן; די מאָראַל איז ביי אים אומאָפּ=הענגיק פונם דת. דאָס צווייטע ווערק איז אַ זאַמלונג פון דברי חכמים, מאָראַלישע סענטענצן און שפּריכווערטער, געזאַמלט פון פאַרשיידענע קוועלן, הויפּטזעכלעך אַראַבישע. אייניקע שפּריכווערטער זיינען גאַנץ כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער דיכטער. זיין גייסט, וואָס געפינט זיך אין שטענדיקער באַוועגונג, אין אומדערמידלעכן שטרעבן און פאָרשן, האָט פיינט דאָס אָפּגעשטאַנענע, דאָס סטאַטישע, וואָס רוט אויף איין אָרט. „קלוג איז דער מענטש — ווייזט=אָן דער „מבחר הפנינים״ — כל זמן ער פאָרשט און זוכט די חכמה; ווי נאָר ער מיינט, אַז ער האָט שוין זיין ציל דערגרייכט, אַזוי ווערט דער מענטש פאַרנאַרישט״ [3].

[1] ש. מונק רעכנט, אַז עס איז נאָך פאַרבליבן אַ לאַטיינישע איבערזעצונג פון אַ פערטן חערק גבירולס „Traitê de l'ame“ (Melanges, 170–173).

[2] דער דיכטער האָט דאָס ווערק פאַרפאַסט אין סאַראַגאָסע אין יאָר 1045. דעם אַראַבישן טעקסט, וואָס געפינט זיך אין אָקספאָרדער ביבליאָטעק, האָט פאַרעפנטלעכט מיט אַן ענגלישער איבערזעצונג סטעפאַן וויז אין יאָר 1902 (St, Wise. The Improvement of the Moral qualities).

[3] האדם חכם בעודנו מבקש החכמה וכאשר יחשוב שהגיע אל תכליתה הוא סכל. דער געלערנטער שטיינשניידער זאָגט ארויס געוויסע ספקות, צי דער „מבחר הפנינים״ איז פאַרפאַסט געוואָרן פון ש. גבירול. זע: העברעיִשע איבערזעצונגען, 382—383; דערקעגן איז אָבער, י. גוטמאַן, „פילאָזאָפיע דעם זאלאמאָן אבן גבירול״ 18—20.

נאָר אין דעם דריטן ווערק, וואָס טראָגט גבירולס נאָמען, באַווייזט זיך אונזער דיכטער אַלס טיפער דענקער, וועלכער האָט געשטעלט אין זיין גאַנצער ברייטקייט דאָס פּראָבלעם וועגן דעם איינהייטלעכן אַלוועלטלעכן אוניווערסאַלן גייסט, וואָס ווייס ניט פון קיין פילקייט און פון פאַרשיידנאַרטיקייט.

דאָס דאָזיקע ווערק מיטן נאָמען „מקור חיים“ איז בלי ספק איינס פון די מערקווירדיקסטע פילאָזאָפישע ווערק, וואָס דאָס מיטלאַלטער האָט אונז איבערגעלאָזט בירושה[1].

גבירול טרעט דאָ אַרויס אויף אַ גאַנץ נייעם דרך. ער איז דער ערשטער צווישן די אייראָפּעישע דענקער פון מיטלאַלטער, וואָס האָט געהאַט דעם מוט צו שטעלן דאָס פילאָזאָפישע פאָרשן העכער פון די פעסט־אָנגענומענע אויטאָריטעטן. ער, דער פאָרפאַסער פון מיסטיש־רעליגיעזע און באַגייסטערטע נאַציאָנאַלע לידער, האָט אַלס דענקער, וואָס שטרעבט צו דערפאָרשן דעם אמת און דערגרינדן דאָס אייביקע רעטעניש פונם לעבן און זיין, — כּלל זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט רעליגיעזע באַגרענעצונגען, מיט די סְיָגים און צוימען, וואָס דער דת שטעלט דעם פרייען פאָרשנדיקן שכל. דער דת שטיצט זיך אויפן אווטאָריטעט פונם עָבַר, אויף דער מסורה און ירושה פון די אָבות; דער דת באַזיצט שוין דעם אמת, וואָס ער האָט באַקומען בקבלה פון פריערדיקע דורות; — דער פרייער פאָרשער וויל אָבער ערשט דער־גיין דעם אמת, אַליין מיט זיין אייגענעם שכל, נאָך אייגענער חקירה ודרישה... אַזאַ פרייער דענקער איז אויך שלמה גבירול געווען.

„למה נוצר האדם?“ — צו וואָס איז דער מענטש באַשאַפן — אָט דאָס איז די ערשטע פראַגע, וואָס דער תלמיד שטעלט זיין רבין[2] אין

[1] דער אַראַבישער אָריגינאַל איז כּמעט אינגאַנצן פאַרלאָרן געגאַנגען (עס זיינען פאַרבליבן נאָר איניקע קורצע פראַגמענטן). עס איז נאָר פאַרהאַן די לאַטיינישע איבער־זעצונג „Fons vitae“ און דער העברעישער אויסצוג „לקוטי ספר מקור חיים“, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין 13טן יאָרהונדערט דורך שם טוב פאלקירא און פאַרעפנט־לעכט מיט אַ פראַנצויזישער איבערזעצונג דורך מונק. אין דער לעצטער צייט (1926) איז דערשינען אין העברעישער איבערזעצונג דער לאַטיינישער „Fons vitae“ (מקור חיים לרבי שלמה בן גבירול, תרגמו בפעם הראשונה מרומית ד״ר יעקב בלובשטיין). צום סוף פון דער העברעישער אויסגאַבע (225—265) זיינען איבערגעדרוקט פאלקיראס „לקוטים“.

[2] דער נעאָפּלאַטאָניקער גבירול האָט זיין „מקור חיים“ געשריבן אין פאָרם פון אַ געשפּרעך צווישן אַ דענקער און זיין וויסנסדורשטיקן תלמיד לויט דעם מוסטער פון אפלטונס דיאַלאָגן.

„מקור חיים". „הידיעה היא תכליתה של מציאות האדם [1] — דאָס וויסן, דאָס אומדערמידלעכע שטרעבן און פאָרשן די ווונדערבאַרע רעטעניש פון דער וועלט — אָט דאָס איז דער ציל, וואָס אים צוליב איז דעם מענטשנס נשמה באַשאַפן, אין דעם באַשטייט איר העכסטער תענוג און גליק [2], וואָס לייזט זי אויס פונם טויט און באַהעפט זי מיטן קוואַל פון אייביקן לעבן [3].

לויט גבירולס פילאָזאָפישער וועלט־אויפפאַסונג איז דער מהות גאָט — די פולשטענדיקע אחדות און אומטיילבאַרקייט. „די איינציקייט געוועלטיקט איבער אַלץ, און אַלץ איז אין איר און דורך איר" [4]. גאָט — דאָס איז דער ערשטער מקור און התחלה, דאָס ערשטע זיין, וואָס איז איבער יעדער צייט, איבער דער אייביקייט (הפּועל הראשון הוא למעלה מן הנצח). אַלץ, וואָס איז אין דער וועלט, אַלץ, וואָס ס'איז און באַשטייט — ווערט באַשאַפן פון דער הזדווגות, דורך דער צוזאַמענהעפטונג צווישן שטאָף (יסוד, חומר) און פאָרם (צורה) און אַלע מעגלעכע פאַרהעלטענישן און מדרגות [5]. אֵין דָבָר זולת הוֹמֶר וצורה — אויסער שטאָף און פאָרם עקזיסטירט ניט קיין זאַך אין דער וועלט [6].

אין דעם באַגריף „שטאָף" פאַרשטייט אָבער גבירול ניט קיין מאַטעריע אין געוויינלעכן זין. אין „יסוד" און „צורה" דריקט גבירול אויף זיין שטייגער אויס דעם געדאַנק, וואָס ווערט שוין אַרויסגעזאָגט פון די חכמי התלמוד וועגן דער טאָפּל־געשלעכטיקייט פון דער גאָטהייט. דער שטאָף — דאָס איז דער פּאַסיווער טייל, וואָס איז מקבל די השפעה, די פאָרם — דער אַקטיווער טייל, וואָס איז משפיע [7]. נאָר גבירול

1 מקור חיים, 4.

2 דאַרמן, 137.

3 דאַרמן, 221: שחרור מהמות ודבקות במקור החיים.

4 דאַרמן, 208: האחדות מנצחת את הכל ומתפשטת בכל ומחזיקת הכל.

5 פאַלקיראַס „לקוטים", IV, סימן 11: כל הנמצא מאצל הקצה העליון אל הקצת השפל מורכב מיסוד וצורה. „מקור חיים", 141.

6 מקור חיים, 16; זע אויך דאַרמן, 149: בכל הבריאות אין אלא שני אלה — חומר וצורה.

7 מקור חיים, 180, 196, 200: הצורה היא הנותנת הויה לחומר... החומר מוחזק והצורה המחזקת... החומר נשלם על ידי הצורה והצורה משלימה את מהותו. החומר מצויר והצורה מציירת, החומר נפרד והצורה מפרדת... הצורה פועלת בחומר, כי היא משלימה את החומר ונותנת לו הויה, בעוד שלחומר אין פעולה... החומר בשהוא לעצמו אינו אלא מקבל, כלומר נפעל או מוכשר לקבל פעולה...

אַלס אמת=יידישער דענקער, וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן איינהייטס=באַגריף, מיטן גרונד=פּרינציפּ, אַז „הוא אחד ושמו אחד״, — שטרייכט שטענדיק אונטער, אַז די פאָרם און דער שטאָף זיינען אומצעטיילבאַר, צוויי צווילינג=ברידער זיינען זיי, וואָס איינער קאָן ניט עקזיסטירן אָן דעם אַנדערן [1]. עס איז נישט פאַרהאַן קיין שטאָף אָן פאָרם און אויך קיין פאָרם אָן שטאָף. אפילו ריינע רוחניות=זאַכן, אינטעלעקטן, אָן אַ שום מה=שהוא פון קערפּערלעכן חומר, אפילו דער מענטשלעכער שכל, און אויך די מלאכים, — אויך זיי באַשטייען פון פאָרם און שטאָף צוזאַמען [2]. אָט די גאַנצע אומענדלעכע און פאַרשיידנאַרטיקע קייט פון דערשיינונגען, די אַלע אומצייליקע פּועל=יוצאס פון די צוויי גרונד=עלעמענטן, ווערן ביי גבירול באַטראַכט ווי אַ שטענדיקער און אומאויפהערלעכער אויספלוס (עמאַנאַציע, אצילות) פונם ערשטן און איינציקן מקור, אוים וועלכן עס שטראָמט אַרוים אַלץ, וואָס עס איז, פּונקט ווי אַ טייך שטראָמט אַרוים פון אַ לעבעדיקן קוואַל (דערפון דער נאָמען פונם ווערק „מקור חיים״) [3]. דער פּאַרמיטלער, דער רינג, וואָס פאַרבינדט און פאַראייניקט דאָס אַבסאָלוט=אומענדלעכע מיטן באַגרענעצטן, דעם אייביקן באַשעפער מיט די אַלע פּועל=יוצאס, וואָס ווערן נולד אוים דעם צוזאַמענווירקן פון דער פאָרם און דעם שטאָף — דאָס איז לויט גבירולס באַגריף דער ווילן [4] פון גאָט, וואָס איז אויך דער כוח און אַלמאַכט פון

---

1 מקור חיים, 154: בלתי אפשרי הוא שחומר יתקיים בלא צורה. „לקוטים״, IV, סימן 17: ולא נמצא עצם היסוד ערום מהצורה וכן לא ימצא עצם הצורה קַיָּם בזולתי היסוד כהרף=עַיִן; זע אויך דאָרטן, V, סימן 42, 43.

2 „לקוטים״, II, סימן 31: ואין במושכלות הכלליות והפרטיות אלא היסוד והצורה״; זע אויך דאָרטן, IV, סימן 6, 8. „מקור חיים״: 144, 146, 147: העצם הרוחני מורכב מחומר וצורה... וגם השכל מורכב מהם... ובכן הכרח הוא שגם הספירות השכליות תהיינה מורכבות מחומר וצורה, כמו שהמוחשות מורכבות מחומר וצורה. זע אויך דאָרטן, 170.

3 „לקוטים״, V, § 71. וכבר המשלתי לך כי הבריאה תדומה בנביעת המים מהמקור וכהתהפך הצורה הראשונה ותדומה באמירה אשר ידבר בה האדם. כי האדם כשידבר באמירה תתרשם צורתה וענינה בשמע השומע ושכלו. וכפי זה הדמיון אומר שהבורא יתברך דבר באמירה ותרשם ענינה בעצם החומר, כלומר שהצורה הנבראת הִתְרַשְּׁמָה בחומר.
זע אויך פאַלקירא, „מורה המורה״, 94. זע אויך „מקור חיים״, 216.

4 אין העברעיש „חפץ״, אויך „רצון״: אין אַראַביש אָבַאבַא (זע פאַלקירא, „מורה המורה״, 93).

גאָט 1. אָט דער באַגריף וועגן גאָטס רצון אָדער „חפץ" פאַרנעמט דעם בכבודיקסטן אָרט אין גבירולס סיסטעם. דער באַשעפער און זיין רצון זיינען אומצעטרענבאַר. גאָטס רצון — דאָס איז די איינציקע אַלוועלט־לעבע שאַפונגס־קראַפט, וואָס באַשאַפט אַלץ, הן די פאָרם הן דעם שטאָף 2. ער, און נאָר ער, איז די סבה פון יעדער באַוועגונג, פון דעם שטרעבן און גלוסטן צו קומען אין באַוועגונג, ד. ה. צו לעבן און פאַרשן. ער דרינגט דורך אַלץ, וואָס ס'עקזיסטירט, אַלץ, וואָס עס איז; ער שענקט אַלעמען גייסט און לעבן. עס זיינען ניט פאַרהאַן קיין צוויי־אָפּגעטיילטע באַזונדערע וועלטן, די וועלט פון לויטער חומר און די וועלט פון לויטער רוחניות; דער גוף איז ניט קיין ענג געפענגעניש פאַר דער נשמה: וואָרן אַלץ טראָגט דעם צלם אלהים, אַלץ רוט אין גאָט און גאָטס אָפּגלאַנץ רוט אויף אַלץ אין דער וועלט 8. אַלץ אָן אויסנאַם ווערט באַלויכטן און דורכגעדרונגען פונם געטלעבן ליכט: הן דער פשוטער

1 „לקוטים", I, § 2: והרצון כוח אלהי בורא ומניע לכל ואי אפשר שיתרוקן דבר ממנו; „מורה המורה", 93: והחפץ הוא הפועל לכל והמניע לכל. זע אויך: „לקוטים" V, §§ 42, 56, 59, 60, 62, 64, 72; III, 39; „מורה המורה", 50. ערטערוויז ווערט ביי גבירולן גאָטס רצון אָנגערופן אויך גאָטס וואָרט. צ. ב. אין לקוטים V, § 56: „ידיעת האמרה הפועל כלומר הרצון". און באַלד דערנאָך: האמרה ז. א. הרצון. איין מאָל רופט גבירול אָן גאָטס רצון מיטן נאָמען „כבוד". דער לעצטער נאָמען וועט שפּילן, ווי מיר וועלן ווייטער זען, אַ באַזונדערע גרויסע ראָלע.

2 הרצון, שהוא כוח הבורא, מתפשט בכל וחודר בכל. ואין כלום בלעדיו, כי ממנו מציאות כל הדברים („מקור חיים", 214). הרצון בא מהאחדות, ולא עוד — אלא שהוא כח האחדות (דאָרט, 213).

אין דער לאַטיינישער איבערזעצונג פון „מקור חיים" (Fons vitae) ווערט אָנגעוויזן, אַז וועגן דעם באַגריף „גאָטס רצון" האָט גבירול אָנגעשריבן אַ ספּעציעל ווערק. אין לאַטיין האָט עס געהייסן: „Origo largitatis et causa essendi" דער העברעישער נאָמען איז: „מקור ההטבה וְעִלַת המציאות". זע מונק: Melanges 223, העברעישע איבערזעצונג פון „מקור חיים", 216.

8 דעם דאָזיקן געדאַנק זאָגט גבירול אַרויס אויך אין זיין ליד: „אהבתיך כאהבת אב יחידו":

והדבר מאד עָמוֹק וְעָמוֹק — ומי מבני חלוף ידע יסודו
אבל אגיד לך דבר שמעתיו — ועליך להתבונן בסודו.
חכמים אמרו כי סוד היות כל — למען כל אשר הכל בידו
והוא נכסף לשומו יש כמו יש — כמו חושק אשר נכסף לדודו *
ואולי זה ידמו הנביאים — באמרם כי בראו על כבודו
השיבותיו לך דבר ואתה — קנה טופת למען תעמידו.

* דעם דאָזיקן פערז ציטירן: דער ראב"ד אין „אמונה רמה", 61, אין יצחק אַלבַלַג („החלוץ", VII, 168).

הומר הן די איידעלע פאָרם. אַלע שעפן זיי יניקה פון גאָט; און די דאָזיקע יניקה, די געטלעכע השפעה, וואָס הייסט אין דער פילאָזאָפיע — „עמאַנאַציע" („אצילות" אין העברעיש), גייט דורך פאַרשיידענע מדרגות, גאַנצע צען „ספירות"[1]. די דאָזיקע ספירות זיינען אַלע אַן אָפּשפּיגלונג, אַן אָפּבילד (קאָפּיע) פון דעם ערשטן מקור: די ערשטע ספירה שפּיגלט אָפּ דירעקט דעם „מקור חיים", די קוועלע פון אַלץ, וואָס לעבט און עקזיסטירט. די צווייטע איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דער ערשטער, די דריטע פון דער צווייטע א. א. וו.; וואָס ווייטער די מחיצה צווישן דעם אָפּבילד און דעם ערשטן מקור, אַלץ בלאַסער איז דאָס בילד, אַלץ מער חומר און גשמיות באַהעפט זיך אין זיין לבוש[2]. וואָס נידעריקער ס׳איז די מדרגה פון דער צורה, אַלץ גרעסער איז זי אין צאָל און פאַרנעם. די לעצטע „ספירה" — דאָס איז דער עולם התחתון, וועלכן מיר פאַסן אויף מיט אונזערע חושים. אַזוי גייט ביסלעכווייז איבער די וועלט פון גאַלע רוחניות אין פשוטן חומר, אין גשמיות. נאָר אויך דאָרט ווירקט נאָך די געטלעכע השפעה; אויך דער חומר איז דורכגעדרונגען מיטן אייביקן ליכט, טראָגט דעם אָפּגלאַנץ פון זיינע שטראַלן, שעפּט יניקה אויס דעם קוואַל פון לעבן. וואָרום אַלץ, וואָס ס׳איז — מוז זיין פאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן קוואַל. אַלע וועלטן, אַלע מדרגות, אַלע שטופן פון צורות און באַשעפענישן — אַלץ האַלט אין איין שטרעבן און גלוסטן מיט גרוים ליבשאַפט צו דעם אַלאיינציקן און אַלערשטן מקור, צום

---

[1] דאָ זעט מען די השפעה, וואָס ס׳האָט אויף גבירולן געהאַט דאָס באַקאַנטע מיסטישע ווערק „ספר יצירה", וועגן וועלכן מיר וועלן נאָך ווייטער ריידן. די השפעת פון דעם דאָזיקן ספר איז אויך באַמערקבאַר אויף גבירולס רעליגיעזע פיוטים: „שלשים ושתים נתיבות" און באַזונדערס אין „שוכן עד" (פאַרעפנטלעכט אין „אוצר נחמד", I, 77—79, און אין „שפתי רננות", 54). זע אויך די פיוטים „אדני ד׳ אֵל רָם", „שבחי איומה" און „שתקים וארקים" (פאַרעפנטלעכט אין ביאַליקס אויסגאַבע, III, 59—63). די גרויסע השפעה פונם „ספר יצירה" אויף גבירולס סיסטעם באַמערקט זיך אויך אין דעם, וואָס דער בעל „מקור חיים" פאַרגלייכט די וועלט-באַשאַפונג צום מ אָ ד ם, וואָס ווערט פונם מענטשן אויסגערעדט (יש לדמות את הבריאה למלת של אדם), און אין דעם גרויסן ווערט, וואָס גבירול לייגט אויף דעם צ אָ ל - באַגריף. „די צאָל (המספר) — איז דער יסוד פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט" (מקור חיים, 156). זע אויך דאָרטן 45.

[2] „לקוטים": כל מה שישפל וירד מהפשוטים אל המורכבים יותר עב ויותר גס; וכל מה שיעלה יהיה יותר זך ויותר דקיק. V ib., § 26: וכל מה שתרד הצורה ותתגשם תהיה יותר נראה לחוש; וכל מה שתהיה הצירה קרובה אל הצורה הראשונה הרוחנית תהיה אותה הצורה יותר דקיקה ויותר נעלמת, ובהפך: כל מה שתהיה הצורה קרובה אל הצורה הגשמית תהיה יותר גסה ויותר נראה. זע אויך III, 32, 33; „מורה המורה", 11.

מקור פונם געטלעכן ליכט [1], וואָס איז דאָך דער קוואַל פון גליק, דער חותם פון לייטזעליקייט און גוטסקייט [2]. דער מענטש שפּיגלט אין זיך אָפּ די גאַנצע וועלט; דאָס איז אַן „עולם קטן" (מיקראָקאָסמאָס), וואָס גיט אַ פולשטענדיק בילד פון דעם „עולם גדול" (מאַקראָקאָסמאָס), פון גאַנצן גרויסער וועלט [3].

מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, ווי גבירול האָט באַגרינדעט די פאָדערונגען פון מאָראַל אָן אַ שום סמך אויף די עיקרים פון דת. דאָס זעלביקע זעען מיר אויך אין זיין „מקור חיים". זיין וועלטאַנשויאונג, זיינע פילאָזאָפישע באַגריפן וועגן גאָט און זיין באַשאַפונג, איז זיך כּלל ניט סומך אויפן אויטאָריטעט פון דער אמונה. דער רוב מיטלאַלטערלעכע דענקער זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער מסקנא, אַז די פילאָזאָפיע איז בלויז אַ „דינערין" ביי דער „האַרין" — דער אמונה: די פילאָזאָפיע קאָן נאָר מסביר זיין, באַגרייפלעכער מאַכן דעם אמת, וואָס די אמונה האָט אַנטפּלעקט. גבירול אָבער, דער מערקווירדיקער דיכטער און דענקער, ביי וועלכן דאָס שטרעבן צום אמת איז געווען אַזוי ענג צונויפגעבונדן מיט דער הייסברענענדיקער ליבע און שטענדיקן שמאַכטן און גלוסטן צו גאָט, — איז זיך געגאַנגען זיין אייגענעם דרך. בכדי פריי און אומגעשטערט צו דערפאָרשן דעם פילאָזאָפישן אמת, האָט ער זיך געשטיצט אויסשליסלעך אויף דעם שכל, אויף די מענטשלעכע געפילן און השגות, אָבער ניט אויף דער אמונה, אויף דער קבלה פון די אָבות. אין זיין גאַנצן ווערק ווערט דערפאַר ניט געבראַכט קיין איין פסוק פון תנך, קיין איין ציטאַט פון תלמוד [4]. דערפאַר אָבער איז דאָרט באַזונדערס שטאַרק די השפעה פון גריכישע פילאָזאָפן, בפרט פון די, וואָס זיינען

---

[1] „לקוטים", V, §§ 47, 48: ישתוקקו כולם שיהיו אחד... כולם ישתוקקו אל האהדות וכשהיה ענין התשוקה והאהבה יחייבו בקישת הרבקית באחוב וההתאחדות בו. — זע אויך ib. V, § 52.

[2] מקור חיים, 205: הסבה הרוחפת את החומר להתנועע ולקבל צורה היא שאיפת החומר להשיג את הטוב ואת העונג בקבלו את הצורה... כי כל נמצא שואף להתנועע, כדי להשיג מה שהוא מהטוב שבהויה הראשונה... תנועת כל דבר אינה באה אלא בגלל ה ט ו ב שהוא האחד.

[3] „לקוטים", III, 6: העולם הקטן דמיון העולם הגדול בסדור ובבנין. זע אויך „מור׳ ; ומורה״, 55. דער דאָזיקער געדאַנק שטאַמט נאָך פון אַפּלאַטונען.

[4] אַ סך יידישע געלערנטע האָבן דערפאַר מתרעם געווען אויף דעם פאַר־אַסער פון „מקור חיים". זע צום ביישפּיל: ראב"דס „אמונה רמה" אין דער הקדמה.

ארויסגעגאנגען פון פּלאַטאָנס הדר (נעאָפּלאַטאָניקער) [1], און ניט אומזיסט איז פּלאַטאָן דער איין־איינציקער דענקער, וואָס ווערט דערמאָנט ביים נאָמען אין „מקור חיים״ [2].

עס איז זייער מעגלעך, אַז אָט דער פּרט האָט טאַקע גורם געווען דעם אויסערגעוויינלעכן גורל פון גבירולס „מקור חיים״: דאָסדאָזיקע ווערק האָט זוכה געווען צו שפּילן זייער אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דער קריסטלעכער מיטלאַלטערלעכער פילאָזאָפיע. נאָך דער נאָמען פון זיין מחבר איז מגולגל געוואָרן אין אַן אַראַבישן אַביצעברון (אויך אַביצעַבראָל). שוין אין דער ערשטער העלפט פונם 12טן יר״ה (בערך 1130—1150) האָט אַ קריסטלעכער גייסטלעכער פון דער שפּאַנישער שטאָט סעגאָוויע, דאָמיניק הונדיסאַלווי, מיט דער הילף פון אַ געשמדטן יידן, יאהן אַבענדאַעטע (אבן דאוד), איבערגעזעצט דעם „מקור חיים״ אויף לאַטיין אונטערן נאָמען „Fons vitae״ [3]. די דאָזיקע איבערזעצונג האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אויף דער קריסטלעכער געלערנטער וועלט. דער געוויסער פראַנצויזישער געלערנטער זשורדען (Jourdain) געפינט, אַז ס׳איז אוממעגלעך ריכטיק צו פאַרשטיין און וויסנשאַפטלעך אָפּצושאַצן די קריסטלעכע סכאָלאַסטישע פילאָזאָפיע פונם דרייצענטן יאָרהונדערט איידער מען באַקענט זיך מיט גבירולס ווערק [4]. די גרעסטע גדולים פון דער קריסטלעכער מיטלאַלטערלעכער אייראָפּע, ווי אַלבערטוס דער גרויסער, טאָמאַס פון אַקווינאַ, האָבן פלייסיק שטודירט דעם „פאָנס וויטע״, און דער באַרימטער קעגנער פון טאָמאַסן, דונס סקאָט, האָט איבערגענומען די וויכטיקסטע כּללים פון גבירולס סיסטעם [5]. אַפילו געלערנטע פון דער שפּעטערער צייט, ווי דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, האָבן מיט גרויס דרך־ארץ גערעדט וועגן דעם טיפן בוך „דער מקור פונם לעבן״. נאָך דעם מחבר זיינעם האָט מען געהאַלטן פאַר אַ קריסטלעכן אָדער מוסולמענישן געלערנטן. אייניקע קריסטלעכע מיטלאַלטערלעכע געלערנטע

[1] באַריכות וועגן דעם, בפרט וועגן פּלאָטינס חשפעה אויף גבירול, זע: מ. יואל, „אבן גבירולס בעדייטונג פיר די געשיכטע דער פילאָזאָפיע״. וועגן אַנדערע דענקער, וואָס האָבן געהאַט אַן איינפלוס אויף גבירול, זע: אין 233—261 Melanges, און די רוסישע אויסגאַבע פון אונזער געשיכטע 1920, 43.

[2] „מקור חיים״, 151, 169, 190.

[3] אבן דאוד האָט צוערשט איבערגעזעצט דעם „מקור חיים״ אויף שפּאַניש און פון דער שפּאַנישער איבערזעצונג האָט הונדיסאַלווי דאָס ווערק איבערגעזעצט אויף לאַטיין.

[4] זע: מונק, אין ציטירטן בוך, 151: מ. יואל, 3.

[5] זע: מונק, 297, 300; גוטמאַן, „די בעציהונגען דעם יאהנעס דונס סקאָטוס צום יודענטום״ (מאָנאַטסשריפט 1894).

האָבן אפילו גערעכנט, אַז אביצעברון איז געווען אַן אראַבישער דענקער, וואָס האָט אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, ווייל אינם „פאָנס וויטע" זיינען גאַנץ בולט געוויסע נעאָפּלאַטאָנישע אידעען, וואָס זיינען געווען זייער נאָענט דער דעמאָלטיקער קריסטלעכער אידעען־וועלט [1]. בערך הונדערט יאָר נאָכדעם, ווי די לאַטיינישע איבערזעצונג איז דערשינען, האָט דער יידישער געלערנטער שם טוב פאלקירא געמאַכט אַ העברעישן אויסצוג פונם אראַבישן אָריגינאַל [2]. דעם דאָזיקן אויסצוג („לקוטים") האָט געפונען אין פאַריזער ביבליאָטעק דער יידישער געלערנטער שלמה מונק און פאַרעפנטלעכט אינם יאָר 1846. דערביי האָט ער געמאַכט אַן אומדערוואַרטע אַנטדעקונג: בעת ער האָט פאַרגליכן שם טובס „לקוטים" מיטן לאַטייניש „Fons vitae", האָט ער זיך איבערגעצייגט, אַז דער סכאָלאַסטיקער אביצעברון און דער באַרימטער יידישער דיכטער שלמה גבירול זיינען איינע און דיזעלביקע פערזאָן [3].

אַן אמתער צווילינגס־ברודער פונם „מקור חיים" איז גבירולס „כתר מלכות". דער דיכטער גופא רופט אָן זיין פּאָעמע די „קרוין" פון אַלע זיינע רעליגיעזע לידער [4]. די פילאָזאָפיש־דערהייבענע וועלט־אָנשויאונג גבירולס, זיינע באַגריפן וועגן גאָט דעם באַשעפער און זיין ווילן, דעם מקור פון אַלץ, וואָס לעבט — באַקומט אין דער פּאָעמע אַ פּאָעטישן לבוש, ווערט דורכגעדרונגען מיט דער באַגייסטערטער התלהבות פון אַ טיף־רעליגיעזער נאַטור.

„דו ביזט דער קוואַל פון אַלע באַשעפענישן; אַלץ, וואָס ס׳איז, איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דיין ליכט... דו ביזט דער איינציקער, דו ביזט דער אָנהייב פון אַלע צאָלן און דער יסוד פון אַלע דערשיינונגען! דו ביזט איינער און דער סוד פון דיין איינציקייט איז אַ רעטעניש פאַר די גרעסטע און קליגסטע. קיינער קען אים נישט באַגרייפן און אַנטפּלעקן... דו ביזט גאָט דער אַלמעכטיקער און קיין שום אונטערשייד איז נישט

---

1 פאַקטיש האָט שלמה גבירול זיך פאַרהאַלטן גאַנץ פיינדלעך צום קריסטנטום. דערויף זאָגם עדות פאָלגנדיקע שטעלע אין זיין תפילה „שבחי אימה":

„שוֹפְטֵי, שָׁפְטוּ־נָא בְּעֶשְׂרִים וּשְׁלשָׁה
לְאוֹמְרֵי אָב וּבֵן וְרוּחַ שְׁלשָׁה,
וְגִלּוּלֵיהֶם יַשְׁלִכוּ שָׁלֵךְ".

2 אין דער הקדמה צו זיין „לקוטים" ווייזט שם טוב אָן: ואני לקטתי לקוטים מדבריו ובאלה הלקוטים נכללת כל דעתו.

3 „ליטעראַטורבלאַטט דעם אָריענטס", 1846, 721.

4 שַׂמְתִּיהָ עַל רֹאשׁ מַהֲלָלַי — וּקְרָאתִיהָ כֶּתֶר מַלְכוּת.

פארהאַן צווישן דיין געטלעכקייט און איינציקייט, צווישן דיין מהות און דיין אייביקן זיין. אַלץ — איז איין איינציקער סוד. עס ענדערן זיך נאָר די נעמען. אַלץ באהעפט זיך אין איין רינג, פאראייניקט זיך אין איין גאַנצקייט. דו ביזט די קלוגשאַפט און די חכמה, דער קוואַל פונם לעבן שטראָמט אַרויס פון דיר... דו ביזט די קלוגשאַפט און פון דיין חכמה האָסטו דיין פרייען ווילן אויסגעשטראָמט, דער מייסטער און באַשעפער, וואָס האָט פונם נישט־זיין משפיע געווען אַלץ, וואָס ס'איז, ווי דאָס ליכט, וואָס שטראָמט פונם אויג אַרויס"[1].

אַלץ, — דערקלערט דער דיכטער פון "כתר מלכות", — די גאַנצע וועלט, לויבן גאָט דעם באַשעפער, אויך די געצנדינער און די חיות אין די וועלדער.

"דו ביזט דער גאָט און אַלע באַשעפענישן זיינען דיינע קנעכט און דיינע דינער. ניט געמינדערט ווערט דיין כבוד דורך די, וואָס דינען אַנדערע געטער, וואָרום זיי שטרעבן און גלוסטן דאָך נאָר צו דיר, זיי זיינען אָבער ווי בלינדע, וואָס מיינען, זיי גייען דעם ריכטיקן וועג, און האָבן פאַרבלאָנדזשעט אויף קרומע וועגן"[2].

דער גאַנצער מיטלאַלטערלעכער וועלטאַל, מיט אַלע זיינע הימלען, "גלגלים" און "ספירות" — אַלץ געפינט אָן אָפּקלאַנג אין גבירולס "כתר מלכות". און גאַנץ אויבנאָן, אין דער העכסטער, צענטער "ספירה" — דאָרט איז דער הייליקער טעמפל פאַר דער קרוין פון דעם מענטשן — פאַון שכל[3]. און נאָך העכער איבער דעם גלגל פונם שכל, אונטערן

1 לְךָ הַמְּצִיאוּת אֲשֶׁר מִצֵּל מְאוֹרוֹ נִהְיָה כָּל הֹוֶה...
אַתָּה אֶחָד, רֹאשׁ כָּל מִנְיָן וִיסוֹד כָּל בִּנְיָן; אַתָּה אֶחָד
וּבְסוֹד אַחְדוּתְךָ חַכְמֵי לֵב יִתְמָהוּ, כִּי לֹא יָדְעוּ מַה הוּא...
אַתָּה אֱלוֹהַּ, וְאֵין הֶפְרֵשׁ בֵּין אֱלָהוּתְךָ וְאַחְדוּתְךָ
וְקַדְמוּתְךָ וּמְצִיאוּתְךָ, כִּי הַכֹּל סוֹד אֶחָד,
וְאִם יִשְׁתַּנֶּה שֵׁם כָּל אֶחָד — הַכֹּל הוֹלֵךְ אֶל מָקוֹם אֶחָד.
אַתָּה חָכָם וְהַחָכְמָה מְקוֹר חַיִּים וּמִמְּךָ נוֹבַעַת
אַתָּה חָכָם וּמֵחָכְמָתְךָ אָצַלְתָּ חֵפֶץ־מְזוּמָּן כְּפוֹעֵל וְאָמָּן,
לִמְשׁוֹךְ מֶשֶׁךְ הַיֵּשׁ מִן הָאַיִן, כְּהִמָּשֵׁךְ הָאוֹר מִן הָעַיִן.

2 אַתָּה אֱלוֹהַּ וְכָל הַיְצוּרִים עֲבָדֶיךָ וְעוֹבְדֶיךָ,
וְלֹא יֶחְסַר כְּבוֹדְךָ בִּגְלַל עוֹבְדֵי בִלְעָדֶיךָ.
כִּי כַוָּנַת כֻּלָּם לְהַגִּיעַ עָדֶיךָ,
אֲבָל הֵם כְּעִוְרִים: מְגַמַּת פְּנֵיהֶם דֶּרֶךְ הַמֶּלֶךְ וְתָעוּ מִן הַדֶּרֶךְ.

3 גלגל השכל הוא ההיכל לפני העשירי יהיה קודש לה'.

כסא הכבוד, ביים מקור פונם אייביקן ליכט — רוען די גערעכטע און דיינע נשמות, וואָס זיינען באַשיינט מיט די שטראַלן פונם אומשטערבלעכן ליכט. „פון דעם שיין און אָפּגלאַנץ פון דיין גרויסקייט האָסטו באַשאַפן די אומפאַרגלייכלעכע שיינקייט: דו האָסט זי באַשענקט מיט דער מתנה פון חכמה, און אַ נאָמען האָסטו איר געגעבן — נשמה. פונם פלאַמענדיקן פייער פון דיין חכמה האָסטו זי געקנעטן. און אַט דער אומשטערבלעכער פייער ברענט אומאויפהערלעך אין איר...[1] און דער טויט האָט איבער איר ניט קיין שליטה. און אייביק און אומצעשטערבאַר איז זי ווי דער יסוד, פון וועלכן זי איז געבאָרן!”[2].

אין דעם דאָזיקן מייסטערווערק זיינען אַזוי שיין פאַרבונדערט דער טיפער דענקער מיט דעם פון גאָט געבענטשטן דיכטער, דער פרייער און שטאָלצער שווונג פונם פילאָזאָפישן פאָרשער־געדאַנק — מיט צניעותדיק־הכנעהדיקן גאָטספאָרכטיקן הארצן. און ווי קינסטלעריש שיין עס גיסן זיך האַרמאָניש צונויף דער אָנהויב מיטן סוף פון דעם ווערק. מיט הויכן פאַטאָס און באַגייסטערונג הייבט זיך אָן דער „כתר מלכות” — דאָס זאָגט עס דער דיכטער אַ דערהייבענעם שבח און לויב לכבוד דער אומבאַגרענעצטער חכמה פונם גרויסן און שטאַרקן באַשעפער; און צום סוף פון דער פאָעמע — שטילע הכנעהדיקע געבעט־אַקאָרדן; דאָס איז זיך דעם דיכטערס צעוויינטיקט און צעבראָכן האַרץ מודה ומתודה פאַר זיין גאָט, דעם אל מלא רחמים...

און יעדן יום־כפור אויף דער נאַכט ווערט בכל תפוצות ישראל אין אַלע בתי־תפילות מיט ערפורכט און יראת שמים געלייענט אָט דאָס דערהייבן־שיינע דענקמאָל פון מיטלאַלטערלעכער פילאָזאָפישער פאָעזיע...

זייער ווייניק פּרטים ווייסט דאָס יידישע פאָלק וועגן דעם לעבן פון זיין גרויסן דיכטער. נאָר די פאָלקס־אַגדה האָט אַרום גבירולס נאָמען מיט ליבע געשפונען און געוועבט איר פאַנטאַסטיש געוועב, און ווונדערלעכע לעגענדן האָבן די קומענדיקע דורות דערציילט וועגן דעם טרויעריקן דיכטער פון מאַלאַגאַ.

דער פאַרפאַסער פון „שלשלת הקבלה” דערציילט פאָלגנדיקע לעגענדע וועגן דעם טראַגישן טויט פון דעם גרויסן דיכטער: אַן אַראַ־

---

1 דער זעלביקער געדאַנק געפינט אַ שיינעם אויסדרוק ביי גבירול אין זיין ליד „לְךָ נַפְשִׁי תְּסַפֵּר” (נייע אויסגאַבע, II, 109): „דו האָסט געזאָגט: „ליכט זאָל זיין!” — און זי, די נשמה, איז געבאָרן געוואָרן (לְךָ בְּדָבָר „יְהִי!” אָז נִמְצָאָה הִיא).

2 בבראך מצא כבודך יפעת טהורה... ואצלת עליו רוח חכמת וקראת אותה נשמה עשיתה מלהבות אש השכל חצובה ונשמתו כאש בוערה בה... ועל כן לא ישלום עליה בליון, ותתקים כפי קיום יסודה, וזה ענינה וסודה.

בישער דיכטער אין וואַלענציע האָט זיך זייער מתקנא געווען אין דעם גאונישן טאַלענט פון זיין יידישן חבר. אויס קנאה האָט ער דעם יידישן דיכטער געהרגעט און זיין קערפּער פאַרגראָבן אין גאָרטן אונטער אַ פייגנבוים. דער דאָזיקער פייגנבוים האָט פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן צו טראָגן ווונדערשיינע און באַזונדערס זיסע פרוכטן, אויף וועלכע עס האָבן זיך געחידושט אַלע איינוווינער פון שטאָט. דער קלאַנג וועגן דעם אויסערגעוויינלעכן בוים איז דערגאַנגען ביז צום קאַליף גופא. דער קאַליף האָט געפאָדערט צו זיך דעם אייגנטימער פונם גאָרטן. דער אַראַבער האָט זיך סוף כל סוף מודה געווען אין זיין פאַרברעכן, און מען האָט אים אויפן באַפעל פונם קאַליף אויפגעהאַנגען אויף דעם זעלביקן פייגנבוים [1].

דאָס איינציקע קערנדל אמת, וואָס ס׳שטעקט אין דער אגדה, איז — דאָס אָרט, ווו גבירול איז געשטאָרבן. מ׳האָט אין וואַלענציע אויפן אַלטן בית־עלמין ווירקלעך געפונען אַ העלפט פון דעם דיכטערס מצבה [2]. נאָר די אגדה וועגן דעם בוים מיט די ווונדערשיינע פרוכטן, וואָס פלעגן צייטיק ווערן פריער פון אַלע אַנדערע — דאָס איז אַ שיינער סימבאָל פאַרן דיכטער גופא, וועמענס גאונישער שעפער־גייסט איז אַזוי פרי צייטיק געוואָרן און אַרויסגערופן אַזוי פיל באַוווּנדערונג מיט זיינע שיינע אומפאַרגלייכלעכע גייסטיקע פרוכטן.

גבירולס טיפע פאָרשער־קראַפט און גרויסער פּאָעטישער טאַלענט האָבן מיטאַמאָל אויפגעהויבן אויף זייער אַ הויכער מדרגה דעם יידישן פילאָזאָפישן געדאַנק און די העברעיִשע פּאָעזיע. גבירול איז אויך געווען דער אמתער מייסטער און באַשעפער אויפן געביט פון פּאָעטישער

---

[1] די זעלביקע לעגענדע, נאָר אין אַן אַנדער נוסח, דערציילט אויך יוסף זאַמברי (זע: נייבויער, „מאָנאַטסשריפט״, 1887, 500—501). עס איז נאָך פאַרהאַן אַ לעגענדע, אַז שלמה גבירול האָט באַשאַפן אַ גולם אין דער געשטאַלט פון אַ פרוי: אמרו על ר׳ שלמה בן גבירול שברא אשה והיתה משרתת לו וכאשר הלשינוהו למלכות הראה להם שלא היתה בריאה שלמה והחזירת לקדמותה חתיכות וחוליות שמהם נבנית.

[2] דאָס יאָר פון גבירולס טויט איז ניט פעסטגעשטעלט. אויפן סמך פונם דיכטער משה אבן עזרא, וואָס דערציילט, אַז גבירול איז געשטאָרבן נאָך איידער ער איז אַלט געוואָרן דרייסיק יאָר, האָט מען לאַנג גערעכנט, אַז דער מחבר פון „כתר מלכות״ איז געשטאָרבן בערך אין דער מיט פונם עלפטן יאָרהונדערט. נייערע פאָרשער האָבן אָבער באַוויזן, אַז גבירול האָט נאָך געלעבט אין יאָר 1068, און זיי זיינען געקומען צו דער מסקנא, אַז דער דיכטער איז געשטאָרבן בערך אינם יאָר 1070, ווען ער איז געווען קרוב צו די פופציק. אַ באַווייז, אַז די דאָזיקע מיינונג איז ריכטיק, געפינען מיר אין איינעם פון גבירולס פיוטים, ווו דער דיכטער זאָגט וועגן זיך: „וזרקה בי שיבה״ — איך בין שוין גראָ (אין דער תוכחה „עד מתי יְצָרִי״).

מעטריק. אויף די יסודות, וואָס זיינען געלייגט געוואָרן דורך דונַש בן לַבְרַט, האָט גבירול אויסגעבויט אַ גאַנצן קונציקן בנין, און דער בארימטער אברהם אבן עזרא רופט אָן גבירולן מיט רעכט: „דער פאָטער פון די מעטרישע געזאַנגען" [1].

די מעטריק אין גבירולס לידער שטיצט זיך אויף דער קאָמבינירונג פון צוויי הויפּט־יסודות: דעם „יָתֵד" מיט דער „תנועה". „יָתֵד" ווערט אָנגערופן אַ זילבע, וואָס האָט פאַר זיך אַ „שְׁוָא נָע" אָדער אַ „חֲטָף", צ. ב.: שְׁמַע, בְּעֵת, אֲשֶׁר, עֲדֵי, אֱמֶת א. א. וו.; „תנועה" איז אַ זילבע, וואָס באַשטייט פון איין וואָקאַל, צ. ב.: מַה, לִי, בּוֹא, חֵטְא. דער יָתֵד, וואָס אַנטשפּרעכט דעם „יאמב" פון אייראָפּעיִשער מעטריק, ווערט אויס־געדריקט דורכן צייכן: ⏑—. די תנועה, וואָס אַנטשפּרעכט דער העלפט פון אַ ספּאָנדעוס, אין דער אייראָפּעיִשער מעטריק, ווערט אויסגעדריקט דורך אַזאַ צייכן: —; אַ יָתֵד מיט אַ תנועה צוזאַמען גלייכן דעם אייראָ־פּעיִשן באַקכיוס (⏑——), אַ תנועה און דערנאָך אַ יָתֵד ═ אַמפי־מאַקרא (—⏑—) [2]. דורך דעם קאָמבינירן יְתֵדוֹת מיט תנועות אין די פאַרשיידענע אופנים האָבן גבירול און זיינע נאָכפאָלגער באַשאַפן אַלע מעגלעכע פאָרמען און דעם רײַכאַרטיקן משקל פאַר זייערע לידער. יעדער פערז, וואָס טראָגט אין דער אַראַביש־העברעיִשער מעטריק דעם נאָמען „בַּיִת", צעפאַלט אין צוויי העלפט: די ערשטע הייסט: „דֶלֶת" (די טיר, דער אריינגאַנג), די צווייטע — „סוֹגֵר" (שלוס).

דער רוב גבירולס וועלטלעכע לידער און אַ טייל זיינע רעליגיעזע פּיוטים זיינען אויסגעהאַלטן אין איין גראַם, ד. ה. אַלע פערזן (בתים) אינם געדיכט שליסן מיט איינער און דערזעלביקער זילבע [3]. אָפּטמאָל

---

1 זע זיין פירוש אויף בראשית, 3, 1; אויך זיין „ספר צחות", 1827, 10—11.

2 מער באַריכות וועגן יידיש־אַראַבישער מעטריק זע—פון די עלטערע: אַברהם אבן עזרא אין די אויבנדערמאָנטע ערטער; סעדיה אבן דַנָן אין זיין „פרק בחרוז" (נייבויערס „מלאכת השיר", 4—18); די הוספה צו משה קמחים „מהלך שבילי הדעת" מים אליהו לעוויטאַס פירוש; דער אַנאָנימער „שקל הַקודש", געדרוקט צום שלוס פון דוד אבן יְחִייאָס „לשון למודים". פון די נייערע: פראַנץ דעליטש, „צור געשיכטע דער יידישען פאָעזיע", 1836; ב. האַלפּער אין „Jewish quart. rew.," 1913, 153—224; ה. בראָדי: „איבער די מעטרא אונד פערז־געדיכטע", 1895.

3 אַ פּאָר ביישפּילן פון גבירולס מעטריק:

א) וּבְרָא אֵל בְּלִי לֵב זְמַנִּי — וְנָצַר מִכְּלִי קֶרֶן שְׁוָרָיו
וְיָרוּם כָּל אֱוִיל בַּחֲסַר־לֵב — וְכָל יוֹנֵק חֲלֵב אֵם מִבְּחִירָיו.

ב) קוּם הַזְּמַן וּלְבַשׁ עֲדָנֶיךָ — וּקְשׁוֹר שְׁבִיסֵי שַׁחֲרוֹנֶיךָ
עַד אָן תְּנַצֵּל עֶדְיְךָ עַד אָן — תִּפְשׁוֹט לְפָנֵינוּ סְדִינֶיךָ.

דערגרייכט גבירול באזונדערס שיינע עפעקטן דערמיט, וואס ער באנוצט ענלעך קלינגענדיקע ווערטער, נאר פון פארשיידענער באדייטונג [1], אדער פארשיידענע ווערטער מיט איינער און דער זעלביקער ענד־זילבע, ווי צ. ב. אין דעם שוין פריער ציטירטן נאציאנאל־רעליגיעזן ליד:

שְׁבִיָּה עֲנִיָּה — בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה
לְקוּחָה לְאָמָה — לְאָמָּה מִצְרִיָּה
— — — — — — — —
מְצוּצִים לְחוּצִים — סוּבְלֵי מַעֲמָס
בְּזוּזִים גְּזוּזִים — נְכוֹנִים לְמִרְמָס.

א סך פיוטים זיינע זיינען געשריבן אין פארם פון פירפערזיקע סטראפן; די דריי ערשטע פערזן האבן זיך זייער באזונדערן ריים, די לעצטע פערזן אבער פון אלע סטראפן אין ליד האבן איין ריים. אין אזא פארם זיינען געבויט זיינע „אזהרות״, צ. ב.

עֲדֵי מָתַי יִצְרִי — יְהִי זָר עַל יוֹצְרִי — וְיִבְחַר רַע וּמְרִי — וְדֶרֶךְ מַהֲתַלִּים
וְאַקְשֶׁה אֶת רוּחִי — וְאָעֵז אֶת מִצְחִי — אֲסַלֵּף אֶת אָרְחִי — וְאֶעֱזוֹב מַסְלוּלִים.

אין איניקע לידער, ווי צום ביישפיל אינם ליד „זְמַן בּוֹגֵד״, האבן ניט נאר ענדווערטער פון יעדן פערז אן אלגעמיינעם ריים, נייערט אויך די פארלעצטע:

וְשֶׂכֶל הָאַרְדִּי אַפּוֹ לְכָל חֵטְא
וְלֵב נִכְבָּד — שְׁמָרַנִי כְּבוֹדוֹ
וְלָבַשְׁתִּי לְבוּשׁ חָכְמָה וּמוּסָר
וְהַדַּעַת — עֲזָרַנִי רְבִידוֹ.

אין א סך פון זיינע רעליגיעזע פיוטים איז אין די ראשי תבות פון די פערזן אין פארם פון אקראסטיך איינגעפלאכטן דער נאמען פונם דיכטער, מייסטנס נאך מיטן עניוותדיקן צוגאב: „הקטן״. אין דער מיטלאלטערלעכער ליטעראטור ווערט דערפאר גבירול אפט אנגערופן „שלמה הקטן״. דער דיכטער פונם 13טן יארהונדערט, יהודה אלחריזי, בעת ער כאראקטעריזירט גבירולס באדייטונג, שטרייכט דערפאר אונטער: „קטן״ האט ער

[1] צ. ב. אין דעם באקאנטן פיוט, וואס ווערט געלייענט אין יום־כפור „שַׁנְאַנִּים שַׁאֲנַנִּים״.

זיך גערופן, נאָר אנטקעגן אים זעען ריזן אוים ווי צווערגן; ער האָט זיין גלייכן ניט צווישן אַלע יידישע דיכטער פון פריערדיקע און שפּע־טערדיקע דורות. דער „קליינער" געוועלטיקט איבער אַלע! גאָט האָט אים געזאַלבט פאַר אַ מלך איבער אַלע יידישע דיכטער! ער איז דער איינציקער, אומפּאַרגלייכלעכער. זיין געזאַנג איז — שלמהס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען".



דריטער קאַפּיטל

יצחק אבן גיאַת. — משה אבן עזרא; זיין פריילעכע יוגנט. — לידער פון גליק און פרייד. — די אומגליקלעכע ליבע. — דער דיכטער אַלס גע־וַנדניק. — זיינע לידער פון יאוש און האָפענונג. — דער געליבטערס טויט. — דעם דיכטערס לעבנס־דראַמע. — אבן עזרא אַלס פייטן. — דער „סלחן".

אין דעם מחבר פון „כתר מלכות" און אין זיין שאַפן זעען מיר די העברעיִשע פּאָעזיע אין דער געשטאַלט פון אַ מיטלאַלטערלעכן גאָטישן טעמפּל, וואָס רייסט זיך אין דער הייך צו די הימלען, און פרעמד און אומבאַקאַנט זיינען דאָרט די וואָכעדיקע אַלטעגלעכע געזאַנגען פון דער ערד. באַלד נאָך גבירולן איז אָבער אין דעם דאָזיקן דערהייבענעם טעמפּל מיט אימפּעט אריינגעדרונגען מיט זיין הילכיקן געלעכטער אַ יונגער דיכטער, וואָס האָט געשפּראָצט מיט לעבנסלוסט און מיט קינדערשער פרייד; אונטער די פּאַרמרה־שחורהטע געוועלבן פונעם שטאָלצן טעמפּל האָבן זיך גלייך דערהערט די יוכצנדיקע פאַרשיכּורנדיקע אַקאָרדן פון דער תּאווהדיקער ערדישער ליבע, פון דעם מונטערן טראָציק־עזותדיקן חשק און באַגער צום באַרוישנדיקן פריילעכן בעכער פון לעבן. משה בן יעקב אבן עזרא האָט דער דאָזיקער דיכטער געהייסן.

משה אבן עזרא איז געבאָרן אין זייער אַ רייכער און אָנגעזעענער פאַמיליע אין גראַנאַדע (בערך אין יאָר 1070) און האָט באַקומען אַ גרינדלעכע דערציאונג. יידישע לימודים האָט ער געלערנט ביי דעם פריער שוין דערמאָנטן געלערנטן און דיכטער פון יענער צייט, יצחק בן יהודה אבן גיאַת[1], וואָס האָט נאָך דעם טראַגישן טויט (אין

---

[1] יצחק אבן גיאַת האָט הויפּטזעכלעך זיך קונה שם געווען אַלס רעליגיעזער דיכטער. פון זיינע פיל פּיוטים (אין לאַנדסהוטס „עמודי העבודה", 111—116, זיינען אויסגערעכנט 116 גיאַת'ס פּיוטים) איז באַזונדערס באַקאַנט זיין האַרציקע תּפילה „יונת חפשה בנטות היום", וואָס ווערט געלייענט יום־כּפּור צו נעילה:

„דער טאָג האַלט ביים פאַרגיין, און ביי איר באַשיצער זוכט די טויב די שטילע רו און אָפּדאַך — צו דער נאַכט. זי זעט: אין די אָוונט־שאָטנס צעגייט דער טאָג, — האָט זי ד י י ן הויף פאַר איר נעסט געוויילט — צו דער נאַכט. פונעם קראַנקן געלעגער רופט זי דעם גאַנצן טאָג צו דיר: ווען וועל איך געהאָלפן ווערן? ווען קומט שוין אָן

יאָר 1066) פון שמואל הנגידס זון פאַרנומען זיין שטעל אַלס ראש ישיבה אין לוסענאַ. אויפגעוואַקסן אויף דער אַראַבישער קולטור, איז משה אבן עזרא געווען בָּקי אין אַלע געביטן פון וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע פון זיין צייט, דערצו נאָך געווען באַקאַנט מיט די שפּראַכן פון דער אַלטער אייראָפּעיִשער קולטור — מיט לאַטיין און גריכיש.

רייַך באַגאַבט, דערצויגן אין עֲשרות און אין רַחבות, האָט דער יונגער דיכטער מיט פרייד גענאָסן פונם פולן לעבנס־בעכער. ער איז געווען פאַרליבט אין דער נאַטור און אין פרויען־שיינקייט, און מיט גרויס באַגייסטערונג באַזינגט ער אין זיינע לידער די בליענדיקע פּראַכט־פאַרבן פון די אַראַביש־שפּאַנישע סעדער און גערטנער און דעם פאַר־שיכּורנדיקן כּישוף פון די שפּאַנישע פרויען. „זעט! — רופט אויס דער דיכטער [1] — אין אַ זייַדן געוועב איז דער גאָרטן איינגעהילט, אַלע לאָנקעס — אין פילפאַרביקע קליידער געצירט! יעדער בוים שטאָלצירט אין זיין יום־טובדיקן מאַנטל, וויל דערפרייען און בְּלענדן דאָס אויג. יעדער בלימעלע פרייט זיך, וואָס ס'האָט די וועלט דערבליקט, און מיט אַ גליקלעכן שמייכל ווערט דאָס געבאָרן. נאָר די פּראַכטפולע רויז האָט אַלע פאַרשעמט, זי גלאַנצט ווי אַ שיינע מלכה אויפן טראָן. פון געפענ־געניש האָט זי זיך אָקאָרשט באַפרייט — און גלייך אין העלן פורפור זיך אויסגעצירט. ווער ס'איז ניט פאַרשיכּורט פון איר בשמימדיקן ריח, דער האָט זיך פאַרזינדיקט; באַשטראָפט מוז ער ווערן".

די ברידערלעכע קרֶבוּת צו דער נאַטוּר, דאָס זיסע באַרוישנדיקע געפיל פון גליק און פרייד, וואָס דערפילט דאָס האַרץ פונם דיכטער, געפינט אַ באַזונדערס שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דעם דריטן פּרק פון זיין גרויסער פּאָעמע „תרשיש" [2].

„ווי אַזוי — פרעגט פאַרחידושט דער דיכטער — קאָן איך גאָר אין טרויער געדענקען, בעת איך הער דאָס סודותדיקע געפליסטער

פון רו די נאַכט? דיין גנאָד, אָ נאַכט, גיט אונדז ביים טאָג־פאַרגיין. שיק דיין גרויס רחמים אונדז אויף די פליגל פון דער נאַכט! — פאַרנעם איר געבעט פאַרן פאַרגאַנגענעם טאָג. זי שטייט פאַר דיר פון מאָרגן־פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. אָ, דערבאַרעם זיך איבער אונדז! זע, דער טאָג איז שוין פאַרגאַנגען, אַלץ טונקעלער ווערן די שאָטנס פון דער נאַכט!"

די איבעריקע פּיוטים זיינע אין זיין „מעמד יום הכפורים" זיינען צו פיל איבער־געלאָדן מיט פילאָזאָפישע און אַסטראָנאָמישע באַגריפן פון יענער צייט און זייער פּאָעטישער ווערט איז אַ גאַנץ קנאַפער.

1 אינעם ליד „כתנות פסים לבש הגן". פאַרעפנטלעכט אין „כּרם חמד", IV, 84.

2 פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1886 דורך דעם באַראָן דוד גינצבורג.

פונם קליינעם טייכעלע, דאָס געצוויטשער פון די פייגעלעך, און רו, איינגעהילט אין זיסן דרימל, אינם שאָטן פון די מירטנביימער אויפן טעפּיך פון בשמימדיקע בלומען״ [1].

„לאָמיר זיך פרייען, ברידער! אָן זאָרגן, אָן דאגות לאָמיר אין די דופטנדיקע סעדער פאַרברענגען. דאָרט וועלן מיר רוען, איינשלעפערן וועלן אונז דאָס ביימער־געפליסטער און דער הילכיקער געזאַנג פון דער באַפליגלטער גרויסער קאַפּעליע״ [2].

„פרי ביים מאָרגן — לייגט פאָר דער דיכטער — קומט אין דעם דופטנדיקן גאָרטן, ווו געטובלט זיינען די בלומען אינם געבענטשטן טוי פון דער נאַכט. מיט יראת הכבוד פאַרנעמט דעם געזאַנג פונם טויזנט־שטימעדיקן כאָר, — די פייגל זיינען דאָך ווי די מענטשן: יעדער מין האָט זיין אייגנעם לשון״ [3].

„פול מיט פרייד איז דער דיכטער, וואָס דער וואָלקן האָט אין גאָרטן אַלע קלומבן אָנגעטרונקען; גליקלעך זיינען אַלע בלומען־גלעקלעך, ווען דער הימל וויינט מיט טרערן; און אַלע גראָזן און אַלע קנאָספּן זינגען זייער לויבגעזאַנג אָן ווערטער דעם ליבן רעגן פאַר זיין גענאָד דעם גרויסן, וואָס האָט זיי פון דעם חושכדיקן דרימל אויף דער ליכטיקער וועלט געבראַכט״ [4].

ניט נאָר דעם חן און די פּראַכט פון די שפּאַנישע סעדער באַזינגט דער יונגער אבן עזרא, נאָר אויך די פאַרבאָרגענע באַרוישנדיקע קראַפט פון די וויינגערטענער.

„געפאַנגען האָבן מיין הארץ דעם ווינשטאָקס זיסע טעכטער. זיי שענקען פאַר ימערטע — נייע פרישע כוחות; פאַרוואָגלטע, אָרעמע, פון די לופטיקע טעכטער פאַרכישופט — לייכטן ווי פירשטן פון גליק און פרייד״ [5].

„אין די שווערע מאָמענטן פון בענקשאַפט, אין די טרויעריקע טעג פון גלות — איז דער בעכער מיין איינציקע טרייסט, דער קרוג — די בעסטע רפואה [6]. דער ווין — ער קילט און דערפרישט אין דער גרעסטער היץ, ער וואַרעמט און שטאַרקט אין דער שניידנדיקער קעלט.

---

1 „תרשיש״, 37.

2 דאָרט, 38.

3 דאָרט, 37.

4 דאָרט, 38.

5 דאָרט, 32.

6 דאָרט, 34.

ער איז מיין געטרייער באַשיצער פאַרן גרימיקן פראָסט און פאַר די ברענענדיקע זונענשטראַלן!״ [1].

פארליבט איז אָבער אונזער דיכטער געווען ניט נאָר אין די „טעכטער פון וויינשטאָק״, נייערט אויך אין די טעכטער פון חַוָה. זינט די מעכטיקע אַקאָרדן פון „שיר השירים״ זיינען אנטשוויגן געוואָרן, האָבן זיך אין דער העברעיִשער ליטעראַטור שוין מער ניט געלאָזט הערן די לידער פון ערדישער תאווהדיקער ליבע און ליידנשאַפט. דעם „שיר השירים״, דעם „געזאַנג איבער אלע געזאַנגען״, דעם פלאַמענדיקן ליד פון „ליבע, וואָס איז שטארק ווי דער טויט״ — האָט מען אויסגעטאָן דעם לבוש פון גַשמִיות און ס׳איז געוואָרן גאָלע רוחניות, פול מיט הייליקע פאַרבאָרגענע סודות [2]. דער ליבע־ראָמאַן פון דער שיינער שאָפּ־הירטין שולַמית איז מגולגל געוואָרן אין אַ מיסטיש געשפרעך צווישן הקדוש ברוך הוא און דער כנסת ישראל.

אונטער דעם בלויען הימל פון דער אראבישער שפאַניע, ווו דאָס גלות־פאָלק האָט זיין צווייטע היים געפונען און פריי געגאָסן די זאַפטן פון דער ערד [3], האָבן נאָך אַמאָל אויף דער אַלטער ביבל־שפּראַך העל און מונטער אויפגעקלונגען די הייסע תאווהשע לידער פון דער ערד.

משה אבן עזרא איז געווען דער ערשטער יידישער דיכטער, וואָס האָט צוזאַמען מיט די ריחות פון פעלדער און בליענדיקע סעדער אַראָפּ־געבראַכט אין די געצעלטן פון ישראל אויף דעם באַרוישנדיקן פלאַם פון דער ערדישער ליבע, דעם רייצנדיקן כישוף פונם פרויען־לײַב.

„מיין נשמה — איז זיך מודה דער דיכטער — איז אין תפיסה ביי דער רייצנדיקער שיינער, וואָס אירע לאָקן זיינען שוואַרץ ווי די נאַכט און דאָס געזיכט איז העל און מילד, ווי דער זילבערנער לבנה־שטראַל״ [4].

---

[1] „תרשיש״, 35—36.

[2] שוין דער באַרימטער תנא ר׳ עקיבא האָט דערקלערט: „לא היה העולם כדאי כיום שֶׁנִּתַּן בּוֹ „שיר השירים״ לישראל, שכל הכתובים קודש ו„שיר השירים״ קודש קדשים״. אַן אַנדער תנא האָט געזאָגט: „כל העושה „שיר השירים״ כמין זמר—חַיָב לגיהנום״.

[3] שוין אין די צייטן פון חסדאַי אבן שפרוט איז ערדאַרבעט געווען אַזוי פאַר־שפּרייט ביי די שפּאַנישע יידן, אַז אייניקע פאָרשער, ווי, למשל, שיפּער, רעכענען אַפילו, אַז ערדאַרבעט האָט געשפּילט די וויכטיקסטע ראָלע אין דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן פון דעם דעמאָלטיקן יידישן קיבוץ אין שפּאַניע.

[4] „תרשיש״, 32:

בְּנַפְשִׁי יְעֵלוֹת — בְּיוֹפִי כְּלוּלוֹת

בְּשֵׂעָר כְּלֵילוֹת — וּבִפְנֵי לְבָנוֹת.

„די זאַפטיקע בריסטן פון מיין פּראַכטפולער ליבער האָבן ווי שפּיזן מיין האַרץ דורכגעשטאָכן". „די טעג צעשיידט מיט מיין געליבטער – זיינען שוואַרץ ווי אירע לאָקן; די נעכט מיט איר צוזאַמען זיינען שיין ווי אירע וואַנגען" [1].

דעם דיכטערס געליבטע איז אַ טיפּישע לייכטזיניקע טאָכטער פון הייסן דרום־לאַנד. טענץ און געזאַנג — דאָס זיינען איר חיות, און עס שפּראָצט פון איר מיט לעבנסלוסט און פריילעכן, האַלב עזותדיקן, האַלב שאַלקהאַפטן געלעכטער. „איך האָב ביי מיין שיינער געפרעגט — דערציילט דער דיכטער — פאַרוואָס קאָנסטו קיין זקנים ניט ליידן? — פאַרוואָס — איז איר ענטפער געווען — האָסטו ליב ניט זקנות, נאָר מיידלעך גאַנץ יונגע?" [2].

דעם כּישופדיקן רייץ פון זיין געליבטער שילדערט דער דיכטער אין פאָלגנדיקע שטאַרק געווירצטע סטראָפן: „שנעל שוועבט מיין ליבע אין איר רעַשיקן טאַנץ, שטאָלץ שטאַרצן אַרויס די גראַנאַטעפּל־בריסטן, און לייכט און לופטיק איז איר יעדער טריט, גלייך זי שפּרייזט מיט גרויס פאָרזיכט אויף דער שאַרף פון בלאַנקנדיקע שווערדן" [3].

„מיין שיינע — צו אַ מירטנצווייג איז זי געגליכן, בעת זי צעפּלעכט אין פריילעכן טאַנץ אירע נאַכט־שוואַרצע לאָקן. זי טויט מיט אירע פיילן, וואָס זיינען רויט־געטובלט אין מיין בלוט, און אַלע שווייגן, עס דערמאָנט ניט קיינער וועגן שטראָף" [4].

„זעט, ווי רייצנדיק איז מיין ליבע, בעת זי זינגט מיט איר ציטער אין קאַראַהאָד. אַלע באַזינגען אין לידער איר יונגע שיינקייט, און זי זינגט אונז אַלעמען דאָס ליד פון דער יוגנט" [5].

„ווי קאָן מען אַנטלויפן פאַר דעם אויגן־כּישוף פון מיין ליבער, לייכטפיסיקער אינדין! וווּ נעמט מען דעם כּוח אים גובר צו זיין? די אויגן — זיי ברענגען אין נסיון אפילו גאָטספאָרכטיקע זקנים; קיין צדיק, קיין נביא קאָן זיי ניט ווידערשטיין" [6].

„מיין נשמה איז ביי מיין געליבטער געפאַנגען, איר בליק האָט מיין האַרץ דורכגעשפּיזט; פון זיין הייסן בלוט זיינען קאַרמין־רויט אירע

---

1 יְמוֹתַי בְּלֶעֲדֵי עָפְרִי כְּשַׂעְרוֹ — וְלֵילוֹת חָלְפוּ עִמּוֹ כְּפָנָיו.

2 „תרשיש", 54.

3 דאָרט, 36.

4 דאָרט, 37.

5 דאָרט, 35.

6 דאָרט, 45.

ליפּן, און אירע שוואַרצאַפּלען ברענען מיטן פלאַם פון מיינע אויסגעלאַ־שענע אויגן... אַ, נעם מיך אַרום, מיין האַרצנס־געליבטע, טרינק מיך אָן מיטן זאַפט פון דיינע פּורפּור־ליפּן און ווייסע אַלעבאַסטער־ציין! זעטיק מיך אָן מיטן ריח פון דיין רייצנדיקן בשׂמים־לײַב — איך בין דאָך אַזוי פאַרליבט אין דעם בלענדנדיקן עלעפאַנטן־ביין!..." [1].

די ליבע און דער פרילינג, די שיינקייט פון דער פרוי און די־פּראַכט פון דער נאַטור — אַט די גרוי־אַלטע און אייביק־יונגע גרונד־עלעמענטן פון דער וועלט־פּאָעזיע פלעכטן זיך ביי אונזער דיכטער אַזוי אָפּט צוזאַמען אין אַ קונציק פּראַכט־געוועב, וואָס בלענדט דאָס אויג מיט זיינע העלע פילקאָלירטע פאַרבן. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט דאָס שיינע חתונה־ליד „הריח מר מאחז הָאֲפָסִים" [2], וואָס דער דיכטער האָט געשיקט זיינעם אַ חבר, שלמה בן מַ"טיר. דאָס ליד הייבט זיך אָן מיט אַ מייסטער־שילדערונג, ווי עס וואַכט־אויף דער פרילינג אינם הייסן דרום, ווי די גאַנצע נאַטור איז פאַרשיכּורט פון ווירציקע ריחות, אַפילו „די שטומע בערג זאָגן שירה". יעדער בלעטעלע איז פול מיט פרייד, און ליכטיק און צופרידן זיינען אויך „די פאַרמַרָה־שחורֶהדיקסטע געזיכטער". אַט אויף דעם פילפאַרביקן, מיט ליכט און פרייד באַגאָסענעם פאָן שילדערט דער דיכטער אין בולטע סקולפּטור־בילדער די הייסע ברענענדיקע ליבע, איינגעהילט אין אַ לייכטן דעקטוך פון שעמעוודיקער צניעות, און די וווּנדער־שיינע כלה „מיט אירע טויבן־אויגן, וואָס זיינען פאַרשיכּורט פונם שטאַרקן ליבע־ווייַן".

ניט לאַנג האָבן זיך אָבער פאַר אונזער דיכטער געצויגן די יאָרן פון פרייד און פון גליק. גאָר באַלד האָט ער זיך געמוזט איבערצייגן, ווי רייך דער לעבנס־בעכער איז מיט גאַל־ביטערע טראָפּנס...

ווי דער רוב דיכטער, איז אויך משה אבן עזרא געווען זייער אַ שלעכטער געשעפטסמאַן. ער האָט מיט אַמאָל זיין גאַנץ פאַרמעגן אָנגעוואָרן, און גלייך האָט ער אויך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט שוואַרצער אומדאַנקבאַרקייט און פאַלשן באַטרוג. מענטשן, וואָס ער האָט גערעכנט פאַר זיינע בעסטע גוטע פריינד, האָבן זיך גלייך אָפּגע־קערט פון אים און געוואָרן זיינע גרעסטע שונאים. אַט די מענטשלעכע געמיינהייט און נידערטראַכט האָבן אַזוי אויפגעבראַכט דעם פאַראַרעמטן דיכטער, אַז אַפילו אויף דער עלטער, אין אַ סך יאָרן אַרום, קאָן ער נאָך אַלץ ניט פאַרגעסן אָן די „שלעכטע מעשים" פון די „מוטוויליקע

---

1 „תרשיש", 47.

2 ח. בראָדי אין „שער השיר", 1905, 68—70.

לייט״ (יְדִים), וואָס „ריידן לפָנים וועגן שלום און ביימן דערביי מיט זייערע שאַרפע ציין [1] (דוברים שלום ונושכים בשניהם).

נאָך דער ערשטער צרה איז באַלד געקומען די צווייטע. דער דיכטער האָט זיך פאַרליבט אין זיין עלטערן ברודערס טאָכטער. דאָס איז שוין ניט געווען קיין לייכטזיניקער פלירט, קיין צופעליקער ראָמאַן, נאָר אַ טיפע אמתע ליבע, „שטאַרק ווי דער טויט״. ווי עס שיינט, האָט די דאָזיקע ליבע געפונען אַ היימן אָפּקלאַנג אינם האַרצן פון זיין ברו־דערס יונגער טאָכטער, נאָר דער משפחה איז אָבער דער שידוך ניט געפעלן געוואָרן. ער איז ניט געווען „תּוֹכיק״ אין געניגנדיקער מאָס: דער דיכטער האָט דאָך שוין זיין געלט אָנגעוואָרן און בכלל געהאַט אַ קנאַפּע ידיעה אין פּראַקטישן לעבן און אין געשעפט־זאַכן. דעם דיכטערס געווע־זענע פריינד האָבן אויך ניט ווייניק מיטגעהאָלפן, און די עלטערע דריי ברידער האָבן בְּהֶחלֵט דערקלערט דעם דיכטער, אַז זיי וועלן אויף דעם שידוך זייער הסכמה ניט געבן. דער שטאַרק דערשיטערטער דיכטער האָט דאַן באַשלאָסן זיין היים צו פאַרלאָזן, און פאַר זיין אָפּשייד האָט ער זיין געליבטער אַ האַרציק שיין ליבע־ליד געשיקט:

„קיינער וויל אונזער ליבע ניט פאַרשטיין, אַלע קוקן אויף איר מיט פאַרחידושטע אויגן... שווער איז די ווונד, וואָס דו, מיין ליבע, האָסט אין מיין האַרץ געגראָבן, נאָר פעסט האָב איך מיין האַרץ פאַר־שלאָסן — זאָלן די מענטשן ניט לאַכן, זאָלן די מענטשן ניט זאָגן: אַ נאַרישע ליבע־קרענק. יאָ, אמת, קראַנק בין איך פון ליבע, און מיט דיר צעשיידט — אַלץ וואַקסן וועלן מיינע ווייען! אָן דיר איז דאָך די גאַנצע וועלט פאַר מיר אַ תּפיסה, אַ טרויעריקער מדבר. דאָרט — וווּ דיינע טריט מיר פעלן, און וווּ דיין געשטאַלט שוועבט ניט פאַר מיינע אויגן, דאָרט מעגן מענטשן צו געטער זיין געגליכן — מיר זיינען זיי ווי ווילדע פראַים... זיס ווי האָניק זיינען דיינע ליפּן, נאָר ניט מיר, דעם פאַרשמאַכטן, ברענגען זיי דערקוויקונג; דיין בשמים־אָטעם מאַכט פרעמדע גליקלעך, און איך לעבן ווי אַ קראָקאָדיל נאָך פרישער לופט צו אָטמען... ווי ליב ביזטו, ווי פול מיט חן דיין יוגנטלעכע שיינקייט. אַ ציטערדיקע געמזע [2] ביזטו, און שטאָלצע לייבן קניען פאַר דיין בליק און אומשולדיק פאַרבלוטן אַלע הערצער, וואָס דו נעמסט געפאַנגען. בלייב געזונט, מיין ליבע! וואָס גרעסער דיין שולד, אַלץ מער וואַקסט צו דיר מיין ליבע; מיין האַרץ, מיין נשמה, מיין גאַנץ טראַכטן און

[1] אין זיין תּפילה „נפשי אִוִיתיך בלילה״.

[2] עוֹפֶר — אַ יונגג לייכטפיסיקע הירשין.

געדענקען — אלץ געהערט נאר דיר, נאר דיר אליין. אין ברענענדיקן פייער איז מיין צעבראכן הארץ, און ניט געלאשן ווערט עס דורך מיינע ביטערע טרערן. און איך בין דיר מוחל אלץ, מיין היים=געליבטע! דיין צארן גופא — ווי דער גנאד פון גאט איז ער אין מיינע אויגן. שווער קראנק בין איך — נאר פון מיין קרענק וויל איך מיך ניט באפרייען. געטריי וועל איך דיר בלייבן אזוי לאנג דער טוי פאלט נידער פון די הימלען און דער פרילינג באדעקט די ערד מיט בלומען. זיי גליקלעך, מיין געליבטע, כל=זמן צווישן די צווייגן קלינגט דער נאכטיגאלס געזאנג"[1].

דער דיכטער איז אוועק פון זיין געבורטסשטאט און זיך געלאזט איבער דער קריסטלעכער קאסטיליע. אין א פרעמדן לאנד מיט א בערך נידעריקער קולטור, ווייט פון זיין געליבטער, האבן דעם פארבענקטן דיכטער די דארטיקע איינוווינער ווירקלעך אויסגעוויזן ווי „ווילדע פראים". זיין טרויער און יאוש האבן געפונען א שטארקן אפקלאנג אין פיל לידער זיינע.

„ווי א שאטן איז פארביי מיין יוגנט — באקלאגט זיך דער דיכטער[2] — שנעל ווי א חלום זיינען פארשוואונדן מיינע גליקלעכע טעג, וואס האבן מיינע שווארצע לאקן מיט פרישן טוי באשפרענגט. פארן קאלטן אטעם פון די שווערע ליידן איז די פרייד פארשוואונדן פון מיין אנגעזיכט און אויסגעלאשן איז דאס ליכט פון מיינע אויגן. נאך מיין היים ציט מיין הארץ, צו די בערגער פון מיין היימאט רוף איך פול מיט בענקען: „דערנעענט אייך צו מיר!" נאר אומזיסט איז מיין געשריי — פעסט שטייען זיי אויף זייערע גרונטן. מיין ביטערער גורל האט מיך פארטריבן צו א פינסטערן פאלק, וואס פרעמד און אומבאקאנט זיינען אים די וועגן פון אמת און פון וויסן. הער איך זייערע ווילדע רייד — זיץ איך פול מיט בושה און פעסט פארשלאסן בלייבן מיינע ליפצן!"

אין דעם אייגענעם נוסח איז זיך דער דיכטער מְתַרֵעֶם אין איינעם פון זיינע לידער, וואס ער האט געשיקט זיין יונגן חבר, דעם בארימטן דיכטער יהודה הַלֵוִי:

„איך לעב צווישן וועלה, וואס פרעמד איז זיי דער נאמען: מענטש. בעסער מיט א בער אין וואלד צו בלאנדזשען, בעסער מיט א ווילדן טיגער די צייט פארברענגען, איידער צווישן מענטשן וווינען, וואס חושך

---

1 דאס ליד „לכל איש באהבינו פלאים" פארעפנטלעכט דורך דוקעס אין זיין „משה אבן עזרא" און אויך ביי קעמפף אין זיין ווערק „ניכטאנדאלוזישע דיכטער", II, 209.

2 דאס ליד „היו ימי הלדי כצל עובר". פארעפנטלעכט דורך הרבבי אין „חדשים גם ישנים" ג׳, 7, 31.

מצרים הייסט דאָרטן ליכט און וויסן; און ניט אימשטאַנד זיינען זיי צו אונטערשיידן גייסטיקע בעטלער און נישטיקע קמצנים פון דער חכמהס אײדעלע טרעגער און נביאים פון גאָטס וואָרט...

„אַך! — רופט ער אויס צום סוף — ווי ענג איז פאַר מיר די וועלט געוואָרן! ווי אַ שטייפער האַלזבאַנד שטיקט זי מיין נשמה!״ [1].

דאָרט, אין דער פרעמד, געדענקט דער פאַרוואָגלטער דיכטער אין דעם נידעריקן באַטרוג פון זיינע פאַלשע פריינד, און מיט צאָרן און האַס שליידערט ער אין זיי זיינע שטראָפנדיקע סטראָפן [2].

„אייערע נידערטרעכטיקע מעשים וועל איך איינקריצן אויפן שטערן פון דער צייט, — זאָלן קומענדיקע דורות וויסן, וואָס איר האָט אָפּ־געטאָן״ [3].

דער דיכטער האָט אָבער די האָפענונג נאָך ניט פאַרלאָרן. ער האָט אַלץ נאָך גערעכנט, עס וועט אים געלינגען זיך צונויפצוריידן מיט די ברידער, און ער וועט שוין דעמאָלט ניט דאַרפן זיין צעשיידט מיט זיין געליבטער.

אין איינעם פון זיינע לידער צו יהודה הלוי באַקלאָגט זיך דער טיפגעקרענקטער דיכטער אויף זיינע ברידער, וואָס האָבן אָפּגעטאָן „אַזאַ שרעקלעכע זינד, וואָס איר גלייכן האָט נאָך די וועלט ניט געהערט״ [4], נאָר גלייך איז ער דערביי מוסיף, אַז ער פאַרהאָפט צו גאָט, אַז די צייט וועט ווידער פאַראייניקן די, וואָס זיינען איצט צעשיידט, און זייערע הערצער דערפרייען. „אונזערע פיינד וועלן גאָטס מעשים דערזען און פאַרשעמט וועלן זיי ווערן״.

און פול מיט האָפענונגען און פריידיקער דערוואַרטונג קלינגען זיינע באַגייסטערטע סטראָפן, וואָס ער האָט געשיקט אין זיין געבורטס־שטאָט, קיין גראַנאַדע, צו זיינעם אַ פריינד, וואָס איז אים געטריי געבליבן:

„אָ, טייבעלעך ליבע, שליחים איר געטרייע! [5]. ווי לייכטע

---

1 „אוצר נחמד״ III, 5051.

2 דאָס ליד „שְׁמָעוּנִי בְּנֵי הָסֶף״, אָפּגעדרוקט אין דוקעסעס „משה אבן עזרא״, 106.

3 כְּתַבְתִּיהוּ הֱיוֹת חָקוּק בְּמֵצַח הַזְּמַן לִרְאוֹת לָאִשׁ מה פעלתם.

4 „אוצר נחמד״ I, 168: נלבוש לרוע מעשיהם ענן חרונינו
ותמיד נחרוק שנינו.
מעשים אשר לא נעשו מיום היות תבל,
לשמעם צללו אזנינו.

5 אין אַמאָליקע צייטן פלעגט מען ניט זעלטן איבערשיקן בריוו דורך פּאָסט־טויבן (זע אויבן, שלום פונם ערשטן קאַפּיטל).

זואַלקנדלעך שוועבט איר קיין מערב, צום לאַנד פון מיין היימאַט! ביי מיין ליבע טו איך אייך באַשווערן: גיט איבער מיין גרוס פון דער זוייטן מיינע געטריי געבליבענע פריינד. וווייט פאַרוואָגלט בין איך פון זיי, נאָר פעסט אין מיין הארצן איז זייער געצעלט אויסגעשפּרייט. דער=ציילט זיי אַלע, ווי ליב מיר זיי זיינען, ווי צעוויטיקט מיין הארץ איז פון טיפער בענקשאַפט און פון גרויסן עלנט. דערציילט אויך דער שוואַלב, מיין געליבטער, וואָס האָט איר נעסט געבויט אין די טיפן פון מיין נשמה; דערציילט, ווי אָן איר איז מיר פאַרהאַסט דאָס לעבן און דער טויט ווערט מיין געהאָפטער גואל. דערציילט, ווי איר צוליב בין איך געפאַנגען אין דעם נעץ פון גלות; צוליב איר, מיין הייסגעליבטער, האָב איך דעם בעכער פון פּיין און ליידן אויסגעטרונקען, און מיין נשמה איז אַ שפּילצייג ביים כף=הקלע פון פאַרוואָגלונג" [1].

נאָר מיט אַ פריידיקן אַקאָרד פאַרענדיקט דער דיכטער זיין ליד:

„איך האָף צו גאָט, ער וועט מיט מיינע טרערן אָפּוואַשן מיינע ליידן און ריין מאַכן מיינע זינד. איך האָף, מיט רו און פרייד וועט ער באַגנאָדן מיין נשמה און אויפדערוואַכן וועל איך צו אַ נייעם לעבן".

דעם דיכטערס האָפענונג איז אָבער ניט דערפילט געוואָרן. באַלד האָט ער באַקומען די ידיעה, אַז זיין געליבטע האָט שוין מיט אַן אַנדערן חתונה געהאַט, דערפילנדיק דערמיט דעם ווילן פון אירע עלטערן. דאָס געפיל פון צאָרן און באַליידיקונג האָט אינם דיכטער גובר געווען דעם טיפן ווייטיק, און מיט שטאָלץ האָט ער זיינע קעגנער געשליידערט סטראָפן פול מיט פאַראַכטונג: „להכעיס מיינע שונאים און ניט=פאַרגינער וועל איך אויך ווייטער גיין מיין אויסגעווײלטן וועג! גלייך אין הארצן האָבן זיי געצילט, נאָר ניט געטראָפן האָט די פייל — זי איז פאַרביי=געפלויגן. ווי אונטערשטייען זיך הויקערדיקע דערנער צו דערקלערן קאַמף די צעדערן פון לבנון? קליינע פוקסן ווי האָבן עס די העזה נאָכצויאָגן דעם קיניגלעכן לייב?" [2].

אָפּגעזונדערט האָט זיך דער דיכטער פון דער וועלט, פאַרמיאוסט איז אים געוואָרן דער רעש פונם לעבן מיט זיינע קליינלעכע אינטערעסן, מיט דעם גיריקן געיעג נאָך דעם באַטריגערישן פאַנטאָם פון גליק און פרייד. די דאָזיקע שטימונג האָט געפונען איר שאַרפן אויסדרוק אין דעם באַגייסטערטן צאָרן=ליד „תֵּבֵל תְּנִי לְבֵךְ" [3].

---

1 אוצר נחמד III, 47—49.

2 אויס דעם ליד „עַל אַף מְקַנְאַיִנוּ", פאַרעפנטלעכט דורך דוקעס אין זיין „משה אבן עזרא", 95.

3 דוקעס, „משה אבן עזרא", 100—101.

די וועלט מיט אַלע אירע פּאַרפירערישע תּענוגים שילדערט דער דיכטער אין געשטאַלט פון אַן אויסגעלאַסענער גאַסן־פרוי, וואָס פאַרבט זיך און צירט זיך אויס פאַר אירע ליבהאָבער, בכדי דערנאָך זיי אַלעמען צו באַטריגן. „די צאָל פון דיינע ליבהאָבער איז גלייך דער צאָל אומגע־קומענע דורך דיר. זיי אַלעמען טראָגסטו אונטער מיט דיין פאַלשן שמייכל דעם פאַרסַמטן בעכער. דו דערלאַנגסט די שענסטע בלומען, און אונטער זיי ליגן עקדישן פאַרבאָרגן; געניסט מען דיינע בשמים־רויזן, ווערט מען פון שלאַנגען־גיפט געטראָפן. מיט די שענסטע טעפּיכער באַצירסטו די געלעגערס, און שטעכסט זיי דורך מיט שאַרפע שפּיציקע דערנער. דו זינגסט די לידער פון גליק און פרייד, און גלייך דערשטיקט זיי דער „קדיש״־ניגון. דו בלענדסט די מענטשן מיט פּראַכט־פּאַלאַצן און די שענסטע שלעסער — און האַלטסט שוין אָנגעגרייט פאַר זיי די פינסטערע קברים. ציטרעם און האַרפן האַלטסטו אין דער האַנט, און געגורט זיינען דיינע לענדן מיטן גאַרטל פון טויט. אויסגעשלאָסן ביזטו פונם געבאָט: כַּבֵּד אֶת אִמֶּךָ״ — דו ביזט ניט קיין מאַמע! דער חוב פון דיינע קינדער איז — דיין שאַנד אַנטפּלעקן, אַראָפּרייסן דאַרפן זיי פון דיר דעם מאַנטל, נאַקעט און בלויז זאָלסטו שטיין מיט דיין זינד און שאַנד!״

משה אבן עזרא האָט זיך נאָכדעם אינגאַנצן איבערגעגעבן וויכנ־שאַפטלעכע פאָרשונגען. זיין איינציקע געזעלשאַפט זיינען געווען ביכער און פאַרמעטענע מגילות. פילאָזאָפישע אידעען און סיסטעמען האָבן אין אים אויף אַ צייט פאַרדרענגט דעם חשק און ווילן צו פּאָעטישן שאַפן. אָט די דאָזיקע אינעוווייניקסטע איבערלעבונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די טיפעניש פונם דיכטערס נשמה, ווי פּאָעטישע בילדער און רית־מישע טענער ווערן פאַרדרענגט דורך אַבסטראַקטע פילאָזאָפישע געדאַנקען, האָבן געפונען זייער בולטן אויסדרוק אין דעם אינטערעסאַנטן געדיכט „הקיצותי מתנומת רעיוני״[1].

דער דיכטער דערציילט, ווי אַזוי „זיינע געדאַנקען האָבן דערוואַכט פון זייער דרימל״, בכדי איינצושלעפערן די אומרויִקע תּאוות און געפילן פון זיין נשמה״. און מיט באַגייסטערונג שילדערט ווייטער דער דיכטער, ווי ער פאַרטיפט זיך אין די פילאָזאָפישע פאַרבאָרגענע סודות, ווי פאַר זיין שכל האָט זיך אַנטפּלעקט דער מהות פון גאָט און זיין אַלמאַכט, און פאַר זיינע געדאַנקען האָט פון דער פינסטער אויפגעלויכטן

1 פאַרעפנטלעכט דורך ח. בראָדי אין „שער השיר״, 70—71.

דאָס בלענדנדיקע הימלישע ליכט און די געטלעכע שטראַלן פון דעם אייביקן אמת [1].

דאָך איז משה אבן עזרא קיין אָריגינעלער דענקער ניט געווען און זיין רעליגיעז-פילאָזאָפיש ווערק מיט דעם לאַנגן אַראַבישן נאָמען „כתאב אלחדיקה פי מעני אלמגאז ואלחקיקה" [2] האָט ניט קיין גרויסן אינטערעס. וויכטיקער איז זיין צווייט ווערק „כתאב אלמחאצרה ואלמראכרה" [3] וועגן פּאָעטיק בכלל און העברעיִשער בפרט, וווּ ער גיט אגב אַ היסטאָריש-קריטישן איבערבליק וועגן העברעיִשע דיכטער, וואָס זיינען געווען ביז אים, ספּעציעל וועגן שמואל הנגיד און שלמה גבירול.

אין יענער צייט, ווי עס שיינט, האָט משה אבן עזרא אויך פאַר-פאַסט זיין גרויסע פּאָעמע פון 165 סטראָפן „בשם אל אשר אמר", וואָס ביז היינט איז געבליבן אומבאַקאַנט, אַז משה אבן עזרא איז איר מחבר, און דוקעס און דוד כהנא האָבן עס על פי טעות גערעכנט פאַר אברהם אבן עזראס ווערק [4] און טאַקע אין דעם דאָזיקן ווערק געזען דעם בעסטן

---

1 ופי דעי יחוני גדולות — ויצב מפלאות צורי לפני
ויגד לי צפוני תעלומות — עדי אחשוב בני-עליון שכני
ואחז מחזה שַׁדַּי בשכלי — ואבין כי בקרבי יש אדני
אשר נסתר יקר עדיו — וְנגלה במפעל לעיני רעיוני.

2 אין העברעיִש האָט אבן עזרא זיין ערשטן ווערק אַ נאָמען נעגעבן „ערוגת הבשם". באַלד איז דאָס ווערק אונטער דעם דאָזיקן נאָמען איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיִש.

3 דער תוכן פונם דאָזיקן ווערק גיט הרכבי אין „חדשים גם ישנים", נ' 7, 29—31. אַ טייל פונם אַראַבישן אָריגינאַל האָט פאַרעפנטלעכט דער לענינגראַדער פּראָפעסאָר פּ. קאָקאָווצאָוו אין יאָר 1895. די העברעיִשע איבערזעצונג (ספר שירת ישראל) האָט בן-ציון העלהער אַרויסגעגעבן אין 1924.

4 דער טעות האָט זיך גענומען דערפון, וואָס אין „שקל הקודש" ווערט געבראַכט די אָנפאַנגס-סטראָפע פון אַברהם אבן עזראס אַן אומבאַקאַנטן ליד „בשם אל אשר יצר והעז לאמרותיו — וערך ויצר כל וכלה פעולותיו". אַז מען האָט אין אַ פּאַריזער מאַנו-סקריפּט געפונען אַ גרויסע אַנאָנימע פּאָעמע, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ערשטע ווערטער פון דער דאָזיקער סטראָפע, האָט דוד כהנא, ווי אויך דוקעס (אין „אצבע אלהים", 1851, 31), געמיינט, אַז דאָס איז דאָס ליד, וואָס ווערט אין „שקל הקודש" געבראַכט אונטער אַברהם אבן עזראס נאָמען. די ערשטע סטראָפע פונם געפונענעם ליד שטימט אָבער בלויז אין דער ערשטער העלפט מיט דער ציטאַט פון „שקל הקודש"; די צווייטע העלפט איז אַ גאַנץ אַנדערע: „בשם אשר אמר והעז לאמרותיו — וצוה בלי מורה ומורה למצוותיו". אָבער אַפילו די ערשטע יאָ ענלעכע העלפט איז אויך ניט אַברהם אבן עזראס — דאָס איז דער אָנהייב פון שמואל הנגידס אַ ליד „בשם אל אשר החל וכלה פעולתיו". דאָס דאָזיקע ליד איז געווען זייער פּאָפּולער, און פיל דיכטער האָבן, ווי עס שיינט, נאָכגעמאַכט די אָנפאַנגס-ווערטער. דערפאַר אָבער איז אין באַראָן גינצבורגס מאַנוסקריפּטן-קאָלעקציע (№ 821—19) פאַרהאַן אַן אַלטע אָפּשריפט אָט פון

באַווייזט, אַז דער גרויסער קאָמענטאַטאָר פון תנ״ך איז אויך געווען אַ גרויסער דיכטער. דער דיכטער באַזינגט דאָרט מיט גרויס התפעלות אין שטאַרקע, שיין־קלינגענדיקע סטראָפן די ווונדערבאַרע אַנטפּלעקונג פון דעם באַשעפערס גרויסקייט און קראַפט אין אַלע זיינע מעשים: אין די שטערן און גלגלים אין דער הייך, און אין דער ערד און דעם מענטשן אין דער נידער. עס פילט זיך די השפעה פון גבירולס „כתר מלכות", בעת משה אבן עזרא שילדערט לויט דער מיטלאַלטערלעכער וועלט־אַנשויאונג דעם געבוי פונם וועלטאַל און ווי ער פאַרענדיקט זיין פּאָעמע מיט הכנעהדיקע סטראָפן פון געבעט און תשובה. גבירולס השפּעה פילט זיך אויך אין די פילאָזאָפישע געדאַנקען, וואָס געפינען אַן אָפּקלאַנג אין דעם דאָזיקן פּאָעטישן ווערק. „ווי איז מעגלעך — פרעגט פאַרוווּנדערט דער דיכטער — גאָטס גרויסקייט אין הארצן ניט צו פילן, בעת מיין געדאַנק און מיין נשמה זאָגן עדות וועגן אים! ער איז אַלץ און אַלץ — אין אים. אַלץ איז מיט אים דורכגעדרונגען, נאָר פאַרבאָרגן בלייבן זיין מהות און זיינע וועגן... אַלץ, וואָס ס'איז דורך צייט און אָרט באַגרע־נעצט — אַלץ טראָגט זיין שטעמפּל, און דאָך בלייבט ער אויסער אַלע גרענעצן און צייטן. העכער פון יעדן זיין... ער איז דער אָנהייב פון יעדן חומר און פון יעדער צורה, און אָן אַ גרענעץ זיינען זיינע שאַפונגען, אָן אַ צאָל די פון אים אַנטפּלעקטע צורות".

משה אבן עזרא האָט פאַרפאַסט נאָך אַ פּאָר וויסנשאַפטלעכע ווערק 1, נאָר ניט אויף לאַנג איז אים אָבער באַשערט געווען צו געניסן טרייסט און רו אין וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. פּלוצלינג האָט ער באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז זיין געליבטע איז געשטאָרבן אין קאָרדאָווע פון אַ קימפּעט (אַרום יאָר 1114). פאַרן טויט האָט זי געבעטן, מען זאָל איבערגעבן דעם דיכטער איר פאַרלאַנג, ער זאָל אויפהערן זיין אַ נע־וָנָדניק אין דער פרעמד און צוריק קומען אין זיין געבורטשטאָט. דער דיכטער גופא דערציילט וועגן דעם אין רירנדיקע סטראָפן:

דער באַטרעפנדיקער פּאָעמע פולשטענדיקער און מיט אַ ריכטיקערן טעקסט, ווי אין דעם פּאַריזער מאַנוסקריפּט, און דאָרט שטייט בפירוש, אַז דאָס ווערק האָט פאַרפאַסט משה אבן עזרא. מיר האָבן אָבער נאָך אַ צווייטן באַווייז, אַז טאַקע דער דיכטער משה אבן עזרא איז דער מחבר פונם דאָזיקן לאַנגן געדיכט: אין לענינגראַדער מלוכה־ביבליאָטעק געפינט זיך אַן אַלטער מאַנוסקריפּט (פונם 13טן יאָרהונדערט) פון משה אבן עזראס אויבן־ציטירטן ווערק „כתאב אלחדיקה" און פאַר דער הקדמה געפינט זיך דאָרט די פּאָעמע „בשם אל אשר אמר". צום באַדויערן פעלן אין מאַנוסקריפּט די פאָדערשטע בלעטער און פון דער פּאָעמע זיינען דערפאַר געבליבן בלויז די לעצטע 41 סטראָפן.

1 פרטים וועגן די דאָזיקע ווערק זע: שטיינשניידער, „ספרות ישראל", 119; ה. באַכער, אין „מאָנאַטסשריפט", 1907, 343—349.

„אין שמאַרצן און אין גרויסע ווייען איז אַ קינד געבאָרן — נאָר אָן אַ מאַמען איז עס געבליבן. זי האָט דערזען: דער טויט פאַרשפּרייט שוין איבער איר די פליגל, האָט זי צערטלעך בײַ איר מאַן געבעטן: „פאַרגעס ניט דעם בונד פון יונגע יאָרן און מיט אַ ליבנדיקער האַנט קלאַפּ אָן אין די טויערן פון קבר. זײַ געטרײַ און צערטלעך צו די קליינע קינדער, וואָס וועלן רופן: מאַמע! — און זי האָט זײַ פאַרלאָזט אויף אייביק. שרײַב אויך אָן דעם פּעטער מײַנעם [1], וואָס האָט דורך מיר אַזוי שווער געליטן... אָרעמער נע־וָנָדניק! מיט אַ טיפער וווּנד אין האַרצן האָט ער אין דעם פרעמדן לאַנד געליטן די שווערע נויט פון גלות. אומזיסט האָט ער געזוכט פון טרייסט דעם בעכער. איצט וועט ער רו געפינען אינם בעכער פון טיפן טרויער" [2].

דער טויט פון זײַן געליבטער האָט טיף דערשיטערט דעם דיכטער, און פול מיט קאַלטן יאוש קלינגט זײַן האַרצרײַסנדיק ווייגעשריי:

„ווו איך קער מיך, ווו איך ווענד מיך, פון אַלע זײַטן נאָגן מיך, פּלאָגן מיך רק צרות און עלנד, אומגליק און שרעקן. מײַן גליק איז געזונקען אין שאול תחתיה, מײַן ליכטיקער שטערן ליגט אין קבר באַהאַלטן; דער טויט האָט מײַן האָפענונג דערשטיקט, און געשטאָרבן איז מײַן טרייסט. לעבעדיק איז נאָר דער ווייטיק, און ער וואַקסט און ווערט אַלץ גרעסער... ווילט איר זען דעם אומגליקלעכסטן צווישן אַלע קינדער פון מײַן פאָלק, — איך בין עס!" [3].

דעם ווונטש פון זײַן געליבטער האָט ער ניט דערפילט: אין זײַן היימאַט האָט ער נישט צוריקגעקערט; נע־ונד איז ער געווען אַלע זײַנע יאָרן [4] אין דער פרעמד ווייט פון אייגענע. און פול מיט שטילן אומעט זינגען די סטראָפן, אין וועלכע דער דיכטער דערמאָנט אויף דער עלטער די טייערע קברים, וואָס ס'איז אים שוין ניט באַשערט געווען זיי צו זען.

---

1 אין טעקסט שטייט: „וּכְתוֹב אֱלֵי דוֹדִי"; „דודי" קאָן הייסן אַ פּעטער און אַ פרײַנד.

2 כרם חמד, VI, 92—93.

3 יגון עלי יגון ושוד עלי שבר מפי בני־עֵבֶר ומכל עֵבֶר;
כי הזמן קרא לחבר אוהבי פרוד ולפרוד יגונים חבר.
בּעֵז וְיָכִין שָׁת בתוך בטן שאול — שמש וירח ברגבי קבר.
היו שנותיהם בעיני כחלום סתום ומות לחלומי שֹׁבֶר.
ידל כבודי אם שכחתיו וגם יחזק כאבי אם אקוה שבר.
אם תבעיון גבר אשר ראה עני מכל בני־עבר — אני הגבר.

4 משה אבן עזרא איז געשטאָרבן בערך אין יאָר 1139. איינס פון זײַנע לעצטע געדיכטן איז דאַטירט מיטן יאָר 1138 (פאַרעפנטלעכט אין „הגורן" VII, 69—75).

„דאָס רו־אָרט פון מיינע עלטערן און אייגענע האָב איך אין חלום געזען; איך האָב זיי אַלעמען באַגריסט, נאָר קיין ענטפער ניט באַקומען. האָבן דען טאַטע און מאַמע אין זייער זון פאַרגעסן? נאָר אָן ווערטער האָבן זיי צו מיר געוווּנקען און נעבן זיך מיר אַ געלעגער אָנגעוויזן״ [1].

די פּאָעטישע שאַפונגס־קראַפט האָט אָבער ניט פאַרלאָזן דעם אומגליקלעכן דיכטער ביז אין סוף פון זיינע יאָרן. נאָר דער טויט פון זיין געליבטער האָט געהאַט אַ געוואַלטיקע השפּעה אויף דער שטימונג און ריכטונג פון זיין גאַנצן ווייטערדיקן שאַפן. גייסטיק געבראָכן, דאָס האַרץ פול מיט קאַלטן יאוש, האָט דער דיכטער אויפגעהערט גלויבן אין דער מאַכט פון וויסנשאַפטלעכן פאָרשן. און קליין און נישטיק איז איצט געוואָרן אין זיינע אויגן דער שטאָלצער פילאָזאָפישער געדאַנק, וואָס האָט אים פריער אויסגעוויזן אַזוי קיניגלעך גרויס און דערהייבן. „אומזיסט מיינט דער פאָרשער, אַז עס וועט אים געלינגען די פאַרבאָרגענע סודות צו דערגרינדן! ווי קען עס אַ בשר־ודם באַגרייפן דעם, וואָס האָט מיט זיין וואָרט די הימלען באַשאַפן און רעגירט מיט זיין ווילן די וועלט! שטרעב נישט, דו מענטש, צו דערפאָרשן וואָס העכער איז פון דיין שכל! — פאַרשעמט און דערשלאָגן וועסטו קומען צוריק!״ [2].

דאָס געוועזענע יוגנטלעכע געפיל פון באַרוישנדיקער לעבנס־פרייד האָבן דערשטיקט שרעקן און יאוש פאַר דער שווערער לאַסט פון אומגליק און צער, וואָס געוועלטיקט אין דער וועלט. דער פאַרמרה־שחורהטער דיכטער איז געוואָרן פעסט איבערצייגט, אַז אַלע אומגליקן, וואָס האָבן אים געטראָפן, זיינען אַ גערעכטער עונש פאַר זיינע אַמאָליקע זינד, פאַר דער לייכטזיניקער יוגנט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט. דער פריילעכער דיכטער פון אַמאָל, וואָס האָט אין די יונגע יאָרן געשפּראָצט מיט לעבנסלוסט, איז איצט געוואָרן דער טרויעריקער, טיפגעבויגענער פּייטן, וואָס רופט צו תשובה און יראת־שמים.

בערך דריי הונדערט פיוטים און סליחות האָט ער אָנגעשריבן [3],

---

1 הֱצִיקוּנִי שְׁעִפַּי לַעֲבוֹר עַל — מְלוֹן הוֹרַי וְכָל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמִי
שְׁאֶלְתִּיו וְאֵין מַקְשִׁיב וּמֵשִׁיב — הֲבָגְדוּ בִּי עֲדֵי אָבִי וְאִמִּי?
בְּלִי לָשׁוֹן קְרָאוּנִי אֲלֵיהֶם — וְהֶרְאוּנִי לְצִדֵּיהֶם מְקוֹמִי.

2 שוא יבקר החוקר סוד מהאנוש נעלם,
איך יצפה ברוח פה ברא את העולם
ואיך תבל בידיו סובל ואת כל היקום בולם.
במופלא, אנוש, אל תדרוש פן תשוב דך ונכלם.

3 לאַנדסהוט רעכנט אויס אין זיין „עמודי העבודה״ (ז״ז 239—255) 243 אַבּוֹזראַס פיוטים; זע אויך צונץ, „ליטעראַטור־געשיכטע״.

פול מיט קלאַג איבער דער נישטיקייט פון דעם ערדישן לעבן. ניט אומזיסט האָבן די קומענדיקע דורות משה אבן עזראן געגעבן דעם נאָמען „הַסַלָּח“ אָדער „סַלְחָן“. איין און דערזעלביקער מאָטיוו קלינגט אין משה אבן עזראַס הונדערטער תפילות און פיוטים: „סליחה ומחִלה! על חטא שחטאתי!“ די „גרויסע זינד“ — דאָס איז דאָס טראַגישע געפיל, וואָס לאָזט ניט רוען דעם אמאָליקן דיכטער פון „תרשיש“. ער, דער נידער־געשלאָגענער בעל־תשובה, איז פעסט איבערצייגט, אז ער איז אַ גרויסער זינדיקער; אז ער האָט פיל געזינדיקט אין זיינע יונגע יאָרן, בעת ער האָט אזוי שטאַרק געהאַלטן פון עולם הזה. און אַ פארשעמטער, אַ גייסטיק־געבראָכענער, שטייט ער פאַר דעם אלהי המשפט, פאַרן גאָט פון רחמים און בעט מחילה וסליחה...

„אין שטאַרקע זינד זיינען מיינע יונגע יאָרן פאַרגאַנגען; מיין יוגנט, מיין לעבן האָב איך אומגעבראַכט“ [1]. פול בין איך מיט בושה איבער מיינע נאַריש־פאַרבראַכטע יונגע יאָרן [2]. פון קינדרווייז אָן האָב איך געזינדיקט און שלעכטס געטאָן, און צעוויטיקט איז מיין האַרץ און קראַנק איז מיין נשמה“ [3]. אָט דאָס האַרצרייסנדיקע ווײ־געשריי הערט זיך אינם רוב פון זיינע תפילות, און ער ווענדט זיך צו גאָט מיט דער רירנדיקער בקשה: „אין פרימאָרגן בין איך צו דיר געקומען, מִתְוַדֶּה וועל איך זיין אין מיין שולד און פאַרברעכן, און פאַר מיין גרויסער זינד ברענג איך פאַר אַ קרבן דיר מיין האַרץ און מיין נשמה“ [4].

פאַר מייז גרויסן חוב — דערקלערט דער דיכטער אין אַן אנדער תפילה — האָב איך מיין האַרץ אינצווייען צעריסן, און דער אויפגע־פלאַקערטער פלאַם פון טרויער האָט צו אַש פאַרברענט די שטיקער [5].

---

1 אין דער תפילה „זְמַן הֶבְלִי“:
וְעַל חֲטָאִים נִפְלָאִים מִנְּעוּרַי גָּדַלְתִּי
וְיַלְדוּתִי וְשַׁחֲרוּתִי אַחֲרֵיהֶם חִבַּלְתִּי.

2 הִסְכַּלְתִּי וְאֶשְׁגֶּה כָּל יְמֵי שַׁחֲרוּתִי
וְנִכְלַמְתִּי כִּי הֶבַלְתִּי זְמַן יַלְדוּתִי
(פון דער תפילה „נַפְשִׁי אִוִּיתִיךָ בַּלָּיְלָה“).

3 הֲרֵעוֹתִי בְּיַלְדוּתִי וּמִפְּשָׁעַי שַׁחֲרוּתִי נִהְיֵיתִי וְנֶחֱלֵיתִי (פון זיין „תוכחה“).

4 בלב בר מאד נשבר הנה באתי העת קומי,
וּרְצֵנִי והנחני להתודות על אשמי
והנני עַל עֲוֹנִי מקריב חלבי ודמי.

5 וְאָז לִבִּי עָלַי תוֹבִי קָרַעְתִּי וְאִבַּלְתִּי
וְאֵשׁ יָגוֹן בֵּין בְּתָרָיו עָבַר וְשָׂרַף גְּזָרָיו.

און פול מיט שטילן ווייכן טרויער קלינגט זיין ליבע תפילה „אדון היושב על חוג הארץ", וואָס ווערט געלייענט ביי נעילה: „גרוים אין זיין הייליקער אַלמאַכט איז דער באַשעפער פון דער וועלט, און קליין און נישטיק זיינען די ערדבאַוווינער. און איך שטיי און בעט: זאָל צווישן אַלע געזאַנגען פון דער ערד מיין ליד גנאָד און חן געפינען, — מיין ליד, וואָס די גאַנצע קהילה דערהייבט צו גאָט פון פרימאָרגן עד צאת הכוכבים. דעם גאַנצן טאָג באַגיסט זי די ערד מיט טרערן און בעט רחמים ביים האַר פון דער וועלט, — פון פרימאָרגן עד צאת הכוכבים".

די דאָזיקע שטילע אַקאָרדן גייען אָבער צייטנוויז איבער אין שטאַרקע געשרייען פון צאָרן און שטראָף: דאָס איז דער גאָטס־פאַרבי־טיקער דיכטער מַתְּנָה זיינע פאַרבלענדטע ברידער, זיי זאָלן זיך ניט לאָזן לייכטזיניק פאַרפירן פון די הבלי העולם און פון די ערדישע תאוות און תענוגים. דעם דיכטערס פאַטאָס דערגרייכט די העכסטע מדרגה אין זיין באַרימטער „תוכחה", וואָס ווערט געלייענט אין יום כפור. מיט פייער און צאָרן שליידערט ער זיינע באַגייסטערטע שטאַרקע סטראָפן: „החרשים, שמעו מפי נוראות ותנו לב לחזות עלי תבל פלאות, והעִוְרים הביטו לראות!" אָט געשעט שוין דאָס גרויסע וווּנדער, אָט עפענען זיך די טויערן פון די הימלען, דער גרויסער וועלט־משפט הייבט זיך אָקאָרשט אָן, און די מענטשן זיינען בלינד, און די מענטשן זיינען טויב. זיי זעען ניט און הערן ניט!..

מיט דעם זעלביקן טראַגישן פאַטאָס איז דורכגעדרונגען אבן עזראס שיינע פּאָעמע, ווו עס ווערט געשילדערט, ווי דער נביא יונה בן אמתי, וואָס וויל אַנטלויפן פאַר גאָט, דערפילט, אַז פאַר גאָט קאָן מען זיך ניט באַהאַלטן, עס איז ניטאָ וווּהין צו אַנטלויפן, וואָרן גאָט איז אומעטום — אין די העכסטע הימלען און אין די טיפסטע אָפּגרונטן: אנה, אדון עולם, אברח ממך — ואם אֶסַּק שמים שם אמצאך — ואציע שאול הנך!"

דער פאַרוואָגלטער דיכטער, וואָס האָט אַזוי פיל געליטן אין לעבן, האָט נאָר איין פאַרלאַנג: מחילה פאַר זיינע זינד און רו. „רו וויל מיין נשמה, צוריקקערן צו איר מקור, צו איר הייליקער היים"[1]. „זאָל דער מענטש געדענקען זיין לעבן לאַנג, — דערמאָנט דער דיכטער, — אַז דער טויט — דאָס איז זיין גורל. יעדן טאָג ווערט דער וועג אַלץ קירצער, און דער מענטש — ער מיינט, ער רירט זיך ניט פון אָרט. ער איז

1 די תפילה „נפשי אויתיך בלילה".

געגליכן צו דעם, וואָס שטייט אויפן באָרטן פון שיף, אומבאַוועגט שטייט ער, און דאָך ווערט ער געטראָגן אויף די פליגלען פונםווינט!" [1].

נאָר אויך משה אבן עזרא, דער טיפישסטער דיכטער פונם אייגענעם „איך", ביי וועמען דער איינציקער תּוך און אינהאַלט פון זיין גאַנצן שאַפן און דיכטן זיינען געווען די אינעווייניקסטע אינטימע איבערלע־בונגען פון זיין נשמה, — אויך ער האָט ניט געקאָנט פאַרגעסן אינם קיבוץ, אין כּלל ישראל. ווי ביי שלמה גבירול, אַזוי אויך אין משה אבן עזראס רעליגיעזער ליריק לאָזן זיך ניט זעלטן דערהערן העכסט־נאַציאָנאַלע טענער. דער טרויעריקער גורל פון דעם פאַרוואָגלטן גלות־פאָלק רופט אַרויס ביים דיכטער דעם נע־ונדניק אַ ביטער ווייגעשריי: „באַוויינען די גרייס פון אונזער אומגליק איז איבער אונזערע כּוחות! ווען אַלע ימים זאָלן ווערן טינט, פאַרמעסט אַלע הימלען און פּענעס אַלע וועלדער — אויך דעמאָלט איז נישט מעגלעך צו באַשרייבן דעם מינדסטן טייל פון אונזערע ליידן!" [2].

אין דער גאַנצער מיטלאַלטערלעכער פּאָעזיע איז נישט צו געפינען נאָך אַזאַ ליד, וואָס זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט אַזאַ שרעקלעכן פאַר־ביטערטן יאוש, ווי פאַלגנדיקע אויפטרייסלענדיקע סטראָפן, אין וועלכע משה אבן עזרא באַוויינט דעם פינסטערן גורל פון זיין פאָלק:

„איבער זיין שטאָק־פינסטערער נאַכט באַווייזט זיך ניט דער מאָרגנשטערן; דער טאָג פון זיין גלות ווייסט נישט פון קיין מאָרגן; דער ליכטיקער שטערן פון זיין גאולה — אונטער דער ערד איז ער פאַרבאָרגן, און באַווייזט זיך ניט פון דאָרטן — אין שאול תּחתּיה האָט ער זיך באַהאַלטן. פאַלש זיינען אַלע האָפענונגען זיינע, געלייגט האָבן זיינע ספרים! זיינע אַלע ליכטער אויסגעלאָשן, זיינע טעג — פאַרגאַנגען, זיינע חלומות — באַגראָבן. נישטאָ ווער עס זאָל אים טרייסטן, נישטאָ

---

1 יִזְכּוֹר גֶּבֶר בִּימֵי חַיָּיו — כִּי לַמָּוֶת הוּא לָקוּחַ
וּלְאַט יִסַּע כָּל יוֹם מַסָּע — אָכֵן יַחֲשׁוֹב כִּי יָנוּחַ
דּוֹמֶה אֶל אִישׁ שׁוֹכֵב עַל צִי — אַךְ יִדָּא עַל כַּנְפֵי רוּחַ.

2 נִלְאָה לְהֵילִיל עַל שִׁבְרֵנוּ —
וְאִלּוּ יְלָלָה מָלֵא פִינוּ
אִלּוּ לְדָיו יִהְיוּ יַמִּים
וְנִמְתְּחוּ גְּוִילִים כִּשְׁמֵי מְרוֹמִים
וּקְנֵי סוֹפֵר כָּל עֲצֵי רְתָמִים —
אֵין דַּי לִכְתּוֹב קְצָת צָרוֹתֵינוּ.

וועד ס'זאָל זיינע וווּנדן היילן; אָן אַ גואל איז דער פאַרוואָגלטער, אָן אַ באַשיצער איז דער געפלאָגטער!" [1].

עס ווילט זיך ממש ניט גלויבן, אַז אַזעלכע יאוש-סטראָפן זאָל האָבן געשריבן דער גאָטספאַרכטיקער משה אבן עזרא, דער „סלחן"...

דער יונגער משה אבן עזרא איז געווען זייער שטאָלץ אויף דער גרויסער ראָלע און באַדייטונג פון דעם גאָטגעבענטשטן דיכטער. ער באַזינגט די מאַכט און גרויסקייט פון דיכטער בכלל און זיין פּאָעטיש שאַפן בפרט אין אַ ספּעציעלן קאַפּיטל פון זיין „תרשיש". מיט גדלות שטרייכט ער אונטער, אַז דער דיכטער איז געבענטשט מיט דער וווּנ-דערבאַרער מאַכט „אומבאַקאַנטע מענטשן צו דערהייבן אויף דער העכסטער מדרגה פון כבוד און גרויסקייט; מיט זיין פּאָעטישער קראַפט קרוינט ער מלכים און צעשטערט די שטאָלצע מאַכט פון גאָנהדיקע מושלים און שרים" [2].

ביי די אַראַבישע דיכטער פון יענער צייט איז געווען דער מנהג ניט צו קאַרגן קיין תהילות און שבחים פאַר זיך גופא, לויבן און הויבן די אייגענע ווערק ביז אין די הימלען. דער פאַרפאַסער פון „תרשיש" איז אין דער הינזיכט אויך קיין קמצן ניט געווען [3]. ער האָט געגליכן זיינע שירים צו „גאָטס שריפט און לוחות", וואָס מען דאַרף אויף די הערצער טראָגן, און זיינע פערזן — דאָס זיינען „קיניגינען, וואָס די געטין פון געזאַנג האָט געבאָרן", און אין פאַרגלייך מיט זיי זיינען אַלע אַנדערע — פּשוטע דינסטן" [4]. „מיינע גאָלדענע לידער — דערקלערט מיט

---

1 מִפְּאַת אֲפֵלָתָהּ — לֹא נִבְקַע שָׁחַר
וּלְיוֹם גָּלוּתָהּ — לֹא הָיָה מָחָר
וְכוֹכָב אוֹר פְּדוּתָהּ — עֲדֵי אֶרֶץ סָחָר
וּמֵאָז לֹא עָלָה — כִּי יָבַד שְׁאוּלָה.
שָׁקְרוּ כָּל זְמָמָיו — וְשָׁעוּ כָּל סְפָרָיו.
וְנִזְעֲכוּ יָמָיו — וְנִדְעֲכוּ מְאוֹרָיו.
וְנִסְתַּם סוֹד חֲלוֹמָיו — וְאֵין שֵׁבֶר שְׁבָרָיו
וְאֵין גּוֹאֵל לַגּוֹלָה — לְהָשִׁיב הַגְּזוּלָה.

2 שִׁר יָרִים אֶת גְּאוּת שָׁפֵל — וּבְשִׁיר פִּיהוּ מֶלֶךְ נוֹסֵף
גַּם יַכְנִיעַ אֶת שִׂיא מוֹשֵׁל — וּלְבוּשׁ שָׁפָל עָלָיו נוֹסֵף.

3 זע צ"ב „אוצר נחמד" II, 183—184.

4 הקדמה צו „תרשיש".

שמאָלץ דער דיכטער — וועלן ניט פאַרגעסן די מענטשן כּל=זמן די נעכט באַגלייטן די פאַרגאַנגענע טעג. זיי זיינען באַשאַפן פון ווערטער — דורך נביאישן פייער געשמאָלצן און באַשטראַלט מיט גאָטס הייליקן גייסט. ביי זייער געבורט איז טינט געווען דער חושך פון דער נאַכט, די פען — דער גאָלדענער שטראַל פון דער זון און דער יַם אוקינוס אַליין איז די יריעה געווען" [1].

ביים אָביעקטיוון אָפּשאַצן פון משה אבן עזראס דיכטן און שאַפן דאַרפן געוויס באַנוצט ווערן מער עניוותדיקע אויסדריקן און פאַר=גלייכונגען. עס מוז אונטערגעשטרייכט ווערן, אַז אינם ערשטן משך פון זיין שאַפן פילט זיך אין זיינע לידער צו פיל געקינסטלטקייט, עס פעלט זיי פּשטות און קלאָרקייט. ווי אַ ריינער עסטעטיקער האָט דער יונגער משה אבן עזרא זיך געפליסט צו באַנוצן די געקינסטלטסטע און העכסט קאָמפּליצירטע פאָרמען. זיינע לידער האָבן טאַקע דורך דעם דערגרייכט זייער אַ הויכע מדרגה פון מעטרישער טעכניק, עס האָט זיי אָבער געפעלט די האַרציקע וואַרעמקייט, דער אמתער פּאַטאָס פון פּאָעטישער באַגייסטערונג.

בכדי צו האָבן אַ באַגריף פון אבן עזראס קונציקער טעכניק, איז כּדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דער פאָרם פון זיין „תּרשיש". די פּאָעמע איז געשריבן אין דעם אייגנאַרטיקן אַראַבישן נוסח, וואָס טראָגט דעם נאָמען „טעדזינס" (Ttadjins). ער באַשטייט דערין, וואָס די פערזן פאַרענדיקן זיך מיט ווערטער, וועלכע האָבן פאַרשיידענע באַדייטונגען, נאָר פון איינעם און דעם זעלביקן פאָנעטישן קלאַנג [2]. דערביי באַוויזט נאָך אבן עזרא דעם קונץ, וואָס די אַלע ענלעך=קלינגענדיקע ווערטער פאָלגן נאָכן שטרענגען סדר פונם אָלֶף=בֵּית. דאָס גאַנצע ווערק טראָגט דעם נאָמען „תּרשיש" (כריזאָליט), ווייל עס באַשטייט פון אַזוי פיל פערזן, וויפיל דאָס וואָרט ת ר ש י ש באַטרעפט (1210). דאָס גאַנצע ווערק באַשטייט אָבער פון צען קאַפּיטלעך; יעדער קאַפּיטל פאַרענדיקט זיך מיט אַן אַנדער נאָמען פון אַ טייערן שטיין (לֶשֶׁם, יָשְׁפֵה א. א. וו.)

---

1 „אוצר נחמד" II, 184:
וְשִׁירוֹתַי חֲלִי=כֶתֶם...
וְלֹא יִשָּׁכְחוּ מִפִּי יְצוּרִים — עַד יִכָּחֲשׁוּ יָמִים וְלֵילוֹת
כְּאִלּוּ מִלְּשׁוֹן חוֹזִים הֵם לְקוּחוֹת — וּמֵרוּחַ קְדוֹשִׁים הֵם אֲצוּלוֹת
וְהָאֹפֶל דְּיוֹ לָהֶם, וְהָעֵט — יְמִין שֶׁמֶשׁ, וְהַיַּמִּים מְגִלּוֹת.

2 צום ביישפּיל: „עַל מָה" און „עַלְמָה", „נוד" און „נאד", „צִנָּה" (קעלט) און „צִנָּה" (שוץ). דער דיכטער אַלחריזי רופט אָן די דאָזיקע פאָרם: מִלִּים נִצְמָדִים וְהֵם בָּעִנְיָנִים נִפְרָדִים (ענלעכע קלאַנגען מיט פאַרשיידענעם אינהאַלט).

און באשטייט ווידער געגוי פון אזוי פיל פערזן, וויפיל דער נאָמען פונם באטרעפנדיקן שטיין באטרעפט. און ווען ביי א זעלכע קאַפּבּרעכיקע קונצשטיק האָבן דאָך זיינע לידער אינם „תרשיש" ניט אָנגעוואָרן זייער חן און בלענדן מיט זייער פילפּאַרביקער שיינקייט און בילדער־פּראַכט, — איז דאָס זייער א שאַרפער באווייז, ווי הויך באַגאַבט דער דיכטער איז געווען [1].

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, בעת דער דיכטער־עסטעטיקער איז מגולגל געוואָרן אינם גאָטספּאָרכטיקן „סַלְּחָן", האָט אבן עזרא אַוועקגעוואָרפן די געקינצלטע פאָרמען, און זיינע לידער, בפרט די רעליגיעזע, מאַכן א גרויסן רושם מיט זייער ערנסטער פּשטות און הארציקייט פון געפילן; און ניט אומזיסט פאַרנעמען די תפילות און פּיוטים פונם „סַלְּחָן" אַזאַ בכבודיקן אָרט אין דעם ספרדישן מחזור. אָבער אויך אין אבן עזראס רעליגיעזע פּיוטים איז דייטלעך צו באַמערקן דעם קונציקן מייסטער פון פאָרם און טעכניק. דעם גראַם באַנוצט אבן עזרא אין אלע מעגלעכע פאַרשיידנאַרטיקע פאָרמען. חוץ דעם געוויינלעכן גראַם אין סוף פון די פערזן, צעפאַלן ביי אבן עזרא ניט זעלטן די ערשטע העלפט פונם פערז (דלת) אין צוויי באַזונדערע טיילן, וואָס האָבן זייער ספּעציעלן גראַם, צ. ב.:

מְתֵי שֶׁבֶל בְּלִי תֶבֶל — רְנָנוֹת עָרְכוּ נָגְדוֹ
אֲשֶׁר יָצַר כָּל נוֹצָר — וְצַר כָּל רוּם בְּיָדוֹ.

אָדער די ערשטע העלפטן פון די פערזן האָבן א באַזונדערן גראַם, ווי דאָס איז דער פאַל אינם אויבן־ציטירטן ליד „מִפְּאַת אֲפֵלָתִי". אייניקע לידער זיינען ביי אבן עזרא אזוי געבויט, אז יעדער פערז צעפאַלט אין דריי טייל און אלע דריי מיט איין גראַם, צ. ב.:

אִם חֲסָדֶיךָ שֶׁבַּחְנוּ — וְתוֹרָתְךָ זַנַּחְנוּ — זְכוֹר כִּי עָפָר אֲנַחְנוּ.
אֵיכָה תִפְקוֹד בְּחֵמָה — עֲלֵי תוֹלַעַת וְרִמָּה — עָפָר מִן הָאֲדָמָה.

דער דיכטער באַנוצט אויך צייטנווייז ספּעציעלע ריטמישע עפעקטן, וואָס מאַכן א שטאַרקן רושם; צ. ב. אין זיין באַקאַנטן „אופן לפרשת שקלים", וווּ דער דיכטער שילדערט, ווי גאַנצע שאַרן מלאכים און שרפים לויבן גאָט דעם האַר פון דער וועלט. א דאַנק דעם אייגנאַרטיקן בוי פון

---

[1] ניט אומזיסט האָט דער דיכטער און קריטיקער פונם 13טן יאָרהונדערט, יהודה אלחריזי, בעת ער האָט זיך באַקאַנט מיטן „תרשיש", מיט התפעלות איינגעצייכנט אויפן מאַנוסקריפּט פאָלגנדיקע פערזן:

אַנְשֵׁי תֵבֵל תַּם צִיץ נוֹבֵל — בְּנְתִיב נַאֲוָה אוֹרְחִים,
תֵּבֵל תְּדְמֶה לַעֲרוּגַת גַּן — אֵין בָּהּ כִּי אִם קוֹצִים חוֹחִים
וּבְתוֹכָם הוּא הַשַּׂר מֹשֶׁה — כְּשׁוֹשַׁנָּה בֵּין הַחוֹחִים

(זע „ליטעראַטורבלאַט דעס אָריענטס", 1846, 810).

די פערזן, דעם קונציק ריטמישן צוזאַמענקלאַנג פון ענלעכע ווערטער און נעמען, וואָס פאָלגן שנעל איינס נאָכן אַנדערן, — געלינגט עס דעם דיכטער מיט גרויס מייסטערשאַפט בולט איבערצוגעבן דעם געשווינטן בעשדיקן אימפּעט פון גאַנצע מחנות שרפים מיט זייערע מעכטיקע פליגל, וואָס גיסן זיך אַלע צונויף אין איין פריידיק־זיגעריש לויב־געשריי:

קדוש, קדוש, קדוש!!
מלאכים ממליכים, מעריצים בכל פּאות.
מקדישים, מרעישים, מרגישים ברב תשואות.
נוראים ואין נראים, נפלאים ונפלאות.
אומרים: קדוש, קדוש, קדוש ד׳ צבאות!
שמו לעד, ברב רעד, באימה הן יעריצון
שאון שרפים, ברום עפים, כברקים ירוצון א. א. וו.

פערטער קאַפּיטל

יהודה הלוי. — זיינע יונגע יאָרן. זיין האַרמאָנישע גאַנצקייט; ליבע־לידער; דער דיכטער פון נאַציאָנאַלעליידן און האָפענונגען. דער ציון־אידעאַל אַלס צאַרטע בלום פון מיטלאַלטערלעכער ראָמאַנטיק. דער דיכטער איז עולה רגל; זיינע ציונס־לידער. הַלֵוִים אויסשליסלעכע באַדייטונג.

ווי שטאָלץ אבן עזרא איז ניט געווען ביי זיך מיט זיין דיכטער־טאַלענט, דאָך האָט ער גערן דעם קאָפּ געבויגן פאַר זיינעם אַ יִינגערן חבר. דער דאָזיקער חבר איז די קרוין. און דער שטאָלץ פון דער העברעיִשער מיטלאַלטערלעכער פּאָעזיע, די שענסטע און גלאַנצפולסטע פּערזענלעכקייט פונם מיטלאַלטערלעכן יִדנטום — יהודה בן שמואל הַלֵוִי איז זיין נאָמען [1].

ווי בנוגע צום רוב פון די יידישע גדולים, זיינען אויך וועגן יהודה הַלֵוִים לעבן זייער ווייניק פּרטים באַקאַנט. מען ווייס אַפילו ניט אויף זיכער דאָס יאָר ניט פון זיין געבורט, ניט פון זיין טויט [2]. עס איז נאָר פעסטגעשטעלט, אַז ער איז געבאָרן אין דער קריסטלעכער קאַסטיליע אין דער שטאָט טאָלעדאָ, און זיין פאָטער האָט אים געשיקט אין דער אַראַבישער שפּאַניע, אין דעם וויכטיקסטן צענטער פון דעמאָלטיקער קולטור, בכדי ער זאָל באַקומען אַ פילזייטיקע בילדונג. תּלמוד און די איבעריקע יידישע לימודים האָט יהודה הלוי געלערנט אין דער לוצענער ישיבה אונטער דער השגחה פונם באַרימטן ר׳ יצחק אַלפַסִי. ער האָט אויך שטודירט מעדיצין, זיך גרינדלעך באַקאַנט מיט דער גריכיש־אַראַבישער פילאָזאָפיע, נאָר זיין באַליבטסטע באַשעפטיקונג איז געווען — דיכט־קונסט. שוין אַלס 13—15־יאָריק יינגל האָט ער זיך קונה שם געווען מיט זיינע וווּנדערשיינע לידער, און משה אבן עזרא, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ באַרימטער דיכטער, האָט מיט התפעלות דער־קלערט, אַז „פון קאַסטיליע איז אַ שטערן אויפגעגאַנגען, וואָס וועט

---

[1] אין אַראַביש האָט ער געהייסן אַבּול חַסַאן אָבּן אַל־לַוִי.

[2] מען רעכנט, אַז ער איז געבאָרן בערך אינם יאָר 1080 און געשטאָרבן בערך 1142.

באַלייכטן די גאַנצע וועלט [1]. און שוין דעמאָלט איז געשלאָסן געוואָרן די האַרציקע פריינדשאַפט צווישן די צוויי באַרימטע יידישע דיכטער, וואָס האָט געדויערט ביז אבן עזראס טויט [2].

ווען יהודה הלוי איז צוריקגעקומען אין זיין געבורטסשטאָט, האָט ער זיך דאָרטן קונה שם געווען אַלס פּראַקטישער אַרצט; עס איז אפילו אַ סבָרָה, אַז ער איז אַ צייט געווען לייבּ־אַרצט ביים קאַסטילישן הויף. און מיט שטאָלץ דערקלערט דער דיכטער אין איינעם פון זיינע שירים: „איך בין דער מענטש, וואָס איז צו אַלעמען פריינדלעך; פאַרהאַסט זיינען מיר נאָר די הויף־שררות מיט זייער חניפה" [3]. די ווייניק־קולטורעלע קריסטלעכע קאַסטיליע איז, ווי עס שיינט, ווייניק געפעלן דעם יונגן דיכטער. אים האָט געצויגן צוריק אין דער אַראַבישער שפּאַניע, און ער האָט זיך באַזעצט אין קאָרדאָווע.

ווייניק פּרטים זיינען אונז באַקאַנט פון יהודה הלוים ביאָגראַפיע; דערפאַר אָבער זיינען די איבערלעבונגען פון זיין פּאָעטישער נשמה, דער רייכער און גרויסער אוצר פון זיין אינעווייניקסטער וועלט — בשלימות אויפגעהיט געבליבן פאַר די קומענדיקע דורות אין זיין גייסטיקער ירושה. עס איז זייער שווער אָנצווייזן אַן אַנדער מיטלאַלטערלעכן דיכטער, וואָס ביי אים זאָל אויף אַזאַ פולשטענדיקן אופן ווי ביי יהודה הלוי צונויפגעשמאָלצן זיין אין איין איינהייטלעך־האַרמאָנישן גוס דאָס פּאָעטישע שאַפן מיטן לעבן פונם דיכטער, דער גאַנצער מהות פון זיין נשמה מיט דעם באַציען־זיך צו דער רעאַלער וועלט און איר סביבה. עס איז ממש אוממעגלעך אָפּצוטיילן הלוים אוצרות־רייכע פּאָעטישע ירושה פון דער קרישטאָל־ריינקייט פון זיין נשמה און פון דער ווונדערבאַרער שיינקייט פון זיין גאַנצן לעבן. די עדלע און צאַרטע פּאָעטישע נשמה מיט אַלע אירע טיפענישן און אומפאַרגלייכלעכן חן האָט זיך גלייכצייטיק אָפּגעשפּילט הן אינם שאַפן, הן אינם לעבן פונם דיכטער. יהודה הלוי האָט ניט געוווּסט פון קיין סתירה צווישן דעם, וואָס ס'איז, און דעם, וואָס ווערט ערשט געוווּנטשן. וואָס עס דאַרף זיין, דאָס מוז זיין, דאָס

1 הֵן מִשְּׂעִיר זָרַח לָאִיר
אוֹרֶךְ עולם ומכון רָחבו (כרם חמד IV, 86).

2 אַדאַנק דער דאָזיקער פריינדשאַפט איז די העברעיִשע פּאָעזיע באַרייכערט געוואָרן מיט אַ גאַנצן סכום שיינע לידער, מיט וועלכע די צוויי פּאָעטן האָבן באַשאָנקען איינער דעם אַנדערן. עס איז אויך געבליבן פון יהודה הלוי אַ האַרציקע עלעגיע, ווו דער דיכטער באַוויינט דעם טויט פון זיין יוגנט־פריינד.

3 אני האיש אשר ישא פני כל — ולא ישא פני שרים חנפים (בראָדי, דיוואַן, I, 49).

מוז דערגרייכט ווערן... אט די דאזיקע ווונדערבארע גאנצקייט און אויסטערלישע שיינקייט גיסן זיך צונויף אין איין פראכט-געזאנג, אין אן אומשטערבלעכער בשמים-רייכער פאעמע, וואס טראגט דעם נאמען — יהודה הלוי.

דער בארימטער דיכטער היינריך היינע האט מיט זיין פאעטישן חוש דערפילט אט דעם דאזיקן אומפארגלייכלעכן חן פון אונזער דיכטערס נשמה, און אין זיין באוווסטער פאעמע „יהודה הלוי" זינגט היינע הָן הלוים פאעטישן טאלענט, חן הלוים נשמה,ביידן צוזאמען זיין באגייסטערט לויב-געזאנג:

ריין און גערעכט אנם מינדסטן פגם
איז זיין ליד ווי זיין נשמה.
ווען דער בורא האט זי געשאפן,
די נשמה, זעלבסטצופרידן
האט ער געקושט די ערשט געבארענע;
און דער נאכקלאנג פון דער נשיקה
לעבט אין יעדן ליד פון דיכטער,
וואס איז געזאלבט פון גאטס גענאד.

יהודה הלוי גופא רעדט אויך מיט גרוים התפעלות וועגן דער גאנצקייט פון זיין נשמה [1].

„ווי זאל איך פאר א מענטשן פחד באקומען? נישטא דער לייב, וואס זאל מיין נשמה מאכן ציטערן. ווי זאל איך זארגן פאר דחקות און נויט? אין די טיפן פון מיין נשמה זיינען דאך פארהאן גאנצע בערג פון רייכסטע אוצרות. פרעמד איז מיר דער הונגער, — זי שאפט דאך מיר די בעסטע שפייזן; געשיצט בין איך פון דארשט — אים שטילן דאך אירע וווּנדערבארע קוואלן; בענקשאפט און עלנט זיינען מיר גלייך אומבאקאנט — זיי פארטרייבן די זיסע טענער פון אירע הארפן. איך דארף נישט קיין געזעלשאפט, — די קליגסטע רייד פון נאענטע און פריינד קאנען נאר דערשטיקן דאס געזאנג פון מיין נשמה".

איין איינציקער אידעאל האט געלויכטן ווי א שטערן פאר דעם דיכטערס באגייסטערטן אויג אין משך פון זיין גאנצן לעבן; דאס איז געווען דער אידעאל פון שיינקייט. אט דער אידעאל איז געווען דאס ציל און ענדצוועק פונם דיכטערס אלע האפענונגען, פארלאנגען און פאעטישע חלומות. און וואס שארפער און וואס טיפער דעם דיכטערס

---

1 אין דעם ליד „יונה תקנו", געדרוקט אין הלוים דיוואן, ארויסגעגעבן דורך בראדי, II, 164—167.

בליק איז געוואָרן, אַלץ העלער און שענער האָט אויפגעלויכטן דער שטערן פון זיין לעבן, אַלץ שטאַרקער און דערהייבענער האָט זיין ליד געקלונגען.

יהודה הלוים יוגנט=לידער באַווייזן גאַנץ בולט, אַז דעם דיכטערס יונגע יאָרן זיינען געווען אָנגעזאַפּט מיט ליכטיקער פרייד און לעבנס=לוסט. „די טעג טאַנצן פאַר מיר זייער פריילעכן ראָד״ — זאָגט דער דיכטער גופא [1]. „איך בין — דערקלערט דער דיכטער — דער ים מיט זיינע רוישיקע כוואַליעס״ [2]; „ברייט און פול ווי דער ים איז מיין האַרץ״ [3].

מיט דאָרשטיקע ליפּן האָט דער יונגער דיכטער געטרונקען פונם זאַפּטיקן לעבנס=בעכער, און זיינע פריידיק=באַשיכורטע געפילן האָט ער אויסגעגאָסן אין זיינע ליבע=לידער, וואָס באַזינגען די נאַטור, פרויען=שיינקייט און פרויען=ליבע. ער זינגט אויך פריילעכע צעך=לידער און וויין=לידער און לייגט פאָר, מען זאָל „אין דעם רויט=פינקלענדיקן באַרוישנדיקן בעכער דעם ברענענדיקן ווייטאָג פון טרויער דערטרינקען״ [4].

ער פאַרפאַסט קונציקע רעטענישן, שפּיציקע עפּיגראַמען [5], און איז מכבד זיינע פיל פריינד מיט ליבע=געזאַנגען און גייסטרייכע בריוו און פערזן. נאָר אַפילו אַזוינע פּשוטע צופאַל=שירים און פריינדלעכע מתנות ווערן ביי אונזער דיכטער אָפט מגולגל אין אמת=פּאָעטישע פּערל, ווי, צום ביישפּיל, דאָס באַקאַנטע ליד, וואָס הלוי האָט געשיקט משה אבן עזראַן, בעת יענער האָט דעם וואַנדער=שטעקן אין זיין האַנט גענומען און זיין געבורטשטאָט פאַרלאָזן. ווי וווּנדערשיין איז די ענד=סטראָפע פון דעם דאָזיקן געדיכט:

---

1 אֶרְאֶה זְמָן רוֹקֵד נֶגְדִּי וְשָׂמֵחַ.

2 אֲנִי הַיָּם וַהֲמוֹן גַּלָּיו.

3 לִבִּי יָם מְמוּלָּא עַל גְּדוֹתָיו.

4 בִּדְמֵי גְבִיעֵינוּ — הָבָה נְכַבֶּה אֵשׁ צְלָעֵינוּ.

5 בכדי צו געבן דעם לעזער אַ באַגריף פון יהודה הלוים עפּיגראַמען, ברענגען מיר דאָ איינע פון זיי, „די גרויע האָר״:

די ערשטע האָר די גרויע,
וואָס האָט זיך אויף מיין קאָפּ באַוויזן,
געשווינט האָב איך זי אויסגעריסן.
— נוט — זאָגט צו מיר די גרויע —
עס איז דיר לייכט געלונגען
מיך, די איינציקע, צו באַצווינגען!
וועסטו בלייבן אויך דאַן דער זיגער,
ווען קומען וועלן צו מיינע ברידער
אין זייערע גרויסע גרויע שאַרן?

שָׂפָה בְרוּרָה מַה לָּךְ אֶל עִלְּגִים
אוֹ מַה לְּטַל חֶרְמוֹן אֱלֵי גִלְבֹּעַ? [1]

בעת הלוי האָט געשריבן א לויב-געזאַנג צו איינעם פון זיינע פריינד (שלמה פּריסול), האָט דער דיכטער באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז דער דאָזיקער פריינד איז געהרגעט געוואָרן. דער דערשיטערטער דיכטער האָט דאַן זיין לויב-געזאַנג פאַרענדיקט מיט האַרצרייסנדיקע עלעגישע קלאָג-סטראָפן. א גאַנצע ריי פון זיינע פריינדשאַפט-לידער (שירי ידידות) זיינען באַצירט — לויט דעם איבערגענומענעם נוסח פון די אַראַבישע דיכטער — מיט קלאַסיש-שיינע נאַטור-שילדערונגען. אינם לאַנגן ליד, וואָס הלוי האָט געשיקט זיין פריינד שלמה אבן גיאות, בעת דער דיכטער באַשרייבט דאָרטן זיין גרויסע בענקשאַפט נאָכן וייטן, אָבער הייסגעליבטן פריינד, גיט ער אגב אורחא א פּרעכטיקע שילדערונג פון א דרומדיקער זומער-נאַכט, ווי ביי איר גסיסה ווערט געבאָרן אין גאָלדענעם פּורפּור דער שטראַלנדיק-לאַכנדיקער פרימאָרגן [2]. דאָס לויב-געזאַנג, וואָס דער דיכטער האָט געשיקט זיינעם א חבר, יצחק אלְתּום, הייבט זיך אָן מיט א באַגייסטערטן לויב דער שיינקייט פונם דרום-פרילינג, וואָס בלענדט דאָס אויג מיט זיין פאַרבן-פּראַכט.

"ערשט נעכטן האָט די ערד, ווי א קינד, מיט גיריקייט געזויגן די קאַלטע טראָפּנס פון א ברוגזן וויים-גרויען וואָלקן; ווי א כלה איינגעהילט אין ווינטער-שלייער, האָט זי מיט א צאַפּלדיקן האַרצן געבענקט אין שטילן און געחלומט נאָך הייסע אומאַרעמונגען פון ליבע און גלוסט-געבאָרן. נאָר אָט האָט זיך דער פרילינג באַוויזן, און אויסגעלייזט איז די ערד געוואָרן פון איר זים-שמאַרציקער בענקשאַפט. זי שטראַלט און בלענדט מיט אירע גאָלדן-זיידענע שטיקערייען; זי שימערירט מיט אַלע אירע אויסגעצירטע קלומבעס און שיינט און לייכט מיט שטאָלץ און נחת אין איר פילפאַרביקן מאַנטל. פאַרשווענדעריש בייט זי אָן אויפהער אירע קליידער, באַצירט און באַדעקט אַלץ מיט זיידענע געוועבן, און אין יעדן קומענדיקן באָור (קאַיאַר) קוקט די בלומען-וועלט מיט נייע אָפענע אויגן: אָט גלאַנצן פּערלמוטערדיקע אויגן, באַלד בלענדן אונז רובינען-פאַרבן און גלייך ווערן זיי אונטערן סמאַראַגדן-דעקטוך פאַרשווונדן. אָט איז די וועלט אין וויים געצירט, און גלייך באַדעקט זי זיך מיט העלן פּורפּור, ווי א שיינע יונגפרוי, בעת דער ליבע-קוש צאַפּלט פאַרשעמט אויף אירע ליפּן... אַך! ווי וואונדערשיין זיינען די בלומען פון דער

[1] דו בעסטער פונם האָרט — ווי קומסטו צווישן שווערצונגיקע? וואָס פאַר א שייכות האָט דער געבענטשטער טוי פון חרמון צו די פאַרשאָלטענע בערג פון גלבוע?

[2] דאָס ליד „עֵין נדיבה" (בראָדים דיוואַן I, 137—141).

ערד! גלייך זי האָט ביי די בלויע הימלען די שענסטע שטערן אוועקגערויבט...

— — — — — — — — — — — — — — —

„מיר וואַנדערן רויִק און שטיל אין די געדיכטע שאָטנס פון די דופטנדיקע גאָרטן־אַליייען. מיט אַ גליקלעכן שמייכל באַגעגנט די ערד די פּערל־טרערן פונעם מאָרגן־טוי; זי לאַכט — און די טרערן שימערירן און גלאַנצן ווי טייערע געשליפענע שטיינער אויפן געשטריקטן ברוסט־טוך. זי פאַרנעמט מיט שמחה דעם געזאַנג פון יעדן פליגל, און הערט זיך איין, ווי דאָס טייבעלע טורטלט איר געליבטן. זי זינגט און יובלט דורך יעדן בלעטל און דעם מינדסטן גרעזל, ווי אַ יונגע כּלה אונטערן דעקטוך; און אַלץ טאַנצט און יויכצט אין פרייִלעכן ראָד... גליקלעך צאַפּלט מיין נשמה און פאַרנעמט דעם שיינעם סוד, געבראַכט פונעם פרימאָרגן־ווינטעלע, פריש געטובלט אין בשׂמים־ריחות. שטיפעריש לויפט עס ווייטער, און דער מירטעם דופטנדיקן ריח האָט עס מיט זיך גענומען די הערצער צו דערקוויקן. דער מירטעם צווייג, וואָס האָט זיך אַקאָרשט אין דער הייך געהויבן, באַגריסנדיק דעם ליבן גאַסט, — נייגט זיך ווידער צו דער ערד, און די פּאַלמען־שפּיצן צאַפּלען גליקלעך, פאַרשיכּורט פונעם הילכיקן פויגל־געזאַנג"...[1].

דעם דיכטערס שאַרפער אויער האָט געשפּירט די לייכטסטע באַוועגונג פונעם שטילסטן גרעזעלע, דעם צניעותדיקן אָטעם פונעם באַהאַלטענעם בלימעלע. פאַרשיכּורט איז געווען דעם דיכטערס האַרץ פון דער נאַטורס רייכע גאָבן און נדבֿנישע געשענקען, און ווי אַן ערשט־קלאַסישער מייסטער פאַרקערפּערט ער אין שאַרפע בולטע בילדער די בלענדנדיקע עֲשׂרות פון דער פאַרבן־פּראַכט, דעם פריידיק־נִצחָנישן יובל־געשריי פון דער נאַטור, וואָס שפּריצט מיט זאַפט און לעבן.

און אויף דעם דאָזיקן פילפאַרביקן גרונד־טאָן, פאַרשיכּורט פון די געווירצטע ריחות און היסן אָטעם פון דער מיט דרום־שטראַלן באַגאָסענער ערד, זינגט דער יונגער דיכטער זיין שטורמיש ליד פון דער ערדישער ליבע. אויפגעוואַקסן אין דער סביבה פון אַ מזרח־פאָלק מיט זיין האַרעם־לעבן, באַזינגט אונזער דיכטער אין באַגייסטערטע סטראָפן די יונגע שיינע איינוווינערינס פון די רייכע פּראַכט־האַרעמען:

„באַגריסט, איר זינגער, די יונגע שיינע! קומט אַהער, איר אַלע מייסטער איבער פידלען, האַרפן און אַנדערע כּלי־זמר! זינגט אַ לויב־ליד

---

1 „על שושני האביב", אין דיוואַן פון הרכּבי II, 58—59. אין דער סטראָפע 17 איז דער פערז „בַּיחחו לַחוֹשְׁקִים רחקו מְבַחָמֶת" בלי־ספק פאַרגרייזט, און אָנשטאָט „רחקו מרחקת" דאַרף מען לייענען „רקחו מרקחת".

די שטאָלצע מיידן, וואָס קוקן שווייגנדיק דורך די פענסטער פון זייערע פּראַכט־געצעלטן. מיט תּמימותדיקער צניעות זיינען זיי באַחנט, ווי אונזער מוטער רבקה, און גלייך שיין און ריין איז זייער גוף, ווי דאָס האַרץ מיט דער נשמה. בלויז צופעליק וואַרפט איינע אַ בליק — און שוין אויף טויט איז דעם מענטשנס האַרץ פאַרוווּנדעט. און אומשולדיק בלייבן זיי, די תּמימות־שיינע! ריין זיינען דאָך זייערע אַנטבלויזטע צאַרטע הענט, ניט באַרירט האָבן זיי די שאַרפע גיפטיקע פייל... זיי באַגערן ניט קיין צירונג, קיין פאַרביקע פּראַכט־געוועגטער. מוטלאָז אין זיסן האַלבן דרימל זיצן זיי מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן; וואָלטן זיי זייער געזיכט אַנטפּלעקט — די זון אַליין וואָלט געוועזן געבלענדט דורך דעם גלאַנץ פון דער דאָזיקער שיינקייט. זייער ליכטיקער אָנבליק זאָגט אָן די בשורה: דער טאָג קומט אָן, און צווישן די רינגען פון זייערע לאָקן קוקט די נאַכט מיט אירע שוואַרצע שאָטנס... פאַר דער מחנה וווּנדערשיינע שטערן איז מיין האַרץ דער ברייטער הימל, און אומגעשטערט וואַנדערט יעדער שטערן זיין פרייען שטאָלצן וועג. ווי אומבאַהאָלפן בלאָנדזשעט מיין געבלענדט אויג צווישן דעם חידושימדיקן קראַנץ פון צערטלעך־שלאַנקע, בלענדנדיק־העלע, לאַנגזאַם־מידע, ברענענדיק־הייסע, ראָזיק־רויטע, שטראַלנדיק־ווייסע, ליבע שיינע יונגע פרויען! ווי שטרענג זיי היטן מיט זייערע קאָראַלן־ליפּן די צוויי וווּנדערבאַרע שנירן שיין־געטאָקטע צווילינגס־פּערל. אָך, פאַרגיב, טייַן האַרץ, ווען זייער בליק האַלט אָפּט פאַרבאָרגן פאַלשקייט און חנופה, — זיי זיינען דאָך אַזוי רייצנדיק שיין! זיי שמעקן ליבער פון די שענסטע רויזן. שלאַנק און בויגזאַם זיינען זיי, ווי די איידעלע פאַלמען, געקוּשט פונם לייכטן מאָרגן־ווינטל. יאָ, זיי רויבן גרויזאַם הערצער און מאַכן טיפע וווּנדן — דאָס איז אָבער נאָר דער קליינער לוין פאַר דעם גן־עדן־נחת, וואָס די אויגן האָבן פאַרשיכּורט געזאַפּט מיט גיר דעם גלאַנץ און שיינקייט פון זייערע געזיכטער...[1].

---

1 הרכבים אויסגאַבע, I, 47—48. די דאָזיקע סטראָפן דינען אַלס אַריינפיר צו אַ גרויסן געדיכט, וואָס דער דיכטער האָט געשיקט אַ גוטן פריינד אין מצרים אויפן וועג קיין ארץ־ישראל. די דאָזיקע סטראָפן אונטערשיידן זיך לויט זייער שטימונג אַזוי שטאַרק פון דעם ווייטערן טייל פון דעם געדיכט, אַז עס איז אַפילו אַרויסגעזאָגט געוואָרן די מיינונג, אַז דאָס זיינען צוויי גאַנץ פאַרשיידענע לידער. אַנדערע חידער האָבן אָנגעוויזן, אַז ביי די אַראַבישע דיכטער איז בכלל געווען אַזאַ מאָדע ביי אַ פריינדשאַפט־געדיכט פאָרויס צו געבן אַ נאַטור־באַשרייבונג אָדער אַ לויב־געזאַנג דער פּראַכט פון פרויען־שיינקייט. מיר האַלטן עס אָבער פאַר פּסיכאָלאָגיש אוממעגלעך, אַז ביי דער שטימונג, אין וועלכער אונזער דיכטער האָט זיך געפונען אויפן וועג קיין ציון, זאָל ער מיט אַזאַ התפּעלות זיך נעמען באַזינגען די שיינע איינוווינערינס פון די האַרעמען. עס איז דערפאַר ניכער צו גלויבן, אַז בתור אַריינפיר צום פריינדשאַפט־ליד האָט ער געגעבן איינס פון זיינע יוגנט־לידער.

אין ענלעכע פאַרבן מאָלט אויך אונזער דיכטער די יונגע „כּישוף=מאַכערין" (בעלת=כּשפים), וואָס איז אַזוי בלענדנדיק=שיין, אַז ווען זי זאָל פון זיך אַראָפּוואַרפן אַלע קליידער, וואָלט דאָך איר לײַב ניט אַנטבלויזט געבליבן, ווייל דער צויבער פון תּמימות און דער גלאַנץ פון אומפאַר=גלייכלעכער שיינקייט וואָלטן איינגעהילט דעם נאַקעטן לײַב אין זייער שטראַלנדיקן כּישוף=מאַנטל [1].

צווישן די אַלע שיינע פּרויען פונם הייסן דרום האָט דער דיכטער געפונען די איינציקע, די אויסדערוויילטע און הייס=געליבטע. גיריק האָט דער יונגער דיכטער געטרונקען פון דעם באַרוישנדיקן ליבעס=בעכער, און יעדער טראָפּן פון דעם זיס=שמאַרציקן געטרענק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אינם דיכטערס נשמה אין אַ יובלנדיקן כּישוף=אַקאָרד, אין אַנטציקנדיקע ליבע=סטראָפן.

די שיינקייט פון דער געליבטער, די ליבע=פריידן און דער צער פון בענקשאַפט — דאָס אַלץ באַקומט ביי אונזער דיכטער פּלאַסטישע פאָרמען און לעבעדיקע פאַרבן, און איבער דעם דאָזיקן „שיר השירים"=געזאַנג פון ליבע שוועבט דער חן פון תּמימותדיקער גראַציע, צייטנווייז שטיפעריש מילד, צייטנווייז באַדעקט מיט אַ לייכטן וואָלקנדל פון שטילן טרויער...

„איינגעהילט אין דער נאַכט איז געקומען מיין געליבטע. זי האָט מיר באַוויזן דעם פלאַם פון אירע באַקן און דאָס גאָלד פון אירע לאָקן, וואָס ברוימען אַרום ווי פינקלדיקע רובינען די וויים=געטאָקטע קרישטאָלענע שלייפן; איר כּישוף=געשטאַלט איז דער אויפגייענדיקער זון געגליכן, בעת זי באַצירט מיט אירע שטראַלן=שפּיזן אין גאָלדיקן פּורפּור די לוסטיקע וואָלקנס פונם פרימאָרגן" [2]. די אייגענע „גאָלדלאָקיקע" שיינע באַזינגט דער דיכטער אין זיין גראַציעזן ליד „שלום לצביה נערה": „דו גאָלד=לאָקיקע קיניגין פון פּראַכט און שיינקייט, — באַקלאָגט זיך דער דיכטער — אַ שלאַנקע הירשין ביסטו, און טוסט פאַרצוקן ווי אַ לייבין" [3].

און פאַרחלומט און מאַט זינגט די געליבטע: „אויפן לייכטן פליגל פונם ווינט, ביים פאַרגיין פון זומער=טאָג, שיק איך מיין גרוס דעם

1 הרכבי, I, 95.

2 לֵיל גִּלְּתָה אֵלַי צְבִיַּת נַעֲרָה — חַמַּת לְחָיֶיהָ וְצַמַּת שַׂעֲרָהּ
צָהוֹב כְּעֵין אֹדֶם בְּכִסּוּתוֹ עָלַי — רַקַּת בְּדוֹלַח תְּמוּנַת תָּאֳרָהּ
הָיְתָה כְּשֶׁמֶשׁ בַּעֲלוֹתָהּ מַאְדִּים — אֶת עַנְנֵי נֶשֶׁף בְּלַהַב זָהֳרָהּ.

3 צְהוּבַת שֵׂעָר, תְּמִימַת יוֹפִי
צְבִיָּה וְאֵיךְ בְּאֲרִי תִּטְרְפִי.

געליבטן. איינציק איז פון אים מיין באגער: געדענקען זאָל ער דעם טאָג פון צעשיידן, ווען מיר האָבן דעם בונד פון ליבע געשלאָסן אונטערן שאָטן פון עפּלבוים״ [1].

די דרום־ליבע איז אָבער הייס און גיריק, און דורך די זיסע צאַרטע ליבע־טענער רייסט זיך פּלוצלינג דורך דער פלאַם פון ברענענדיקן באַגער און גיריקן פאַרלאַנגען. עס דערהערט זיך די פייערדיקע פונקען־שפּראַך פון „שיר השירים״, פון דער ביבלישער שולמית: „די באַקן ווי די רויזן — זיי פליקן דורשטיק מיינע אויגן; די בריסטן ווי גראַנאַטן — זיי פּאַסן גיריק מיינע הענט; אירע ליפּן, די גליענדיקע קיילן, פּרעסן מיינע ליפּן־צוואַנגען; און אירע לאָקן, די שוואַרצע שלאַנגען, שטיקן מיך אין זייערע זיס־שמאַרציקע רינגען״ [2].

דער דיכטער זינגט זיין געליבטער:

„מיין לעבן שענק איך גערן פאַר דיין נאַכט פון ליבע... אַך, לאָז מיך געניסן דעם זאַפט פון דיינע פּורפּור־ליפּן, אויסטרינקען ביז צום לעצטן טראָפּן דעם פאַרשיכּורנדיקן בעכער פון ליבע!״

און די געליבטע דערקלערט אָפנהאַרציק:

„אַלע אוצרות פון דער וועלט פאַר דער איינציקער נאַכט, ווען אונטערן שוץ פון אירע פליגל האָב איך מיין ליבע דעם געליבטן געשענקט! זיין אָטעם האָט מיך ווי דער שטאַרקסטער וויין באַרוישט און גיריק האָב איך זיינע רויטע באַקן געקושט. באַטרונקען האָט ער מיך מיט די ברענענדיקע קושן פון זיינע קרעלן־ליפּן ביז זיינע לעפצן האָבן דערמאַטערט געבעטן: גענוג שוין, גענוג! איך בין מיד שוין צו קושן!״

נאָר קאַפּריציעז און מוטוויליק איז די ליבע, און אירע דופּטנדיקע רויזן זיינען ניט פריי פון גאַנץ שפּיציקע דערנער. דער פאַרליבטער דיכטער באַקלאָגט זיך: „אין מיינע טרערן וואַשט זי אירע קליידער און טריקנט זיי אונטער די שטראַלן פון איר שיינענדיקן געזיכט. זי באַדאַרף ניט קיין קוואַלן — זי האָט מיינע אויגן! זי באַדאַרף ניט קיין זון ביי אַזאַ בלענדנדיקער שיינקייט״ [3].

און די געליבטע זאָגט מיט אַ שאַלקהאַפטיקן שמייכל:

---

1 אֶשָּׂא שְׁלוֹמִי עַל כְּנַף הָרוּחַ
אֶל דוֹד פִּתֹּם הַיּוֹם בְּעֵת יָפוּחַ
לֹא אֶשְׁאֲלָה בִּלְתִּי זְכוֹר יוֹם הַנְּדוֹד
בְּכְרוֹת בְּרִית אַהַב עֲלֵי תַפּוּחַ.

2 בראָדי, דיוואַן, II, 44.

3 דיוואַן הרכבי, I, 132.

„אויף מיינע קניען האָט דער ליבער גערוט און אין מיינע שוואַרצ=אַפּלען זיין שפּיגלבילד דערזען. דער שטיפער האָט מיט קושן מיינע אויגן באַדעקט. ניט מיך — מיין געליבטן האָבן זיינע ליפּן געקושט!" [1].

„מיין טייערע, מיין ליבער, — פּליסטערט מיט אַ שמייכל די שיינע, — שנעל וואַך=אויף פון דיין דרימל! לאָז מיך אַנזעטיקן זיך מיטן גלאַנץ פון דיינע אויגן=שטערן! האָסט אפשר פון הייסע אומאָרעמונגען און קושנדיקע ליפּן געחלומט? — דיין פּותר=חלומות בין איך גרייט צו זיין!"

נאָר אָט איז געקומען דער טרויעריקער טאָג פון צעשיידונג, און מיט צער רופט אויס דער געליבטער:

„שיידן ווילסטו זיך פון מיר — אַך, וואַרט נאָך אַ ווייל, לאָז מיינע שמאַכטנדיקע בליקן איינזאַפּן דאָס באַגליקנדיקע ליכט פון דיין שטראַלנדיקער געשטאַלט. עס איז נישט צו גלויבן, אז דעם שלאָס פון מיין ברוסט זאָל מיין הארץ ניט אויפרייסן, אום דיך אין דיין וועג ווי אַ געטרייער קנעכט צו באַגלייטן. ביי אונזער ליבע באַשווער איך דיך: פאַרגעס ניט אונזערע גליקלעכע טעג, ווי איך וועל אייביק געדענקען די גן=עדן=נעכט פון דיינע זיס=ברענענדיקע אומאָרעמונגען... קיניגן וועט דיין געשטאַלט איבער אַלע מיינע האָפענונגען און טרוימען, — אזוי זיי אויך דו צו מיר ליב און צערטלעך אונטער די פליגלען פון די זיסע חלומות. אונז צעשיידט דער קאָכנדיקער ים פון ביטערע טרערן, און ניט אינשטאַנד בין איך צו דיר אַריבערצוקומען; נאָר ווען דו, מיין ליבע, צו מיר דיין שטראַלנדיקן בליק דערהייבסט — פאַר מיינע טריט צעשפּאַלטן וועלן גלייך זיך די אָפּגרונטן...

אויך נאָך מיין טויט וועל איך דיינע לייכטע טריט מיט זייער נאָלדענעם גלעקלעך=קלאַנג [2] דערהערן, און אויף דיין גרוס וועט דיך פונם טיפן קבר מיין פרייד=געשריי באַגעגענען: „איך ליב דיך!" אַך, מיין הארץ בלוטיקט, און דאָס בלוט האָבן דיינע הענט פאַרגאָסן — עדות זיינען דיינע פּורפּור=ליפּן און די רויזן פון דיינע באַקן... גענאָסן האָט מיין פאַרבלוטיקט הארץ דעם האָניק=זיסן געטראַנק און אויך דעם

---

1 יוֹם שֶׁעֲשַׁעְתִּיהוּ עַל בִּרְכַּי,
נִרְאָה תְּמוּנוֹת בְּאִישׁוֹנַי,
נָשַׁק שְׁתֵּי עֵינַי מִתְעַתֵּעַ,
אֶת תָּאֳרִי נָשַׁק וְלֹא עֵינַי.

2 אין יענע צייטן איז געווען אַ מאָדע אַרומצוברוימען די פרויען=שיך און קליידער מיט קליינע גלעקלעך.

גאליק=ביטערן בעכער — דאָס זיינען דיינע זיסע קושן און די ביטערקייט פון צעשיידן... פון אַלע אוצרות אין דער וועלט באַגער איך נאָר דעם שמייכל פון דיינע ליפּן און דעם באַנד, וואָס ארום דיינע לענדן. מיינע בעסטע בשמים, די לאַבונגען פון מיין נשמה זיינען דאָך דיינע ליפּן; מיין רו און גליק — ביי דיינע בריסטן! פאַרלאָשן איז דיין שטימע, זי דערגרייכט ניט מיינע אויערן — נאָר אירע טענער קלינגען איבער אַלע סטרונעס פון מיין הארץ. — נאָר מיין שאָטן איז איצט דאָ געבליבן, מיין הארץ בלאָנזשעט דאָך נאָך דיינע טריט. פאַראייניק, אַך, וואָס גיכער דעם קערפּער מיט דער נשמה! קום צוריק, מיין ליבע, קום צוריק אהיים!״ [1].

איינס פון הלוים טיפּישסטע ליבע=לידער פאַרענדיקט זיך מיט אַ גאַנץ אומדערוואַרטן אקאָרד. דער דיכטער זינגט אַ ליבע=ליד דער שיינער איינוווינערין פונם הארעם (צְבִיַּת הַרְמוֹן). אין געווירצטע, העכסט= מזרחישע בילדער שילדערט ער זיין ליבע און זיין בענקשאַפט: „ווי שיין דו ביסט, — דערקלערט דער דיכטער, — ווי פול מיט כישוף איז דיין בליק! פאַרברידערט זיינען אין דיין געשטאַלט דער רייצנדיקער חן פונם שמייכלדיקן בָּאוֹר (קאיאָר) און די מילדע פאַרחלומטע שיינקייט פון דעם, אין פּורפּור געבאָרענעם, זומער=אָוונט. באַטראַכטן טיינע אַנטציקטע אויגן דיין שטראַלנדיקן פּנים און די נאַכט פון דיינע לאָקן — גאָטס= פאַרכטיק פליסטערן מיינע ליפּן: „געבענטשט זאָל זיין דער יוצר אור ובורא חושך!״

אין דעם ליד ווערט ווייטער דערציילט, ווי דער פאַרליבטער דיכטער בעט די האַנט ביי דער „שיינער טאָכטער פון דער זון און דער לבנה״ — און וויל מיט איר אונטער דער חופּה דעם בונד פון ליבע שליסן, און פּלוצלינג פאַרענדיקט דער דיכטער מיט פאָלגנדיקער סטראָפע:

„אַך, ווען וועט אויך די אָרעמע ציונס=טאָכטער איר רו געפינען אויף דעם כלה=געלעגער און דערשאַלן וועט גאָטס שטים: שטיי אויף, די וואָס בלאָנדזשעט אין פרעמדע לענדער! זע, דער טאָג קומט אָן און אויפגעלויכטן האָט די זון!״ [2].

---

1 פראַגמענטן פונם לאַנגן געדיכט „מַה לָּךְ צְבִיָּה״.

2 יַגִּיעַ זְמַן בַּת צִיּוֹן
לְהַרְגִּיעַ בְּתוֹךְ אַפִּרְיוֹן
וְיָרִיעַ עָלֶיהָ עֶלְיוֹן
קוּמִי לָךְ. שְׁכוּנַת-מֶשֶׁךְ — אוֹרֵךְ
הִנֵּה בָא וְזָרַח שִׁמְשֵׁךְ.
(דיוואַן, בראָדי, II, 49—50).

און דער דאָזיקער אומדערוואַרטער אַקאָרד איז דאָך ניט קיין צופעליקער. ענג פאַרקניפּט מיט הלוים ליבע־לידער זיינען זיינע חתונה־געזאַנגען, וואָס ער פלעגט שיקן פאַר א מתנה זיינע באַקאַנטע חתן־כלה. אַ גאַנץ אייגנאַרטיקער צניעותדיקער חן איז אויסגעגאָסן אויף די דאָזיקע דופטיקע לידער, וואָס באַזינגען די שעמעוודיקע ליבע, דעם הייסן שטאַרקן באַגער פון יונגע הערצער, באַהאַלטן אונטער דעם דעקטוך פון תמימות און אומשולד [1]. און איינס פון אַזעלכע לידער, ווי עס ווערט באַזונגען דער האַרציקער בונד פון צוויי יונגע פאַרליבטע הערצער, פאַרענדיקט ווידער דער דיכטער אומדערוואַרט טיט אַן אַקאָרד פון טיפן טרויער: „אַך, ווען וועט אויך פאַר מיין פאָלק קומען דער ליכטיקער טאָג פון פרייד און אויסלייזונג!“ [2]. אָט דער דאָזיקער טרויעריקער אַקאָרד — דאָס איז דער ערשטער שליח, וואָס גיט צו וויסן, אַז אין דעם דיכטערס נשמה, אין איר אידעען־וועלט און אינעווייניקסטע געפילן, איז פאָרגעקומען אַ גרויסער שינוי. וואָס קרעפטיקער און מענלעכער הלוים דיכטער־טאַלענט איז געוואָרן, אַלץ שאַרפער און הילכיקער האָבן זיך אין אים געלאָזט הערן די אומעטיקע טענער פון נאַציאָנאַלן שמערץ. דער געוואַלטיקער גע־ראַנגל, וואָס איז אין הלוים צייט פאָרגעקומען צווישן דער קריסטלעכער און מוסלמענישער וועלט אין דעם דיכטערס געבורטסלאַנד און אויך אינם לאַנד פון זיינע אָבות, די צרות, וואָס די יידן האָבן דערביי געהאַט אויסצושטיין פון ביידע פיינדלעכע צדדים, — דאָס אַלץ האָט דערוועקט אינם דיכטערס האַרץ דאָס טיפע שמערץ־געפיל איבער דעם ביטערן גורל פון זיין שוצלאָזן פאָלק.

„ניטאָ, — קלאָגט זיך דער דיכטער, — וווּהין צו אַנטלויפן; ניט אין מזרח, ניט אין מערב געפינען מיר ניט קיין רו... אויב ישמעאל

1 הלוים אייניקע חתונה־שירים זיינען געשריבן אין אָריענטאַלישן סטיל פון חיציקע רעטענישן. פאַר אַ ביישפּיל ברענגען מיר דאָ דאָס ליד, וואָס דער דיכטער האָט געשיקט אַ יונגער כלה און איר חתנס נאָמען איז געווען יהודה:

„גרייט איז שוין די חופה, אין אויסטערלישער פראַכט גלאַנצט דער שיינערס אויסגעצירטער כלה־געצעלט. מילד ווי די מלכת שבא טיילט זי די רייכסטע געשענקען און פרעגט דערביי אַ רעטעניש מיט אַ ליבן שמייכל: „צי האָט איר ווען געהערט, צי האָט איר חען געזען, אַז אַ גאַזעל זאָל וווינען אין אַ לייבן־הייל און קיין פחד ניט האָבן, פון קיין בייז ניט וויסן?“ — „אָך, — ענטפערט איר דער שיינער, — דו אַליין, דו שרעקעדיקע אינדין, קומסט דאָך רוען אין געצעלט פון לייב דעם יונגן!“ (גור אריה יהודה).

2 דיוואַן בראָדי, II, 44; דיוואַן הרכבי, I, 136.

איז גובר, אָדער אדום זיגט — גלייך ביטער איז דער גורל פון מיין פאָלק" 1.

די גרויסע וועלט־דראמע פון דעם גלות־פאָלק, זיין וויי און זיינע גרויסע ליידן האָבן דערשיטערט דעם דיכטערס געפילפולע נשמה און זיינען גלייך מגולגל געוואָרן אין ווונדערבארע צארט־זיסע שמערץ־אקאָרדן... נאָר אויך דער נאַציאָנאַלער צער און טרויער איז ביי אונזער דיכטער ענג צונויפגעבונדן מיט דעם העכסטן און איינציקן אידעאל פון זיין לעבן — דעם אידעאל פון גלאַנץ און שיינקייט. וואָס מענלעכער, וואָס טיפער דער דיכטער איז געוואָרן, האָט דער דאָזיקער יוגנט־אידעאל זיך ביסלעכוויז באפרייט פון זיין ערדישער הלבשה, פון זיין מאַטעריעל־קערפערלעכן כאראקטער, און אָנגענומען אַלץ מער גייסטיקע, דערהייבענע פאָרמען. אין דער נשמה פונם רייף־געוואָרענעם דיכטער איז פאָרגעקומען א טיפער גייסטיקער שינוי, וואָס דערמאָנט זייער אין די גלגולים, וואָס ס'האָט דורכגעמאַכט אין דעם פאָלקס־באוווסטזיין דאָס „געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען", דער אייביק־יונגער ליבע־עפּאָס „שיר השירים". בעת דאָס אמאָל זאַפטיק־יונגע און קרעפטיקע פאָלק, וואָס האָט מיט דער שאַרף פון שווערד זיך א היים דערוואָרבן, איז געוואָרן אַן „עם הרוח", דאָס פאָלק פון נביאים און דער „בני בכורי ישראל", — זיינען די גירִיק־תאוהשע, מיט פארשיכורנדיקן ליבע־ברען פלאַמענדיקע סטראָפן פון שולמית און איר געליבטן מגולגל געוואָרן אין א מיסטיש־הייליק געזאַנג, ווו עס ווערט באזונגען דער זיווג פון דער כנסת־ישראל מיט הקדוש ברוך הוא. דאָס אומשטערבלעכע געזאַנג פון ערדישער ליבע און ליידנשאַפט איז געהייליקט געוואָרן; עס האָט פארלאָרן זיין קערפּערלעכן לבוש און איז געוואָרן לויטער רָזין דְרָזִין, א געטלעכע מיסטעריע. אויך ביי אונזער דיכטער איז דאָס ליד פון ערדישער ליבע און קערפערלעכער שיינקייט ביסלעכוויז נִתְעַלֶה געוואָרן אין רעליגיעזער התלַהבות און מיסטישן עקסטאַז.

דאָס באַרוישנדיקע געפיל פון פרייד און גליק, מיט וועלכן ס'האָבן באַשאָנקען דעם דיכטער אין זיינע יונגע יאָרן די פראכט־שיינקייט פון דער נאַטור און דער כישוף־בעכער פון ליבע, — האָט ביסלעכוויין אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם ערדישן גַשְמיותדיקן לבוש און איז מגולגל געוואָרן אין זיסער בענקשאַפט, אין באַגייסטערטער התפעלות פאַר דער דערהייבענער גרויסקייט פון דעם באַשעפער פונם וועלטאַל, פאַר דעם אייביקן קוואַל פון הימלישער פראַכט און שיינקייט. שוין ניט די ערדישע

1 על אדום וקדר, זה יחלש או זה יחלש — תמיד עמי פוקת.

ליבע, די ערדישע שיינקייט, ווי אין די יונגע יאָרן, — דער גאָט פון ליבע און שיינקייט האָט אָנגעפילט דעם דיכטערס נשמה, באַגייסטערט די געטין פון זיין געזאַנג. דער גאָט־אידעאַל איז ביי הלוי ניט געווען קיין אַבסטראַקטער באַגריף, קיין פועל־יוצא פון דעם לאָגישן פאָרשער־געדאַנק, — ער האָט אים געשפּירט אין זיך מיטן גאַנצן מהות פון זיין פּאָעטישער נשמה, מיט אַלע נערוון און געפילן פון זיין גרויסן האַרץ; מיט דער שאַרפער בולטקייט פון זיין כּוח הדמיון, מיט וועלכן ער האָט ווי אַן אמתער דיכטער משיג געווען די וועלט און איר אומגעבונג. „אין גאָט פאַרגעסן — דערקלערט דער דיכטער — הייסט אין זיך פאַרגעסן"; „ווי קאָן מען עס לעבן בעת מען פילט ניט אים ווי אַ קוואַל פון לעבן, ליכט און גליק"; „נאָר גאָטס דינער — דער איז אמת פריי (עבד ה׳ הוא לבד חפשי); „בעת ער צאָרנט — בין איך דער נידעריקסטער קנעכט, בעת ער באַוויליקט — איבער אַלע קיניגן בין איך דער מלך!" [1].

קיין שום איבערזעצונג איז ניט אינשטאַנד איבערצוגעבן די וווּנדערבאַרע קראַפט פון הלוים מייסטער־סטראָפע:

דָּרַשְׁתִּי קִרְבָתְךָ, בְּכָל לִבִּי קְרָאתִיךָ,
וּבְצֵאתִי לִקְרָאתְךָ — לִקְרָאתִי מְצָאתִיךָ [2].

דאָס דאָזיקע טיפע און שטאַרקע רעליגיעזע געפיל, וואָס האָט דורכגעדרונגען דעם דיכטערס נשמה, האָט געפונען זיין אָפּקלאַנג אין אַ גאַנץ גרויסער צאָל וווּנדערבאַר־שיינע תפילות־געזאַנגען, וואָס געהערן צו די טייערסטע פּערלען פון אונזער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער פּאָעזיע. הלוים אינטימע רעליגיעזע ליריק טראָגט אָבער דערביי אַ שאַרף־אויסגעפּרעגטן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. זיין רעליגיעז געפיל בלייבט ניט אָפּגעזונדערט אין די ענגע גרענעצן פון זיין אייגענעם איך: עס גיסט זיך צוזאַמען מיטן גייסט פונם גאַנצן קיבוץ, וואָס לעבט אין יעדן יחיד און איז דער מקור, וואָס דער יחיד שעפּט פון אים זיין לעבנסקראַפט. דער רעליגיעזער פּאַטאָס, די טיפע איבערלעבונגען פון אַ צאַרטער און דערהייבן־אידעאַלער נשמה זיינען ביי הלוי פעסט צונויפגעבונדן מיט די שטרעבונגען און האָפענונגען פון דער גאַנצער אומה. גאָט, דער נאַציאָנאַלער קיבוץ און דאָס צאַפּלדיקע האַרץ פונם יחיד — דאָס ווערט צונויפגעשמאָלצן אינם שאַפונגס־פּראָצעס פונם דיכטער אין אַ האַרמאָניש־

1 וְעֵת קִצְפּוֹ — אֲנִי עֶבֶד עֲבָדִים
וְעֵת רְצוֹנוֹ — אֲנִי מֶלֶךְ מְלָכִים.

2 איך שטרעב צו דיר און רוף דיך אויסן פולן האַרצן. ווי נאָר איך באַגעגן דיר זיך צו דערהייבן — גלייך דערפיל איך: דו אַליין שוין מיר אַנטקעגן.

גאנצער דריי־אייניקייט, פול מיט פראכט און הימלישער שיינקייט. זייער כאראקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט הלוים פּאָעמע „יָם סוּף וְסִינַי לִמְרוֹנָי", איינס פון זיינע שענסטע און טיפּסטע נאציאָנאַל־רעליגיעזע לידער. ליידער איז אָבער אַ פּשוטע איבערזעצונג ניט אינשטאַנד איבער־צוגעבן אָט די קונציק־שיינע, מיט שטילן טרויער אָנגעזאַפּטע אַקאָרדן פון האַלב־פאַרחלומטער בענקשאַפט און הייסער ליבע, וואָס קלינגען אַזוי האַרמאָניש, אַזוי הימליש־ריין אין דעם דאָזיקן אומפאַרגלייכלעכן תפילה־געזאַנג.

אפילו אין אַזוינע האַרציקע, ריין פּערזענלעכע, פול מיט השתּפּכות הנפש, רעליגיעזע לידער, ווי „כְּנִדָּה הָיְתָה תֵּבֵל לְפָנַי", „אֲדֹנָי נֶגְדְּךָ כָּל תַּאֲוָתִי", „יְשֵׁנָה בְּחֵן יַלְדוּת" א. א. וו., איז זייער שווער אָפּצוטיילן דעם יחיד פונם קיבוץ, דאָס ריין פּערזענלעכע פון טיפּיש נאַציאָנאַלן. אין דער תפילה „בְּבָבֶל לְבִּי"[1] ווענדט זיך דער דיכטער צו גאָט: „מיטן גאַנצן האַרצן, מיטן ברען פון מיין נשמה ליב איך דיך, מיין גאָט־באַשעפער! אין חלום און אויפן וואָר באַגלייט מיך דאָך דיין נאָמען, — ווי קאָן איך דען אייגזאַם בלאָנזשען? דו ביסט דאָך מיין פריינד, — ווי קאָן איך בלייבן פאַרלאָזן? דו ביסט מיין ליכט, — ווי קאָן מיין שטערן אונטער־גיין? ווי קאָן איך געשטרויכלט ווערן, — מיין גאָט איז דאָך מיין שטיצע! פון אַלעמען בין איך צו שאַנד און צו שפּאָט, און יענע ווייסן ניט און באַגרייפן ניט, אַז אַלץ, וואָס איך לייד פון דיין נאָמען וועגן — דאָס איז מיין שטאָלץ, מיין קרוין. דו קוואַל פון מיין לעבן! אַזוילאַנג איך אָטעם, וועלן דיך בענטשן מיינע ליפּצן! אַזוילאַנג עס קלינגט מיין ליד — וועט עס דיך לויבן און געדענקען!"

אין די גרויסע ליידן פון זיין פאָלק זעט דער דיכטער דעם זיכערסטן באַווייז פון זיין אומשטערבלעכקייט: „די הימלישע געליכטער מיט זייערע אייביקע געזעצן זיינען די געטרייע עדות, אַז די קינדער פון יעקבס הויז וועלן קיינמאָל ניט אונטערגיין, און אויף לאַנגע, אייביקע דורות וועט פאַרבלייבן דאָס פאָלק ישראל"[2].

אין זיין באַרימטן פילאָזאָפיש־עטישן ווערק „ספר הכוזרי", וועגן וועלכן מיר וועלן נאָך שפּעטער ריידן, דערקלערט דער דיכטער, אַז „מיר (די יידן) ליידן מער פון אַלע, ווייל דאָס פאָלק ישראל איז צווישן אַנדערע אומות, ווי דאָס האַרץ אינם גוף פונם מענטשן. דאָס האַרץ

[1] דיוואַן הרכּבי I, 56.

[2] שֶׁמֶשׁ וְיָרֵחַ לְעוֹלָם שָׁרְתוּ — חֻקּוֹת בְּיוֹם וְלַיְלָה לֹא נִצְמָתוּ
הֵם נִתְּנוּ אוֹתוֹת לְזֶרַע יַעֲקֹב — לִהְיוֹת לְעוֹלָם גּוֹי לֹא נִכְרָתוּ.

פילט מער פון אַלע איבעריקע אברים, דערפאַר ליידט עס טאַקע מער ווי אַלע אַנדערע" [1].

און דער דיכטער ווערט דער באַגייסטערטער זינגער פון די נאַציאָנאַלע ליידן, דער טרויעריקער וועכטער, וואָס באַקלאָגט דעם פינסטערן גורל פון דער אומה, אָט „דער שטילער טויב, וואָס מען האָט זי פון איר נעסט פאַרטריבן און הענגען איז זי געבליבן איבער דעם טיפן שרעקלעכן אָפּגרונט". מיט טיפן צער רופט־אויס דער דיכטער צו גאָט אינם נאָמען פונם פאָלק ישראל:

„אין לאַנד פון שֵׂעִיר [2] בין איך פאַרוואָגלט געוואָרן, פאַרוואָרפן בין איך אין די געצעלטן פון קֵדָר [3]; געפּייניקט אין דער טעסט פון יָוָן און שמאַכט אונטער דעם יאָך פון מָדַי. דו איינציקער דערלייזער! ווי דו ביסט איינציק אין דיין מאַכט, איז איינציק און אויסערגליכן מיין אייביק האָפן! באַשענק דו מיך מיט דיין הילף און שוץ, ווי גרויס און שטאַרק עס איז צו דיר מיין ליבע!" [4].

הלוי איז אָבער ניט נאָר דער טרעגער פונם פאָלקס צער און טרויער, נייערט אויך דער באַגייסטערטער זינגער פון זיינע האָפענונגען און שיינע חלומות. „שווער מוז ליידן דער אָרעמער פּרינץ אונטער דער האַנט פונם רויבער, דעם באַדריקער. ער מוז עלנט בלאָנזשען איבער אַלע לענדער, און די טאָכטער אֱדוֹמס רוט אין גליק און פרייד. דער בן־מלך וויינט מיט ביטערע טרערן, און אים באַגעגנט דער בן־הָאָמָה מיט שפּאָט און געלעכטער. נאָר די ליידן — זיי זיינען דער פּרוּוו־שטיין: ריין און געלייטערט וועסטו באַלד דערוואַכן צו נייעם גליקלעכן לעבן!" [5].

אַך, ווי לאַנג — שרייט אויס דער דיכטער — וועט זיין אויסגעלאָשן דאָס ליכט פון יִשַׁיס שפּראָצונג! [6]. זאָלן שוין די האַרפן פון לויס קינדער זייער לאַנג שווייגן אונטערבראָכן!" [7].

---

1 דער דיכטער שטרייכט דאָרט אָגב אונטער, אַז ליידן רייניקן און לייטערן; אין באַפרייען די אומה פון אַלע אומריינקייטן און פסולת.

2 מלכות רומי.

3 אַראַביע.

4 דְחוּיָה אֱלֵי שֵׂעִיר — הֲדִיפָה עֲדֵי קֵדָר
בְּחוּנָה בְּכוּר יָוָן — מְעוּנָה בְּעוֹל מָדָי.
הֲיֵשׁ בִּלְתְּךָ גוֹאֵל — וּבִלְתִּי אֲסִיר תִּקְוָה
תְּנָה עוּזְּךָ לִי כִּי — לְךָ אֶתְּנָה דוֹדַי.

5 אין דער סליחה „ירושלים לְמוּנֵךְ".

6 דאָס הייסט: מָשִׁיחַ בֶּן דָוִד.

7 אוֹר נֵר בְּנוֹ יִשַׁי עַד אָן יְהִי נִדְעָךְ?
כִּנּוֹר בְּנוֹ לֵוִי בִּי מִהְיוֹת דוֹמָם.

און דאָס וווּנדער איז טאַקע געשען: אויפגעוואַכט האָט די האַרף פון די לְוִיִם־זינגער מיט וווּנדערבאַרער קראַפט אונטער דער צויבער־האַנט פון דעם באַגייסטערטן הלוי אויס קאַסטיליע.

אָט דער גאָלדענער חלום, דער תּמימותדיקער פאָלקס־גלויבן וועגן דעם הייליקן גואל, וואָס וועט אויסלייזן דאָס גלות־פאָלק פון זיין גרויסן וויי און פּיַין און וועט אויפוועקן צו אַ נייעם לעבן דאָס אַלטע לאַנד פון די אָבות — איז געוואָרן דער תּוך און דער יסוד פון הלוים ווייטערדיקן פּאָעטישן שאַפן. די געטין פון זיינע לידער האָט באַקרוינט דעם היסטאָ־רישן פאָלקס־אידעאַל מיט אַ וווּנדערבאַרן פאַנטאַסטישן קראַנץ פון העל־לייכטנדיקע שטערן און דופטנדיקע בלומען; דער „כִּנּוֹר בְּנוֹ לֵוִי“, די האַרף פון די לְוִיִם, האָט ווירקלעך אונטערגעבראָכן איר שווייגן, און אויפגעלעבט האָבן אויף אירע סטרונעס די שענסטע האָפענונגען פון דער אומה, אויפגעלעבט אין מעכטיקע אומשטערבלעכע אַקאָרדן, וואָס ציטערן אין די הערצער פון די פאַרוואָגלטע גלות־קינדער אין משך פון לאַנגע־לאַנגע דורות.

„ציון“ איז אין די אויגן פון יהודה הלוי געווען ניט נאָר דאָס היסטאָרישע לאַנד פון זיינע אָבות. פאַר זיין פּאָעטישן גייסט, וואָס איז געוווּנט געווען צו פאַרקערפּערן דאָס ריין־אידעאַלע און אַבסטראַקטע אין פּלאַסטישע און קאָנקרעטע פאָרמען, זיינען די בערג פון יהודה געוואָרן דער סימבאָל, די עמבלעמע פונם שענסטן און דערהייבנסטן, נאָך וואָס עס האָט געבענקט און געחלומט זיין אייגענע נשמה און די נשמה פון דער אומה...

„ווי די טויבן איילן זיך צו זייער טויבנשלאַק, אַזוי דערהייבט אייערע הערצער צו דעם ליכט, וואָס שטראַלט איבער ירושלים, דעם קוואַל פון אייער לעבן, די שענסטע קרוין פון אייער טרוימען און פאַר־לאַנגען. גרויס און שטאַרק איז גאָטס ליבע צו די טויערן פון ציון, ער האָט אויף אייביק זיי באַהעפט מיט די הימלישע שערים“ 1.

דאָס בענקען נאָך דעם העכסטן אידעאַל פון שיינקייט און גערעכ־טיקייט האָט געפונען זיין פּאָעטישן אויסדרוק ביי די גרעסטע דיכטער

---

1 וּפְנוּ כְּיוֹנִים אֶל אֲרֻבּוֹתָם אֱלֵי
כַּוִּין פְּתִיחָן מוּל יְרוּשָׁלַיִם
הִיא בֵּית מְנוּחַתְכֶם וְחַיֵּיכֶם וְהִיא
כָּל תַּאֲוַת הַלֵּב וְהָעֵינַיִם.
אוֹהֵב אֲדֹנָי שַׁעֲרֵי צִיּוֹן מְאֹד
וּמְאַחֲיָם עִם שַׁעֲרֵי שָׁמַיִם.

פונם קריסטלעכן מיטלאַלטער אין דער מיסטישער אַגדה וועגן דעם אַזוי-גערופענעם „גראַאַל" — דעם בעכער, וואָס האָט אויפגענומען דאָס אומשולדיקע און ריינע בלוט פון דעם, וואָס האָט זיך מקריב געווען פאַר די זינד פון דער וועלט. דער זעלביקער אידעאַל האָט זיך פאַרקערפּערט ביי דעם גרעסטן מיטלאַלטערלעכן יידישן דיכטער, ביי יהודה הלוי, אין „דעם האַרץ פון דער וועלט", אין דעם ציונס-באַרג.

די בעסטע און אויסדערוויילטסטע פונם קריסטלעכן מיטלאַלטער, די איידעלע פאַרחלומטע ריטער פון דעם לעגענדאַרישן „רונדן אַרטור-טיש", האָבן זייער גאַנץ לעבן געבענקט און געשטרעבט צום שענסטן אידעאַל, געוואַנדערט איבער גאָר דער וועלט און געזוכט דעם „הייליקן גראַאַל", דעם וווּנדערבאַרן בעכער מיטן פאַרגאָסענעם אומשולדיקן געטלעכן בלוט; אים האָבן די גרעסטע דיכטער זייערע שענסטע לידער געשענקט... אונזער יידישער איידעלער, פון גאָט באַגנאָדיקטער ריטער, יהודה הלוי, האָט אויך זיך געלאָזט זוכן זיין נאַציאָנאַלן „הייליקן בעכער", דעם בעכער פון וועלט-שמערץ און צער — דעם באַרג פון ציון.

דער האַרמאָניש גאַנצער דיכטער, וואָס האָט ניט געוווּסט פון קיין אינעווייניקסטע סתירות, האָט זיך איבערגעגעבן מיטן גאַנצן ברען פון זיין פאָעטישער נשמה דעם שיינעם ליכטיקן אידעאַל, וואָס האָט געשיינט פאַר זיינע באַגייסטערטע אויגן. און וואָס שטאַרקער עס איז געוואָרן זיין בענקען און זיין שטרעבן צום ווייטן לאַנד פון זיינע אבות, אַלץ העכער און העלער האָט זיין ליד געקלונגען. און די פּאָעמען און לידער, וואָס ער האָט געשריבן אויפן וועג קיין ירושלים, געהערן צו די שענסטע פּערל, וואָס די מיטלאַלטערלעכע יידישע פּאָעזיע פאַרמאָגט. די דאָזיקע אייניקע צענדליק לידער און געזאַנגען זיינען אַלע דורכגע-דרונגען מיט איין גרונד-געפיל, זיינען באַשטראַלט און באַלויכטן מיט איין און דערזעלביקער אידעע, וואָס שמעלצט זיי צונויף צו איין איינ-הייטלעכער פּאָעמע, צו דער אומפאַרגלייכלעכער ציון-עפּאָפּעע.

ווי אַ הקדמה און אַריינפיר אין דער דאָזיקער פּאָעמע קאָן מען באַטראַכטן די עטלעכע לידער, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט דעם דיכטערס בענקשאַפט צום לאַנד פון די אבות, „ווו יעדער שטיין איז דורכגעברענט מיט דעם פייער פון זיין האַרצן און דער שטויב איז באַגאָסן מיט זיינע טרערן" [1].

---

1 אֲבָנָיו מְשָׁבִיב לְבִי שְׂרוּפוֹת
וַעֲפָרוֹתָיו בְּמֵי דִמְעִי גְרוּפוֹת.

„מיין הארץ איז אין מזרח — קלאָגט דער דיכטער — און איך בין אין מערב דעם ווייטן. ווי קאָן איך פונם לעבן געניסן, ווי קאָן איך אין פריידן פארברענגען, ווייסן פון רו און פון גליק — בעת ציון שמאכט אין די קייטן פון אדום און איך אין אראבישן יאָך. אַלע אוצרות פון שפאניע וואָלט איך געשאָנקען פאַר דער גליקלעכער שעה, ווען איך וועל די שטיינער די וויסטע פון ציון, דעם הייליקן אש פונם חָרובן היכל מיט ברענענדיקע קושן באדעקן, מיט זאַלציקע טרערן באגיסן"[1].

דעם דיכטערס הארץ שטרעבט צום ווייטן מזרח, אהין, ווו פאַר זיין באגייסטערטן בליק שיינט דָורם הייליקע שטאָט, „דאָס הארץ פון דער וועלט" — ירושלים.

„צו דיר, אָ, הייליקע מעכטיקע שטאָט, צו דיר, שטאָלץ און קרוין פון דער וועלט, טוט גלוסטן מיין הארץ פונם מערב דעם ווייטן. דערמאָן איך דיין פארלאָרענע שיינקייט און גלאנץ, דיין שרעקלעכן יאָמער, דיין חָרובן הֵיכל — קאָן איך קיין טרייסט ניט געפינען און וויין מיט ביטערע טרערן. ווי נעמט מען דעם אָדלערס מעכטיקע פליגל, צו דיר וואָלט איך פליען, דיין זיסע ערד מיט מיינע טרערן אָנזעטן. איך וויים — דו ביסט חרוב, ניטאָ מער קיין מלך, און ווו אמאָל האָט דער באַלזאַם פון גִלְעָד געפלאַסן — הויזן איצט גיפטיקע שלענג, און עקדישן טוען דאָרט רוען. דאָך גלוסט איך צו דיר, וויל דיינע חרובע שטיינער האלזן און קושן; זיסער פון האָניק איז דיין וויסטער שטויב פאַר מיינע שמאכטנדיקע ליפּן"[2].

דער דיכטער דערציילט, ווי די אייגענע און באקאנטע זיינען אַלע געוווען קעגן זיין וווייטער נסיעה, און ער האָט זיי מיט שטאָלץ געענטפערט:

„דעם אָנדענק פון אונזערע טויטע האלטן מיר טייער, און די לוחות מיטן הייליקן אָרון וועלן בלייבן פארגעסן? מיר טוען גאָטס-פּאָרכטיק באזוכן דאָס אָרט פון פווילעניש, די ממשלה פון ווערים, און פארלאָזן וועלן מיר דעם קוואַל פון אייביקן לעבן?"[3].

מיט גאונישער פַּשטות באשרייבט וויטער דער דיכטער[4], ווי ער

---

1 דאָס באַקאַנטע ליד „לבי במזרח ואנכי בסוף מערב".

2 דאָס ליד „יְפֵה נוֹף מְשׂוֹשׂ תֵּבֵל".

3 הֲטוֹב שֶׁיִּהְיוּ מֵתִים זְכוּרִים
וְהָאָרוֹן וְהַלּוּחוֹת שְׁבוּרִים?
נְשַׁחֵר אֶת מְקוֹם שַׁחַת וְרִמָּה,
וְנָמוּשׁ אֶת מְקוֹר חַיֵּי נְצָחִים?

4 אינם ליד „הֲצִיּוֹן תִּשְׁאֲלִי לִשְׁלוֹם אֲסִירַיִךְ"

פאַרלאָזט זיין היים און צעשיידט זיך מיט זיינע אייגענע: זיין איינציקער טאָכטער מיט איר זון און זיינע געטרייע תּלמידים, און לאָזט זיך אין ווייטן שווערן וועג. ווייטער זעען מיר שוין דעם דיכטער אויפן באָרטן פון שיף; ער דערהייבט א האַרציקע ליבע תּפילה צו גאָט [1] און ווענדט זיך מיט א בקשה צום מערב=ווינט, וואָס דאַרף אים ברענגען אויף זיינע לייכטע פליגל צום געווינטשטן לאַנד:

„כ'האָב פאַרגעסן אַלע ליבסטע,
כ'האָב פאַרלאָזט מיין אייגן הויז;
כ'האָב דעם ים זיך איבערגעבן; —
טראָג מיך, ים, צום מוטערס שויס.
און דו, מערב=ווינט געטרייער,
טרייב מיין שיף צו יענעם ברעג,
וואָס מיין האַרץ מיט אָדלער=פליגל
זוכט שוין לאַנג צו אים א וועג.

ברענג מיך נאָר אהין בשלום,
נאָכדעם פלי זיך דיר צוריק.
גריסן זאָלסטו אַלע ליבסטע
און דערצייל זיי פון מיין גליק [2].

אָט איז שוין דער דיכטער ווייט פון דער היים, ער זעט שוין אַרום זיך „נאָר וואַסער, הימלען און דאָס שיף“ [3]. ברוגז איז דער ים, נאָר פול מיט שטילער פרייד איז דעם דיכטערס נשמה — „דאָס שיף דערנענטערט זי צום הייליקן היכל פון איר אַלמעכטיקן גאָט“ [4].

הלוי איז אָבער ניט נאָר א גאָטספאַרכטיקער פּילגער, וואָס איז עולה רגל צו גאָטס הייליקער שטאָט, — ער איז אויך א גרויסער דיכטער; ער שטייט אויפן באָרטן פון שיף ווי פאַרכישופט פונם גרויסן ברייטן ים מיט זיין פּראַכט און מעכטיקער שיינקייט. דעם דיכטערס נשמה יובצט=אויף פאַר פרייד און אנטציקונג, און ער שאַפט אויפן שיף א גאַנצע ריי וווּנדערבאַרע ים=לידער, וואָס האָבן זייער גלייכן ניט אין דער גאַנצער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור. אָט איז ער שטיל, דער ים, רויִק ליגט ער אין די אָרעמס פון דער שוואַרץ=חנעוודיקער דרום=נאַכט.

---

1 אֱלֹהַי, אַל תְּשַׁבֵּר מִשְׁבָּרֵי יָם.“

2 איבערזעצונג פון ביאַליק.

3 וְאַשְׁגִּיחַ לְכָל עוֹבֵר וְאֵין כֹּל — אֲבָל מַיִם וְשָׁמַיִם וְתֵבָה.“

4 וְיָם יִזְעַף וְנַפְשִׁי תַּעֲלֹז כִּי — אֱלֵי מִקְדַּשׁ אֱלֹהֶיהָ קְרֵבָה.

מיט דעם לבנה=שײַן פאַרזילבערט,
ווייט רונצלט זיך דער וואַסער=שפּיגל;
פאַרשפּרייט האָט זיך אויף אונז די נאַכט
מיט איר בלוי=סאַמעטענעם פליגל.

ס׳איז ניט קיין נאַכט, ס׳א מַלְכַּת שְׁבָא
געהילט אין בלוים, מיט גאָלד באַפליטערט;
שטיל אָטעמט זי, און אויף איר ברוסט
שימערירט דאָס גאָלד, שימערירט און ציטערט.

ווי שאָף צעשפּרייט די קליינע כוואַליעס
שטיל וויגן זיך אין לייכטן דרימל. —
עס ציטערן אין יַם די שטערן —
ווער איז דאָ יַם, און ווער איז הימל?

צוויי יַמען שלאָפן דאָ צוזאַמען
צונויפגעליגט ווי גלייכע ברידער;
איין דריטער יַם אינמיטן שלאָפט נישט:
מיין האַרץ מיט זיינע נייע לידער[1].

די אומפאַרגלייכלעכע שיינקייט פון דער פאַרחָלומטער דָרום=נאַכט אויפן שטילן יַם פילט אָן מיט יראת=הכבוד דעם דיכטערס נשמה, און זי זינגט באַגייסטערט אַ שבח און לויב=געזאַנג דעם אַלמעכטיקן באַשעפער[2].

דער יַם ווייס אָבער ניט פון קיין לאַנגן אָפּרו, פון קיין פאַר=גליווערטקייט. אָט שיינט ער מיט טויזנט ווייגדיקע זונען און בלענדט מיט מיליאָנען טאַנצנדיקע שטראַלן, און אָט שטורעמט ער, דער יַם, און שרעקלעך איז זיין שווארצער צאָרן, און אָן רחמנות איז זיין משפּט. אַ שרעקלעכער שטורעמווינט האָט אויסגעבראָכן, אַ טויט=שרעקן האָט אַרומגענומען אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן שיף, נאָר אונזער דיכטער איז רויִק געבליבן: פעסט איז זיין גלויבן — ער מוז זיין אידעאַל דערגרייכן, ער וועט דערזען „דאָס האַרץ פון דער וועלט", די קרוין פון זיינע האָפענונגען — דאָס הייליקע לאַנד.

אָנגעברוגזט האָט דער יַם זיך
און געקנייטשט זיך און געקרומט,
פּלוצים האָט ער זיך צעבייזערט
און ער וויגט זיך שוין און ברומט.

---

1 די לעצטע סטראָפן פונם גרויסן ליד „התרדוף נערות אחר חמשים", איבער=געזעצט פון ביאַליק.

2 די תפילה „לך נפשי בטוחה או חרדת".

און אַט לויפן שוין אַקעגן
ווילד און בייז מיט ווייסן שוים
כוואַליעס־לייבן, כוואַליעס־שלאַנגען
אויסגעוואַקסן פון דעם תהום.

אַט האָט זיך אַ טאָל געעפנט,
אַט שטייט־אויף אַ הויכער באַרג — —
פלאַטער, זעגל! בויג זיך, מאַסטבוים!
דו, מיין האַרץ, בלייב פעסט און שטאַרק!

האָסט אַ גרויסן גאָט אין הימל,
יַמים שפּאַלט ער מיט זיין האַנט;
אויף זיין פליגל מיט זיין שטורעם
טראָגט ער דיך צום ליבן לאַנד [1].

די דאָזיקע סטראָפן זיינען בלויז אַן אָפּגעריסענער אַקאָרד פון דער גרויסער מייסטער־סימפאָניע „יָם סוֹעֵר", אין וועלכער יהודה הלוי גיט איבער מיט אַ געוואַלדיקער פּאָעטישער קראַפט דעם שטורמווינט אויפן ים, דאָס נַצְחָנישע ברומען פון די ריזיקע כוואַליעס, וואָס קאָכן און זידן, דאָס שֵׁדִימשע געלעכטער פונם תהום, וואָס האָט צעריסן די קייטן פון די טיפע אָפּגרונטן. און דאָרט, אויפן שיף, וואָס ווערט ווי אַ שפּענדל פון די כוואַליעס געשליידערט איבער בערג און טאָלן, — דאָרט ליגן אין טויטשרעק די הילפלאָזע מענטשן מיטן קאַלטן יאוש אין האַרצן... נאָר אָט ווערט שטילער דער שטורעם, עס באַרויִקט זיך דער ים; דאָס שיף איז געראַטעוועט, אויסגעלייזט זיינען די מענטשן פון זייער צער און שרעק, און מיט ליבע און דאַנק דערהייבן זיי זייערע אויגן צו זייער באַשיצער און גואל. און דער דיכטער פאַרענדיקט זיין פּאָעמע מיט אַ ווייכן האַרציקן אַקאָרד: „אַך, ווען וועט אויך קומען די בשורה פון גאולה פאַרן אָרעמען פאָלק, וואָס שמאַכט אין גלות, ווערט פון אַלעמען געיאָגט, ווי דאָס שיף פון די כוואַליעס אין שרעקלעכן שטורעם. ווען וועט זיך דערהערן די ליכטיקע בשורה: גיי אַרויס, מיין געטרייער, פון דער פינסטערער תפיסה, — גאָטס גענאָד וועט באַלייכטן דיין ביטערן גורל!.."

דער מערב־ווינט האָט אויף אַ צייט צונויפגעלייגט זיינע פליגל און דאָס שיף האָט געמוזט אַ לענגערע צייט שטיין אויפן אַנקער ביי די ברעגן פון צפון־אַפריקע, נעבן דעם אויסגוס פונם גרויסן נילוס. די

[1] איבערגעזעצט פון ביאַליק.

פּרעכטיקע שיינע נאַטור פון מצרים דערוועקט אין הלוי דעם דיכטער, און ער באַזינגט זי מיט באַגייסטערט־שיינע סטראָפן:

האָט די צייט דען איר טרויער פאַרוואָרפן [1]
און אין גלאַנץ און אין שיין זיך באַקליידט?
און די ערד האָט מיט בלומען באַדעקט זיך
און פון גאָלדוועב געפלאָכטן די קייט?

און די פעלדער ביים נילוס — זיי בליען,
אין ליכטיקע פאַרבן קאָלירט;
ס'איז דער מדבר אין גרינע טאַפּעטן,
פּיראַמידן — אין גינגאָלד פאַרצירט.

און די רייצנדע טעכטער מִצְרַיִם
מיט גאָלד און מיט זילבער באַהאַנגען —
און דאָך אַזוי פלינק ווי אינדינען
פאַרפירעריש וועקן פאַרלאַנגען.

און דאָס לייכטזיניק האַרץ — עס פאַרגעסט זיך
און חלומט פון יוגנט אויפסניי,
אין גן־עדן מצרימס, ביים נילוס,
ווו ס'ציען זיך אָפן און פריי

די וויים־בליענדע גערטנער, און פעלדער
באַדעקטע מיט גאָלדענע זאַנגען.
אַ מערב־ווינט בויגט זיי, און ס'דאַכט זיך,
זיי לויבן דעם בורא און דאַנקען [2].

די דאָרטיקע יידישע קהילות האָבן מיט גרויס כּבוד אויפגענומען דעם באַרימטן דיכטער און האָבן אים געבעטן, ער זאָל ביי זיי פאַרבלייבן. נאָר קורץ איז געווען הלויס ענטפער: „ווי קאָן מיך מצרים פאַרהאַלטן, ווען אַלע מיינע געדאַנקען און ווּנטשן זיינען געפלאָכטן אַרום ציונס באַרג?" [3].

וואָס מער דער דיכטער דערנעענטערט זיך צו די ברעגן פון ארץ־ישראל, אַלץ גרעסער ווערט זיין אומגעדולד; און ער בעט די

[1] הֲתָפַשׂ הַזְּמָן בִּגְדֵי חֲמֻדוֹת.
[2] איבערגעזעצט פון י. י. שװאַרץ.
[3] הֲבְמִצְרַיִם תְּכִילֵנִי? וְנַפְשִׁי
וְזִמּוּתַי לְהַר צִיּוֹן צְנוּפוֹת.

בוואַליעס, זיי זאָלן אים וואָס גיכער ברענגען צו זיין ציל. „באַלד וועל איך דערזען די וווינונג פון מיין ליבער, וואָס איז פון איר נעסט פאַר־וואָגלט. די טויבן זיינען פון זייער נעסט פאַרטריבן, און שוואַרצע ראָבן האָבן דאָרטן זיך באַזעצט" [1].

דאָס לאַנד פון די אָבות און דער חָרובער בית־המקדש האָבן אַזוי שטאַרק געוועלטיקט איבער דעם דיכטערס טראַכטן און דענקען, אַז ער האָט אין חלום דערזען פאַר זיינע אַנטציקטע אויגן דעם אמאָליקן היכל אין זיין גאַנצער פּראַכט און שיינקייט, בשעת די כּהנים דינען ביי דער עבודה און די לְוִיִים זינגען זייערע שירים און תּפילות [2].

אָט דאָס שטאַרקע בענקען און גלוסטן צום הייליקן לאַנד, צו דעם פאַרקערפּערטן סימבּאָל פונם שענסטן און דערהייבנסטן אין דער וועלט — דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה, און עס רייסט זיך דורך ווי אַ פייערדיקער גוס פון פּאַטאָס און באַגייסטערונג אין דעם אומשטערבלעכן ציון־ליד „צִיּוֹן הֲלֹא תִשְׁאֲלִי לִשְׁלוֹם אֲסִירַיִךְ", וואָס ווערט עד היום געלייענט בכל תּפוצות ישראל אין דעם טרויעריקן טאָג פון תִּשְׁעָה בְּאָב, ווען דאָס גלות־פאָלק באַקלאָגט דעם חורבן פון זיין הייליקטום:

„בענקסט אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון,
ווי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע, בענקען?
ווילסט אויך, ווי זיי פון דיר, אַ ליבן גרוס באַקומען?
דאָ האָסטו אים! אַ גרוס פון נאָענטע און ווייטע!

אין הארצן דורות לאַנג געוואַרעמט טראָגט אים
פון אַלע עקן וועלט, דורך ימים און מדבריות,
צו דיר אין שוים אַן עלנט קינד דיינס — איינער
פון די, וואָס זאָפן אָן, ווי טוי פון חרמון,
די פרעמדע בערג מיט ברענענדיקע טרערן
און שטאַרבן אין דער פרעמד פאַרליבטע און פאַרבענקטע.

מיך ציט צו דיר. ביינאַכט אויף דיינע חורבות
בין איך דיין נאַכטאייל פון דיין יאָמער־ליד.
און חָלומט זיך מיר נאָר דיין מאָרגנשטערן — ווער איך
דיין נאַכטיגאַל, דיין קלינגענדיקע האַרפע...

מיך ציט צו דיר, מיין האַרץ גייט אויס נאָך דיינע ערטער,
ווו די אָבות האָבן זיך באַגעגנט מיט מַלאכים,

וְאֶרְאֶה נְוֵה נָאוָה — אֲשֶׁר שְׁכֵחָה קִנָּהּ
וְגוֹרְשׁוּ בְּנֵי יוֹנָה — וְשָׁכְנוּ בְּנֵי עוֹרֵב.

2. זע הלוים ליד „אֱלֹהַי! מִשְׁכְּנוֹתֶיךָ יְדִידוֹת".

ווּ די שכינה האָט גערוט, ווּ דיין באַשעפער
האָט דיינע טויערן די הייליקע געעפנט
אַנטקעגן זיינע הימלישע שְׁעָרִים,
ווּ ניט די זון, ניט די לבנה, שטערן —
גאָטס ערע זעלבסט האָט דיך באַשיינט מיט גלאַנץ...
איך גאַר, אַז אויסגיסן זאָל זיך מיין זעלע דאָרטן,
ווּ ס׳פלעגט אַמאָל גאָטס גייסט און גאָטס גענאָד זיך גיסן;
אויף דיינע אויסדערוויילטע, מוטער ציון.
ווּ נעמט מען פליגל? שטיקערווייז וואָלט איך מיין האַרץ
ווייט-ווייט צעווישן דיינע בערג פאַרטראָגן,
כ׳וואָלט צוגעפאַלן צו דיין ערד, כ׳וואָלט אויסגעקושט
איר יעדן פוסטריט, יעדעס שטיינדעלע באַזונדער.
און אומגעוואַנדערט וואָלט איך טאָג און נאַכט
אַ נאַקעטער, אַ באָרוויסער אויף דיינע חורבות,
כ׳וואָלט מיט מיין שטעקן אויסגעמאָסטן אַלע קברים,
מיט דיין נשמה-לופט זיך אָנגעאָטעמט,
זיך איינגעוויקלט אין דיין זיסן שטויב,
און ביז צום בלינד-ווערן באַוויינט דיין חורבן, ציון!
צי קאָן די שיַין פאַר מיינע אויגן זיס זיין —
אַז שוואַרצע ראָבן פּיקן דיינע אָדלערס!
צי קאָן איך לעבן אויף דער וועלט און צוזען,
ווי גאַס-הינט שלעפּן דיינע טויטע לייבן...
גענוג, לאָז אָפּ אַ ווייַלע, כּוס פון טרויער!
מיין האַרץ איז איבערפול מיט דיר פאַרביטערט.
כ׳האָב איינגעזאַפּט אין זיך דיין שוים מיט דיינע הייוון...
גענוג! איך וויל איין חלום זען און שטאַרבן.
כ׳וויל, אַ גרויסער גאָט, נאָר איין שטראַל ליכט,
נאָר איין שטראַל ליכט פון יענעם מאָרגנשטערן,
וואָס דאַרף, וואָס מוז אַמאָל נאָך העל און ליכטיק
זיך אָנצינדן אויף ציונס בלויען הימל,
באַנייען און באַפרישן זיך מיט יוגנט.
גענוג, איין זיסן חלום לאָז מיך זען נאָך
און אויסגיין מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן [1].

[1] איבערגעזעצט פון ביאַליק. די איבערזעצונג איז ניט וואָרטלעך. די צחייטע העלפט איז שטאַרק געקירצט. הלוים ציון-ליד איז איבערגעזעצט כמעט אויף אַלע אייראָפּעישע שפּראַכן. נאָכן מוסטער און מעטריק פון דאָזיקן אומפאַרגלייכלעכן ליד האָבן אַ סך

אַט אויף דעם דאָזיקן מעכטיקן אַקאָרד רייסט זיך איבער הלויס גרויסע ציון=עפּאָפּעע און דערמיט אויך זיין גאַנץ פּאָעטיש שאַפן. עס איז זייער לייכט צו קומען צום לאָגישן פּועל יוצא, אַז הלוים ליד האָט זיך אויף דעם אַקאָרד געמוזט איבעררייסן, בעת מ׳נעמט אין באַטראַכט דעם גאַנצן מהות פון אונזער דיכטער. יהודה הלוי איז געווען איינע פון די איידל=שיינע, העכסט=ראָמאַנטישע נאַטורן, וועגן וועלכע אַ באַקאַנטער רוסישער דיכטער זאָגט, אַז זיי גיבן זיך איבער מיטן גאַנצן פלאַם פון זייער נשמה דעם „גאָלדענעם אומדערגרייכבאַרן חלום". זיי גאַרן און שטאַרבן זייער לעבן לאַנג צו דעם, וואָס קאָן ניט דערגרייכט ווערן, וואָס ס׳איז „איבער אונזערע כוחות"; וואָרן דאָס, וואָס ס׳איז דערגרייכבאַר, איז דאָך שוין מער קיין אידעאַל ניט — עס איז שוין דאָס פּשוט=אַלטעגלעכע, דאָס רעאַל=וואָכעדיקע. עס איז דערפאַר גאַנץ נאַטירלעך און באַגרייפלעך, אַז דעם דיכטערס ליד האָט זיך געדאַרפט איבעררייסן גראָד דעמאָלט, ווען דער גאָלדענער חלום פון זיין לעבן, די שיינע מלכה פון אַלע זיינע האָפענונגען און טרוימען האָט זיך אַנטפּלעקט אין איר גאַנצן יאָמער און שפלות: ער האָט פאַר זיך דערזען אַ שרעקלעך פאַראָרעמט און פאַרוויסט לאַנד, ווו עס האָבן מיט גאוה געוועלטיקט און באַוויזן זייער גאַנצע רשעות די פאַנאַטישע נוֹשְׂאֵי=הַצְּלָב (צלם=טרעגער)...

וואָס ס׳האָט ווייטער פּאַסירט מיט אונזער גרויסן דיכטער, איז אומבאַקאַנט געבליבן [1], נאָר די פאָלקס=פאַנטאַזיע האָט אַרומגעפלאָכטן

שפּעטערדיקע פּייטנים אויך געשריבן ציון-לידער. די באַקאַנטסטע צווישן זיי זיינען: אלעזר בעל „הרוקחס" „ציון הלא תשאלי לשלום עֲלוּבַיִךְ"; יהודה בן שניאורס „ציון הלא תשאלי לשלום יְדִידַיִךְ"; יוסף גיקאַטילאַס „ירושלים הנאהבה" און מנחם תמרס „צִיּוֹן הֲלֹא תֵדְעִי לְבוֹת אֲבֵלַיִךְ".

[1] דער פּאַרפאַסער פון די דאָזיקע שורות זאָגט הגם אַרויס זיין השערה, אַז דער דיכטער האָט זיך צוריק אומגעקערט אַהיים, ווו ער איז באַלד דערנאָך געשטאָרבן. די דאָזיקע השערה באַגרינדן מיר אויף פאָלגנדיקע דערציילונגען פון הלוים תלמיד, דעם באַקאַנטן געלערנטן שלמה פַּרְחוֹן: 1) אין זיין ספר „מחברת הערוך", וואָס ער האָט פאַרענדיקט אינם יאָר 1160, ברענגט ער יהודה הלוים אַ מיינונג, וועלכע יענער האָט אַרויסגעזאָגט נאָכדעם ווי ער איז געווען אין מצרים. דערפון איז געדרונגען, אַז פַּרחון, וואָס האָט דעמאָלט געלעבט אין שפּאַניע, האָט געהאַט אַ מגע ומשא מיט זיין לערער אויך נאָך זיין נסיעה קיין ירושלים. 2) פַּרחון דערציילט אין דעם זעלביקן ספר, אַז יהודה הלוי האָט ניט לאַנג פאַר זיין טויט אַ נדר געטאָן מער קיין שירים ניט צו שרייבן (ועשה תשובה לפני מותו שלא יפיים לעולם). מיר ווייסן אָבער, אַז גראָד בשעת זיין נסיעה קיין ירושלים האָט זיין פּאָעטיש שאַפן ׳ערגרייכט זיין העכסטע מדרגה. ווי עס שיינט, רעדט דאָ פַּרחון וועגן דער שפּעטערדיקער תקופה פונם דיכטערס לעבן, ד. ה. נאָך זיין נסיעה קיין ארץ-ישראל; און עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז

א שטראַלנדיקן ליידן־קראַנץ אַרום די לעצטע מינוטן פון איר געליבטן נאַציאָנאַלן דיכטער. א לעגענדע דערציילט, אַז ווען דער דיכטער איז אָנגעקומען קיין ירושלים, האָט ער זיך געלאָזט גיין צום „כותל מערבי" און דערביי געזונגען זיין באַרימטן „ציון הלא תשאלי". נאָר אויפן וועג איז אויף אים אָנגעלאָפן א מוסלמענישער רייטער און אים מיט זיין שפּיז דערשטאָכן. דער דיכטער איז געפאַלן טויט אויפן אָרט מיט זיין ציון־ליד אויף די ליפּן.

די גרויסע התפעלות און דאָס געפיל פון אַנטציקונג און באַוווּנ־דערונג, וואָס דער גרויסער דיכטער פון קאַסטיליע האָט אַרויסגערופן ביי זיין לעבן, האָט זיך אויך איבערגעגעבן די קומענדיקע דורות. ניט נאָר זיינע פריינד, ווי דער דיכטער משה אבן עזרא און יוסף אבן צדיק [1], האָבן געפלאָכטן לאָרבער־קרענץ אַרום דעם באַרימטן דיכטער און דער־קלערט, אַז „אַלע בני יעקב זיינען געוואָרן יהודיסטן", ד. ה. אָנהענגער און פאַרערער פון דעם דיכטער יהודה [2], — אויך די דיכטער פון שפּעטערדיקע דורות האָבן מיט גרויס ענטוזיאַזם און באַגייסטערונג באַזונגען דעם גאָונישן ציון־זינגער.

„דאָס ליד, — דערקלערט דער דיכטער פונם 13טן יאָרהונדערט, אלחריזי, — וואָס דער לוי (יהודה הלוי) האָט געזונגען, שיינט ווי א קרוין איבער דער כנסת ישראל, באַצירט איר האַלז, ווי דער טייער־סטער פּערלשנור. ער איז דער שיין און דער גרעסטער שטאָלץ אין די פּאַלאַצן פון געזאַנג; דער עמוד הימיני איז ער אינם היכל פון הכמה און וויסן. שטאַרק איז ער און מעכטיק, און פאַרן בליץ פון זיין דיכ־טונגס־קראַפט טוען קניען די ריזן פון פּאָעטישער יצירה. מיט דער שיינקייט פון זיין ליד קאָן זיך קיינער ניט גלייכן; די שטראַלן פון זיין

פּרחון האָט געקאָנט וויסן אַזעלכע פּרטים וועגן הלוים לעצטע טעג נאָר אין דעם פּאַל, ווען דער דיכטער איז צוריק געקומען קיין שפּאַניע, און פּרחון האָט געהאַט א גענויע ידיעה, ווען זיין לערער איז געשטאָרבן. 3) אַז פּרחון האָט טאַקע געגוי געוווּסט, ווען הלוי האָט זיך געשיידט מיטן לעבן, זעען מיר אַרוים פון זיינער א ווייטערדיקער באַמער־קונג, ווו ער דערציילט וועגן א ווּיסנשאַפטלעכן ויכּוח, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין לערער. „נאָך זיין טויט — איז פּרחון מוסיף — האָב איך מיך איבערצייגט, אַז גערעכט איז געווען ער, נים איך".

[1] אין זיין ליד „אבי השיר". וועגן אבן צדיק וועלן מיר ריידן באַריכות שפּעטער.

[2] „עת ראתה כל יעקב מתיהדים" — האָט געזאָגט אויף הלוין יהודה בן אבות (אין זיין ליד „שבע פני השחרית", („צייטשריפט פיר העברעישע ביבליאָ־גראַפיע", III, 177—179).

דום און גלאַנץ האָבן פאַרטונקלט די באַרימטע נעמען פון אָסָף און יְדוּתוּן, און די לידער פון בְּנֵי־קֹרַח האָבן זייער חֵן אָנגעוואָרן. ער איז אריינגעדרונגען אין די פאַרבאָרגנסטע אוצרות פון דער דיכט־קונסט, האָט אַלע אירע רייכטימער מיט זיך גענומען און פעסט אונטער זיך די טויערן פאַרשלאָסן. אַלע זיינען זיינע נאָכפאָלגער, פרוּוון זינגען אין זיין נוסח, דערגרייכן אָבער ניט אפילו דעם שטויב פון זיין נצחון־רייטוואָגן, און בהכנעהדיק קושן זיי זיינע פיס... זיינע תפילות נעמען געפאַנגען אַלע הערצער, זיינע לידער דערפרישן ווי מאָרגנטוי און ברענען ווי גליענדיקע קוילן; זיינע האַרצרייסנדיקע קלאָג־געזאַנגען שפּאַלטן די וואָלקנס פון טרערן און פאַרפלייצן מיט זיי די ערד" 1.

א שפּעטערדיקער דיכטער (אברהם בֶּדֶרְשִׁי) רופט יהודה הלוי דער „אורים ותומים" פון יידישן געזאַנג, און דער גרויסער דיכטער פונם 19טן יאָרהונדערט, היינריך היינע, רופט אויס מיט התפעלות:

גערוען איז ער א גרויסער דיכטער,
ליכט און שטערן פאַר זיין דור,
די שיינע מנורה פון יעקבס הויז.
א וואונדערבאַרער גרויסער
עַמוד אֵש פון געזאַנג און לידער,
וואָס איז פאָרויסגעגאַנגען
דעם פאַרוואָגלטן פאָלק ישראל
אינם חושך פונם גלות!...

1 תחכמוני, דריטער שער.

פינפטער קאַפּיטל

די רעליגיעזע פילאָזאָפיע פון סעדיה גאון ביז דעם רמב״ם.

דער אויפבלי פון נאַטורוויסנשאַפטן און פילאָזאָפיע ביי די אַראַבער. — דער „קאַלאַם". — די קראים און די פרייַדענקער. — חִוִי הַבַּלכי און דער אומבאַקאַנטער. — די השפעה פון דער גריכישער פילאָזאָפיע. — די אַלעגאָרישע מעטאָדע פון פילון. — סעדיה גאון אַלס פּאָלעמיקער און דענקער. — רבנו בחיי און זיין ספר „חובות הלבבות". — יהודה הלוי אַלס דענקער; זיין „ספר הכוזרי". — „דער גאָט פון אַברהם און דער גאָט פון אריסטו". דער געראנגל קעגן דער אַליינהערשאַפט פון דער פילאָזאָפיע. דער נצחון פון אַריסטוס שיטה. — אבן סינה און זיין השפעה. — יוסף אבן צדיק און זיין „עולם קטן". — אבן צדיק אַלס ראַציאָנאַליסט. — דער ראב״ד אַלס ערשטער יידישער אַריסטאָטעליקער.

יהודה הלוי פאַרנעמט אַן אויסערגעוויינלעכן וויכטיקן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער יידיש־שפּאַנישער ליטעראַטור. אין זיין פּערזאָן האָט די מיטלאַלטערלעכע יידישע פּאָעזיע דערגרייכט איר העכסטע מדרגה. נאָך אים הייבט זיך אָן די תקופה פון ירידה, די צייט פון שקיעת החמה, ווען די זון פון דער פּאָעטישער קונסט האָט זיך אָנגעהויבן לאַנגזאַם נייגן צו איר אונטערגאַנג. הלוי איז אָבער געווען ניט נאָר אַ גרויסער דיכטער, נייערט אויך אַ באַדייטנדיקער דענקער, וואָס שפּילט די וויכטיקסטע ראָלע אין יענעם היסטאָרישן מאָמענט, ווען דער יידישער געדאַנק האָט זיך געפונען על פּרשת דרכים, אויפן שיידוועג, און עס האָט אויסגעבראָכן דער געראַנגל צווישן די נעאָפּלאַטאָניקער [1] און די אָנהענגער פון אַריסטוס שיטה.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן אויף דער גרויסער השפעה, וואָס די אַראַבישע ליטעראַטור האָט געהאַט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער העברעיִשער פּאָעזיע. ניט ווייניקער איז אָבער געווען די דאָזיקע השפעה אויך אויף אַלע געביטן פון וויסן, בפרט אויפן געביט פון נאַטורוויסנשאַפטן און פילאָזאָפיע. די ערשטע דורות פון איסלאַם, בעת דער קאָראַן מיט

[1] די מיטלאַלטערלעכע מפרשים און דערקלערער פון דער אידעען־וועלט, וואָס איר באַגרינדער און באַשעפער איז געווען דער גריכישער דענקער פּלאַטאָן.

מוחמדס גרינער פאָן האָבן אַ האַלבע וועלט איינגענומען — זיינען איינע פון די אינטערעסאַנטסטע תקופות אין דער קולטור־געשיכטע. אין פאָדער־אַזיע האָבן אין משך פון לאַנגע דורות געלעבט אין פרימיטיוון קולטורעלן מצב אַראַבישע נאָמאַדן־שבטים. ביסלעכווייז, פאַרבאָרגן און אומבאַמערקט פאַר אַ זייטיק אויג, האָבן זיך ביי די דאָזיקע מדבר־קינדער אָנגעזאַמלט גרויסע מאָראַלישע און גייסטיקע כוחות. און פּלוצלינג, ווי ביי אַ ווולקאַן־אויסבראָך, האָבן זיך די דאָזיקע פאַרבאָרגענע כוחות מיט רַעַש און אימפּעט אַנטפּלעקט פאַר דער פאַרחידושטער וועלט. דער קאָראַן האָט אַרום זיך פאַרזאַמלט די ביז דעמאָלט אָפּגעזונדערטע און אָפט אַפילו פיינדלעכע שבטים, האָט זיי פאַראייניקט אין אַ גרויס מעכטיק פאָלק, וואָס האָט מיט דער שאַרף פון זיין שווערד איינגענומען אַ חָשובן טייל פון דער דעמאָלטיקער קולטור־וועלט, האָט באַשאַפן אַ ריזן־שטאַרקע קאַליפאַט־מלוכה, וואָס האָט פאַרשפּרייט די ממשלה פון מחמדס פאָן איבער אַ סך פעלקער און לענדער אין אַזיע, אַפריקע און אויף דער פּירענעיִשער האַלב־אינזל אין אייראָפּע. ניט אָבער בלויז אויף דער שאַרף פונם שווערד האָט זיך געשטיצט די מאַכט פון דער יונגער קאַליפאַט־מלוכה. די רעזי־דענץ־שטאָט פון די קאַליפן, באַגדאַד, איז באַלד געוואָרן דער הויפּט־צענטער, דער פרוכטבאַרער גאָרטן, וווּ עס האָבן געבליט און געדיַיט די וויסנשאַפטן און קונסטן, — און זי האָט מיט פולן רעכט פאַרדינט דעם בכבודיקן נאָמען, וואָס מ'האָט איר געגעבן: „אַטען פונם מיטלאַלטער".

ביי די אָנהענגער פון איסלאַם האָט באַלד אויפגעוואַכט דער אינטערעס צו פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. דורך דער פאַרמיטלונג און השפּעה פון די קריסטלעכע סיריער[1] האָבן די אַראַבער זיך זייער גיך באַקענט מיט דער רייכער ירושה, וואָס די גריכן האָבן איבערגעלאָזט אויפן געביט פון פילאָזאָפיע און וויסן. שוין אין אָנהייב פונם 9טן יאָר־הונדערט לויט דער קריסטלעכער ציַיטרעכענונג זיינען אויפן באַפעל פונם קאַליף אַל־מאַמון איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַראַביש פיל פילאָזאָפישע ווערק, וואָס האָבן באַקענט מיט אַלע פּרטים פון אַריסטוס שיטה[2]. פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס האָבן באַלד אָנגעהויבן שפּילן אַ באַדייטנדיקע

---

1 אַ סך געלערנטע סיריער זיינען געווען באַשעפטיקט ביי די אַראַבער ווי זייער געניטע מעדיצינער.

2 ווייל ביי די דענקער פון דער שפּעטערדיקער רוימישער תקופה איז אַריסטוס שיטה געווען אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער מאָס צונויפגעמישט מיט פּלאַטאָנישע אידעען, איז דערפאַר אויך צו די אַראַבער די אַריסטאָטעלישע לערע איבערגעגאַנגען אין אַ נעאָ־פּלאַטאָנישן לבוש.

ראָלע אין דער אַראַבישער קולטור; די אַראַבישע פאָרשער און געלערנטע האָבן מיט גרויס פלײַס שטודירט די אידעען און שיטות פון די גרויסע גריכישע דענקער און מיט יראת הכבוד געפּרוּווט אַרויסטרעטן אין דער ראָלע פון זייערע דערקלערער און מפרשים.

די אַראַבער האָבן זיך אָבער ניט געוועלט באַגניגן מיט דער ראָלע פון תלמידים און פשוטע מפרשים און דערקלערער פון די אַלטע גריכישע פאָרשער. זיי האָבן אויך געפּרוּווט פאַרגרעסערן און פאַרמערן די גרויסע אוצרות, וואָס יענע האָבן איבערגעלאָזט בירושה; זיי זיינען אַרויסגעטראָטן ווי זעלבשטענדיקע פאָרשער און אַנטדעקער אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן וויסן. זיי האָבן באַרײַכערט די מאַטעמאַטישע וויסנשאַפט מיט אַ גאַנץ נייעם געביט, וואָס טראָגט עד היום דעם אַראַבישן נאָמען אַלגעבראַ. מיט זיי הייבט זיך אָן אויך אין דער פיזיק אַ גאַנץ נייע תקופה. אַזוינע גאוניש פאָרשער ווי אַל־קאַזי [1] און אַנדערע האָבן באַשאַפן גאַנץ נייע וועגן פאַר דער נאַטור־פאָרשונג, אַנטדעקט נייע כלי־מכשירים און אויפגעוויזן נייע מעגלעכקייטן, ווי אַזוי צו פירן די עקספּערימענטאַלע פאָרשונגען, ווי אַלץ מוז ווערן געוואוילגן און געמאָסטן אויפן גענויסטן אופן. און טאַקע פון זייער שול שטאַמט אויך דער פאָטער פון עקספּערימענטאַלער כעמיע געבער [2]. בעת מען וואַרפט נאָר אַ גאַנץ איבערפלעכלעכן בליק אויף דעם גרויסן סכום פאָרשונגען און אַנטדעקונגען, וואָס די אייראָפּעישע וועלט האָט צו פאַרדאַנקען דער אַראַבישער קולטור, מוז מען מסכים זיין מיט דעם באַרימטן דייטשן געלערנטן ווילהעלם פאָן הומבאָלדט, וואָס אָנערקענט די אַראַבער פאַר „די אמתע באַשאַפער פון די מאָדערנע פיזיקאַלישע וויסנשאַפטן״ [3].

ביי אַזאַ הויכן מצב פון קולטור און וויסן איז גאַנץ באַגרייפלעך, וואָס אין די געבילדעטע קרייזן האָט מען אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פילן אַ געוויסע סתירה צווישן די ריין־וויסנשאַפטלעכע באַגריפן און פעסט־באַגרינדעטע כללים מיט די אידעען און רעליגיעזע אָנשויאונגען, וואָס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן בקבלה פון די אָבות. דער קאָראַן מיט זיין פּאָעטישער שפּראַך און ריין־מזרחישע בילדער און פאַרגלייכונגען רעדט זייער אָפט וועגן דעם וועלט־באַשעפער אין אַזוינע אויסדריקן, וואָס ווערן געברויכט נאָר בנוגע צו אַ פשוטן בשר ודם: עס ווערט גערעדט

---

[1] דער מחבר פונם באַרימטן ווערק „די וואָג פון חכמה״.

[2] באַריכות וועגן דעם זע: א. מילער, „דער איסלאַם אים מאָרגען־אונד־אַבענד־לאַנד״, 1886, I, 509—514; 45, III П. Вальден, Наука и жизнь

[3] זע „קאָסמאָס״ (רוסישע איבערזעצונג), 1851, II, 208.

וועגן גאָטס פּיס, גאָטס הענט; גאָט לאַכט, גאָט איז ברוגז, גאָט איז אין כּעס א. א. וו.[1] אַלץ אָבער, וואָס ס'שטייט געשריבן אין קאָראַן, איז דאָך הייליק אין די אויגן פון אַ גלויביקן מוסלמענער; יעדער וואָרט איז דאָך געשריבן דורכן נביא מחמד על פּי רוח הקודש. דער נביא איז אמת און זיין תורה איז אמת... בכדי זיך אַרויסצוהעלפן פון די דאָזיקע סתירות, האָט יעדער פילאָזאָפיש-געבילדעטער און גלויביקער מוסלמענער געמוזט זוכן אַן אויסוועג, זען פאַרענטפערן, מאַכן אַ פּשרה צווישן דעם גלויבן און דעם פרייען פאָרשער-געדאַנק, צווישן די יסודי הדת, דער ירושה פון די אבות, מיט די מסקנות, צו וועלכע די פילאָזאָפיע און די נאַטורוויסנשאַפטן זיינען געקומען. אָט דאָס האָט טאַקע גורם געווען, וואָס שוין אינם 9טן יאָרהונדערט האָט ביי די אַראַבער געבליט אַ רעליגיעז-פילאָזאָפישע שול אונטערן נאָמען „כּאַלאַם" [2], וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו שיצן און פאַרענטפערן די עקרי הדת פאַר דעם לאָגישן פּועל יוצא פון פילאָזאָפישער חקירה. צווישן די פאַרטרעטער פון דער דאָזיקער שול, וואָס האָבן געטראָגן דעם נאָמען „מתכּלימון" (ד. ה. לערער פון גאָטס וואָרט) [3], איז מיט דער צייט פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג, און עס האָט זיך אָפּגעטיילט אַ כּיתה פריידענקער (מעתזלימון) [4], וואָס האָבן כּופר געווען אין דעם יסוד פון פאַטאַליזם [5], וועלכער האָט געשפּילט אַזאַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דער מוסלמענישער וועלט. זיי זיינען פעסט געשטאַנען אויפן יסוד פון בחירה חפשית, ד. ה. זיי האָבן זיך געפּלייסט צו דערווייזן, אַז דער מענטש באַזיצט אַ פרייען ווילן, ווייל נאָר אין דעם פאַל קאָן דער מענטש זיין מאָראַליש פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים, הן גוטע הן שלעכטע. זיי האָבן אויך

---

1 אַזעלכע אויסדריקן בנוגע צו גאָט טראָגן אין דער וויסנשאַפט דעם נאָמען אַנטראָפּאָמאָרפיזם.

2 כּ א ל א ם באַטייט דאָס זעלביקע, וואָס דער תּלמודישער אויסדריק: מֵמְרָא, ד. ה. גאָטס וואָרט. מיט דער צייט האָט אָבער דאָס וואָרט „כּאַלאַם" באַקומען די באַדייטונג פון רעליגיעז-פילאָזאָפישער חקירה בכלל.

3 אין דער מיטלאַלטערלעכער יידישער ליטעראַטור טראָגן די מְתַכַּלִימון דעם נאָמען מדַבּרים, בעלי הדבור.

4 מעתזלה הייסט — ווידערשפּעניקער, כּופרים, אַפּיקורסים; מער באַריכות וועגן דער כּיתה זע אין ש. מונקס „מעלאַנזש", 310—312.

5 די דעה פון פאַטאַליזם באַשטייט אין דעם גלויבן, אַז וואָס דער מענטש זאָל ניט טאָן און אונטערנעמען, איז ער ניט אינשטאַנד אַפילו אויף אַ האָר אָפּצוּווענדן דעם גזר, וואָס ס'איז אים שוין פאָרויס באַשטימט דורך דער השגחה, ד. ה. דורך אַ קראַפט, וואָס שטייט אויסער און איבער זיין ווילן.

געפרוווט אויפן ראציאנאליסטישן אופן, ד. ה. על פי שכל הישר, דורך לאגישע באווייזן, פארענטפערן די סתירות צווישן דער אמונה און דער פילאזאפיע [1].

עס איז לייכט באגרייפלעך, אז דער יידישער קיבוץ, וואס האט געוווינט אין די לענדער, אויף וועלכע די אראבער האבן פארשפרייט זייער ממשלה, האט ניט געקאנט בלייבן אפגעזונדערט פון דער גרויסער גייסטיקער עוואלוציע, וואס די מוסלמענישע קולטור האט ארויסגערופן. מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן, אז נאך חתימת התלמוד איז דער יידישער קיבוץ אויף א משך צייט געבליבן אין גייסטיקער פארגליווערטקייט. עס האט זיך געפילט א צייטווייליקער שטילשטאנד אין זיין קולטורעלן שאפן. די בארימטע ישיבות פון סורא און פומבדיתא, וואס זיינען געשטאנען בראש פונם יידישן גייסטיקן לעבן, זיינען דעמאלט ווי פארגליווערט געווארן. עס האט זיך אין זיי ניט געפילט דער אטעם פון פרישן לעבן; מ׳האט זיך ניט אינטערעסירט מיט קיין שום אנדערע לימודים חוץ תלמוד. און אויך אפילו אויף דעם געביט האבן זיך ניט באוויזן קיין זעלבשטענדיקע שעפערישע גייסטער, וואס זאלן פרווון דורכלייגן נייע דרכים. אלץ איז געגאנגען נאכן אלטן סדר; אן שום הקירות האט מען זיך בעסט געהאלטן אן די דעות פון די פערגאנגענע דורות און אויף א האר ניט אפגעטרעטן פון די כללי הלימוד, וואס מ׳האט באקומען בירושה פון די קדמונים.

און פלוצלינג האט זיך מיט רעש און מיט אימפעט אריינגעריסן א נייע אידעען-וועלט, וואס די שכנישע יונגע מוסלמענישע קולטור האט געבארן. עס זיינען נולד געווארן גאנץ נייע פראבלעמען; ס׳האבן זיך אומדערווארט אנטפלעקט טיפע סתירות, וואס ס׳איז בשום אופן ניט מעגלעך געווען זיי צו פארענטפערן מיט די אלטע סברות און פשטלעך, וואס האבן געגאלטן אין סורא און פומבדיתא. פיל פון די טיפער-דענקענדיקע האבן דערפילט א אינעווייניקסטע שפאלטונג, אן אמתן קרע שבלב: זיי איז געווים געווען טייער די ירושה פון זייערע אבות, זיי האבן זיך אבער דערוווסט פון א נייער פרעמדער אידעען-וועלט, וואס שאצט אפ גאר אויף אן אנדער אופן די גייסטיקע אוצרות פונם מענטשן און זוכט צו דערגרייכן דעם אמת אויף אנדערע גאר נייע וועגן. זיי האבן מיט א ווייטאג אין הארצן געזוכט די זיכערע וועגווייזער, וואס זאלן זיי ארויס-

[1] צווישן די פילאזאפיש-געשולטע מוסלמענישע מעלאגן, האס האבן זיך געפלייסט צו מאכן א פשרה צווישן דער אמונה און דער פילאזאפיע, האבן זיך באזונדערס קונה שם געווען די געלערנטע פון דער הויכשול אין דער שטאט באסרה,

העלפן פון דעם גייסטיקן פלאַנטער — און זיי האָבן נישט געפונען. עס האָט זיך דערפאַר אין פיל פון זיי דערוועקט אַ געפיל פון פאַרדרוס און פאַרביטערונג קעגן די רוֹעֵי ישראל, די גייסטיקע פירער פונם פאָלק, וואָס זיינען ניט געווען דערוואַקסן צו די פאָדערונגען פון דער שטור־מישער צייט און זיינען ניט געווען אין שטאַנד צו ווערן די מורי־דרך אין אַזאַ קריטישן מאָמענט.

דערצו זיינען נאָך צוגעקומען זייטיקע סיבות. די רֵיש־גָלוּתאָס, די פּאָקטישע מושלים און פרנסים און, צוזאַמען מיט די ראשי ישיבות, אויך די שופטים איבער דעם גאַנצן יידישן ישוב אין בבל, — האָבן געפירט זייער ממשלה זייער שטרענג און אויך ניט תמיד גערעכט און מיט יושר. דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקייט אין געוויסע שיכטן פונם פאָלק. דער באַקאַנטער געשיכטס־שרייבער אַבְרָהָם זַכוּתָא באַשרייבט, ווי אַזוי די ריש־גלותאָס פלעגן פאַר געלט און פיל שוחד קויפן זייערע ערטער ביים מַלכות און דערנאָך אויסנוצן זייער מאַכט צו געלטזיכטיקע צוועקן: „זיי פלעגן שטאַרק אונטערדריקן דאָס פאָלק און זיינען געווען פאַלשע שופטים און אומגערעכטע פירער״ [1].

אָט די אַלע געזעלשאַפטלעכע סיבות, צוזאַמען מיט ריין צופעליקע פּערזענלעכע פּניות, האָבן גורם געווען, וואָס אינם יידישן קיבוץ איז אין דער צווייטער העלפט פונם אַכטן יאָרהונדערט פאָרגעקומען אַ שפּאַל־טונג. אַ גאַנצער יידישער צווייג, בראש מיט דעם געלערנטן עָנָן בן דוד, האָבן זיך אָפּגעריסן פונם יידישן שטאַם און געבילדעט אַ באַזונדערע סעקטע, וואָס איז דערנאָך באַקאַנט געוואָרן אונטער דעם נאָמען קָרָאִים (קאַראַיִמען). זייער אומצופרידנקייט מיט די דעמאָלטיקע פאַרשטייער פונם רבנישן יידנטום האָבן זיי איבערגעטראָגן אויף דער רַבָּנוּת בכלל, אויף דער גאַנצער תורה שבעל פה מיט איר וויכטיקסטן קאָדעקס — דעם תלמוד. זיי האָבן אַרויסגעשטעלט די דעה, אַז ביים דערקלערן די דינים און געזעצן פון דער תורה האָט מען זיך נישט וואָס צו פאַרלאָזן אויף דעם אוטאָריטעט פון די קדמונים, נאָר אויפן אייגענעם שכל הישר און אויפן ריכטיקן פּשט פון דעם פסוק, ד. ה. פונם ביבלישן טעקסט. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי אָפּגעוואָרפן אַ סך דינים, וואָס זיינען איינגע־פירט געוואָרן ביי יידן דורך די חכמי התלמוד. מ׳דאַרף געדענקען, אַז

---

1 „יוחסין״ (פיליפּאָווסקים אויסגאַבע), קאַפּ. 3, 206—207: כי ראשי גליות אלה לא היו בעלי אמת והיו קונים נשיאותם מן המלכים כמו מוכסין... מימי ישמעאל לא נהגו ראשי גלות שררה כהוגן אלא היו קונין אותה בממון רב מן המלכים כמו מוכסין והיו רועי אליל.

אין יענער צייט איז די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער קולטור וויסנשאַפטלעך נאָך גאָר ניט אויסגעפאָרשט געוואָרן. די טעאָרעטיקער און גייסטיקע פירער פון דער נייער סעקטע האָבן קיין שום באַגריף ניט געהאַט פון דעם, אַז די פיל דינים און מנהגים, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט ביים יידישן פאָלק אין משך פון דער נאָכביבלישער תקופה, זיינען כלל ניט געווען קיין צופעליקע המצאות פון דעם אָדער יענעם תנא און אמורא, נאָר אַ לאָגישער פועל יוצא פונם פאָלקס־לעבן אין זיין אָרגאַנישער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג אונטער דער השפעה פון דער אַרומיקער סביבה. די קאַראַימען, וואָס האָבן דערקלערט, אַז מ׳דאַרף זיך רעכענען נאָר מיטן שכל הישר און מיט די איינפאַלן פון יעדן געלערנטן באַזונדער, האָבן פאַקטיש פאַרלאָרן דעם רעאַלן באָדן פון אונטער זייערע פיס און זיינען מיט דער צייט פאַרקראָכן אין אַזאַ גייסטיקן פלאָנטער, אַז עס האָט שוין גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין וועגן נאָרמאַלער אַנטוויקלונג [1].

אין זייער פאָלעמיק קעגן די רבנים האָבן די טעאָרעטיקער פון דער נייער סעקטע זיך באַנוצט מיט די פילאָזאָפישע ראיות און סברות פון די אַראַבישע מתכלימון, און אונטער זייער השפעה האָבן זיי זיך געפלייסט צו באַגרינדן די כללים פון דער יידישער אמונה דורך פילאָזאָפישע יסודות און ריין־לאָגישע באַווייזן.

די קאַראַימען זיינען אָבער ניט געווען די איינציקע, וואָס האָבן דעמאָלט דערקלערט אַ קאַמף דעם רבנישן יידנטום. אינעווייניק אינעם יידישן קיבוץ גופא זיינען אין יענער אומרויִקער צייט פון ערבוב התחומין אויפגעשטאַנען אויך אַזוינע קעגנער, וואָס זיינען געגאַנגען פיל ווייטער פון די קאַראַימען. די קאַראַימען זיינען געווען מענטשן מיט פעסטן גלויבן; די תורת משה איז ביי זיי געווען ניט ווייניקער טייער ווי ביים פרימסטן רב פון יענער צייט. עס האָבן זיך אָבער אונטער דער השפעה פון פילאָזאָפישן וויסן באַוויזן צווישן די יידן פולשטענדיקע פריידענקער, מינים וכופרים, וואָס האָבן אָפּגעלאַכט פון דער אמונה בכלל און פון דער יידישער בפרט. דאָס זיינען געווען מענטשן מיט גלענצנדיקע פעיִקייטן און שאַרף־געשפּיצטע מוחות, נאָר אָן אַ אינעווייניקסטן קערן, אָן פעסטע וואָרצלען. פול מיט טראַגישער גרייס זיינען אין זייער פאַטאָס אַזוינע קעמפנדיקע כופרים, וואָס שטייען אויף, ווי אברהם אבינו בשעתו, מיט דער האַק אין דער האַנט קעגן די אָפּגעלעבטע געטער פון די אָבות,

[1] באריכות וועגן דעם זע: מונק, „מעלאַנזש״. 472; אַ. גייגער, „געזאַמעלטע שריפטען״, II, 135—141.

אינם נאָמען פונם נייעם אמת, וואָס די דאָזיקע כופרים האָבן דערפילט אין זייער הארצן. גאָר פון אַן אַנדער שניט זיינען אָבער געווען די אפיקורסים פון דער באַטרעפנדיקער תקופה. זיי זיינען, אין גרונד גענומען, געווען גלייכגילטיק ניט נאָר צו דער אמונה, נאָר אויך צו די אוצרות פון פאָרשן און וויסן. ניט די התלהבות פונם זוכן און דערגיין דעם אמת איז זיי טייער געווען, נאָר דער שפּיל פונם שאַרפן געדאַנק, די המצאה, דער איינפאַל גופא, דאָס אָפּלאַכן און אָפּשפּאָטן פון דעם, וואָס איז איינגעהילט אין מאַנטל פון הייליקייט און צו וואָס אַנדערע פאַרהאַלטן זיך מיט יראת הכבוד. די ראָלע און באַדייטונג פון אַזוינע כופרים איז אַ צווייפאַכע: ווי זויערע, וואָס פרעסט אָפּ דעם ראָסט, צעשטערט דעם שימל, אַזוי דערוועקן זיי דעם קריטישן געדאַנק, מאַכן וואַך אין די הערצער פון די מענטשן די ספקות — די מוטער פון אמתן פאָרשן און דראַנג צום וויסן. גרויסן שאָדן ברענגען זיי אָבער דערמיט, וואָס זיי ווענדן אָן זייער קריטיק ניט נאָר קעגן שימל, קעגן דעם אָפּגע-לעבטן, נייערט קעגן אַלץ אין דער וועלט; ניט נאָר קעגן אָפּגעטער, נאָר אויך קעגן געטער; ניט נאָר קעגן דעם פאַרדאַרטן און פאַרטריקנטן, נאָר אויך קעגן די זאַפטיקע וואָרצלען, קעגן דעם קוואַל פונם לעבן...

איינער פון די באַדייטנדיקסטע פריידענקער, וואָס זיינען געווען ביי יידן אין יענער צייט, איז דער ביבל-דערקלערער חִוִי הַבַּלְכִּי [1]. ער האָט זיך געפלייסט צו דערווייזן, אַז די תורה איז ניט מן השמים, און די וווּנדער, וואָס ווערן דאָרטן דערציילט, זיינען גאָר קיין וווּנדער ניט, ווייל אַלץ איז צוגעגאַנגען על פּי דרך הטבע, לויט די געזעצן פון דער נאַטור. די יידן זיינען, למשל, בשלום אַריבערגעגאַנגען דעם ים ניט דערפאַר, וואָס דער ים-סוף האָט זיך געשפּאָלטן, נאָר ווייל גראָד דעמאָלט האָט דאָס וואַסער פונם ים דורכן כוח המושך פון דער לבנה אָפּגע-טרעטן אויף אַ געוויסן שטח. וואָס ס׳ווערט אין חומש דערציילט וועגן משה רבנו, אַז „קָרַן אור פָּנָיו״ — זיין פּנים האָט געלויכטן, — דערקלערט חִוִי ווידער על פּי דרך הטבע: דאָס איז פון לאַנגן פאַסטן די הויט דורכזיכטיק געוואָרן [2]. — ערשט ניט לאַנג האָט מען אַנטדעקט אַ פראַג-מענט פון אַן אַנדער אפיקורס פון יענער צייט, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ פּאַמפלעט בדרך שיר קעגן דער ביבל, ווו ער פלייסט זיך צו באַווייזן,

---

1 די קעגנער האָבן אים פון שנאה גערופן הַכַּלְבִּי.

2 באַריכות וועגן חִוִי הַבַּלְכִּי זע די אַרבעט פון ש. פּאָזנאַנסקי אין „הגֹּרן״, VII, 112—137.

אז די ביבל איז נישט געשריבן על פי רוח הקודש, ווייל זי איז פול מיט סתירות און גוזמאות [1].

און די דאָזיקע פריידענקער האָבן געהאַט אַ געוויסן דערפאָלג; עס האָבן זיך אפילו געפונען אַזוינע מלמדים, וואָס פלעגן פאַר די תלמידים אין די חדרים דערקלערן די תורה לויט חיִים שיטה.

אַט די אַלע פיינד און קעגנער האָבן גורם געווען, דאָס רבנישע יידנטום זאָל אויפוואַכן פון זיין צייטווייליקן דרימל. עס האָט פאַרשטאַנען, אַז די געפאַר איז גרויס, אַז עס מוז קעמפן פאַר זיין קיום און אַז מנצח זיין אין דעם דאָזיקן פאַרביטערטן קאַמף קאָן עס נאָר דאַן, ווען עס וועט אָנווענדן די זעלביקע כְּלֵי־זַיִן, וואָס זיינע קעגנער: דאָס פילאָזאָפישע און אַלגעמיינע וויסן. און דאָס יידנטום האָט גלייך באַוויזן, אַז עס באַזיצט נאָך נייטיקע גייסטיקע כוחות, כדי זיך אַנטקעגנצושטעלן די אַלע אינעווייניקסטע און אויסווייניקסטע שונאים. עס זיינען אויפגעשטאַנען אַ גאַנצע צאָל יידישע געלערנטע און דענקער, וואָס האָבן זיך געלאָזט אויף דעם זעלביקן דרך, וועלכן ס׳האָבן אויסגעטראָטן די פאַרשטייער פון כַּאלַאם: מאַכן אַ פשרה צווישן דער אמונה און דער פילאָזאָפיע, פעסטשטעלן די עִקרים פונם דַת אויף פילאָזאָפישע יסודות, באַשיצן די ירושה פון די אָבות מיט דער הילף פונם פאַרשער־געדאַנק.

אַזוי האָט די אַראַבישע קולטור גורם געווען, דער יידישער קיבוץ זאָל אויף זיין לאַנגן היסטאָרישן וועג צום צווייטן מאָל זיך באַגעגענען מיט דער גריכישער אידעען־וועלט. מיר האָבן שוין אינם „אריינפיר״ אָנגעוויזן, ווי אין צפון־אפריקע, אין אלכסנדריא של מצרים, האָבן זיך בימי בית שני באַגעגנט צוויי פאַרשיידענע וועלטן: די יידישע און די גריכישע. די גריכיש־געבילדעטע יידן האָבן געפרוווט מאַכן אַ פשרה צווישן די דאָזיקע צוויי וועלטן, זיי האָבן זיך געפלייסט צו באַזייטיקן די סתירות צווישן דער גריכישער פילאָזאָפיע און דער יידישער אמונה, זיי האַרמאָניש צונויפצובינדן, בכדי צו באַרויִקן זייער אייגענע נשמה, באַפרייען זי פון אינעווייניקסטער צעשפּאָלטנקייט; וואָרום ווי טייער זיי איז נאָך געווען די אמונה פון זייערע אָבות, אָבער אין זייער גאַנצן טראַכטן און דענקען האָט שוין אומבאַגרענעצט געוועלטיקט די גריכישע אידעען־וועלט. דער באַדייטנסטער צווישן די גריכיש־געבילדעטע יידישע דענקער איז געווען פ י ל ו ן (ידידיה האלכסנדרוני). ביי אים איז געווים

---

1 דער פראַגמענט איז אַנטדעקט און פאַרעפנטלעכט דורך ש ע כ ט ע ר אין Jew. quart. Rew. XIII. מיר זיינען כלל ניט מסכים מיט פּאָזנאַנסקיס השערה, אַז דער דאָזיקער מחבר האָט געלעבט ניט אין חִוִים צייטן, נאָר צחיי הונדערט יאָר שפּעטער.

זייער טייער געווען דער יידישער גלויבן, נאָר געשעפּט יניקה האָט ער פון דער גריכישער קולטור און איז געווען אַ פייערדיקער אָנהענגער פון אַפּלַטונס פילאָזאָפישער שיטה. און בכדי צו מאַכן אַ פּשרה צווישן דער דאָזיקער שיטה און תורת משה, האָט ער געמאַכט דעם ערשטן פּרווו צו באַשאַפן אַ נייעם בנין, פעסטצולייגן אויפן יידישן באָדן די גרונד־יסודות פון רעליגיעזער פילאָזאָפיע. ער האָט געזוכט און עס האָט זיך אים טאַקע גערדאַכט, אַז ער האָט ווירקלעך געפונען אין דער ביבל די גאַנצע גריכישע אידעען־וועלט; ער האָט זיך געפלייסט צו באַווייזן, אַז די גרויסע פילאָזאָפישע געדאַנקען, וואָס דער גאונישער גריכישער גייסט האָט געבאָרן, זיינען שוין מיט פיל דורות פריער אַנטפּלעקט געוואָרן אין תורת משה. דעם דאָזיקן קונץ האָט פילון באַוויזן אויף זייער אַ מאָדנעם אופן. איינער פון די חכמי התלמוד האָט אַמאָל געזאָגט וועגן ספר איוב: „איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה"; ביי פילון אָבער איז ניט נאָר איוב געווען בלויז „אַ משל". ער איז דאָך געווען אַזוי פעסט זיכער, אַז „משה אמת ותורתו אמת". עס איז אָבער פאַרהאַן נאָר איין אמת אויף דער וועלט, דער פילאָזאָפישער אמת, וואָס איז פונם גרויסן אַפּלַטון (דעם „איש קדוש", ווי פילון רופט אים) אַנטפּלעקט געוואָרן. מוז דאָך דער דאָזיקער אמת אויך זיין פאַרבאָרגן אין תורת משה. און דעם גרויסן חריף און אויסגעצייכנטן דיאַלעקטיקער — פילונען איז דאָס כּלל ניט שווער געווען צו דערווייזן. אונטערן פּשוטן פּשט פונם פסוק — האָט ער געזאָגט — שטעקט נאָך אַ טיפער, באַהאַלטענער רמז; יעדע מעשה, וואָס ווערט דאָרטן דערציילט, איז ניט גלאַט אַ מעשה אין דער וועלט אריין — ס'איז נאָר אַ משל מיט אַן אמת־פילאָזאָפישן אינהאַלט. דער מזבח און דער משכן, למשל, זיינען אַ רמז אויף די עולמות העליונים; דער גן־עדן — דאָס איז די געטלעכע חכמה; די פיר טייכן, וואָס רינגלען דעם גן־עדן ארום — זיינען די פיר גוטע מידות, וואָס די דאָזיקע חכמה איז משפיע; דער שפּריי־רעגן, וואָס באַפרוכטעט די ערד — איז דער שכל, וואָס טרענקט אָן ווי אַ קוואַל אונזערע געפילן און השגות[1]. אָט אויף אַזאַ אופן האָט פילון געפּרוווט באַהעפטן און צונויפשמעלצן צוויי גאַנץ פאַרשיידענע און פרעמדע וועלטן, מאַכן זיי מעור אחד. משה רבנו איז ביי אים געווען ניט נאָר דער „מחוקק", דער פון גאָט געשיקטער געזעצגעבער — נאָר אויך דער גרויסער פילאָזאָף און דענקער, דאָס שפּיגלבילד פון אַפּלַטון.

1 כער באַריכות וועגן פילונס אַלעגאָרישער מעטאָדע וועט אונז אויסקומען נאָך ווייטער צו ריידן.

און אַט אין אַזוי פיל דורות אַרום איז די יידישע אידעען־וועלט זיך ווידער צונויפגעקומען מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע, דאַסמאָל אָבער אין דער אַראַבישער הלבשה. און אַזוי ווי אין דער אַלכסנדרינישער תקופה, אַזוי אויך דאָס מאָל, בעת די יידישע געלערנטע האָבן אונטער דער השפעה פון דער אַראַבישער קולטור געפּרוּווט מאַכן אַ פשרה צווישן דער אמונה און דער פילאָזאָפיע, האָבן זיי עס געטאָן ניט אין דער העברעיִשער שפּראַך, נאָר אויף דער קולטור־שפּראַך פון יענער צייט — אויף אַראַביש.

עס מוז אָבער דאָ גלייך אונטערגעשטראָכן ווערן איין זייער וויכ־טיקער פּרט. דער יידישער קיבוץ אין אַלכסנדריא בימי בית שני איז געווען בלויז אַ קליינער צווייג פונם יידישן שטאַם. די גריכישע שאַפונגס־פאָרמען פון דעם דאָזיקן קיבוץ האָבן ניט געהאַט קיין באַמערק־באַרע ווירקונג אויף דעם ארץ־ישראלדיקן צענטער, וואָס איז דעמאָלט געווען דער רוב מנין ורוב בנין פונם יידישן פאָלק און ווו די נאַציאָ־נאַלע קולטור האָט זיך אַנטוויקלט אויף איר אייגענעם גאַנץ אָריגינעלן שטייגער (זע דעם „אריינפיר"). גאַנץ אַנדערש איז געווען די לאַגע אין מיטלאַלטער, בעת די אַראַבישע קולטור האָט פאַרשפּרייט איר ממשלה איבער די לענדער, ווו עס האָט געלעבט דער וויכטיקסטער און גרעסטער טייל פונם יידישן פאָלק. די השפעה פון דער אַראַבישער קולטור אויפן רוב פון דער יידישער אומה און איר אינטעליגענץ האָט גורם געווען, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אינם „אריינפיר", אַ גאַנץ נייע תקופה אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור: דער יחיד האָט גובר געווען דעם קיבוץ; די ליטעראַטור פונם יידישן פאָלק האָט אויפגעהערט צו זיין אַנאָנים, אָן אייגענע נעמען, האָט אויפגעהערט צו טראָגן דעם אויסשליסלעכן שטעמפּל פונם כלל. דאָס, וואָס ס'איז אַמאָל פאָרגעקומען אינם אַלכסנדרינישן צענטער, אין דעם אָפּגעזונדערטן צווייג פונם יידישן פאָלק, דאָס האָט זיך איצט איבערגעחזרט אינם הויפּט־צענטער, אין דעם מֶטרָפּוֹלין, ווי עס הייסט אויף גמרא־לשון, פונם נאַציאָנאַלן ישוב: שוין ניט דער קיבוץ, נאָר יהידים, דיכטער, דענקער און פאָרשער, וואָס שטייען לויט זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג ווייט איבער דעם קאָלעקטיוו, שאַפן אויף זייער אייגענעם חשבון, לויט זייער פּערזענלעכן געשמאַק און וועלט־אָנשויאונג, זאַמלען אונטער זייער אייגענעם נאָמען נאַציאָנאַלע אוצרות, אויף וועלכע זיי לייגן אַרויף זייער אייגענעם שטעמפּל, זייער אינדיווידועלן שאַפונגס־גייסט. דאָס אייגנאַרטיקע, ספּעצ־יפישע, מיט וואָס די אַלטע העברעיִש־אַראַמעיִשע ליטעראַטור האָט זיך אַזוי שאַרף אונטערשיידט פון אירע אַנדערע שוועסטער — איז בטל

געוואָרן. פון דער אַראַבישער תקופה אָן איז אויך ביי יידן קלאָר און בולט באַמערקבאַר אַ געוויסע מחיצה צווישן דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור און דעם פאָלקסטימלעכן, דעם קאָלעקטיוו-אַנאָנימען פאָלקס-שאַפן. די דאָזיקע צוויי גאָלדענע פעדים, וואָס וועבן דעם לבוש פון נאַציאָנאַלער קולטור, ווערן שוין מער ניט צונויפגעפלאָכטן אין איין קנויל, נאָר זיי ווערן געשפונען יעדער באַזונדער פאַר זיך.

אַט דאָס איז טאַקע געווען איינע פון די וויכטיקסטע סיבות, וואָס די נייע אומגאַנגס-שפּראַך פונם גרעסטן יידישן קיבוץ — די אַראַבישע האָט שוין ניט זוכה געווען צו פאַרנעמען אין דער נאַציאָנאַלער יידישער קולטור דעם בכבודיקן פּלאַץ, ווי בשעתו דער אַראַמעיִשער דיאַלעקט, ניט געקוקט דערויף, וואָס די אַראַבישע שפּראַך געפינט זיך אין דער זעלביקער קרֶבות צו דער ביבל-שפּראַך ווי די אַראַמעיִשע. דער „תרגום" — די אַראַמעיִשע תורה-איבערזעצונג איז געוואָרן הייליק ביי יידן און עד היום לייענט מען „שְנַיִם מקרא ואחד תרגום"; די אַראַבישע איבערזעצונג אָבער איז געבליבן אַזאַ דבר שבחול, אַזאַ וואָכעדיקע זאַך, ווי די גריכישע. דער אַראַמעיִשער דיאַלעקט האָט זיך אויף אַלע דורות צונויפגעפלאָכטן מיט דער אַלטער נאַציאָנאַלער שפּראַך פון יידישן פאָלק, צוויי צווילינג-שוועסטער זיינען זיי געוואָרן. די אַראַבישע אָבער איז געוואָרן ניט די שוועסטער פון דער ביבל-שפּראַך, נאָר איר שטאָלצע קעגנערין, אַ שפּיגלבילד פון שרה מיט הָגָרן. די אַראַבישע שפּראַך איז געוואָרן אויף לאַנגע דורות פאַרן חֲשובסטן טייל פונם יידישן פאָלק דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פון אַלמענטשלעכער קולטור, אָבער ניט פון נאַציאָנאַלן שאַפן. דערביי האָט זייער אַ חשובע ראָלע געשפּילט נאָך יענע סיבה, אויף וועלכער מיר האָבן שוין פריער (אינם ערשטן קאַפּיטל) אָנגעוויזן. דאָס אויפבליען פון דער, ביי די אַראַבער הייליקער שפּראַך פונם קאָראַן האָט ביי יידן אַרויסגערופן אַ קנאה-געפיל. עס האָט אין זיי אויפגעוואַכט דער נאַציאָנאַלער ווילן צו פאַרשטאַרקן און צו אַנטוויקלען אויך די שפּראַך פון זייער הייליקטום — דער ביבל. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, ווי שאַרף און בולט דער דאָזיקער ווילן איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך דעם ערשטן גרויסן יידישן דיכטער פון דער אַראַבישער תקופה — שלמה גבירול.

אַט דאָס האָט גורם געווען, וואָס דער גורל פון דער וויסנשאַפטלעכער ירושה, וועלכע עס האָבן איבערגעלאָזט די יידישע דענקער און פאָרשער אויף דער אַראַבישער שפּראַך, איז אַזוי ניט ענלעך צום גורל פון די ספרים, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין אַלכּסנדריא דורך פילון

און זיינע חברים. פילונס ווערק זיינען געבליבן פארן יידישן קיבוץ כְּאֶבֶן שֶׁאֵין לָהּ הוֹפְכִין. געשריבן אויף א וויניק פארשטענדלעכער שפראך (אויף גריכיש), האבן זיי געהאט זייער א קנאפע השפעה אויף דעם יידישן געדאנק, און אויך די קליינע השפעה איז געגאנגען אויף אומ־וועגן, דורך דריטער און פערטער האנט. די רעליגיעז־פילאזאפישע ווערק אבער, וואס די מיטלאלטערלעכע יידישע פארשער האבן פארפאסט אויף אראבישער שפראך, זיינען באלד איבערגעזעצט געווארן אויף העברעיש און געווארן אן ארגאנישער טייל פון דער נאציאנאלער ליטעראטור. דורות לאנג האבן די דאזיקע ווערק געוועלטיקט איבערן יידישן גייסט און יידישן געדאנק, און עד היום פילט זיך נאך זייער השפעה...

דער ערשטער יידישער דענקער, וואס האט געפרווט אויף אראבישער שפראך געבן אין סיסטעמאטישער פארם די גרונד־יסודות פון יידישער רעליגיעזער פילאזאפיע, איז געווען דער בארימטער גאון פון סורא, רב סעדיה בן יוסף הַפִּיוּמִי [1]. ניט געקוקט אויפן אומ־רויִקן לעבן, וואס דער דאזיקער געלערנטער האט געפירט, האט ער דאך איבערגעלאזט א גרויסע ירושה אויף פארשיידענע געביטן פון וויסן. ער האט איבערגעזעצט און דערקלערט דעם תנ"ך אויף אראביש, האט גע־שריבן ווערק וועגן העברעישער שפראך־פארשונג [2], האט געשריבן א פירוש אויף דעם באקאנטן מיסטישן ווערק „ספר יצירה", וועגן וועלכן עס וועט אונז נאך אויסקומען צו ריידן באריכות. נאר באזונדערס האט ער זיך קונה שם געווען ווי אן אומפארגלייכלעכער פאלעמיסט, ווי א סַנֵיגוֹר, ד. ה. באשיצער און קעמפער פאר דער יידישער אמונה. עס איז אים אויסגעקומען צו האלטן מלחמה אין דריי ריכטונגען. קודם כל מיט די קאראִימען. אין דעם צווייג האט ער זיין גלייכן ניט. נאך אזא געפערלעכן קעגנער האבן די קָרָאִים ניט געהאט, און גאנצע דורות לאנג האבן זייערע טעארעטיקער און געלערנטע געפלייסט זיך אפצוּוּוענדן רב סעדיהס אייזערנע ראיות און סברות און אומזיסט זיך באמיט ווידער צו בא־פעסטיקן די יסודות, וואס ענן און זיינע נאכפאלגער האבן געלייגט און

---

[1] געבארן אין דער שטאט פיום אין מצרים אין י. 892, געשטארבן בערך אין י. 952. ביז אין דער לעצטער צייט האט מען גערעכנט, אז רב סעדיה גאון איז גע־שטארבן אין עלטער פון 50 יאר. א נייע לאנג פארעפנטלעכטער בריוו פון יענער צייט באווייזט אבער, (J. Q. R. n. 8, XI, 424—5) אז דאס איז א טעות און אז דער גאון איז געשטארבן מינדסטנס 60 יאר אלט.

[2] אמבאקאנטסטן איז זיין ביבל־לעקסיקאן „אגרון".

דער גאון פון סורא האָט אומבאַרמהאַרציק צעשטערט [1]. רב סעדיה גאון האָט אויך געפירט אַ האַרטנעקיקע מלחמה קעגן די אפיקורסים און מינים און געשריבן אַ ספּעציעל פּאָלעמיש ווערק קעגן דעם באַדייטנסטן פון זיי — חִוִי הַבַּלְכִּי. רב סעדיה גאון האָט אָבער זייער גוט געוווּסט, אַז נאָך געפערלעכער פאַר דעם קיום היהדות זיינען די טיפע ספקות, וואָס זיינען אויפגעוועקט געוואָרן אונטער דער השפעה פון דער אראַבישער קולטור אין פיל יידישע הערצער, וואָס ווילן געטריי בלייבן דער אמונה פון די אָבות, זיי קענען אָבער ניט באַזייטיקן די סתירות, וואָס ס׳האָט אַנטבלויזט דער קריטישער פאָרשער־געדאַנק און דער גלאַנץ פון די אויפגעבליטע וויסנשאַפטן. אָט די דאָזיקע ספקות־פולע הערצער צו באַרויִקן — איז געווען די הויפּט־אויפגאַבע פון רב סעדיה גאון. מאַכן אַ פשרה צווישן דער יידישער אמונה און דער פילאָזאָפישער אידעען־וועלט, שאַרף און בולט באַווייזן, אַז די יידישע רעליגיעזע אַנשויאונגען האָבן ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר דעם ליכט פונם פאָרשער־געדאַנק, — אָט דאָס ציל האָט זיך געשטעלט רב סעדיה גאון אין זיין באַרימטן ווערק „כתאב אל–אמאנאת ואל–אעתקאדת״, וואָס ס׳האָט זיך קונה שם געווען ביים יידישן פאָלק אונטער זיין העברעיִשן נאָמען „הָאֱמוּנוֹת וְהַדֵּעוֹת״ [2].

דער מחבר גופא דערקלערט אויספירלעך אין זיין הקדמה, וועלכע סיבות ס׳האָבן אים געצווונגען צו פאַרפאַסן דאָס דאָזיקע רעליגיעז־פילאָזאָפישע ווערק:

„מיט גרויס ווייטיק האָב איך צוגעזען, ווי פיל מענטשן ווערן דערטרונקען אינם ים פון ספקות; די פאַרפירערישע כוואַליעס פון אפיקורסות האָבן איבער זייערע קעפּ געשטיגן, און עס האָט זיך ניט באַוויזן דער געניטער וואַסערטוקער [3], וואָס זאָל זיי קענען ראַטעווען. ניטאָ דער באַהאַרצטער שווימער, וואָס זאָל אויסשטרעקן די האַנט פון רעטונג און זיי פון די אָפּגרונטן אַרויסהעלפן. מיך אָבער האָט גאָט

1 דערפאַר איז אַזוי גרויס די שנאה צו רב סעדיהן ביי די קאַראַיִמישע שריפט־שטעלער פון יענער צייט. די דאָזיקע שנאה האָבן זיי אויסגעגאָסן אין אַ סך נאַליקע פּאַמפלעטן. דער באַקאַנטסטער פון זיי איז „מלחמות ה׳״ פון סַלמון ב״ר ירוחם. אַ גאַנצער מאַנוסקריפּט פון דעם דאָזיקן, אין קולטור־היסטאָרישער הינזיכט אינטערעסאַנטן פּאַמפלעט געפינט זיך אין דער הרכבי־קאָלעקציע אין לענינגראַדער אָפּע־ביבליאָטעק.

2 דאָס ווערק האָט רב סעדיה פאַרפאַסט אינם יאָר 933. איבערגעזעצט אין העברעיִש איז עס געוואָרן אין 1186.

3 אין העברעיִש — צוֹלֵל; אַנטשפּרעכט דעם רוסישן водолаз און דעם דייטשן Taucher.

מזכּה געווען מיט זייער פּיל, וואָס קאָן נוצן פאַר אַ שטיצע די דאָזיקע מענטשן; איך קאָן זיי באַהילפיק זיין דורך דעם, וואָס גאָט האָט מיין שכל דערלויכטן. איך האָב מיך פעסט איבערצייגט, אַז מיין חוב איז קומען זיי צו הילף, אַז אויף מיר איז מוטל זיי דעם ריכטיקן וועג צו ווייזן, מקיים צו זיין דעם נביאס ווערטער: „גאָט האָט מיר אַ געניטע צונג געשענקט, בכדי מיין וואָרט זאָל שטאַרקן די מידע און אָפּגעשטאַנענע״ (ישעיה, נ׳ ד׳). איך ווייס גאַנץ גוט, ווי קליין איז מיין פאַרשטאַנד און קנאַפּ זיינען מיינע ידיעות. איך בין געוויס ניט פאַרשטענדיקער און ניט קליגער פון אַלע אַנדערע אין מיין דור, — ווייל איך העלפן לויט מיינע כּוחות, ווייל איך אויספירן וואָס איך בין נאָר אינשטאַנד. ווי אין פּסוק שטייט: ניט דערפאַר, וואָס איך בין קליגער פון אַלע באַשעפענישן, האָט זיך פאַר מיר דער דאָזיקער סוד אַנטפּלעקט (דניאל, ב׳ ל׳). און איך פאַרהאָף, אַז גאָט וועט מיך אין מיין אונטערנעמונג ניט פאַרלאָזן; ער וועט מיך באַשענקען מיט זיין שטיצע און גענאָד, ניט פאַר מיינע מעשים טובים, נאָר דערפאַר, וואָס אים איז דאָך באַוווסט מיין ווונטש און מיין באַגער, ווי איינער פון זיינע חסידים און גערעכטע האָט געזאָגט: איך ווייס, מיין גאָט, דו פּרווּוסט די הערצער און באַווילקסט גערעכטיקייט״ (דברי הימים, יז, כט).

לויט דעם גייסט, וואָס הערשט אין רב סעדיהס ווערק, לויט דעם כאַראַקטער פון זיינע הנחות און מסקנות, איז לייכט צו באַמערקן די השפּעה פון די אַראַבישע כַּלַאם־דענקער פון דער מעתזלימישער שיטה. רב סעדיהס ציל איז צו באַווייזן, אַז דעם מענטשנס שכל האָט דאָס פולשטענדיקע רעכט אַרויסצוזאָגן זיין דעה און זיינע סברות אין ריין־רעליגיעזע פראַגן און אמונה־זאַכן. רב סעדיה שטעלט זיך אָפּ אויף די דריי שטופן, וואָס פירן דעם מענטשן אויפן וועג צו דערגרייכן דעם אמת: קודם־כּל אונזערע חושים, וואָס גיבן אונז די נייטיקע פאָרשטעלונגען וועגן אַלץ אין דער וועלט; דערנאָך די השגות, וואָס דער מענטשלעכער פאַרשטאַנד באַקומט דורך אָט די פאָרשטעלונגען, און צום סוף די לאָגישע מסקנות און פועל־יוצאס, וואָס דער שכל מאַכט אויפן יסוד פון די אַלע השגות. צו די דאָזיקע דריי מקורים פון פאָרשן און וויסן גיט דער בעל „האמונות והדעות״ צו נאָך דעם פערטן, דעם ווי־כטיקסטן, לויט זיין דעה — דעם רוח הקודש, די געטלעכע אַנטפּלעקונג, וואָס רוט אין דער תורה און אין די ספרי הנביאים. דער פעסטער גלויבן אין תורה מן השמים — שטרייכט רב סעדיה אונטער — פאַרצוימט אָבער כּלל ניט דעם מענטשן דעם וועג. ער זאָל ניט טאָרן אַליין מיט אייגענע כּוחות און מיט אייגענעם פאַר־

שטאַנד וועלן דערגיין דעם אמת. אדרבא, דאָס אייגענע פאָרשן און זוכן קאָן נאָך מער באַפעסטיקן און באַגרינדן דעם אמת, וואָס איז אַנטפּלעקט געוואָרן דורכן רוח הקודש פון די נביאים, קאָן אויך געבן די נייטיקע לאָגישע באַווייזן, בכדי אָפּצוּווענדן די סברות און טענות פון די אפּיקורסים, וואָס לייקענען אין דעם אמת, וועלכער איז פאַר דער וועלט אַנטפּלעקט געוואָרן אויפן באַרג סיני. די ריכטיקייט פון דעם דאָזיקן גרונד-יסוד פון דער יידישער אמונה — די געטלעכע התגלות אויפן באַרג סיני און תורה מן השמים — איז פעסט באַוויזן, לויט רב סעדיהס מיינונג, דורך דער היסטאָרישער מסורה, דורך קבלת אבותינו. אָט די מסורה, וואָס גייט איבער פון דור צו דור און דערציילט וועגן דער גרויסער היסטאָרישער געשעעניש, וואָס איז פאָרגעקומען לעיני כל ישראל — האָט געוויס ניט קיין קלענערן ווערט און באַדייטונג, ווי יעדע אַנדערע דערפאַרונג, וואָס שטיצט זיך אויף די ראיות פון די אַנדערע חושים. די יידישע אמונה — שטרייכט רב סעדיה אונטער — האָט ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר דעם פילאָזאָפישן פאָרשער-געדאַנק. דער אמת פון דער געטלעכער אַנטפּלעקונג קאָן נאָך מער געשטאַרקט ווערן אויפן דרך פון שטרענג וויסנשאַפטלעכן פאָרשן, און דאָס פילאָזאָפישע דענקען קאָן נאָך באַדייטנדיק באַפעסטיקן דעם באַנד פון שלום און פריינדשאַפט צווישן דער אמונה און דעם שכל.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע איז שוין פאָרגעקומען ניט אינם געבורטס-לאַנד פון רב סעדיהן און אויך ניט אונטער דער שליטה פון די גאונים און ריש-גלותאָס, נייערט אין דער אַראַבישער שפּאַניע. דאָס ערשטע פילאָזאָפישע ווערק, וואָס איז דאָרטן געשאַפן געוואָרן פון אַ יידישן דענקער, איז דער שוין אונז באַקאַנטער „מקור חיים" פון שלמה בן-גבירול. נאָר בן-גבירול האָט זיך כלל ניט געשטעלט די אויפגאַבע צו זיין אַ סניגור און מליץ פאַר דער יידישער אמונה, צו זען שלום מאַכן צווישן אמונה און פילאָזאָפיע. ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, איז אין זיין נעאָפּלאַטאָניש-פּאַנטעאיסטישער שיטה בכלל קיין אָרט ניט געווען פאַר וועלכער ס'איז דאָגמאַטישער רעליגיע מיט פעסטגעזעצטע כללים און הנחות.

אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער טראָגט דאָס ווערק פון בן-גבירולס אַ בן-דור—פון רַבֵּנוּ בְּחַיֵּי הַדַּיָּנִים „חובת הלבבות" [1]. רבנו בחיי ב"ר

---

1 דער אַראַבישער · אָריגינאַל טראָגט דעם לאַנגן נאָמען „כתאב אלהדאיה אלפראיץ אלקלוב ואלתנביה עלי לואזם אלצמאיר", איבערגעזעצט אין העברעיש דורך יהודה אבן תיבון. די צווייטע העברעישע איבערזעצונג פון יוסף אבן קמחי איז כמעט אינגאַנצן פאַר-לאָרן געגאַנגען. דעם אַראַבישן אָריגינאַל האָט צוערשט פאַרעפנטלעכט א. ש. יהודה אין 1912.

יוסף אבן פקודה איז איינער פון די פּאָפּולערסטע מיטלאַלטערלעכע פּערזענלעכקייטן ביי יידן, און דאָך איז וועגן זיין לעבן כמעט ווי גאָר נישט באַקאַנט. מ׳ווייס אפילו ניט גאַנץ גענוי די צייט, ווען ער האָט געלעבט, און נאָר דורך השערות איז מען געקומען צו דער מסקנא, אַז ער האָט געלעבט אין גבירולס צייטן און האָט פאַרענדיקט זיין באַרימט ווערק אין סאַראַגאָסע אין דער צווייטער העלפט פונם צוועלפטן יר״ה [1].

רבנו בחיי איז געווען אַ פילאָזאָפיש־געבילדעטער מאַן. באַזונדערס שטאַרק האָט אויף אים געהאַט אַ השפעה דער אַראַבישער אָרדען פון נזירים מיטן נאָמען „לויטערע ברידער“ און זייער באַקאַנט ענציקלאָפּעדיש ווערק [2].

אָבער ניט ריין־פילאָזאָפישע פּראָבלעמען און אויך ניט די פשרה צווישן דער פילאָזאָפיע און דער אמונה אינטערעסירן דעם גאָטספאָרכטיקן דיין פון סאַראַגאָסע. אמת, אינם ערשטן פרק פון זיין חיבור („שער היחוד“), ווו עס ווערט גערעדט וועגן גאָט דעם באַשעפער און זיינע אייגנשאַפטן (תארים, אַטריבוטן), באַנוצט ער זיך מיט די פילאָזאָפישע ראיות און הנחות פון יענער צייט; זיין הויפּט־אויפגאַבע איז אָבער כלל ניט געווען קיין פילאָזאָפישע חקירות. רבנו בחיי ווייסט טאַקע זייער גוט, אַז דער אמת פון דער יידישער אמונה שטייט אויף דריי יסודות: אויף דער אַנטפּלעקונג (תורה מן השמים), אויף דער מסורה פון די אָבות און אויף די ראיות פונם מענטשלעכן שכל. נישט דאָס איז ער אָבער אויסן. דאָס וויכטיקסטע איז פאַר אים צו באַווייזן, אַז דער יידישער דת דאַרף זיין קודם כל אַ רעליגיע, אַ תורה פון הארץ און געפיל, וואָס זאָל זיין אַ טרייסט, אַ שטיצע און אַ מדריך פאַר דעם מענטשנס נשמה אין איר אינעווייניקסטער וועלט מיט אַלע אירע גלוסטן און שטרעבן. דער חוב פונם הארצן (חובות הלבבות) איז פיל וויכטיקער

---

1 ד״ר קויפמאַן פרווט אַפילו דערווייזן (געזאַמלטע שריפטן, II, 1—2), אַז דער „חובות הלבבות“ איז פאַרענדיקט געוואָרן אין 1040; נאָר אין דער לעצטער צייט האָט פּראָפ. קאָקאָווצעוו (זע זיין אַרבעט The date of life of Bachja ibn Paqoda, 1927) דערוויזן, אַז בחיי אבן פקודהס ווערק איז געשריבן געוואָרן נאָך 1055, העכסט וואַרשיינלעך אין די יאָרן 1080—1090.

2 דער רבנו בחיי רופט אָן די פילאָזאָפישע פאַרטרעטער פון דעם דאָזיקן אָרדען סתם „הפילוסופים“ (דער אָרדען איז געווען טעטיק אין 10טן יאָרהונדערט אין די הויפּט־צענטערס פון דער אַראַבישער קולטור אין פאָדער־אַזיע — אין באַסרה און באַגדאַד). ער ציטירט אָפט אונטער דעם נאָמען „פרושים“ אויך דעם באַקאַנטן מיסטישן אָרדען סופיער. די צען שערים אין דעם „חובות הלבבות“ זיינען איינגעטיילט לויט די צען מדרגות, וועלכע דער סופיער מוז דורכמאַכן, בכדי ער זאָל דערגרייכן די אמתע ליבע צו גאָט.

זוי דאָס אונטערטעניקע דערפילן פון דינים און געזעצן (חובות האברים); די ריינקייט און גאָטספאָרכטיקייט פונם הארצן איז באַדייטנדיק העכער ווי דאָס פרומע אויטאָמאַטישע מקיים=זיין פון מצוות. דאָס ריטועלע געזעץ דאַרף זיין אונטערטעניק דעם מאָראַלישן באַפעל — אָט דאָס איז די הויפט=טענדענץ פון רבנו בחיים מוסר=ספר. אינם „חובות הלבבות" האָבן אָבער גאַנץ שאַרף און דייטלעך זיך דערהערט אויך אַזוינע טענער, וואָס האָבן ערשט אין די שפּעטערדיקע דורות באַקומען די אויסשליסלעכע ממשלה איבער דער יידישער עטיש=רעליגיעזער ליטעראַטור. דאָס איז די ריין=אַסקעטישע שטימונג, דאָס שטענדיקע דערמאָנען, אַז מ׳דאַרף זיך אָפּזאָגן פון די פריידן פון דער וועלט. דער פרומער מרה=שחורהדיקער מחבר ווערט ניט מיד איבערצוחזרן, ווי נישטיק און זינדיק דאָס לעבן איז אויף דער ערדישער וועלט, אַז דער עולם הזה איז ניט מער ווי אַ טרויעריק=פינסטערער דורכגאַנג (פּרוזדור), וואָס דער מענטש איז געצוווּנגען איבערצוגיין, בכדי ער זאָל זוכה זיין אַריינצוקומען אין דעם וווּנדער=שיינעם ליכטיקן פּאַלאַץ (טרַקלין) פון אייביקן לעבן. „ווי אין איין געפעס איז ניט מעגלעך צו האַלטן צוזאַמען פייער מיט וואַסער — דערקלערט דער בעל „חובות הלבבות" — אַזוי קאָנען אויך ניט פרידלעך צוזאַמען לעבן אין דעם מענטשנס האַרצן די תאוה צו די תענוגים פון דער זינדיקער וועלט מיט דער תשוקה צו דער הימלישער וועלט פון הוילער רוחניות". אָט דעם געדאַנק, וואָס דרינגט דורך דעם גאַנצן ספר, איז דער מחבר נאָך מַסביר מיט אַזאַ משל [1]:

„בקצת איי הודו. אין אַ טייל פון די אינזלין פון דעם לאַנד הודו איז פאַר האַנדין איין שטאָט וואָש אירי וואוֹנֶרם האָבין אַלע מיט אַנַנד מסכים געוועזן אַז זיי זאָלין אויף נעמין איבער זיך אַ פרעמדן פערוואַלטער וואָש ער איז ניט פון זייער שטאָט אויף איין יאָהר און אַז דאָש יאָהר וועט אים אויש גיין זאָלין זיי אים אָפּ שאַפין פון צווישין זייא און זאָל ווידער זיין אַ פשוטער מאַן וויא ער איז פריער גיוועזן. און עש האָט זיך גיטראָפין איין יאָהר וואָש דער פערוואַלטער וואָש זיי האָבין אויף גינומין איז גיוועזן איין נאַר. ער האָט ניט גיוויסט פון זייער סוד, אַז אַלי יאָהר מאַכין זייא אַנאַנדרן פערוואַלטער, נאָר ער האָט גימיינט אַז ער וועט זיין איבר זייא פערוואַלטער אזו לאַנג אַז ער וועט לעבין. און האָט איין גזאַמלט פיל געלט און האָט גיבאווית פאַליצין און האָט דיא לייט

---

1 „חובות הלבבות", שער III, קאַפּ. 9. די זעלביקע דערציילונג געפינט זיך אויך אין „בן המלך והנזיר", מאַקאַמע XII, און פיל שפּעטער באַגעגענען מיר זי אויך אינם „שכחת הנפש", נאָר אין אַן אַנדער נוסח.

גישטארקט פון דער שטאָט מיט גרושי חזקות און האָט פון זייער שטאָט
קיין שום זאַך ניט אַרויס גפירט, און אַלץ וואָס ער האָט גיהאַט אין
דער פרעמד פון געלט און ווייב און קינדר האָט ער זיך גיפּלייסט אויך
צו ברענגין אין דער שטאָט אריין. און אז דאָס יאָר האָט זיך אים אויס
גילאָזט, האָבין אים דיא לייט פון דֶר שטאָט אָפּ גישאַפט און האָבין אים
גיהייסן גיין צוא זיין היים, איז ער גיוועזן ליידיג און לער פון אַלעמין,
אפילו זיינס וואָס ער האָט גיהַט, האָבין זיי אויך ביי אים אַוועק גינומן.:.
און אז ער איז אַרויס גיגאַנגין פון דער שטאָט האָט ער ניט גיהאַט
קיין שום זאַך פון דיא אַלי זאכין וואס ער האָט גיהאַט אין דר שטאָט
וואו ער איז גיוועזן איין פערוואַלטער און פון די זאַכין וואָס ער האָט
אריין גבראַכט פון דער פרעמד... און ער האָט חרטה גיהאַט און האָט
גיקלאָגט אויף זייז טרחא און אויף זיין פלייסינג מיט דעם וואס ער
האָט גיבאַוועט און האָט גיזאַמלט און דרנאָך האָט עש אַנַדריר צוגינומן. —
דער נאָך איז בייא זייא פאר בליבין אויף צוא נעמין איבר זייא פאַר
איין פערוואַלטער איין קלוגין און פארשטאַנדיגן מאַן, און אז ער איז
וואָרין אויף גנומן איבער זיי, האָט ער אויש דר ווייַלט פון זייא איין
מענטשין און האָט אים טובות גיטאַן און האָט אים אויש גיפרעגט אויף
דיא מנהגים פון דיא לייט און אויף זייער דַת, און וויא זייא האָבין זיך
נוהג גיוועזן מיט דעם פערוואַלטער וואס איז פאַר איהם גוועזן. האָט דר
מענטש אים אַנטפּלעקט זייער סוד... זויא זייער דעה איז מיט אים,
אז זייא האָבין אים נאָר אוף גינומין אויף איין יאָר. און וויא דער
פערוואַלטער איז גיוואָר גיוואָרין די זאַך, האָט ער ניט עוסק גיוועזן אין
קיין שום זאַך פון דיא זאכין וואָס דער ערשטער האָט גיטאָן, נאָר ער
האָט זיך גיפלייסט און מטריח גיוועזן צו אויש ציהן דיא אַלע טייארי
זאכין וואָס זענין גיוועזן אין דער שטאָט צו איין אַנדרר שטאָט און אַלי
זייני אוצרות און גאָר זיין גלוסטיקייט אַלץ האָט ער איבערגיטראָגין אין
יענער אַנדרר שטאָט, און האָט זיך ניט פאַרלאָזט אויף זייער חשיבות
און כבוד, און אַלי טעג וואָס ער איז גיוועזן אין דער שטאָט איז ער גיוועזן
צווישין טרוארקייט און פריילכקייט: טרואריג איז גיוועזן ווייל ער האָט גווישט
ער וועט געך פון זיי אַוועק גיין און ווייל די טייערקייט וואָס ער האָט
אַרויש גפירט פון דער שטאָט איז ביי אים אין די אויגן צו ווייניג גיוועזן,
וואָרום וואָלט ער זיך לענגר פאר זאמין אין דער שטאָט וואָלט ער מער
אַרויש גפירט; און האָט זיך ווידער גיפרייט דער מיט וואָס ער וועט
פון זיי געך אַוועק גיין צו בזעצין זיך אויף דעם אורט וואו ער האָט
דאָרט גיטאָן זיינע גלוסטיקי אוצרות און וועט מיט זייא ניצן אין די
אופנים פון זיין נוצין און מיט פיל הנאות צו האָבין דער פון און וועט

זײַ גניסן מיט דעם פולין הארץ און מיט פאַר זעכרטר נשמה און פון לאַנגען באַוורין. און אַז זײַן יאָר האָט אוש גילאָזט, האָט ער זיך ניט גיזאָרגט וואָש ער בדארף אוועק גיין פון זייא, נאָר ער האָט זיך נאָך גיאײַלט דער צו מיט אַ פרייליך הארץ און מיט אַ וואויל גימוט, האָט ער אליין גילויבט זײַן ווערק און זײַן פלײַסינג און איז גיגאַנגען צו פיל גוטש און צו גרוש כבוד מיט איין שמחה וואָש געדאַוורט אײביג (בשמחה מתמדת)" [1].

בכדי אײַנצוקריצן דעם לעזער אין זכרון די גרונד־יסודות פון זײַן „חובות הלבבות" , האָט דער רבנו בחיי זיי איבערגעחזרט אינם סוף פון זײַן ווערק, אין זײַן תמימות־הכנעהדיקער תפילה „בני יַחֵד יחידתך לצורך" [2], וואָס מיר גיבן דאָ איבער אין אַן אַנאָנימער, פרימיטיוו־נאַיווער איבערזעצונג:

„מײַן זאָהן, גלויב־אין גאָט, דאָס ער איז נאָר אײנער
און אויסער איהם אויף הימעל און ערד איז קײנער.
קלעהר נאָך און פערשטיי זײַנע גרויסע וואונדער
דאָס חכמה און אמונה קאָנען נישט זײַן באַזונדער.
פירכטע דיך פאַר גאָט, זײַנע מצוות טוהע און היט,
עס זאָלן זײַן פעסט, נישט וואַנקענד דײַנע טריט,
דײַן הארץ זאָלל זײַן געשטילט און זיכער,
דאָס גאָט וועט דיר העלפן פון איין אויגענבליק גיכער.
מיט איין ריין הארץ טוא וועגין זײַן ליבען נאָמען
מעשים טובים, נישט פאַר לוין אָדער פאַר וועמען.
זעה דעם סוף פון יעדין מיט וואָס ער טוט עקין,
נאָך וואָס גאוה — ווען צום סוף ווירד ערד אים בעדעקין.
דײַן שכל דאַרף מיט די נאַרישע געדאַנקען שטרײַטין
און תשובה טוהען — נישט בלײַבין שטיין פון ווײַטין.
און גאָטס פירונג זאָלסטו גוט באַטראַכטען
ווערפע וועג דיא קינדישע תאוות און נארהייט
זוכע ערינסטע זאַכען, חכמה, אמונה, וואַרהייט,
דענסטמאָל ווירדס דו שפירען גאָטס כבוד אין הארצען
גאָטס ליבשאַפט אין דײַן הארץ אין גאַנצען. אָמֵן.

---

1 מיר ציטירן נאָך דער יידישער איבערזעצונג פון דער זשיטאָמירער אויס־גאַבע, 1848 (מיט קלײנע ענדערונגען).

2 רבנו בחיי האָט געשריבן נאָך פיוטים. באַזונדערס באַקאַנט איז זײַן תוכחה „ברכי נפשי" (איבערגעדרוקט אין פיל אויסגאַבן פון „חובות הלבבות"), אין וועלכער עס זײַנען אין פּאָעטישער פאָרם איבערגעגעבן די גרונד־טעזיסן פון בחיים מוסר־ספר.

א דאנק דעם האַרציק־הכנעהדיקן נוסח און דעם באַגייסטערטן, טיף־רעליגיעזן געפיל, מיט וועלכן בחיים ווערק איז דורכגעדרונגען, איז דער „חובות הלבבות" געוואָרן אויף לאַנגע דורות איינער פון די באַליבטסטע מוסר־ספרים ביים יידישן פאָלק. באַזונדערס קונה־שם געווען האָט דער פרומער מחבר זינט מ'האָט זיין מוסר־ספר איבערגעזעצט אויף יידיש (אין אָנהייב פונם 18טן יאָרהונדערט) [1]. דער אַלטער דַיָן פון סאַראַגאָסע, דער „רבנו בחיי", איז געוואָרן איינער פון די פּאָפּו־לערסטע און באַליבטסטע פאָלקס־העלדן. [3]

א גאַנץ נייעם וועג האָט געפּרווט אָנווייזן פאַר דער יידישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע אונזער באַרימטער ציונס־דיכטער, יהודה הלוי. אויך ער האָט זיך כלל ניט געשטעלט די אויפגאַבע צו זיין א מליץ יושר פאַר דער יידישער אמונה. ער האָט געהאַלטן פאַר צוועקלאָז צו מאַכן, ווי רב סעדיה גאון בשעתו, א פשרה צווישן דעם פאָרשער־געדאַנק און דער אמונה; צו באַווייזן, אַז די פילאָזאָפישע און די אַלע וועלטלעכע וויסנשאַפטן זיינען כלל ניט סותר די יסודות פונם יידישן דַת. עס איז פאַר הלוי געווען קלאָר, אַז דער וויכטיקער תמצית, דער הויפּט־ווערט פון דער יידישער רעליגיע באַשטייט לחלוטין ניט אין דעם, וואָס זי קאָן אויך פילאָזאָפיש באַגרינדעט ווערן מיט הילף פון לאָגישע סברות און ראיות — נאָר אין איר מאָראַלישן, עטישן תוך, אין איר גרויסער דער־ציאונגס־קראַפט. דער באַטייט און גרויסע חשיבות פון דער תורה באַשטייט, לויט הלוים מיינונג, ניט אין דעם, וואָס עס זיינען זי ניט סותר דער פילאָזאָפישער פאָרשער־געדאַנק און זיינע מסקנות, נאָר וואָס זי גיט עפּעס אזוינס, וואָס די פילאָזאָפיע פאַרמאָגט ניט און איז ניט ביכולת צו געבן.

זיינע רעליגיעז־פילאָזאָפישע אָנשויאונגען האָט הלוי אַנטוויקלט אין זיין באַרימטן אַראַבישן ווערק „כתַאב אל חֻגַ'ה וַאל דַליל פִי נוּסרַה אל

1 זע ביילאַגע נומ' 1.

3 אמת, דערביי האָט נאָך מיטגעהאָלפן א גאַנץ ספּעציעלע סיבה, ריכטיקער — א ספּעציעלער טעות און שלעכטפאַרשטאַנדעניש. אינם 14טן יר"ה האָט איינער פון דעם רשב"אס תלמידים, דער מיסטיקער ר' בחיי בן אשר, געמאַכט א פירוש אויף תורה. דער דאָזיקער פירוש האָט שטאַרק קונה שם געווען ביי יידן, און דער מחבר פון דער באַרימטער „טייטש־חומש" [illegible] „ווייבערשער תורה", דעם „צאינה וראינה", ציטירט אים גאַנץ אָפט. כמעט אין יעדער פרשה ברענגט דער מחבר, „וואָס דער רבנו בחיי זאָגט". דער פשוטער לעזער־עולם האָט אָבער געלעבט אין טעות און געמיינט, אַז דער רבנו בחיי פונם „צאינה וראינה" און דער פאַרפאַסער פונם האַרציקן „חובות הלבבות" איז איינע און די זעלביקע פערזאָן.

דין אַלדסלי״ 1, וואָס איז באַקאַנט און באַליבט ביים יידישן פאָלק אונטערן נאָמען פון דער העברעיִשער איבערזעצונג „ספר הכוזרי״ 2. דאָס בוך איז געשריבן אין פאָרם פון אַ צוויי-געשפּרעך (דיאַלאָג) צווישן דעם מלך פון די כוזרים און אַ יידישן געלערנטן (החבר). דער דיכטער האָט דאָ אויסגענוצט דעם באַקאַנטן היסטאָרישן פאַקט, וואָס אין דער מלוכה פון די כוזרים אויף די ברעגן פון דער וואָלגע האָט די קיניגלעכע דינאַסטיע און אויך די אויבערשטע שיכטן פונם פאָלק אָנגענומען דעם יידישן גלויבן. דער מלך פון די כוזרים האָט אין חלום געהערט, ווי עפּעס אַ שטימע רופט צו אים: „דיין כוונה איז באַוויליקט, אָבער ניט דיינע מעשים״. בכדי פותר צו זיין דעם דאָזיקן חלום, האָט דער מלך צו זיך איינגעלאַדן אַ פילאָזאָף, אַ קריסטלעכן טעאָלאָג און אַ מוסלמענישן רעליגיעזן דענקער. קיינער פון זיי האָט אָבער דעם מלך ניט צופרידן געשטעלט. דאַן האָט ער צו זיך איינגעלאַדן אַ יידישן תלמיד חכם. יענער האָט דעם מלך ממש אַנטציקט מיט זיינע קלוגע רייד; אויף אַלע שאלות, וואָס דער מלך האָט געשטעלט, האָט יענער געגעבן קלאָרע און פּאַסנדיקע תשובות. דאָס האָט געמאַכט אויפן מלך אַזאַ געוואַלטיקן רושם, אַז ער האָט דערקלערט, אַז ער נעמט אָן דעם יידישן גלויבן.

מיט די ליפּן פון דעם יידישן „חָבֵר״ רעדט דער דיכטער גופא. אין דעם „חָבֵרס״ תשובות אַנטוויקלט הלוי זיין אייגענע וועלטאַנשויאונג, זיין קוק אויף דעם מהות און תוך פון דעם יידישן גלויבן, און אויך זיין שאַרפע קריטיק קעגן אַ סך הנחות און סענטענצן פון דער גריכיש-אַראַבישער פילאָזאָפיע.

יהודה הלוי איז געווען אַ גרינדלעכער קענער פון דער פילאָזאָפיע פון זיין צייט, און זיין איבערבליק אינם פינפטן „מאמר״ פונם „כוזרי״ איבער דעם אַראַבישן כּלאַם האָט אַ באַשטימטן וויסנשאַפטלעך-היסטאָרישן ווערט. ער רעדט מיט גרויס אַכטונג וועגן די גריכישע פילאָזאָפן (באַזונדערס וועגן סאָקראַטעסן), און דאָך טרעט ער שאַרף אַרויס קעגן דער גריכישער פילאָזאָפיע, וואָס האָט געוועלטיקט איבער די אינטעליגענטע מוחות פון זיין צייט. די פילאָזאָפיע גיט, לויט זיין מיינונג, זייער פיל דעם מוח, דעם שאַרף געשליפענעם שכל, אָבער ניט דעם האַרצן און זיינע געפילן. און דאָך, ניט נעמענדיק דאָס אין אַכט, דערקלערט די

1 דעם אַראַבישן אָריגינאַל האָט צום ערשטן פאַרעפנטלעכט הירשפעלד אין 1887.

2 אַ נייע קריטישע, לויט דעם אַראַבישן אָריגינאַל רעדאַקטירטע אויסגאַבע פון יהודה אבן־תיבונס איבערזעצונג האָט אין יאָר 1911 פאַרעפנטלעכט א. ציפּרינוביץ. פון דער צווייטער העברעיִשער כוזרי-איבערזעצונג, וואָס יהודה אבן קרדינאל האָט געמאַכט, זיינען צו אונז דערגאַנגען בלויז פראַגמענטן.

פילאָזאָפיע מיט שטאָלץ: „אני ואפסי עוד!“ — נאָר אין איר, נאָר אינם טרוקענעם שכל און שאַרפן פאָרשער־געדאַנק איז דער איינציקער מקור פון דעם מענטשנס שלימות, פון זיין פאַרפולקומענונג.

גראָד אין יהודה הלוים צייט האָט אין דער אַראַבישער קולטור זיך פאַרשאַרפט דער געראַנגל צווישן צוויי פילאָזאָפישע ריכטונגען, צווישן די פאַרטרעטער פון דער נעאָפּלאַטאָנישער שיטה און די אָנהענגער פון אריסטוס לערע. די ווערק פון דעם באַוווּסטן אַראַבישן דענקער אבן־סנה, דעם טיפן מְפָרֵש און דערקלערער פון אריסטאָטעלעס, זיינען ערשט אין יענעם דור באַקאַנט געוואָרן אין דער אַראַבישער שפּאַניע און האָבן זייער שטאַרק אויסגענומען אין די יידישע אינטעלי־גענטע קרייזן. די אָנהענגער פון אריסטוס שיטה, די אריסטאָטעליקער, האָבן נאָך אין הלוים צייט ניט געהאַט גובר געווען זייערע קעגנער, זייערע אָנשויאונגען האָבן נאָך דערווייל ניט פאַרשפּרייט זייער אומ־באַגרענעצטע ממשלה איבער די אינטעליגענטע מוחות; נאָר ווער עס האָט אַ שאַרף אויג געהאַט, דעם איז שוין ניט שווער געווען פאָרויס צו־זען זייער באַלדיקן נצחון.

יהודה הלוי האָט אָבער דערזען אַ גרויסע געפאַר אין דעם זייער שאַרפן אויסגעשפּראָכענעם ראַציאָנאַליזם [1] פון אריסטוס שיטה, וואָס שטרעבט אונטערצוּוואַרפן אונטער דער אויסשליסלעכער שליטה און ממשלה פונם שכל אַלע געביטן פונם מענטשנס גייסט. דער דיכטער, וואָס ביי אים איז די עטישע וועלט, די פּראָבלעמען פון מאָראַל און יושר, געווען אַזוי ענג פאַרבונדן מיטן טיפן רעליגיעזן געפיל — האָט בשום אופן ניט געקאָנט מסכים זיין צו דער דאָזיקער אַליינהערשאַפט, צו דער אויסשליסלעכער און אומבאַגרענעצטער ממשלה פונם שכל. יהודה הלוי האָט מיט זיין גאַנצער פּאָעטישער נשמה געפילט, אַז דער שכל אַליין — איז נאָך ניט דער גאַנצער מהות פונם מענטשן, ניט דער איינציקער און אויך ניט, לויט הלוים מיינונג, דער וויכטיקסטער מקור פון וויסן. אַרויסגייענדיק פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, טרעט הלוי שוין אין די ערשטע פּרקים פון זיין ווערק שאַרף אַרויס קעגן די פילאָזאָפן פון אריסטוס חדר [2], וואָס פאַרזיכערן, אַז דער מענטש קאָן

---

1 ראַציאָ — שכל.

2 ווענן הלוים פאַרהאַלטן זיך צו דער גריכישער פילאָזאָפיע איז כאַראַקטעריסטיש פאָלגנדיקער פערז אין איינעם פון הלוים לידער צו משה אבן עזרא:

וְאַל תַּשִּׁיאֲךָ חָכְמָה יְוָנִית
שֶׁאֵין לָהּ פְּרִי כִּי אִם פְּרָחִים

(לאָז זיך ניט פאַרפירן פון דער גריכישער פילאָזאָפיע, וואָס האָט בלויז בלומען, אָבער ניט קיין פרוכטן).

דערגרייכן די העכסטע מדרגה פון שלימות אויסשליסלעך דורך אָנזאַמלען פילאָזאָפישע ידיעות און אַז נאָר „דורך אויספאָרשן און באַקענען זיך מיט די פאַרשיידענע וויסנשאַפטן באַהעפט זיך דער מענטש מיטן „וועלטגייסט" (שכל הפועל) [1], מיט דעם אָפּקלאַנג פון גאָטס ליכט, וואָס געוועלטיקט איבער דער ערד" [2].

„ביים פילאָזאָף — זאָגט הלוי — איז דאָס וויכטיקסטע די חקירה גופא, דאָס טעאָרעטישע פאָרשן און דענקען וועגן גאָט, פונקט ווי דער אַסטראָנאָם פלייסט זיך צו דערגיין דעם גאַנג פון די פּלאַנעטן אין הימל. זיין הויפּט־צוועק איז ניט דער מאָראַלישער פאָרטשריט, דער נצחון פון יושר און גערעכטיקייט, נאָר דערגרייכן אַ וואָס גרעסערן סכום פון וויסן. גאָר אַנדערש פאַרהאַלט זיך דער מענטש, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט דעם פּאַטאָס פונם טיפן רעליגיעזן געפיל. אַזאַ מענטש שטרעבט ניט נאָר משיג צו זיין דעם מהות פון דעם בורא עולם — זיין באַגער איז: גאָט זאָל זיין זיין וועגווייזער, זיין כּדריך, די מאָס און די וואָג פון אַלע זיינע מעשים און פון זיינע באַגריפן וועגן יושר און גערעכטיקייט. אַזאַ רעליגיעזער מענטש — זאָגט הלוי — קאָן זיך בכלל ניט באַגנוגן דערמיט, וואָס ער וועט אָנזאַמלען וואָס מער וויסן, — זיין ווונטש און באַגער איז צו פאַרקערפּערן אין לעבן, אין קאָנקרעטע מעשים דעם אמת, צו וועלכן ער האָט דערגרייכט. דער פילאָזאָף אָבער טראַכט נאָר וועגן דעם, ווי צו פאַרשאַרפן און פאַרפיינערן זיין פאָרשער־געדאַנק, ווי צו ברענגען זיין שכל צו דער העכסטער מדרגה פון שלימות. נאָר אין דעם זעט ער די העכסטע פרייד און דאָס גרעסטע גליק פונם מענטשן. דער פילאָזאָף — ווייל ער זעט נאָר אין פאָרשן און וויסן דעם איינציקן דרך, וואָס פירט דעם מענטשן צו דער העכסטער מדרגה פון שלימות — זונדערט זיך אָפּ פון די מענטשן, דערווייטערט זיך פונם פּשוטן לעבן און זיינע אַלטעג־לעכע אינטערעסן. דער רעליגיעזער מענטש אָבער איז דורכגעדרונגען פונם באַוווסטזיין, אַז נאָר אינם לעבן גופא, דורך דורכגעפירטע אויפטוען און באַציאונגס־שטייגער צו אַנדערע מענטשן — אָט דאָרט ליגט דער וועג, וואָס פירט דעם מענטשן צו פולקומענשאַפט און דערנעענטערט אים צו גאָט דעם באַשעפער. שאַרף און בולט שטרייכט הלוי אונטער, ווי

---

1 מער באַריכות וועגן דעם באַגריף פון „שכל הפועל" — אינם ווייטערדיקן קאַפּיטל.

2 „כוזרי", I, סימן א'. איייניקע פאָרשער, ווי דוד קויפמאַן („אַטריבוטענ־לעהרע", 123—140) און אַנדערע, שטרייכן אונטער, אַז אין דעם דאָזיקן געראַנגל קעגן דער פילאָזאָפיע און איר שטרעבונג צו זיין די איינציקע הערשערין אין דער מלוכה פון דעם מענטשלעכן גייסט — האָט יהודה הלוין געדינט פאַר אַ מוסטער דער באַוווסטער אַראַבישער טעאָלאָגישער רענקער אַ ל ג ז א ל י (געשטאָרבן אין 1111) מיט זיין ווערק „תהאפט אל פלאספיה" (די מפּלה פון דער פילאָזאָפיע).

גרויס ס׳איז דער אונטערשייד צווישן דעם ריין-אבסטראקטן באגריף וועגן גאט, וואס ווערט דערוואָרבן דורך דעם קאַלטן שכל און זיינע לאָגיש-שאַרפע סברות, און דעם האַרציקן הייסן געפיל, וואָס דרינגט דורך די צאַפּלדיקע נשמה פון דעם טיף-רעליגיעזן מענטשן מיט זיין בענקענדיק-תפילהדיקער התלהבות. „מה בין אלקי אברהם ואלקי אריסטו!“ — רופט אויס דער בעל הכוזרי — ווי קאָן מען עס פאַרגלייכן דעם גאָט פון אברהם מיטן גאָט פון אריסטאָטעלעס! (כוזרי, IV, סימן 18).

און הלוי שטרייכט אונטער דעם אונטערשייד צווישן דער געטלעכער מאַכט, וואָס די תורה רופט זי „אלהים“, און צווישן דעם גאָט פונם „שם המפורש“ (יהוה) [1]. אלהים — דאָס איז דער גאָט פונם שאַרפן פאַרשטאַנד-געדאַנק, דער גאָט פון עִלַּת הָעִלּוֹת, ד. ה. די התחלה און די ערשטע סיבה פון אַלץ, וואָס ס׳איז, דער גאָט פון אריסטו, וואָס איז ווייטער חכמה און פאַרשטאַנד און איז משפיע אויף דער וועלט ניט דורך זיין ווירקן און טראַכטן, נאָר דורך דעם, וואָס ער איז [2]. אָבער דער גאָט פון אברהם, — דערקלערט הלוי, — דער גאָט פונם שם הויה — דאָס איז גאָט דער באַשעפער, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע וועלט און זאָרגט פאַר דער גאַנצער וועלט; גאָט דער מנהיג העולם, דער שופט און דַיָּין עולם, וואָס פאַרנעמט אַלע תפילות און זעט צו אַלע טרערן. דאָס איז ניט דער ווייטער קאַלטער גאָט פון אריסטו, וואָס זיין השגחה דערגרייכט נאָר די העכסטע שטערן און גלגלים אין הימל, — נאָר דער גאָט, וואָס ווערט אין האַרצן געטראָגן, וואָס ווערט געשפּירט אין יעדן ווינקעלע פון דער נשמה...

דעם „אלהים“, דעם גאָט פון אריסטו, קאָן מען משיג זיין מיט דער מחשבה, מיטן פאַרשטער-געדאַנק, אָבער ניט דעם מהות פון ד׳ (יהוה), דעם גאָט פון דער התגלות, דעם גאָט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אויפן באַרג סיני. נאָר דורך דער טיפער אינטויִציע, דורכן רעליגיעזן פּאַטאָס און התלהבות קאָן מען זיין ליכט דערבליקן [3]...

---

1 דאָרטן, סימן 15.

2 אַריסטו, לויט זיין שיטה, לייקנט אָפּ, אַז דער געטלעכער ווילן אָדער השגחה ווירקן אויף דער וועלט און אויף דער נאַטור. ניט גאָט מיט זיין שעפערישער און ווירקנדיקער ווילנס-קראַפט איז משפיע אויפן סדר פון דער וועלט. גאָט, זאָגט אַריסטו, איז ניט דער מנהיג העולם. דאָס, וואָס די וועלט פירט זיך לויט פעסטע און ציל-באַוווסטע געזעצן, איז ניט באַלאַנגט פון דער סיבה, וואָס שטייט איבער און אויסער דער וועלט; ניט פונם בורא עולם, נייערט אין זיך גופא טראָגט דאָס וועלטאַל די געזעצן פון רעגלמעסיקער באַוועגונג און צוועקמעסיקן סדר.

3 דעם זעלביקן געדאַנק זאָגט הלוי אַרויס אויך אין פיל פון זיינע לידער, צ. ב.: „לבי וקרבי ימצאוך — אך לא מחשבי ישאוך“ אָדער: יוצרה מוציא כל מאין — נגלה ללבב ולא לעין — כן אל תשאל איך ואין“.

דער וואָס זוכט גאָט מיט דעם קאַלטן פאַרשער=געדאַנק — זאָגט הלוי — איז ניט אינשטאַנד משיג צו זיין די הויכע מדרגה פון דער הייס=ברענענדיקער ליבע צום באַשעפער, מיט וועלכער ס'איז דורכגע=דרונגען דער מאמין, דער מענטש פונם טיפן גלויבן. די פילאָזאָפיע שטרעבט משיג צו זיין דעם מהות פון דער גאָטהייט על פי חקירה, אויפן וועג פון לאָגישע סברות און ראיות פונם שכל; די יידישע תורה אָבער לערנט, ווי אַזוי גאָט צו דערקענען, בכדי אים ליב צו האָבן, בכדי די נשמה זאָל דורכגעדרונגען ווערן פון דעם זיסן דבֵקות=געפיל, בעת מען גיט זיך אים אָפּ מיטן גאַנצן לייב און לעבן און מען איז גרייט מיטן גאַנצן הארצן זיך מקריב צו זיין פון זיין נאָמען וועגן...

אַזוי ווי — זאָגט הלוי — דער ליכטיקער שטראַל ברעכט זיך איבער פיל בולטער און שאַרפער דורכן גלאַנצנדיקן שפּיגל און פיין געשליפענעם קרישטאָל, איידער דורך גרויע און מאַט=טונקעלע קערפּערס, — אַט אויף אַזוי פיל איז אויך דאָס התלהבותדיקע גאָטהייטס=געפיל פונם רעליגיעזן מענטשן העלער און בולטער, איידער דער אַבסטראַקטער און קאַלטער גאָט=באַגריף, וואָס ווערט דערוואָרבן דורך קאַלטער חקירה און פילאָזאָפישע סברות.

בכדי קלערער אָנצוווייזן די וויכטיקע ראָלע און באַטייט פון דער יידישער אמונה, שטרייכט דער מחבר פונם „כוזרי" באַזונדערס אונטער, אַז אין דער עטישער דערציאונג פון דעם מענטשלעכן קיבוץ, אין דער אַנטוויקלונג און פאַרפיינערונג פון זיין מאָראַלישן באַוווסטזיין שפּילן אַ העכסט באַדייטנדיקע ראָלע היסטאָריש=פּסיכאָלאָגישע פאַקטאָרן. די כללים פון מאָראַל און יושר, בעת זיי לעבן אין באַוווסטזיין אין משך פון לאַנגע דורות און ווערן געהיט און געהייליקט דורך דער מסורה, דורך דער קבלה פון די אבות — געווינען אַלץ מער אין געוויכט און השפּעה, אַלץ העכער זייער היסטאָריש=קולטורעלער באַטייט. די אויסשליסלעכע ראָלע, וואָס ביי דעם גרעסטן פילאָזאָף פון דער נייער צייט, ביי קאַנטן, האָט געשפּילט דער „קאַטעגאָרישער באַפעל" (קאַטע=גאָרישער אימפּעראַטיוו), — האָט ביים יידישן מיטלאַלטערלעכן דיכטער יהודה הלוי פאַרנומען די געהייליקטע מסורה, די רעליגיעזע ירושה פון די אָבות. לויט קאַנטס איבערצייגונג איז דער הויפּט=יסוד פון מאָראַל איינגעקריצט אין די טיפענישן פון אונזער פילן און באַוווסטזיין און עס איז גאָר אוממעגלעך צו דערווייזן דעם אמת פון דעם דאָזיקן יסוד מיט „אותות ומופתים", אויף עקספּערימענטאַלן שטייגער. אין אונז גופא, אין די טיפן פון אונזער נשמה, טראָגן מיר דאָס געזעץ, די מאָס, וואָס שאַצט אָפּ אַלע ווערטן און באַפעלט אונז, מיר זאָלן טאָן נאָר אַזוי און

ניט אַנדערש. בײַ דעם טיף־רעליגיעזן הלוי זײַנען די רעליגיעזע יסודות, וואָס לעבן אין דעם לבוש פון דער מסורה (טראַדיציע) אין משך פון אַ לאַנגער דורות־קייט, געהייליקט געוואָרן צום „קאַטעגאָרישן באַפעל״ פונם האַרצן, פונם אינעווייניקסטן באַוווּסטזײַן, וואָס לייזט אויס דעם מענטשן פון ספֵקות און גיט אים די פעסטע זיכערקייט, אַז אַזוי מוז עס זײַן, אַזוי דאַרף געטאָן און געהאַנדלט ווערן, און ניט אַנדערש. לויט הלויס פעסטער איבערצײַגונג איז די רעליגיעזע מסורה דער ווירקטיק־סטער פאַקטאָר אין דער מאָראַלישער אויסבעסערונג און אַנטוויקלונג פונם מענטשן, ווײַל נאָר די מסורה פון דער אַנטפּלעקטער אמונה פאַר־מאָגט די פעסטע איבערצײַגנדיקע קראַפט, וואָס איז פרײַ פון ספקות און נייטיקט זיך ניט אין באַווײַזן און ראיות. בײַ דער פילאָזאָפיע אָבער, פאַרזיכערט הלוי, פעלן די דאָזיקע פעסטע יסודות, דער אומבאַגרע־נעצטער אויטאָריטעט. אין פילאָזאָפישע שיטה איז דאָך סותר די צווייטע; דאָס, וואָס איז פריער געווען אָנגענומען ווי דער זיכערסטער אמת, ווערט הײַנט דערקלערט פאַר פאַלש, און עס איז אויפן פילאָזאָפישן געביט ניט פאַראַן קיין איין הנחה, קיין איין איינציקע סברה, וואָס זאָל זײַן אָנערקענט פון אַלע פילאָזאָפן ווי אַ דְבַר־אמת, וואָס לֵית מַאן דְפָלֵיג.[1]

די גריכישע פילאָזאָפן, זאָגט הלוי, האָבן געמוזט זיך טועה זײַן אין פיל פראַגן, ווײַל זיי האָבן ניט געקאָנט משיג זײַן און דערפאַר געלייקנט אין אַזוינע געשעענישן, וואָס ווערן באַשטעטיקט פון דער יידישער מסורה און פון די יידישע נביאים. דאָס נעמט זיך דערפון, ווײַל די פילאָזאָפן האָבן געלייקנט אין די „אַלע ענינים״, וואָס קאָנען ניט דערקלערט ווערן על־פי חקירה; די נביאים אָבער האָבן „באַשטעטיקט די דאָזיקע ענינים״ ווײַל זיי זײַנען ניט ביכולת געווען אָפּצולייקענען דאָס, וואָס ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זייער רוח הקודש און וואָס זיי האָבן געזען מיט זייער באַגײַסטערטן אויג.[2]

דער נביא — שטרײַכט הלוי אונטער — שטרעבט דאָך ניט, ווי דער פילאָזאָף, משיג צו זײַן גאָט דורך קאַלטער קונציקער חקירה, דורך לאָגישע סברות. וואָרום דער נביא — ער פילט דאָך גאָט אין יעדן ווינקעלע פון זײַן האַרץ, אין יעדן פונק פון זײַן נשמה. זײַן גאַנצער מהות איז דאָך דורכגעדרונגען מיטן באַוווּסטזײַן, אַז גאָט איז אויף

---

1 כוזרי, I, סימ׳ 13.

2 דאָרטן, IV, סימ׳ 3: ואלה הענינים אשר לא יושגו מדרך ההקשה — בפלום פילוסופי־יון, מפני שהתקשה מרחקת מה שלא נראה כמוהו. וקיימו אותם הנביאים מפני שלא יכלו להכחיש מה שראוהו בעין הרוחנית.

דער וועלט, ניט דער וויטער גאָט פונם קאַלטן פאָרשער־געדאַנק, נאָר דער הארציק נאָענטער, וואָס מען פילט אים שטענדיק, יעדע מינוט און יעדע רגע. און דעם נביאס רוח הקודש, דאָס, וואָס ער דערשפירט מיט זיין באַגייסטערטן אויג, איז, לויט הלוים מיינונג, אַ פיל זיכערער און ריינערער מקור פאַרן אמת, איידער דער קאַלטער פלפול און די חקירות פון די פילאָזאָפן. בעת די יידישע תורה דערקלערט, אַז די נביאים און דאָס גאַנצע פאָלק זיינען עדות פון גאָטס התגלות אויפן באַרג סיני, דאַרף מען און קאָן מען דאָס מַסביר זיין ניט אויפן דרך פון חקירה, נאָר אויפן פסיכאָלאָגישן אופן.

בכדי אָבער קלאָר און ריכטיק צו פאַרשטיין הלוים שטאַנדפּונקט, איז זייער וויכטיק אָנצווייזן, אַז ביי אים איז די אמונה, ד. ה. די יידישע אמונה, קודם־כל די אַנטפּלעקונג פונם נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוווסטזיין און זעלבסטבאַשטימונג פון דער אומה. זיין גאַנץ ווערק איז דורכגעדרונגען מיט דעם געדאַנק, אַז די יידן זיינען ניט נאָר אַ רעלי־גיעזער קיבוץ, נאָר אויך אַ פסיכאָלאָגיש־אייגנאַרטיקע פאָלקס־אינדיווי־דואַליטעט מיט אַן אומגעהייער רייכער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער, גייסטיק־קולטורעלער ירושה. ניט אָבער נאָר דעם ריין־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער יידישער אמונה שטרייכט הלוי אונטער: ער ווייזט אויך אָן, אַז דער יידישער דַת קאָן האָבן זיין גרויסע מאָראַלישע השפעה און אַנט־פּלעקן זיין גאַנצע דערציאונגס־קראַפט הויפּטזעכלעך אויף די קינדער פונם יידישן פאָלק, ווייל נאָר ביי זיי זיינען די עטישע יסודות פון תורת משה איבערגעגאַנגען פון דור צו דור און געווירקט אומאויפהערלעך אויף אַ גאַנץ לאַנגער קייט פון דורות, דערצויגן זייער מאָראַליש געפיל אין אַ ריין־עטישער סביבה. אָט אַ דאַנק דער רעליגיעז־עטישער סביבה, דער געהייליקטער מסורה, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור אין משך פון טויזנטער יאָרן, זיינען די יידן געוואָרן דאָס „אויסדער־וויילטע" פאָלק, דאָס פאָלק פון „אתה בחרתנו". „אַן אויסדערוויילט פאָלק — זאָגט הלוי — זיינען יידן געוואָרן ניט אַ דאַנק משה רבנו, נאָר פאַרקערט: משהס גרויסקייט האָט געשעפּט יניקה פון דער הויכער מאָראַלישער מדרגה, אויף וועלכער עס האָבן זיך געפונען די ברייטע שיכטן פונם פאָלק, די קינדער פון אברהם, יצחק ויעקב" [1].

הלוי שטרייכט דערפאַר אונטער, אַז ווען אפילו ווער פון די אומות העולם „באַהעפט זיך צו אונז" (הנלוה אלינו), וועט ער דאָך

---

[1] הכוזרי, II, סימ׳ 56: כי לא היתה מעלתם בעבור משה, אלא מעלת משה היתה בעבורם, כי האהבה לא היתה כי אם בהמון זרע אברהם, יצחק ויעקב.

„ניט גלייך זיין צו אונז" (אך לא יהיה שוה עמנו) [1]. ניט קוקנדיק דערויף, וואס די עטישע יסודות פון תורת משה האבן א אוניווערסאלן און אלמענטשלעכן באטייט, געפינט דאך יהודה הלוי, אז די תורה איז און בלייבט אן אויסשליסלעכער קנין פון דעם יידישן פאלק, מיט וועלכן זי איז ענג און פעסט צונויפגעבונדן מיט טויזנטער פסיכאלאגיש-קולטורעלע פעדים. אט דערפאר טאקע — ווייזט הלוי אן — טראגן אין דער תורה אפילו די הבטחות און דער שכר פאר מצוות און מעשים טובים א שארבן נאציאנאלן כאראקטער. „עס שטייט ניט אין דער תורה, אז אויב איר וועט מקיים זיין די און די מצוה, וועל איך אייך נאך אייער טויט אין שיינע סעדער ברענגען, ווו איר וועט פיל תענוג האבן, נאר: „איר וועט זיין מיין פאלק און איך אייער גאט!" [2].

עס מוז אבער דערביי שארף באטאנט ווערן, אז אין הלוים וועלט-אנשויאונג ווערט דאך דער יחיד ניט בטל אינם קיבוץ, ער ווערט ניט דערטרונקען אינם כלל, ווי א טראפ אין ים, און א זעלבשטענדיקן אייגנעם ווערט. הלוי זעט אין דער אומה די נייטיקע סביבה, אין וועלכער דער יחיד און זיין פערזענלעכקייט באקומט די מעגלעכקייט נארמאל זיך צו אנטוויקלען, צו אנטפלעקן איר גאנצע שיינקייט און די רייכע אוצרות, וואס זי האט באקומען בירושה פון די פריערדיקע דורות. די נאציאנאלע רעליגיע מיט איר געהייליקטער מסורה איז כלל ניט מבטל, לויט הלוים פעסטער איבערצייגונג, די פערזענלעכקייט פונם יחיד, — אדרבא: ערשט זי באשאפט איר גרויסן מאראלישן ווערט, מאכט רייכער אירע גייסטיקע אוצרות און שענקט איר אומשטערבלעכקייט. דערפאר טאקע טרעט הלוי אזוי שארף ארויס קעגן די אנהענגער פון אריסטוס שיטה, וואס שטייען אויף דעם שטאנדפונקט, אז פשוטע בשר-ודמס, וואס זייער שכל באשעפטיקט זיך ניט מיט פילאזאפישע תקירות און נאטורפארשונג — זיינען געגליכן צו בהמות און זייער נשמה שטארבט אפ צוזאמען מיטן גוף. ער קאן בשום אופן ניט מסכים זיין, אז בלויז די פילאזאפן מיט זייער שארפן פארשער-געדאנק — נאר זיי זיינען זוכה, זייער גייסט זאל אומשטערבלעך בלייבן. „מיר — דערקלערט הלוי — לייקענען ביי קיינעם ניט אפ זיין שכר און באלוינונג פאר זיינע גוטע מעשים, ער מעג געהערן

---

[1] הכוזרי, I, סימ' 27. זע אויך סימ' 115: ועם כל זה לא ישתוה הגר הנכנס בתירתנו עם האזרח.

[2] דארט, I, סימ' 109: ועל כן איננו אומר בתורה כי אם תעשו המצוה הזאת אביאכם אחרי המות אל גנות להנאות, אבל הוא אומר: ואתם תהיו לי לעם ואני אהיה לכם לאלהים.

צו וואָסער אומה ס'איז" [1]. יעדע מאָראַליש ריינע פּערזענלעכקייט איז זוכה, לויט הלוים וועלטאַנשויאונג, צו עולם הבא; דעם יידישן יחיד אָבער איז דער וועג צו אומשטערבלעכקייט באַדייטנדיק פּאַרגרינגערט דורך פּסיכאָלאָגיש-היסטאָרישע פאַקטאָרן: דורך די נאַציאָנאַל-עטישע, פון דער מסורה געהייליקטע, יסודות.

אַט די היסטאָריש-פּסיכאָלאָגישע פאַקטאָרן, דער לאַנגער עָבַר, וואָס ציט זיך פון אברהם אבינו דורכן באַרג סיני ביז סוף כל הדורות, גיט דער יידישער אומה, לויט הלוים איבערצייגונג, אַן אויסשליסלעכע שטאַרקייט און גאַנצקייט, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס יידן זיינען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און „מיר זיינען צו אַ טויטער זאַך געגליכן" (כמו הדבר המת). בעת דער „כוזרי", דער מלך פון די כוזרים, זאָגט צום יידישן „חבר": „איר (יידן) זייט געגליכן צו אַ גוף אָן אַ קאָפּ און אָן אַ הארץ", — ענטפערט יענער: „ניין, ניט קיין גוף זיינען מיר, נאָר צעזייטע ביינער. און דאָך איז אין די פאַרטריקנטע ביינער דער פונק פון לעבן נאָך נישט אויסגעלאָשן. נישט צו קיין טויטן זיינען מיר געגליכן, נאָר צו אַ געפערלעך-קראַנקן, וואָס שטאַרק איז נאָר אין אים די אמונה, אַז עס וועט געשען דאָס גרויסע וואונדער און אויפלעבן וועלן „די פאַרטריקנטע ביינער" [2].

„מיר — זאָגט ווייטער דער חבר — ליידן מער פון אַלעמען, ווייל דאָס פאָלק ישראל צווישן די אומות איז ווי דאָס הארץ צווישן אַלע איבעריקע אברים: עס פילט מער פון אַלע אַנדערע, דערפאַר ליידט עס אויך מער". ליידן אָבער — שטרייכט דער חבר אונטער — זיינען ווי די טעסט: זיי רייניקן פון אַלע פּסולת.

דעם דאָזיקן געדאַנק חזרט הלוי אָפּט-מאָל איבער: „נאָר די ליידנדיקע און פילגעפּרוווטע נשמות ווערן פון גאָטס ליכט באַשטראַלט" [3]. הלוי איז אָבער דאָך זייער ווייט פון רבנו בחיים אַסקעטישן שטאַנד-פּונקט. ער שטרייכט שטענדיק אונטער, אַז תורת משה איז אַ קעגנערין פון פּרישות און זי לערנט, אַז דער מענטש דאַרף גלייכמעסיק אַנטוויקלען אַלע זיינע כוחות, הן פיזישע הן גייסטיקע, ווייל דער מענטש קאָן דאָך

---

1 הכוזרי, I, סימ' 111: אין אנחנו שוללים משום אדם גמול מעשיו הטובים מאיזו אומה שיהיה.

2 דאָרטן, II, סימ' 30—44.

3 דאָרטן, V, סימ' 22: אור אלקים איננו חל כי אם בנפשות הנכנעים.

ניט מאכן קיין מחיצה צווישן די דאָזיקע כּוחות, וואָס זיינען אַזוי ענג פאַרבונדן מיטאַנאַנדער [1].

הלוי זאָגט דאָ אַגב אָרויס אַ געדאַנק, וואָס האָט אַזאַ וויכטיקע ראָלע געשפּילט אין דער שפּעטערדיקער חסידות: אַז גאָט דינען קאָן מען ניט נאָר מיט תּפילות און תּעניתים, נאָר אויך מיט שׂמחה, טענץ און געזאַנג [2].

דער סוף פונם „כּוזרי" איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן דיכטער פון די ציון־לידער. נאָכדעם ווי דער יידישער „חבר" האָט פאַרענטפערט און מסביר געווען אַלע פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס דער מלך הכּוזרים האָט געשטעלט, האָט ער דעם מלך דערקלערט וועגן זיין באַשלוס עולה רגל צו זיין „צום האַרצן פון אַלע לענדער" — קיין ארץ ישׂראל. אין אָנהייב האָט דער מלך געפּרוווט איינריידן זיין רבין, ער זאָל ביי אים בלייבן, נאָר ווייל יענער האָט זיין באַשלוס דאָך ניט געוועלט ענדערן, האָט אים דער מלך געזאָגט: „דיינע ווערטער האָבן מיך איבערצייגט, אַז אָפּווענדן דיך פון דער נסיעה וואָלט געווען אַ זינד און דיר מיטהעלפן אין דיין אונטערנעמען איז אַ גרויסע מצוה. זאָל דיר גאָט העלפן; זאָל ער זיין דיין באַהיטער און באַשיצער, ווי דו האָסט פאַרדינט. זאָל ער פאַרשפּרייטן זיין גרויס גענאָד איבער דיר און איבער אַלע די, וואָס זיינען איין דעה מיט דיר, — אָמן".

דערמיט פאַרענדיקט זיך דער „ספר הכּוזרי". דער חבר, וואָס האָט ויכּוח מיט דעם „כּוזרי" — דאָס איז יהודה הלוי גופא. און באַלד נאָכדעם, ווי ער האָט זיין ווערק פאַרענדיקט, האָט ער גענומען אין די הענט דעם וואַנדער־שטעקן און זיך געלאָזט „צום האַרצן פון דער וועלט" — קיין ציון.

דער „ספר הכּוזרי" איז געווען, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַ שאַרפער פּראָטעסט קעגן דעם גאוהדיקן ראַציאָנאַליזם, קעגן דער שטרעבונג, דער שׂכל זאָל באַקומען די אומבאַגרענעצטע ממשלה איבער דער מלוכה פון גייסט און קולטור. אַ באַהאַרצטער קריגער איז געווען יהודה הלוי, — עס איז אים אָבער ניט געלונגען מנצח צו זיין אין דעם דאָזיקן געראַנגל. זיין ווערק, וואָס איז געשריבן מיט גרויס באַגייסטערונג

---

[1] הכוזרי II, סימ' 50: ותורת משה לא העבידה אותנו פרישות, אך בדרך השוה ולתת לכל כוח מכּוחות הנפש והגוף חלקו בצדק מבלי רבוי בכוח אחד.

[2] דאָרטן: ואם תעבור בך השמחה אל הנגון והרקוד היא עבודה ודבקה בענין האלקי.

און טאַלענט, איז דאָך ניט בכּוח געווען צו פאַרצאַמען דעם וועג די אידעען פון אַריסטו, וואָס האָבן אין יענער צייט, אַ דאַנק אָבן סְנַהם ווערק, זיך שנעל פאַרשפּרייט צווישן די שפּאַנישע יידן. און טאַקע באַלד נאָך דעם, ווי דער „ספר הכּוזרי" איז דערשינען, איז אַרויסגעטרעטן מיט דער ראַציאָנאַליסטישער פאָן אין די הענט איינער פון יהודה הלוים פריינד און פאַרערער פון זיין דיכטערישן טאַלענט — י ו ס ף ב ן י ע ק ב א ב ן צ ד י ק. וועגן דעם לעבן פון דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט ווייסן מיר זייער ווייניק. זיין בן־דור, דער בעל „סדר הקבלה" ר׳ א ב ר ה ם א ב ן ד א ו ד, דערציילט, אַז אבן צדיק איז געווען דיין אין קאָרדאָווע זינט דעם יאָר 1138 ביזן טויט (אינם יאָר 1149); פון דעם ליד, וואָס יהודה הלוי האָט געשיקט אבן צדיקן[1], ווייסן מיר, אַז יענער האָט געהאַט דריי זין. און דאָס זיינען די איינציקע פּרטים, וואָס מיר ווייסן פון זיין ביאָגראַפיע. דער באַקאַנטער דיכטער א ל ח ר י ז י לויבט זייער אבן צדיקס דיכטערישן טאַלענט. עס איז אָבער צו אונז זייער ווייניק דערגאַנגען פון זיין פּאָעטישער ירושה. זיין שיין ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט די שטיפערישע סטראָפן:

אֱיִ יָשָׁן מְחַדֵּשׁ גִילִים — אֱיִ שִׁירוֹת עֲגָבִים!
כָּל דַם נֶאֱסַר לָאֲצִילִים — בִּלְתִּי דַם עֲנָבִים![2]

האָט ביז דער לעצטער צייט על־פּי טעות געטראָגן אברהם אבן עזראס נאָמען[3]. יעדנפאַלס, אַ מפורסם איז ער געוואָרן ניט אַלס דיכטער, נאָר אַלס פאַרפאַסער פון אַן אַראַבישן פילאָזאָפישן ווערק אין פיר פּרקים: „אל־ אלם אל־צגיר", ד. ה. מיקראָקאָסמאָס, מער באַקאַנט אונטער דעם נאָמען פון דער העברעיִשער איבערזעצונג „עולם קטן"[4].

אין דעם דאָזיקן ווערק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין אַן איבער־

---

1 דיוואַן, בראָדי־אויסגאַבע, I, 41—42.

2 ווו איז דער אַלטער וויין, וואָס באַנייט די פרייד! ווו זיינען די לידער פון לוסט און ליבע! — אַלע אַרטן בלוט זיינען אונז פאַרבאָטן, אויסער טרויבן־בלוט!

3 זע: The Jewish Quart. Rew., 1913. IV, 89

4 ווער דער איבערזעצער איז געווען, איז ניט זיכער פעסטגעשטעלט. אַ. יעלעניק רעכנט, אַז דעם „עולם קטן" האָט איבערגעזעצט משה אבן תיבון, שטיינשניידער — נחום המערבי, שמחה פינסקער — משה נרבוני. קעגן יעלעניקס השערה זע: י. רייפמאַן אין „אוצר טוב", 1884, ז׳ 32. די איבערזעצונג האָט צום ערשטן פאַרעפנטלעכט יעלעניק אין 1854. אַ נייע קריטישע אויסגאַבע האָט פאַרעפנטלעכט ש. הורוויץ אין 1903. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט יעלעניקס אויסגאַבע און מיט קויפמאַנס טעקסט־אויסבעסערונגען (אַטריבוטענלעהרע, 255—337).

גאנגסצייט [1], בעת דער פילאָזאָפישער געדאנק האָט זיך געפונען על פרשת דרכים, — איז נאָך לייכט צו באמערקן די השפעה פון די פאַר־שיידנסטע שטרעמונגען: פון פלאַטאָנס אידעען־וועלט, פון די אראבישע „לויטערע ברידער" (אין „עולם קטן" הייסן זיי „הפילוסופים הטהורים"), פון דעם מיסטישן „ספר יצירה" און פון גבירולס „מקור חיים"; נאָר אָם שאַרפסטן און בולטסטן איז דאָך צו באמערקן די השפעה פון אריסטוס שיטה, קודם־כל זיין שטאַרק אויסגעשפּראָכענער ראַציאָנאַליזם.

פון די צוויי געבאָטן אין דער תורה: „וידעת את ד'" און „ואהבת את ד' אלהיך" — האָט אבן צדיק אויסגעקליבן דעם ערשטן. „ידיעת השם יתברך" — אָט דאָס איז לויט אבן צדיקס וועלט־אַנשויאונג די גרעסטע מצוה, די העכסטע אויפגאַבע פאַרן מענטשן. ווער עס וויל דעם העכסטן אמת זיך דערגרונטעווען — זאָגט אבן צדיק — דער מוז קודם־כל זיך גופא אויספאָרשן, קענען זיך אליין [2]. וואָרום דער מהות פונם מענטשן, זיין אינעווייניקסטע וועלט, איז אַ שפּיגל פאַר דער גרויסער אויסנוועלט. ווער עס קען זיין אייגן „איך", דער איז אויך אינשטאַנד משיג צו זיין די וועלט, וואָס אויסער אים; וועמען עס איז אָבער ניט קלאָר און געגוי באַקאַנט זיין אינעווייניקסטע וועלט, דער קאָן אויך זיין אויסנוועלט ניט פאַרשטיין. אָט דער געדאַנק, וואָס מיר האָבן שוין באַגעגנט אין „מקור חיים", דער פאַרגלייך צווישן דעם „עולם קטן" (מיקראָקאָסמאָס) און דער אויסנוועלט, דעם מאַקראָקאָסמאָס — דאָס איז דער צענטראַל־פּונקט פון אבן צדיקס ווערק, און ער חזרט אים מערערע מאָל איבער מיט פאַרשיידענע פירושים [3]. אָבער אויספאָרשן זיין אייגענעם מהות קאָן דער מענטש נאָר מיט דער הילף פון דער פילאָזאָפיע, אָט דער „חכמת החכמות", וואָס איז, לויט אבן צדיקס פעסטער איבערצייגונג, דער איינציקער זיכערער וועג, וואָס פירט צו ידיעת הבורא [4]. נאָר מיט דער הילף פון וויסנשאַפטן און חכמת הפילוסופיא קאָן דער מענטש זיך באַפרייען פון זיין בלינדקייט און זיך דערהייבן איבער דעם המון, „וואָס

---

1 דער „עולם קטן" איז דערשינען אין יאָר 1145, בערך 3—4 יאָר נאָך דעם „כוזרי".

2 דעם זעלביקן געדאַנק זאָגט אַרויס שלמה גבירול אינם אָנהייב פון זיין „מקור חיים": ומה שצריך ביותר לבקש מן הידיעה הוא שידע את עצמו, כי על ידי כך ידע גם כל מה שמחוץ לעצמו.

3 זע צום ביישפּיל אין דער הקדמה: ושמתי כונתי לבאר ידיעת האדם אמתת עצמו, לפי שמידיעתו לעצמו ידע הכל, ומי שידע עצמו, אפשר שידע זולתו, ומי שלא ידע את עצמו, כ"ש שלא ידע זולתו. ועל כן נקרא האדם עולם קטן, לפי שיש בו דמות מכל מה שבעולם. ז. אויך: 20, 42 אין פ. א.

4 דאָרטן, 2.

שאַפט אין דער פינסטער" [1]. ווער עס גלוסט ניט צו דערגרייכן די שפּיצן פון חקירה און פילאָזאָפיע (מעלת העיון והחקירה), דער איז ניט ווערט צו טראָגן דעם נאָמען מענטש [2], וואָרום דערצו איז דאָך דער מענטש אויף דער וועלט באַשאַפן, בכדי די חכמה אויסצופאָרשן און אייביקע אמתן צו דערגיין [3].

פולשטענדיק להיפך דער דעה פון יהודה הלוי, זעט דער בעל „עולם קטן" קיין חילוק ניט צווישן דעם פילאָזאָף, דעם קאַלטן דענקער, און דעם נביא. לויט אבן צדיקס שטאַנדפּונקט איז אויך דער נביא קודם־כל אַ געלערנטער פילאָזאָף, אַ חקירה־מענטש. און נאָר זיי, דער פילאָזאָף און דער נביא, — זאָגט אבן צדיק, — קאָנען אמת דינען דער עִלַת הָעִלוֹת, דער ערשטער סיבה פון אלץ, וואָס עקזיסטירט [4]. נאָר זיי האָבן אַ ריכטיקן באַגריף וועגן דער גאָטהייט און וועגן די געטלעכע אייגנשאַפטן (תוארים, אַטריבוטן). נאָר זיי פאַרשטייען, אַז דעם גאָט־באַגריף קאָן מען ניט פאַרבינדן מיט וועלכע ס'איז פאַרגלייכונגען און אייגנשאַפטן, ניט נאָר נישט מיט קערפּערלעך־מאַטעריעלע, ווי: גרויס, שטאַרק וכדומה, נייערט אפילו נישט מיט ריין־גייסטיקע באַגריף־אייגנשאַפטן, ווי: קלוג, גנעדיק, אייביק. וואָרום: לְמִי אֲדַמְּךָ? גאָט קאָן מען ניט פאַרגלייכן, זיין מהות קאָן מען ניט באַסן [5]. נאָר דער, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אָט דעם דאָזיקן אמת, קאָן בשלימות גאָט דינען, וואָרום נאָר אַזאַ מענטש קאָן מיט פולן באַוווּסטזיין מקיים זיין אַלע מצוות און געזעצן, וואָס באַצוועקן דאָך איין באַשטימטן ציל: דערנעענטערן זיך צו ז יי נ ע מעשים. און נאָר דורך „מושכָּלוֹת", ד. ה. דורך אַבסטראַקטע באַגריפן, וואָס ווערן דערגרייכט אויפן דרך פון חקירה, קאָן דער מענטש באַקומען אַ קלאָרע השגה וועגן דעם מהות פונם „פולקומען גוטן" (הטוב השלם) [6]. נאָר מיט דער הילף

---

1 „עולם קטן", מאמר שני. ז. 21.

2 דאָרמן, ז. 42.

3 דאָרמן, ז. 64: האדם נִבְרא בגלל החכמה... הבראתו וַעֲלַת המצאו לא היה כי אם בחכמה, ובגלל החכמה ידעו הדברים הנצחיים והוא לדעת המציאות הכולית וכל שכן ידיעת העצם הראשון יתקדש שמו.

4 דאָרמן, 22: לא יוכל לעבוד את עִלַת הָעִלוֹת ואלא נביא הדור בטבעו או פילוסוף ידוע.

5 זע דעם דריטן קאַפּיטל אין „עולם קטן", 56 א. ה. דער דאָזיקער פּרק, אין וועלכן דער מחבר גיט זייער אַ טיפע אויספאָרשונג וועגן דעם פּראָבלעם פון גאָטס אייגנשאַפטן (אַטריבוטן), איז דער וויכטיקסטער טייל פונם גאַנצן ווערק, און אַדאַנק אים פאַרנעמט אבן צדיק אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער יידישער מיטלאַלטערלעכער פילאָזאָפיע.

6 דאָרמן, 22.

פון דער חכמת הפילוסופיא — שטרייכט אבן צדיק אונטער — זיינען מיר בכוח משיג צו זיין, אז די גאנצע וועלט אלס גאַנצס באַשאַף איז „דער פּועל יוצא פון גוטסקייט, חסד און חכמה״; און מיר שטרעבן דאַך ענלעך צו זיין צו זיינע מעשים און צו זיינע ווערק[1].

„די התחלה — זאָגט אבן צדיק — דער מקור פון אלע אונזערע מעשים טובים איז די חכמה; וואָרום נאָר די חכמה גיט אונז די מעגלעכקייט משיג צו זיין דעם באַשעפער, און אַט די השגה וועקט טאַקע אין אונז דעם רצון גאָט צו דינען״[2]. אלס געטרייער אָנהענגער פונם „שלטון השכל״ און שטאָלצער גייסט־אַריסטאָקראַט, וואָס אָנדערקענט בלויז די ממשלה פונם פאַרשער־געדאַנק, רעדט יוסף אבן צדיק מיט גרוים ביטול וועגן דעם „המון״, וועלכער איז ניט ביכולת צו פאַרשטיין, אז די קערפּערלעכע אויסדריקן און בילדער, וואָס די נביאים באַנוצן בנוגע צו גאָט, זיינען בלויז משלים און רמזים, און מען טאָר זיי ניט אויפפאַסן וואָרטלעך[3]. און אבן צדיק זאָגט גאַנץ אָפן אַרויס דעם געדאַנק, אז נאָר די פילאָזאָפיש־דענקענדיקע נשמה איז אומשטערבלעך, ד. ה. — דערקלערט דער בעל „עולם קטן״ — „זי קערט צוריק צו איר מקור און ווערט באַשיינט מיטן אָפּגלאַנץ פונם אומענדלעכן ליכט, וואָס דער בורא עולם איז משפיע״[4]. „אַט דאָס — שטרייכט אבן צדיק אונטער — איז דער אמתער שכר פאַר די מעשים טובים, ניט ווי עס מיינען די טִפּשים און קעגנער פון פאַרשטאַנד״ (אותם הטפשים ומכחישי השכל)[5].

איך וויים — זאָגט אבן צדיק — מען וועט געווים קומען מיט דער טענה: „ס׳טייטש! דאָס איז דאָך די אמתע כפירה אין תחית המתים!״ — ניין! — וועל איך זיי דערויף ענטפערן: — מיר לייקענען ניט אָפּ, אדרבא — מיר באַשטעטיקן פיל מער ווי איר, וואָרום מיר האָבן אין דעם ענין אַ פיל ריכטיקערן און אמתערן באַגריף ווי איר!״[6]. „מער

---

1 „עולם קטן״, ז. 55, 65.

2 דאָרטן, 63: הנה התבאר עכשיו שתחילת המעשים הטובים היתה החכמה, שבחכמה יגיע לבורא הכל יתעלה ולדעת אותו והיא תביאהו לעבוד אותו.

3 דאָרטן, 73. די וואָרטלעכע אויפפאַסונג פון אַזוינע אויסדריקן, ווי גאַנס האַנט, גאַנס אָרעם, גאַטס פוסבענקעלע וכדומה, טראָגט אין דער פילאָזאָפיע דעם גריכישן נאָמען אַנטראָפּאָמאָרפיזם. דעם דאָזיקן אויסדרוק וועט אונז ווייטער אויסקומען אָפט צו געברויכן.

4 דאָרטן, ז. 73.

5 דאָרטן, 73—74.

6 דאָרטן.

באריכות — פארענדיקט אבן צדיק מיט אַ שפּאָטישן שמייכל — קאָנען מיר ניט באַרירן די דאָזיקע פראַגע, בעת די מענטשן פון אונזער דור זיינען אַזוי בלינד און פאַרנאַרישט" [1].

דער דאָזיקער בנין פון קאָרדאָווע איז געווען די ערשטע שוואַלב, וואָס האָט אָנגעזאָגט די בשורה וועגן אַ נייער גייסטיקער שטרעבונג, וועלכער ס׳איז באַשערט געווען צו שפּילן אַן אויסשליסלעך-וויכטיקע ראָלע אין דער מיטלאַלטערלעכער יידישער קולטור. באַלד נאָך אבן צדיק האָט זיך באַוויזן דער ערשטער סיסטעמאַטישער אַריסטאָטעליקער ביי יידן, ר׳ אברהם אבן דאוד, מער באַקאַנט אונטער די ראשי תיבות „ראב״ד".

אַ געבאָרענער אין טאָלעדאָ (אינם יאָר 1110), איז אברהם אבן דאוד, ווי יהודה הלוי בשעתו, דערצויגן געוואָרן אין מוסלמענישער שפּאַניע. אין דעם וויכטיקסטן צענטער פון דער אַראַבישער קולטור, אין קאָרדאָווע, האָט ער שטודירט מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע [2] און אַריסטאָטעלס פילאָזאָפיע אין אבן סינהס אויפפאַסונג און דערקלערונג. ער האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט דער וויסנשאַפט, וואָס איז ביי די שפּאַנישע יידן געווען ווי אַ שטיפקינד — מיט געשיכטע. אמת, אויך דער ראב״ד האָט זיך פאַרנומען מיט געשיכטע צוליב זייטיקע, ריין-פּאָלעמישע טעמים. די קאַראַימען האָבן גראָד אין יענער צייט געפירט אַ ריבערטראָגן זייער געראַנגל מיט דעם רבנישן יידנטום פון פאָדער-אַזיע אין דעם נייעם צענטער פון יידישער קולטור — קיין שפּאַניע. זיי האָבן זיך געפלייסט צו דערווייזן, אַז זינט דער גאונים-אינסטיטוט איז אין מזרח אונטער-געגאַנגען, האָט דאָס תלמודישע יידנטום אָנגעוואָרן זיינע געזעצלעכע פאַרשטייער און גייסטיקע פירער, און דערמיט איז אויך איבערגעריסן די „שלשלת הקבלה", די לאַנגע קייט פון דער טראַדיציע, פון מסורת אבות, מיט וועלכער די „רבנים" שטאָלצירן אַזוי.

בכדי אָפּצוּווענדן די דאָזיקע טענה, האָט דער ראב״ד פאַרפאַסט זיין „ספר הקבלה", אין וועלכן ער רעכנט אויס אין כראָנאָלאָגישן סדר,

---

1 דאַרטן, 74: ואין המקום לגלות יותר מזה לתגבורת התאוה והסכלות והעורון על בעלי זמננו זה.

2 עס איז אין כתב-יד פאַרבליבן דעם ראב״דס אַ ספּעציעל אַסטראָנאָמיש ווערק, וואָס ער האָט פאַרפאַסט נים לאַנג פאַר זיין טראַגישן טויט אין טאָלעדאָ אינם יאָר 1180. ער איז אומגעקומען אַלס אַ קדוש בשעת אַן אויפשטאַנד. די פּרטים און די סיבות פון דעם אויפשטאַנד זיינען געבליבן אומבאַקאַנט (זע „ספר הקבלה" פון שלמה פון טורטיאַל אין אַ. נייבויערס „סדר החכמים וקורות הימים", I, 102).

א דור נאָך א דור, ווי רינגעלעך פון איין לאַנגער קייט, אַלע יידישע מורי הדת, די געזעגנגעבער און דערקלערער פון תורת משה, אָנהייבנדיק פון די תנאים ואמוראים אָן ביז צו זיין דור, ד. ה. ביז אין דער מיט פונם צוועלפטן יאָרהונדערט. דער מחבר שטרייכט דערביי באַזונדערס אונטער, אַז די גייסטיקע העגעמאָניע און רעליגיעזער אויטאָריטעט איז איבערגעגאַנגען בירושה און בקבלה פון מזרח קיין מערב, און די רבני ספרד זיינען עס די געזעצלעכע יורשים און ממלאי מקומם פון די פריערדיקע גאונים אין בבל. אָט דאָ ברענגט עס דער ראב״ד די, א דאַנק אים אַזוי באַקאַנטע, לעגענדע, וואָס ווערט פון דעמאָלט אָן געבראַכט פון אַלע געשיכטס-פאָרשער, — וועגן די „ארבעה שבויים״, די פיר גאוני התורה פון סורא, וואָס מ'האָט זיי געפאַנגען גענומען נעבן באַרי, בעת זיי זיינען געפאָרן אויף אַן איטאַליענישער שיף. זיי האָבן עס געגרינדעט נייע ישיבות אין ווייטע יידישע קיבוצים און געשאַפן נייע צענטרען פאַר תלמודישער וויסנשאַפט. איינער פון די דאָזיקע „פיר געפאַנגענע״ איז געווען דערזעלביקער ר׳ משה בן חנוך, וואָס איז אין רב חסדאי אבן שפרוטס צייטן געשטאַנען בראש פון דער נייער ישיבה אין קאָרדאָווע [1].

די אַלע ידיעות און פרטים, וואָס דער ראב״ד ברענגט וועגן דעם קולטורעלן מצב פון די שפאַנישע יידן, האָבן א גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג, און אויף אַזאַ אופן איז דאָס פאָלעמישע בוך, וואָס האָט זיך געשטעלט אויסשליסלעך אַפּאָלאָגעטישע צוועקן, געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע און זיכערסטע קוועלן בנוגע צו דער געשיכטע פון די יידן אין שפאַניע פאַרן משך פון דער ערשטער תקופה פון זייער קולטורעלן אויפבליען.

אַן אַפּאָלאָגעטישן ציל האָט זיך ר׳ אברהם בן דאוד געשטעלט אויך מיט זיין פילאָזאָפישן ווערק „אלעקידה אל–רפיה״ (אינם יאָר 1160), מער באַקאַנט אונטער דעם נאָמען פון שלמה בן לאַבים העברעישער איבערזעצונג „אמונה רמה״ [2].

אין דער הקדמה דערקלערט דער מחבר, אַז מיט זיין חיבור

---

1 זע „ספר הקבלה״, 67—69 (נייבויערס אויסגאַבע).

2 אַרויסגעגעבן מיט אַ דייטשער איבערזעצונג פון שמשון ווייל אין 1852. אין כתב-יד איז פאַרהאַן נאָך אַ צווייטע איבערזעצונג פון שמואל מוטוט, אינטערן נאָמען „ספר אמונה נשאה״ (זע י. גוטמאַן, „די רעליגיאָנס-פילאָזאָפיע דעם אברהם אבן דאודס״, 8; אויך „אגרות שד״ל״, 836).

באַצוועקט ער צו געבן אַ תשובה אויף דער האַרבער שאלה, וואָס באַאומרויִקט אַזוי פיל נשמות און דערוועקט שווערע ספקות אין אַ סך הערצער: ווי אַזוי קאָן מען עס מאַכן אַ פשרה צווישן דעם געדאַנק, אַז גאָט איז אַלוויסנדיק, אַז פאַר אים זיינען אַנטפּלעקט אַלע סודות, אַלע געשעענישן, וואָס זיינען פאַרבאָרגן אינם שוים פון דעם עתיד, אין דער אומענדלעכער קייט פון קומענדיקע דורות, און אַלץ, וואָס געשעט, איז אַ פּועל יוצא פון זיין רצון, — און דערביי גלויבן אין דעם מענטשנס בחירה, אין זיין פרייען ווילן. עס איז קלאָר, אַז מיט דעם דאָזיקן פּראָבלעם, וואָס אבן דאוד באַרירט, איז ענג פאַרבונדן דער גרונד־יסוד פון מאָראַל און עטיק: דעם מענטשנס פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיינע מעשים. וואָרום באָם דער מענטש איז ניט באַשאָנקען מיט אַ פרייען ווילן, אויב „הכל צָפוי", אַלץ איז שוין פאָרויס באַשטימט — האָט דאָך דער שכר ועונש ·קיין שום באַרעכטיקונג ניט, ווייל ס'איז דאָך נישטאָ פאַרוואָס צו באַלוינען דעם געדעכטן און פאַרוואָס צו באַשטראָפן דעם זינדיקן...

אבן דאודס ענטפער איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דאָזיקן דענקער, וועלכער איז בכוח צו באַרירן וויכטיקע פּראָבלעמען, באַזיצט אָבער ניט די גענייגנדיקע טיפקייט זיי צו באַגרינדן און צו געבן אַ באַפרידיקנדיקן ענטפער. דעם מענטשנס בחירה דערקלערט אבן דאוד אויף אַזאַ אופן: דעם מענטשן ווערן געגעבן לויטער „מעגלעכקייטן", ד. ה. דער בורא עולם גיט דעם מענטשן ביי זיין טאָן און וואַנדלען פאַרשיידענע און קעגנזעצלעכע מעגלעכקייטן, וואָס דער מענטש האָט די ברירה צו ווײלן פון זיי פריַי נאָך זיין רצון נאָך, וועלכע ער וויל, און דער בורא גופא ווייסט ניט פאָרויס אויף זיכער, וועלכע פון די דאָזיקע קעגנזעצלעכע מעגלעכקייטן דעם מענטשנס ווילן וועט אויסדערווײלן. אמת, אבן דאוד גופא פאַרשטייט דערביי, אַז עס קאָן זיך געפינען אַן „איינגעשפּאַרטער" מַקשן, וואָס וועט שטעלן די פראַגע: „היתכן? ווי איז דאָס מעגלעך, אַז גאָט ברוך הוא זאָל פאָרויס ניט וויסן דעם מענטשנס מעשים און דעם גורל, וואָס שטייט אים פאָר?" — די דאָזיקע סתירה פרוווט אבן דאוד אָפּוועגדן דערמיט, וואָס ער פון זיין זייט שטעלט דעם „איינגעשפּאַרטן" אַ שאלת־תם: „ווי דען? ווי נאָר מען איז מסכים דערמיט, אַז אַלץ געשעט נאָך פאָרויסבאַשטימטן גזר, אַז קעגנזעצלעכע בחירות, דער „יאָ" מיט דעם „ניין", קאָנען ניט זיין אין איין און דער זעלביקער צייט בלויזע „מעגלעכקייטן", וואָס באַלאַנגען אויסשליסלעך פון דעם פרייען מענטשלעכן ווילן, — לייקנט מען דאָך דערמיט אָפּ דעם מענטשנס פרייע בחירה. און אָן דער בחירה קאָן דאָך די וועלט קיין קיום ניט

האָבן, וואָרום דעם מענטשנס פרייע בחירה איז דאָך דער יסוד און דער תוך פון שכר ועונש און פון עולם הבא!״ [1].

דאָס הייסט: אבן דאוד קערט זיך פאַקטיש צוריק אום צו דער זעלביקער פראַגע, וואָס זיין אויפגאַבע איז דאָך געווען זי צו פאַר־ענטפערן. אין דער אמתן אָבער איז אבן דאוד כלל נישט אויסן געווען צו געבן אַ ענדגילטיקע תשובה אויף דער דאָזיקער פראַגע, און נישט זי פאַרנעמט דעם בכבודיקסטן פּלאַץ אין „אמונה רמה״. דאָס ברענגט עס אבן דאוד נאָר אַלס ביישפּיל, בכדי בולט צו באַווייזן, ווי פיל רעליגיעזע פּראָבלעמען און סתירות עם זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן אין זיין דור און זיי בלייבן אומפאַרענטפערט נאָר דערפאַר, וואָס מענטשן דערוווייטערן זיך פון פילאָזאָפישע חקירות אויס פּחד, טאָמער וועט דאָס זיי חלילה אַראָפּפירן פונם ריכטיקן וועג. מענטשן — באַקלאָגט זיך דער ראב״ד — האָבן מורא צו האַלטן אין זייערע הענט „ביידע ליכטער״ צוזאַמען: די תורה און די פילאָזאָפיע, און דערפאַר, בעת זיי נעמען אין דער האַנט איינס פון זיי, לעשן זיי גלייך אויס דאָס צווייטע [2]. ער איז דערפאַר „גליקלעך דערמיט״, וואָס ער קאָן באַווייזן, אַז צווישן די דאָזיקע צוויי „האַרן״, וואָס רעגירן די וועלט [3], איז נישט פאַרהאַן קיין שנאה און קיין קנאה, וואָרום צווישן דער תורה און געטלעכער התגלות און דער אמתער פילאָזאָפיע איז קיין שום סתירה נישטאָ [4]. עס איז דערפאַר כלל נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, אַז די פילאָזאָפיע קאָן אַראָפּפירן פון דער אמונה,— אדרבא: די אמתע פילאָזאָפיע קאָן זי נאָך מער פאַרשטאַרקן און באַפעסטיקן.

„די אמתע פילאָזאָפיע״ — דאָס איז ביי אבן דאודן נאָר די אַריס־טאָטעלישע. ער איז דערפאַר אַ אַנטשיידענער קעגנער פון די נעאָפּלאַ־טאָניקער בכלל און פון דעם יידישן נעאָפּלאַטאָניקער גבירול בפרט [5].

---

[1] „אמונה רמה״, 96: ואם יתעקש מתעקש ויאמר: האם יסכל האל יתברך, מה יהיה אחרית עניננו? ואמרנו: אין זה סכלות; האומר זה — רצונו להחזיר התארים כלם. כמו הלקויות (חמה ולבנה) בְּשֶׁיִּשָּׁמֵם אם מחויבים ואם נמנעים על כל פנים, ושהאל לא ברא דבר יהיה אפשר התאר וחפכו, יהיה בזה חורבן העולם והפסד הישוב בזה העולם. החיים בעולם הבא, כי האדם לשוא יחרוש וכו׳.

[2] דאָרטן, 2.

[3] דאָרטן, 82: שני אדונים, אחד מהם גדול והשני איננו קטן.

[4] דאָרטן, 43: ודע שדעתנו בתורתו מסכמת עם הפילוסופיה האמתית בזת ובזולתו. זע אויך 62.

[5] דאָרטן, 3, וווּ אבן דאוד באַשולדיקט גבירולן, אַז ער האָט גערעדט „חידער־שפּעניקע ווערטער״ קעגן זיין פאָלק (שדבר סרה גדולה על האומה). אין מוטוטם איבער־זעצונג קלינגט דער דאָזיקער זאַץ נאָך שאַרפער: שהוא הטעת את האומה הטעאה גדולה.

הן אריסטוס פילאָזאָפיע, הן תורת משה — שטרייכט אבן דאוד אונטער — פירן ביידע צוזאַמען צו איין און דעם זעלביקן ציל: צו דערגיין דעם עמישן אמת. די יידישע אמונה האָט אָבער, לויט אבן דאודס מיינונג, די מעלה, וואָס די גרויסע אמתן, וועלכע דער פילאָזאָפישער פאָרשער־געדאַנק האָט אַנטפּלעקט פאַר די אומות העולם ערשט נאָך לאַנגע דורות פון בלינדער זוכעניש און בלאָנדזשען אויף פאַלשע דרכים — דאָס אַלץ האָט דאָס יידישע פאָלק באַקומען גלייך אין אָנהייב אַדאַנק דער געטלעכער התגלות און די נביאים [1].

און גלייך ווי רב סעדיה גאון בשעתו, שטרייכט אויך דער ראב"ד אונטער, אַז דער דאָזיקער גרונט־יסוד פון דער יידישער אמונה — די געטלעכע התגלות אויפן באַרג סיני — קאָן בשום אופן נים אָפּגעלייקנט ווערן, וואָרום זי איז פעסט דערוויזן און באַשטעטיקט דורך דער אַלטער מסורה, דורך קבלת אבותינו. אָט די מסורה, וואָס גייט איבער פון דור צו דור און דערציילט וועגן דער גרויסער היסטאָרישער געשעעניש, וואָס איז פאָרגעקומען לעיני כל ישראל, אונטער דעם קאָנטראָל און עדות־זאָגן פון אַ גרויסן פאָלקס־קיבוץ — האָט אַזאַ גרויסן ווערט און באַדייט, פאַרמאָגט אַזאַ שטאַרקע איבערצייגנדיקע קראַפט, אַז עס איז זי אוממעגלעך אָפּצולייקענען מיט די שאַרפסטע לאָגישע סברות [2].

1 אמונה רמה, 63: ומה שנשעו בענין הידיד אלפי שניב נתן לו בהתעוררות אלהית אל אומת הנביאים. זע אויך דאָרסן, 4.

2 דאָרסן, ז. 81: ומופת הנביא אשר דבר בהם פנים בפנים אל המון אומתו והעמידם שהוא עשאם בפני המוניהם כולם ולא הכזיבוהו בהם שום אדם מהם ולא הכזיב אותם שום אדם אחריו, הם הענינים התכופים, והענינים התכופים ראויים שיהוי הקדמות בהקש אמתי המופתי.

וועגן יהודה הלוים השפעה אויפן ראב"ד, זע: ד. קויפמאַן, „געשיכטע דער אַטריבוטענלעהרע", 241—252.

זעקסטער קאַפּיטל

ר׳ משה בן מיימון, זיינע יונגע וואַנדער־יאָרן. — דער רמב״ם אַלס הויף־אַרצט, אַלס מפרש און אַלס פּוסק. — דעם רמב״מס „משנה תורה“ און איר באַדייטונג. — דער „מורה נבוכים“. מיימוני אַלס ראַציאָנאַליסט; „שלטון השכל“. — די פּשרה צווישן תורת משה און אַריסטאָס שיטה. — רמזים און משלים אין דער תורה. „טעמי המצוות“. — דעם רמב״מס דעות וועגן דעם גאָט־באַגריף און וועגן השארת הנפש. — דעם רמב״מס באַדייטונג אין דער יידישער וועלט און אין מערב־אייראָפּע.

אברהם אבן דאוד איז ניט געווען קיין אָריגינעלער זעלבשטענ־דיקער דענקער. ער איז בלויז געווען דער שליח, דער בשורה־אָנזאָגער פון דער נייער שטרעמונג, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער יידישער אידעען־וועלט. באַלד נאָך אים האָט זיך אָבער אויך באַוויזן דער גרויסער נביא פון דער דאָזיקער שטרעמונג [1], דער אמתער מלך אין דער ממשלה פון געדאַנק, דער שאַרפער דענקער, וואָס האָט פאַרשפּרייט די מעכטיקע פליגל פון זיין גייסט איבער דער גאַנצער וווייטערדיקער תקופה פון דער יידישער קולטור און זיין געוואַלטיקע השפּעה האָט זיך אויך געלאָזט שפּירן אין דער קריסטלעכער מיטלאַלטערלעכער דענקער־וועלט. דאָס איז — רבנו משה בן מיימון [2], דער רמב״ם, דער בעל „משנה תורה“ און „מורה נבוכים“.

דער רמב״ם איז דער איינציקער צווישן די יידישע מיטלאַלטער־לעכע גדולים, וועמעס ביאָגראַפיע ס׳איז באַקאַנט מיט אַלע פּרטים. פאַר די קומענדיקע דורות איז אַפילו פאַרצייכנט געבליבן דער טאָג און די

1 וועגן דער השפּעה פון דעם בעל „אמונה רמה“ אויף דעם רמב״ם זע: י. נוסמאַן, „די רעליגיעזע פילאָזאָפיע דעם אַברהם אבן דאוד“, 9—11, און אויך זיין אַרטיקל אין „כהן־פעסטשריפט“, 135—144.

2 זיין אַראַבישער נאָמען איז געווען: אַבּו עַמְרַאן מוּסַה בן מַאימון עוּבַייד אַלַּה. יוסף אבן אליעזר, א שריפטשטעלער פון סוף 13טן יר״ה, גיט אין זיין פּירוש אויף אבן עזראס „צפנת פענח“ דעם רמב״מס שלשלת היוחסין: ר׳ משה ראש הנגידים מורה צדק בן רבנו מיימון הדיין, בן ר׳ יוסף החכם, בן ר׳ יצחק הדיין, בן ר׳ יוסף הדיין, בן ר׳ עובדיה יעלזו חסידים בכבוד (מיר ציטירן לויט דעם מאַנוסקריפּט פון „צפנת פענח“, וואָס געפינט זיך אין לענינגראַדער מלוכה־ביבליאָטעק אין פירקאָוויטש־קאָלעקציע I, נומ׳ 67).

מינוט, ווען דער גרויסער יידישער גאון האָט דאָס ערשטע מאָל די וועלט דערזען [1]. ערב פסח, 20 מינוט אויף איינס בייטאָג (דעם 30טן מערץ) אינם יאָר 1135 איז ער אין קאָרדאָווע געבאָרן געוואָרן. זיין פאָטער, ר׳ מיימון, א טיכטיקער תּלמודיסט, איז דאָרטן געווען דיין. ווען משה בן מיימון איז אַלט געווען 13 יאָר, האָבן די פאַנאַטישע אַלמאָהאַדן באַצוווּנגען די שטאָט קאָרדאָווע, און פאַר די אָרטיקע יידן איז געשטעלט געוואָרן די ברירה: אָדער שמד, אָדער גיין אין גלות. דער דיין ר׳ מיימון האָט מיט זיין פאַמיליע פאַרלאָזן די שטאָט, געוואַנדערט איבער שפּאַניע אין משך פון 12 יאָר און דערנאָך זיך באַזעצט אין מאַראָקאָ אין דער שטאָט פעץ. אויך דאָרטן האָבן זיי געהאַט פיל אויסצושטיין פון די פאַנאַטישע אַלמאָהאַדן, וואָס האָבן רעגירט איבער דעם לאַנד, און אין פינף יאָר אַרום (אין 1165) האָט די פאַמיליע מיימון זיך געלאָזט קיין ארץ ישראל. דער רמב״ם האָט א שטיקל צייט זיך אויפגעהאַלטן אין ירושלים און דערנאָך זיך באַזעצט אין דער שטאָט פאָסטאַט (אַלט־קאַהיר), וווּ ער האָט פאַרבראַכט אַלע זיינע איבעריקע יאָרן און פאַר־פאַסט זיינע באַרימטע ווערק. ער איז מיט דער צייט געוואָרן רב הכולל (נגיד) איבער גאַנץ מצרים, נאָר מפרנס האָט ער זיך געווען פון מעדי־צינישער פּראַקטיק. ער איז געווען הויז־אַרצט ביים וויזיר אַל־פדהאיל, דערנאָך ביים סולטאַן אַל־פאַצאַל (דעם באַרימטן סאַלאַדינס א זון) [2], פאַר וועלכן ער האָט פאַרפאַסט א ספּעציעל ווערק וועגן היגיענע [3].

וועגן זיין באַשעפטיקונג אַלס פּראַקטישער אַרצט און זיין התנהגות ביים סולטאַנס הויף גיט דער רמב״ם גופא א אינטערעסאַנט בילד אין זיין בריוו צו שמואל אבן־תּיבון. בעת אבן־תּיבון האָט געהאַלטן ביים איבערזעצן דעם „מורה נבוכים״, האָט ער זיך געקליבן צו פאָרן צום

1 זע סעדיה אבן דנאן אין „חמדה גנוזה״, 30; עזריה מן האדומים, „מאור עינים״, סוף קאַפּ. 25, וווּ עס ווערט געבראַכט די מעלדונג פון דעם רמב״מס איניקל, ר׳ דוד.

2 דעם רמב״מס א בן־דור, דער אַראַבישער געלערנטער אַלקיפטי, דערציילט, אַז דער באַרימטער ענגלישער קיניג ריטשאַרד לייבן־האַרץ זאָל האָבן צו זיך איינ־געלאַדן דעם רמב״ם פאַר א הויז־אַרצט, נאָר יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט (זע: ליטעראַטור־בלאַט דעם אָריענטס״, 1846, 341).

3 אַלס פאַרפאַסער פון פיל מעדיצינישע ווערק פאַרנעמט דער רמב״ם א בכבודיקן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער מיטלאַלטערלעכער מעדיצין. מער באַריכות וועגן דעם רמב״ם אַלס מעדיצינער זע: מ. שטיינשניידער, העבר. איבערזעצונג, 762—774; פּאַגעל, „מיימוני אַלס מעדיצינישער שריפטשטעלער״ (אין זאַמלבוך „מאָזעס בן מיימון״, I, 231—247), און י. איינגער אין זאַמלבוך Еврейская Мысль, II

רמב״ם, בכדי מיט אים זיך אן עצה צו האלטן וועגן א סך פרטים פון זיין ספר [1]. דער רמב״ם האט אים אבער אפגעהאלטן פון דער נסיעה מחמת פאלגנדיקע טעמים:

„איך מעלד דיר פארויס — שרייבט דער רמב״ם — אז עס וועט דיר ניט געלינגען צו פארברענגען מיט מיר ביחידות קיין איין איינציקע שעה אפילו, ניט בייטאג און ניט ביי דער נאכט. אט איז מיין סדר היום: איך גופא וווין אין מצרים (פאסטאט) און דער סולטאן — אין אל-קהיר, — דאס איז א מהלך פון בערך צוויי תחום-שבתן. לויט דעם הויף-עטיקעט בין איך מחויב יעדן פרימארגן מאכן דעם סולטאן א באזוך. אין פאל, ווען ער גופא אדער ווער פון זיינע פרויען און קינדער איז קראנק, פארברענג איך אין אל-קהיר אינם הויף העכער א האלבן טאג. צייטנווייז מוז איך אויך היילן דעם סולטאנס קראנקע שרים און דינער. בכלל מוז איך יעדן פרימארגן, אפילו ווען אלץ איז אין ארדענונג, פארברענגען אין אל-קהיר, און איך קום אהיים קיין פאסטאט ערשט נאכן האלבן טאג שטארק אויסגעהונגערט. דארטווארט שוין אויף מיר א גרויסער עולם, הן מושלמים הן יידן; צווישן זיי אנשים חשובים, אנגעזעענע שרים און אנגעשטעלטע, און אויך פונם פשוטן המון, סיי פרעמדע, סיי באקאנטע. איך קריך אראפ פונם אייזל, וואש מיך ארום, גיי צו זיי ארויס, אנטשולדיק מיך, זיי זאלן אביסל צוווארטן ביז איך וועל עפעס איבערבייסן. דערנאך גיי איך ארויס צו די קראנקע, פרעג אויס יעדן באזונדער און פארשרייב זיי היילמיטלען. די מענטשן גייען אוועק, אנדערע קומען אן, אזוי ביז שפעט אין דער נאכט. אמאל פארברענג איך אין א ווייסנשאפטלעכן געשפרעך ביז צוויי ביינאכט און נאך שפעטער. איך ליג פאר גרויס מידיקייט, און ליגנדיקערהייט גיב איך די נייטיקע דערקלערונגען... הכלל, איך האב די גאנצע וואך ניט די מעגלעכקייט צו ריידן מיט א בן-ישראל ביחידות פנים אל פנים חוץ שבת. דעמאלט קומען צו מיר נאכן דאוונען די מיטגלידער פון דער קהילה און איך גיב זיי איבער אלע נייטיקע פארארדענונגען אויף דער גאנצער קומענדיקער וואך״ [2].

דעם רמב״מס וואנדער-יארן זיינען אויך געווען זיינע לערניארן. מיט ריזיקן פלייס האט ער, דער גאוניש-באגאבטער, געזאמלט די אוצרות פון וויסן. איינער פון די גרעסטע גאונים און בקיאים אויפן געביט פון חכמת היהדות, איז ער אויך געשטאנען אויפן שפיץ פון אלזייטיקן וויסן

---

1 מער באריכות וועגן דעם — אין צווייטן בוך.

2 דעם בריוו האט דער רמב״ם געשריבן אויף דער עלטער אינם יאר 1199. ער איז פארעפנטלעכט אויך אין יידיש אין „כבוד חכמים״.

און פאַרשן פון זיין צייט. אין די הויפּט־געביטן פון די מיטלאַלטערלעכע וויסנשאַפטן איז ער געווען ניט נאָר דער בקי, נאָר אויך דער חריף, דער קונציקער בוימייסטער און אַרכיטעקטאָר, וואָס ווייסט דעם טיפן סוד, ווי אַזוי איינצלנע ציגל, צעוואָרפענע שטיינער צונויפבאַהעפטן אין אַ גאַנצן פעסטן בנין, איבער וועלכן עס געוועלטיקט, ווי אַן אומבאַגרע־נעצטע קיניגין, אַ באַשטימטע אידעע — די איינציקע, די אויסדערוויילטע... ער איז געווען געבענטשט מיט דעם וווּנדערבאַרן כּשרון, וואָס מען באַגעגנט אַזוי זעלטן ביי יידן — די קונסט פון בויען, פון שטרענגן סדר און האַרמאָנישער אַרכיטעקטאָניק...

אָבער דאָס, וואָס ס׳איז געווען אינשטאַנד אויסצופירן דער גרויסער גאון, איז געווען איבער די כּוחות פאַר זיין דור, פאַר דער יידישער אינטעליגענץ פון זיין צייט. זי האָט ניט געקאָנט באַוועלטיקן און האַר־מאָניש צונויפבינדן די ברייטע אַלזייטיקע בילדונג און קולטור פון יענער צייט מיט דעם געוואַלטיקן, אַזוי שטאַרק פאַרפלאָנטערטן בנין פון חכמה היהדות, פון תּלמודיש־רבּנישן וויסן. די מוחות זיינען ממש מבולבל געוואָרן, און זיי האָבן אויך בייַם בעסטן ווילן ניט געקאָנט מקיים זיין דעם אַלטן כּלל: „גם מזה ומזה אל תּנח ידך" 1 און ניט באַמערקן דערביי קיין שום סתירות צווישן די צוויי וועלטן — דער תּלמודיש־רבנישער און דער אַלגעמיין־וויסנשאַפטלעכער.

דאָס אַלץ האָט דער רמב״ם צוגעזען מיט זיינע אָדלער־אויגן, און ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב פאַר זיין דור באַהילפיק צו זיין: אים אויס־לייזן פונם גייסטיקן פּלאָנטער און ניט נאָר אָנווייזן, נייערט מיט אייגענע שטאַרקע הענט דורכלעגן אַ ברייטן גלייכן וועג, וואָס זאָל זיין דור פירן צום ליכטיקן אמת און ער זאָל ניט דאַרפן בלאָנדזשען אויף אומוועגן...

נאָך אין די יונגע יאָרן, בעת דער רמב״ם האָט צוזאַמען מיט זיין פאָטער געוואַנדערט איבער שפּאַניע, איז ער צוגעטרעטן צו אַ געוואַל־טיקער ריזן־אַרבעט: געבן די מעגלעכקייט סיסטעמאַטיש, לויט אַ באַ־שטימטן פּלאַן, אויסצופאָרשן דאָס געביט פון יידישן רעליגיעזן וויסן, מאַכן אַ סדר אין דער פילפאַרביקער ירושה פון דעם דורות־לאַנגן אומ־דערמידלעכן שאַפן, צונויפזאַמלען אין איין ספר אין שטרענג סיסטעמאַ־טישער אָרדענונג די אַלע דינים און געזעצן בנוגע צום רעליגיעז־עטישן לעבן פונם יידישן קיבוץ, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט אָן שום סדר אין דעם גרויסן תּוהו ובוהו פונם ים התּלמוד. בערך צוואַנציק יאָר שווערער אַרבעט האָט מיימוני מקריב געווען דעראָזיקער אויפגאַבע.

1 דאַרפסט זיך ניט דערווייטערן ניט פון דעם און ניט פונם אַנדערן.

קודם כּל האָט ער אויף אַראַבּישער שפּראַך אָנגעשריבן אַ ברייטן פּירוש צום גרונד־טייל פונם תּלמוד — צו משניות. דערנאָך ערשט איז ער צוגעטראָטן צו זיין בּאַרימטן גָלַיַת־ווערק, דער משנה־תּורה מיט איר־ע פערצן ספרים, מער בּאַקאַנט אונטער דעם נאָמען „יד החזקה״ [1].

צען יאָר דורכאַנאַנד, טאָג און נאַכט, האָט דער רמב״ם געאַרבּעט איבּער דעם דאָזיקן ווערק [2]. „איך, משה בּן מיימון הספרדי — דער־קלערט דער פאַרפאַסער אין סוף פון זיין הקדמה — האָב אָנגעגורט מיינע לענדן און פאַרלאָזנדיק זיך אויף גאָטס הילף... האָב איך פאַר־פאַסט דעם דאָזיקן חיבּור, ווו עס זיינען צונויפגעזאַמלט אַלע דינים און־ געזעצן מיט די תּקנות, מנהגים און גזירות, וואָס זיינען איינגעפירט געוואָרן מימי משה רבּנו בּיז חתימת התּלמוד און זיינען דערקלערט און־ בּאַגרינדעט אין די ווערק פון אונזערע גאונים, וואָס האָבּן געלעבּט אין־ די שפּעטערדיקע דורות. איך האָבּ דערפאַר מיין ווערק אַ נאָמען געגעבּן־ „משנה תּורה״, ווייל יעדער, וואָס וועט פריער לערנען תּורה שבּכּתב און דערנאָך דאָס דאָזיקע ווערק, וועט ער פון אים גרינדלעך בּאַקאַנט ווערן מיט דער גאַנצער תּורה שבּעל פּה און וועט שוין צו דעם דאָזיקן־ צוועק ניט דאַרפן אָנקומען צו קיין שום אַנדער ספר״ [3].

דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס ס׳האָט געזאָלט ווערן דער „כּלבו״, דאָס־ קאָמפּענדיום פון דער גאַנצער תּורה שבּעל פּה, האָט דער רמבּ״ם־ געשריבן אויף העבּרעיִש. און אָט די העבּרעיִשע שפּראַך פון מיימונים „משנה תּורה״ קאָן נאָך עד היום גילטן אַלס מוסטער פאַר העבּרעיִשן ווויסנשאַפטלעכן סטיל. יעדעם וואָרט איז אויף זיין אָרט, יעדער זאַץ־ געשליפן און געמאָסטן, און אַלץ איז קלאָר און פּשוט. ווי דער סטיל,

---

1 אַלס מעטאָדאָלאָגישער אַריינפיר צו דעם „יד החזקה״ דינט דעם רמבּ״מס אַ קליין אַראַבּיש ווערק, בּאַקאַנט אונטער דעם העבּרעיִשן נאָמען „ספר המצוות״. דאָס־ דאָזיקע ווערק איז דערגאַנגען צו אונז אין צוויי פאַרשיידענע נוסחאות, און פון יעדן נוסח בּאַזונדער איז דאָ אַ העבּרעיִשע איבּערזעצונג: איינע — פון שלמה בּ״ר יוסף־ אבּן איוב, און די אַנדערע מער בּאַקאַנטע, — פון משה אבּן תּיבּון.

2 אין זיין בּריוו צו יונתן בּן דוד הכּהן שרייבּט דער רמבּ״ם: „וכמה־ טָרַחתּי יום ולילה כּמו עשר שנים רצופות בּקבּוץ חבּור זה״. — פאַרענדיקט איז דאָס ווערק־ געוואָרן אין 1177.

3 כּללו של דבר, כּדי שלא יְהֵא אדם צריך לחבּור אחר בּעולם בּדין מדיני־ ישראל, אלא יהא חבּור זה מקבּץ לתּורה שבּע״פ כּולה עם התּקנות והמנהגות והגזירות שנעשו מימות משה רבּנו ועד חבּור הגמרא וכמו שפּרשו לנו הגאונים בּכל חבּוריהם־ שחוברו אחר הגמרא. לפיכך קראתי שם חבּור זה משנה תּורה, לפי שאדם קורא בּתורה־ שבּכּתב תּחלה ואחר כּך קורא בּזה ויודע ממנו תּורה שבּע״פ כּלה ואינו צריך לקרוא־ ספר אחר בּיניהם.

אַזוי אויך דער תוך און די באַארבעטונג פון דעם ריזן־מאַטעריאַל. אַלס אַרכיטעקטאָר, אַלס קונציקער בוי־מייסטער האָט דער רמב״ם זיין גלייכן ניט אין דער גאַנצער רעליגיעז־וויסנשאַפטלעכער העברעיִשער ליטעראַטור. זיין „משנה תורה" איז אַן אמת מייסטער־ווערק פון קלאַסישער בוי־טעכניק, אַזוי קונציק איז דאָרט צוגעפּאַסט איין גליד צום אַנדערן. דער גאַנצער ריזיק־גרויסער סכום פון אַלע מיני דינים און מצוות, וואָס געפינען זיך אין דער תורה און אין תלמוד, זיינען ביים רמב״ם איינגעטיילט אין פערצן גרופּן, יעדע גרופּע ווערט באַהאַנדלט אין אַ באַזונדער ספר, און יעדער ספר איז איינגעטיילט אין פרקים און סעיפים.

אין דעם „יד החזקה", ווי אויך אין דעם רמבמס פירוש אויף משניות וואַרפט זיך אין די אויגן איין זייער כאַראַקטעריסטישער שטריך. דער פאַרפאַסער באַגניגט זיך ניט מיט דער ראָלע פון אַ פוסק און מפרש, וואָס דערקלערט און איז מסביר די דינים און געזעצן. ער באַנוצט אויך יעדע געלעגנהייט אויפצוקלערן דעם לעזער, אים צו עפענען די אויגן און אים קלאָר צו באַווייזן, ווי שעדלעך עס איז דער פינסטערער אָבערגלויבן מיט זיינע ווילדע המצאות און סגולות, וואָס פאַרפירן און פאַרנאַרישן דעם מענטשן. און דער רמב״ם מאַכט גאָר קיין סוד ניט דערפון, אַז זיינע אויפקלערונגס־רייד האָבן ס׳רוב זייער אַ קנאַפּע שייכות צו דעם באַטרעפנדיקן דין. „איך פאַרשטיי גאַנץ גוט — איז ער אויף איין אָרט מודה — אַז דאָס, וואָס איך דערקלער דאָ, געהערט כּלל ניט צום ענין; איך האָב דאָס אָבער געטאָן מיט אַ כּיוון, ווייל איך רעכן פאַר דער וויכטיקסטער אויפגאַבע צו געבן דעם לעזער אַ קלאָרן באַגריף, ווי אַזוי ריכטיק אָפּצושאַצן דעם ווערט פון די דינים און געזעצן". עס טרעפט דערפאַר גאַנץ אָפט, אַז דאָרט, ווו אין דער גמרא זיינען די דערקלערונגען פון אַ וועלכן־ס׳איז דין פאַרבונדן מיט פאַרעלטערטן אָבערגלויבן און אַלטפעטערישע פאָראורטיילן, איז דער רמב״ם די דאָזיקע דערקלערונגען פשוט מבטל און גיט אָנשטאָט זיי אַ נייע, מער ראַציאָנאַליסטישע, „ריכטיקערע" דערקלערונג.

דעם רמבמס „משנה תורה" האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם. ווי נאָר דאָס ווערק איז דערשינען, האָט עס בכל תפוצות ישראל אַרויסגערופן די גרעסטע התפעלות. „ר׳ משה בן מיימון — שרייבט זיינער אבן־דור, אהרן בן משולם פון לוניל — האָט אַרויסגעפירט זיין פאָלק פונם ים הסכלות; גאָטס הייליקע תורה האָט ער איינגעפלאַנצט אין אַלע הערצער. זינט רבינא ורב אשי איז ניט געווען קיין גלייכן צו משהן" [1].

---

[1] טעם זקנים, 67.

„דעם רמב״מס ווערק — שרייבט א צווייטער בן־דור, ר׳ שֵׁשֶׁת בן בֶּנְבֶּנֶשְׁתִּי — האָט מיט זיין קלאָרער שפּראַך און וואונדערבאַרן סדר אָלעמען די אויגן געעפנט; יעדער איילט זיך וואָס גיכער פאַר זיך דאָס ווערק אָפּצושרייבן. אַלט און יונג קומען זיך צונויף, בכדי זיך צו באַקענען מיט דעם חיבור. א דאַנק דער „משנה תורה״ זיינען פיל געוואָרן בקי אין אַלע דינים און זיינען ביכולת אַליין צו פּסקנען שאלות און אַרויסזאָגן זייער מיינונג וועגן יעדן דין און געזעץ״.

אמת, דעם רמב״מס ווערק האָט אויך אַרויסגערופן אין געוויסע קרייזן אַנטשיידענע קעגנער. א טייל פון זיי איז דערביי אויסן געווען גאַנץ זייטיקע און קליינלעכע פּניות: קנאה, ניט פאַרגינען און אויפגעבלאָזענע גאווה. אייניקע תּלמידי חכמים האָבן אין דעם דאָזיקן ספר געזען א שטיקל פּחיתת־הכבוד פאַר זיך און זיי האָבן זיך געפּלייסט צו דערווייזן, אַז אַזוינע בקיאים ווי זיי האָבן כּלל ניט נייטיק אַזעלכע הילפס־ביכער [1]. דער רמב״ם גופא דערציילט מיט פילאָזאָפישער געלאַסנקייט אין א בריוו צו זיין געליבטן תּלמיד יוסף אבן עקנין וועגן די דאָזיקע דקדוקי עניות און קליינלעכע אַנפאַלן. „זיי ווייסן — איז ער ווייטער מוסיף — אַז ניט אוים גדלות, ניט אוים באַרימעריי, בכדי זיך קונה־שם צו זיין ביי יידן, האָב איך דאָס דאָזיקע ווערק געשריבן... איך האָב איינגעזען, אַז דאָס פאָלק האָט ניט קיין איינציק געזעץ־בוך, וווּ אַלע דינים זאָלן זיין קלאָר און לאָגיש דערקלערט, אָן גרייזן און אָן מחלוקת... און דאָס, וואָס איך האָב אויפגעטאָן, איז געטאָן געוואָרן אויסשליסלעך לכבוד השם יתברך... און איך ווייס אויף זיכער, אַז מיט דער צייט, ווען די קנאה און די רדיפה נאָך כבוד און הערשאַפט וועלן געשטילט ווערן, וועט מיין ווערק בלי־ספק אָנגענומען ווערן פונם גאַנצן יידישן פאָלק און עס וועט זיך באַנוצן נאָר מיט אים און ניט מיט קיין שום אַנדער ספר״ [2].

נאָר גראָד אָט דער פעסטער בטחון זיינער, אַז מיט דער צייט וועט מען זיך באַניגן נאָר מיט דער „משנה תורה״ אַליין — האָט געמוזט אַרויסרופן א גרויסע אומצופרידנקייט ביי א סך גאָטספאָרכטיקע רבנים

---

1 צווישן די דאָזיקע קעגנער איז אויך געווען דער באַגדאַדער ראש־ישיבה פון „גאון ישראל״, ר׳ שמואל ב״ר עֵלִי.

2 דע כי אני לא חברתי זה החבור כדי להתגדל בו בין היהודים ולא שיבוא לי מזה התפארות... וראיתי האומה בלא ספר מחוקק שלא יהיה בו לבד עיון אמתי בלי מחלוקת — ועשיתי מה שעשיתו לכבוד השם יתברך לבד... אבל אני יודע בודאי כי בזמנים הבאים כשתפול הקנאה ובקשת השררה, יתאוו כל בני ישראל לו לבדו ויונת זולתו בלי ספק (אגרות הרמב״ם, 21—22).

און לומדים. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דער „יד החזקה" קאָן מדחה זיין די גמרא און מען וועט שוין מער ניט האַלטן פאַר נייטיק צו זיין אַ בקי אין ים התלמוד. זיי האָבן אויך שטאַרק מתרעם געווען אויפן רמב"ם, וואָס ער האָט אין זיין ווערק ניט אָנגעוויזן די מקורים, אויף וועלכע ער שטיצט זיך, בעת ער דערקלערט דעם אָדער יענעם דין; עס איז דערפאַר זייער שווער נאָכצוזען און צו פאַרגלייכן מיט דעם באַטרעפנדיקן טעקסט, אין פאַל, ווען מען וויל אַליין זיך איבערצייגן, צי איז ווירקלעך דער דין ריכטיק דערקלערט און דער מחבר האָט קיין טעות ניט געהאַט. דער רמב"ם גופא האָט געמוזט מודה זיין, אַז די דאָזיקע טענה איז טאַקע אַ גערעכטע [1]; דערפאַר אָבער איז ער גאַנץ אַנטשיידן אַרויסגעטראָטן קעגן דער צווייטער באַשולדיקונג, אַז זיין מיין איז, מען זאָל זיך וואָס ווייניקער באַשעפטיקן מיטן תלמוד און זיינע מפרשים... „איך האָב, חס ושלום, קיינמאָל ניט געזאָגט: באַשעפטיקט זיך נישט מיט דער גמרא און מיט די הלכות פון ר' יצחק (דער אַלפס) און פון אַנדערע" [2].

מען מוז אָבער מודה זיין, אַז די דאָזיקע דערקלערונג איז ניט גאַנץ ריכטיק. אמת, דעם ברייטן עולם, אָפן עַם ועדה, האָט דער רמב"ם טאַקע ניט געזאָגט, מ'זאָל וואָס ווייניקער צייט אָפּגעבן דעם לימוד התלמוד. יחידים אָבער, זיינע אויסדערוויילטע תלמידים, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר פּעיִק צו באַקומען אַ ברייטע פילאָזאָפישע בילדונג, האָט ער דאָך געראָטן, זיי „זאָלן ניט פַּטֶרן זייער צייט איבער דעם גמרא-משא ומתן און איבער די מפרשי התלמוד" [3], ווייל ס'איז בעסער זיך אָפּצוגעבן מיט נוצלעכע וויסנשאַפטן און שאַרפן דעם שכל מיט פילאָזאָפישע חקירות.

אַ געטרייער אָנהענגער פון אַריסטוס שיטה און אַ שטרענגער ראַציאָנאַליסט, האָט דער רמב"ם אין זיין פירוש אויף משניות און בפרט אין „משנה תורה" זיך געפליסט איבערצוצייגן דעם לעזער, אַז די אמת ריכטיקע און זיכערע שטיצע אין פראַגן פון אמונה און מאָראַל איז נאָר

---

1 אין זיין בריוו צום דַיָן פון אַלעקסנדריא, ר' פנחס בן משולם, שרייבט דער רמב"ם: וכן תמיד אני בצער מזה שיבוא השואל וישאל: היכן נאמרו דברים אלו? פעמים אומר לו יְּנֵיך: במקום פלוני, ופעמים לא, ואיך לא אזכור מקומו עד שאחפש אחריהו. ועל זה אני מצטער הרבה שאני אומר: הרי אני המחבר וְנתעלם מטני מקום דבר זה, מה יעשו שאר בני אדם.

2 אגרות הרמב"ם, 22.

3 צום נעליבטן תלמיד, יוסף אבן עקנין, שרייבט דער רמב"ם: ולא תכלה ותאבד זמנך בפירושים ובמשא ומתן של גמרא.

דער שׂכל, דער לאָגישער פאַרשטאַנד. אין זיין, יעדן יידן גוט באַקאַנטן „אני מאמין״ האָט דער רמב״ם געפּרוּווט צוזאַמענפּאַסן דעם תּמצית פונם יידישן דת אין דרייצן עָקרים (דאָגמען) און דערביי טאַקע שאַרף אונטערגעשטריכט, אַז אין די דאָזיקע גרונד־יסודות דאַרף מען ניט נאָר גלויבן — מ׳מוז זיי אויך (חוץ צוויי עקרים — תחית המתים און ביאת המשיח) פילאָזאָפיש באַגרינדן און משיג זיין מיטן שׂכל, ווייל ערשט דאָס קלאָרע לאָגישע פאַרשטיין גיט די מעגלעכקייט איינצודרינגען אין אמתן תּוך, אינם מהות פון יעדן עָקר באַזונדער [1]. דאָס גלויבן איז ביים רמב״ם ענג פאַרבונדן מיטן דענקען און פאָרשן, און דערפאַר האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק צו געבן אינם ערשטן חלק פון זיין „משנה תּורה״ — אינם „ספר המדע״ — אַ גאַנצע רעליגיעז־פילאָזאָפישע סיסטעם, וווּ ער פלייסט זיך צו באַגרינדן „על פּי השכל״, מיט הילף פון שטרענג לאָגישע הנחות און מסקנות, די רעליגיעזע גרונט־אָנשויאונגען פונם יידנטום.

מיטן „ספר המדע״ אַליין האָט זיך אָבער דער רמב״ם ניט געקאָנט באַגנוגן. דאָרט זיינען בלויז באַרירט די „ראשי פּרקים״ פון דער וויכ־טיקער פּראָבלעם — קריטיש באַלויכטן די יידישע אמונה מיט דער הילף פונם פילאָזאָפישן פאָרשער־געדאַנק. דער „ספר המדע״ קאָן באַטראַכט ווערן בלויז אַלס הקדמה צום רמבמס שפּעטערדיקן ווערק — דעם באַ־רימטן „מורה נבוכים״ [2].

אין קיין אַנדער ווערק האָט זיך ניט אַזוי בולט אָנפּלעקט דעם רמבמס פּערזענלעכקייט, ווי אין דעם דאָזיקן פילאָזאָפישן חקירה־ספר, וואָס איז געשריבן אין אַראַביש אין דער פאָרם פון אַ פריינדלעכן געשענק דעם געליבטן תּלמיד זיינעם, יוסף בן יהודה עקנין [3]. זייער כאַראַקטעריסטיש איז שוין די הקדמה צום „מורה נבוכים״, וווּ דער פאַרפאַסער שטרייכט אונטער, אַז דער דאָזיקער ספר איז כּלל ניט גע־שריבן פאַרן פּשוטן עולם און אויך ניט פאַר די לומדים, וואָס זיצן כּל ימיהם אויסשליסלעך איבער דער גמרא. „מיין ווערק איז געשריבן נאָר פאַר די, וואָס האָבן זיך פאַרטיפט אין חכמת הפילוסופיא און זיינען שטאַרק צעמישט און מבולבל דאָרורך, וואָס זיי דאַכט זיך, אַז ס׳איז

---

1 אויף די דאָזיקע „שלשה עשר עָקרים״ וואָס אַן אומבאַקאַנטער מיטלאַלטער־לעכער דיכטער געבויט זיין באַקאַנטע תּפילה „יגדל אלהים חַי״.

2 פאַרענדיקט אינם יאָר 1190. דעם אַראַבישן טעקסט (דַלַאלַא אַלחירין) האָט פאַרעפנטלעכט מיט אַ פראַנצויזישער איבערזעצונג אין דריי בענד (1856—1866) שלמה מונק.

3 אינם בריוו צו אבן עקנין שרייבט דער רמב״ם: וסדרתי לך שלחן ערוך במאמר הנכבד ספר „מורה נבוכים״ אשר כתבתיו בעבורך ובגללך.

פאַרהאַן אַ סתירה צווישן דעם פילאָזאָפישן אמת און אייניקע פּרטים פון דער תורה״ [1].

און טאַקע דערביי דערקלערט מיימוני, אַז ער האָט מיט אַ כּיוון זיינע געדאַנקען אויסגעדריקט ניט אין לייכט פאַרשטענדלעכער און סיסטעמאַטישער פאָרם, בכדי די „אמתן״, וואָס ווערן דערפאָרשט אין דעם דאָזיקן ספר, זאָלן בלייבן פאַרהוילן פאַרן „המון״ (כּי כּוונתי שיהיו הָאֲמִתִּיוֹת מושקפות ממנו... נעלמות מהמון הָעָם).

„גאָט איז מיין עדות — זאָגט ווייטער דער רמב״ם — אַז איך האָב מיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל איך פאַרעפנטלעכן דאָס דאָזיקע ווערק, ווו עס ווערן צום ערשטן מאָל באַהאַנדלט ביי אונזער פאָלק אַזוינע וויכטיקע און פאַרבאָרגענע ענינים... עס שטייט אָבער: „עת לעשות לד׳ הפרו תורתך״ — ס׳איז אַ חוב צו טאָן פון גאָטס נאָמען וועגן, ווען די תורה איז אין געפאַר... מיט איין וואָרט: איך בין דער מענטש, וואָס קאָן ניט אַנדערש. ווי נאָר איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער דורכן שכל לאָגיש באַגרינדעטער אמת קאָן גע־לערנט און פאַרעפנטלעכט ווערן נאָר אין אַזאַ פאָרם און אויף אַזאַ אופן, אַז ער וועט באַפרידיקן און באַגייסטערן נאָר דעם אויסדערוויילטן יחיד און וועט דערביי אויפרייצן צענער טויזנטער נאַראָנים, — וועל איך דאָך דעם אמת אָפן אַרויסזאָגן, בכדי אויפצוקלערן און באַהילפיק צו זיין אָט דעם איינציקן, דעם אויסדערוויילטן, און וועל מיך ניט לאָזן אָפּשרעקן דורך די אָנפאַלן און געשרייען פון דעם פינסטערן המון״ [2].

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דער רמב״ם האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע שלום צו מאַכן צווישן דער אַראַביש־גריכישער פילאָזאָפיע און דער יידישער אמונה. דער „מורה נבוכים״ איז בכלל ניט קיין אַפּאָלאָגעטיש בוך. אין פולשטענדיקן קעגנזאַץ צו יהודה הלוי, איז דער רמב״ם געווען פעסט איבערצייגט, אַז די רעליגיעזע דעות

1 ואין הכּונת במאמר הזה להבינם כולם להמון, ולא למתחילים בעיון, ולא ללמוד מי שלא יעיין רק בחכמת התורה ר״ל תלמודת... אבל להעיר איש בעל דת... ועיין בחכמת הפילוסופיא... והציקוהו פרטי התורה... ונשאר במבוכה גדולה.

2 והשם יתברך יודע שאני לא סרתי חיותי מתירא הרבה מאד לחבר הדברים אשר ארצה לחברם בזה המאמר, מפני שהם ענינים נסתרים לא חבר כּלל בהם ספר זולתי זה באומתנו בזמן הגלות הזה, ואיך אתחיל אני עתה ואחבר בהם... עת לעשות לה׳ הפרו תורתך... סוף דבר, אני האיש אשר כְּשיציקהו הענין ויצר לו הדרך ולא ימצא תחבולה ללמד האמת שבא עליו מופת אלא בְּשֶׁיֵּאוֹת לאחד מעולה ולא יֵאוֹת לעשרת אלפים סכלים, — אני בוחר לאומרו לעצמו ולא ארגיש בגנות העם הרב ההוא וארצה להציל המעולה האחד ההוא...

פונם יידישן פאָלק באַשטעטיקן אויפן בעסטן אופן אַריסטוס פילאָזאָפישע אידעען, און אַז די אמתן, וואָס זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן דורך דער געטלעכער התגלות, קאָנען בשום אופן ניט סותר זיין די מסקנות, צו וועלכע דעם מענטשנס פאָרשער־געדאַנק איז געקומען. וואָרום ביים רמב"ם איז גאָר קיין שום ספק ניט געווען, אַז די פילאָזאָפיע, דער שאַרפער פאָרשער־געדאַנק, איז ניט קיין ווייניקער זיכערע קוועלע צו דערגרינדן דעם אמת, ווי די געטלעכע התגלות. „דאָרט ווו דער אמת איז בולט און קלאָר — זאָגט דער רמב"ם — איז קיין שום נפקא מיניה ניט, צי האָט אים אַנטפּלעקט דער נביא על פּי רוח הקודש, אָדער אים האָט גאָר אַרויסגעזאָגט אַן אַנדערש־גלויביקער" [1].

דער רמב"ם האָט כּלל ניט געקאָנט מסכּים זיין מיט הלוים באַהויפּטונג, אַז דער „גאָט פון אַברהם" אונטערשיידט זיך זייער שטאַרק פונם „גאָט פון אַריסטו". דער פאַרפאַסער פונם „מורה נבוכים" איז דוקא געווען פעסט איבערצייגט, אַז בנוגע צו דער גאָטהייט־אידעע זיינען נישטאָ קיין הילוקי־דעות צווישן אַריסטו און תּורת משה, און אַלע די אמתן, וואָס ס'לערנט די פילאָזאָפיע, ווערן אויך אַרויסגעזאָגט און באַשטעטיקט אין דער ביבל און אינם תּלמוד. די אָבער, וואָס מיינען, אַז עס זיינען יאָ פאַראַן סתירות צווישן דער פילאָזאָפיע און דער אמונה, — האָבן פשוט אַ טעות. און דער טעות נעמט זיך, לויט דעם רמב"מס מיינונג, דערפון, וואָס מען פאַרשטייט פאַלש דעם פשט פונם ביבלישן טעקסט. מיימוני רעדט דערפאַר מיט גרויס ביטול וועגן די „אָרעמע" מפרשים, וואָס האַלטן פאַר דער וויכטיקסטער וויסנשאַפטלעכער אויפגאַבע וואָרטלעך צו דערקלערן דעם טעקסט [2]. ער אָבער זעט דעם עיקר ניט אין „ידיעת פירוש המלות", ניט אינם „פשט", נאָר אינם „משל", אינם „רמז". וואָרום דער שלום צווישן תּורת משה און דער גריכישער פילאָזאָפיע ווערט ביים רמב"ם דערגרייכט אויף דעם אייגענעם דרך, ווי ביי פילון (ידידיה האַלכּסדרוני) בשעתו: דורך דעם, וואָס דער ביבלישער טעקסט ווערט אויסגעטייטשט אויף ריין אַלעגאָרישן אופן [3]. אין אַלע מעשיות און אַגדות פון דער ביבל האָט מיימוני, דער שטרענגער

---

[1] יד החזקה, הלכות קדוש החודש, סוף פונם 17טן פרק: אין חילוק בין למחבר שחברו אותם נביאים, בין שחברו אותם עפּ"ום.

[2] מורה נבוכים, II, פרק 29: ולא כּמו שיעשו הדרשנים והמפרשים העניים, אשר יחשבו כי ידיעת פירוש המלות היא החכמה.

[3] צי איז דער רמב"ם באַקאַנט געווען מיט פילונס שיטה, איז ניט פעסטגעשטעלט. יעדנפאַלס האָבן די אַראַבער באַשטימט געוווּסט וועגן פילון פון אַלכּסנדריא. זע א. הרכבי: 276, 267, 255, 1894, „Извѣстія Киркисани“

ראַציאָנאַליסט, געזען לויטער אַלעגאָריעס, וואָס אַנטפּלעקן בדרך משל און רמז די זעלביקע אידעען און געדאַנקען, אויף וועלכע דער גרויסער אַריסטו האָט געבויט זיין פילאָזאָפּישע סיסטעם [1].

„די לערע, וואָס איז צוגעפּאַסט צום המון — שטרייכט אונטער דער רמב״ם נאָך אין זיין ערשטן ווערק, אין זיין פּירוש אויף משניות, — מוז זיין בדרך חידה ומשל״ [2]. אין יעדער מצוה און אין יעדן געזעץ פון דער תורה פלייסט זיך דער רמב״ם צו געפינען דעם טעם (טעמי המצוות) [3], דעם פּראַקטישן פּועל יוצא, וואָרן אַלץ, וואָס אין דער תורה איז דאָך דער ריינער אמת, און דאָס וואָס איז אמת — מוז דאָך אויך נוצלעך זיין, דאָס קאָן און מוז דערקלערט ווערן על פּי השכל, דורך לאָגישע באַווייזן...

מען מוז דערביי אויך נעמען אין באַטראַכט, אַז אין יענע דורות האָט מען נאָך קיין שום השגה ניט געהאַט וועגן געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון רעליגיע און אַנדערע קולטור־דערשיינונגען; בפרט דעם רמב״ם האָט אינגאַנצן געפעלט דער היסטאָרישער חוש. „פאַרנעמען זיך מיט געשיכטע און מיט מוזיק — פלעגט ער זאָגן — איז אַ נאַרישער און נוצלאָזער צייט־פאַרטרייב [4]. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס בעת דער רמב״ם פּרוווט אָפּשאַצן דעם ווערט און באַטייט פון די יידישע רעליגיעזע דינים און געזעצן, באַטראַכט ער זיי אויסשליסלעך פון זייער פאָרמעלער, ריין פּראַקטיש־אוטיליטאַרער זייט. אויף אַזאַ אופן ווערט דאָס רעליגיעזע יידנטום, די אמונה פון געטלעכער התגלות און גרויסע וווּנדער מגולגל אין אַ פּראַקטיש־רעליגיעזער און ראַציאָנאַליסטיש־נוצלעכער געזעצגעבונג; די אַלע „עשהס״ און „לא תעשהס״ פון דער תורה — זיינען בלויז פּשוטע פאָדערונגען פונם נאַטירלעכן מענטשלעכן פאַרשטאַנד, נוצלעכע כללים פון פּראַקטישער היגיענע. דער רמב״ם האָט כלל ניט באַמערקט, אַז די צוויי וועלטאָנשויאונגען, וואָס ווערן אַזוי

---

1 מורה נבוכים, III, פרק 50: דע כי כל ספור שתמצאוהו כתוב בתורה הוא לתועלת הכרחית בתורה אם לְאַמֵת דעת שהיא פִּנה מפִּנות התורה או לתקון מעשה מן המעשים.

2 הקדמה לפי׳ המשניות, סדר זרעים: שהלמוד להמון העם צריך שיהיה בדרך חידה ומשל כדי שיהיה כולל הנשים והנערים והקטנים עד אשר ישלם שכלם, ואז יתבוננו וישכילו עניני הרמזים ההם.

3 מורה נבוכים, III, פרקים 35—49.

4 אבוד זמן בהבל כגון אלה הספרים הנמצאים אצל העם מספורי דברי הימים והנהגת מלכים ויחוסי הערבים וספרי נגון וכיוצא בהן מן הספרים שאין בהם הכמה ולא תועלת גופנית אלא אבוד זמן בלבד (פירוש המשניות, סנהדרין, פרק י׳, משנה א׳).

בולט אויסגעדריקט אין דער ביבל פון איין זייט און אין אריסטוס פילאָזאָפיע פון דער אנדערער — זיינען צוויי זעלבשטענדיקע און גאַנץ פאַרשיידענע אַנטפּלעקונגען פונם מענטשלעכן גייסט. פעסט איבערצייגט, אַז עס איז פאַראַן נאָר איין אמת אויף דער וועלט, דער פילאָזאָפישער לאָגישער אמת, געשאַפן און געבוירן דורכן קאַלטן געשליפענעם שכל — האָט דער רמב"ם אויך אינם יידנטום געזוען בלויז פילאָזאָפישע אידעען און באַגריפן. ווייל תורת משה איז דער ריינער אמת — מוז זי דאָך אין אַלע פּרטים באַשטעטיקן די הנחות פונם פילאָזאָפישן אמת, פון דער איינציקער אמתער פילאָזאָפיע — דער אַריסטושער. אומבאַוווּסט האָט דער רמב"ם געזוען אינם יידנטום, אין דער ביבל — בלויז אַ ראַציאָנאַליסטישן פּירוש צו אַריסטוס פילאָזאָפיע. זען עפּעס מער, עפּעס אַנדערש אין דער ביבל האָט דער דאָזיקער מאַן מיט זיין גאוניש-שאַרפן, אָבער דאָך איינזייטיקן שכל ניט געקאָנט. אָן אַ פּאָעטישן חוש, פרעמד און מיט ביטול פאַרהאַלטנדיק זיך צו דער אינטימער וועלט פון מענטשלעכע חלומות און טרוימען, פון פּאַטעטישער התלהבות און הארציקער השתפכות הנפש — האָט ער געזען און באַמערקט נאָר דאָס שכלדיקע, נאָר דאָס, וואָס קאָן לאָגיש דערוויזן ווערן. אַז די ביבל און די אַריסטאָטעלישע פילאָזאָפיע שטאַמען פון צוויי פאַרשיידענע וועלטן — האָט אים גאָר אויף דער מחשבה ניט געקאָנט קומען.

בכדי אָבער ריכטיק אָפּצושאַצן דעם דאָזיקן באַדייטנדיקן דענקער, מוז אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אַפילו דעם גרעסטן לערער און מדריך זיינעם — אַריסטאָן האָט ער אויך ניט געפאָלגט מיט בלינדער התבטלות אָן קריטיק. דער רמב"ם איז טאַקע געווען בעסט איבערצייגט, אַז אַלץ, וואָס אַריסטו האָט אַרויסגעזאָגט בנוגע צום עולם התחתון, ד. ה. צו אונזער וועלט, וואָס געפינט זיך אונטער דער לבנה — איז לויטער אמת, און ווער עס פּרוּווט דאָס אָפּלייקענען, טוט עס פּשוט מחמת „חוסר ההבנה": זיין שכל איז עס ניט אינשטאַנד משיג צו זיין די טיפע געדאַנקען פון אַריסטוס שיטה[1]. „אַריסטוס דעות — האָט דער רמב"ם געזאָגט — דאָס איז בכלל די גרענעץ פונם מענטשלעכן וויסן"[2]. און דאָך האָט דער רמב"ם אויך אויף דעם גרויסן אויטאָריטעט ניט געוואָלט שטענדיק זיך פאַרלאָזן, ווייל ער האָט געפונען, אַז דער גרעסטער אבן=

---

1 „מורה נבוכים" II, פּרק 22.

2 זע זיין בריוו צו שמואל אבן תיבון: ודעתו ר"ל דעת אריסטו הוא תכלית דעת האדם. דעם זעלביקן געדאַנק זאָגט אַרויס דעם רמבמ"ס בן-דור דער באַרימטער אַראַבישער דענקער אבן-רשד.

נגף אויפן וועג פון פרייען פאָרשן איז דער בלינדער און פחדנישער גלויבן אין אווטאָריטעטן...

דער באַקאַנטער דענקער שלמה מיימון דערציילט אין זיין אווטאָביאָגראַפיע מיט גרויס התפּעלות, אַז אַלץ, וואָס ער האָט דערגרייכט אויפן געביט פון בילדונג און וויסן, האָט ער אויסשליסלעך דעם רמב״ם צו פאַרדאַנקען, אָבער ער איז גלייך דערביי מוסיף: „אַזאַ גרויסן רושם האָט אויך מיר געמאַכט ניט אַזוי דעם רמבמס שיטה, ווי דער שטאָלצער מעוף [1] פון זיין פאָרשער-געדאַנק, וואָס האָט ניט געוואָלט וויסן פון קיין שום גרענעצן, אויסער די גרענעצן פונם שכל גופא, און זיין אויסשליס-לעכע ליבע צום אמת, וואָס איז ביי אים געווען העכער פון אַלץ אין דער וועלט״.

בכדי זיך צו איבערצייגן, וויפיל אמת עס שטעקט אין דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטיק, איז גענוג דורכצולייענען די שיינע בלעטער אינם „מורה נבוכים״, וווּ דער רמב״ם האַלט מלחמה מיט דער רוטינע און דער פּחדנות פונם מענטשלעכן געדאַנק, מיט דער התבטלות און בלינדן גלויבן אין די אווטאָריטעטן, און אַלץ, וואָס ס׳איז אָנגענומען פון אבות אבותינו, וואָס כ׳געוועלטיקט איבער אונז מיטן כוח פון דער מסורה, פונם פעסט-געשטעלטן מנהג. אָט אין דער ליבע פונם המון צום אַלטעגלעכן, צום לאַנגאָנעדיקן און אַלטבאַקאַנטן, אין זיין חשד און שנאה צום נייעם און אויסערגעוויינלעכן — זעט דער רמב״ם דעם פאַרביטערטסטן שונא פונם אמת; וויסן, דעם געפערלעכסטן אבן-נגף אויפן וועג פון זוכן און דער-פאָרשן דעם אמת [2].

זיין שאַרף קריטיש אויג האָט געשטרעבט פולשטענדיק אריינצו-דרינגען אין דעם תוך און תמצית פון דער זאַך, און דערביי אָן רחמנות און פחד אָפּגעוואָרפן יעדע אומבאַווייזענע הנחה, ניט וועלנדיק זיך רעכענען מיט קיין שום אווטאָריטעט. מהאי טעמא האָט דער רמב״ם אַנטשיידן אָפּגעוואָרפן אריסטוס דעה וועגן קדמות העולם און אייביקייט פון דער מאַטעריע, ווייל די ראיות, וואָס דער גריכישער דענקער האָט דערביי געבראַכט, האָט דער רמב״ם געפונען פאַר ניט גענוג איבער-צייגנדיק. און טאַקע דערביי האַלט ער פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן, מ׳זאָל כלל ניט מיינען, אַז ער איז דערפאַר אין דעם פּרט ניט נוטה

---

1 מעוף — פלוג, שוווּנג.

2 מורה נבוכים I, פרק 31, 73 און פיל אַנדערע. אין דעם פּרט איז דער רמב״ם אַ פאָרגענגער פונם באַרימטן מיטלאַלטערלעכן פאָרשער און דענקער ראָדזשער בעקאָן. דער אויטאָריטעט — זאָגט בעקאָן — דערקלערט גאָרניט; ער פאָדערט נאָר, מ׳זאָל אים גלויבן; ער באַפעלט בלויז דעם שכל; ער קלערט אים אָבער ניט אויף.

נאָך אריסטוס דעה, ווייל זי איז סותר אייניקע פּסוקים אין דער תּורה, ווּ עס ווערט דערציילט, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט פון תוהו ובוהו, ד. ה. באַשאַפן דעם יֶש מֵאַיִן, אויס דעם אַבסאָלוטן נישט זיין (ניהיל)[1]. ער טוט עס אויסשליסלעך דערפאַר, ווייל די דעה פון „בורא יש מאין" (creativ ex nihilo), וואָס ווערט געבראַכט אין „בראשית", לייגט זיך גיכער אויפן שכל ווי אריסטוס דעה וועגן קדמות העולם[2].

מיימונים רעליגיעז-פילאָזאָפיש סיסטעם איז בלי ספק אַ האַרמאָניש גאַנצער בנין; יעדער חלק איז קונציק און שכלדיק צוגעפּאַסט צום צווייטן. קלאָר און ליכטיק איז אין דעם דאָזיקן בנין, נאָר... קאַלט און אומגעמיטלעך פאַר דער פאַרבענקטער חיים-גלויבנדיקער נשמה... דער רמב"ם האָט אָנערקענט בלויז דאָס, וואָס ס'קאָן דערוויזן ווערן על פּי השכל און דער פאָרשער-געדאַנק גיט דערויף זיין הסכּמה. לויט זיין וועלטאויפפאַסונג באַשטייט דער הויפּט-צוועק פונם מענטשן אין פילאָזאָפישער חקירה, אינם אויספאָרשן די נאַטור-געזעצן און קודם כּל — אינם דערקענען און מַשיג זיין דעם בורא עולם.

ווי קאָן מען עס אָבער דערקענען, ווי קאָן מען עס משיג זיין דעם בורא עולם? מיר האָבן שוין פריער געזען, ווי די יידישע דענקער רַב סעדיה, אבן צדיק און אַנדערע האָבן אויפן שאַרפסטן אופן געוואָרנט פאַר הגשמה און אַנטראָפּאָמאָרפיזמען בנוגע צו גאָט, ד. ה. פאַר באַקליידן דעם באַשעפער מיט מענטשלעכע פאָרמען און אייגנשאַפטן. קיינער האָט אָבער ביז מיימוני[3] ניט אַזוי טיף און גלענצנדיק באַוויזן, אַז די השגות, וואָס דער מענטש קאָן האָבן וועגן דער גאָטהייט, מוזן זיך באַגרענעצן אויסשליסלעך מיט ריין נעגאַטיווע (פאַרניינענדיקע) אייגנשאַפטן. דעם מענטשנס שפּראַך איז דאָך אַזוי בלאָס, אַזוי אָרעם; זי איז ניט אינשטאַנד צו געבן אַן אמתן און ריכטיקן באַגריף וועגן דעם מהות פון די זאַכן און דערשיינונגען, וואָס רינגלען אַרום דעם מענטשן און פילן אָן דעם חָלָל פון דער וועלט. דער מענטש באַנוצט זיך מיט ווערטער — בילדער, ווערטער — סימבאָלן, און מיט זייער הילף דערוועקט ער אינם צווייטן באַשטימטע פאָרשטעלונגען און באַגריפן. ווי איז אָבער מעגלעך צו געבן מיט בילדער און צייכנס אַ באַגריף

---

1 מורה נבוכים, II, פּרק 25: דע כי אין בריחתנו מן המאמר בקדמות העולם מפּני הכּתובים אשר באו בתּורה בהיות העולם מחודש.

2 דאָרטן, פּרקים 22—25.

3 מורה נבוכים, I, פּרקים 50—60. די דאָזיקע פּרקים געהערן צו די שענסטע בלעטער פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע.

וועגן דעם, וואָס האָט ניט קיין תמונה און קיין בילד? ווי קאָן מען עס ריידן וועגן געטלעכע אַטריבוטן און אייגנשאַפטן, בעת אַלע שבחים און לויב־ווערטער, וואָס זיינען פאַרהאַן אין דער מענטשלעכער שפּראַך, זיינען דאָך צוגעפּאַסט צו ריין מענטשלעכע השגות; זיי שפּיגלען אין זיך אָפּ די מענטשלעכע געפילן און באַגערן, — דער מהות פון גאָט אָבער איז דאָך אַ גאַנץ אַנדערער, ער איז אַבסאָלוט פאַרשיידן פונם מענטשלעכן. דער מענטש מיט זיין בילדער־שפּראַך איז דערפאַר לחלוטין ניט אינשטאַנד צו שילדערן דעם מהות פון גאָט און דערביי, ווילנדיק ניטווילנדיק, איז ניט אָנקליידן אין אַ לבוש פון גשמיות, פון מענטשלעך־קערפּערלעכן. בעת מיר פאַרבינדן די גאָטס־אידעע מיט די שבחים: איינציק, ריין, תכלית־השלימות, דערהייבן וכדומה, דריקן מיר דערביי אויס אומבאַוווּסט אַזוינע באַגריפן, וואָס שטיצן זיך אויף אונזערע געפילן און ריין־קערפּערלעכע פאָרשטעלונגען. מיר זאָגן, למשל: גאָט איז איינציק. גאָטס אחדות איז אָבער פון אַ גאַנץ אַנדער אַרט ווי דער באַגריף וועגן איינציקייט, וואָס דער מענטש האָט. דעם מענטשנס איינ־ציקייט — דאָס איז דאָך אַ באַגריף וועגן איינעם צווישן פיל, אַ חלק פון אַ גרעסערער, גאַנצערער זאַך. אַזאַ באַגריף פּאַסט כלל ניט צו דער גאָטהייט. מיר זאָגן ווייטער: גאָט לעבט. נאָר דער באַגריף „לעבן" איז ביים מענטשן ענג פאַרבונדן מיט דער פאָרשטעלונג וועגן געפילן, באַוועגונג, און אויך וועגן דעם סוף פונם לעבן — דעם טויט. דער קעגנזאַץ אָבער פון לעבן און טויט איז דאָך גילטיק בלויז אין דער מאַטעריעלער, קערפּערלעכער וועלט, און צום גאָטס־באַגריף קאָן דאָס קיין שום שייכות ניט האָבן. מיר זאָגן ווידער: גאָט איז אייביק. דער באַגריף „אייביק" איז דאָך אָבער אַ פועל יוצא פונם צייט־באַגריף, און גאָט שטייט דאָך איבער דער צייט, ער איז אויסער איר, א. א. וו., א. א. וו....

עס איז קלאָר — פּירט אויס דער רמב"ם — אַז דעם מענטשנס שפּראַך איז ניט אינשטאַנד אויסצודריקן גאָטס שלמות. מיר וועלן דער־פאַר זיין נעענטער צום אמת, בעת מיר וועלן בנוגע צו גאָטס מהות און זיינע אייגנשאַפטן געברויכן ניט דעם „יאָ", נאָר דעם „ניט". עס איז פיל ריכטיקער, ווען מיר זאָגן: גאָט איז ניט איינער צווישן אַנדערע, ער איז ניט באַגרענעצט אין זיין מאַכט, ניט קערפּערלעך א. אַ. וו. [1].

דער רמב"ם פּאָלט דעריבער שטאַרק אָן אויף די „משוררים והמליצים", וואָס באַקרוינען גאָט אין זייערע פּיוטים מיט פיל שבחים און תוארים. די דיכטער רופט דער רמב"ם אָן בפשוט „פּתאים" — נאַראָנים,

[1] מורה נבוכים, I, פּרקים 57—58.

און זייערע תפילות און פּאָעטישע שאַפונגען, ווי עס ווערט גערעדט וועגן גאָט אין בילדער־שפּראַך — איז ביי אים אין די אויגן ניט אַנדערש ווי „גאָטלעסטערונג“ [1]. אפילו אין זיינע שאלות ותשובות זאָגט זיך דער רמב״ם אַנטשיידן אַרויס קעגן פּיוט־זאָגן אין די בתי התפילות, אַלץ מחמת דעם טעם, וואָס די „פּיוטים“ האָבן דאָך פאַרפאַסט ניט קיין „געלערנטע“, נאָר פּשוטע דיכטער, און יענע זיינען דאָך ניט אינשטאַנד זיך צו דערהייבן און דערנענטערן צו גאָט [2].

לויט דעם רמב״מס שטאַנדפּונקט איז, בכן, די פּאָעטישע השתפּכות הנפש פון אַ גבירול צי פון אַ יהודה הלוי ניט מער ווי אַ „גאָטלעסטערונג“, וואָס „נאַראַנים“ זיינען באַגאַנגען. דעם דאָזיקן שאַרפן, אָבער מער סיסטעמאַטישן ווי שעפערישן קאָפּ איז געווען פרעמד דער פּאַטאָס פון פּאָעטישן רוח הקודש, דאָס צאַפּלען פון דער בענקענדיקער נשמה, דער מעכטיקער מְעוּף פון דעם מענטשנס פאַנטאַזיע... די אומגעהייערע גרויסע און רייכע וועלט פון מענטשלעכע געפילן און באַגערן, די בעסטע טרייסט און נחמה פונם מענטשן — די פּאָעזיע מיט אירע בלענדנדיקע פאַרבן און גאָלדענע חלומות און האָפענונגען, אַלץ וואָס באַשיינט און באַשייַנט דעם מענטשנס לעבן — דאָס האָט מבטל געווען דעם רמב״מס שטאָל־שאַרפער, אָבער אייז־קאַלטער געדאַנק. ניט פאַרשטאַנען האָט דער דאָזיקער גאון, אַז אָט אין דעם אומדערמידלעכן האַרציקן שטרעבן און לעכצן צו דעם דערהייבענעם און איידעלן, וואָס דער מענטש גופא האָט אין גייסט געשאַפן — אַנטפּלעקן זיך די שענסטע און איידלסטע זייטן פון זיין בענקענדיקער נשמה. ניט פאַרשטאַנען האָט ער, אַז גבירולס און הלויס „פּיוטים“ פליסן אויס דעם שענסטן קוואַל — אויס די טיפענישן פון דער באַגייסטערט־רעליגיעזער נשמה, און שטרעבן צום העכסטן און הימליש־געטלעכן, וועגן וואָס עס חלומט דער מענטש אין די דערהייבנסטע מאָמענטן פון זיין לעבן...

גאָט דינען און גאָט דערקענען קאָן מען, לויט דעם רמב״מס וועלט־אַנשויאונג, ניט מיט תפילות און אפילו ניט מיט מעשים טובים און

1 מורה נבוכים, I, פרק 59: קצתם כפירה גמורה וקצת יש בהם מן השטות והפסד־הדמיון. שניאור זק״ש ווייזט אָן (התחיה, 1850. 3—5), אַז דער רמב״ם האָט דאָ הויפּטזעכלעך געצילט אין דעם בעל „כתר מלכות“ — אין שלמה בן גבירול.

2 הפיוטים הם הוספה על הענין והסדרת דברים רבים אינם מכונת התפילה ונוסף על זה שהמבוקש בהם המשקל והניגון, ובזה תצא התפילה מן כונתה הראוית לשחוק... נוסף על זה כי הפיוטים הנהוגים הם מיוסדים ממשוררים לא מלומדים כל כך עד שיהיו ראוים להתחנן במאמריהם ולהתקרב בהם אצל האל יתעלה (א. גייגער, מלא חפנים, 79).

מאָראַליש־ריינעם לעבן, נאָר הויפּטזעכלעך דורך פילאָזאָפיש פאָרשן; און צו דער מדרגה קאָנען דערגרייכן נאָר די, וואָס זיינען בקי אין אַלע געביטן פון רעאַלע וויסנשאַפטן, ווי מאַטעמאַטיק, פיזיק, לאָגיק א. א. אפילו אינם געבאָט פון דער תורה „ואהבת את ה׳ אלהיך" — זאָלסט ליב האָבן גאָט מיט דיין גאַנצער נשמה, האָט דער רמב"ם געזען אויס־שליסלעך דעם באַפעל, דער מענטש זאָל באַגרייפן, משיג זיין גאָט מיט דער שאַרף פונם געדאַנק; וואָרן ליבן הייסט פאָרשן, — פאַרזיכערט דער שעפער פון „מורה נבוכים". און אָט די השגה וועגן גאָט, זאָגט דער רמב"ם, דאָס איז דאָך דער גרעסטער פאַרגניגן, וואָס קאָן נאָר געמאָלט זיין [1].

באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר מיימונים וועלטאַנשויאונג איז זיין פאַרהאַלטן זיך צום גלויבן אין השארת הנפש און תחית המתים. מיר האָבן פריער געזען, ווי אין דער פראַגע וועגן קדמות און חידוש העולם האָט דער רמב"ם מסכים געווען מיט דער יידישער מסורה און זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַריסטוס דעה; דערפאַר אָבער אין דער פראַגע וועגן השארת הנפש נאָכן טויט פונם יחיד איז דער רמב"ם מער נוטה צו אַריסטוס שיטה און זאָגט דערביי אַרויס געדאַנקען, וואָס זיינען געוויס סותר דעם טראַדיציאָנעלן יידישן שטאַנדפּונקט.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז לויט אַריסטוס שיטה איז ניט גאָט דער מנהיג העולם, ניט ער פירט דעם סדר פון דער וועלט און ניט ער האָט די מאַטעריעלע וועלט באַשאַפן. אַריסטו זעט אין גאָט ניט דעם באַשעפער, ניט דעם בורא עולם, נאָר דעם העכסטן אידעאַל, דעם תכלית השלמות, וואָס איז משפיע אויף דער וועלט נאָר דערמיט, וואָס ער איז. אַלס תכלית השלמות, אַלס דערהייבנסטע מדרגה פון חכמה, איז ער דער העכסטער ציל און צוועק פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט — אַלץ שטרעבט און באַוועגט זיך אים אַנטקעגן. עס איז דערפאַר קלאָר, אַז לויט אַריסטוס שיטה איז די געטלעכע השגחה כלל ניט שולט איבער דעם יחיד, וואָרן דער מענטש איז דאָך באַהעפט מיטן חומר, מיט דער מאַטעריעלער וועלט, וואָס ניט גאָט האָט זי באַשאַפן, — לכן קאָן זיך זיין גורל ניט געפינען אונטער גאָטס השגחה.

דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט געפינט זיך זעלבסטפאַרשטענדלעך אין פולשטענדיקער סתירה מיט דער יידישער מסורה „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא" — דער דאָזיקער תלמודישער זאַץ איז העכסט כאַראַק־טעריסטיש פאַר דער גאַנצער נאַציאָנאַל־יידישער וועלטאַנשויאונג. דער

---

1 אין זיין „ספר המצוות" דערקלערט דער רמב"ם: וזה שנחשב ונתבונן במצותיו ומאמריו ופעולותיו, עד שנשיגהו ונהנה בהשגתו בתכלית ההנאה.

רמבּ״ם אָבער, דער גרויסער גאון בישראל, לייקנט פּאַקטיש אין דעם דאָזיקן זאַץ. לויט דעם רמבּ״מס וועלטאַנשויאונג, איז ניט יעדע מענטשלעכע נשמה באַגנאָדט מיט דער מתּנה פון אומשטערבלעכקייט. דער מענטש, זאָגט דער רמבּ״ם, אונטערשיידט זיך פון אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן נאָר דערמיט, וואָס ער פאַרמאָגט די הכנה, ד. ה. די פעיִקייט זיך צו פאַרפולקומען אין וויסן און אין חכמות [1]; אָבער נאָר אין דעם פאַל, ווען די דאָזיקע פעיִקייט ווערט געהעריק אויסגענוצט, ווען דער מענטש פאַרנעמט זיך מיט וויסנשאַפטן און פאַרטיפט זיך אין פילאָזאָפישע חקירות — ערשט דאַן אַנטפּלעקט זיך די הכנה בּפּועל, די בלויזע פעיִקייט און מעגלעכקייט ווערט מגולגל אינם יֵש, אין דעם, וואָס ס׳איז — אין דער רעאַלער ווירקלעכקייט. נאָר ביי דעם תּנאי באַהעפט זיך ערשט דעם מענטשנס נשמה מיט דעם „שׂכל הפּועל״ (אַקטיווער אינטעלעקט), דעם „ערד־גייסט״, וואָס רעגירט איבער דעם עולם התּחתּון און וואָס נאָר ער איז ווירקלעך אומשטערבלעך [2].

דער באַגריף וועגן „שׂכל הפּועל״ פאַרנעמט אַזאַ בּכבודיקן אָרט ניט נאָר אינם רמבּ״מס סיסטעם, נאָר בּכלל אין דער יידישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע פונם מיטלאַלטער, אַז מיר האַלטן פאַר נייטיק מסביר צו זיין דעם לעזער דעם מהות פון דעם דאָזיקן באַגריף. לויט אַריסטוס סיסטעם באַשטייט דער וועלטאַל פון אַ סך הימלישע „ספערן״, וואָס געפינען זיך אין שטענדיקער באַוועגונג. די דאָזיקע באַוועגונג קאָן, נאָך אַריסטוס דעה, אַרויסגערופן ווערן נאָר דורך קערפּערלאָזע סובסטאַנצן, ד. ה. דורך אייביקע אומשטערבלעכע גייסטיקע קרעפטן. די צאָל פון די דאָזיקע זעלבשטענדיקע גייסטער (אינטעלעקטן, שׂכלים נִבדָלים) איז גלייך דער צאָל פון די „ספערן״. אַריסטו באַטראַכט דערפאַר אויך די שטערן אַלס גייסטיקע סובסטאַנצן, וואָס זיינען באַשאַנקען מיט געטלעכן שׂכל. די אַראַבישע אַריסטאָטעליקער, וואָס האָבן איבערגענומען די אַריסטאָטעלישע שיטה אין אַ נעאָפּלאַטאָנישן לבוש, האָבן געגלויבט, אַז צווישן דער גאָטהייט (סִבָּה ראשונה) און דעם עולם התּחתּון זיינען

---

[1] מורה נבוכים, I, קאַפּ. 70: כי הנשמות הנשארות אחר המות אינה הנשמת החוה באדם כשיתהוה, שזאת החוה בעת התהוותו היא כח הכנה בלבד, ואחר המות הוא הדבר המגיע בפועל. משה נרבוני, דער טיפסטער דערקלערער פונם רמבּ״מס „מורה נבוכים״, שטרייכט דערביי אונטער: רבנו משה, עליו השלום, הלך בעקבות אלכסנדר הפרדסי בזה הדעת והאמין שהנפש היא כוח והכנה בלבד (מורה נבוכים, I, קאַפּ. 68).

[2] עס איז דערפון קלאָר, אַז דער רמבּ״ם לייקנט פּאַקטיש אין אינדיווידועלער השארת הנפש, ד. ה. אין דער אומשטערבלעכקייט פון דעם יחידס נשמה אַלס זעלבשטענדיקע רוחניות.

פאַרהאַן צען אַזעלכע „ספערן" (אין דער מיטלאַלטערלעכער העברעישער ליטעראַטור הייסן זיי „גלגלים"). דער ערשטער אינטעלעקט (שכל נבדל), וואָס ברענגט אין באַוועגונג די העכסטע „ספערע", איז אַ דירעקטע אָפּשפּיגלונג פון דער עִלַּת הָעִלּוֹת — פון דער גאָטהייט גופא. דער צווייטער אינטעלעקט איז אַן אָפּשפּיגלונג פונם ערשטן א. א. וו. דער לעצטער, דער צענטער אינטעלעקט, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער אונטערשטער, מיט דער לבנה-ספערע — אָט ער הייסט עס דער אַקטיווער אינטעלעקט אָדער דער שכל הפועל.

דער רמב"ם, וואָס האָט פעסט געגלויבט אין דער ריכטיקייט פון דער דאָזיקער אַריסטושער וועלט-אָנשויאונג, איז מיט אייזערנער קאָנזעקווענץ געקומען צו אַזעלכע הנחות, וואָס זיינען געשטאַנען אין פולשטענדיקער סתירה מיט דעם באַגריף, וואָס דאָס יידנטום האָט געהאַט וועגן דער ראָלע פונם מענטשן אין דער וועלט-באַשאַפונג. לויט דער ביבלישער מסורה זיינען ניט נאָר די ערדישע באַשעפענישן, נאָר אויך די שמערן און די פּלאַנעטן באַשאַפן געוואָרן צוליב דעם מענטשן. דער רמב"ם טרעט אַנטשיידן אַרויס קעגן דעם דאָזיקן געדאַנק.

„זאָל דער מענטש זיך ניט נאַרן, — דערקלערט מיימוני, — זאָל ער ניט מיינען, אַז אַלץ איז צוליב אים באַשאַפן געוואָרן, אַז אפילו די שכלים נבדלים, די גלגלים און די מלאכים — זיינען אויך נאָר צוליב אונז. פּרוּווט נאָר פאַרגלייכן דעם מענטשנס קליינלעכן שכל מיט די גרויסע אינטעלעקטן פון די „ספערן" — וועט איר גלייך דעם אמת באַגרייפן און קלאָר פאַרשטיין, ווי נאַריש ס'איז צו גלויבן, אַז אַלץ עקזיסטירט נאָר צוליב דעם נישטיקן מענטשן" [1].

דער רמב"ם פאַרשטייט אָבער זייער גוט, אַז דערמיט ווערט ערשט רעכט הארב די שאלה: צוליב וואָס איז די ערדישע וועלט באַשאַפן? דער געוויינלעכער רבניש-טעאָלאָגישער תירוץ, אַז די וועלט איז באַשאַפן צוליב דעם מענטשן און דער מענטש — גאָט צו דינען, — האָט דעם רמב"ם כלל ניט באַפרידיקט [2]. „דער דאָזיקער תירוץ, — ווייזט אָן

---

1 מורה נבוכים, III, פרק 13: שלא נאמין בנמצאות כולם שהם מפני מציאות האָדם... ולא תטעה בנפשך ותחשוב שהגלגלים והמלאכים נבראו בעבורינו, — הנה כבר התבאר לנו מדרגתנו: „הן גוים כמר מדלי". ובְחַן עצמך ועצם הגלגלים והכוכבים והשכלים הנפרדים ואז יתבאר לך האמת...

2 בלויז נאָך אין די יונגע יאָרן, בעת ער האָט געשריבן זיין פירוש אויף משניות, איז דער רמב"ם אויך נאָך געשטאַנען אויף דעם רבניש-טעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, אין דער הקדמה צו סדר „זרעים" שטרייכט ער אונטער: כי תכלית העולם וכל אשר בו הוא איש חכם וטוב.

מיימוני, — פאַרענטפערט פאַקטיש גאָר נישט, וואָרן מ׳קאָן דאָך ווידער אַנאַנד פרעגן: און צו וואָס האָט עס גאָט נייטיק, דער מענטש זאָל אים דינען? צו ווערט גאָט דען דאַדורך נאָך מער פולקומען? [1]. און דער רמב"ם קומט צום אויספיר, אַז די פראַגע איז פאַקטיש אומלייזבאַר, און מען מוז זיך באַגניגען מיטן ענטפער: „כן רצה השם או גזרה חכמתו" — אַזוי האָט גאָט מיט זיין חכמה באַוויליקט.

דער מענטש דאַרף וואָס מער זיך געוויינען צו דער מידה פון עניוות, — לערנט דער רמב"ם; דער מענטש איז כלל ניט דאָס אויבערשטע פונם שטייסל, דער וויכטיקסטער רינג אין דער וועלט־באַשאַפונג. נאָר דורך מיזאָמען פאָרשן, דורך פאַרפולקומען דעם פאַרשטאַנד מיט וויסנשאַפטן און פילאָזאָפישע חקירות איז דער אויסדערוויילטער מענטש זוכה, זיין נשמה זאָל זיך באַהעפטן מיטן „שכל הפועל"; און אָט אין דעם, וואָס זי, די נשמה, ווערט אַ קליינער טייל, אַ ניצוץ פון דעם דאָזיקן אייביקן גייסט — באַשטייט איר אומשטערבלעכקייט, און דאָס הייסט השארת הנפש. די נשמה אָבער פונם פשוטן מענטשן, וואָס זיין שכל האָט ניט געפאָרשט און געזוכט דעם פילאָזאָפישן אמת, די איז ניט אומשטערבלעך און זי גייט לאָבוד...

אריסטו, ווי מיר ווייסן שוין, האָט בכלל געלייקנט, אַז די געטלעכע השגחה זאָל שולט זיין איבער יעדן מענטשן באַזונדער. אַזוי ווייט איז מיימוני ניט געגאַנגען [2], נאָר אויך ער האָט גערעכנט, אַז ניט יעדער מענטש געפינט זיך אונטער גאָטס השגחה.

די השגחה, — זאָגט דער רמב"ם, — איז דאָך ענג פאַרבונדן מיטן שכל, און וואָס מער פולקומען ס׳איז דעם מענטשנס שכל, אַלץ שטאַרקער איז די השפעה פון דער השגחה אויף דעם באַטרעפנדיקן מענטשנס גורל [3]. אונטער גאָטס השגחה געפינען זיך בכן נאָר די מענטשן, וואָס זייער שכל איז „שלם השלמות". אָבער די „ווידערשפעניקסטע נאַראָנים" (הסכלים הממרים), — פירט ווייטער אויס דער רמב"ם, —

---

[1] מורה נבוכים, III, פרק 13: ואפילו היה הכל מפני האדם ותכלית האדם כמו שנאמר: לעבוד השם, — השאלה קיימת: והוא מה התכלית בהיותו עובד? והוא יתברך לא יוסיף שלמות עם יעבדוהו.

[2] מורה נבוכים, III, סוף פרק 18: ולא יתכן שנאמר שההשגחה מינית לא אישית... אם כן ההשגחה אמנם היא באישים האלה.

[3] מורה נבוכים, III, סוף קאַפּ. 17: אאמין שההשגחה נמשכת אחר השכל ומודבקת בו מפני שההשגחה אמנם תהיה ממשכיל ואשר הוא שכל שלם השלמות... אם כן כל מי שנדבק בו דבר מן השפע, כפי מה שישיגהו מן השכל ישיגהו מן ההשגחה... (זע אויך קאַפּ. 51).

וואָס זייער שכל איז ניט דערלויכטן געוואָרן און זיי געפינען זיך דערפאַר ניט אונטער דער השפעה פון דער געטלעכער השגחה, — זיי זיינען גלייך צו די איבעריקע בעלי חיים און בהמות, ווי עס שטייט אין פסוק (תהילים מט, יג): „נמשלו כבהמות נדמו", און עס איז ביי געוויסע אומשטענדן אפילו דערלויבט זיי צו הרגענען פון טובת הכלל וועגן [1].

די דאָזיקע גרויזאַמע ווערטער קלינגען כמעט ווי אומגלויבלעך אינם מויל פונם גרויסן פריידענקער. און דאָך זיינען זיי א לאָגישער פועל-יוצא פונם רמב"מס וועלט-אַנשויאונג. א קנאי פון זיין איינציקמעגלעכן ראַציאָנאַליסטישן אמת, ווערט דער רמב"ם, דער קעמפער פאַרן פרייען געדאַנק, א פאַנאַטישער אונטערדריקער פון אַנדערשדענקענדיקע. ער טיילט די מענטשן איין אין זעקס מדרגות (מורה נבוכים, III, 51) און צו דער צווייטער פון זיי רעכנט ער די מענטשן מיט „פאַלשע דעות". די דאָזיקע מענטשן, — איז דער רמב"ם מוסיף — דאַרף מען ביי געוויסע אומשטענדן אומברענגען און זייערע דעות אויסוואָרצלען, בכדי זיי זאָלן אַנדערע ניט פאַרפירן (ואלו הם אשר יביא הצרך בקצת העתים להרגם ולמחות זכר דעותם שלא יתעו זולתם).

אָט דער שטאָלצער ביטול און פאַראַכטונג צום „נאַרישן אומוויסנדיקן המון" פילט זיך זייער שאַרף ביים רמב"ם בכלל און אין זיין

---

1 מורה נבוכים, III, קאַפּ. 18. די אַלטע מפרשים: אפודי, שם טוב, אבן קַספּי, האָבן דעם דאָזיקן זאַץ פאַלש דערקלערט. בכדי צו איבערצייגן דעם לעזער, אַז מיר גיבן ריכטיק איבער דעם רמב"מס געדאַנק, ברענגען מיר די דאָזיקע וויכטיקע שטעלע אין פיר פאַרשיידענע איבערזעצונגען, מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַנוצט:

I. שמואל אבן תיבונס איבערזעצונג: ואמנם הסכלים הממרים כפי מה שחסרו מן השפע ההוא (השכל האלקי) היה ענינם כבהמות נדמו, ומפני זה היה קל להרגם אבל צוה לתועלת.

II. יהודה אלחריזים איבערזעצונג: אך הכסילים הפושעים כפי מה שיהסרו מן השפע ההוא תקל מעלתם ונכללו בסדר בעלי חי והבהמות כמו שנאמר: נמשלו כבהמות נדמו, וכן היא הריגתם נקלה כנגד התועלת הבאה ממנה.

III. שמעון שייערס דייטשע איבערזעצונג: דיע טהאָרען אונד אבטרוניגען היגנעגען, יע נאַכדעם זיע... דאַהער הורדע צו הייִלען איהרע פערטילגונג דעם אללגעמיינען וואָהלעס וועגען פאָן גאָטט געבאָטען.

IV. שלמה מונקס פראַנצויזישע איבערזעצונג: Quant aux hommes ignorants et pecheurs etant privés de cet epanchement, ils se trouvent dans un état meprisable et son mis au rang des autres espèces d'animaux; il est semblable aux bêtes privéesc de la parole (Ps. 49, 13); c'est pourquoi il a été considéré comme une chose légère de les tuer et cela a été même ordonné pour le bien publi) (Le Guide des Égarés, III, p. 138.

„מורה נבוכים" בפרט. אפילו די אַלטע יידישע נביאים, די אומדער־מידלעכע קעמפער פאַר אונטערדריקטע, פאַר יושר און גערעכטיקייט — אויך זיי ווערן ביים רמב"ם מגולגל אין פילאָזאָפן און בעלי חקירה, וואָס האַלטן זיך אָפּגעזונדערט פונם „המון" און זיינען תמיד פאַרטיפט אין די עולמות העליונים פונם „שכל הפועל". לויט מיימונים פאַרשטעלונג איז דער נביא אַ מאַן, וואָס האַלט זיך וואָס ווייטער פונם המון, זוכט ניט ביי אים ניט קיין כבוד ניט קיין שבח. קאַלטבלוטיק באַטראַכט ער און פאַרשט אויס די מעשים און די באַגערן פון אַט די דאָזיקע מענטשן, וואָס זיינען דאָך אין געוויסער הינזיכט גלייך צו די בהמות און חיות. אַט דער מאַן פון תכלית השלמות האַלט זיך וואָס ווייטער פונם המון און טראַכט נאָר וועגן דעם, ווי אויסצומיידן דעם שאָדן, וואָס דער המון קאָן אים ברענגען בעת ער קומט מיט אים אין באַרירונג, אָדער אויף וועלכן אופן קאָן מען זיך מיט דעם המון באַנוצן. ווען דאָס איז אים, דעם מושלם, נייטיק" [1].

די איינציקע אויפגאַבע פונם „המון", פונם פשוטן בשר ודם, וואָס זי באַרעכטיקט זיין לעבן אויף דער וועלט, דאָס איז — ראשית: באַדינען דעם „אדם בפועל", דעם מושלם אין אַלע חכמות, זאָרגן וועגן די הצטרכותן פונם אויסדערוויילטן, בכדי יענער זאָל קאָנען רויִק און אומגעשטערט זיך פאַרנעמען מיט חקירה און פילאָזאָפישע אמתן; והשנית: אים, דעם מושלם, דעם „אדם בפועל", אונטערהאַלטן און פאַרוויילן, ער זאָל זיך ניט פילן עלנד און פאַרלאָזן [2].

נישט מאָראַליש־עטישע שלֵמות, נאָר וויסן און פאָרשן, דער־גרונטעווען דעם תמצית פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט (מכל הנמצאות) — אַט דאָס איז לויט דעם רמב"מס איבערצייגונג דעם מענטשנס העכסטער ציל און צוועק אויף דער וועלט. אומשטערבלעך איז דערפאַר נאָר די נשמה פון דעם געלערנטן דענקער, וואָס דרינגט אריין מיט דער שאַרף פון זיין שכל אין די טיפן פון דער געדאַנקען־וועלט - נישט דורך מעשים

---

[1] מורה נבוכים, II, קאַפּ. 36: אבל יראה האנשים כלם כפי עניניהם אשר הם לפי הענינים ההם בלא ספק כבהמה או כחיה; אשר לא יחשוב השלם המתיחד כשיתשיב בהם אלא בצד ההנצל מהיזק המזיק מהם כשיזדמן לו עמהם ההשתתפות, או לקבל תועלת במה שיקובל בו תועלת מהם אם יצטרך אליו לצורך מצרכיו.

[2] זע די הקדמה צום פירוש אויף משניות סדר „זרעים": שהאנשים ההם (ערומים מן הערמה וריקים מן ההכמה) נמצאו לשתי סבות: האחת להיותם משמשים לאחד ההוא... לתקן אלו המלאכות שהאדם מצטרך במחיתו... כדי שימצא החכם צרכו מזומן... והסבה השנית במציאות מי שאין בו חכמה מפני שאנשי ההכמה הם מעטים מאוד... ועל כן נבראו ההמון לעשות הברה לחכמים שלא ישארו שוממים.

טובים דערנעענטערט זיך דער מענטש צו גאָט, נאָר אויף די פליגל פונם פאַרשער־געדאַנק, וואָס פאַרטיפט זיך אינם מהות פון גאָט. דאָס אמתע גאָט־דינען באַשטייט אין דעם, וואָס דער שכל דערוועגט זיך ריכטיקע דעות און השגות (לחשוב מחשבות אמונות ודעות עבודת השם).

„שלטון השכל!" — נאָר דער שכל איז די מאָס פון אַלע ווערטן; ער געוועלטיקט איבער דעם מענטשנס גורל, נאָר מיט זיין הילף שאַפט דער מענטש אַ פאַרבאַנד צווישן זיך און דער געטלעכער חכמה (שפע השכל האלהי). ווער אָבער עס פאַרטיפט זיך ניט אין פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, דער האָט ניט די זכיה, די שטראַלן פון דער געטלעכער השגחה זאָלן זיין גורל באַלייכטן, ער מעג אפילו זיין אַ צדיק תמים און זיין גאַנץ לעבן — אַ שיינער קראַנץ פון לויטער זעלבסטאָפּפערונג און מענטשן־ליבע...

זייער כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט דאָס לעצטע קאַפּיטל פונם „מורה נבוכים", ווו דער רמב"ם רעדט וועגן פיר מדרגות פון שלמות. די ערשטע, נידעריקסטע מדרגה — דאָס זיינען מאַטעריעלע רייכטימער; די צווייטע — קערפּערלעכע שלמות; די דריטע — מאָראַלישע. „אָבער — איז דער מחבר מוסיף — אויך די דריטע מדרגה דאַרף מען באַטראַכטן נאָר אַלס מיטל, אָבער ניט אַלס זעלבסטצוועק [1] מאָראַל און יושר — זאָגט דער רמב"ם — שפּילט דאָך אַ ראָלע נאָר אין געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, נאָר בין אדם לחברו. דענקט מען זיך אָבער דעם מענטשן אַלס יחיד, אויסער דעם קיבוץ — פאַרלירן דאָך זיין יושר און מאָראַל זייער גאַנצן ווערט. די העכסטע מדרגה פון שלמות איז אָבער די פערטע — די שלמות פון שכל, ווען דער מענטש דרינגט אַריין אין די טיפן פון דער אידעען־וועלט און באַקומט אַ ריכטיקן באַגריף וועגן דער גאָטהייט. „אָט דאָס — דערקלערט דער רמב"ם — און נאָר דאָס הייסט אמתע שלמות! נאָר דערמיט קויפט זיך דער מענטש אומשטערבלעכקייט און פאַרדינט צו טראָגן דעם נאָמען מענטש!" [2].

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, ווי יהודה הלוי באַטראַכט די געהייליקטע מסורה, די רעליגיעז־עטישע ירושה פון די אבות אַלס דעם „קאַטעגאָרישן באַפעל" פונם הארצן און אינעווייניקסטן באַוווסטזיין, וואָס לייזט אויס דעם מענטשן פון ספקות און גיט אים די פעסטע זיכערקייט,

---

1 זה המין מן השלמות גם כן איננו רק הצעה לזולתו ואינו תכלית כונה בעצמו.

2 וזאת היא התכלית האחרונה והיא השלמת האדם שלמות אמתי והיא לו לבדו ובעבורה יזכה לקיימות הנצחי ובמה האדם אדם. זע אויך זיין הקדמה צום פירוש אויף משניות, סדר „זרעים": ותכלית היות האדם לצייר לנפשו המושכלות.

אז אזוי מוז עס זיין, אזוי מוז און דארף געהאנדלט ווערן און נים אנדערש. דעם דיקטערס וועלטאנשויאונג שטיצט זיך אויפן יסוד פון געשיכטלעך-קאלעקטיווער אנטוויקלונג, איר וויכטיקסטער מיטלפונקט איז נים דער אפגעזונדערטער יחיד, נאר דער גאנצער קיבוץ, די אומה אין איר היסטארישער אנטוויקלונג. דער באשאפער פונם „מורה נבוכים" אבער איז פעסט איבערצייגט, אז דער זיכערסטער וועג, וואס פירט צו אמתער שלֵמות — דאס איז דער אפגעזונדערטער וועג פונם יחיד, פון דער שטאלצער איינזאמער מענטשלעכער פערזענלעכקייט. די העכסטע מדרגה פון שלֵמות איז די שלמות פונם פארשער-געדאנק, וואס זיין טרעגער איז נים דער קיבוץ, נאר דער יחיד. נים די מסורה און די ירושה פון די אבות, נאר דער פרייער פילאזאפישער געדאנק פונם איינזאמען דענקער, וואס שטייט איבער דעם קיבוץ, אפגעזונדערט פונם המון — אט נאר ער דערהייבט די מענטשלעכע פערזענלעכקייט צו דער העכסטער מדרגה און באשענקט זי מיט דער מתנה פון אומ-שטערבלעכקייט...

בנוגע צו די מאראליש-עטישע אויפגאבן פונם מענטשן און די צילן און צוועקן פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט, איז דער רמב״ם, ווי מיר זעען, אריסטוס א געטרייער תּלמיד. ווי אריסטו, אזוי האט אויך מיימוני געזען דעם מענטשנס העכסט גליק און פארגעניגן אויס-שליסלעך אינם פארשן, אין דער טעטיקייט פונם שארפן שכל; די מאראל איז בלויז דער פועל יוצא פונם פראקטישן פארשטאנד און זיין טעטיקייט. זי האלט אין צוים אונזער ווילן און צווינגט אים, ער זאל נים ארויס פון דער „מדה בינונית", ער זאל זיך נים דערלויבן קיין שעדלעכע עקסטרעמען און זיך פעסט האלטן אין דעם „שביל הזהב" [1].

אינם רמב״מס ווערק האט די יידישע מיטלאלטערלעכע פילאזאפיע דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון אנטוויקלונג. זיין „מורה", אט דער פעסטער גרונדשטיין פון דער יידישער טעאלאגיע אויף פילאזאפיש-ראציאנאליסטישע יסודות — האט אויף לאנגע דורות באפעסטיקט איבער דעם יידישן געדאנק די שליטה פון דער אריסטאטעלישער אידעען-וועלט. דער רמב״ם האט מער פון אלע אנדערע יידישע דענקער גורם געווען, וואס די יידן זיינען געווארן די פארמיטלער, דער פארבינדונגס-רינג צווישן דער גריכיש-אראבישער פילאזאפיע און דער מיטלאלטערלעכער קריסטלעך-לאטיינישער וועלט. דער „מורה נבוכים", וואס איז אויפן

---

[1] זע דעם רמב״מס „שמונה פרקים".

באַפעל פונם בארימטן קיסר פרידריך דעם צווייטן [1] איבערגעזעצט געוואָרן אויף דער קריסטלעכער קולטור=שפראך (אויף לאטיין) נאָך אין די ערשטע יאָרצענטן פונם דרייצענטן יאָרהונדערט, האָט געהאַט א געוואלדיקע השפעה אויף די מיטלאַלטערלעכע קריסטלעכע דענקער (די סכאָלאַסטיקער) [2]. דער בארימטער אַלבערט דער גרויסער ברענגט אין זיינע ווערק גאַנצע פּרקים אויס „משה המצרים" [3] Dux neutrorum (מורה נבוכים) [4]. נאָך א גרעסערע השפעה האָט דער „מורה" געהאַט אויפן צווייטן גאון פון דער מיטלאַלטערלעכער סכאָלאַסטיק, אויף טאָמאַס פון אַקווינאָ [5], וואָס האָט אין די וויכטיקסטע פילאָזאָפיש=טעאָלאָגישע פּראָבלעמען זיך באַנוצט מיט מיימונים ראיות און לאָגישע סברות. אפילו אין דער נייערער צייט האָט דער „מורה נבוכים" געמאַכט א גרויסן רושם אויפן בארימטן געלערנטן לייבניץ, וואָס האָט מיט התפעלות דערקלערט, אז אין דעם בוך „פון דעם אויסגעצייכנטן פילאָזאָף, מאַטעמאַטיקער, מעדיצינער און ביבל=דערקלערער ר' משה מיימון" האָט ער געפונען פיל מער פילאָזאָפישע טיפקייט, ווי ער האָט זיך געקאָנט דענקען [6].

גרויס איז געווען די השפעה פונם „מורה נבוכים" אויך אויף דער מוסלמענישער וועלט. נאָך ביים רמב"מס לעבן האָט שוין זיין „מורה" געהאַט מוסלמענישע מפרשים [7], און אינם פערצענטן יאָרהונדערט האָט

---

1 זע מ. שטיינשניידער: המזכיר, VI, 31 און העברעישע איבערזעצונגען, 433. די לאַטיינישע איבערזעצונג איז געמאַכט נים נאָכן אַראַבישן טעקסט, נאָר נאָך אַלחריזים העברעישער איבערזעצונג.

2 זע י. גוטמאַן: „די סכאָלאַסטיק", 85—120; „דער איינפלוס דער מיימונישען פילאָזאָפיע אויף דאָס קריסטליכע אַבענדלאַנד" (אין זאַמלבוך „מאָזעס ב. מיימון", I, 135—230); ד. קויפמאַן, דער „פיהרער מיימונים אין דער וועלטליטעראַטור (געזאַמ. שריפטען, II, 152—189).

3 ביי די סכאָלאַסטיקער הייסט דער רמב"ם „משה המצרי".

4 זע י. גוטמאַן אין זאַמלבוך „מאָזעס ב. מיימון", 153—175; מ. יואל: „פערהעלטניס אַלבערט דעס גראָסען צו מאָזעס מיימאָנידעס, 1876, און זיין „עטוואַס איבער דען איינפלוס דער יודישען פילאָזאָפיע אויף די קריסטליכע סכאָלאַסטיק".

5 ווענן דער השפעה פון דעם רמב"ם אויף טאָמאַס פון אַקווינאָ זאָגט דער פראַנצויזישער פאָרשער עמיל סעססעי (Emil Saisset): Maimonide est le precurseur de saint Thomas d'Aquin, et le More—Neboukhin annonce et prepare la summa theoloqial (Revue des deux mondes, 1886, I); זע אויך: י. גוטמאַן, דאָס פערהעלטניס טאָמאַס פאָן אַקווינאָ צום יודענטום, 1891, 31.

6 זאַמלבוך „מאָזעס ב. מיימון", I, 325—326.

7 זע שטיינשניידער, העברעישע איבערזעצונג, 361—362, 415.

מען אין פעץ און אין אַנדערע קולטור־צענטרען אין מוסלמענישע הויכ־שולן פליסיק שטודירט דעם רמב״מס פילאָזאָפיש ווערק [1].

אינם יידנטום גופא האָט דער רמב״ם געשאַפן אַ גאַנצע תקופה. וועגן דעם גאַנץ אויסערגעוויינלעכן רושם, וואָס דער גרויסער גאון האָט געמאַכט אויף זיין דור, זאָגט עדות די מערקווירדיקע אויפשריפט, וואָס אַן אומבאַקאַנטע האַנט האָט אויף דעם רמב״מס מצבה אויסגעקריצט. עס איז כמעט ניט צו גלויבן, אַ יידישע האַנט זאָל אויפצייכענען אַזעלכע פאַרגעטערונגס־ווערטער: „אַ שטערבלעכער מענטש — און דאָך ניט צו מענטשן געגליכן. ביזטו אַ מענטשן־זון, איז דיין מוטער פון אַ מלאך שוואַנגער געוואָרן; אָדער גאָט דער אַלמעכטיקער האָט אָן מאַן און ווייב פאַרן עולם התחתון אַ מלאך געשאַפן" [2].

דער באַקאַנטער דיכטער אלחריזי שרייבט אין זיין לויבגעזאַנג, וואָס ער האָט געשיקט דעם רמב״ם קיין מצרים: „אַ געטלעכער מלאך ביזטו און נאָך גאָטס געשטאַלט ביזטו באַשאַפן געוואָרן. וועגן דיר האָט עס געזאָגט דער אַלמעכטיקער: „נעשה אדם בצלמנו" [3]. אַן אַנדער דיכטער פון יענער צייט פאַרגלייכט משה בן מיימון צו משה רבנו, און פאַר־זיכערט, אַז מיימוני האָט מיט זיין פען ניט קיין קלענערע וווּנדער באַוויזן, ווי בן־עמרם מיט זיין שטעקן [4]. „צו וועם קאָן מען אים גלייכן — רופט מיט התפעלות אויס אַ שפּעטערער דיכטער, יעקב בן עזרא גבאי — אַז אויף דער ערד איז צו אים קיין גלייכן ניטאָ. בלויז אין די הימלען, צווישן די געטלעכע שרפים קאָן מען אים אַ ברודער געפינען, וואָס זאָל זיין ווערט דערגרייכן" [5].

אין די מזרח־לענדער האָט מען אין אַ כך קיבוצים אין דער קדיש־

---

1 יוסף אבן כספי דערציילט: וכל שכן הישמעאלים בפאס ובשאר ארצות אשר קבעו שם מדרשות ללמוד ספר המורה מפי סופרים יהודים (טעם זקנים, 53).

2 אָדָם — וְלֹא אָדָם, וְאִם אָדָם הָיִיתָ — כְּמַלְאֲכֵי רוּם אִמְּךָ הָרְתָה
או אוֹמְרָת לָאֵל: בְּאֵין אִשָּׁה וְאִישׁ מַלְאָךְ בְּעוֹלָם תַּחְתּוֹן בָּרָאתָ.

3 מלאך אלהים את ונבראת בצלם אל ואם אתה בתבניתנו
בגללך אמר אלהים: נעשה אדם בצלמנו ובדמותנו.

4 משה במקום צור נאמן הוא — על קו יושר העמיד דתות
גם עמו שם במקום מטה — ויעש בו את האותות.

5 מה אערוך אליו ולמי ידמה — כי אין עלי ארץ בחין ערכו
אם אעלה מעל לשרפי רום — שם אמצא לו אח בחין ערכו.

תפילה דעם רמב״מס נאָמען איינגעפלאָכטן [1] און געזאָגט ספּעציעלע פּזמונים, וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן פון זיין כּבוד וועגן [2].

דעם רמב״מס ראַציאָנאַליסטישע פּאָן מיט איר שטאָלצן דעוויז „שלטון השכל״ האָט שפּעטער אַרויסגערופן אַ פאַרביטערטן קאַמף אין געוויסע שיכטן פונם יידישן פאָלק. נאָר זיינע באַרימטע ווערק זיינען אין משך פון לאַנגע דורות געווען דער מיטלפּונקט, ווו עס פלעגן זיך צוזאַמענשטויסן די וויכטיקסטע שטרעמונגען אין דער יידישער קולטור. זיין „מורה״ איז יאָרהונדערטן לאַנג געווען דער זיכערער און געטרייער „וועגווייזער״ פאַר אַלע, וואָס בלאָנדזשען און זוכן און קעמפן פאַרן פרייען געדאַנק. דאָס דאָזיקע טיפע ווערק מיטן מעכטיקן מְעוֹף פונם פילאָזאָפישן פאָרשער־געדאַנק און מיט זיין אומדערמידלעכן אמת־זוכן איז געווען דער געטרייער וועקער, וואָס האָט גערופן צו נייעם לעבן, געוועקט פונם גייסטיקן שלאָף ניט נאָר אַזוינע גאוני הרוח ווי שפּינאָזאַ, שלמה מיימון און מענדלזאָן, נאָר אויך טויזנטער פּשוטע יונגע לייט, וואָס האָבן געלעכצט אין ישיבות און בתי מדרשים נאָך ליכט און וויסן...

1 דער רמב״ן שרייבט אין זיין באַקאַנטן בריוו צו די רבני צרפת: והנני מעיד עלי לפני רבותי שמים וארץ כי שמענו ממגידי אמת שבכל ארצות מלכות תימן קהלות רבות עוסקים בתורה... והיו מזכירים שם הרב בכל קדיש וקדיש: „בחייכון וביומיכון ובחיי דרבנא משה בן מיימון אשר האיר עיניהם בתורה והעמידו בקרן אורה.

2 זע ש. ד. לוצאַטאָ אין „כּרם חמד״, IV, 32, און „אגרות שד״ל״, 421.

זיבעטער קאַפּיטל

די פּאָעטישע פאָרמען פון דער העברעישער ליטעראַטור נאָך יהודה הלוי. — אַברהם אבן עזרא דער געלערנטער נע־ונדניק. זיין באַדייטונג אַלס אויפקלערער און קולטור־טרעגער. — אַברהם אבן עזרא אַלס ביבל־דער־קלערער און שפּראַך־פאָרשער. — די פילאָזאָפישע אָנשויאונגען פון אַברהם אבן עזרא און זיין באַטייט אַלס דיכטער. — אבן עזרא אַלס פּייטן און פּאַמפלעטיסט.

מיר האָבן שוין אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען אָנגעוויזן, אַז אין יהודה הלוים שאַפן האָט דאָס אויפבליען פון דער העברעישער מיטלאַלטערלעכער פּאָעזיע דערגרייכט די העכסטע מדרגה. דער ציון־דיכטער האָט געהאַט זייער אַ גרויסע השפּעה אויך אויף דער באַרייכערונג און אַנטוויקלונג פון די פּאָעטישע פאָרמען. דער דיכטער גופא ווייזט אָן, אַז די פערזן און גראַמען ווערן ביי אים געבאָרן געשווינטער ווי דער בליץ פונם געדאַנק [1]. אין זיינע לידער געפינען מיר אַ וווּנדערבאַרע עשרות פון פילפאַרביקע מעטרישע פאָרמען און האַרמאָנישע ריטמען און קלאַנגען. הלוי באַנוצט זיך, למשל, גאַנץ אָפט מיט דער אַראַבישער פאָרם „מושח" (אין העברעיש הייסט זי „אֵזוֹר" — דער באַנד), ווו דער בוי און דער גראַם פון די ערשטע פערזן הַזֶרט זיך איבער אינם געדיכט נאָך געוויסע הפסקות (אינטערוואַלן). די גרייס אָבער פון די דאָזיקע אינטערוואַלן, זייער ריטמישער בוי און ריים איז יעדעס מאָל פאַרשיידן, און יעדעס מאָל מיט נייע אומדערוואַרטע עפעקטן. אין דעם ליד „שלומותי שאי", חוץ דעם אַלגעמיינעם ריים, וואָס פאַרבינדט אַלע פערזן פונם ליד, איז נאָך יעדער טאָפּלפערז צונויפגעפלאָכטן מיט אייגענע צוויי אַנדערעריימען:

שְׁלוֹמוֹתַי שְׂאִי יונת רחוקים — לְעוֹפֶר מִדְבְּרֵי עָדְיוֹ — רביבים

לְגוֹנֵב לֵב בְּמִלָּיו הַחֲלָקִים — בְּשֶׁמֶן מֹר וְלֹא בְדְיוֹ — כְּתוּבִים.

---

1 דער דיכטער זאָגט אין איינעם פון זיינע לידער:

בָּאוּ הֲרוּזִים לֹא קְרָאָם רַעְיוֹן
נקרה בפי נקרו ולא נקראו.

אַ געוויסער סכום לידער ביי הלוין באַשטייען פון צענפּערזיקע סטראָפן; די פיר שלום־פּערזן האָבן אין אַלע סטראָפן איינע און די זעלביקע צוויי ריימען, די ערשטע זעקס פערזן אָבער האָבן אין יעדער סטראָפע זייערע באַזונדערע ריימען [1].

הלוי גופא באַדויערט שטאַרק אין זיין „כּוזרי" [2], וואָס אין דער העברעישער פּאָעזיע האָט זיך איינגעבירגערט די אַראַבישע מעטריק, וועלכע איז לויט דעם דיכטערס מיינונג צו פרעמד און שטערנדיק פאַר דעם גייסט און בוי פון דער ביבלישער שפּראַך. ניט קוקנדיק אָבער דערויף, וואָס די דאָזיקע אַראַבישע פאָרמען זיינען ווירקלעך צו גע־קינצלט און שווער, באַזיצן דאָך הלוים לידער אַ וווּנדערבאַרן מוזיקאַלישן קלאַנג, און די שווערע קייטן פון דער פרעמדער מעטריק זיינען ניט בכּוח (יעדנפאַלס — ניט שטענדיק בכוח) צו פאַרשטיקן דעם אייגנאַרטיקן אינעווייניקסטן ריטם און האַרמאָנישע צאַרטקייט פון הלוים סטראָפן. ווי גראַציעז און מוזיקאַליש ס׳איז, צום ביישפּיל, הלוים קליין ליד:

יוֹם נָד זְהָבִי צְבִי, אָרַח פָּרַח וּבִי
מָאַס וְאָמַר: אֲנִי סָר מֵעַל רֹאשֵׁךְ.
וָאֹמְרָה: מַה בְּרִי, מַה יֵשׁ בְּיָדִי מְרִי
כִּי תְאֻנַּף בִּי? וְעָנָה: מְרִיךְ רֵאשֵׁךְ [3].

גלענצנדיקע עפעקטן דערגרייכט אויך אונזער דיכטער, בעת ער באַנוצט פאָנעטיש־גלייכקלינגענדיקע ווערטער, נאָר מיט פאַרשיידענעם אינהאַלט און באַטייט, ווי, למשל, אין פאָלגנדיקן ליבע־ליד, וווּ דער דיכטער שילדערט אַזוי שטיפעריש, ווי די שוואַרץ־זיידענע לאָקן ברוימען אַרום דער מאַרמאָר־ווייסן שטערן און רויזנרויטע באַקן פון דער שיינער, וואָס איז אַזוי לייכטזיניק, אַז ווען זי האָט אויף אייך איין מאָל רחמנות, וועט זי דערפאַר אייך זעקס מאָל באַטריגן:

לְחִי כְּרִצְפַּת אֵשׁ בְּרִצְפַּת שֵׁשׁ
נִרְקַם סְבִיבָיו מֹר כְּרִקְמַת שֵׁשׁ
יוֹסֵף בְּלִבִּי אֵשׁ בְּקִרְבּוֹ לִי,
יַחְמוֹל פַּעַם וְיִבְגּוֹד שֵׁשׁ [4].

1 מער באַריכות וועגן הלוים מעטריק זע: ח. בראָדי, „סטודיען צו דען דיכ־טונגען יהודה הלוים" (1895).

2 „הכּוזרי", II, פּרקים 70—78.

3 דיוואַן הרכּבי, II, 74.

4 דיוואַן בראָדי, II, 31. איין און דאָס זעלביקע וואָרט „שֵׁשׁ" האָט אין ערשטן פערז דעם באַטייט מירמלשטיין, אין צווייטן — זייד, און אין פערטן — זעקס.

אין זיין באַקאַנטן ציון־ליד „הֲיוּכְלוּ פגרים" גיסט דער דיכטער אויס זיין שמאַרצהאַפט־ברענענדיק פאַרלאַנגען וואָס גיכער צו דערזען דאָס געבענטשטע לאַנד פון די אבות. און ווי אויסטערליש־שיין עס האַרמאָנירט מיט דעם שטורמישן דראַנג פונם דיכטערס באַגער דער בוי פון דעם דאָזיקן ליד מיט זיינע צווייפיסיקע, לייכטע, ווי מיט פליגל באַשענקטע פערזן. דער דיכטער בעט ביים ווינט, ער זאָל וואָס גיכער זיינע פליגל פאַרשפּרייטן און שנעל דאָס שיף צו מזרח ברענגען; און אָט דאָס געבעט ציטערט און שוועבט אין דער אייגנאַרטיקער מעטריק פון די פערזן, אין דעם האַרמאָנישן קלאַנג פון די האַס־טיקע טענער און זילבן:

עֲלֵי סְפִינָה — וְדָרְשִׁי מְדִינָה
אֲשֶׁר לַשְּׁכִינָה — בְּתוֹכָהּ חֲדָרִים.
וְחוּשִׁי בְּעוּפֵךְ — וְיַד אֵל תְּנִיפֵךְ
וְקִשְׁרִי כְנָפֵךְ — בְּכַנְפֵי שְׁחָרִים.
לְנָדִים וְנָעִים — בְּרוּחַ קְלָעִים
וְלִבּוֹת קְרוּעִים — לְאֶלֶף גְּזָרִים א. א. וו.

מיר האָבן פריער געזען, מיט וואָס פאַר צאַרנדיקער פאַראַכטונג שלמה גבירול האָט זיך פאַרהאַלטן צו די טאַלענטלאָזע שירים־שרייבער און פערזן־מאַכער, וואָס פּאָעזיע און קונסט זיינען ביי זיי געווען אַ מאָדע־זאַך, און וואָס זיי האָבן געזען אין זיי ניט די שענסטע קולטורעלע אוצרות, וואָס דערהייבן און באַרייכערן דעם מענטשנס נשמה, נאָר פילפאַרביק שפּילצייג און לייכטן צייטפאַרטרייב. אין יהודה הלוים צייטן איז די צאָל פון אַזעלכע דילעטאַנטן נאָך באַדייטנדיק געשטיגן, וואָרן דאָס „גרויסע דרייגעשטערן", ווי היינע האָט גערופן די דריי גרויסע העברעיִשע דיכטער פונם מיטלאַלטער, האָבן אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט און באַרייכערט די פּאָעטישע פאָרמען און די טעכניק פון שירים־שרייבן, אַז פאַרפאַסן גלאַטע פערזן איז בכלל ניט געווען שווער אפילו פאַר פּשוטע דילעטאַנטן, וואָס זיינען ניט געווען באַשאָנקען מיט קיין פונק פון פּאָעטישן טאַלענט. אויך יהודה הלוי האָט זיך פאַרהאַלטן מיט גרויס צאָרן און פאַראַכטונג צו די דאָזיקע „גראַמען־מאַכער". בעת זיינע פריינד האָבן אים פאַרחידושט געפרעגט, פאַרוואָס ער איז אויף אַ לאַנגער צייט אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זיי דער דיכטער מיט פאַרביטערונג געענטפערט: „פאַרדאָרבן און באַשמוצט איז דער קוואַל פון פּאָעזיע, עקל און פאַרדרוס

דערוועקט ער נאָר אין מיר. דער לייב קאָן מער ניט טרעטן אין זיין געליבטן שטעג, ווען קליינע פיקסלעך שנאָרן דאָרט ארום״ [1].

אָבער ניט נאָר „קליינע פיקסלעך״ און פשוטע „גראַמען-מאַכער״ האָבן געוואַנדערט איבער דעם „לייבן-שטעג״ פון פּאָעזיע. אויך מענער פון הויכער בילדונג און גרויסער ליטעראַרישער באַגאַבונג האָבן זיך אָפט באַנוצט מיט פּאָעטישע פאָרמען, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי זיינען קיין אמתע דיכטער ניט געווען. אין זייערע לידער פילט זיך, אמת, ניט דער פלאַם פון פּאָעטישן פּאַטאָס, דער מעוף פון דיכטערישער באַגייסטערונג, דאָך מאַכן זיי אַ שטאַרקן רושם מיט זייער עֲשרות פון טיפע געדאַנקען און מיט דעם קיניגלעכן גלאַנץ פון דעם שאַרף-געשליפענעם גאונישן שכל. אַט מיט די מעלות זיינען באַשאַנקען אַ סך לידער פון יהודה הלוים יינגערן בן-דור און נאָענטן פריינד, אברהם בן מאיר אבן עזרא [2].

אברהם אבן עזרא איז איינער פון די אָריגינעלסטע און אינטערעסאַנטסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס דאָס מיטלאַלטערלעכע יידנטום האָט פאַרמאָגט. דאָס איז געווען אַ מאַן פון פילזייטיקן ענציקלאָפּעדישן וויסן, וואָס האָט זיך קונה שם געווען אַלס אויסגעצייכנטער מאַטעמאַטיקער, אַסטראָנאָם, ביבל-דערקלערער, שפּראַך-פאָרשער און דיכטער. זיין אומרויִקער גייסט האָט אים ניט געלאָזט לאַנג זיצן אויף איין אָרט; אַן אייביקער נַע-וְנַדניק איז ער געווען, איז אַרומגעפאָרן איבער אַזיע, אַפריקע, געוואַנדערט איבער פיל שטעט פון איטאַליע, פראַנקרייך און ענגלאַנד. און אומעטום האָט ער איבער זיין וואַנדער-וועג פאַרשפּרייט די פרוכטבאַרע זוימען פון דער רייכער אַראַבישער קולטור. „אומעטום בין איך געווען — דערציילט וועגן זיך אבן-עזרא אין זיין באַקאַנטן געדיכט „נדוד אסיר עוני״ — האָב ביכער געשאַפן און פאַרבאָרגענע

1 בְּעֵת נִרְפַּשׁ מְקוֹר הַשִּׁיר וְנִשְׁחַת
מְאַסְתִּיהוּ וְנַפְשִׁי גָּעֲלָה בוֹ
וְאֵיכָה גוּר-אֲרִי יַם אֶל נְתִיבוֹ
וְשׁוּעָלִים קְטַנִּים הָלְכוּ בוֹ.

2 געבאָרן אין טאָלעדאָ אין 1092, געשטאָרבן אין רוים דעם 2טן אָדר 1167. אין דער מיטלאַלטערלעכער קריסטלעכער ליטעראַטור איז ער באַקאַנט אונטער דעם נאָמען אַ בְ רַ הַ ם י ו ד ע ו ס אָדער אַ ב ע נ אַ ר ע. די לעגענדע, אַז אבן עזרא איז געווען יהודה הלוים איידעם, האָט ניט קיין שום רעאַלן קערן. די דאָזיקע לעגענדע איז איבערגעגעבן באריכות און אין נאַיוו-פאָלקסטימלעכער פאָרם אויך אין יידיש, אין „מעשה-בוך״ און אין „כּבוד חכמים״.

סודות אנטפלעקט״ [1]. שטענדיק נע־ונד, געלעבט אין דחקות און אין נויט — דאָס אַלץ האָט דאָך ניט געשטערט אבן עזראן אין זיין אומדער־מידלעכן פאָרשן. פיל צענדליקע ביכער האָט ער געשריבן, וואָס זייער השפעה האָט זיך געפילט אין משך פון לאַנגע דורות אויף פאַרשיידענע געביטן פון וויסן [2]. מיט פיל מתנות האָט דעם דאָזיקן מאַן די נאַטור באַשאָנקען, נאָר אין איין מתנה פאַרגעסן. אַ באַרימטער געלערנטער און אויסגעצייכנטער סטיליסט איז דער אבן עזרא געווען — אָבער ניט קיין הארמאָניש־גאַנצע פערזענלעכקייט, ניט קיין פעסטער כאַראַקטער. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך־רייך באַגאַבטע נאַטור, נאָר פול מיט סתירות, אַן מאָס און גלייכגעוויכט. אַ גייסטרייכער סקעפּטיקער, וואָס צעגלידערט אַלץ מיט זיין שאַרפן קריטישן געדאַנק, און אין דערזעלביקער צייט — אַ מענטש אָן אַ פעסטן שטאַנדפּונקט, אַן אנטשיידענער קעגנער פון „אפּיקורסים״ און ניט זעלטן נוטה צו בלינדן אָבערגלויבן. אַ גלענצ־דיקער פרייער פאָרשער — און אַ פאַרבלענדטער אָנהענגער פון אַסטראָ־לאָגיע, פון קונצנמאַכערס און טרעפערס, וואָס זאָגן פאָרויס דעם מענטשנס גורל [3]. אבן עזרא האָט געלייגט די ערשטע יסודות פון קריטישער ביבל־פאָרשונג, און זיינע אידעען אויף דעם געביט האָבן שפּעטער געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויף שפּינאָזען, וואָס לויבט מיט התפּעלות אבן־עזראן אַלס „אויסגעצייכנטן געלערנטן און פרייען דענקער״ [4]. אבן־עזרא האָט אַרויסגעזאָגט פאַר זיין צייט ממש עפּאָכעמאַכנדיקע השערות וועגן דער אַנטשטייאונגס־געשיכטע פון דעם חומש־טעקסט, און אויך וועגן דער צייט, ווען עס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן געוויסע קאַפּיטלעך „תהלים״ און דער צווייטער טייל פון ספר „ישעיה״. ער איז אָבער געווען אַ גרויסער אביון, תמיד אָפּהענגיק געווען פון גבירים־מעצענאַטן, וואָס האָבן אים געגעבן תמיכה און ניט דערלאָזן, ער זאָל אויסגיין פאַר הונגער, — האָט

---

1 בְּכָל מָקוֹם גַּרְתִּי — סְפָרִים חִבַּרְתִּי,
וְסוֹדוֹת בֵּאַרְתִּי — וְכָרָאוּי מוּצָקִים.

2 איינער פון די מיטלאַלטערלעכע שריפטשטעלער זאָגט עדות, אַז אבן עזרא האָט פאַרפאַסט איבער הונדערט ווערק (זע „כרם חמד״, IV, 132: כי ק״ח חבורים חבר לפי מה שבאזנינו שמענו). דער רייסטער פון אבן עזראס וויכטיקסטע ווערק און די דאַטן, ווען זיי זיינען פאַרפאַסט געוואָרן, זע: ד. ראָזין, „די רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע אברהם אבן עזראס״ (מאָנאַטסשריפט, 1898, 25—26).

3 דעם רייסטער פון אבן־עזראס אַסטראָלאָגישע ווערק זע ביי ד. ראָזין אין דער אויבנדערמאָנטער אַרבעט (מאָנאַטסשריפט, 1898, 250). דאָרטן (305—315, 345—362) ווערן אויך געבראַכט אבן־עזראס אַסטראָלאָגישע אָנשויאונגען.

4 שפּינאָזעס Tractato theologico-politicus cap. VIII.

דער אָרעמער געלערנטער מורא געהאַט אָפן אַרויסצוזאָגן זיינע פריידע, פאַר יענער צייט שטאַרק אַפּיקורסישע געדאַנקען. פלעגט ער זיי דערפאַר אַרויסזאָגן פאַרשטעלט, מיט לויטער רמזים און אָנצוהערענישן [1]. „יש לו סוד", „והמשכּיל יבין", „והמשכּיל ידום" — ווייזט יעדעס מאָל אָן דער אבן עזרא. זיינע השערות זאָגט ער אָבער אַרויס אַזוי טונקל און פאַרשטעלט, אַז אַפילו דעם „משכּיל" איז אָפט זייער שווער דעם „סוד" צו אַנטפּלעקן [2].

אָן אויסגעצייכנטער פּאָפּולאַריזאַטאָר, וואָס ווייס דעם סוד, ווי אַזוי אַרויסצוזאָגן דעם טיפסטן געדאַנק קלאָר און פאַרשטענדלעך, ווערט ער אָפט מיט אַ מאָל זייער טונקל און האַרב. אליין אַ פרייער פאָרשער — שפּילט ער אָפט דעם שטאָק-פרומען, דעם אמתן קנאי, וואָס איז זיך מוסר נפש פאַרן מינדסטן פינטעלע פון דער מסורה, פאַר יעדן אות פון דער תּורה.

נישט קוקנדיק אויף די אַלע אינעווייניקסטע סתירות, איז דאָך אברהם אבן עזרא געווען אַן אמתער אויפקלערער און קולטורטרעגער, און זייער גרויס איז געווען זיין השפּעה אויף דער ווייטערדיקער גייסטיקער אַנטוויקלונג פונם יידנטום, בפרט פונם יידישן קיבוץ, וואָס האָט געוווינט אין דער קריסטלעכער אייראָפּע. ער איז געווען איינער פון די ערשטע יידישע געלערנטע אין דער אַראַבישער שפּאַניע, וואָס האָט זיך באַנוצט צו וויסנשאַפטלעכע צוועקן ניט מיט דער אַראַבישער, נאָר אויסשליסלעך מיט דער העברעיִשער שפּראַך. דערצו האָט, אמת, פיל מיטגעהאָלפן דער אומשטאַנד, וואָס אבן-עזרא האָט געשריבן זיינע וויסנשאַפטלעכע ווערק אין די קריסטלעכע לענדער (איטאַליע, פּראָוואַנס, ענגלאַנד), וווּ די אַראַבישע שפּראַך איז געווען אומפאַרשטענדלעך. אבן-עזרא האָט זיך טאַקע מהאי טעמא געשטעלט די אויפגאַבע צו באַקענען די קולטורעל-

1 צום ביישפּיל: בעת דער אבן-עזרא דערקלערט די ערשטע פּסוקים פון חומש „דברים", ברענגט ער אייניקע ציטאַטן פון חמשה חומשי תורה און ווייזט דערביי אָן אין זייער פאַרשטעלטער פאָרם, אַז אָט די דאָזיקע שטעלן באַווייזן גאַנץ בולט, אַז די תורה איז רעדאַקטירט געוואָרן באַדייטנדיק שפּעטער נאָך משה רבנו: ואם תבין סוד השנים עשר (די לעצטע צוועלף פּסוקים פון ספר „דברים", ווו עס ווערט דערציילט וועגן משה רבנוס טויט), גם ויכתוב משה, והכנעני אז בארץ, בהר ד' יראה, גם והנה ערשו ערש ברזל — תכיר האמת.

2 אויף איין אָרט (אין זיין פּירוש צו דניאל, א, ד) ווייזט אבן-עזרא גופא אָן, אַז ס'זיינען פאַרהאַן אַזעלכע געלערנטע, וואָס זאָגן ניט אַרויס אָפן, וואָס ביי זיי איז אונטערן האַרצן, נאָר מיט רמזים און אויף אומוועגן" (יש חכמים ילאו להוציא בלשונם מה שיש בלבם, כי אם בדרך רחוקה ובארחות עקלקלות).

אָפּגעשטאַנענע יידישע קיבוצים אין איטאַליע און פּראָוואַנס מיט די וויסנשאַפטלעכע אוצרות, וואָס די שפּאַנישע יידן האָבן געזאַמלט. אבן-עזראס א יינגערער בן-דור, דער באַרימטער איבערזעצער פון אַראַביש יהודה אבן-תיבון, האָט שוין אין זיין צייט געהאַלטן פאַר נייטיק אונטער-צושטרייכן די גרויסע אויפקלערונגס-ראָלע, וואָס אבן-עזרא האָט געשפּילט בנוגע צו דעם דרום-פראַנצויזישן יידישן קיבוץ [1]. פיל שפּעטער, אינם פערצענטן יאָרהונדערט, רעדט אויך דער באַקאַנטער דיכטער ידעיה הפניני, דער בעל „בחינת עולם", מיט גרוים התפעלות וועגן אבן עזראס קולטור-אַרבעט אין פּראָוואַנס, ווו „ער האָט אַלעמען די אויגן געעפנט" [2].

בכדי צו דערוועקן צווישן יידן פון דער קריסטלעכער אייראָפּע דעם אינטערעס און געשמאַק צום וויסנשאַפטלעכן שפּראַך-פאָרשן, האָט אבן-עזרא איבערגעזעצט אין העברעיש חיוג'ס פילאָלאָגישע ווערק און אַליין אויך פאַרפאַסט אייניקע ביכער וועגן העברעישער פילאָלאָגיע: „ספר צחות", „ספר מאזנים" [3] און אַנדערע. אויך אין זיין באַרימטן פירוש אויף תורה [4], איבער וועלכן ער האָט געאַרבעט ביז אין לעצטן טאָג פון זיין לעבן [5], און אין זיינע פירושים צו די איבעריקע ביבלישע ספרים, פאַרנעמט דעם בכבודיקסטן אָרט די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג פון דער ביבל-שפּראַך. „קודם-כל — דערקלערט ער אין דער ערשטער הקדמה צום פירוש התורה — וועל איך זען יעדעס וואָרט געהעריק גראַמאַטיש אויסצופאָרשן און ערשט דערנאָך איבערגיין צום פירוש הפשט... איך וועל

---

1 אין דער הקדמה צו זיין איבערזעצונג פון אבן-ג'נחס „הרקמה" שרייבט אבן-תיבון: עד אשר בא החכם ר' אברהם בן עזרא בארצותם ועזר להם גם הוא בענין הזה בחבורים קצרים, כלל בהם דברים נחמדים ויקרים.

2 אין זיין באַקאַנטן „כתב ההתנצלות" שרייבט ידעיה הפניני: ואבותינו ספרו לנו שמחת גדולי הארץ הזאת חסידיה ורבניה לקראתו (אבן-עזרא) בעברו עליהם, והוא החל לפקוח עיניהם בגלילותינו.

3 אין דער הקדמה צו דעם דאָזיקן ווערק גיט דער פאַרפאַסער זייער אַ ווערט-פולן רייסטער פון אַלע יידישע שפּראַך-פאָרשער (שמות זקני לשון הקדש), וואָס האָבן געלעבט ביז זיין צייט.

4 דער טעקסט פון אבן-עזראס באַרימטן פירוש איז לײדער שטאַרק פאַרגרייזט אין אַלע אויסגאַבן. אַ קריטיש-וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע וועט ערשט דעמאָלט מעגלעך זיין, ווען מען וועט פאַרגלייכן דעם טעקסט מיט די אַלטע כתבי-יד. וועגן טעקסט-אויסבעסע-רונגען אין אבן-עזראס פירוש זע: ש. י. פין אין „גן פרחים", I; ח. באַכער אין „אוצר טוב", 1891, 1—51.

5 אין פירקוביצעס מאַנוסקריפּטן-קאָלעקציע געפינט זיך די אַלטע פאַרמעטענע האַנטשריפט פון אבן-עזראס פירוש אויף י' תורה, געשריבן אין דער שטאָט כּפּה

מיך דערביי כלל ניט אָפּשטעלן אויף די טעמים און דערקלערונגען בדרך דרוש, וואָס די בעלי המסורה האָבן בשעתּם געמאַכט, ווייל זיי געהערן כלל ניט צום ענין... און זיי זיינען נוצלעך נאָר פאַר די קינדער אין די חדרים. איך וועל מיך אויך ניט באַנוצן מיט די אויסבעסערונגען פון די שפּעטערע סופרים; איך וועל נאָר אין באַטראַכט נעמען דעם תּרגום (אַראַמעיִשע איבערזעצונג), ווייל זיין איבערזעצונג איז ריכטיק און ער האָט ווירקלעך קלאָר און פאַרשטענדלעך געמאַכט אַלע טונקעלע שטעלן [1].

אבן־עזרא האָט אַפילו געהאַלטן פאַר נייטיק שאַרף אַרויסצוטרעטן קעגן די אַלטע פּייטנים מיט אליעזר הקליר בראש, ווייל זיי האָבן אויף אַ באַרבאַרישן אופן באַהאַנדלט די העברעיִשע שפּראַך, זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט איר בוי און אירע כּללים, און באַשאַפן משונה־אומ־געלומפּערטע ווערטער, וואָס ס'איז שווער זייער פּשט צו דערגיין [2].

אַ פילזייטיקער געלערנטער, האָט אבן עזרא מיט אויסערגעוויינ־לעכער געשווינדקייט געשריבן איין בוך נאָכן אַנדערן אויף פאַרשיידענע געביטן פון וויסן: מאַטעמאַטיק [3], אַסטראָנאָמיע [4], אַסטראָלאָגיע און רעליגיעזע פילאָזאָפיע. צום לעצטן געביט געהערט זיין ווערק „יסוד מורא", וואָס ער האָט פאַרפאַסט אין לאָנדאָן אינם יאָר 1158, אויפן

(היינטיקע פּיאַדאָסיע) אינם יאָר 1281, דורך איינעם שלמה בן יעקב. אויף דער לעצטער זייט פונם כתב־יד געפינט זיך אבן־עזראס אַ שיר מיט פאָלגנדיקע שלום־פערזן:

וכשם שעזרתני בטובך — וכתבתי לשר כל הספרים
והשלמתו בארבעת אלפים — תשע מאות וגם שבע ועשרים
שנה שישית למחזור ר"ס ברומי — שנת רצון שנת תפקוד אסורים
ביום שני ביום טובה ושמחה — לאדר בו עשיית נס לעברים.

נאָך דעם שיר געפינט זיך אַ באַמערקונג פונם אָפּשרייבער, אַז טאַקע אין דעם זעלבן טאָג (ב' אדר התתקכ"ז) איז אבן עזרא געשטאָרבן (וביום שני בראש חדש אדר הראשון שנת תתקכ"ז לפרט נפטר רבי אברהם אבן עזרא זצ"ל והוא בן ע"ה שנה, ושם לעצמו סימן בכתיבת ידו ביום שנפטר: ואברהם בן חמש ושבעים שנה בצאתו מחרון אף ד').

1 ולא אשא פנים בתורה, ואחפש היטב דקדוק כל מלה בכל מאדי, ואחר כן אפרשנה כפי אשר תשיג ידי... ולא אזכיר טעמי חכמי המסרת, למת זאת מלאה וזאת נחסרת, כי כל טעמיהם בדרך הדרש הם. רק לתינוקים טעמיהם טובים הם, גם בפירושים הישרים אין צורך לתיקון סופרים; ומתרגם התורה ארמית תרגם אמת ובאר לנו כל נעלמת...

2 זע זיין פירוש אויף קהלת, קאַפּ. 5.

3 יסוד המספר, ספר האחד (פאַרעפנטלעכט דורך ש. פינסקער און נאלדהארט אין 1867) און אַנדערע.

4 ספר העבור, ספר הלוחות, כלי הנחושת. וועגן ענטדעקונגען, וואָס אבן עזרא האָט געמאַכט אויפן געביט פון אַסטראָנאָמיע, זע: מ. שטיינשניידער, ספרות ישראל, 280.

ווּנטש פון זיין תּלמיד יוסף בן יעקב. אבן עזרא גופא דערציילט, אז דאָס דאָזיקע ווערק האָט ער פאַרפאַסט אין משך פון א חודש צייט [1]. און דאָס ווערק, וואָס ס'איז געשריבן געוואָרן אין אזא גרויס איילעניש, האָט טאַקע צוליב דעם שטאַרק געליטן. אַלץ איז דאָרט אין תוהו ובוהו און עס איז כמעט אוממעגלעך צו באַקומען פון דעם „יסוד מורא" א קלאָרן באַגריף וועגן אבן עזראס פילאָזאָפיש-רעליגיעזע אַנשויאונגען. פיל אינ-טערעסאַנטער זיינען אין דער הינזיכט אבן-עזראס צוויי קליינע ווערק, וואָס זיינען געשריבן אין גערייםטער פראָזע: „חַי בן מְקִיץ" [2] און „ערוגת החכמה ופרדס המזמה" [3].

אבן עזרא האָט, אמת, קיין גאַנץ פילאָזאָפיש סיסטעם ניט געשאַפן, ער האָט אָבער מיט פולער האַנט פאַרשפּרייט אין זיינע ווערק א סך טיפע און אָריגינעלע געדאַנקען, וואָס זיינען ערשט אין די שפּעטערדיקע דורות אויפגענומען געוואָרן אין דער יידישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע [4] און דאָרט געפונען זייער ווייטערדיקע אַנטוויקלונג.

אין דעם קאַמף צווישן די אַריסטאָטעליקער און נעאָפּלאַטאָניקער האָט אבן עזרא אַלס דענקער ניט פאַרנומען קיין פעסט באַשטימטע שטעלונג, דאָך איז ער לויט זיין פילאָזאָפיש-רעליגיעזער וועלט-אַנשויאונג מער נוטה צו דער נעאָפּלאַטאָנישער שיטה, דערצו נאָך א ביסל געפאַרבט מיט פּיטאַגאָראַסעס אידעען [5]. באַזונדערס שטאַרק פילט זיך די השפעה פון גבירולן און זיין „כתר מלכות" [6].

„אַזוי ווי א פאַרוואָגלטער, — זאָגט אבן עזרא — וואָס שמאַכט

---

1 אני אברהם הספרדי בר מאיר הנקרא אבן עזרא התחלתי לחבר זה הספר ולכתבו בעיר לונדריש באי אנגלטירא בירח תמוז ונשלם בירח אב סוף ארבעה שבועות.

2 געשריבן נאָכן מוסטער פון דעם אַראַבישן פילאָזאָף אבן-סינאַס א ווערק אונטער דעם זעלביקן נאָמען. דאָס דאָזיקע ווערק איז אויך פאַראַן אין א העברעיִשער איבערזעצונג (פאַרעפנטלעכט דורך דוד קויפמאַן אין קבץ על יד, II, 1886).

3 נעדרוקט אין כרם חמד, IV, 5—1.

4 אבן עזראס פילאָזאָפישע אידעען האָט נעפרובט געבן אין סיסטעמאַטישער פאָרם נחמן קראָכמאל אין זיין „חכמת המסכן".

5 נעחים אונטער דער השפעה פון „ספר יצירה", אויף וועלכן אבן עזרא האָט נעשריבן א פירוש.

6 מער באַריכות וועגן גבירולס השפעה אויף אבן עזראן זע: ה. ראָזין, אין מאָנאַטסשריפט, 1898, 29. אין זיין פירוש אויף תורה ציטירט אבן עזרא אין אייניקע ערטער גבירולן אויך אַלס ביבל-דערקלערער.

אין תפיסה אין דער פרעמד — בענקט צוריק אַהיים, אַזוי שטרעבט אויך דעם מענטשנס גייסט אין דער הויך צו די געטלעכע געוועלבן״ [1].

„ווײַל דער מענטש — ווײַזט אָן אבן עזרא — איז אַ אָפּשפּיגלונג פון דעם בורא עולם און פילט אים שטענדיק אין זיך, דערפאַר איז אַזוי אומדערמידלעך זײַן דראַנג אין די הויכן צום קוואַל פון חכמה״ [2].

„אָבער — שטרײַכט אבן עזרא מערערע מאָל אונטער — גאָט דערקענען, משיג זײַן זײַן גרויסקייט — איז מען ניט נאָר מיטן שכל, נאָר אויך מיטן הארצן, מיט אַלע מענטשלעכע געפילן. אָט דער מאָטיוו קלינגט אין פיל רעליגיעזע לידער זײַנע. „יעדער בילד, וואָס דו זעסט — אַזוי הייבט זיך אָן איינס פון די דאָזיקע לידער — זאָגט עדות: „אֵין זולתו!״, יעדער קלאַנג, וואָס ס׳פּאַרנעמט דײַן אויער — זינגט זײַן גרויסן לויב; יעדער אָטעם, יעדער דופט, וואָס דו טוסט ריכן — דערציילט וועגן זײַנע ווערק; אין יעדן טעם, וואָס באַרירט דײַן גומען — אַנטפּלעקט זיך פון זײַן גרויסקייט דער טיפער סוד; דײַנע הענט — זיי זײַנען טרײַע עדות, מיט זיי פאַסטו אָן זײַנע גרויסע וווּנדער; און דײַן פאַרשטאַנד, וואָס דענקט און טראַכט — פון אים איז דאָך זײַן אָנפאַנג״ [3].

אבן עזראס רעליגיעזע לידער [4] פעלט דער אמת פּאַטעטישער שוווּנג, דער שטורמישער פּאַטאָס פון באַגייסטערונג. זיי זײַנען ניט דורכ־געדרונגען מיטן פלאַם פון אינווייניקסטער התלהבות, זיי לייכטן אָבער

---

1 כאשר יתאוה האורח שנשבה לשוב אל ארץ מולדתו — כן תכסף הרוח המשכלת להאחז במעלות הגבוהות עד עלותה אל מערכית אלהים (הקדמה צום פירוש אויף קהלת).

2 יחזה אלוה מבשרו וסוד נפשו ולא כפי שמועות ולא ישקוט עדי ירבה תבונה (כרם חמד, IV, 6).

3 בְּכָל מַרְאֶה אֲשֶׁר תִּרְאֶה — עֵד כִּי אֵין זוּלָתוֹ
וְכָל שֵׁמַע אֲשֶׁר תִּשְׁמַע — יַשְׁמִיעַ תְּהִלָּתוֹ
וְכָל רֵיחַ אֲשֶׁר תָּרִיחַ — יוֹדִיעַ עֲלִילָתוֹ
וְכָל טַעַם אֲשֶׁר תִּטְעַם — יְבָאֵר סוֹד גְּדוּלָּתוֹ
וְיָדֶיךָ הֵן עֵדֶיךָ לְהָמִישׁ בְּחֹן פְּעֻלָּתוֹ.
וְכָל שֶׂכֶל אֲשֶׁר תַּשְׂכִּיל מֵאִתּוֹ תְּחִלָּתוֹ (דיוואַן, 44).

פאַרגלײַך אויך אבן־עזראס פיוט „אזכור קצות הנוראות״, וואָס געפינט זיך אין מחזור מאַנפּעליע; איבערגעדרוקט אין „ליטעראַטורבלאַט דעם אָריענטס״, 1845, 282.

4 צו אבן־עזראס רעליגיעזע לידער געהערט אויך אַן איינגאַרטיקע גרופּע דידאַק־טישע לידער אין פאָרם פון חיכּוחים: חיכּוח צווישן זומער און ווינטער, צווישן די חיות און דעם מענטשן, צווישן ברויט און ווײַן, יום־טוב און שבת א. אַ. וו. דער פועל־יוצא פון די אַלע וויכּוחים איז — אַז אַלץ איז באַשאַפן בכדי צו לויבן גאָט און זײַנע גרויסע מעשים.

מיטן רויִקן שײַן פונם אײדעלן, שטאָלצן שכל, און שימערירן מיטן פֿיל־פאַרביקן גלאַנץ פונם שאַרפן פילאָזאָפישן געדאַנק. אבן עזרא האָט אָבער געשריבן ניט נאָר רעליגיעזע לידער. ווי זײַנע באַרימטע פאָרגענגער, דער „גרויסער דרײַגעשטירן״, אַזוי האָט אויך ער באַקלאָגט אין פיל עלעגיעס דעם פאַרחושכטן גורל פון דער גלות־פאָלק. „אין גלות און אין דלות לעבט פאַרפינסטערט און פאַרוויסט דאָס פאָלק ישראל. אונטער ישמעאלס האַנט זײַנען מיר געוואָרן צו רויב און צו שאַנד; פון דאָרט צו אדום אַנטלאָפן — אויך דאָרט איז אונזער לעבן פאַריאָמערט״ [1]. אין האַרצרײַסנדיקע סטראָפן באַקלאָגט אבן עזרא דעם חורבן פון אַ סך יידישע קהלות אין די פערציקער יאָרן פונם צוועלפטן יאָרהונדערט, בעת די פאַנאַטישע אַלמאָהאַדן האָבן זייער ממשלה אין שפּאַניע באַפעסטיקט. „גאָטס שטראָף איז איבער דיר, שפּאַניע — קלאָגט דער דיכטער — און ניט אײַנשטאַנד בין איך צו באַווײנען די גרויס פון דײַן בראָך״ [2].

„בינותי בספרי הנביאים — אַזוי דערציילט אבן עזרא אין אײנעם פון זײַנע נאַציאָנאַלע לידער — אין די נביאישע ביכער האָב איך געפאָרשט און געזוכט, ישעיהוס ווערטער האָבן הויך אין מײַן אויער געקלונגען — זיי מעלדן די בשורה: באַלד קומט די ישועה! דאָך פאַרגייט אַ דור נאָך אַ דור און גאָטס אויסדערוויילט פאָלק שמאַכט אַלץ נאָך אין קייטן. שוין טויזנט יאָר פאַרגאַנגען — און וואָס גרעסער ווערט אַלץ די נויט! אויפשרײַען טוט ער אין זײַנע גרויסע לײַדן: ווילסטו אונז דאָך נאָך העלפן — טאָ לייז אונז אויס וואָס גיכער! האָסטו אונז פאַרגעסן — גיב אונז דאָס צו וויסן״. „קום דו, ה׳, איש חמודות [3] — רופט ווייטער אויס דער דיכטער — פאַר דײַן גרויסער טיפער הכמה אַנטפלעקט זײַנען אַלע סודות, און אָפן ליגט פאַר דיר, וואָס פאַר אַנדערע

---

[1] בגלות ובדלות הוא יושב מְשֹׁמָם
כי ארכו לו שָׁם הימים.
בית ישמעאל לבוז היינו
נסנו אל אדום — לא חיינו (דיוואַן, 63).

אבן־עזראס דיוואַן האָט מען ערשט אין דער נײַערער צייט געפונען און ער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1886 דורך י. אײגערס. פיל אבן עזראס לידער האָט אויך פאַרעפנטלעכט ד. ראָזין אין די „יאהרעסבעריכטען״ פונם ברעסלויער סעמינאַר (1884—95). אין 1894—95 איז אויך דערשינען אבן־עזראס אַ לידער־זאַמלונג אונטער דער רעדאַקציע פון דוד כהנא. (אין דער דאָזיקער זאַמלונג זײַנען אָפּגעדרוקט אַ פאָר חערק, וואָס אבן־עזרא איז ניט זייער פאַרפאַסער).

[2] אײגערס דיוואַן, 68—69; ד. כהנא, 140—143.

[3] דניאל.

בלייבט פאַרבאָרגן. מיט מיין צעווייטיקט האַרץ בעט איך: זאָג אָן, אויב קומען וועט דער „קץ" און דערפילט וועט ווערן דיין נביאות? שטרענג און האַרט קלינגט דערויף דער ענטפער: „פרעג ניט! — ניט אַנטפּלעקט דאַרף ווערן דאָס, וואָס ס'איז טיף פאַרהוילן!" [1].

צייטנווייז דערהערן זיך אויך שטראָף-טענער אין אבן-עזראס לידער. „ווי לייכטזיניק נאַריש — באַקלאָגט זיך דער דיכטער — איז דאָס פאָלק פון עלנט און נויט. מיר לעבן אין דאָפּלטן גלות, און דאָך פירן מיר שטענדיק מחלוקת" [2].

אין פיל לידער באַקלאָגט אבן-עזרא זיין אייגן ביטער מזל. באַזונדערס האַרציק זיינען צוויי עלעגיעס, אין וועלכע ער באַוויינט דעם פריי-צייטיקן טויט פון זיין איינציקן זון יצחק [3], און מיט שטילן טרויער זיינען דורכגעדרונגען די סטראָפן, וואָס דער אָרעמער נע-ונדניק האָט פאַר-פאַסט אויף דער עלטער אין דער פרעמד:

„א פאָלק איז פאַרהאַן, וואָס אין די טעג פון טרויער קליידט עס זיך אין ווייסן אָן אַנשטאָט אין שוואַרצן. אויך איך טו אים נאָך אויף דער עלטער: צום אָנדענק פון מיינע יונגע, לאַנג פאַרגאַנגענע יאָרן, האָב איך מיינע באַקן מיט ווייסן אויסגעקליידט" (ועל אבדֵי יְמֵי עולַי לְחָיַי ילבשו שיבָתי) „שווערער פון בליי — קלאָגט דער דיכטער — זיינען מיינע צרות, און דאָך זיינען זיי גאַנצע יַמען איבערגעשווומען און דערטרונקען ניט געוואָרן. טייכן טרערן האָבן פאַרגאָסן מיינע אויגן — און ניט געלאָשן איז דער פלאַם, וואָס האָט מיין האַרץ פאַרצערט. פאַרביי זיינען מיינע כּוחות און ווי אַש איז מיין נשמה. אפילו האַרטגעפרוווטע און

---

1 איינגערם דיוואַן, 99.

2 אנחנו עם דלות — וקלות עם סכלות —
בגלות תוך גלות — בכל עת מעתיקים.

3 דער דיכטער אַלחריזי דערציילט אין זיין „תחכמוני", אַז אבן-עזראס טאַלענט-פולער זון האָט אָנגענומען דעם מוסולמענישן גלויבן. די ידיעה האָט זיך אָבער אַרויס-געשטעלט פאַר פאַלש. נים לאַנג האָט מען אַנטדעקט אַ כתב-יד (עס געפינט זיך אין אַלעפּאָ) מיט אייניקע שירים פון יצחק אבן עזרא. אין איינעם פון זיי, וואָס הויבט זיך אָן מיט דעם פערז „בִּי הַזְּמָן חִצֵּי נְדוּד שָׁלַח", באַקלאָגט זיך דער דיכטער, אַז עמיצער האָט אויס שנאה אויף אים אַרויסגעלאָזן אַ פאַלשן קלאַנג, אַז ער האָט געפעלשט אינם גלויבן פון די אָבות:

אֶתְעַבֵּא אֶל דָּת בְּנֵי גֵבֶר — אֶתְנַכְּרָה לִלְשׁוֹן בְּנוֹ שָׁלַח

(ת. בראָדי, שער-השיר, 159—160).

פיל געפּלאָגטע טוען עדות זאָגן: ענלעכע צו מיינע ליידן האָבן דורות ניט געזען" [1].

אין דעם דאָזיקן פּאַרוואָגלטן נע־ונדניק האָט אָבער געשימערירט און געלויכטן דער הומאָריסטישער פונק, און אַלע צרות, וואָס דער דיכטער איז אויסגעשטאַנען, זיינען ניט אינשטאַנד געווען אים אויסצולעשן. אבן־עזרא האָט ניט נאָר געשריבן פיל וויין־און חתונה־לידער, שכלדיקע רעטענישן, שאָך־לידער [2] — ער האָט אויך הומאָריסטישע לידער געשריבן, וווּ ער שפּאָט אָפּ פון זיך גופא, דעם שטענדיקן שלים־מזל. אמת, אונטער דעם געלעכטער הערן זיך צייטנווייז פאַרבאָרגענע טרערן. מיט אַ סאַר־קאַסטישן שמייכל דערציילט ער, ווי אַזוי ער מוז עם אָפּשלאָגן די טירן ביי די גבירים, די גאַווהדיקע מעצענאַטן. „קום איך פרי אין מאָרגן — דער גביר איז ארויסגעפאָרן, קום איך דאַן אין אָוונט — נאָר וואָס צו בעט געגאַנגען. אָט איז ער אין וואָגן, אָט — אַנטשלאָפן געוואָרן. אַ קלאָג דעם אָרעמאַן, וואָס איז אָן מזל געבאָרן" [3].

אַ מאַנטל האָט ער — און דוקא גאָלע לעכער. איז דאָס טאַקע זיין גרויסע מעלה: „מען קאָן דורך אים — דערציילט דער דיכטער — זיפּן סיי ווייץ סיי גערשטן... פאַרשפּרייט מען אים ביינאַכט פאַר אַ געצעלט — קוקן די שטערן דורך די לעכער און לייכטן אין דער פינסטער" [4]

---

1 דיוואַן, 12:

כבדו מצוקותי כחול הים ואיך – עברו על ימים ולא טבעו,
איך ירדו עיני נהרות מבכי — על להבי לבי ולא ישקעו.
כלה שאָר גופי ונפשי נבערה — ואשאלה אישים אשר נונעו —
לא ידעו כדמות תלאותי בכל — קורות ולא נראו ולא נשמעו.

2 אבן־עזרא איז געווען אַ קונציקער שאָך־שפּילער. אין ד. כהנאס אויסגאַבע זיינען אָפּגעדרוקט (152—160) דריי שאָך־לידער. עס איז אָבער אַ שמיקל ספק, צי אַלע דרי זיינען ווירקלעך פאַרפאַסט פון אבן־עזראן.

3 דאָרטן, 10:

אשכים לבית השר אומרים — כבר רכב
אבוא לעת ערב אומרים — כבר שכב.
או יעלה מרכב, או יעלה משכב.
אויה לאיש עני נולד בלי כוכב.

4 מעיל יש לי והוא כדמות כברה
לחבה להנפה או שעורה;
כאהל אפרשני ליל באשון
וכוכבי רום ישימון בו מאורה וכו' וכו'.

אין אן אנדער ליד באַשרייבט ער, וואָס פאַר א גרויסער לאָ־יוצלח ער איז כל ימיו געווען. „איך האָב מיך אַלץ געפלייסט צו זיין א מוצלח — ס'איז גאָר ניט דערפון געוואָרן, איך בין שוין אין אַזאַ מזל געבאָרן. וואָלט איך האַנדלען מיט תכריכים — קיין מענטש וואָלט כל ימי ניט גע־שטאָרבן; וואָלטן ליכט געווען מיין סחורה — ביז מיין טויט וואָלט געוויס די זון ניט אונטערגעגאַנגען".

די שווערע ליידן האָבן זיין גייסט ניט באַטריבט, און בעת עס האָט זיך פאַרענדיקט זיין לאַנגער לעבנס־וועג, האָט ער אויפן שטאַרב־געלעגער מיט דאַנק געזונגען א לויב־ליד דעם אייביקן קוואַל פון לעבן: „מיט פרייד דערהייבט זיך מיין נשמה צו איר דערלייזער און באַשיצער. ער האָט מיך מיט גליק באַזוליקט — פיל מער לויט מיין פאַרדינסט. מיט זיין גרויס גענאָד האָט ער אַנטפּלעקט פאַר מיר זיינע וווּנדערלעכע וועגן; לאַנגע יאָרן האָט ער מיר געשענקט — מיין וויסנס־דורשט צו שטילן. זאָל מיין לייב און קערפּער גיין צו גרונט — גאָט איז מיין הילף און מיין באַשיצער"[1].

דער אבן־עזרא האָט באַרייכערט די מיטלאַלטערלעכע פּאָעזיע מיט נייע עלעמענטן. ער האָט אין איר איינגעבירגערט די הומאָרעסקע, די לייכטע סאַטירע און דעם פּאַמפלעט. טיפּיש איז זיין ליד וועגן די פליגן, וואָס פאַראומערן אים דאָס לעבן, פול מיט גאַל זיינען זיינע פּאַמפלעטן קעגן קמצנים, ווירפל־שפּילער און קעגן גאַנצע קהלות, וואָס האָבן ניט אויפגענומען בסבר פנים יפות אים, דעם וואַנדער־דיכטער[2]. גייסטרייך איז זיין פעלקער־כאַראַקטעריסטיק לויט די לידער, וואָס זיי זינגען: „די אַראַבער — זיי זינגען אַלץ וועגן ליבע און לוסט; אֱדום'ס לידער באַזונגען דאָס שלאַכט־פעלד און די נקמה; געדאַנקען־טיף און וויסנס־רייך זיינען די לידער פון יָוָן; די געשלעכטער פון הודו דיכטן אַלץ משלים און כאַבלען; און די יידן — זיי זינגען א לויב און א שבח גאָט דעם אַל־מעכטיקן".

ביז אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן האָט דער אבן־עזרא ליטעראַריש געשאַפן. זיין לעצטע ווערק „שפה ברורה" (וועגן העברעישער

---

1 כְּבוֹדִי שָׂשׂ בְּצוּר עֻזִּי וְחִזְקִי — גְּמָלַנִי גְמוּל טוֹב לֹא כְצִדְקִי
בַּחֲסָדָיו לִמְּדַנִי אֶת דְּרָכָיו — וְהֶחֱיָנִי עֲדֵי אַבַּע בְּחִשְׁקִי
וְאִם כָּלָה שְׁאֵרִי עִם בְּשָׂרִי — אֱלֹהִים לִי לְצוּר עֻזִּי וְחִזְקִי.

2 באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז זיין אויבנדערמאָנטער פּאַמפלעט „נדוד אסיר אוני", וועגן וועלכן עס וועט נאָך שפּעטער זיין די רייד.

גראַמאַטיק) איז געבליבן ניט פֿאַרענדיקט; און מיט שטאָלצן זעלבסט-באַוווסטזיין דערקלערט ער אין דער הקדמה צו דעם דאָזיקן װערק:

לְאַבְרָהָם בְּנוֹ מֵאִיר שְׁמוּרָה
לְדוֹר וָדוֹר בְּכָל רֶגַע זכוּרָה
בְּלֵב מַשְׂכִּיל וְעַל פִּיהוּ נְצוּרָה [1]

און אבן-עזרא׳ס האָפֿענונג איז גלענצנד מקוים געוואָרן. זיין פֿרייער אומ-דערמידלעכער פֿאַרשער-געדאַנק אין דער סודות-רמזימדיקער הלבשה האָט ווי אַ מאַגנעט געצויגן צו זיך אַלע שאַרפֿע וויסנבאַגיעריקע מוחות. אויף זיינע פּירושים, בפֿרט אויף זיין פּירוש התורה, זיינען געשריבן געוואָרן די צענדליקע נייע פּירושים [2]; און אין משך פֿון לאַנגע, לאַנגע דורות ביז אין דער נייערער צייט איז זיין נאָמען (צוזאַמען מיט מיימונים) ווירקלעך איינגעקריצט געווען „אין אַלע פֿאַרשטאַנדיקע הערצער, וואָס דורשטן נאָך וויסן״ [3].

ניט אָבער בלויז אבן-עזרא דער פֿ ר י י ד ע נ ק ע ר און גייסטרייכער פֿאָרשער, נאָר אויך אבן-עזרא דער מ י ס ט י ק ע ר, דער אַסטראָלאָג און איבערצייגטער אָנהענגער פֿון גורל-טרעפֿער און בעלי שמות — אויך ער האָט אין די שפּעטערדיקע דורות געפֿונען אַ סך פֿייערדיקע חסידים; אויך ביי די בעלי הקבלה, אין די התלהבישע אויגן פֿון די מיסטיקער און חכמי הָרָזִים, איז דער דאָזיקער ווונדערלעכער מאַן פֿון טאָלעדאָ געווען דער גרעסטער אויטאָריטעט, דער בעל רוח הקודש...

---

[1] נים פֿאַרגעסן װעט אין קימענדיקע דורות אברהם בן מאיר װערן, אין געדענקען װעט זיין װערק יעדער פֿאַרשטענדיקער האַרץ, װאָס דורשט נאָך װיסן.

[2] דער באַקאַנטער געלערנטער פֿונם 17טן יאָרהונדערט, יש״ר מקנדיא, דערציילט, אַז ער האָט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל געזען 24 פּירושים אויף אבן-עזראס פּירוש (מלא חפנים, 20).

[3] דער טיפֿסטער דענקער פֿון דער השכלה-צייט, נחמן קראָכמאַל, װייזט אָן מיט רעכט אין זיין תיבות מיט שב׳לן: מכל אשר החל רוח ד׳ לפעמו להגות בחכמת ישראל אשר לא ינק לראשונה ממיץ תבונתם של שני המעינים (מיימוני און אבן עזרא) הטובים האלה (כרם חמד, IV, 271).

אַכטער קאַפּיטל

דער סאַטירישער ראָמאַן אין דער העברעישער ליטעראַטור.

יהודה אלחריזי דער וואַנדער-פּאָעט. אל-חַרירי דער אַראַבּישער מאַקאַמען-דיכטער. — די יידישע מאַקאַמען-דיכטער שלמה צקביל און בּן-סַכַּל. — אַלחריזי אַלס חרירים איבּערזעצער. — אַלחריזים נסיעה קיין ארץ-ישראל און זיין דידאַקטישע פּאָעמע. — זיין ראָמאַן „תחכמוני“. — אַלחריזי אַלס הומאָריסט. — דער מוסיוו-סטיל און זיין בּאַדייטונג. — אַלחריזי אַלס ליטעראַטור-קריטיקער. — יהודה אבן שַבּתַי און זיינע ווערק. — דער דיכטער יצחק קעגן שבתי. — די מעצענאַטן און די העברעישע ליטעראַטור. — דער דיכטער יוסף זאַבּאַרה אַלס אַרצט; זיין ראָמאַן „ספר שעשועים“.

די נייע מאָטיוון, וואָס אברהם אבן-עזרא האָט אַריינגעפירט אין דער העברעישער פּאָעזיע, האָבּן בּאַלד געפונען אַ גלענצנדיקן פאַרטרעטער אין דער פּערזאָן פון דעם טאַלענטפולן און גייסטרייכן דיכטער יהודה בּן-שלמה אלחריזי.

ווען און ווו דער דיכטער האָט דאָס ערשטע מאָל די וועלט דערבּליקט, איז ניט פעסטגעשטעלט. מען איז זיך בּלויז משער, אַז ער איז געבּאָרן געוואָרן בּערך אינם יאָר 1165 אין דער אומגעגנט פון בּאַרצעלאָנע (שפּאַניען). ער האָט בּאַקומען אַן אַלזייטיקע בּילדונג, און שוין פון די יונגע יאָרן אָן האָט ער געפירט אַ נע-ונד לעבּן כל ימיו. ער האָט גאַנץ אָפט בּאַזוכט דרום-פראַנקרייך, געלעבּט אין מאַרסעל, לונעל און אַנדערע פּראָוואַנסאַלישע שטעט, ווו ס'איז אונטער דער השפּעה פון אבן-עזראס טעטיקייט שטאַרק געוועזן דער אינטערעס צו דער יידיש-אַראַבּישער קולטור פון דער שכנותדיקער שפּאַניע. בּאַזונדערס געוואַקסן איז דעמאָלט אין פּראָוואַנס דער אינטערעס צו דעם רמבמס ווערק [1]. אַ גוטער קענער פון אַראַבּיש און אַן אויסגעצייכנטער סטיליסט, איז אַלחריזי בּיי די פּראָוואַנסאַלישע קהלות געוועזן זייער געווונטשן אַלס טיכטיקער איבּערזעצער, וואָס איז בּיכולת זיי צו בּאַקענען מיט די אוצרות פון דער אַראַבּיש-יידישער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור. די מאַרסעלער קהלה

---

1 ווי מיר וועלן זען אין צווייטן בּוך פון אונזער ווערק, האָבּן די קהלות פון מאַרסעל און לונעל קאָרעספּאָנדירט מיטן רמב"ם.

האָט ביי אים באַשטעלט אַ העברעיִשע איבערזעצונג פון דעם רמבמ׳ס אַראַבישן פירוש אויף משניות, און אין לוניל [1] האָט אלחריזי אויפן ווונטש פון יונתן בן־דוד, דעם רמבמ׳ס אַ הייסער חסיד, איבערזעצט דעם „מורה נבוכים" [2]. אינם יאָר 1205 איז אלחריזי צוריקגעקומען קיין שפּאַניע. נאָר ניט אויף לאַנג. באַלד האָט ער אונטערנומען אַ גאַנץ ווייטע נסיעה: ער איז געווען אין מצרים, אין ארץ ישראל און סיריע, האָט געלעבט אין באַגדאַד, אלכסנדריא און דמשק, ווו ער האָט, ווי עס שיינט, זיך באַקאַנט מיט דעם באַדייטנסטן קאַראַיִמישן דיכטער פונם מיטלאַלטער משה דַרַעי [3], וועלכער האָט אויך געפירט אַזאַ וואַנדערלעבן, ווי אלחריזי.

אבן עזרא, ווי מיר האָבן געזען, איז געווען אַ געלערנטער אַ נע־ונדניק; יהודה אלחריזי איז דער טיפּישער וואַנדער־דיכטער, וואָס האָט געלעבט פון זיינע גייסטרייכע לידער און וויציקע עפּיגראַמען. דער דאָזיקער פּרנסה־קוואַל איז אָבער ניט געווען קיין באַזונדערס זיכערער, און דער דיכטער האָט אין משך פון זיינע וואַנדערונגען זייער שטאַרק געליטן און געלעבט אין גרויס דחקות. וועגן דעם זאָגט עדות זיין באַקאַנטע ליד, וואָס איז געשריבן אין אבן־עזרא׳ס סטיל:

„וואָלטן מיינע טרערן געפלאָסן אין דער מאָס פון מיינע ליידן — קיין טרוקן אָרט וואָלט דער מענטש פאַר זיינע פיס אויף דער גאַנצער וועלט ניט געפונען. דאָך לעבט אין מיר די האָפענונג: ניט נאָר נאָכן מבול אין נח׳ס צייטן — אויך פאַר מיינע טרערן וועט נאָך ערשיינען דער רעגנבויגן" [4].

אלחריזי האָט געלעבט פון דער שטיצע, וואָס ער האָט באַקומען ביי גבירים־מעצענאַטן. נאָר אין די מזרח־לענדער, ביי דעם בערך נידעריקן מצב פון קולטור, האָבן די דאָרטיקע יידישע מעצענאַטן זיך גאַנץ ווייניק אינטערעסירט מיט פּאָעזיע, בפרט נאָך מיט וועלטלעכער. מיט באַדויערן דערמאָנט אלחריזי, אַז ס׳האָט זיך שוין געפעלט די גאָלדענע תקופה פון דער העברעיִשער פּאָעזיע, בעת אינם געבענטשטן מערב־לאַנד, אין דער

---

[1] אין דער מיטלאַלטערלעכער העברעיִשער ליטעראַטור טראָגט לונעל דעם נאָמען יריחו.

[2] ווי מיר ווייסן שוין, איז פון אלחריזים העברעיִשער „מורה נבוכים"־איבערזעצונג געמאַכט געוואָרן אויך די לאַטיינישע. וועגן די מעלות ווי אויך די חסרונות פון אלחריזים איבערזעצונג זע ד. קויפמאַן „געזאַם. שריפטען", II, 163—166.

[3] וועגן משה דרעי זע ביילאַגן נומ׳ 2.

[4] אִלּוּ לְפִי אֵדֵי דְמָעַי יִזּוֹלוּ — לֹא דָרְכָה רֶגֶל אֱנוֹשׁ יַבֶּשֶׁת
אָכְנָם דָּעוּ, כִּי לֹא לְמֵי נֹחַ לְבַד — כִּי גַם לְדִמְעִי נִרְאֲתָה הַקֶּשֶׁת.

קולטורעלער שפּאַניע האָבן געלעבט הויך־געבילדעטע און פיין־פילנריקע שעצער פון קונסט און דיכטונג.

„פאַר די אָבות פון געזאַנג — ווייזט אָן דער דיכטער — פאַר שלמה, משה און יהודה [1] — האָט אין מערב־לאַנד זייער זון געשיינט; זיי האָבן פיל נדבנים אין זייער דור געפונען, וועלכע האָבן די פּערל פון זייערע לידער מיט גין־גאָלד רייך באַלוינט. איך בין אָבער צו שפּעט געקומען. ניטאָ מער קיין נדבנים מיט די ברייטע הערצער — שוין לאַנג זייער זון פאַרגאַנגען. יענע דיכטער האָבן געוויילט אויף די ברעגן פון געבענטשטע טייכן, און איך מוז שמאַכטן אין דעם טרוקענעם מדבר" [2].

אויף דער עלטער איז אלחריזי צוריק אין זיין היים־לאַנד געקומען און דאָרט געשטאָרבן (בערך אין 1225).

דער חשובסטער טייל פון אלחריזים שאַפן איז ענג פאַרבונדן מיטן נאָמען פונם באַקאַנטן אַראַבישן דיכטער אַבו־מחמד־חַרירי [3] אויס באַסראַ, וואָס האָט דערהייבן צו דער העכסטער מדרגה פון שלֵמות די אייגנאַרטיקע אַראַבישע דיכטונגס־פאָרם — מַקאַמאַת. די אַנטשטייאונג פון דער דאָזיקער דיכטונגס־אַרט איז פאַרבונדן דערמיט, וואָס ביי די אַראַבער פעלט די רייפסטע פּרוכט אויפן געביט פון פּאָעזיע — דאָס דראַמע. איינע און דיזעלביקע סיבות האָבן גורם געווען, הן ביי די אַראַבער הן ביי זייערע קרובים, די יידן, וואָס ביי זיי האָט זיך ניט געקאָנט אַנטוויקלען די טעאַטער־קונסט, וועלכע האָט אַזוי רייך אויפגעבליט ביי די גריכן אין אַלטערטום און אויך אין דער קריסטלעכער מיטלאַלטערלעכער אייראָפּע [4]. ווי ביי די גריכן, אַזוי אויך ביי די קריסטלעכע פעלקער זיינען די טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען געווען ענג פאַרבונדן מיט דעם רעליגיעזן קולט. ביי די גריכן – מיט דעם יום־טוב לכּבוד דעם גאָט דיאָניס, און אין דער קריסטלעכער מיטלאַלטערלעכער אייראָפּע איז די וויג פון טעאַטער־קונסט געשטאַנען אין דער קירך, און דער גלח מיטן קרייץ איז איר פאָטער געווען. די טעאַטראַלישע מיטלאַלטערלעכע פאָרשטעלונגען (מיסטעריען, מיראַקלען) האָבן זיך אַנטוויקלט אויס דעם קריסטלעך־קאַטוילישן גאָטעס־דינסט. די קריסטלעכע באַפעלקערונג, וועלכע איז נאָך דעמאָלט געשטאַנען

---

1 גבירול, משה אבן עזרא און יהודה הלוי.

2 תחכמוני, 454 (מיר ציטירן לויט דער װאַרשעװער אויסגאַבע).

3 געבאָרן בערך אין 1054, געשטאָרבן בערך אין 1122.

4 מער באַריכות װעגן דעם אין אונזער נאָך ניט פאַרעפנטלעכטער אַרבעט: Очерки по истории еврейскаго театра.

אויף אַ גאַנץ נידעריקן קולטורעלן מצב און אין איר פריערדיקן געצנדינסט נאָך ניט אינגאַנצן פאַרגעסן — האָבן די גייסטלעכע געמוזט באַקאָנען מיט די יסודות פון דער אמונה און מיט דער געשיכטע פון קריסטוסעס לעבן אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אופן: זיי פלעגן דעם עוואַנגעליום=טעקסט ניט פאָרלייענען אָדער איבערדערציילן, נאָר פ אָ ר ש ט ע ל ן אין בילדער און מאַסן=פראָצעסיעס. ניט מיטן וואָרט, ניט מיט אַבסטראַקטע באַגריפן און אידעען האָט מען דעם פשוטן אומוויסנדיקן המון באַקאַנט מיטן תוך פון דער קריסטלעכער אמונה, נאָר מיט בולטע, קאָנקרעטע פאָרמען, וואָס מען האָט זיי געקאָנט זען און אָנטאַפּן מיט די הענט... גאָר אַנדערש זיינען געווען די צושטאַנדן ביי די אַראַבער. וואַנדערנדיקע בעדוינען, פרייע קינדער פון די ווייטע מדבריות, זיינען זיי ניט געווען פעסט איינגעוואָרצלט אין אַ באַשטימטן שטח ערד מיט זיין „בַּעַל״, דעם האַר און באַפעלער, וועלכן מען דאַרף פאַרגיטיקן מיט קרבנות, באַדינען מיט אַלערליי צערעמאָניעס פון אַ שטרענג=פעסטגעשטעלטן קולט. זייער גאָט איז געווען דער גאָט פון די ברייטע ווייטן, פון די שטורמישע זאַמדן, דער גאָט פון די ברענענדיק=הייסע ווינטן, וואָס טראָגט זיך איבער די אומבאַגרענעצטע וויסטענישן, דער איינציקער און אומפאַסבאַרער, וואָס האָט ניט קיין בילד און קיין פאָרמען, און שוועבט אַרום ווי דער ברענענדיקער אָטעם פון דעם אומענדלעכן מדבר... די איבערהיצטע מזרחישע פאַנטאַזיע פון די דאָזיקע בעדוינען=קינדער נייטיקט זיך ניט אין בולטע קאָנקרעטע פאָרמען און בילדער — דאָס וואָרט גופא, דאָס אומפאַסבאַרע, פליסנדיק=באַוועגלעכע און צאַפּלדיק=לעבעדיקע וואָרט — דאָס אַליין פאַקט מיט געוואַלטיקער קראַפט זייער רייכע פאַנטאַזיע, ווערט גלייך פאַרקערפּערט אין לעבעדיקע בילדער, אין פילפאַרביקע טעאַטראַלישע „פאָרשטעלונגען״...

אָט אויף אַזאַ אופן האָט זיך ביי די אַראַבער געבילדעט אַ אייגנאַרטיקע דיכטונגס=אַרט, וואָס קיין אַנדער אייראָפּעיִש פאָלק פאַרמאָגט זי ניט — די מאַקאַמע. מאַקאַמאַת הייסט אייגנטלעך אַ באַשטימטער מאַרק=פּלאַץ, וווּ מען קומט זיך צונויף די צייט צו פאַרברענגען: מען הערט נייעס, מען שמועסט וועגן געזעלשאַפטלעכע ענינים און פראַגן. מיט דעם זעלבן וואָרט באַצייכנט מען אָבער אויך אַ געוויסע דיכטונגס=אַרט, וואָס פאַרנעמט אַ מיטלשטעלע צווישן עפּאָס און דראַמע, עפּעס אַ מין נאָוועלן=דראַמע, וווּ עס טרעטן אויף צוויי פּערזאָנען, וואָס פירן די גאַנצע צייט אַ צוויי=געשפּרעך (דיאַלאָג): די הויפּט=פּערזאָן, וואָס דערציילט וועגן אירע מעשים, גבורות און קונדישע שטיק, און דער בעל הספור גופא — אַ מין בת=קול, וואָס שטעלט פראַגן, מאַכט באַמער=

קונגען און דאדורך ווערט די גאנצע דערציילונג, ווי אויך די אויפפירונג פון דער הויפטפערזאָן פיל בולטער און לעבעדיקער [1].

יעדער עפּיזאָד פון דער הויפט=פערזאָנס פילפארביקע לעבנספאסירונגען ווערט געשילדערט אין א באזונדערער מאקאמע. דער מאקאמען=סטיל איז א גאנץ אייגנארטיקער. דער דיאלאָג ווערט געפירט אין געריימטער פראָזע; די פראזן זיינען קורץ, פול מיט לעבן און באוועגונג, רייך מיט ריטמישע צוזאמענקלאנגען. אין גוף פון דער דערציילונג ווערן איינגעפלאָכטן קליינע און גרעסערע שירים מיט איינריימיקע פערזן, ווּ עס ווערט קורץ צוזאמענגעפאסט דער תמצות פון דער דערציילונג, דער פועל יוצא פון דער הויפט=פערזאָנס ווילן און המצאה.

חרירים וויציקע מאקאמעס מיט זייער הויפט=פערזאָן אבן=סעאיד האָבן שטארק אויסגענומען ניט נאָר ביי די אראבער, נאָר אויך ביי די יידן אין שפאניע. שוין אין דער מיט פונם צוועלפטן יאָרהונדערט האָט א יידישער דיכטער שלמה צקבל פארפאסט א אינטערעסאנטע מאקאמע נאָך חרירים מוסטער. ביז דער נייערער צייט איז די איינציקע קוועלע, וואָס דערמאָנט דעם דיכטער צקבל, געווען אלחריזי, וועלכער דערציילט אין דער דריטער מאקאמע פון זיין „תחכמוני", אז דער דאָזיקער דיכטער האָט פארפאסט א שיינע מאקאמע, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „נאָם אשר בן יהודה". די מאקאמע גופא האָט מען גערעכנט פאר פארלאָרן: נאָר צוריק מיט א יאָר זעכציק האָט דער געלערנטער י. ה. שור אנטדעקט אין אן אַלטן כתב=יד א מאקאמע אונטער דעם קעפּל „תחכמוני", וואָס הייבט זיך אָן מיט די זעלבע ווערטער: „נאם אשר בן יהודה". שור האָט זי גלייך אָפּגעדרוקט (החלוץ, III, 58—154) אָנווייזנדיק, אז דאָס איז בלי ספק צקבלס פארלאָרענע מאקאמע [2]. דעם שרייבער פון די דאָזיקע צײלן איז אָבער געלונגען צו געפינען אין

[1] מער באריכות זע: קעמפף, ניכטאנדאלוזישע פאָעזיע אנדאלוזישער דיכטער, I, XVI—XVII.

[2] קעמפף (ניכטאנדאלוזישע פאָעזיע, 195—6) האָט אָבער שוין דעמאָלט ארויסגעזאָגט זיינע ספקות, צי די דאָזיקע מאקאמע זאָל ווירקלעך זיין די זעלביקע, וועגן וועלכע עס דערמאָנט אלחריזי. שטיינשניידער האָט אָנגעוויזן (העב. איבערז. 851), אז אין דער מאקאמע זיינען ציטירט א פּאָר פערזן פון יהודה הלוי, און האָט דערפון געדרונגען, אז איר פארפאסער האָט געלעבט ניט פריער ווי אין דער מיט פונם 12טן יאָרהונדערט. ה. בראָדי איז געגאנגען נאָך ווייטער (צייטשר. פ. העבר. ביבל. 1900, 56—58) און האָט געוואָלט דערווייזן, אז די מאקאמע איז פארפאסט נאָך אלחריזיס „תחכמוני". די דאָזיקע השערה איז אָבער ווייניק באגרינדעט, וואָרעם בעת מ׳פארגלייכט די מאקאמע „נאם אשר" מיט דער 20טער מאקאמע אין „תחכמוני", איז פיל ניכער צו גלויבן, אז אלחריזי האָט דאָ נאָכגעמאכט א פרעמדן אָריגינאל, ניט ער האָט געדינט אלס מוסטער.



דער אָנפאַנג פון דער מאַקאַמע „נאום אשר בן יהודה", לויט דעם מאַנוסקריפּט אין דער הרכבי-קאָלעקציע.

אַן אַלטן מאַנוסקריפּט פון הרכבים קאָלעקציע די זעלבע מאַקאַמע, נאָר אָן דעם קעפּל „תחכמוני", און דאָרט ווערט בפירוש אָנגעוויזן, אַז א״ר פּראָפאַסער איז אבו איוב בן סַהַל [1].

יעדנפאַלס איז די דאָזיקע מאַקאַמע זייער אינטערעסאַנט לויט דער פאָרם. זי אונטערשיידט זיך פון אַלחרירים מאַקאַמען מיט דעם, וואָס ס׳פעלט אין איר די צווייטע פּערזאָן. די דערציילונג ווערט געפירט אינם נאָמען פון דער הויפּט־פּערזאָן גופא, אשר בן יהודה. די גאַנצע מאַקאַמע טראָגט אַ שאַרף אויסגעפּרעגטן אָריענטאַלישן כאַראַקטער. דער העלד דערציילט [2], ווי ער האָט זיינע יונגע יאָרן פאַרבראַכט אויף רייזעס און וואַנדערונגען, אין גיריקן געיעג נאָך נייע איינדרוקן און איבערלעבענישן. בעת ער איז צוריקגעקומען אהיים, האָבן אים זיינע חברים מיט גרויס שמחה מקבל פנים געווען און פאַרבראַכט מיט אים עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד אין די סעדער ביי די לוסטיקע וויין־בעכער. דער יונגער גאַסט, פיין מבוסם, שפּרייזט מיט ניט גאַנץ זיכערע טריט פאַרביי אַ פּאַלאַץ, ווו עס געפינט זיך אַ האַרעם. פון דאָרט דערהערט זיך אַ געזאַנג פון אַ יונגער פרוי. אַנטציקט בלייבט שטיין אונזער העלד. די פרוי באַווייזט זיך אָבער ניט, נאָר פּלוצלינג פאַלט צו זיינע פיס אַ פּראַכטפולער עפּל און אויף אים — אַ ליבע־דערקלערונג אין צאַרטע שיינע סטראָפן. דער העלד גייט ווייטער מיטן עפּל אין דער האַנט, ער קאָן אָבער אין דער זיסער פרויען־שטימע ניט פאַרגעסן, זי קלינגט אַלץ אין זיינע אויערן, רופט אים צו זיך מיט געבעט. עס ציט אים צוריק צום אָרט, ווו ער האָט דעם עפּל אויפגעהויבן, און דאָרט זינגט ער הייסע ליבע־לידער דער אומבאַקאַנטער שיינהייט. ער באַקומט אָבער ניט קיין ענטפער. ראָס רייצט נאָך מער אונזער העלד; אַלץ שטורמישער ווערן זיינע ליבע־דערקלערונגען — די שיינהייט וויל זיך אַלץ ניט באַווייזן. פאַר צרות דרימלט ער איין. באַלד וועקט אים אויף אַ גאַנצע קאָמפּאַניע יונגע מיידלעך מיט דער דערקלערונג, אַז זיי זיינען אין שליחות געקומען פון זיין געליבטער, וואָס איז שטאַרק גערירט פון זיין איבערגעגעבענער ליבע,

---

1 בלייבט ערשט איצט גאַנץ אומערקלערבאַר אַלחריזיס אָנווייזונג וועגן דעם פּראָפאַסער פון דער מאַקאַמע „נאם אשר בן יהודה". איז איינס פון די ביידע: אָדער ס׳איז צו גלויבן, אַז שלמה צקבל האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ אַנדערע מאַקאַמע, וואָס פאַנגט זיך אָן מיט די אייגענע ווערטער, אָדער אפשר איז אין אַלחריזיס טעקסט נאָך די ווערטער „גם הוא למד מלאכה וקבל" צופעליק אַרויסגעפאַלן אַ גאַנצער זאַץ. און דער ווייטערדיקער זאַץ, ווו עס ווערט דערציילט וועגן דער מאַקאַמע „נאם אשר בן יהודה", איז גאָר נוגע אַן אַנדער פּאַרפאַסער, ניט שלמה צקבל.

2 דער אָנפאַנג פון דער מאַקאַמע איז אין אונזער מאַנוסקריפּט פולשטענדיקער ווי אין דעם אין „החלוץ" פאַרעפנטלעכטן טעקסט.

און שיקט אים א ליבע=בריוו. באלד פירן די מיידלעך אונזער העלד אין
א פראכטפולן פאלאץ אריין. פון אלע זייטן הערן זיך וואונדער=שיינע
נגונים — דאס זינגען עס יונגע דינערינס אונטער דער באגלייטונג פון
די צארטסטע כלי זמר. רייך באפוצטע יונגע מיידלעך קומען אים
אנטקעגן און באגריסן אים זייער פריידלעך. פלוצלינג לויפט אריין מיט
גרויס רעש און געפילדער א איש מלחמה מיט א בלויזן שווערד אין דער
האנט. מיט כעס פאלט ער אן אויף אונזער העלד — ער וויל אים הרגענען
דערפאר, וואס יענער האט זיך דערלויבט אריינצודרינגען אין די צניעות=
פארבארגענע פרויען=געמעכער, וואס זיינען שטרענג פארבאטן פאר
זייטיקע מענטשן. אונזער העלד איז אין טויט=שרעק; דא ווערט ער אבער
געוואר, אז דער צארנדיקער איש מלחמה איז א פארשטעלטע יונגע פרוי —
דער געליבטערס בעסטע פריינדין. דאס האט זי טאקע די געליבטע גע=
שיקט אים צו באגריסן און אונטערהאלטן. באלד באווייזט זיך די געליבטע
גופא, נאר דאס פנים באדעקט מיט א שלייער. דער העלד וויל וואס
גיכער דערזען דאס שטראלנדיקע געזיכט פון זיין באגערטער; ער רייסט
אראפ דעם דעקטוך און — ער דערזעט פאר זיך דאס לאכנדיקע פנים
פון איינעם פון זיינע צעך=פריינד, וואס האט מיט אים צוזאמען אין די
וויין=סעדער פארבראכט. דאס אלץ איז געוועזן קונדס=שטיק פון זיינע
חברים: זיי האבן געוואלט טרייבן א שפאס מיט זייער פריינד, וואס האט
געהאט א גרויסע חולשה צו ראמאנטישע פאסירונגען...

דער ערשטער יידישער מאקאמען=דיכטער איז אבער באלד פאר=
געסן געווארן — אים האט פארדרענגט דער מער באגאבטער און גייסט=
רייכער יהודה אלחריזי. אייניקע מעצענאטן, וואס האבן זייער געשעצט
אלחריזיס טאלענט, האבן אים פארגעלייגט, ער זאל איבערזעצן אויף דער
ביבל=שפראך חרירים בארימטע מאקאמען. חריזי איז גלייך דערויף איינ=
געגאנגען. עס פילט זיך ווירקלעך א געוויסע קרבות צווישן זיין טאלענט
און דעם וויציקן אראבישן מאקאמען=דיכטער. עס איז אים דערפאר אזוי
גלענצנדיק געלונגען גובר צו זיין אלע איינגארטיקע שוועריקייטן פונם ארא=
בישן אריגינאל. אלחריזיס איבערזעצונג „מחברות איתיאל״ [1] איז אן אמת
מייסטערווערק. דער איבערזעצער האט פארשטאנען די קונסט, ווי אזוי
איבערצוגיסן מכלי אל כלי דעם בארוישנדיקן וויין פון פאעזיע און דער

[1] די „מחברות איתיאל״ זיינען צו אונז נים דערגאנגען בשלמות. עס איז פארהאן
בלויז איין איינציקער כתב=יד פון דעם דאזיקן חערק (אין דער בארימטער אקספארדער
ביבליאטעק), און דער כתב=יד אנטהאלט סך=הכל 26 מאקאמען פון פופציק. די איבעריקע
24 זיינען פארלארן געגאנגען. דעם מאנוסקריפט האט פארעפנטלעכט אינם יאר 1872 דער
ענגלענדער טאמאס טשענרי (Thomas Chenery).

זיין זאָל דאָך דערביי זיין אראָמאַט ניט פאַרלירן. **עס איז** ממש צו שטוינען, מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט אַלחריזי גיט איבער די אייגנטימלעכע שיינקייטן פונם אַראַבישן אָריגינאַל אין אַ נאַציאָנאַל יידישער הלבשה. עס איז געווען נאָר דורכצולייענען די צוויי לידער, וואָס באַזינגען די מאַכט פון די גאָלדענע רענדלעך (דריטע מאַקאַמע) אָדער דעם וויכוח צווישן די דיכטער (דריי-און-צוואַנציקסטע מאַקאַמע), בכדי צו באַקומען אַ קלאָרן באַגריף וועגן אַלחריזיס אומפאַרגלייכלעכער פערזן-קונסט.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט אַלחריזי חרטה געהאַט, וואָס ער האָט אַזוי פיל מי געפּטרט, בכדי איינצובירגערן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור דעם אַראַבישן דיכטער. „מ'האָט מיך — באַקלאָגט ער זיך אין דער הקדמה צו זיין „תחכמוני" — געצוואונגען, איך זאָל היטן פרעמדע וויינגערטנער, און מיין אייגענעם וויינגאָרטן האָב איך פאַרלאָזן". ער האָט, דערציילט ער, געפילט, אַז אויף אים ליגט דער חוב אויפצולעבן די העברעיִשע שפּראַך, „בכדי אַלע פעלקער זאָלן זען, אַז אֵין דומה לה — קיין שום אַנדער שפּראַך קאָן זיך צו איר ניט גלייכן".

מיט טרויער געמישט מיט צאָרן רעדט ער וועגן די געבילדעטע יידן פון זיין צייט, וואָס די שיינקייטן פון דער אַראַבישער שפּראַך ברענגען זיי אין גרויס התפּעלות, און זייער אייגענע שפּראַך פאַרלאָזן זיי אינגאַנצן.

„זיי טענהן אַלץ: אָרעם איז אונזער שפּראַך, ווייניק אַנטוויקלט איז זי און ניט געהעריק בויגזאַם. זיי באַגרייפן אָבער ניט, אַז ניט די שפּראַך איז דאָ שולדיק, נאָר טאַקע זיי גופא, וואָס קענען ניט און פאַרשטייען ניט די שפּראַך פון דער ביבל, און ווייסן ניט, ווי אַזוי אויסצונוצן אירע רייכטימער און שיינקייט"[1].

און אַז ער גופא פאַרשטייט יאָ, ווי אויסצונוצן די רייכטימער און שיינקייטן פון דער העברעיִשער שפּראַך, האָט אַלחריזי גלענצנדיק באַוויזן ניט נאָר מיט זיין חרירי-איבערזעצונג, נאָר אויך מיט זיין אייגן פּאָעטיש ווערק, וואָס ס'איז דערשינען באַלד נאָך „מחברות איתיאל". אין דעם

1 תחכמוני, 10. עס איז העכסט וואַרשיינלעך, אַז די דאָזיקע ווערטער זיינען בעצילט ספּעציעל אין דעם באַקאַנטן איבערזעצער יהודה אבן תיבון, וואָס האָט זיך באַקלאָגט אין דער הקדמה צום „חובות הלבבות" אויף דער אָרעמקייט פון דער העברעיִשער שפּראַך אין פאַרגלייך מיט דער אַראַבישער. יהודה אבן תיבון איז שוין דעמאָלט געווען טויט, אַלחריזי איז אָבער געווען זייער שטאַרק אויפגעבראַכט אויף יענעמס זון, שמואל אבן תיבון, וואָס איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן אַלחריזיס „מורה נבוכים"-איבערזעצונג.

דאַזיקן ווערק, די פּאָעמע „ענק“ אויס 257 סטראָפן [1], איז שווער צו דערקענען דעם לוסטיקן און וויציקן מאַקאַמען־איבערזעצער. אַלחריזי האָט געשריבן זיין פּאָעמע אין דרום־פראַנקרייך פאַר זיין רייזע קיין ארץ־ישראל. ווי אַ פרומער גאָטספאַרכטיקער „עולה־רֶגֶל“. וואָס לאָזט זיך אין וועג צו די „הייליקע ערטער“ דאָרט תּפלה צו טאָן און זיך ריין צו וואַשן פון זינד, איז אויך אונזער דיכטער געווען תשובהדיק געשטימט. דאָס גאַנצע ווערק טראָגט אַן אויסשליסלעך דידאַקטישן כאַראַקטער.

„לאָזט אייך ניט — וואָרנט דער דיכטער — פאַרבלענדן דורך די פריידן פון דער וועלט — ווי אין פרימאָרגן דער זילבערוואָלקן אַזוי פאַרשווינדן זיי באַלד. ווי דער בליץ דורכן הימל, אַזוי פאַרגייט שיינקייט און לוסט“ [2]. „די וועלט איז דער ים, און אויף זיין קליין שיפעלע טראָגט זיך דער מענטש, פון דער צייט געטריבן; און אים אַנטקעגן, מיט אַ ווייט צעשפּרייזטן מויל, איילט דער לויתן — דער טויט“ [3]. „ווי נאַריש דער מענטש איז מיט זיין שטאָלצער פּראַכט: היינט איז ער אויף דער שפּיץ פון גלאַנץ און מאַכט — מאָרגן ליגט ער שוין אין שטויב געטראָטן. פאַר וועמען ערשט נעכטן די וועלט האָט געציטערט — היינט ווערט ער שוין אויף שטאַנגען געטראָגן. היינט גלענצן די פירשטן אין די שענסטע פּאַלאַצן — מאָרגן שוין פוילן זיי אין פינסטערע קברים“ [4]. „אָט איז דער מענטש אין סאַמעט און זיידנס געציערט, און אויף העלפאַנד־ביין איז זיין געלעגער, — מאָרגן ליגט ער שוין אונטער דערנער באַגראָבן“ [5]. „פאַרגעס ניט, דו מענטש, די ערד איז דיין מוטער — און באַלד מוזטו אין איר שוים אומקערן“ [6]; „פאַרגעסט ניט אין גערעכטיקייט, יושר! געדענקט: געציילט איז יעדע מינוט און קורץ איז דאָס לעבן, זאָלן ניט די טעכטער פון נאַרישער גאווה זייערע הערצער פאַרפירן — ווייזלט די צנועישע קינדער פון צדק און חסד“ [7]. „פאַרגעסט ניט, אַז נאָר ווער ס'דער־ווייטערט זיך פון די תאוות העולם — דער וועט געניסן פון אייביקן לעבן“ [8].

---

1 . געשריבן ווי משה אבן עזראס „תרשיש“ אין דער „סעדזשנים“־פאָרם. דעם „ענק“ האָט צום ערשטן געדרוקט ח. בראָדי אין „זכרון לאברהם“, 1908, 309—356.

2 כל מחמד תבל ענן בוקר וכל הודת וזיו יפיה כבָרָק עת ברק.

3 סטראָפן 133 און 149.

4 סטראָפן, 30, 43, 167.

5 אשר ילבש לבוש רקמה ושכב בערש שן ועטה פז ובר דָר
הלא יזכור בעת ירד שאולה ישם ירקב ויעלה קוץ ודרדר.

6 בן איש, דעת כי אמך תבל וחיש תשוב וגם תשכב בחיק הורתך.

7 סטראָפע 174.

8 סטראָפן 123, 131.

און דער דיכטער גופא ווענדט זיך מיט הכנעה צו גאָט, און איז זיך מודה ומתודה אויף זיינע זינד. זיין איינציקע האָפענונג איז די תפלה, די הייסע האַרציקע תפלה — זי רייניקט דעם מענטשן, זי וואַשט אָפּ זיינע זינד. „דערהייב, דו קינד פון פאַרשטאַנד, דיין תפלה צו גאָט; ווי טאָג, אַזוי נאַכט טו בעטן פאַר אים, דאַן וועסטו ווערן באַוויליקט, און חסד אין זיינע אויגן געפינען"[1] „ווי גליקלעך זיינען די, וואָס זיינען זיך מקריב פון גאָטס נאָמען וועגן — זיסער פון פידל־געזאַנג קלינגט זייער נאָמען און לויב!"[2]. „אויך איך, מיין גאָט, בין גרייט פאַר דיין הייליק וואָרט דעם בעכער פון צער אויסצוטרינקען"[3].

ניט אָבער אינם „ענק" האָט זיך אַנפּלעקט אין זיין גאַנצן גלאַנץ אלחריזים טאַלאַנט, ניט מיט דער פּאָעמע האָט ער זיך קונה שם געווען און אויף שפּעטערדיקע דורות איינגעקריצט זיין נאָמען אין דער געשיכטע פון דער העברעיִשער ליטעראַטור. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז אלחריזי האָט זיך, ווי שלמה גבירול בשעתו, גערעכנט פאַרן אמתן גואל פון דער העברעיִשער שפּראַך. ער האָט, דערציילט דער דיכטער, ניט געקאָנט צוזען, „ווי הָגָר נעבווירט שיינע קינדער און שָׂרָה בלייבט אַן עקרה". ער האָט דערפאַר פעסט באַשלאָסן זיך „אָנצונעמען" פאַר דער ביבל־שפּראַך, באַווייזן בפועל, אַז מען קאָן אויך אויף איר מיט דער זעלבער לייכטקייט, ווי אויף דער אַראַבישער שפּראַך, דיכטן און שאַפן אויף וואָס פאַר אַ טעמע מען וויל. ניט נאָר וועגן גאָט־זאַכן, וועגן הייליקע און הויכע ענינים, נאָר אויך וועגן דעם וואָכעדיקן און פשוטן; ניט נאָר מוסר זאָגן, נייערט אויך שפּאַס טרייבן, לאַכן און שפּאָטן און פריילעך מאַכן דעם עולם. צו דעם צוועק האָט ער געשאַפן (אין משך 1214–1218) זיין באַרימטע זאַמלונג פון פּופּציק מאַקאַמען „תחכמוני", נאָכן מוסטער פון חרירים מאַקאַמען.

דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס באַצוועקט, לויט דער דערקלערונג פונם פאַרפאַסער גופא, „צו אַמוזירן און אונטערהאַלטן דעם איינגעמאַטערטן עולם", פאַרנעמט מיט רעכט אַ חשובן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער העב־רעיִשער ליטעראַטור. אין דעם „תחכמוני" פאַרלאָזט די העברעיִשע בת־השירה, די געטין פון געזאַנג, די עולמות העליונים, די הויכע הימ־לישע פּאַלאַצן, און לאָזט זיך מוטיק אַראָפּ, מיט אַ שטיפערישן שמייכל

1 יליד שכל ערוך אֶל אֵל תפלה ותפל יום וליל נגדו תחנה ואולי תמצאה חסד בעיניו ותהיה לך מעם רגע תחנה.

2 הסובלים צרות עלי דת אל יקר בעיניו עד מאוד דמם. כנור תהלותם ינגן מאליו בטוב המעשים דמם.

3 סטראָפע 92.

אויף די ליפּן, אין דער נידער, אין די רַעשיקע געמאַרקן פונם לעבן. די העברעיִשע שפּראַך הערט אויף צו זיין דער אויסשליסלעכער שליח פון דערהייבענע געדאַנקען און שטאַרקע געפילן, פון פּאַטעטישע שבחים און האַרציקע תפילות, נאָר אויך פון גאַנץ וואָכעדיקע, אַלטעגלעכע ענינים. די „הייליקע" שפּראַך פון לויטער שבת און יום־טוב איז אויך געוואָרן אַ פּשוטע, „וואָכעדיקע" שפּראַך... דער העלד פונם ראָמאַן, חֶבֶר הַקֵּנִי, צוזאַמען מיט זיין חבר, וואָס דערציילט און באַקאַנט דעם לעזער מיט הַקֵּנים אַלע אויפטועז און שפּיצן — הֵימָן האזרחי, זיי ביידע לאָזט דער דיכטער וואַנדערן פון אָרט צו אָרט. זיי זיינען אויס אומעטום: אין צניעות־פאַרבאָרגענע הייליקטימער, און אויף אַלע רווישנדיקע מאַרק־פּלעצער, אין אַלע גאַסן און הינטער־געסלעך; באַגעגענען זיך מיט אַלע מיני מענטשן און באַשעפענישן. און אַלץ איז אין שנעלער באַוועגונג; ווי אין אַ קאַלייד־אָסקאָפּ אַנטפּלעקט זיך עס ראַש און שנעל פאַר דעם לעזערס אויג אין די גרעלסטע פאַרבן און אין די אומדערוואַרטסטע גרופּירונגען...

דערפאַר איז אויך דער סטיל פון „תחכמוני" אַזוי בּינט־פאַרשיידנ־אַרטיק. אָט איז דער דיכטער פּאַטעטיש־ערנסט: ער זאָגט מוסר, בַּרשנט זוען מאָראַל און עטיק (אין דער צווייטער מאַקאַמע), פאַרפּאַסט תהלות ותשבחות פון דעם בורא עולמס כבוד וועגן (מאַקאַמע פופצן); אויף די חורבות פון ירושלים באַוויינט ער דעם טרויעריקן גורל פון ציון (מאַ־קאַמע 28 און דאָס ליד „שלום לעיר שָׁלֵם" אין דער לעצטער מאַקאַמע); אויף די קברים פון יחזקאל הנביא און עזרא הסופר זאָגט ער ערנסטע קינות (מאַקאַמע 35 און 50); ער גיט איבער אַ רעליגיעזן וויכוח צווישן דעם גאָטספאַרכטיקן „מאמין" און דעם אפּיקורס דעם „מין" (מאַקאַמע 17) און באַזינגט אין באַגייסטערטע לידער די גרויסע יידישע דיכטער פון שפּאַניע (מאַקאַמע 3 און 18). און פּלוצלינג ווערט דער ערנסטער דיכטער נעלם, און איר דערזעט פאַר זיך דעם לייכטזיניקן קונדס און דעם פריילעכן שפּאַסמאַכער. מיט אַ געלעכטערל דערציילט ער אייך אַ גאַנץ קאָמישע מעשה וועגן אַ פויער מיט אַ האָן (מאַקאַמע 10), וועגן די אויפטועז פון אַ שאַרלאַטאַן אַ דאָקטאָר (מאַקאַמע 30), וועגן אַ נאַריש־גאַווהדיקן סוחר (מאַקאַמע 34), וועגן דער ווילדער התנהגות פון אַ פאַר־ליבטן שוטה (מאַקאַמע 48) און וועגן די שפּיצלעך פון זיבן יפת־תוארס (מאַקאַמע 20). אלחריזי שיט מיט וויציקע רעטענישן און קלאָץ־קשיות (מאַקאַמע 36 און 44), מיט לוסטיקע אַנעקדאָטן (מאַקאַמע 35) און אַלע מיני עפּיגראַמען און שטעכווערטלעך (מאַקאַמע 37 און 48). אַן אויסגע־צייכנטער דיאַלעקטיקער, האָט אלחריזי ליב צו באַשרייבן לאַנגע היציקע

וויכּוחים, ווּ יעדער צד פליסט זיך צו דערווייזן, אַז גרעסערס פון אים איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ: דער טאָג שפּאַרט זיך מיט דער נאַכט (מאַקאַמע 39), דער מאַן מיט דער פרוי (מאַקאַמע 41), די יבשה מיטן ים (מאַקאַמע 43), נדיבות און קמצנות (מאַקאַמע 42), דאָס שווערד מיט דער פען (מאַקאַמע 40).

א קינד פונם געבענטשטן דרום-לאַנד, איז דער דיכטער פאַרליבט אין דער נאַטור, אין שיינקייט און אין לעבנסלוסט. ער באַזינגט די פּראַכט פון די שפּאַנישע סעדער, די שיינקייט פון די דופטנדיקע שלאַנקע ביימער, וואָס אונטער זייער שאָטן פרייט זיך די יוגנט אין טאַנץ און געזאַנג (מאַקאַמע 49). מיט התפּעלות דערציילט ער, ווי שטאַרק ער איז פאַר-ליבט אין די רייצנדיקע טעכטער פון הגָהן און אין די פאַלשע, באַשיכּורנדיקע טעכטער פון וויינשטאָק. „איך — באַקלאָגט זיך דער דיכטער — האָב מיך דער וויינשטאָקס טאָכטער אָנפאַרטרויט, און זי — ווי אַ שלאַנג האָט זי איר פאַלשקייט באַוויזן. איך האָב איר מיין ליבע דערקלערט, און זי צאָלט מיט פאַרראַט און באַטראָג — מיין שכל, מיין נשמה, האָט זי ביי זיך באַהאַלטן. איך האָב זי מיט ליבע אונטער מיין האַרצן געוואַרעמט — און זי שפּרינגט אין דער הייך און באַרויבט אויך מיין קאָפּ" [1]. ניט לאַנג איז זיך אָבער דער דיכטער מתרעם אויף דער פאַלשער וויינשטאָקס-טאָכטער: „ליבער פריינד! אינם שאָטן פון בשמים-סעדער, אונטער די לאָרבער-און רויזן-קרענץ לאָמיר טרינקען און לוסטיק זיין. דעם בישוף פון דעם וויינשטאָקס טאָכטער קאָן קיינער ניט ביישטיין, און וואָס עלטער זי ווערט אין יאָרן — אַלץ יינגער און חוצפּישער ווערט דאָס געלעכטער, וואָס זי טוט געבאָרן. ביים וועלט-באַשעפער ווערן טויזנט יאָר פאַר איין טאָג גערעכנט, און אַ יאָר — בלויז איין אויגנבליק; ווי וואָלט איך געוואָלט דעם בורא עולמס אַ גאַנץ יאָר דורכלעבן און טרינקען אָן אויפהער דעם זאַפטיקן בעכער פונם באַרוישנדיקן וויין" [2].

און זייער כאַראַקטעריסטיש איז פאַר אונזער דיכטער, וואָס אין דעם וויכּוח צווישן דער נשמה, דעם גוף, דעם שכל און יצר-הרע, ווענדט זיך דער לעצטער צו דער נשמה: „פריי זיך איידער דו מוזט דיין וווינונג פאַרלאָזן! גענים פונם לעבנס-בעכער, איידער דו מוזט מיט דער וועלט זיך שיידן. איבער אַלע באַשעפענישן האָט דער בורא זיין גנאָד און ברכה אויסגעגאָסן — טאָ נעם אויך דו דיין חלק געשווינד!" [3].

---

1 תחכמוני, 401—402.

2 דאָרטן, 427.

3 שְׂמְחִי בְּטֶרֶם מִנְּוָתֵךְ תֵּצְאִי — גִילִי מְאוֹד טֶרֶם אֲשֶׁר תִּלָּקֵחִי
הָאֵל עֲלֵי כָּל הַבְּרוּאִים יַחֲלִיק — טוּבוֹ וְלָכֵן מַהֲרִי הָלְכֵךְ קְחִי (ז. 142).

דער אָריגינעלסטער שטריך אין אַלחריזים שאַפן איז זיין הומאָר. דער זשאַנר, וואָס אברהם אבן עזרא האָט געפּרוווט איינבירגערן אין דער העבּרעישער ליטעראַטור, האָט ביי אַלחריזין דערגרייכט אַ גאַנץ הויכע מדרגה פון שלמות. זיינע וויץ־לידער וועגן דעם פּלוי און דער מערזשקע (מאַקאַמע 4) און וועגן דער העסלעכער פּרוי (מאַקאַמע 6) זיינען אמתע קונסט־ווערק אויף דעם געביט [1]. אַלחריזי איז ממש פאַר־ליבּט אין דעם קאָמישן, ער איז אַ וווּנדער־מייסטער פון וויציקע שפּיל־ווערטער, ער איז דער שפּרודלדיקער קוואַל פון פרייליכן געלעכטער. ניט זעלטן ווערט אָבער זיין געלעכטער גיפטיק און בייסנדיק, און די שפּיציקע שפּילווערטער ווערן מגולגל אין פייַלשאַרפע פּאַמפלעטן און גאַליקע עפּיגראַמען [2]. באַזונדערס רייך מיט זיי איז די לעצטע, די פּופציקסטע מאַקאַמע. דעם דיכטערס סאַטירע שטראָפט מיט איר רוט די פּרומאַקעס, די עיט צבועס [3], די מאָראַלישע אויסגעלאַסענע און גייסטיק נישטיקע [4], און מער פון אַלע — די קמצנים. אָט די אַלע, וואָס האָבן מיט בטול געקוקט אויף דעם דיכטער, דעם נע־ונדניק, און ניט געוואָלט אים שטיצן אין דער נויט — האָט ער צום שאַנד־סלופּ גע־שטעלט מיט זיינע בייסנדיקע פּאַמפלעטן [5]. באַזונדערס שטרענג און אָן רחמנות איז ער זיך נוקם אין איין קמצן, אַ דאָקטאָר פון דמשק. דער גיפטיקער פּאַמפלעט, אין וועלכן דער שלים־מזלדיקער ארצט ווערט אויף לאַנגע דורות אַזוי גרויזאַם געמשפּט, פאַרענדיקט זיך מיט פאָלגנדיקער סטראָפע: „לאַנג האָט די קמצנות איבער דער וועלט געבלאָנדזשעט ביז זי האָט אין זיין הארץ איר זיסע רו געפונען. וואָלט זיין הארץ דעם ים־סוף באַרירט — וואָלטן גלייך זיינע געוויסער פאַרטריקנט געוואָרן; די רייכסטע קוואַלן — אין שטיין פאַרגליווערט. וואָלט זיין פוס דעם געבענטשטן חרמון באַרירן — וויסטער וואָלט דער חרמון געוואָרן פון די פאַרשאָלטענע גלבוע־שפּיצן. אויסגעבּרענט ווערן דורך זיין טריט אַלע גראָזן און געוויקסן, זיין אָטעם טויט אַלץ, וואָס ס׳שפּראָצט און ס׳לעבּט״ [6].

---

1 די דאָזיקע לידער זיינען איבערגעזעצט אויף אייניקע אייראָפּעיִשע שפּראַכן. קעמפף האָט איבערגעזעצט אויף דייטש אַ באַדייטנדיקן טייל פונם „תחכמוני״.

2 זע, צום ביישפּיל, די 46סטע מאַקאַמע.

3 דאָרטן, 412.

4 דאָרטן, 429.

5 דאָרטן, 409, 396, 397, 398, 399, 400, 401, 406, 453, 456.

6 דאָרטן, ז. 360. טיפּיש איז אויך אין דער הינזיכט אַלחריזים אַן אַנדער פּאַמפלעט, וואָס הייבּט זיך אָן מיט פאָלגנדיקער סטראָפע:

יְלִיד זָלוּת, אֲחִי נְבָלוֹת וּכִילוֹת
אֲשֶׁר כָּל הַנְּבָלוֹת נִקְבְּצוּ בוֹ.

אַלחריזי, דער וואַנדערנדיקער זינגער, דער קונדסישער שפּאָסמאַכער און פריילעכער מייסטער פון לוסטיקע מעשהלעך און וויציקע אַנעקדאָטן — רעדט מיט יראת הכבוד און גרויס התפּעלות וועגן דער דערהייבענער ראָלע און גרויסן באַדייט פונם גאָט־געבענטשטן דיכטער. מיט שטאָלץ רעדט ער אויך וועגן זיך גופא, וועגן דער גרויסער מאַכט, מיט וועלכער די בת־השירה האָט אים באַגנעדיקט. „דורך מיין לויב — דערקלערט דער דיכטער — ווערן די נידעריקע דערהייבן, די מעכטיקע און שטאָלצע צעשמעטערט מיין וואָרט“ [1]. „טוט מיין מעכטיק ליד ערטענען — מאַכט עס ציטערן דעם גאַנצן דור!“ [2]. ווי היינע בשעתו דערקלערט, אַז קעגן דעם דיכטערס שטרענגן משפּט קאָן שוין קיין גאָט, קיין גואל מער ניט העלפן [3], אַזוי איז שוין דער מיטלאַלטערלעכער אַלחריזי זיכער געווען, אַז מיט זיינע לידער מאַכט ער מענטשן אומשטערבלעך, און איינע פון זיינע מאַקאַמען פאַרענדיקט זיך מיט אַזוינע פּאַטעטישע סטראָפן: „זייערע נעמען האָב איך אין מיין בוך אַריינגעטראָגן. מיין אייזערנער גריפל האָט זיי איינגעקריצט אויף אייביקע צייטן; זאָלן שפּעטערע דורות וויסן זייערע מעשים, וועלכע איך האָב פאַרשריבן“ [4].

ווי אַן אמתער אריסטאָקראַט פון גייסט און וויסן, דערקלערט אונזער דיכטער מיט גדלות: „נאָר פאַר קלוגע און פאַרשטענדיקע לאָז הערן דיין ליד, ניט אָבער פאַר טעמפּע נאַראָנים — זיי וועלן עס מיט שפּאָט באַשפּייען. פאַר לומפּיקע הינט שפּרייט ניט דיינע טייערע פּערל — זיי וועלן עס מיט די פיס צעטרעטן!“ [5].

אין אַלחריזיס מאַקאַמען טרעטן אָפט אַרויס פאַרשיידענע דיכטער, וואָס פירן, לויט דעם מיטלאַלטערלעכן שטייגער, אַ געוועט מיט לידער און געזאַנגען. יעדער פּלייסט זיך בייצוקומען אַלע אַנדערע מיט דער מאַכט פון זיין געזאַנג, דערווייזן, אַז ער איז דער גרעסטער מייסטער אין דיכטקונסט. איינער פון די דאָזיקע זינגער דערקלערט: „דער קוואַל

---

1 בְּמַהֲלָלַי אֲרוֹמֵם הַשְּׁפָלִים — וּבִלְשׁוֹנִי אֲגַדַּע רֹאשׁ גְּאוֹנִים (תחכמוני, 236).

2 אֲנִי אַחֲרִישׁ, וְעֵת שִׁירִי יְדַבֵּר — זְמַן יַרְעִישׁ בְּיָדוֹ הַחֲזָקָה (דאָרטן, 424).

3 זע די לעצטע סטראָפן פון היינעס פּאָעמע „דייטשלאַנד“.

4 תחכמוני, 369:

וְזָכַרְתִּי בְּסִפְרִי אֶת שְׁמוֹתָם — וְשַׂמְתִּים כִּי בְּעֵט בַּרְזֶל חֲצוּבִים
לְמַעַן יֶחֱזוּ דוֹר אַחֲרוֹן אֶת — פְּעָלֵיהֶם הֲלֹא הִנָּם כְּתוּבִים.

5 דאָרטן, 449:

חֲשׂוֹף שִׁירָתְךָ לִפְנֵי חֲכָמִים — וְלֹא לִפְנֵי סְכָלִים, יִתְמְסוּהָ.
וְאִם תַּשְׁלִיךְ לְךָ אֶבֶן אבן יְקָרָה — לְרַגְלֵי הַכְּלָבִים, יְרַמְּסוּהָ.

פון מיינע לידער — אין מיין הארץ איז ער באהאלטן... די פאר־באָרגענע ווערטער־אוצרות און די אייז־קאַלטע גערדאנקען־שפּיזן שמעלץ איך צוזאמען אין דעם פלאַם פון מיין נשמה״ [1].

אלחריזי גופא קאָן דאַס אָבער ניט זאָגן וועגן אַלע זיינע לידער. עס איז ניט שווער ביי אים צו געפינען פיל סטראָפן און לידער, וואָס זיינען כּלל ניט „געשמאָלצן אינם פלאַם פון זיין נשמה״, און געבאָרן האָט זיי ניט „דער קוואַל״, וואָס איז אין הארצן באהאַלטן, נאָר פּשוט דער ווונטש פריילעך צו מאַכן דעם עולם, באווייזן זיין בריהשקייט אין גראַמען־מאַכן, בלענדן דעם לעזער מיט קונציקע שפּיל־שטיק. אָט צו די דאָזיקע קונץ־שטיק געהערן די סטראָפן, וווּ יעדער פערז איז צונויפגע־שטעלט פון דריי פאַרשיידענע שפּראַך (מאַקאַמע 11), אָדער די פערזן, וואָס זיינען אויסגעשטעלט נאָכן סדר פונם אלף בית (מאַקאַמע 33) א. א. וו.

אלס דיכטער קאָן זיך אלחריזי בלי־ספק ניט גלייכן צו דעם גרויסן „דריי־געשטערן״ פונם פריערדיקן דור. ער גופא האָט מערערע מאָל אונטערגעשטריכן, אז ער איז בלויז אן עפיגאָן, וואָס האָט זיך באוויזן אין דער צייט, ווען די זון פון דער העברעיִשער פּאָעזיע נייגט זיך שוין צום אונטערגיין („וצל המעלות השיב לאחור״, „אחרי היום מאוד רד״). דאָך איז זיין באדייט געוויס ניט קלענער פון יענע גרויסע דיכטער, בנוגע צום שאַפן און פאַרפולקומען די פּאָעטישע פאָרמען, אינם באַ־רייכערן די שפּראַך. ערשט אונטער אלחריזים טאַלענטפולער פעדער האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון שלֵמות דער אייגנאַרטיקער מאָזאַיִשער, אזוי גערופענער „מוסיוו־סטיל״, וואָס האָט געשפּילט אזאַ געוואַלטיקע ראָלע אין דער העברעיִשער ליטעראַטור.

בעת מען פּרוּווט אָפּשאַצן די היסטאָרישע ראָלע פונם מוסיוו־סטיל אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט, אז אויך די אַלטע גריכן פלעגן אָפט זיך באַנוצן מיט ציטאַטן און פערזן פון האָמערס ווערק, בכדי צו דערגרייכן אומ־דערוואַרטע עפעקטן, קונציקע וואָרט־שפּילן. נאָך דעם זעלביקן מוסטער האָבן אויך די אראַבער זיך באַנוצט מיטן מוסיוו־סטיל: זיי פלעגן איינפלעכטן אין זייערע ווערק גאַנצע פּסוקים פונם קאָראַן, וואָס האָבן אייגנטלעך קיין שום שייכות ניט געהאַט צום ענין; נאָר דורך איבערשטעלן אָדער פאַרבייטן אַ וואָרט,

---

[1] תחכמוני, 162:

מְקוֹר הַשִּׁיר בְּלִבִּי תוֹצְאוֹתָיו...

בְּהַר מִלַּי בְּאוֹצְרוֹת בֵּין גְּנָזָיו — וְיַתִּיךְ אֵשׁ לְבָבִי קוּפְאוֹתָיו.

אַ מאָל נאָר דורך ענדערן דעם טראָפּ פון וואָרט, באַקומט דער זאַץ גאָר אַ גאַנץ אומדערוואַרטן, ניט זעלטן אַ ממש קאָמישן זין.

ווי די אַראַבער דעם קאָראַן, אַזוי האָבן די יידן אין ענלעכע פאַלן באַנוצט די ביבל. עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז די יידן טוען דאָ פּשוט נאָך די אַראַבער. שוין דער אַלטער פראַנץ דעליטש האָט פאַרשטאַנען, אַז אין דער העברעיִשער ליטעראַטור איז דער מוסיוו-סטיל ניט בלויז אַ קונץ-שפּיל, ווי ביי די אַראַבער, נאָר זייער אַ וויכטיק שאַפונגס-מיטל[1]. די שפּראַך-פאָרשער פון דער נייערער צייט האָבן אַזוי בולט אַרויסגעזאָגט דעם קלאָרן אמת, אַז די שפּראַך, דעם מענטשנס וואָרט איז ניט בלויז אַ מין שיפר פון לויטער צייכן, ניט נאָר אַ פּשוט מיטל אויסצודריקן דעם געדאַנק. „נאָר מיט דער קראַפט פונם וואָרט — ווייזט אָן דער פילאָזאָפיש דענקענדיקער איטאַליעַנישער קריטיקער בענעדעטאָ קראָטשע — ווערן דעם מענטשנס געפילן און איינדרוקן נתעלה אויס דעם טונקעלן געביט פון דעם מענטשנס פּסיכיק צו דער ליכטיקער ממשלה פונם קלאָרן באַאָבאַכטונגס-גייסט"[2].

„ערשט אונזער דור — דערקלערט דער באַוווּסטער רוסישער געלערנטער פּאָטעבניאַ — האָט געמאַכט די אַנטדעקונג, אַז די שפּראַכן קאָנען נאָר דערפאַר באַנוצט ווערן אַלס צייכן, וואָס דריקן אויס דעם געדאַנק, ווייל זיי זיינען עס דאָך די כּלי מכשירים, מיט וועמעס הילף עס ווערן אומגעאַרבעט און נייַ באַשאַפן די התחלהדיקע, די נאָך פאָר-שפּראַכיקע עלעמענטן פונם געדאַנק. דערפאַר טאַקע קאָנען אין דער הינזיכט די שפּראַכן באַטראַכט ווערן אַלס מיטל, וואָס באַשאַפן (ניט נאָר דריקן אויס י. צ.) דעם געדאַנק... די שפּראַך קאָן מען פאַרגלייכן צום מענטשנס ראִיה: די מינדסטע ענדערונג אינם בוי פונם אויג איז גלייך גורם גאַנץ אַנדערע בילדער און עמפּינדונגען, וואָס דער מענטש איז תופס... אויף אַן ענלעכן אופן שאַפט אויך יעדער פּרט, יעדע קלייניקייט אינם בוי פון דער שפּראַך, גאָר אַן אונזער באַוווּסטזיין און רצון, נייע גרופּירונגען אין די יסודות, פון וועלכע דער געדאַנק ווערט געבויט"[3].

בעת אָבער מיר באַטראַכטן די שפּראַכן אַלס באַזונדערע, גאַנץ פאַרשיידענע סיסטעמען פון דענקונגס-שטייגער, מוז מען דערביי אויך

---

[1] פראַנץ דעליטש, צור געשיכטע דער יודישען פּאָעזיע, 165: „זאָ יודישע מוסיוו איסט קיין שפּיעל, עס איסט [איינע נאַציאָנאַלבעזאָנדערהייט דעם סטילעס; איינע גאַנצע נאַציאָן אָבער פּפלעגט ניכט צו שפּיעלען; איהר סטיל איסט דאָס שפּיעגעלבילד איהרעס לעבענס, דער אויסדרוק איהרעס כאַראַקטערס".

[2] עסטעטיק, 1920, 11 (מיר ציטירן לויט דער רוסישער איבערזעצונג).

[3] А. Потебня, Язык и народность (Вѣстн. Европы, 1895, IX,11–12)

גערענקען, אז דאָס וואָרט איז נישט תּמיד דער ריכטיקער און געטרייער שליח, וואָס אַרבעט איבער אונזערע שפּירונגען און עמפּינדונגען אינם אָביעקט און טרעגער פון אונזער וויסן און באַגרייפן. דאָס וואָרט איז פּשוט ניט בכּח איבערצוגעבן בשלמות דעם צווייטן מענטשן אונזער אינעווייניקסטע, אינטימע וועלט. „דאָס וואָרט — זאָגט פּאָטעבניאַ — דריקט אויס ניט דעם געדאַנק גופא, נאָר דעם אָפּבילד, דעם שאָטן פונם געדאַנק״. ווערטער — דאָס זיינען סימבאָלן און בילדער, מיט וועלכע איין מענטש וויל ווירקן אויפן צווייטן, וויל אין יענעם אַרויסרופן באַשטימטע געדאַנקען און שטימונגען. בשלמות געלינגט עס אָבער דעם מענטשן קיין מאָל ניט דעם דאָזיקן ציל צו דערגרייכן; די „נייע וועלט״, וואָס דער מענטש וויל, לויט פּאָטעבניאַס אויסדרוק, באַשאַפן „מיט דער הילף פונם וואָרט״, באַפרידיקט קיין מאָל ניט דעם מענטשן, קאָן אים ניט באַפרידיקן, וואָרן — „ווי אומבאַהאָלפן איז דאָס וואָרט״.

אָט די דאָזיקע „וואָרט-ווייען״, די מאַכטלאָזיקייט פונם וואָרט בשלמות איבערצוגעבן דעם צווייטן דעם מענטשנס געדאַנקען און געפילן, שטייגט נאָך אומגעהייער, ווען דאָס וואָרט איז ניט קיין לעבעדיק וואָרט, און ווען אין איין און דעמזעלביקן מענטשן ראַנגלען זיך פאַרשיידענע סיסטעמען פון דענקונגס-שטייגער, דאָס הייסט: ווען פאַרשיידענע געביטן פונם מענטשנס גייסטיקן לעבן זיינען פאַרבונדן מיט באַזונדערע שפּראַכן. די העברעיִשע דיכטער האָבן געמוזט גובר זיין ניט נאָר די שטייפע בענדער פון דער אַראַבישער מעטריק, נאָר געהאַט אויסצושטיין גלייך מיט אַלע אַנדערע אמתע קינסטלער די „וואָרט-ווייען״, די שמאַרציקע אומצופרידנקייט מיט דער „שטומקייט״ און פאַרבלאָזיקייט פונם וואָרטלעכן בילד. די הויפּטשוועריקייט איז נאָך באַשטאַנען אין דעם, וואָס די שפּראַך, אויף וועלכער די מיטלאַלטערלעכע יידישע דיכטער האָבן געשאַפן, איז ניט געווען זייער מוטערשפּראַך, ניט געווען די שפּראַך פון דער שול און אַלטעגלעכן לעבן. ניט אויף דער ביבל-שפּראַך האָבן די יידישע דיכטער זייערע חלומות געזען, ניט אויף איר האָט זיי אין די קינדער-יאָרן די מוטער מיט אירע לידער איינגעוויגט... און דאָך איז די העברעיִשע שפּראַך פאַר אונזערע מיטלאַלטערלעכע דיכטער כּלל ניט געווען קיין טויטע, אָפּגעשטאָרבענע שפּראַך. דאָס איז דאָך געווען די שפּראַך פון דער ביבל, וואָס האָט שטענדיק געלעבט אינם פאָלקס-באַוווסטזיין און איז שטענדיק געווען דער גרונט-יסוד פון דער נאַציאָנאַלער קולטור און וועלטאַנשויאונג. די ביבלישע בילדער און אויסדריקן, די דינים און געזעצן, מעשות און דערציילונגען — האָבן געלעבט און געוועלטיקט אינם באַוווסטזיין פונם קיבוץ. די אַלע ביבלישע פערזענלעכ-

קייטן און זייערע מעשים האָבן ניט געהערט בלויז דעם היסטאָרישן עבר — דאָס זיינען געווען לעבעדיקע, רעאַלע מענטשן, וואָס יעדער ייד האָט פון קינדהייט אָן געלעבט אין זייער סביבה, געאָטעמט זייער לופט. אברהם אבינו און די מוטער רחל, די בני יעקב און די בנות צלפחד, אפילו עוג מלך הבשן און בלק בן צפור — אַלע זיינען זיי געווען אייגענע, גוט באַקאַנטע פּאַרשוינען. זייערע רייד, זייערע מעשים זיינען געווען אַ שטיק יידישער לעבנס-שטייגער; דאָס הדר-יינגל האָט זיי אַפילו אין חלום געזען...

און די יידישע מיטלאַלטערלעכע דיכטער האָבן מיט גרויס קונציקייט אויסגענוצט ביי זייער שאַפן אַט די אוצרות פון ביבלישע סימבאָלן, בילדער, אויסדריקן און שפּריכן, אגדות און משלים, וואָס האָבן געלעבט אינם פאָלקסבאַוווסטזיין. מיט אַ קורצן ביבלישן זאַץ אָדער אויסדרוק, מיט אַ בלויזן רמז אויף אַ ביבלישער פּערזאָן אָדער מעשה, הכלל — מיט די קאַרגסטע און עקאָנאָמישסטע מיטלען, פלעגט דעם יידישן קינסטלער גאַנץ אָפט געלינגען צו דערגרייכן די גלענצנדסטע עפעקטן, אַרויסצורופן אינם לעזער אומפאַרגעסלעך בולטע בילדער, פילפאַרביקע און שאַרפע איינדריקן. און עקאָנאָמיע אין מיטלען, דער סוד הצמצום און קמצנות אין ווערטער און אויסדריקן — דאָס איז דאָך דער אמתער פּרוווּשטיין פון אמתער קונסט...

יהודה הלוי, למשל, וויל אויסדריקן זיין גרויס באַדויערן, וואָס זיין פריינד, דער הויך-געבילדעטער און באַגאַבטער דיכטער, משה אבן עזרא, מוז נע-ונד זיין אין אַ פרעמד-פאַרווילדערט לאַנד. דאָס דאַזיקע געפיל גיט ער גלענצנדיק איבער אין וואונדער-שיינע ביבלישע סימבאָלן: „מַה לְּטַל חֶרְמוֹן אֱלֵי גִלְבֹּעַ!" אַט דאָס אַנטקעגנשטעלן דעם טוי פונם געבענטשטן און פון גאָט באַגנעדיקטן באַרג חרמון — און די פון דוד המלך פאַר-שאָלטענע גלבוע-בערג, אויף וועלכע עס איז אַזוי טראַגיש אומגעקומען דער ערשטער יידישער מלך מיט זיינע זין און קריגער, דאָס רופט אַרויס אין דעם יידישן, אויף דער ביבל אויפגעוואַקסענעם לעזער אַ שאַרף בולט בילד, וואָס בלייבט אויף לאַנג איינגעקריצט אין זיין זכרון. בעת דער זעלביקער דיכטער וויל געבן אַ בילד, ווי ער האָט געוויינט מיט בלוטיקע טרערן, באַנוצט ער דעם אויסדרוק, אַז „די קוואַליעס פון דימון" האָבן אים באַגאָסן. דער יידישער לעזער געדענקט דאָך זייער גוט דעם ביבלישן זאַץ: „כי מי דימון מלאו דם" — רויט פון מואבס בלוט זיינען געוואָרן די וואַסערן פונם טייך דימון...[1].

---

1 ישעיה, טו, 9.

בעת שלמה גבירול באַקלאָגט זיך אויף די „גראַמען־שמירער“, וואָס באַשמוצן מיט זייערע מגושמדיקע הענט די ריינע געטין פון געזאַנג, וויל ער אַרויסזאָגן זיין ווונטש, עס זאָל וואָס גיכער קומען דער מאַן מיט דער שטאַרקער האַנט און אַרויסטרייבן די באַנדע טאַלענטלאָזיקייטן אויס דעם טעמפּל פון בת השירה. דאָס זאָגט דער דיכטער אַרויס אין איין פערז, ווו ער בעט, ס'זאָל וואָס גיכער קומען דער נייער פּנחס בן אלעזר הכהן (והעז בקרב יבוא ויגבר — ויעשה מעשה פנחס בקנאו). און די דערינערונג וועגן דעם דאָזיקן ביבלישן נאָמען · ווערט ביים יידישן לעזער גלייך אומגעוואַנדלט אין אַ בולט פּילפּאַרביק בילד: דאָס איז דער מאַן, וואָס האָט מיט דער שפּיז אין דער האַנט געקעמפט קעגן די, וואָס האָבן דאָס אָקאָרשט באַפרייטע פאָלק געוואָלט אַריינשלעפּן אין דעם זומפּ פון זנות, און אין די אומאָרעמונגען פון די בנות מואב פאַרגעסן אינם עמוד האש, וואָס האָט געוויזן דעם וועג צום געבענטשטן לאַנד. בעת דערזעלביקער דיכטער באַקלאָגט זיך אויף זיין פריינד יקותיאל, אז יענער האָט אין אים פאַרגעסן, רופט ער זיין פריינד אָן „אֲבִי־זָנוֹחַ“. דער, אויף דער ביבל אויפגעוואַקסענער לעזער פאַרשטייט, ווי געהעריק אָפּצושאַצן דעם זייער געלונגענעם וואָרט־שפּיל: „אבי־זנוח“ באַטייט ניט נאָר „דער פאָטער פון פאַרגעסן“, דער לעזער ווייסט און געדענקט אויס דער ביבל, אז יהודהס אַן עלטער־זיידע, יקותיאל, האָט געהאַט אַ זון זנוח [1].

אזוינע ביישפּילן וואָלטן מיר געקאָנט ברענגען אין די הונדערטער. וואָס באַגאַבטער דער דיכטער איז געווען, אַלץ קונציקער האָט ער אויסגענוצט דעם מוסיוו־סטיל. ביבלישע פראַזן, נעמען און פאַרגלייכונגען זיינען אונטער זיין מייסטער־האַנט מגולגל געוואָרן אין טיפע און באַדייטנדיקע סימבאָלן און צייכן, וואָס מיט זייער הילף איז אים געלונגען אַרויסצורופן אינם לעזער שאַרף־בולטע בילדער און באַגריפן [2].

נייע און גאַנץ אייגנאַרטיקע פאָרמען האָט דער מוסיוו־סטיל ביי אלחריזין באַקומען. ניט מיט קיין קלענערער קונציקייט, ווי דער אַראַבער

---

1 דברי הימים, א, ד, 18.

2 דאָס אָבער, וואָס ס'איז ביים אמתן קינסטלער געווען אַ גלענצנדיק שאַפונגס־מיטל, איז געוואָרן אַן אבן־נגף פאַר די שריפטשטעלער, וואָס זיינען ניט געווען באַגנאַדיקט פונם דיכטערישן רוח הקודש. זיי פלעגן מעכאַניש צונויפפאָרן ביבלישע פסוקים און שברי פסוקים, זיי זיינען אָבער ניט געווען אינשטאַנד דאָס אַלץ צונויפצושמעלצן אין אַ האַרמאָניש גאַנצער זאַך. אָנשטאָט עקאָנאָמיק אין מאַטעריאַל און שאַפונגס־מיטלען, איז דערגרייכט געוואָרן דער פולער היפך: אַ מבול פון ווערטער, לאַנגווייליקע און לאַפּיקע מליצה; אָנשטאָט לעבעדיקע פאַרבן און בילדער — העל גלענצנדיקע, נאָר ווערטלאָזע געשפּליטער, אומנייטיקע, זייטיקע פסולת, וואָס שטערט און פאַרטונקלט דעם געדאַנק און

חרירי, וואָס פֿלעגט אַזוי מייסטערהאַפֿט שטיקן אויס קאָראַן=פֿערזן די פֿאַנטאַסטישע געמעלן, האָט אויך אַלחריזי אין דער גערייםטער פּראָזע פֿון זיינע מאַקאַמען אויסגענוצט די רייכע אוצרות פֿון דער ביבל. עס איז ממש צו באַוווּנדערן, מיט וואָס פֿאַר אַ געשיקטקייט פּאַטעטישע און באַגייסטערט=דערהייבענע ביבלישע אויסדריקן פֿלעגן ביי דעם יידישן ברייל֗עכן דיכטער באַקומען אַ טאָפּלטן, זייער אָפֿט אַ העכסט הומאָריסטישן פּשט. אָט די גייסטרייכע און וויציקע פֿאַרגלייכונגען, דאָס לוסטיק=ליכטזיניקע איבערשפּרינגען פֿונם דערהייבענעם און ערנסטן צום פּשוט=אַלטעגלעכן, דער קונצ֗ישער שמייכל, איינגעהילט אין דער אַלטקלאַסישער, פֿון מסורת אבותינו געהייליקטער הלבשה — דאָס קאָן מען ניט איבערגעבן אין קיין שום איבערזעצונג. אַלחריזים מאַקאַמען מוז מען לייענען אין אָריגינאַל, בכדי צו באַקומען אַ קלאָרן באַגריף און געהעריק אָפּצושאַצן אַלחריזים מייסטערשאַפֿט אין דעם דאָזיקן לייכטן, מיט וויץ פֿינקלדיקן זשאַנר.

בעת מען שאַצט אָפּ אַלחריזים באַדייטונג, מוז מען זיך אויך אָפּשטעלן נאָך אויף איין פּרט פֿון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. אַלחריזי איז ניט בלויז דיכטער, נייערט אויך ליטעראַטור=קריטיקער. אין דער דריטער, אַכצנטער און טיילווייז אויך אין דער זעקס=און=פֿערציקסטער מאַקאַמע גיט ער אַן אינטערעסאַנטע היסטאָריש=קריטישע כאַראַקטעריסטיק פֿון דער העברעיִשער פּאָעזיע אויס דער שפּאַניש=אַראַבישער תקופה ביז זיין צייט. זיין דור, אין וועלכן ער גופא לעבט, רופֿט אַלחריזי אַן „דער עפּיגאָנען=דור":

„זינט שלמה איז פֿון דער וועלט געגאַנגען, און משה, יהודה און אברהם [1] זיינען אויך געשטאָרבן — איז אויסגעטריקנט דער קוואַל פֿון פּאָעזיע, פֿאַרשוווּנדן איז דער רוח הקודש און גאָטס גייסט באַווייזט זיך ניט מער. קיינער פֿון זייערע נאָכפֿאָלגער קאָן זיך צו זיי ניט גלייכן.

אינהאַלט. אָט די אַלע שאַבלאָן=זייטן פֿונם מוסיוו=סטיל האָבן זיך באַזונדערס בולט אַרויס=געוויזן ערשט אין דער שפּעטערדיקער צייט, אין דער תקופה פֿון ירידה און אָפּגע=שטאַנענקייט. דער שאַרפֿזיניקער יש"ר מקנדיא, וועלכער האָט געלעבט אין 17טן יאָר=הונדערט, גיט פֿאָלגנדיק טרויעריק בילד וועגן דער פֿאַרדאָרבנקייט פֿונם סטיל אין זיין צייט: ועוד רעה חולה ראיתי אצל רוב המחברים מבני עמנו שאינם כותבים בלשון צח כדרך כל האומות להיות כל איש מדבר בלשון עמו אשר שפתיהם ברור מללו. וחמבין באותו לשון יבין לאשורו... אלא נחלקו לב' כתות: קצתם ערבו לשון המקרא עם לשון הגמרא כל השומע תצילנה אזניו והיו בעיניו לזרא, וקצתם והם המתפארים במליצתם... יעקמו הכתובים להבנה זרה, כלם עקודים, נקודים וברודים... אי אפשר להעתיק ללשון אחר (הקדמה צו „נובלות חכמה").

1 די דיכטער שלמה גבירול, יהודה הלוי און משה און אברהם אבן עזרא.

מיר, די אָפּגעשטאַנענע, מיר קלייבן ווי די בעטלער די ברעקלעך און די פּסולת, וואָס זיינען פון זייער טיש געפאַלן. מיר יאָגן טאָג און נאַכט איבער די פון זיי געטראָטענע וועגן, און מיר קאָנען זיי ניט דערגרייכן!" [1].

אַלחריזי מאַכט אויך אַ אינטערעסאַנטן נסיון אויפצושטעלן די הויפּט-כּללים פון דער קונסט שירים צו שרייבן. זיין פּערזענלעך-טעאָריע באַשטייט פון זיבן כּללים: קודם כּל דאַרף דער דיכטער אויסמיידן שווער-פאַרשטענדלעכע און ניט פיין קלינגענדיקע ווערטער, און שטרענג זיך האַלטן אין די כּללים פון מעטריק און דקדוק. פיל געוויכט דאַרף אויך דער דיכטער לייגן אויף דער טעמע און אינהאַלט פונם געדיכט און — מער פון אַלץ שלייפן און פיילן יעדן פערז באַזונדער. זאָל אויך דער דיכטער זיך ניט איילן זיינע לידער צו פאַרעפנטלעכן; זאָל ער זיין וואָס שטרענגער צו זיין אייגן שאַפן און אָן רחמנות אויסמעקן אַלץ, וואָס ס'איז שוואַך און ווייניק געלונגען. פון פופציק פערזן זאָל ער איבערלאָזן דרייסיק, פון זיבציק — פערציק, — „דאַן וועט זיין ליד זיין צאַרט און ריין, ווי אַ כּלה אַ שיינע" [2].

* * *

אין איין צייט מיט אַלחריזין זיינען ארויסגעטראָטן צוויי אַנדערע דיכטער, וואָס זייער טאַלענט געפינט זיך אין געוויסער קרבֿות מיט דעם פאַרפאַסער פונם „תּחכּמוני". זיי האָבן אריינגעפירט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור די אייגנאַרטיקע פאָרם פון דעם אַזוי גערופענעם סאַטירישן ראָמאַן מיט זיין מאַקאַמען-ענלעכן סטיל. מיט איינעם פון די צוויי דיכטער, מיט יהודה בן יצחק שבּתי פון באַרצעלאָנע, איז אַלחריזי געווען פּערזענלעך באַקאַנט און ער לויבט אים אין זיין „תּחכּמוני" (ז. 351) אַלס „מייסטער פון פיינעם סטיל" (מעין המליצות).

---

[1] תּחכּמוני, 182.

[2] דאָרטן, 183—184. כאַראַקטעריסטיש איז אויך די שטעלע אין אַלחריזיס „מוסרי הפילוסופים", ווו עס ווערט גערעדט וועגן סטיל-אייגנאַרטיקייטן. ביים הויף פונם מלך פעניסוס זיינען זיך צונויפגעקומען פיר חכמים: איינער פון מלכות יון, דער צווייטער פון הודו, דער דריטער פון רוים, דער פערטער פון פרס. אויף דעם מלכס פראַגע: וואָס איז אַזוינס סטיל (ישאלם על המליצה מה היא?), האָט דער גריך געענטפערט: אין סטיל איז די הויפּטזאַך פּראָפּאָרציע און פּאַסנדיקער אויסוואַל פון אויסדריקן. דער פון פרס האָט געזאָגט: אינם סטיל איז דאָס וויכטיקסטע דער סוד פון מאָס, דאָס פאַרשטיין, ווען מען דאַרף מקצר זיין און ווען מער מאריך זיין. דער פון הודו האָט געפונען: גוטער סטיל פאָדערט קודם-כּל קלאָרע אויסדריקן און פּאָעטיש-שיינע פאַרגלייכונגען. דער רוימער האָט געזאָגט: דאָס טייערסטע אין סטיל איז — פּשטות, דאָס ערגסטע — איבעריקע דבורים.

וועגן שבתים לעבן איז כמעט גאָרניט באַקאַנט. מיר ווייסן בלויז, און דאָס אויך אַ דאַנק דעם דיכטער גופא [1], דאָס יאָר פון זיין געבורט און ווען זיינע צוויי פּאָעטישע ווערק זיינען געשאַפן געוואָרן. איינס פון די ווערק — אַ דידאַקטישע פּאָעמע „מלחמת החכמה והעושר", וואָס דער דיכטער האָט געווידמעט דעם יידישן מעצענאַט טודרוס הלוי, איז פאַר־פאַסט געוואָרן אינם יאָר 1214 [2]. איר פּאָעטישער ווערט איז אַ גאַנץ קליינער. דער סיוזשעט און אינהאַלט איז אומבאַהאָלפן און האָלפּערדיק; ווייניק אָריגינעל איז אויך דער מוסר השכל פונם ווערק: אַז חכמה און עשירות דאַרפן צווישן זיך לעבן בשלום, ווייל זיי קאָנען זיך איינס אָן דעם אנדערן ניט באַגיין.

באַדייטנדיק געלונגענער איז זיין סאַטירישער ראָמאַן „מנחת יהודה שונא הנשים" (די גאָב פון יהודהן דעם פרויען־פיינד), וואָס ער האָט פאַרענדיקט אין 1208 און געווידמעט זיין מעצענאַט און באַשיצער, דעם יידישן שררה אברהם אלפּתר, וועלכער האָט פאַרנומען אַ בכבודיקן פּאָסטן ביים הויף פונם קאַסטילישן מלך אַלפאָנזאָ דעם זיבעטן. דאָס ווערק איז געשריבן אין געריימטער פּראָזע, אָפט צונויפגעפלאָכטן מיט קורצע לידער לויטן מאַקאַמען־שטייגער. אינם אריינפיר, וואָס געפינט זיך ניט אין קיין שום פאַרבינדונג מיטן תוכן פונם ראָמאַן, דערציילט דער פאַרפאַסער אין סאַטירישן טאָן, ווי ערגעץ אין אַ מדינה איז אויסגע־וואַקסן אַ „פאַרנאַרישט אומוויסנדיקער דור" (ונפרץ דור הסכלות), וועלכער האָט מלחמה דערקלערט אַלע וויסנשאַפטן און שטאַרק גערודפט די חכמים און פאָרשער. דער תוכן פונם ראָמאַן גופא איז פאָלגנדיקער:

צו זייער אַ קלוגן און גאָטספאָרכטיקן זקן, תחכמוני, האָט זיך עטלעכע מאָל אין חלום באַוויזן אַ געטלעכע געשטאַלט, וואָס האָט אים באַפוילן אָנזאָגן דער וועלט, אַז דער מקור פון אַלע אומגליקן און ליידן איז — די פרוי. אויפן טויטן־בעט בעט דער זקן זיין איינציקן זון, זרחן, ער זאָל למען השם זיין גאַנץ לעבן מיידן די פרויען־געזעלשאַפט.

„אַ קלאָג איז צו דעם — וואָרנט תחכמוני — ווער ס'ברענגט אַ פרוי אין זיין הויז. צו יעדער צרה איז דאָ אַ תרופה, יעדעס אומגליק

---

[1] אין דער הקדמה צום „מנחת יהודה", לויט דעם נוסח, וועלכן שלמה־זלמן האַלבערשטאַם האָט פאַרעפנטלעכט (גנזי נסתרות, III, 82, 85), ווייזט דער פאַרפאַסער אָן, אַז ער האָט דאָס ווערק פאַרענדיקט אינם יאָר 1208 אויפן פערציקסטן יאָר פון זיין לעבן. ער איז אַלזאָ געבאָרן אין 1168; געשטאָרבן איז ער נאָך 1225.

[2] דאָס ערשטע מאָל געדרוקט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, צוזאַמען מיט שבתים צחייטן ווערק, אין 1543, איבערגעדרוקט אין פראַנקפורט אין 1718 און אויך אין 1844 צום סוף פון דער וואַרשעווער אויסגאַבע „בן המלך והנזיר".

האט א גרענעץ, נאר איין באוויבטער — ער איז פארפאלן אויף אייביק, אים קאן שוין קיינער ניט העלפן... גערענק-זשע, מיין זון! וועסטו אין צפון א פרוי דערזען — קיין דרום ווענד שנעל דיין געזיכט; וועסטו אויף א פארזאמלונג איר קול דערהערן — פארלאז וואס גיכער דעם עולם; וועט א אשה דיין קלייד פעסט האלטן — נאקעט אנטלויף דאן פאר איר״ [1].

זרח האט באשלאסן שטרענג צו דערפילן דעם רצון פון זיין פאטער. מיט דריי זיינע געטרייע חברים האט ער זיך אוועקגעלאזט אין א פרעמד, נאר זייער געבענטשט לאנד, ווו עס בליען שטענדיק מירטן און אלעאנ-דער-ביימער. דארט האט זרח מיט גרוים ערפאלג אגיטירט צווישן די יונגעלייט, זיי זאלן מיט פרויען זיך ניט פארבינדן און ווי פאר א שד אנטלויפן פאר חופה וקדושין. צווישן דער פרויען-באפעלקערונג פונם לאנד איז געווארן אן אמתע בהלה. מען האט געמאכט א ווייבערשע אסיפה, עס זיינען געקומען אלט און יונג, יפת-תוארס און מיאוסקייטן, אלע צוזאמען האבן זיי געהאלטן אן עצה, ווי אזוי צו באזייטיקן אזא גרויסע צרה. א תרופה האט געפונען איינע זייער א קלוגע זקנה, כָּזְבִּי. זי האט זיך אונטערגענומען זרחס הארץ צו פאנגען מיט דער פראכט פונם שענסטן מיידל אין דער גאנצער מדינה, אַיָּלָה. און זרח איז טאקע אריינ-געפאלן אין דעם נעץ, וואס די אלטע מכשפה האט פאר אים געשטעלט. אין דער ליבע-דערקלערונג פון אַיָּלָה מיט זרחן פילט זיך דער הייסער תאווהדיקער אטעם פונם דרום-לאנד. קונסטרייך איז געשילדערט, ווי ביי זרחן ווערט דאס ליבע-געפיל ביסלעכווייז אלץ מעכטיקער און שטארקער, און דער ליבע-דועט רייסט זיך איבער מיט א שטורמיש-הייסן אקארד:

צביה איומה — ונאוה ותמה — ויפה כתרצה — וברה כחמה
עֱלִי על יצועך — וממך תני לך — חזה התנופה — ושוק התרומה.

פארגעסן האט זרח אינם פאטערס צוואה, און ער בעט ביי אַיָּלָה, זי זאל מיט אים חתונה האבן. אין הומאריסטיש-קאמישן טאן ווערט בא-שריבן די גאנצע חתונה, ווי דער חתן, באטרונקען פון ליבע-רויש, הערט זיך ניט איין אין דעם צווייִדייטיקן טעקסט פון דער כתובה און באמערקט ניט, ווי אונטער דער חופה פארבייט מען די יפת-תואר

---

1 אם בצפון אשת תשכון — שים פניך נגד דרום
אם תשמע בין עדת שמעה — מן העדה ההיא תרום
אם תשלח יד אל מלבושך — הנצל ממנה ערום.

"אַיָלָה דורך אַ גוט פאַרשלייערטער, אָבער גריילעכער מיאוסקייט און שרעקלעכער מרשעת, רִצְפָּה בת אַיָה [1].

ערשט אין דער פרי איבערציינט זיך זרח מיט טויט-שרעק, ווי גרויזאַם מען האָט אים גענאַרט. און זיין ווייב, די צרה, דערקלערט גלייך מיט אַ געלעכטער פון אַ מכשפה, אַז פון היינט אָן איז זי די האַרין און ער, דער שלימזל, איר עבד כנעני. אין אַ סצענע, פול מיט גרעלע, אָבער לעבעדיקע פאַרבן, דערקלערט רצפה בת איה, אויף וואָס פאַר אַן אופן זי וועט שוין באַזאָרגן, אַז איר מאַן זאָל כל ימיו זיין זאַט אין צרות און ליידן. דער אומגליקלעכער זרח בעט הילף ביי זיינע חברים, דאָ מישט זיך אויך אַריין דער פאַרפאַסער גופא: ער טרייסט זרחן דערמיט, וואָס אויך ער, דער דיכטער, איז ניט מזלדיקער פון אים: „מיין גורל איז אויך דיין גורל. דורך חופה וקדושין האָבן מיר זיך ביידע אומגליקלעך געמאַכט. אוי, זרח! וויי און ווינד איז אונז ביידן! לאָמיר צוזאַמען וויינען און קלאָגן! שרעקלעך איז אונזער בשותפותער גורל! צו נשים פאַר קנעכט זיינען מיר ביידע פאַרקויפט געוואָרן!" [2].

בכדי זרחן אַרויסצוהעלפן פון דער נויט, האָבן זיינע חברים באַשלאָסן צונויפצורופן אַן אַסיפה און פאַרלייגן, אַז זרח זאָל גטן רצפה בת איהן. אויף דער אַסיפה זיינען אָבער אויך געקומען אַ סך פרויען און געפאָדערט, אַז זרח זאָל בלייבן כל ימיו צוזאַמען מיט זיין ווייב, דער צרה. איז דעמאָלט געבליבן, מען זאָל גיין צום מלך גופא און זיך פאַרלאָזן אויף זיין גערעכטיקייט; ווי ער וועט פסקענען אַזוי זאָל עס בלייבן. אַלע קומען צום קיניג און יעדער צד טרעט אַרויס מיט זיינע טענות. פלוצלינג מישט זיך אַריין דער פאַרפאַסער בכבודו ובעצמו און רייסט איבער דעם ראָמאַן אויף אַ גאַנץ אומדערוואַרטן אופן. דער דיכטער טרעט אַרויס אין אייגענער פערזאָן פאַרן מלך מיט פאָלגנדיקער דערקלערונג: „איך שווער ביי גאָט, וואָס האָט דיין שטול דערהויבט און ביז צו די הימלען דיין לויב דערהייבן, אַז תחכמוני איז לא היה ולא נברא, זרח האָט רצפה בת איה פאַר קיין ווייב ניט גענומען און אַלע איבעריקע פערזאָנען זיינען אויף דער וועלט ניט געווען. דאָס האָט זיי אַלע מיין חלום באַשאַפן, דעם דיכטערס פאַנטאַזיע האָט זיי געבאָרן" [1].

---

1 דער דאָזיקער ביבלישער נאָמען איז דאָ צונעפּאַסט מיט אַ כּיוון. דער פירוש פון דעם נאָמען איז: די קויל-שוואַרצע טאָכטער פון דער סאָווע (נאַכט-פויגל).

2 אהה, זרח! אבוי לך ואבוי לי — לכה נבכה ונגוד לאחדים
לזמן הרע אשר רדף כאויב — ושמנו ביד נשים לעבדים.

3 תחכמוני זה לא נברא ולא היה — ולא נשא זרח לרצפה בת איה — ואלה

אין צוויי יאָר אַרום נאָכדעם, ווי דער „מנחת יהודה“ איז דערשינען, האָט אַן אומבאַקאַנטער יונגער דיכטער מיטן נאָמען יצחק געבונען פאַר נייטיק „זיך אָנצונעמען פאַרן כבוד פון די פרויען“, און צו דעם צוועק האָט ער פאַרפאַסט (אין 1210), אין קעגנזאַץ צו שבתי דעם „שונא הנשימס“ ווערק, אַן אַפּאָלאָגעטישן ראָמאַן „עזרת נשים“ [1].

„דאָס דאָזיקע ווערק — דערקלערט דער פאַרפאַסער — וועט דערפרייען אַלע פאַרליבטע, וואָס וואַנדערן געאָרעמט אין די דופטנדיקע סעדער אונטער די שאָטנס פון מירטן- און ציטראָנען-ביימער“.

דער פּאָעטישער ווערט פון דעם ווערק איז אַ גאַנץ קליינער. דער גוף המעשה איז קינדעריש נאַיִוו, די טעכניק אומבאַהאָלפן און דער סטיל וואַסערדיק און לאַנגווייליק. איין שטעלע איז דאָך כדאי אונטערצושטרייכן, ווייל זי האָט אַ געוויסן קולטור-היסטאָרישן ווערט. „עזרת נשים“ איז געווידמעט דעמזעלביקן יידישן מעצענאַט, וועמען ס׳האָט שפּעטער מיט איינעקע יאָר געווידמעט זיין „מלחמת החכמה והעושר“ יהודה שבתי. עס איז בכלל שווער צו געפינען אַ מיטלאַלטערלעך פּאָעטיש ווערק פון וועלטלעכן אינהאַלט, וואָס ס׳זאָל גלייך נאָכן שער-בלאַט נים זיין פאַרזאָרגט מיט אַ לויב-געזאַנג לכבוד אַ יידישן „שר“, וועלכער ווערט דאָרט באַשענקט מיט אַלע מעלות און געקרוינט אַלס גואל און שטיצער פון וויסן און קונסט. דאָס איז אַ גאַנץ באַגרייפלעכע דערשיינונג, בעת מען נעמט אין באַטראַכט די לאַגע פונם מיטלאַלטערלעכן ביכער-מאַרק און די צושטאַנדן, ביי וועלכע ליטעראַרישע ווערק פלעגן דעמאָלט געפינען פאַרשפּרייטונג. איידער מען האָט אַנטדעקט דעם דרוק-וואַרשטאַט און די המצאה פון ביליקן לומפּן פּאַפּיר, זיינען ביכער געווען שרעקלעך טייער. דערלויבן זיך אַזאַ לוקסוס, ווי קויפן אַ בוך, האָט געקאָנט נאָר

המדברים כלם מהם לא נברא אדם — כי אם מלבי אני בודאם — ועל אדני הכזב הוצק יסודם.

אין יאָר 1225 האָט שבתי געשריבן אַ „נאָכוואָרט“ צו זיין ווערק, ווו ער באַקלאָגט זיך, אַז איינער איז אַ פּלאַגיאַט באַגאַנגען און איינעקע לידער פון „מנחת יהודה“ פאַר זיינע אייגענע אויסגעגעבן.

שבתי האָט אויך אַ פּראָזאַיִש ווערק געשריבן — אַ היסטאָרישע כראָניק; און דעם דאָזיקן ווערק איז אויסגעפאַלן אַ נים גאַנץ געווינלעכער גורל. דער איינציקער מאַנוסקריפּט איז נאָך ביים פאַרפאַסערס לעבן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון איינעקע סאַראַגאָסער איינוואוינער. עפּעס האָט דאָס ווערק ביי זיי נים נושא חן געווען און זיי האָבן דעם מאַנוסקריפּט פאַרברענט. דער טיף באַליידיקטער פאַרפאַסער האָט זיין גאַנצן צאָרן אויסגעגאָסן אויף די דאָזיקע פינף סאַראַגאָסער אין אַ בייסנדיקן פּאַמפּלעט „דברי האָלה והנדו“ (פאַרעפנטלעכט דורך י. דאַווידזאָן אין „האשכל“, VI, 165—175).

[1] פאַרעפנטלעכט דורך האַלבערשטאַם אין „גנזי נסתרות“.

א גאַנץ רייכער מענטש [1]. ביי אזא ענג באַגרענעצטן לייענער־קרייז האָט א דיכטער צי א געלערנטער, ווי באַלד ער גופא איז ניט געווען קיין פאַרמעגלעכער מענטש, נאָר דעמאָלט געקאָנט זיך אָפּגעבן דער ליטעראַ־רישער טעטיקייט, ווען אים האָט געשטיצט עפּעס א נדבן. א מעצענאַט. די מיטלאַלטערלעכע קריסטלעכע זינגער און דיכטער, די אַלע טרובאַדורן, זשאָנגלערן, מינעזינגער און טרובערן — האָבן געלעבט דערפון, וואָס זיי פלעגן דעקלאַמירן און זינגען זייערע לידער אין די פּאַלאַצן פון די פירשטן און גראַפן. ענלעך איז אויך געווען די לאַגע ביי יידן. אונזער באַרימטער דיכטער שלמה גבירול, בעת ער לויבט דעם נדבן שמואל הנגיד, שטרייכט ער אונטער, אז א דאַנק יענעמס מילדקייט איז אויך דעם דיכטערס בייטל פול מיט געלט:

תבל תהודך למען נמלאה — שמחה והיותר צרור כספנו.

אונזער יידישער טרובאַדור, דער וואַנדער־זינגער אלחריזי, האָט, ווי מיר ווייסן, געלעבט דערפון, וואָס פאַרשיידענע יידישע שררות האָבן אים געשטיצט, און מיט גאָלדענע מטבעות באַצאָלט זיינע וויציקע פערזן און עקספּראָמטן. אברהם אבן עזרא האָט געלעבט פון תמיכה, און ס׳רוב זיינע ווערק האָט ער געשריבן אויפן ווונטש פון זיינע נדבנים אָדער תלמידים. אין די ווייטערדיקע טיילן פון אונזער ווערק וועט אונז נאָך אויסקומען צו ריידן מער באַריכות וועגן דער קולטורעלער ראָלע פון יידישע מעצענאַטן [2]. אינם „עזרת נשים“ ווענדט זיך דער יונגער „פּרויען־באַשיצער“ צו זיינע לידער: „זאָגט אַלעמען אָן די ליכטיקע בשורה: מיין ווערק וועט דערפרייען אַלע מיידלשע הערצער, און טאַנצן וועלן די פרויען אין זינגענדיקן ראָד... אָך, איילט, מיינע לידער, וואָס גיכער — דעם גנעדיקן האַר פּליס אַנטקעגן! אונטער זיין אָפּדאַך הילף זוכט און שוץ. ברייט איז זיין האַרץ און פילגיביק; גרייט וועט איר דאָרט געפינען דעם טיש, דעם שטול און די בלאַנקנדיקע מנורה“ (א ביבלישער אויס־דרוק). טריי דינט אים, ווי קנעכט — ער וועט אייך באַהיטן, באַשיצן!“ [3].

---

1 וועגן דעם יקרות אויף ביכער אין מיטלאַלטער מער באַריכות אינם צווייטן טייל פון אונזער ווערק.

2 אויך וועגן דעם אינסטיטוט מאַנוסקריפּטן־אָפּשרייבערס און קאָפּיִסטן, און דערביי אויך וועגן די דעמאָלטיקע לעזער־קרייזן — אינם 2טן טייל.

3 לכו, שירי, ואל יושבי קצוות — תבשרו והיום יום בשורה:
בספר זה הכי תשמח בתולה — במחול אך לזה רני עקרה
— — — — — — — — — —
פנו וסעו לאור השר ודרשו — אלי שכנו ונוהו שם לעזרה
ביען תמצא לבו רחב יד — ובו שלחן עם כסא עם מנורה
לכו שרתו לפניו כעבדים — והוא לכם יהיה מחסה וסתרה.

באדייטנדיקער אלס יהודה שבתי, שוין ניט ריידנדיק וועגן זיין קענגער דעם בעל „עזרת נשים״, איז דער פארפאסער פון אן אנדער סאטירישן ראמאן, אויך אלחריזים א בן דור, יוסף בן מאיר זבארה פון בארצעלאנע. ער האט באקומען אן אלזייטיקע בילדונג [1]; אויסער יידיש־רבנישע למודים האט ער פלייסיק שטודירט פארשיידענע שפראכן און וויסנשאפטן, באזונדערס מעדיצין. ווי עס שיינט, איז די הייל־קונסט געווען דער מקור פון זיין פרנסה [2]. וועגן זיינע ברייטע מעדיציניש ידיעות זאגן עדות זיינע צוויי קליינע ווערק „מראות השתן״ און „בתי הנפש״ [3]. דאס לעצטע ווערק האט א באזונדערן אינטערעס, ווייל ס׳איז דארט דעם פארפאסער געלונגען גובר צו זיין געוויסע טעכנישע שוועריקייטן, געפינען אויף העברעיש פאר יעדן גליד און אבר אינם מענטשנס גוף א באשטימטע באצייכענונג און אין פליסיקע פערזן באשרייבן זייער באדייטונג און טעטיקייט.

ווי עס איז זיך משער צו זיין אויס דער הקדמה צו זבארהם הויפט־ווערק, האט איינער זיינער א גוטער באקאנטער אים איבערגערעדט אונטער־צונעמען צוזאמען א ווייטע רייזע. ווי עס שיינט, האט די דאזיקע נסיעה זבארהן גורם געווען פיל עגמת נפש, ער האט אבער אויך איר צו פאר־דאנקען זיין הויפט־ווערק, דעם סאטיריש־דידאקטישן ראמאן „ספר שעשועים״ [4]. אויך דאס ווערק איז א יידישן מעצענאט געווידמעט, זבארהם א בן־עיר, ששת בן בנבנשת, וואס האט פארנומען אן אנגעזעענע שטעלע ביים מלך פון אראגאניע, און אלחריזי לויבט אים אלס „האר איבער אלע הארן, וועמעס נאמען ס׳איז בארימט אין מזרח און אין מערב״ [5].

דער „ספר שעשועים״ באשטייט פון דרייצן מאקאמען. אויך אין זיי פיגורירן צוויי הויפט־פערזאנען: דער פארפאסער גופא און זיין

---

1 איינער פון זיינע לערער איז געווען דער באקאנטער געלערנטער יוסף קמחי (זע „אוצר נחמד״, I, 105—106).

2 אין דער הקדמה צו זיין „ספר שעשועים״ שרייבט זבארה: איש היה בארץ ברצלונה, יוסף בן זבארה שמו, והיה האיש ההוא... עובדם ומרפאם, לכל חולה מהם מכין רפואות תעלתו, בעזר יוצרו כפי מלאכתו והכמתו ומתעסק במחלתו.

3 פארעפנטלעכט דורך ישראל דאווידזאן אין 1914.

4 צום ערשטן מאל געדרוקט אין קאנסטאנטינאפאל אין 1577, איבערגעדרוקט אין 1886. מיר האבן זיך באנוצט מיט דער קריטיש־וויסנשאפטלעכער אויסגאבע פון י. דאווידזאן, 1914. אויסער די דערמאנטע ווערק האט זבארה געשריבן אויך פיוטים (זע ח. בראדי, שער השיר, 170—188).

5 וועגן ששת בנבנשת וועט אונז נאך אויסקומען צו ריידן אין צווייטן טייל.

באַגלייטער, דער שטן און שד ארנ׳ל בן עינו. דער פּראָפעסער וואַנדלט מיט זיין שרעקלעכן חבר, דעם פאַרשטעלטן שד, פון לאַנד צו לאַנד, און דער לעזער באַקאַנט זיך מיט אַלץ, וואָס זיי פּאַסירט אויפן וועג. ניט אָבער דער גוף המעשה איז אין „ספר שעשועים" דער עיקר.

אַ דאַנק זיין אייגנאַרטיקער אַרכיטעקטאָניק פאַרנעמט בכלל זבאַרהס ווערק אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון פּאָעטישע פאָרמען אין דער העברעיִשער ליטעראַטור. מיר האָבן שוין ביי שבתים „מנחת יהודה" געזען, מיט וואָס פאַר אַן אומדערוואַרטן קונסט־גריף עס באַנוצט זיך דער דיכטער: אין דער מיט דערציילונג מישט זיך פּלוצלינג אַריין דער דיכטער גופא, און באַווייזט זיך נאָך אַ מאָל צום סוף, און רייסט מיט אַ מאָל איבער די גאַנצע מעשה. דער בעל „ספר שעשועים" גייט אָבער אויף אַן אַנדער דרך. ער שפּינט די פאַרפּלאָנטערטע מעשה פון זיין ראָמאַן לויט דעם אין די מזרח־לענדער, בפרט ביי די אַראַבער, זייער באַליבטן מוסטער, ווי אַ גאַנצער פּלאָנטער פון פאַרשיידענע מעשיות ווערן אַרומגערינגלט מיט איין איבער־מעשה, ווי מיט אַ שלאַנגען־קייט אָדער רויזן־קראַנץ. אַט די ראָלע פון דער פאַרבינדונגס־קייט שפּילט אין זבאַרהס ווערק די באַגעגעניש פונם פּראָפעסער מיטן שד און די באַשרייבונג, וואָס צווישן זיי איז פּאָרגעקומען. דאַן ערשט הייבט אָן דער פּראָפעסער פונאַנדערוויקלען דעם פאַנטאַסטישן קנויל פון קונציקע מעשהלעך, משלים, פּאַראַבעלן, גלייכווערטלעך, און דאָס אַלץ קייטלט זיך איינס נאָכן אַנדערן, ווי רינגעלעך פון אַ לאַנגער קייט. דעם דאָזיקן פילפאַרביקן פאָלקלאָריסטישן מאַטעריאַל האָט דער פּראָפעסער צונויפגעזאַמלט פון די פאַרשיידנסטע קוועלן: פון אַלט־יידישע, גריכישע, אַראַבישע און אינדישע. באַזונדערס אינטערעסאַנט זיינען אין דער הינזיכט די מאַקאַמען: 2, 3, 5, 6 און 12.

די צווייטע מאַקאַמע איז אַ גאַנצע פּאָעמע וועגן דעם שלויען פוקס און דעם אָפּגענאַרטן פּאַנטער. ווי אַ גאַנצער קנויל ציען זיך איינע נאָך דער אַנדערער פיל פאַבלען און מעשהלעך וועגן דער פאַלשקייט פון דעם פוקס און וועגן דער לייכטזיניקייט און שלעכטסקייט פון דער פרוי. באַזונדערס פּאָפּולער איז געוואָרן אין דער שפּעטערדיקער יידישער [1] און אויך אייראָפּעיִשער ליטעראַטור די דאָרט דערציילטע מעשה וועגן דער לייכטזיניקער אַלמנה.

---

1 זע: תוספות צו מס׳ קדושין, דף 80, עמ׳ ב׳; מעשה־בוך נומ׳ 108 (אין דער הילמערסדאָרפער אויסגאַבע).

ערגעץ אין אַ ווייטן לאַנד איז אַ מנהג געווען, אַז אַ געהאַנגענעם פאַרברעכער האָט מען ניט געטאָרט אַראָפּנעמען פון דער תּליה אין משך פון זיין טעג. די גאַנצע צייט איז געשטאַנען אַ וואך און געהיט דעם קערפּער, בכדי די קרובים און גוטע־פריינד פונם געהאַנגענעם זאָלן אים ביי נאַכט ניט אַראָפּגנבענען פון דער תּליה. איין מאָל אין דער נאַכט האָט דער שומר, וואָס האָט ביי דער תּליה געהיט, דערהערט ניט ווייט אַ גרויס געיאָמער. ער איז צוגעגאַנגען און דערזען, אַז גאַנץ אין דער נאָענט ליגט אַ יונגע פרוי איבער אַ פרישן קבר און וויינט מיט ביטערע טרערן. דאָס האָט עס אַן אומגליקלעכע אלמנה באַוויינט איר היים־געליבטן פאַרשטאָרבענעם מאַן. דאָס זעלביקע האָט זיך איבערגעחזרט אין דער צווייטער נאַכט. דער שומר האָט אָנגעהויבן צו טרייסטן די אלמנה, און אין אַ שעה אַרום האָט זי אים שוין געמאַכט אַלערליי חנדלעך. אַז זיי זיינען אין אַ צייט אַרום, אומגעאָרמט צוגעגאַנגען צו דער תּליה, האָט דער שומר מיט שרעק דערזען, אַז דער קערפּער פונם געהאַנגענעם איז פאַרשווונדן געוואָרן. דער שומר דערקלערט דאַן, אַז ער מוז גלייך אַנטלויפן, אויב ניט – וועט ער שטרענג באַשטראָפט ווערן פאַר זיין נאַכלעסיקייט. די פרוי באַרויִקט אים און לייגט אים פאָר אַרויסצוגראָבן פונם קבר איר מאַן און אויפהענגען אָנשטאָט דעם פאַרמשפּטן. דער שומר זאָגט זיך אָפּ: ער קאָן אַזאַ זינד אויף זיין געוויסן ניט נעמען. האָט די אלמנה אליין איר מאַן אויסגעגראָבן. ווי דער שומר דערזעט דעם טויטן קערפּער, דערקלערט ער, אַז ער קאָן אים צו גאָרניט נוצן, ווייל דער פאַרמשפּטער איז געווען אַ קרח, מיט אַ גרויסן פליך אויפן קאָפּ, און דער אויסגעגראָבענער מת איז שטאַרק באַוואַקסן. „דאָס מאַכט ניט אויס", זאָגט געלאַסן די אלמנה, און צופּט אויס ביי איר טויטן מאַן איינציקווייז אַלע האָר פונם קאָפּ. דעם קערפּער האָט מען דאַן אויף דער תּליה אויפגעהאַנגען, און דאָס פאַרליבטע פּאָר האָט באַלד חתונה געהאַט [1].

דער תּמצית און מוסר השכל פון דער מאַקאַמע גופא וועגן דעם פוקס און דעם פאַנטער געפינט זיך דווקא אין פולן קעגנזאַץ צו דער דאָזיקער מעשה. דער פאַנטער קומט עם דערפאַר אום, וואָס ער האָט זיין בת זוג, די קלוגע און געזעצטע פאַנטערע, ניט געוואָלט פאָלגן. דעם שלויען פוקס איז נעמלעך מיט זיינע קלוגע מעשיות געלונגען איבער־

1 עס איז שווער צו גלויבן, אַז די דאָזיקע מעשה זאָל זיין אַ פשוטע איבער־דערציילונג פון דער, אין דער גריכיש־רוימישער וועלט, זייער פאָפּולערער מעשה וועגן דער מאַטראָנאַ פון עפעס. די מעשה איז בלי־ספק אַ פיל עלטערע. זע וועגן דעם: עד. גריעסבאַך, די טריילאָזע ווּטווע, איינע כינעזישע נאָוועלע.

צורײדן איר שכן, דעם פּאַנטער, ער זאָל צוזאַמען מיט זיין גאַנצן הויזגעזינט פאַרלאָזן זיין איינגעזעסן אָרט, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס זיין בת־זוג, די עקרת הבית, האָט אים שטאַרק געוואָרנט, ער זאָל זיך ניט לאָזן פון דעם פוקס פאַרפירן. און אָט וואָס דער סוף איז געווען: „איר היים האָט די פּאַנטער־משפחה פאַרלאָזן; פאַראויס גייט מיט תמימות דער פוקס דער פאַלשער: ער האָט דאָך פאַרשפּראָכן דעם וועג צו ווייזן, וואָס פירט אין דער שיינער געבענטשטער מדינה. זיי זיינען געקומען צום ציל דעם געווונטשטן. דאָס לאַנד איז געווען פול מיט טייכן, קוואַלן און שנעל־לויפנדיקע געווייסער. האַרציק געזעגנט זיך דער פוקס מיט דער גאַנצער משפחה; מיט פרייד און מיט רחבות קערט ער זיך צוריק — זיין שלויער פּלאַן איז געלונגען: ער האָט אים פאַרנאַרט, דעם לעפּישן פּאַנטער. „ענדלעך געפּטערט די לעסטיקע שכנים, איצט איז אין מיין איינציקער שליטה די היים מיט דער גאַנצער אומגעגנט"... און דאָרט, אינם לאַנד דעם „געבענטשטן", ווו די פּאַנטערן האָבן זייער נייע היים אויפגעבויט — האָט זיך באַלד אָנגעהויבן די צייט פון רעגנס און גרויסע געווייסער. אַרוים פון די ברעגעם זיינען באַלד אַלע טייכן און פליסן; ניט לאַנג האָט געדויערט, און אין מיטן דער נאַכט, בעת אין די אָרמען פון שלאָף איז די פּאַנטער־משפחה געלעגן — איינגעשטירצט האָבן דאַן פּלוצלינג מיט גרוים רעש און געפּילדער די בייזע, צאָרנדיקע כוואַליעס. „אוי ווי איז מיר, ווי! — האָט מיט טויט־שרעק דער פּאַנטער געיאָמערט — ווי איז צו דעם, וואָס פאָלגט דעם פוקס פאַלשע עצות און בלייבט טויב צו דער ווייבס געטרייע ווערטער!" — און באַדעקט האָבן אים די קאַלט־ברוגזע כוואַליעס"...

אין דער דריטער מאַקאַמע ווערט געבראַכט דאָס שיינע מעשהלע, וואָס שטאַמט פון אינדיע [1], וועגן דער קלוגער פּויערים־מיידל; ווי אַזוי דאָס כיידל האָט קונציק פּותר הלום געווען דעם מלך און דער מלך האָט מיט איר התונה געהאַט. פון אינדישע מקורים שטאַמט אויך געוויס די מעשה וועגן דער פּרינצעסין מיט דער רויז אין דער אַכטער מאַקאַמע. אין דער פינפטער מאַקאַמע זיינען איינגעפלאָכטן אַ גאַנצע גרופּע מעשיות וועגן אַ קלוגן ריכטער; איינע פון זיי, די מעשה וועגן יעקב פון קאָרדאָווע און דעם פאַלשן שַר, קומט פאָר אין פאַרשיידענע נוסחאות אין דער שפּעטערדיקער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור: אין דעם באַקאַנטן זאַמלבוך „געסטאַ ראָמאַנאָרום", ביי דעם איטאַליענער באָקאַטשיאָ און אין פיל

1 זע: דאַווידזאָן אין זיין הקדמה צו „ספר שעשועים", 53—54. דאָרט ווערט געבראַכט דער אינדישער מקור.

אנדערע קוועלן. אין דער זעקסטער מאקאמע באגעגענען מיר אן אינטע־רעסאנטן וואריאנט פון דער באקאנטער מעשה טוביה. עס ווערט בײ־זבארהן דערציילט, ווי אזוי דער גאטספארכטיקער טוביה האט עובר געווען אויף דעם גרויזאמען פארבאט, מען זאל ניט טארן די טויטע מקבר זײַן; דערנאך ווי ער ווערט בלינד, ווי זײַן זון לאזט זיך אין ווייטן וועג און באגעגנט אליהו הנביא. אין דער זיבעטער מאקאמע שטעלן זיך אפ אויף נאכטלעגער בײדע הויפט־פערזאנען, דער פארפאסער און זײַן באגלייטער, בײַ זייער א קלוגן זקן, און יענער אונטערהאלט זיי מיט אנעקדאטן און וויץ־ווערטער. אויך פיל פון די דאזיקע אנעקדאטן און גלייכווערטלעך באגעגענען מיר אין דער שפעטערדיקער אייראפעישער ליטעראטור, ווי, צום בײַשפּיל, אין דעם אויבנדערמאנטן „געסטא ראמא־נארום״. אין דער פארלעצטער מאקאמע באגעגענען מיר ווידער א „פרויען־פיינדלעכע״ מעשה, וווּ עס ווערט דערציילט וועגן א אשה רעה, וואס דער שטן גופא ווערט נשתומם פון אירע אכזרישע אײַנפאלן [1].

1 די בײַ זבארהן געבראכטע מעשה וועגן דעם קלוגן מלך און דער לייכטזיניקער פרוי, וואס איז מרוצח איר מאן צו הרגנען, געפינען מיר אויך אין דעם „משלים של שלמה המלך״ (בית המדרש, IV, 146—148) און אין רבנו נסימס „חבור יפה״ (ז. 14—15 אין דער אויסגאבע 1746).

ניינטער קאפיטל

די השפעה פון יידן אויפן אייראפעישן פאלקלאר. — פעטער אלפאנסי און זיין „Disciplina clericalis“. — דער היסטארישער עפאס „ספר הישר“. — אברהם אבן חסדאי און זיין דידאקטישער ראמאן „בן המלך והנזיר“. — „כלילא ודימנא“ און אירע איבערזעצער. — „משלי סנדבאר“. — דער פראטעסט קעגן דער פרעמדלענדישער השפעה. — יצחק אבן סהלה און זיין פאבל־זאמלונג „משל הקדמוני“. — דער פאבל־דיכטער ברכיה הנקדן און זיין „משלי שועלים“. — די התחלה פון דער ירידה; די השפעה פון דער קאטוילישער קאסטיליע. שלום.

זבארהם בוך פירט אונז ארײן אין א ניי געביט — אין דעם פאנטאסטישן לאבירינט פון פאלקלאר, ווו די פרוכטן פון פאלקס=חכמה און די בלומען פון פאלקס=טרוימען און חלומות וואנדערן פון לאנד צו לאנד, בייטן זייער לבוש, באריייכערן זיך מיט נייע עלעמענטן, און דינען דאן אלס נייער מקור פארן ווייטערן פאלקס=שאפן. דעם דיכטער פון „ספר שעשועים“ איז זייער געפעלן געווארן דער מנהג, וואס איז אזוי באליבט געוועןן אין די מדינות פון הודו און ביי די אראבער: אונטערהאלטן, אמוזירן און טאקע דערביי אויך באלערן און מוסר זאגן; און דאס אלץ מיט דער הילף פון לייכטע אנעקדאטן און שיינע מעשהלעך. און דאס דאזיקע ווערק, וואס געפינט זיך אונטער דער שטארקער השפעה פון אראבישע, אינדישע און גריכישע קוועלן, קאן דינען אלס בולטסטער באווייז, ווי וויכטיק און באדייטנדיק ס׳איז געוועןן די פארמיטלער=ראלע פון יידן אויפן געביט פון אייראפעישן פאלקלאר. אליין א מזרח=פאלקבאקאנט מיט די אראבישע און גריכישע קוועלן, וואס האבן אין זיך אויפגענומען פיל אריענטאל=אינדישע אגדות, משלים און מעשיות, זיינען די יידן אין דעם מיטלאלטער געוועןן די פארבינדונגס=קייט און פארמיטלער צווישן דער מזרח=און דער מערב=וועלט. זיי האבן עס אפשר מער פון אלע אנדערע גורם געוועןן, דאס דער אייראפעישער מערב האט זיך באקאנט מיט פיל אריענטאלישע מאטיוון, מיט די אוצרות פון דער אינדישער און פערסיש=גריכישער אגדות= און מערכן=וועלט [1]. אין יענער פינסטערער תקופה, בעת די קולטורעלע אוצרות פון די פריערדיקע

---

[1] ז. באנפיי, פאנטשאטנדרא, 25.

דורות זיינען געלעגן באַגראָבן און פאַרגעסן, זיינען די יידן געווען כמעט די איינציקע וועכטער, וואָס האָבן געטריי געהיט די רייכטימער פון אגדות, פאַבלען און ראָמאַנען פון דער קלאַסישער מזרח־וועלט; און אדאנק די דאָזיקע וועכטער איז אַ באַדייטנדיקער טייל פון די רייכטימער אויף אומוועגן דורך אראביע און שפאַניע שפּעטער אריינגעדרונגען אין דער קריסטלעכער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור.

נאָך אינם עלפטן יאָרהונדערט האָט אַ געטויפטער ייד משה הספרדי (זיין קריסטלעכער נאָמען איז געווען פּעטער אַלפאָנזי), דער הויף־אַרצט ביים קאַסטילישן מלך אַלפאָנזאָ דעם זעקסטן, פאַרפאַסט אין לאַטיין אַ זאַמלבוך פון 33 מעשיות און דערציילונגען „Disciplina clericalis“ [1]. „ווער ס׳וויל — זאָגט אזא פאַכמאַן ווי משה שטיינשניידער — אויס־פאָרשן דעם וועג, איבער וועלכן די אָריענטאַלישע מעשיות האָבן קיין אייראָפּע געוואַנדערט, דער מוז זיך רעכענען מיט אַלפאָנזיס „דיסציפּ־לינאַ“ ווי מיט איינעם פון די וויכטיקסטע מיילן־שטיינער, וואָס באַציי־כענען דעם דאָזיקן וועג“. אַלע קולטור־היסטאָריקער שטרייכן אונטער די גרויסע השפּעה, וואָס אַלפאָנזיס ווערק האָט געהאַט אויף דער אַנט־וויקלונג פון דער אייראָפּעיִשער נאָוועלע [2]. באַלד זיינען אויך אין דער העברעיִשער שפּראַך ערשינען אַ ריי ענלעכע ווערק, וואָס האָבן אַ באַ־שטימטע באַדייטונג פאַר דעם מיטלאַלטערלעכן פאָלקלאָר. מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן נאָר אויף איינציקע, אויף די וויכטיקסטע פון זיי.

אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע שטעלע פאַרנעמט צווישן זיי איין ווערק, וואָס ס׳איז ביז דער נייער צייט געווען איינס פון די באַליבטסטע אונ־טערהאַלטונגס־ביכער ביי דער יידישער יוגנט. „ספר הישר“ הייסט דאָס בוך, אַ מין יידישער „גבורים־עפּאָס“, וועלכער נעמט אַרום די עלטסטע תקופה פון בריאַת העולם ביז יציאת מצרים [3]. ווער דער פאַרפאַסער

---

[1] דער צווייטער און דריטער קאַפּיטל פון דער דאָזיקער זאַמלונג זיינען נאָך אינם מיטלאַלטער איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעיִש און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אונטערן נאָמען „ספר חנוך“ אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין 1516 (צוזאַמען מיט „דברי הימים של משה רבנו“ און אַנדערע).

[2] זע צ. ב. G. Depping, Les juifs dans le moyen age, 1845, 98–99

[3] בלויז די לעצטע עטלעכע בלעטלעך באַרירן די שפּעטערדיקע תקופה פון יציאַת מצרים ביז שופטים. דאָס ווערק איז אויך איבערגעאַרבעט אויף יידיש אונטערן נאָמען „תם וישר“. אויף דעם שער־בלאַט ווערט אָנגעוויזן: ווייל אין דעם ספר ווערט דערציילט די מעשים, וואָס גאָט ב״ה האָט געטאָן פון בריאַת העולם ביז יהושע האָט געבראַכט דאָס פאָלק ישראל קיין ארץ־ישראל, דרום האָבן מיר דאָס מעתיק געווען פון לשון הקודש אויף יידיש־טייטש, כדי אַלע זאָלן וויסן די נסים ונפלאות.

איז פון דעם דאָזיקן ווערק, איז אומבאַקאַנט געבליבן. אין דער הקדמה ווערט אויף אַ גאַנץ לעגענדאַרן אופן דערציילט, אַז דער „ספר הישר" שטאַמט נאָך פון קדמונישע ציטן. דער מלך פון מצרים תּלמי, וואָס האָט געקיניגט נאָך אַלכּסנדר מוקדון, האָט באַפוילן זיינע חכמים און געלערנטע, זיי זאָלן פאַר אים צונויפזאַמלען די געזעץ- און געשיכטס-ביכער פון אַלע אומות העולם. בעת מען האָט זיך געווענדעט צו די יידן, האָבן זיי ניט געוואָלט איבערגעבן די הייליקע תּורה אין די הענט פון געצנדינער; זיי האָבן דערפאַר אָנשטאָט תּורת משה געגעבן דעם מלכס שלוחים בלויז דעם „ספר הישר". בשעת טיטוס האָט ירושלים איינגענומען, האָט איינער פון זיינע קריגס-פירער געפונען אין אַ הייל אַ גאָטספאָרכטיקן זקן, וואָס איז געזעסן ביחידות פאַרטיפט אין אַלטע פּאַרמעט-מגילות. דער זקן איז מיט זיין גרויס חכמה שטאַרק געפעלן געוואָרן דעם רוימישן קריגער, און יענער האָט אים מיט זיך מיטגענומען מיט אַלע זיינע מגילות און ספרים; די פריינדשאַפט איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ער פלעגט זיך מיטן זקן ניט צעשיידן אפילו ווען ער האָט געמוזט זיך לאָזן מיטן חיל אין מלחמה. צום סוף האָט דער קריגסמאַן געלאָזט אויפבויען אַ הויז אין שפּאַניע אין דער אומגעגנט פון סעווילי, און דאָרט האָט דער זקן פאַרבראַכט זיינע לעצטע יאָרן מיט זיינע גע-ליבטע ספרים. אָט אין דעם זקנס ביבליאָטעק — ווערט אין דער הקדמה אָנגעוויזן — האָט מען עס געפונען דעם „ספר הישר", וועלכער טראָגט אויך דעם נאָמען „תּולדות אדם".

די דאָזיקע לעגענדע ברענגט צו דער השערה, אַז דער „ספר הישר" שטאַמט טאַקע פון שפּאַניע, הגם דערויף זאָגן אויך עדות די פיל אַראַבישע נעמען, וואָס קומען דאָרט פאָר [1]. דער אומבאַקאַנטער פאַרפאַסער איז געווען אַ קונציקער קאָמפּילאַטאָר און אויסגעצייכנטער סטיליסט; ער האָט אָבער ניט שטענדיק געוווסט דעם סוד פון משקל און מוז. די ביבלישע דערציילונגען ווערן ביי אים צונויפגעפלאָכטן מיט פאַרשיידענע מעשיות און לעגענדן פון תּלמוד און שפּעטערדיקע יידישע קוועלן ביז צום „יוסיפון", וועגן וועלכן מיר וועלן ריידן באריכות אין דעם דריטן טייל פון אונזער ווערק [2]. דער פאַרפאַסער דערגרייכט דערביי ניט זעלטן שיינע עפעקטן. צום ביישפּיל, ווען ער דערציילט, ווי

---

1 לויט צונצס השערה איז דער „ספר הישר" פאַרפאַסט געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פונם 12טן יאָרהונדערט.

2 וועגן דעם, ווי אַזוי דער בעל „ספר הושר" פלעגט באַנוצן די יידישע קוועלן, זע: צונץ, גאָטעסדינסטליכע פאָרטרעגע, 163—165 (2טע אויפלאַגע):

אַזוי יוסף, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן דורך זיינע ברידער פאַר אַ קנעכט די מְדָנִים, וויינט אויפן קבר פון זיין מוטער רחל, און די טויטע מוטער טרייסט פון דעם טיפן קבר איר געליבט אומגליקלעך קינד.

דער פּראָפעסער באַנוצט אָבער ניט נאָר יידישע קוועלן. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז ער האָט באַזעסן אַ געוויסן סכום געניויע, פאַר יענער צייט גאַנץ זעלטענע, ידיעות וועגן די אַלטע מזרח-לענדער. ער דער-ציילט, למשל, ווי אַזוי דער מלך פון כוש, קיקונים, האָט באַפוילן, בכדי צו פאַראייביקן זיינע גבורות און מלחמות, זיי פאַרצייכענען אויף שטיינער פאַר די קומענדיקע דורות. אויך דערציילט דער פּראָפעסער, אַז די קליינינקע מלכים פון כנען זיינען געווען אונטער דער אויבערמאַכט פון דעם מלך מצרים, און ווען עס איז אויף זיי אָנגעפאַלן אַ שטאַרקער שונא, פלעגן זיי בעטן ביי פּרעהן מיליטערישע הילף. דער פּראָפעסער איז אויך געווען באַקאַנט מיט די אגדות און לעגענדן פון די אייראָ-פּעיִשע פעלקער, און האָט זיי טאַקע פליסיק אויסגענוצט אין זיין ווערק. מיר באַגעגענען דאָרט, למשל, די באַקאַנטע דערציילונג, ווי מען האָט אוועקגערויבט די שיינע טעכטער פון סַבִּינָה, און דער בעל „ספר הישר" איז דערביי מוסיף, „אַז אברהם אבינו איז דעמאָלט אַלט געווען 91 יאָר"; אויך ווערט דאָרט דערציילט די לעגענדע וועגן דעם שרעקלעכן צענטאַוור. אין דעם יידישן עפּאָס איז אָבער דעם צענטאַוור גובר אַ ביבלישער העלד, דער גבור צופה, עֵשָׂוס אייניקל. אינם העלדן-עפּאָס וועגן די עשרת בני יעקב און זייערע געוואַלטיקע מלחמות, וואָס ווערן אַזוי באַריכות געשילדערט אינם „ספר הישר" [1], איז לייכט צו באַמערקן די השפּעה פון די אַלטע ראָמאַנישע באַלאַדן און לידער וועגן די גלענצנדיקע גבורות פון די באַרימטע ריטער. אפילו יעקב אבינו גופא ווערט אין „ספר הישר" געשילדערט אַלס גרויסער גבור און איש מלחמה, וואָס רייסט זיך אַריין מיטן בלויזן שווערד אין דער האַנט אין דעם שונאס מחנות, און יענע אַנטלויפן פאַר אים מיט גרויס פחד. דער צוויי-קאַמף צווישן יהודהן און דעם פירשט יָשוּב איז באַשריבן מיט אַלע פּרטים לויט דעם סדר פון מיטלאַלטערלעכע ריטער-טורנירן. און די מעשה מיט שמעונען, ווי יענער, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט אַ גאַנצער מחנה פיינדלעכע קריגער, לאָזט אַרויס אַ שרעקלעכן געשריי, וואָס דערגרייכט ביז צו די אויערן פון יהודה, וועלכער איילט גלייך

1 די גבורות-באַשרייבונג פון יעקבס קינדער פאַרנעמען דעם בכבודיסטן פּלאַץ אין „ספר הישר". דערמיט דערקלערט זיך, וואָס ביים רוב עלטערע קוועלן, צום ביישפּיל ביים רמב"ן, טראָגט דאָס גאַנצע ווערק דעם נאָמען „מדרש בני יעקב".

דעם ברודער צו הילף — דאָס דערמאָנט זייער אָן דעם ליד וועגן באַרימטן מיטלאַלטערלעכן העלד ראָלאַנד, וואָס בשעת אים רינגלען אַרום דעם שונאס מחנות, טרומייטערט ער מיט זיינע לעצטע כוחות אין זיין האָרן, און די יאוש־טענער דערגרייכן ביז צו די אויערן פונם קעניג — קאַרל. אַפילו די באַקאַנטע תלמודישע לעגענדע וועגן משה רבנוס הידושימדיקן שטעקן באַקומט אינם „ספר הישר“ אַן אייראָפעיִשע פאַרבונג: עס פילט זיך דאָ די השפעה פון געוויסע לעגענדן פון דער מיטלאַלטערלעכער מערב־אייראָפע. לויט דעם נוסח פון „ספר הישר“ איז דער דאָזיקער שטעקן נאָך לאַנגע גלגולים געקומען אין די הענט פון דעם מדיָניִשן פריסטער יִתרוֹ. יענער האָט דעם שטעקן איינגעפלאַנצט ביי זיך אין גאָרטן און האָט דערקלערט, אַז ווער עס וועט בכח זיין אַרויסצערייסן דעם שטעקן פון דער ערד, דעם וועט ער געבן זיין שיינע טאָכטער צפורה פאַר אַ ווייב. אַ סך גרויסע און שטאַרקע גבורים האָבן געפּרוּווט בייקומען דעם וווּנדער־שטעקן, — דער שטעקן האָט זיך פון אָרט ניט גערירט, ביז ס'איז געקומען משה רבנו: מיט איין האַנט האָט ער גלייך דעם שטעקן פון דער ערד אַרויסגעריסן, און די שיינע מדין־טאָכטער איז זיין ווייב געוואָרן.

אינם נוסח פון אייניקע אגדות פילט זיך אַפילו די השפעה פון ריין־ק ר י ס ט ל ע כ ע קוועלן. צום ביישפּיל, אין דער באַשרייבונג, ווי דער שטן וויל ברענגען אין נסיון אברהם אבינו און יצחקן אויפן וועג צו דער עקדה. דעם שטנס נסיונות ווערן, אמת, באַשריבן אויך אין יידישע מדרשים[1], זיי טראָגן אָבער דאָרט אַן אַנדער פאַרבונג. אין „ספר הישר“ דערמאָנען אייניקע אויסדריקן, ווי, למשל, אברהמס ברוגזע געשרייען אויפן שטן: „לך נא מעלינו“, „יגער ד' בך השטן“, אַן ענלעכע שטעלע אין עוואַנגעליום. אמת, ערטערווייז, בפרט דאָרט, וווּ עס ווערט דערציילט וועגן דעם צווייגעשפּרעך צווישן דעם שטן און שרהן, פלייסט זיך דער פאַרפאַסער צו געבן אַ מער „יידישע“ פאַרבונג.

עס איז זייער מעגלעך, אַז טאַקע מהאי טעמא, וואָס דער בעל „ספר הישר“ האָט אַזוי פיל זיך באַנוצט מיט פרעמדע קוועלן, האָבן די מיטלאַלטערלעכע רבנים געקוקט מיט אַ געוויסן חשד אויף דעם דאָזיקן ווערק, און אַ לאַנגע צייט ניט דערלויבט, מען זאָל עס דרוקן. ערשט אינם יאָר 1625, נאָכדעם ווי דער טעקסט איז דורכגעגאַנגען די טעסט פון אַ זייער שטרענגער צענזור מצד דעם באַוווּסטן געלערנטן אריה די מודינה,

1 זע, צ. ב., אין „ילקוט שמעוני“ דף 24 (מיר ציטירן נאָך פּולאַנייער אויסגאַבע, 1805).

וואָס האָט אַ סך שטעלן אַרויסגעוואָרפן, איז דער „ספר הישר“, און דאָס אַלץ אָן דעם הסכּם פון די אָרטיקע רבנים, פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ווענעציע [1].

* * *

אַ העכסט אינטערעסאַנט בילד וועגן די גלגולים און ענדערונגען, וואָס ס׳האָט אויסצושטיין אַ ליטעראַריש ווערק אָדער וועלכע ס׳איז אגדה, בשעת עס וואַנדערט פון איין פאָלק צום אַנדערן — קאָן געבן אַ דידאַקטישער ראָמאַן, וואָס שטאַמט פון אינדיע און איז באַקאַנט אין גריכישער באַאַרבעטונג אונטער דעם נאָמען „בלעם און יוסאַפאַט“ און אין די סלאַווישע און אין מערב־אייראָפּעיִשע אומאַרבעטונגען — אַלס „וואַרלאַאַם און יוסאַפאַט“. דער גוף המעשה פונם אָריגינאַל, וואָס דער־ציילט וועגן בודדאַס גרויסקייט און הייליקייט — באַקומט אינם גריכישן נוסח [2] אַ ריין קריסטלעכן לבוש: צום פּרינץ יוסאַפאַט קומט גאָטס־פאַרכטיקער נזיר בָּלַעַם און יענער איבערצייגט דעם פּרינץ מיט זיינע פרומע רייד און קלוגע משלים, אַז די קריסטלעכע אמונה איז די איינ־ציק אמתע און ריכטיקע. דאָס דאָזיקע אינטערעסאַנטע ווערק, וואָס ס׳האָט זיך איינגעבירגערט אין אַלע מיטלאַלטערלעכע אייראָפּעיִשע ליטע־ראַטורן און געוואָרן איינס פון די באַליבטסטע מוסר־ספרים — איז אויסגעשטאַנען אין משך פון זיינע וואַנדערונגען זייער פיל גלגולים, געביטן אָפט זיין פאָרם און לבוש נאָך דער תקופה אָדער דעם מצב פון דער באַטרעפנדיקער קולטור און רעליגיעזע אָנשויאונגען.

דעם העברעיִשן נוסח פון דעם דאָזיקן ווערק האָט באַשאַפן אין די ערשטע צענדליקע יאָרן פונם 13טן יאָרהונדערט דער דיכטער אברהם בן שמואל אבן חסדאי פון באַרצעלאָנע [3]. אבן חסדאי האָט פיל איבערגע־זעצט פון אַראַביש אויף העברעיִש. באַזונדערס באַקאַנט איז זיין איבער־זעצונג פון אַלגאַזאַלים, דעם אַראַבישן טעאָלאָגישן דענקערס ווערק „מאזני

1 וועגן דעם דערציילט אריה די מודינה נופא אין זיין „ארי נוהם“: והרי זה הס׳ הישר שהדפיסו שלא מדעתי ודעת חכמים פה וויניציא זה כעשרים שנה, הנם שהסירותי ממנו הזרות והכזבים“ (ז. 60). דער בשעתו באַקאַנטער שריפטשטעלער און כלל־טוער, מ. נוח, האָט פאַרעפנטלעכט אַן ענגלישע איבערזעצונג פונם „ספר הישר“ (The Book of Jasher).

2 פאַרפאַסט פון אַ קריסטלעך־גלויביקן עטיאָפּ מיטן נאָמען יואַן, בערך אין 1090.

3 אינם צווייטן טייל פון אונזער ווערק וועט אונז אויסקומען זיך אָפּצושטעלן אויף דער ראָלע, וואָס אבן חסדאי האָט געשפּילט אין דער מהלוקת צווישן די מיימוניסטן און זייערע קעגנער.

צדק״[1], נאָר קונה־שם געווען האָט ער זיך מיט זײַן העברעיִשער איבער־אַרבעטונג פֿונם אינדישן ראָמאַן, וואָס טראָגט בײַ אים דעם נאָמען „בן המלך והנזיר״[2].

די נײַערע פֿאָרשער[8] האָבן מיט געוויסער זיכערקייט דערוויזן, אַז אבן־חסדאי האָט דערבײַ זיך באַנוצט מיטן אַראַבישן נוסח פֿונם אינדישן ראָמאַן, און אַז דער אַראַבישער טעקסט איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן ניט נאָכן קריסטלעך־גריכישן „בלעם און יוסאַפֿאַט״[4], נײַערט נאָך אַן עלטערער איבערזעצונג פֿונם בודדא־ראָמאַן אין דעם פּערסישן פּעהלעווי־דיאַלעקט[5].

אבן־חסדאיס ייִדישער נוסח טראָגט אַ גאַנץ אַנדערע באַאַרבעטונג, ווי דער קריסטלעך־גריכישער. אין „בן המלך והנזיר״ ווערט דערציילט די געשיכטע פֿון אַ זייער וויסנבאַגיריקן פּרינץ, וואָס זײַן פֿאָטער האָט אים דערצויגן אין אַן אָפּגעזונדערטן פּאַלאַץ אויף אַ גאַנץ איינזאַמען אינזל. דאָס האָט עס דער מלך געוואָלט, אַז פֿאַר זײַן זון זאָלן בלײַבן פֿאַר־באָרגן אַלע צרות און לײַדן פֿון דער וועלט, און אומבאַקאַנט זאָלן אים זײַן די צוויי צווילינג־ברידער: דער טרויער און דער טויט. דאָס נישט־וויסן האָט אָבער ניט געקאָנט באַפֿרידיקן דעם יונגן בן־מלך מיט זײַן גריבלענדיקן און פֿאָרשנדיקן גייסט. און סוף־כל־סוף ווערט דאָס ניט־וויסן דורכגעריסן, און ווי דורך אַ צעשפּאָלטענעם פֿאָרהאַנג באַווײַזט זיך די טראַגישע געשטאַלט פֿונם טרויעריקן אמת. עפּעס אַ נזיר האָט זיך אין פּאַלאַץ באַוויזן, צום פּרינץ אין זײַן חדר מיוחד געקומען, און פֿאַר אים אַנטפּלעקט דעם גרויסן צער פֿון דער וועלט... ער דערקלערט דעם פּרינץ, ווי טרויעריק און נישטיק ס'איז דעם מענטשנס לעבן, ווי איבער־פֿול מיט יסורים ס'זײַנען ־זײַנע טעג. ער וואָרנט אים, ער זאָל זיך אָפּזאָגן

---

1 פֿאַרעפֿנטלעכט דורך גאָלדענטהאַל אין לײַפּציק אין 1839.

2 דאָס ערשטע מאָל פֿאַרעפֿנטלעכט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און 1518. מיר האָבן גענוצט די מעגלעכקייט צו פֿאַרגלײַכן די דאָזיקע ערשטע אויסגאַבע מיט דעם גאַנץ אַלטן פּאַרמעטענעם מאַנוסקריפּט פֿון „בן המלך והנזיר״, וואָס געפֿינט זיך אין דער פֿירקאָוויטש־קאָלעקציע, און מיר האָבן זיך דערבײַ איבערצײַגט, אַז דער געדרוקטער טעקסט פֿון דעם דאָזיקן פּאָפּולערן ווערק איז לײַדער שטאַרק פֿאַרגרײַזט.

8 פֿר. האמעל, די עלטעסטע אַראַבישע וואָרלאַגע־חערסיאָן, 1887 ; נ. ווייסלאָוויץ, פּרינץ אונד דערוויש, 1890.

4 ביבליאָגראַפֿיע וועגן דעם זע בײַ שטיינשניידער, העברעיִשע איבערזעצונגען, 865—67.

5 ווייסלאָוויץ אינם ציטירטן ווערק, 19, 25 א. וו. דעם אַראַבישן טעקסט האָט האמעל אַנטדעקט אין אַן אַלטן כתב־יד אין 1890 (ווייסלאָוויץ, 132, 134, 135). שטיינשניידער און ליבּרעכט זײַנען מיט ווייסלאָוויצן ניט מסכּים. זיי דרינגען, אַז דער אַראַבישער נוסח איז געשאַפֿן געוואָרן לויט דעם קריסטלעך־גריכישן טעקסט.

פון די תאוות העולם, און טאָג און נאכט נאָר געדענקען אין גאָט און אין זיין הייליקער אַלמאַכט. דער פּרינץ איז שטאַרק גערירט. מיט טרערן אויף די אויגן געזעגנט ער זיך מיטן גאָטספאָרכטיקן מאַן. איצט ווייס ער שוין אויף קלאָר, וואָס פאַר א גורל עס שטייט אים פאָר: זיין גאָטס שליח, דער נביא פון זיין הייליקן וואָרט...

די פיל משלים, מעשיות, לעגענדן, מיט וועלכע ס׳איז פול דער „בן המלך והנזיר״, האָט אבן־חסדאי גענומען ניט נאָר פונם אראבישן טעקסט, נאָר אויך פון יידישע קוועלן, באַזונדערס פון דער תלמודישער אגדה. דאָס בוך איז געשריבן אין מאַקאַמען־סטיל: די גערייממטע פּראָזע איז צונויפגעפלאָכטן מיט קליינע שירים. בלויז די לעצטע דריי קאַפּיטלעך (33—35), ווו עס ווערט גערעדט וועגן דעם מהות פונם מענטשנס נשמה, זיינען געשריבן אין פּשוטער פּראָזע. אין זיי האָט אָבער אבן־חסדאי כּלל זיך ניט באַנוצט מיטן אראבישן טעקסט פונם ראָמאַן, נאָר מיט פאַר־שיידענע פילאָזאָפישע ווערק פון יענער צייט.

אין אבן־חסדאים ווערק איז שוין ניטאָ קיין זכר פון יענעם לוסטיקן און זאָרגלאָזן טאָן וואָס הערשט אין אלחריזים און זַבּארהס ראָמאַנען. עפּעס ווי א לייכטער שלייער פון ווייכן הארציקן אומעט פלאַטערט איבער דעם „בן המלך והנזיר״. דער אָטעם פונם פארבישופטן לאַנד אויף די גאנגעס־ברעגן פילט זיך אין זיינע בלעטער. אמת, אבן־חסדאי געפינט נאָך אפילו, אז „גליקלעך איז דער יינגלינג, וואָס פאַרברענגט אין פריידן זיינע יונגע יאָרן — אויך אויף דער עלטער וועט זיין הארץ זיין פול מיט פריידן״ [1]. אין דער קונסטפולער אכצנטער מאַקאַמע, ווו עס ווערן אין אַזוינע שיינע שטריכן געשילדערט די איבערלעבונגען פון א פאַרליבטן יינגלינג, געפינען זיך פּאָעטיש־באַגייסטערטע סטראָפן, וואָס באַזינגען דעם כּישוף פון פרויען־שיינקייט: „פאַרוואָס, אַך מיין ליבע — קלאָגט דער פאַרליבטער — באַהאַלטסטו זיך פאַר מיר אונטער פעסט געשלאָסענע טויערן? דיינע לאָקן, די שווארצע שלאַנגען, וואָס לויערן ארום דיינע ראָזע וואַנגען — זיי זיינען דאָך דיינע זיכערסטע שומרים. און די שפּיזן פון דיינע בליקן וווּנדן טיפער ווי יואבס שאַרפע שווערד, וואָס האָט אבנרס הארץ דורכגעשטאָכן״ [2]. „מיין שיינע — קלאָגט זיך דער פאַר־

1 דאָרטן, 33 (נאָך אַמסטערדאַמער אויסגאַבע, 1766):

יַעֲלוֹז לְבָבְךָ בְּיַלְדוּתְךָ מְאוֹד — בָּחוּר וְגִיל בִּימֵי בְּחוּרוֹתֶךָ
הִתְעַלְּסָה תָּמִיד וְהִתְעַנַּג וְאָז — יֵיטִיב לְבָבְךָ בְּאַחֲרִיתֶךָ.

2 דאָרטן, 69:

מַה תִּסְגְּרִי, יַעֲלָה, דֶּלֶת לְפָנַי, הֲלֹא — בִּי שׁוֹמְרִים לָךְ בְּצִפְעוֹנֵי לְחָיַיִךְ:
אוֹ תַחְפְּצִי לִי בְּתוֹךְ שַׁעַר לְדַבֵּר דָּבָר — יוֹאָב לְאַבְנֵר וְצוּר חַרְבּוֹ בְּעֵינַיִךְ.

ליבטער וויטער — מאכט צו שפּאַט מיין ליבע, זי מיידט מיינע טריט, איך זאָל איר געשטאַלט ניט באַגעגענען, און גרויזאַם רויבט זי אויך פון מיינע אויגן דעם שלאָף — איך זאָל אויך אין חלום איר ליכטיק אנטליץ ניט דערבליקן!" [1].

די דאָזיקע ערדיש-גיריקע, עולם-הזהדיקע נגונים ווערן אָבער ביי אבן-חסדאי באַלד דערשטיקט אין די מרה-שחורהדיקע-אסקעטישע אקאָרדן. „געדענק, מיין ברודער — וואָרנט דער דיכטער — בעסער צו קושן די שאַרף פון דעם שווערד איידער מיט געריקע ליפּן ברענענדיקע קושן צו שענקען; בעסער אין די הענט פון מערדער און רויבער צו פאַלן, איידער אין נעץ פון תאווה צו בלייבן געפאַנגען" [2]. „זאָל פרויען-שיינקייט ניט בלענדן דיין אויג, דער ווייַן פון ליבע טאָר דיין האַרץ ניט באַרוישן. דאָס שיינע פרויען-געזיכט איז ווי דאָס ליכט אין אָוונט: ווּעמען זיין שיין באַצויבערט — דעם ברענט עס אָפּ די פליגל" [3].

מען דאַרף זיך ניט נאָכיאָגן נאָך פריידן און פאַרגעניגן — זיי פאַרפירן און בלענדן נאָר די אויגן, ווי „אַ שיינער פאַרביקער עפּל מיט אַ וואָרעם אין האַרצן" [4]. אין שיין-קינסטלערישע סטראָפן באַשרייבט דער דיכטער, ווי נישטיק עם זיינען די פריידן פון דער ערד מיט זייער גאַנצער פּראַכט און שיינקייט. „די ערד — זי פאַרנאַרט און בלענדט מיט דעם גלאַנץ פון אירע זיס-פרעכטיקע פאַרבן. מיט אַלע אירע טאָלן און בערג, פילפאַרביקע לאָנקעס און בליענדיקע סעדער רופט זי צו אייך: קומט אַהער! געניסט מיינע רייכע מתנות! אין סאַמעט און שפּאַניער וועל איך אייך אויסצירן! די רייכסטע סעודות, די פינקלדיק-שוימיקע בעכער וואַרטן אויף אירע געריקע ליפּן, אין בשמים-שאָטן פון דופטיקע ביימער קאָנט איר רוען אין זיסע חלומות!" — אָך, גלויבט ניט! שנעל ווי דער רויך ווערט אַלץ פאַרשווונדן! וואָס ס'שיינט און אַנטציקט

---

1 דאָרמן, 70:

צְבִיָּה כְּאָפְסָה אוֹתִי וְחָשְׁכִי — עֲדֵי תִבְרַח לְבִלְתִּי אוֹחֲזֶה

ולא דַי לָהּ עֲדֵי תִגְזוֹל שְׁנָתִי — לְבִלְתִּי בַּחֲלוֹמִי אֶחֱזֶה.

2 דאָרמן, 71:

נְשׁוֹק, אָחִי, בְּפִי חֶרֶב וְנֶשֶׁק — וְאַל תִּהְיֶה שְׂפַת חוֹשֵׁק כְּנוֹשֵׁק

בְּחַר לִנְפּוֹל בְּיַד גּוֹזֵל וְעוֹשֵׁק — וְאַל תִּבְחַר לְהִתְחַבֵּר בְּחֵשֶׁק.

3 דאָרמן, 103:

יְפִי אִשָּׁה לְבָבְךָ אַל יְפַתֶּה — וְרוּחַ תַּאֲוָה אַל יִדְּפֶךָ

רְאֵה לְחַיָּהּ כְּנֵר לֵיל וְאִם לוֹ — כְּנֵי תִקְרַב יְקוֹדוֹ יִשְׂרְפֶךָ.

4 דאָרמן, 43.

היינט ווי דער לבנה'ס צארט־זילבערנע שטראַלן — ווערט מאָרגן דורכ־געפרעסן פון פוילקייט און ווערים. די פראכטפולע כישוף־פאלאצן פון היינט ווערן שוין מאָרגן פארביטן אויף דאָס ענגע געפענגניש פון די פינס־טערע קברים!״ [1].

אין הארציקע סטראָפן, וואָס דערמאָנען אָן שלמה גבירול, רעדט דער דיכטער וועגן דער שטאָק־פינסטערקייט פון דער אומענדלעכער נאכט: „זאָגט, ליבע חברים! צי ווייסט איר: ווי זעט אויס דער שיין פונם טאָג? איך האָב זיין אָנבליק פון לאַנג שוין פארגעסן״ [2]. אַלץ פארשווינדט, אַלץ גייט פארביי, ווי דער חלום, און פון אַלע רייכטימער אין דער וועלט בלייבט נאָר די דעק פונם קבר [3]. ענג איז דאָס גע־פענגעניש פונם לעבן, עס פארדינט בלויז שפּאָט און פאראכטונג; נאָר דעם טויט — אים איינעם דאַרף מען לויבן און פרייזן! ער עפנט דעם טויער, וואָס פירט צום אייביקן לעבן [4]. און פול מיט באגייסטערונג זינגט דער דיכטער אַ לויב־ליד דעם טויט:

„ניט וויינט, ניט קלאָגט, מיינע ליבע, אינם טאָג פון מיין טויט. זיסער און ליבער פון די בעסטע געווירצן איז מיר דער שטויב, וואָס וועט מיין קבר באדעקן. ווי אַ שוואַלב אין דעם נעסט האָט מיין נשמה אין איר געפענגעניש געשמאַכט. איצט איז צעבראָכן די שטייג און ארויס־געלאָזט איז די געפאַנגענע געוואָרן״ [5].

„אַ שבח און אַ לויב זינגט דעם טויט, מיינע פריינד! וואָלטן מענטשן געוווּסט, ווי זיס איז דער טויט — ווי טרייע קנעכט וואָלטן זיי געקניט פאַר אים״ [6].

„גרויס איז די פרייד פון דער נשמה — חזרט איבער דער דיכ־טער — בעת זי פארלאָזט איר וווינונג אויף דער ערד [7]. דאָס איינציקע

---

1 דאָרטן, 16.

2 דאָרטן, 26: יְדִידַי! סַפְּרוּ לִי אִם יְדַעְתֶּם — בְּעַד יוֹמָם וּמַרְאָיו כִּי שְׁכַחְתִּיו.

3 ז. 65.

4 דאָרטן, מאַקאַמע צוואַנציק און אַנדערע.

5 דאָרטן, 30:

יוֹם אֶנָּגְעָה אַל תִּדְאֲגִי רֵעַי חֲכִי — רַגְבֵי נְחָלִים לִי צְרִירוֹת מָר דְּרוֹר.
רוּחִי בְּקִרְבִּי כִּדְרוֹר בְּתוֹךְ פַּח וָפַח — נִשְׁבָּר וְנִמְלַט וּמָצְאָה לָהּ דְּרוֹר.

6 דאָרטן:

רֵעַי מְיוּדָעַי פְּנֵי מָוֶת — חֲלוּ בְּכָל רֶגַע וְהוֹדוּהוּ;
כַּמָּה נְעִימוֹת בַּמָּוֶת, לוּ — אִישִׁים יְדָעוּהוּ — עֲבָדוּהוּ.

7 דאָרטן, מאַקאַמע 34.

ציל, וואָס איז פאַרהאַן אויף דער וועלט — דאָס איז איידלען די נשמה, ברענגען זי לתכלית השלמות און דינען גאָט מיט מעשים טובים". די דאָזיקע מוסר=רייד זיינען צונויפגעפלאָכטן מיט פאַרשיידענע משלים, מעשיות און גלייכוווערטלעך, גענומען פון דעם תלמוד, מדרשים און אויך פון פרעמדע קוועלן, הויפּטזעכלעך פון דעם אינדיש=אַראַבישן טעקסט גופא. פון אַן אַלטן מדרש איז געווים גענומען די מעשה וועגן איינעם מיט זיינע דריי חברים [1]. דער געליבטער חבר, וועגן וועלכן יענער האָט געזאָרגט טאָג און נאַכט, האָט דעם מענטשן גלייך פאַרלאָזן, ווי נאָר יענעם האָט אַן אומגליק פּאַסירט, און דווקא דער דריטער חבר, וועגן וועלכן דער מענטש האָט אַמווייניקסטן געטראַכט, האָט אים ניט פאַרלאָזן און ארויסגעהאָלפן פון דער נויט. דער ערשטער חבר — דאָס זיינען די רייכטימער פון דער וועלט, וועגן וועלכע דער מענטש זאָרגט זיין גאַנץ לעבן, דער דריטער — די מעשים טובים פונם מענטשן. אַ גאַנץ בולט אינדישן קאָלאָריט טראָגט דאָס מעשהלע מיטן גערטנער און דער שפּרעך=פויגל, וואָס פאַרענדיקט זיך מיטן מוסר השכל: „זאָרג ניט, מיין זון, וועגן דעם, וואָס דו האָסט פאַרלאָרן, גלוסט נישט צו דעם, וואָס קאָנסט ניט דערגרייכן, גלויב ניט אין דעם, וואָס ס'קאָן ניט זיין" [2].

אבן=חסדאי, וואָס איז בלי=ספק ניט בלויז איבערזעצער, נאָר אויך פאַרפאַסער פון אַלע לידער, וועלכע קומען פאָר אין „בן המלך והנזיר", האָט פאַרמאָגט אַן אויסגעפּרעגטן טאַלענט פון אַן אמתן ליריקער. אַ באַזונדערס שטאַרקן רושם מאַכן די לידער אין „בן המלך והנזיר", אין וועלכע עס הערן זיך טרויעריקע טענער. „דריי זאַכן — זאָגט דער דיכטער אין איינעם פון די ערשטע לידער (ז. 4) — קרענקען מיך באַזונדערס שטאַרק, און די פערטע — רייסט מיין הארץ אויף שטיקער: ווען מען האַקט אונטער דעם שטאָלצן אָדלער זיינע מעכטיקע פליגל, און נישטיקע פליגן טראָגן זיך מיט גדלות איבער דעם אָדלער=קאָפּ; דעם אָקס, ווען מען צעברעכט זיינע פרעכטיקע הערנער און פחדנישע שעפּעלעך טוען אים שטויסן; און ווען דער קראַנקער לייב מוז הכנעהדיק שווייגן פאַר קליינע פיקסעלעך, וואָס האָבן ערשט נעכטן געציטערט פאַר זיין שאָטן. נאָר שרעקלעכער פון אַלץ איז, ווען דער מאַן פון יושר און גערעכ=טיקייט ווערט מיט די פיס געטראָטן פון נידערטרעכטיקע לומפּן און חוצפּישע שאַנד=מענטשן".

---

[1] מאַקאַמע 11.

[2] דאָרטן, מאַקאַמע 21, ז. 79: בני, אל תאנח על מה שאבד לך; בני, לא תבקש מה שלא תוכל להשיג; בני, לא תאמין במה שלא יתכן להיות. וועגן דעם אינ=דישן מקור זע אין ווייסלאָוויצעס ציטירטן ווערק, 112—113.

„איז פארביטערט דיין הארץ און שווער די לאסט פונם לעבן, נעם דעם וואנדערשטעקן אין האנט — אין גלות וועסטו געפינען דיין טרייסט. וואלט נע־ונד זיין א קללה געווען, ווי וואלט אברם פון גאט דעם באפעל באקומען: גיי, פארלאז דיין היימלאנד!״ [1].

אין די שפעטערדיקע דורות, בעת דאס יידישע לעבן אין אייראפע איז אלץ פינסטערער געווארן, און א טונקעלער שלייער פון טיפן טרויער האט דאס גאנצע געטא איינגעהילט, איז אבן־חסדאיס „בן המלך והנזיר״ מיט זיין הארציק עלעגישן טאן געווארן איינס פון די באליבטסטע ביכער ביי יידן. שוין אינם פופצענטן יארהונדערט האט מען עס אויף „יידיש־דייטש״ איבערגעזעצט [2], אין שפעטערדיקע דורות זיינען נאך אייניקע איבערזעצונגען דערשינען [3], און נאך עד היום געפינט דאס ווערק אברייטן לעזער־קרייז.

א נאך גרעסערע קולטור־היסטארישע באדייטונג, ווי אבן־חסדאיס „בן המלך והנזיר״, האט די העברעאישע איבערזעצונג פון בידפּיַיס (Bidhâpati) אינדישע משלים־ און פאבלען־זאמלונג „כלילה ודמנה״, וואס האט אן אומגעהייער גרויסע השפעה געהאט אויפן אייראפעאישן פאלקלאר. אט דעם מערקווירדיקן אוצר פון אינדישער פאלקס־חכמה, האבן די קריסטלעך־אייראפעאישע פעלקער באקומען פון די אראבער אויסשליסלעך דורך די יידישע הענט. וועגן די אומשטענדן, אונטער וועלכע דער אראבישער טעקסט פון „כלילה ודמנה״ איז אויף דער וועלט געקומען, געפינען מיר ביי אברהם אבן עזרא [4] פאלגנדיקע לעגענדע: „דער בא־רימטער כליף אלצפח האט זיך דערוווסט, אז אין אינדיע האבן די פארשיידענע חכמות און וויסנשאפטן דערגרייכט צו זייער א הויכער מדרגה. דער כליף האט באפוילן, מען זאל געפינען אזא געלערנטן, וואס פארשטייט גוט הן די ליטעראַרישע שפּראך פון די בני הודו (סאנסקריט) הן אראביש, און אים פארלייגן, ער זאל איבערזעצן אויף אראביש אייניקע

---

1 דארטן, 69:

אם יד לך תקצר ולב יצר נדוד — תרחק ובו צורך ימלא חפצך;
לו בנדוד רע לא יצו האל ולא — יאמר לאברם: לך לך מארצך.

2 די דאזיקע אַלט־יידישע איבערזעצונג איז געבליבן אין מאנוסקריפּט. גרעסערע פראגמענטן האבן פארעפנטלעכט: מ. עריק אין זיין „וועגן אַלט־יידישן ראמאן און נאוועלע״ און ה. שטערק אין „לאנדוי־בוך״.

3 וועגן יידישע איבערזעצונגען פון „בן המלך והנזיר״, זע ביילאגן נומ׳ 3.

4 אין דער הקדמה צו זיין העברעאישער איבערזעצונג, די אסטראנאמישע טאוולען פון מחמד אבן אלמנטי (אין דוד כהנאס אויסגאבע, II, 107).

פון די אינדישע וויסנשאַפטלעכע ווערק. מען האָט דעם מלך דערציילט, אַז די אינדער האָבן זייער אַ וויכטיק בוך, וואָס לערנט די חכמה פון הנהגת המלוכה, ווי אַזוי דער קיניג דאַרף רעגירן איבער זיין לאַנד און פאָלק. דאָס דאָזיקע ווערק איז געשריבן אין פאָרם פון פאַבלען וועגן חיות און עופות, און די צאָל פון די פאַבלען איז זייער גרויס. דער נאָמען פון דעם בוך, וואָס איז אַזוי שטאַרק באַליבט אין אינדיע, איז „כלילה ודמנה", ד. ה. דער לייב און דער אָקס 1, וועגן וועלכע עס ווערט גערעדט אין דעם ערשטן פרק... דער כליף האָט דאַן צו זיך איינגעלאַדן אַ געלערנטן יידן, וואָס האָט גוט פאַרשטאַנען ביידע שפּראַכן, און האָט אים באַפוילן דאָס דאָזיקע ווערק איבערצוזעצן... ווען דער כליף האָט זיך ענדלעך באַקאַנט מיט דעם ווערק „כלילה ודמנה", איז ער געוואָרן שטאַרק אַנטציקט און האָט אַרויסגעזאָגט דעם ווונטש זיך צו באַקאַנען אויך מיט אַנדערע ווערק פון די חכמי הודו".

עס איז איצט שווער פעסטצושטעלן, פונוואַנען האָט זיך אינם 12טן יאָרהונדערט 2 אין שפּאַניע גענומען די לעגענדע, אַז דאָס דאָזיקע בוך, וואָס ס'איז געווען אַזוי באַליבט און פּאָפּולער ביי די אַראַבער, האָט איבערגעזעצט אַ ייד. עס איז אָבער קלאָר, אַז אבן עזרא'ס מיטטיילונג איז ניט מער, ווי אַ לעגענדע אָן אַ שום רעאַלן קערן; וואָרן ס'איז אויסער ספק, אַז ניט דורך יידן האָבן זיך די אַראַבער מיט „כלילה ודמנה" באַקאַנט. אבן עזרא איז אָבער גאַנץ גערעכט בעת ער כאַראַקטעריזירט „כלילה ודמנה" אַלס אַ בוך, וואָס „לערנט די חכמה פון הנהגת המלוכה". אָט דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס ס'איז פאַרפאַסט געוואָרן אין דרייצן פרקים דורך בודדאַס אָנהענגער — איז זייער אַן אייגנאַרטיק „געזעץ-בוך" און וועגווייזער פאַר מלכים און פירשטן. ניט מיט טרוקענע כללים און געזעצן, נאָר אין פאָרם פון פאַבלען און מעשיות, ווו חיות און עופות שפּילן די ראָלע פון מענטשן — ווערט דאָרט געלערנט, ווי אַזוי אַ מלך דאַרף זיך נוהג זיין מיט זיינע אונטערטאַנען. מיט דער צייט, ווען אויף די ברעגן פון דעם סודותדיקן גאַנגעס האָט גובר געווען די רעליגיעזע סעקטע פון די בראַמאַנען, האָט דאָס ווערק פון בודדאַס חכמים אַ גאַנץ אַנדער פּנים באַקומען. פאַרביטערטע שונאים פון די בודדיסטן, האָבן די בראַמאַנען זיך אויך נוקם געווען אין דעם גייסטיקן קינד פון זייער קעגנער. זיי האָבן פון „כלילה ודמנה" איבערגעלאָזט בלויז די ערשטע פינף פרקים,

---

1 אבן-עזראַס דערקלערונג איז ניט ריכטיק. כלילה און דמנה זיינען די נעמען פון צוויי שאַקאַלן.

2 אבן-עזרא האָט זיין הקדמה געשריבן אין 1161.

צוגעגעבן צו זיי אַ סך נייע מעשיות און פאַבלען פון די פאַרשיידנסטע קוועלן. אויף אַזאַ אופן איז דאָס אין דרייצן פּרקים איינגעטיילטע גע־זעץ־בוך מגולגל געוואָרן אין אַ פּשוט פאַבל־בוך פון פינף פּרקים — פּאַנטשאַטאַנדראַ (חומש, פינף־בוך). און דער פולשטענדיקער טעקסט פונם „כּלילה ודמנה״ איז מיט דער צייט פאַרלאָרן געגאַנגען.

נאָר איידער נאָך די בראַמאַנען האָבן „כּלילה ודמנה״ פאַר אַ קאַ־ליקע געמאַכט און אים אין פּאַנטשאַטאַנדראַ אומגעוואַנדלט, האָט אַ גע־לערנטער פּערסישער אַרצט בּרזויה (Barzau) געבראַכט מיט זיך פון אינדיע קיין פּרס אַ סך כּתבֿ־יד, צווישן זיי אויך דעם טעקסט פון „כּלילה ודמנה״, און האָט אים באַלד איבערגעזעצט אויף די דעמאָלטיקע קולטור־שפּראַך פון די פּערסער — אויפן פּעהלעווישן (pehleivi) דיאַלעקט [1].

דער געלערנטער איבערזעצער האָט פאָרויסגעשיקט אַ ברייטע הקדמה, וועלכע איז שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אין אַראַביש און אין העברעיִש. די דאָזיקע הקדמה איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם הויך־געבילדעטן און פרייִדענקענדיקן מאַן:

„איך האָב מיר די אויפגאַבע געשטעלט — דערקלערט בּרזויה — זיך צו באַקאָנען מיט די פאַרשיידנסטע פעלקער; געניי אויספאָרשן זייערע מנהגים און לעבנסשטייגער. איך האָב זיך באַלד איבערצייגט, אַז יעדעס פאָלק האָט זיך זיין באַזונדערע שפּראַך, זיינע אייגענע געזעצן און רע־ליגיעזע אָנשויאונגען. יעדע אומה לויבט און באַוואונדערט איר תּורה, איר אמונה, וואָס זי האָט באַקומען בירושה פון אירע אבות. און יעדעס פאָלק פּלייסט זיך צו דערווייזן, אַז נאָר זיין גלויבן, זיינע דעות זיינען די איינציק ריכטיקע, אַלע אַנדערע זיינען שוא ושקר. יעדעס פאָלק באַזונדער וויל עוקר מן השורש זיין אַלע איבעריקע פעלקער, איינס רודפט דאָס אַנדערע, רודפט און שענדעט יענעמס אמונה... גרויס איז די שנאה פון איין פאָלק צום אַנדערן, און ווי אַ העליש פייער פלאַקערט די מלחמה. האָב איך דאַן ביי זיך באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו די חכמים פון יעדן פאָלק באַזונדער, זיי זאָלן מיך באַקאָנען מיט זייער דת און

---

[1] ווען דער דאָזיקער אַרצט האָט געלעבט, איז ניט גאַנץ פעסטגעשטעלט. אין דער העברעיִשער איבערזעצונג ווערט אָנגעוויזן, אַז בּרזויה איז געווען הויף־אַרצט ביים פּערסישן מלך אַנושׂי רוואַן כּסרו בן־קובאד, וועלכער האָט געקיניגט אין משך פון 531—579 לויט דער קריסטלעכער רעכענונג. דער געלערנטער פ. האמעל רעכנט, אַז בּרזויה האָט מיט זיך געבראַכט פון אינדיע אויך דעם בודדא־ראָמאַן און אים אין פּערסיש איבערגעזעצט; און טאַקע די דאָזיקע איבערזעצונג האָט עס געדינט אַלס מוסטער פאַרן „בן המלך והנזיר״. לויט האמעלס השערה האָט בּרזויה געלעבט אין פערטן יאָר־הונדערט (זע די הוספה צו הייסלאָוויצעס אויבן ציטירטן ווערק, 149, 168, 178).

זייערע געזעצן. איך האָב צו זיי אַזוי געזאָגט: „דערקלערט מיר די יסודות פון אייער אמונה, באַקאַנט מיך — ווער איז אייער גאָט און באַשיצער? איך וויל דעם אמת דערגרינטן”. יעדער פון זיי האָט געגעבן זיין תשובה. איך האָב מיך אָבער גלייך איבערצייגט, אַז יעדער לויבט נאָר זיין אייגענע אמונה און שענדעט אַלע אַנדערע; יעדער אָנערקענט נאָר דאָס זייניקע, און דאָס פרעמדע האָט ביי אים קיין שום ווערט ניט. איך האָב ניט געפונען קיין איין איינציקן, ניט צווישן די ווייניק פאַרשטענדיקע, ניט צווישן די קליגסטע, ער זאָל מירווירקלעך דעם אמת זאָגן. עס האָט מיך קיינער פון זיי ניט איבערצייגט, ווייל איך גלויב נאָר אין דעם, וואָס איך האָב אויסגעפאָרשט און געפרוווט” [1].

אין דערזעלביקער הקדמה דערציילט בַּרזויה דאָס קלוג=שיינע מעשהלע, וואָס ס'האָט געהאַט די זכיה אויפגענומען צו ווערן אין אַלע אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן, און געבראַכט אין אַזאַ התפּעלות דעם גאוניש רוסישן שריפטשטעלער לעוו טאָלסטוי: אַ מענטש אַנטלויפט מיט טויט=שרעק פאַר אַ לייב און פאַלט, נעבעך, אַריין אין אַ טיפער גרוב. עס איז אים אָבער געלונגען זיך אָנצוכאַפּן אָן צוויי צווייַגן, וואָס וואַקסן אַרויס פון די ווענט פון דער גרוב. ווי ער פלייסט זיך אָנצושפּאַרן מיטביידע פיס אין די צווייַגן, דערזעט ער, אַז אונטן אויפן דעק פונם גרוב לויערט אַ שרעקלעכע שלאַנג מיט אַן אָפן מויל גרייט אים איינצושלינגען. דערציטערט קלאַמערט זיך דער מענטש פעסט אָן אָן די צווייגן. פּלוצלינג באַמערקט ער אָבער, אַז די צווייַגלעך, זיין איינציק אָנהאַלטעניש, פרעסן גיריק מיט זייערע שאַרפע ציינער צוויי מייזלעך, איינס אַ ווייס, דאָס אַנדערע אַ שוואַרץ. אַלץ דינער ווערן די צווייַגלעך, עס וועט שוין ניט לאַנג דויערן ביז זייער שטאַם וועט אינגאַנצן דורכגעפרעסן ווערן, און דער אומגליקלעכער פליט דאַן אין אָפּגרונט גלייך דער שלאַנג אין איר לעכצענדיק מויל אַריין. פול מיט קאַלטן יאוש איז דער מענטש; נאָר אָט באַמערקט ער, אַז נעבן איינעם פון די צווייגן האָבן בינען זייערע קעמערלעך אויסגעבויט און זיי מיט זיסן האָניק געפולט. דער מענטש האָט גלייך אין אַלעמען פאַרגעסן, און הענגענדיק איבער דעם שרעקלעכן אָפּגרונט, האָט ער גיריק אָנגעהויבן דעם זיסן האָניק צו לעקן [2].

די טיפע גרוב — דערקלערט בַּרזויה — דאָס איז אונזער ערדישע וועלט, די צווייַגן — דעם מענטשנס לעבן, וואָס ווערט אומ=

---

[1] מיר ציטירן נאָך דער העברעיִשער איבערזעצונג פון יעקב בן אליעזר.

[2] די דאָזיקע מעשה געפינט זיך אויך אין קלונימוס בן קלונימוס'ס „אבן בוחן” (אויסגאַבע 1865, 93—94) און אין אַנדערע שפּעטערדיקע יידישע און אַראַבישע קוועלן.

אויפהערלעך אויפגעצערט דורך די צוויי מייזלעך — דער טאָג און די נאַכט. די שלאַנג מיטן אָפענעם מויל — איז דער טויט, וואָס לויערט אויפן מענטשן, און דער טראָפּן האָניק — דאָס זיינען די נישטיקע פרייד און פאַרגעניגן, וואָס צוליב זיי פאַרגעסט דער מענטש אַלץ אין דער וועלט.

בּרזויהס פּעהלעווישע איבערזעצונג פון „כלילה ודמנה" איז מיט דער צייט פאַרלאָרן געגאַנגען, נאָר איידער דאָס איז געשען, איז דאָס ווערק בשעת דער רעגירונג פונם כּליף אַל־מַנזור (754—775) איבער־געזעצט געוואָרן אין אַראַביש [1]. די דאָזיקע איבערזעצונג, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אין פאַרשיידענע נוסחאות (וואַריאַנטן), איז זייער פּאָפּולער געווען הן ביי די אַראַבער הן ביי די דאָרטיקע יידן, און אין דער ערשטער העלפט פונם 13טן יאָרהונדערט האָט אויפן ווונטש פונם יידישן אַרצט און מעצענאַט בנבנשתי דער דיכטער און שפּראַך־פאָרשער יעקב בן אליעזר איבערגעזעצט דעם אַראַבישן „כלילה ודמנה" אויף העברעיִש.

יעקב בן אליעזר האָט אין זיין צייט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען מיט זיין ספּעציעלן ווערק וועגן יידישער פאָנעטיק „פּרדס רמוני החכמה" און מיט זיין גרויסן פילאָלאָגישן האַנטבוך „ספר השלם", וואָס ס'איז מיט דער צייט פאַרלאָרן געגאַנגען. אַ באַגאַבטער דיכטער און אויסגע־צייכנטער מייסטער פון מוסיוו־סטיל [2], האָט יעקב בן אליעזר גלענצנדיק דערפילט זיין אויפגאַבע. דאָס גאַנצע ווערק איז איבערזעצט אין שיינער געריימטער פּראָזע [3]. די צוויי לידער און די הקדמה, וואָס געפינען זיך פאַר דער איבערזעצונג, זאָגן עדות, אַז דער טאַלענטפולער איבער־זעצער האָט פאַרשטאַנען צו שעצן די אייגנאַרטיקע שיינקייט פון דעם אינדישן ווערק. ער שטרייכט אונטער, אַז „כלילה ודמנה" איז דאָס „געזעץ־בוך" פון די אינדער, און אַז אין דעם דאָזיקן כלומרשט קינדישן

---

1 נאָך מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר פריער איז די „כלילה ודמנה" פון פּעהלע־ויש אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף סיריש. ערשט אין דער נייער צייט (1870) האָט מען געפונען אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער דאָזיקער איבערזעצונג. דער געלערנטער ביקעל האָט זי פאַרעפנטלעכט (1876) מיט אַ דייטשער איבערזעצונג און מיט זייער אַ־ווערטפולער הקדמה פון בענפיי.

2 יעקב בן אליעזר האָט אויך געשריבן אָריגינעלע לידער. אייניקע פון זיי האָט ח. בראָדי פאַרעפנטלעכט אין „שער השיר".

3 דער איבערזעצער שטרייכט אונטער, אַז די איבערזעצונג איז נישט ווערטלעך, ווייל ער געפינט, אַז אויב מען וויל, אַז די איבערזעצונג זאָל זיין ליטעראַריש שיין, מוז מען זיך שטאַרק רעכענען מיט די אייגנאַרטן פון דער שפּראַך, אויף וועלכער מען איבערזעצט דאָס באַטרעפנדיקע ווערק.

לבוש פון פאַבלען און משלים איז די טיפסטע חכמה פאַרבאָרגן. מיט זיין פּאָעטישן חוש האָט יעקב בן אליעזר דערפילט, אַז אַט פון דעם מערקווירדיקן בוך קוקן אויף אים די וווּנדערבאַרע אויגן פון אַן אַלט קלוג קינד, די אויגן, אין וועלכע עס לייכט מיט אירע כשוף־שטראַלן די פאַרחלומטע נשמה פון דעם פאַנטאַסטיש־סודותדיקן גאַנגעס־לאַנד...

„דאָס דאָזיקע בוך — דערקלערט דער איבערזעצער אין איינעם פון זיינע אויבנדערמאָנטע לידער — האָט איבערגעזעצט אויף העברעיִש יעקב בן אליעזר. באַשאַפן האָבן עס אין אַמאָליקע צייטן די גרויסע חכמים פון הודו. דאָס ווערק איז זייער טייערסטער אוצר: דאָס איז זייער תורה, זייער אורים ותומים, דער נביא, דער לייכטנדיקער שטערן. וועגן חיות און עופות ווערט דאָרט דערציילט, וועגן פיש אינם ים און וועגן פייגל, וואָס שטייגן אין די הימלען. די זקנים פאַרשטייען די דאָרט פאַרבאָרגענע חכמה, די קינדער, זיי לאַכן — זיי מיינען עס זיינען בלויז ליבלעכע מעשיות. ריַיף וועט ווערן דאָס קינד, דאַן וועט עס וויסן צו שעצן, ווי טיף איז די חכמה פונם ספר, ווי שיין זיינע טייערע פּערל און זיס זיינע קונציקע ווערטער"[1].

דער אַראַבישער טעקסט, וועלכן יעקב בן אליעזר האָט באַנוציט, איז באַשטאַנען פון פערצן פּרקים[2]. יעדער קאַפּיטל הויבט זיך אָן מיט אַ שאלה, וואָס דער מלך דיסלאַם פרעגט דעם „פריינד פון חכמות" (פילאָזאָף) סאַנדבאַר, און יענער ענטפערט אים מיט מעשיות און מיט משלים[3]. יעדער מעשה האָט זיך איר מוסר השכל. בעת, למשל, דאָס אינדישע „געזעץ־בוך" וויל אַרויסזאָגן דעם פונדאַמענטאַלן עטישן כלל, וואָס איז ביי אונז אינם תלמוד אויסגעדריקט אינם באַקאַנטן זאָץ: „דעלך סני לחברך לא תעביד" — ווערט דאָרט דערציילט אַ מעשה מיט

1 זה ספר העתיקו יעקב בן אליעזר ללשון עברים
החבירוהו קדם חכמי הודו מהמדת מוסרים
ויקיימוהו להם במקום חוקים צדיקים וישרים.
הוא תורתם כי אין להם חוזים נביאים מזהירים
ודבריו על פי החיות ודגי הים עם עיט הרים
לשכל טוב הוא לזקנים, אך לשחוק נחשב לנערים
יקרא הנער בו לשחוק ובעת יגדל ערום יערים
יקחו מנהו שכל עדי יבין לדעת לב נמהרים
פארותיו מחמאת אמרי שפר גזרתם ספירים...

2 ניט רעכענענדיק די הקדמה פון דעם פּערסישן איבערזעצער.

3 צום ביישפּיל, דאָס ערשטע קאַפּיטל הייבט זיך אָן: ויאמר דיסלם מלך הודו אל סאנדבאר שהיה דוד חכמות מארץ הדו: משול משלים בין שני ידידים טהורי לב נאמנים.

א ליבין, ווי אזוי דער יעגער האט ביי איר צוויי קינדער גערויבט, און פון זיי די פעל אראפגענומען. די מוטער איז געווען אין גרוים צער, האט איר אבער א בערין, א שכנה, דערקלערט: דאס איז דיין געצאלט דערפאר, וואס דו פלעגסט אויך פרעמדע קינדער פארצוקן, בכדי דעם הונגער צו שטילן. האט די לייבין געמוזט מודה זיין, אז גערעכט איז דער משפט: „וואס דיר איז ניט ליב, דאס טו ניט דעם צווייטן״ (כי כבר נאמר: אשר לא תאהב לנפשך אל תעש לאחרים). אין די משלים און פאבלען זיינען גאנץ אפט איינגעפלאכטן זייער שיינע און טיפע מוסר־רייד און סענטענצן. אינם אכטן קאפיטל, צום ביישפיל, ווו עס ווערט דערציילט וועגן די גרויסע צרות און אומגליקן, וואס ס׳ברענגען דעם מענטשן שנאה און פיינדשאפט (משטמה) — געפינען מיר דעם מערקווירדיקן זאץ: פיינט האבן און האס טראגן — דאס איז א גרויסער טרויער און א טיפער ווייטיק״ [1].

דער העברעישער איבערזעצער האט געהאפט, אז זיין איבערזעצונג, „דאס קינד, וואס ער האט געבארן״, וועט האבן „אייביקע יארן״ (הוא בן ילדתיו יחי לעד כל עוד בשחק ירחו). זיין האפענונג איז אבער ניט מקוים געווארן. דער גרעסטער טייל פון זיין ווערק איז מיט דער צייט פארלארן געגאנגען. עס זיינען געבליבן בלויז די ערשטע דריטהאלבן קאפיטלעך און די הקדמה. און ניט יעקב בן אליעזרס אויסגעצייכנטע איבערזעצונג האט זוכה געווען צו שפילן א באדייטנדיקע קולטורעלע ראלע, נאר אן אנדערע, א פיל ווייניקער געלונגענע. בערך אינם יאר 1250 איז דערשינען א צווייטע העברעישע איבערזעצונג פון „כלילה ודמנה״. דער נאמען פונם איבערזעצער איז געבליבן אומבאקאנט; אייניקע פארשער רופן אפילו יע אן דעם איבערזעצער ביים נאמען (יואל), נאר דאס איז בלויז ניט מער ווי א השערה [2]. דער נוסח פונם אראבישן טעקסט, מיט וועלכן דער אומבאקאנטער איבערזעצער האט זיך באנוצט, איז געווען כמעט דער זעלבער ווי יענער, וואס איז געווען ביי יעקב בן אליעזר אין די הענט, נאר וואס צום סוף זיינען געווען נאך צוויי קאפיטלעך, וואס האבן, ווי עס שיינט, געפעלט אין דעם טעקסט פונם ערשטן איבערזעצער. אלס סטיליסט שטייט דער אומבאקאנטער איבערזעצער באדייטנדיק נידעריקער פון זיין פארגענגער. ער האט דאס גאנצע ווערק איבערגעזעצט אין פראזע; ערטערווייז איז דער סטיל גאנץ אומבאהאלפן און האלפערדיק. נאר דווקא אט די ווייניק געלונגענע ארבעט

1 המשטמה היא תוגת גדולה ומכאוב גדול.

2 זע שטיינשניידער, העבר. איבערז. 875—876.

האָט געהאַט די זכיה צו ווערן דער מקור פאַר אַלע אייראָפּעיִשע איבער־זעצונגען און איבעראַרבעטונגען פון „כלילה ודמנה". מיט איר האָט זיך באַנוצט אַ געטויפטער ייד, יוחנן פון קאַפּואַ, ביי זיין לאַטיינישער איבערזעצונג, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן „Directorium vitae humanae" און די דאָזיקע איבערזעצונג איז געווען די קוועלע פון דעם שפּאַנישן[1], דייטש, האָלענדיש, איטאַליעניש און ענגליש טעקסט. אַלס מקור פאַר די סלאַווישע נוסחאות פון „כלילה ודמנה" האָט געדינט דער גריכי־שער טעקסט, וועלכן ס'האָט איבערגעזעצט פון אַראַביש אינם עלפטן יאָרהונדערט (בערך אינם יאָר 1081) דער געטויפטער ייד שמעון סעט, אַ הויף־אַרצט ביים קיסר פון ביצאַנץ.

ביי יעדן פאָלק האָט די דאָזיקע פּאָפּולערע זאַמלונג פון אינדישע פאַבלען באַקומען אַן אַנדער פאַרבונג, אָנגענומען אַן אייגנאַרטיקע גע־שטאַלט. יעדע סביבה באַזונדער האָט אויף איר אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל און אַזוי איז זי ביסלעכווייז געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פונם אָרטיקן פאָלקלאָר. די קולטור־פאָרשער און עטנאָגראַפן האָבן פעסט־געשטעלט, אַז אַ באַדייטנדיקער טייל פון די פּאָפּולערסטע פאָלקס־מעשיות אין אייראָפּע שטאַמען פון איין און דעם זעלביקן מקור — פון דעם אינדישן „געזעץ־בוך" „כלילה ודמנה".

נאָך אין איין הינזיכט האָט דער צווייטער העברעיִשער איבער־זעצונג מער געגליקט ווי איר עלטערער, מער געראָטענער שוועסטער: איר טעקסט האָט גאַנץ ווייניק געליטן פון דער צייטס שאַרפע ציין. בלויז די הקדמה און די ערשטע אָנדערטהאַלבן קאַפּיטלעך זיינען פאַר־לאָרן געגאַנגען. דער איבעריקער טעקסט איז צו אונז דערגאַנגען בשלמות און אים האָט, צוזאַמען מיט די קאַפּיטלעך, וואָס זיינען געבליבן פון יעקב בן אליעזרס איבערזעצונג, פאַרעפנטלעכט דער געלערנטער יוסף דערענבורג[2].

אין נאָענטער קרבות מיט „כלילה ודמנה" געפינט זיך אַן אַנדער ווערק, וואָס שטאַמט אויך פון אינדיע — „משלי סנדבאַר". ווי עס שיינט, האָט אויך דאָס דאָזיקע בוך דורכגעמאַכט די זעלביקע גלגולים, וואָס „כלילה ודמנה": פונם אינדישן אָריגינאַל איז עס אין פּעהלעווישן דיאַלעקט איבערגעזעצט געוואָרן, דערנאָך אין אַראַביש, און דאַן ערשט נאָכן

1 עס איז פאַרהאַן נאָך אַן עלטערע שפּאַנישע „כלילה ודמנה"־איבערזעצונג, וואָס שטאַמט אויך פון יידישע איבערזעצער, וועלכע זיינען געווען ליטעראַריש באַשעפטיקט ביים הויף פונם קאַסטילישן קעניג אַלפאָנזאָ.

2 Deux versions hebraiques du livre de „Kalilah et Dimnah", 1881.

אראבישן מוסטער איז באשאפן געוואָרן דער העברעישער נוסח [1]. וועןָ און ווו דער העברעישער טעקסט האָט צום ערשטן די וועלט דערבליקט, איז ניט פעסטגעשטעלט, מען איז זיך בלויז משער, אז זיין היימלאנד איז די אראבישע שפאניע [2].

דאָס ווערק איז געבויט לויט דער, שוין ביי זַבּארהם „ספר שעשועים״ אָנגעווייזענער, קאָמפּליצירטער, ריין אָריענטאלישער פאָרם פון ארומריימען פילפארביקע מעשיות מיט איין הויפּט-מעשה. ביי א קינדער-לאָזן אינדישן מלך ביבר [3] איז אויף דער עלטער געבאָרן געוואָרן א זון. אים האָט אויפדערצויגן דער קליגסטער פון דעם מלכס שבעה חכמים [4] — סנדבאר. דורך א פאלשן בלבול, וואָס איינע פונם מלכס יונגע פרויען האָט געמאכט, איז דער פרינץ פארמשפּט געוואָרן צום טויט. דער משפּט דארף אויסגעפירט ווערן אין זיבן טעג ארום; און בכדי צו ראטעווען דעם אומשולדיקן יונגן פרינץ, קומט יעדן טאָג איינער פון די שבעה חכמים און פלייסט זיך מיט אלערליי מעשיות און משלים איבערצוצייגן דעם מלך, אז ער דארף אין נאָמען פון גערעכטיקייט גלייך מבטל זיין דעם שטרענגן משפּט. יעדע מעשה פארענדיקט דער חכם מיט דעם מוסר השכל: „ברענג ניט אום דיין אייניציקן זון צוליב דער ווייב, לאָז דיך ניט אין איר נעץ פארפירן, וואָרן די פאלשקייט פון דער פרוי האָט ניט קיין גרענעץ״ [5].

ווי נאָר דער חכם גייט אוועק, קומט גלייך דעם מלכס יונגע פרוי, וואָס וויל דעם פרינץ אומברענגען, און פלייסט זיך פון איר זייט, אויך מיט מעשיות און משלים, איבערצייגן דעם מלך, אז דער פרינץ מוז תיכּף באשטראָפט ווערן. זיבן טעג נאָכאנאנד געדויערט דער אייגנארטיקער צווייקאַמף, די מעשיות ציען זיך ווי רינגעלעך פון א לאנגער שנור, ביז די חכמים געלינגט עס דאָך צום סוף דעם מלך צו דערווייזן די פאלש-קייט פון דער פרוי, און דער פרינץ איז געראטעוועט.

---

1 ביבליאָגראַפישע פרטים, ביי שטיינשניידער: העבר. ביבל., 887–888.

2 צום ערשטן מאָל געדרוקט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין 1516 אין א זאמלבוך פון פארשיידענע לעגענדאַרע ספּורי מעשיות („קבוץ ספורים שונים״), ווי „דברי הימים של משה רבנו״, „פטירת אהרן״, „טובי בן טוביאל״ א. אַ. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דער האָזיקער העכסט זעלטענער אויסגאַבע און אויך מיט אַן אַלטן כתב-יד, וואָס געפינט זיך אין לענינגראַדער נאַציאָנאַל-ביבליאָטעק אין דער פירקוביץ-קאָלעקציע.

3 אינם געדרוקטן טעקסט הייסט דער מלך כּיבור, אינם כתביד — ביבר.

4 צווישן די שבעה חכמים פיגורירט אויך אַריסטו.

5 אל תהרג את בנך את יחידך על דבר אשתך ואל תלכד בערמתה, כי מרמת הנשים רבה.

איינעקע מעשיות דערמאָנען ניט ווילנדיק אָן באָקאַטשיאָס „דעקאַמעראָן", ווי, למשל, די קאָמישע דערציילונג וועגן דעם אַלטן אייפערזיכטיקן מאַן, וואָס קלייבט זיך אין אַ ווייטער נסיעה. ער דינגט אַ יונגע דינסט־מיידל, זי זאָל השגחה געבן אויף זיין פרוי, יענע זאָל זיך פירן מיט שטאַט און אים צו קיין בזיון ניט ברענגען. דער אַלטער ווייס אָבער ניט, אַז אָט דאָס דינסטמיידל, וואָס ער האָט געלאָזן פאַר אַ שומר, איז אַ פאַרשטעלטער יונגערמאַן, טאַקע זיין לייכטזיניקער פרויס אַ ליבהאָבער. און ווען ער פאָרט רויק אַוועק, איז זיך דאָס פאַרליבטע פאָרל גוט משמח און לאַכט אָפּ פון דעם אָפּגענאַרטן אַלטן מאַן.

דער אומבאַקאַנטער העברעיִשער באַאַרבעטער פון דעם דאָזיקן ווערק האָט בלי־ספק געהאַט אַ ליטעראַרישן טאַלענט. זיין שפּראַך איז שאַרף און קלאָר; ער ווייס פונם סוד הצמצום, אַלץ איז אין דער מאָס, אָן איבעריקע רייד און פריי פון זייטיקע דעטאַלן, וואָס געהערן ניט צום ענין און קאָנען נאָר אָפּשוואַכן דעם איינדרוק [1]. ערטערווייז שפּירט זיך אין דער העברעיִשער איבערזעצונג די השפּעה פון יידישע מקורים, ווי צום ביישפּיל די מעשה מיט דוד המלך און זיין זון אמנון [2]. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט דער סוף פונם ווערק. אין אַלע אייראָפּעיִשע וואַריאַנטן פון „משלי סנדבאַר" ווערט די יונגע פרוי, וואָס האָט אַ בלבול געמאַכט אויפן אומשולדיקן פּרינץ, שטרענג פאַרמשפּט [3]. אינם העברעיִשן טעקסט, אָבער, בעט דער פּרינץ ביים פאָטער, ער זאָל איר מוחל זיין; און בעת דער מלך דערמאָנט דעם חכם סנדבאַר, אַז לויט זייער אָפּמאַך האָט סנדבאַר דאָס רעכט צו פאָדערן אַ לוין נאָך זיין אייגענעם ווונטש, ענטפערט דער חכם: „מיין פאַרלאַנג איז — וואָס דיר גופא איז ניט ליב, דאָס טו אויך ניט דעם צווייטן, און האָב ליב דיין פאָלק ווי דיך אַליין" [4]. דערמיט שליסט זיך דאָס בוך (סליקו משלי סנדבאַר חכימא רבה).

---

1 די דאָזיקע מעלות טרעטן אַמבולטסטן אַרויס, ווען מען פאַרגלייכט דעם העברעיִשן „משלי סנדבאַר" מיט דער גריכישער שטאַרק צעשוומענער באַאַרבעטונג (זע ליטעראַטורבל. דעס אָריענטס, 1842, 753). עס איז אויך פאַרהאַן אַ העברעיִשע איבערזעצונג פון אָט דער ווייניק געלונגענער גריכישער איבעראַרבעטונג אונטערן נאָמען „חיי אורפוס בן דאָקליטאַנוס מלך רומא".

2 דאָס ווערט הנם אונטערגעשטראָכן אינם ווערק גופא: ותבוא האשה ביום הששי ותאמר אל המלך מדברי תורת היהודים: הלא אם הרג דוד המלך וכ"ו וכ"ו.

3 זע שטיינשניידער העבר. איבערז. 892.

4 ויאמר המלך לסנדבאר: שאל מה אתן לך כי בפיך דברת ובידך מלאת. ויאמר אליו סנדבאר: שְׁאֵלָתִי ממך אשר תשנא לנפשך אל תעשה לחבריך, ואהוב לעבדך כאשר תאהב לנפשך.

„כלילה ודמנה" און „משלי סנדבאר" באוויזן דייטלעך, ווי באליבט אין יענער תקופה עס זיינען געווען ביי יידן פרעמדע מעשה־און פאבל־ביכער. אט די ליבע צו אויסלענדישע סיוזשעטן, וואס שילדערן דאס לעבן פון פרעמדע אומות און לענדער, האט ארויסגערופן אן אומצו־פרידנקייט אין אייניקע יידישע קרייזן. זיי האבן אין דעם געזען א צייכן פון צו גרויסער התבטלות פאר דער פרעמדער סביבה און איר קולטור, וואס קאן ברענגען צום אפשוואכן פון אייגענעם נאציאנאלן זעלבסט־באוווּסטזיין. זייער אינטערעסאנט אין דער הינזיכט איז דער פאבל־דיכטער יצחק בן שלמה בן אבי סהולה.

די ווייניקע פרטים, וואס זיינען אונז באקאנט פון זיין לעבן, האבן מיר צו פארדאנקען זיינע אייגענע ווערק. געבארן אינם יאר 1244 [1] אין שפאניע אין דער שטאט גוואדאלסקאר, אויסגעוואקסן אין דער שטאט בורגאס [2], האט יצחק סהולה געפירט דערנאך א וואנדער־לעבן און זיך מפרנס געווען פון מעדיצינישער פראקטיק [3].

„איך האב געזען — באקלאגט זיך יצחק סהולה — אז פיל פון אונזער פאלק לויפן נאך פרעמדע מוסטערן; זיי זיינען געבלענדט פון גריכישער פילאזאפיע, ווערן אנטציקט פון אראבישע פאבלען און פאר־שיידענע אויסלענדישע מעשיות. אלץ וואס ס'איז פרעמד — דאס גע־פעלט זיי אמבעסטן. האב איך צו זיי מיט פארביטערונג אזוי געזאגט: איר — קינדער פון דעם הייליקן שטאם! איר — וואס שטאמט אויס דעם געטלעכן קוואל פונם אייביקן ליכט! איר זייט דאך ווי די ציגיינער געווארן: אייגענע אוצרות ווארפט איר אין שטויב און שמוץ, און נאך פרעמדע קינדער־שפיל און ווערטלאזע שפליטער יאגט איר נאך... זעט — איך וועל איצט עפעס נייס באשאפן: איך וועל נעמען אט די פאבלען, משלים און מעשיות, וואס איר זייט אזוי לויער נאך זיי, מעשיות

---

1 אין דער הקדמה צו „משל הקדמוני" ווייזט אן דער פארפאסער, אז ער האט דאס ווערק געשריבן אינם יאר 1281 (בשנה ה׳ אלפים ואחת וארבעים), בעת ער איז אלט געווען 37 יאר (ושנותי שבע ושלושים).

2 זע זיין הקדמה צום פירוש אויף „שיר השירים" (קובץ על יד) 1891.

3 אויף זיין נע־ונד־לעבן קלאגט אבן סהולה גאנץ אפט. אין „משל הקדמוני" שרייבט ער: כי הזמן בזדונו הניאני ואל בית הנדוד הביאני.... בהיותי מטולטל ונולת ירש ונקלה ואין רע ואין חבר. אין זיין הקדמה צום פירוש אויף „שיר השירים" לייענען מיר: הניאני הזמן בבגדו וים עלי ידו ואסף אותי אל משמרת וישאני אל ארץ אחרת. וועגן זיין מעדיצינישער פראקטיק שרייבט אבן סהולה: לולא ד׳ שהיה לי ואשמע מעט מזער במלאכת הרפואות חן חן התשואות, וכן הנה מלאכתי ונורלי כל ימי חבלי (משל הקדמוני, 63).

זוענן חיות פון וועלדער, עופות און פייגל פון די וויסטענישן, און ווער זיי אַלע איינהילן ניט אין פרעמדע לבושים, און זיי צונויפפלעכטן ניט מיט מאמרים און מוסר השכל פון פרעמדע הכמים, פון די ישמעאלים, אדומים, בני מואב און ערב — נאָר מיט די הייליקע ווערטער פון אונזער תורה, מיט די געטלעכע משלים פון אונזערע אַלטע נביאים און מיט די קלוגע רעטענישן און רמזים פון אונזערע חכמי התלמוד... און בכדי מיין „משל הקדמוני" זאָל געפעלן און באַליבט זיין אויך ביי די קינדער און זיי זאָלן מיט חשק לייענען מיינע אַלע משלים, האָב איך זיי אויסגעצירט מיט שיינע בילדער און ציורים".

אַלע אַלטע אויסגאַבן פון סהולהס ווערק, ווי אויך איניקע מאַנוסקריפּטן זיינען ווירקלעך באַצירט מיט אַ סך אילוסטראַציעס. די פּראַכטפולע ווענעציאַנער אויסגאַבע, מיט וועלכער מיר האָבן זיך באַנוצט, האָט גאַנצע 79 שיינע בילדער און צייכענונגען. נאָר דווקא אינם רוב בילדער איז לייכט צו באַמערקן גראָד דאָס, קעגן וואָס סהולה האַלט פאַר נייטיק צו קעמפן: די השפעה פון „פרעמדע מוסטערן". פון פיל בילדער ווייט מיטן אָטעם פון דער איטאַליענישער „אויפלעבונגס-תקופה" (רענעסאַנס). איניקע טראָגן אפילו אַ ריין קריסטלעכע פאַרבונג, ווי צום ביישפּיל, דאָס 22טע בילד מיטן ריטער, וואָס קניט פאַרן גייסטלעכן. דער טעקסט גופא, וואָס דאַרף לויט דעם פאַרפאַסערס מיין ברענגען עפּעס „גאַנץ נייס", איז אויך ניט גאַנץ פריי פון די „ישמעאלימס" און „בני ערבס" השפעה. קודם-כל די פאָרם. דער „משל הקדמוני" איז געשריבן אין דעם טיפּיש אַראַבישן מאַקאַמען-סטיל. דאָס גאַנצע ווערק, וואָס איז איינגעטיילט אין פינף „שערים", ווערט געפירט אין פאָרם פון אַ צוויי-געשפּרעך צווישן דעם מחבר און עפּעס אַ „מקשן" — אַ קשיא-פרעגער [2]. נאָכן מוסטער פון אַראַבישע און אינדישע ענלעכע ווערק, ווערט אויך אין „משל הקדמוני" געפירט דער וויכוח ניט מיט טעאָרעטישע חקירות און לאָגישע באַווייזן, נאָר מיט מעשיות און משלים. פּונקט ווי אין „כלילה ודמנה", „משלי סנדבאר" און ענלעכע ווערק, שטעלן אויך די הויפּטפערזאָנען פון „משל הקדמוני" יעדעס מאָל די תמעוואַטע פראַגע: ואיך

---

1 דאָס יאָר פון דער אויסגאַבע איז נים אָנגעוויזן. לוים דער השערה פונם באַקאַנטן ביבליאָגראַף ש. ווינער איז זי דערשינען בערך אינם יאָר 1550. בן יעקב איז זיין „אוצר הספרים" און אלעזר שולמאַן (שפת יהודית-אשכנזית, 157) ווייזן אויך אָן, אַז איינער אַ גרשון חינער האָט אין 1693 אַרויסגעגעבן אויך אַ יידישע איבערזעצונג פון „משל הקדמוני". לניידער האָבן מיר די דאָזיקע איבערזעצונג אין ערגעץ נים געקאָנט באַקומען.

2 המקשה והמחבר, זה אל זה ידבר, ואמרים יחבר.

היה הדבר?״, און גלייך דערויף פאָלגט אַלס תשובה אַ מעשה אָדער אַ משל מיט חיות און עופות.

דערפאַר אָבער טראָגן ביי אבן סהולה די מוסר השכלס, די אויס־פירן, וואָס באַגלייטן שטענדיק די אַלע מעשיות און פאַבלען — ווירקלעך אַ ריין נאַציאָנאַל־יידישן כאַראַקטער. אַלע פאַרשווינען, סיי חיות, סיי פייגל, וואָס טרעטן אַרויס אין „משל הקדמוני״, זיינען שטאַרק באַהבנט אין דער ביבלישער און אַגדישער ליטעראַטור. דער הירש, למשל, איז ביי אבן סהולה טאַקע אַן אמת יידישער הירש: אַ גרויסער בקי אין תלמוד; דער האָן — שיט מיט פסוקים פון תנ״ך, דער תמעוואַטער קראָליק איז אַ מומחה אין פוסקים און אין מוסר־ספרים. ער ווייזט טאַקע דערפאַר אָן, אַז פון אַלע דריי אַרטן ליבע איז די חשובסטע — די ליבע פונם בורא צו זיינע באַשעפענישן [1]. אפילו דער ווילדער רויב־פויגל, דער שפּאַרבער (הנץ) איז זיך מפלפל ניט ערגער פון אַ חריף אַ ישיבה בחור אין דינים פון נזיקין [2]. בכלל האָבן ביי סהולהן אַלע חיות און בויגלען ניין מאָס רייד, אין זייערע לאַנגע וויכוחים מאַכן ערטערווייז אַ לעסטיקן איינדרוק.

דאָך מוז מען מודה זיין, אַז אין דעם בעל „משל הקדמוני״ האָט צייטנווייז געשלאָגן אַן אמתער הומאָריסטישער אָדער. אויסגעצייכנט איז, למשל, די סצענע מיטן האָן, ווי יענער דערציילט, וואָס פאַר אַ צדיק ער איז, ווי פיין און צניעותדיק ער איז זיך עם נוהג מיט זיינע ווייבער [3]. פול מיט סאַרקאַזם איז אויך די באַשרייבונג, ווי אַ פשוטער פועל און אַ סופר גייען ביידע אונטערוועגנס. „דו ביסט דאָך אַזוי געלערנט און קלוג — פרעגט דער אַרבעטער ביים סופר — פאַרוואָס־זשע ביסטו אַזוי אָרעם?״. „אָט טאַקע מהאי טעמא — ענטפערט דער סופר — האָבן אונזערע חכמים אַרויפגעלייגט אויף די סופרים און מלמדי תינוקות אַזוי פיל תעניתים און התחייבותן ביי דעם נידעריקסטן געצאָלט, בכדי זיי זאָלן פון זייער מלאכה קיין מאָל ניט קאָנען רייך ווערן; דאָס האָט דאָך טאַקע וועגן זיי די גמרא געזאָגט: „יאה עניותא לישראל״.

אין דעם „משל הקדמוני״ זיינען אויך צעשטרייט אַ סך לעבנס־שטריכן, וואָס האָבן אַ געוויסן עטנאָגראַפישן אינטערעס, ווייל זיי גיבן אַ באַגריף וועגן דעם דעמאָלטיקן לעבנס־שטייגער און שילדערן די זיטן און די התנהגות פון יענער צייט. צווישן די זינדיקע מענטשן, למשל,

---

1 משל הקדמוני, 39.

2 דאָרטן, 27–28.

3 דאָרטן, 27.

וואָס „אין להם חלק לעולם הבא", רעכנט אונזער פאַרפאַסער ניט נאָר אפּיקורסים, מוסרים און משומדים, נאָר אויך צו שטרענגע פּרנסים, וואָס וואַרפן אַן אימה אויפן ציבור, און — קצבים, וואָס זיינען שטענדיק מיט ווייַן באַטרונקען [1]. אינם „משל הקדמוני" ווערט אויך געגעבן אַ גאַנץ בולט בילד וועגן דעם מצב פון בילדונג און וויסנשאַפטלעכע קענטעניש פון יענער צייט. דער פאַרפאַסער פונם „משל הקדמוני" בויט אויך זיין ווערק לויט דער זעלביקער „קייטל-פאָרם" ווי „ספר שעשועים" און „משלי סנדבאר" זיינען געבויט, נאָר אַט די רינגעלעך פון מעשיות און משלים זיינען ביי אונזער פאַרפאַסער אַפּט איבערפולט מיט וויסנשאַפטלעכע דרשות און ריין-פּראַקטישע ידיעות. די פירפיסיקע און צוויי-פליגלדיקע פאַרשווינען פון „משל הקדמוני" פירן ניט זעלטן לאַנגע וויסנשאַפטלעכע וויכוחים און אויף אַזאַ אופן גיט דער פאַרפאַסער אין קלאָרער פאָרם זייער אומפאַנגרייכע, פאַר יענער צייט, ידיעות וועגן די פאַרשיידנסטע וויסנשאַפטן, ווי פיזיאָלאָגיע, קאָסמאָגראַפיע, אַסטראָנאָמיע, געאָגראַפיע און אַ. ז. אייניקע פּרטים זיינען העכסט אינטערעסאַנט, ווי, צום ביישפּיל, די דערקלערונג, אַז די שפּראַך-פאַרשיידנקייטן זיינען אַ פּועל-יוצא פון די קלימאַט-צושטאַנדן [2], אָדער די באַשרייבונג, ווי דעם מענטשנס אויג איז געבויט [3].

צווישן די פאַרשיידענע צווייגן פון וויסן דערמאָנט יצחק סהולה אויך די אַסטראָלאָגיע, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ באַדייטנדיקע ראָלע אינם מיטלאַלטער. סהולה באַרירט דערביי איין מאָמענט, וואָס פאַרנעמט אַ גאַנץ בכבודיקן פּלאַץ אין דעם אידעען-קאַמף [4], וועלכער האָט אין יענער צייט אויסגעבראָכן אין די אינטעליגענטע יידישע קרייזן. דער לאַנג-פיסיקער שטאָרך טרעט אַרויס אין „משל הקדמוני" אַלס פעסט איבערצייגטער פאַטאַליסט. וואָס גלויבט ניט אין בחירה חפשית. ער איז איבערצייגט, אַז איבער דעם מענטשנס גורל געוועלטיקן די שטערן מיט די פּלאַנעטן, און דער מענטש איז מיט זיין גאַנצן ווילן ניט אינשטאַנד צו ענדערן אויף ווי פיל ס'איז זיין מזל, וואָס איז שוין פאָרויס באַ-

---

1 ואין להם חלק לעולם הבא ואלו הם: המינים והאפיקורסון והכופרים בתורה... והמלשינים והמוסרות ובעלי לשון הרע... והפרנס המטיל אימה על הצבור שלא לשם שמים... והנמשכים אחריו והם המפקירים הקצבים ומוכרי החלבים ואוהבי אשישי ענבים.

2 משל הקדמוני, 30—32.

3 דאָרטן, 45.

4 וועגן דעם דאָזיקן קאַמף וועט אונז אויסקומען צו ריידן באַריכות אין די ווייטערדיקע טיילן פון אונזער ווערק.

שטימט דורך דעם גאנג און באוועגונגען פון די הימלישע געליכטער. דער מענטש איז נאר ביכולת מיט הילף פון דער טיפער וויסנשאפט, וואס טראגט דעם נאמען אסטראלאגיע, אויסלערנען די קונסט צו לייענען די סודותדיקע צייכנס אין די הימלען, און דורך דעם גאנג פון די פלאנעטן אנטפלעקן דעם פארבארגענעם סוד פון דער צוקונפט און פאראויסזאגן דעם גזר און סוף פון יעדן מענטשן [1]. אלס אנטשיידענער קעגנער פון דער דאזיקער פאטאליזם=טעאריע טרעט ארויס דער פראש, וואס אין זיין נאמען זאגט דער פארפאסער ארויס זיין אייגענע מיינונג. „די אסטראלאגישע חלומות — דערקלערט דער פראש — זיינען לויטער קינדער=שפיל און באבע=מעשות, וואס שטאמען פון אינדיע און בבל. דאס איז ריינער שווינדל און ווילדע עם=הארצות. זאלן אנדערע פעלקער, וואס גלויבן אין כישוף און נאך אזעלכע נארישקייטן, זיך דערמיט פארנעמען; מיר אבער טארן אזוי ניט טאן, מיר טארן ניט עובר זיין אויפן פארבאט „לא תנחשו ולא תעוננו". א גאטס=פארכטיקער מענטש טאר זיך ניט אפגעבן מיט כישוף און מיט טרעפערס. ער דארף זיך רויק פארלאזן אויפן בורא עולם און אויף זיין גענאד, ווי עס שטייט אין דער תורה: „את ד' אלהיך תירא".

יצחק סהולהס ווערק, צוזאמען מיט „משלי סנדבאר" און „כלילה ודמנה", זיינען ענג פארבונדן מיט דעם ליטעראטור=געביט, וואס איז פון לאנג אן געווען זייער באליבט ביי יידן. משלים און פאבלען פון דעם לעבן פון חיות איז געווען שטארק פאפולער שוין אין דער תקופה פון די חכמי התלמוד. אייניקע פון זיי, ווי ר' מאיר, זיינען געווען אמתע מייסטער פון „משלי שועלים" (פוקס=פאבלען). מיר האבן שוין געזען, ווי באליבט די דאזיקע דידאקטיש=פאעטישע פארם איז געווען אויך ביי די יידן אינם מיטלאלטער. דער „כלילה ודמנה" טראגט אבער אן אנטשיידן פרעמדארטיקן שטעמפל; יצחק סהולה, דער קעמפער פאר נאציאנאלע פארמען, האט געהאט א צו קנאפן באגריף וועגן סוד הצמצום, און זיינע פאבלען זיינען איבערגעלאדן מיט גאנץ זייטיקע עלעמענטן, וואס האבן קיין שום שייכות ניט צום גוף המעשה. דאס וואס ס'איז סהולהן ניט געלונגען — ווערן א נאציאנאל=יידישער פאבלדיכטער — האט דערגרייכט מיט גרויס ערפאלג זיין מער באגאבטער בן=דור, בֶּרֶכְיָה בן נטרונאי הנקדן, איינער פון די טאלענטפולסטע פאבל=דיכטער פונם אייראפעישן מיטלאלטער.

ברכיה הנקדנס לעבן איז פאר די שפעטערדיקע דורות פולשטענדיק אומבאקאנט געבליבן. נאך לאנגע וויכוחים און הקירות פון פארשיידענע

1 משל הקדמוני 53.

געלערנטע 1, איז דאָך ניט גענוי פעסטגעשטעלט געוואָרן, ווען און ווּ ברכיה הנקדן האָט געלעבט און געשאַפן. מען איז זיך בלויז משער, אַז ער האָט געלעבט אין מיטן פונם 13טן יאָרהונדערט. אַ מענטש פון פילאָזאָפישער בילדונג און אַלזייטיקן וויסן, האָט ברכיה איבערגע-

דער שער-בלאַט פון דער פּראַגער אויסגאַבע „משלי שועלים".

זעצט אויף העברעיִש אייניקע וויסנשאַפטלעכע ווערק. דאָס באַקאַנטסטע פון זיי איז זיין איבערזעצונג אַדעליאַרס לאַטיינישע „נאַטור=פראַגן" (Questiones naturales), וואָס ער האָט אין העברעיִש אַ נאָמען געגעבן

1 זע: Carmoly, La France Israelite, 21—39; Neubauer, Les rabbins fr., 490—500; Iacobs, Fables of Aesop, p. 174; idem, Jew. Enc., III, 53—55; Steinschneider, Letterbode, VIII, 25—35; idem, Hebr. Übersetz., 958—962. זע אויך הערמאַן קאָללאַנץ אין זיין פאָררעדע צו ברכיהס צוויי פילאָזאָפיש-עטישע אַרבעטן: „ספר החבור וספר המצרף" (צום ערשטן פאַרעפנטלעכט אין 1902).

„דודי ונכדי״ [1]. נאָר קונה שם געווען האָט ער זיך מיט זיין באַרימטן ווערק „משלי שועלים״, אַ זאַמלונג פון 107 פאַבלען [2].

זיינע „משלים״ האָט ברכיה געשעפּט פון די פאַרשיידענע קוועלן: פון די אַלטע בידבאַים און עזאָפּס זאַמלונגען, פון די מיטלאַלטערלעכע קריסט־לעכע פאַבל־דיכטער, אויך פון דעם תּלמוד און מדרשים; אַ טייל האָט ער אַליין געשאַפן. דער זאַמלונג האָט ער פאָרויסגעשיקט אַ הקדמה אין גערייַמטע פערזן: „אמר, האָט געזאָגט ברכיה בן נטרונאי הנקדן: בכדי די נאַראָנים צו פאַרשטענדיקן און די קינדער מיט וויסן צו באַרייכערן, האָט מיין האַרץ אַ גוטע זאַך צוגעטראַכט: (אום פיל אַנדרן הערצר צו זעטיגען מיט משלים פון פוקסן אונד אַנדרי חיות, ווייַלין דיא זעלבי שוין זעהר אין לייַטן מַיילר גוויהנליך זייַנין, אונד דאַ־דורך זיך דער מענש מיינשטין טייהלש דורך דען נמשל פילי מוסר הַרויש־נעמין קאָן. עז איזט צוואַהר דיזוז בוך אין פיל אַרליי לשונות פַר־הַנדין, אַליין אָבר איך האָבי מיט אַלין פליים זולכיש פַר גרעסירט אונד מיט שירים וחרוזת אין לשון הקדש געשטעלט דאַ דורך דער לעזר) [3] וועט זיך פיל דערוויסן, וואָס ס׳איז טייערער פון גאָלד און פון די שענסטע פּערל״.

אין פולן קעגנזאַץ צו סהולהן, קאַרגט שטאַרק ברכיה אין ווערטער. זיינע משלים זיינען געשריבן אין שיינער גערייַמטער פּראָזע אין קורצע און שאַרפע אויסדריקן. יעדער זאַץ איז אויף זיין אָרט. פאַר יעדער

[1] כאַראַקטעריסטיש איז ברכיהס דערקלערונג, צוליב וועלכע מאָטיוון ער איז צונע־טראָטן צו דער דאָזיקער אַרבעט: כאן אתחיל ספר השאלות נכד לדוד: אני ברכיה בר נטרונאי לחצוני רעיוני לשנס מתני להעתיק אלה הדברים בלשון עברית. כי מצאתים במכתב של גוים אשר העתיקים מן העברים ובם דברים נעלמו מחכמי דורנו מפוארות למשכילים לא שזפתם עין שכלים ובראותי הכמה מפואר בכלי מכוער ופנינים לפני חזירים, טהרתים מיד בן נכר וכתבתים בלשון הקודש אשר נעלה על כל לשון, והספר הזה הוא בין שני הכמית הדור והנכד.

[2] אין דער ערשטער מאַנטואַנער אויסגאַבע (1557—1559), מיט וועלכער מיר האָבן זיך באַנוצט, איז צום סוף צוגעגעבן נאָך איין פאַבל, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: שמעו נאָ דברי ר׳ קרשפיא הנקדן. עס איז אַ ספק צי די דאָזיקע פאַבל האָט פאַרפאַסט דער בעל „משלי שועלים״.

[3] די אין עקיקע קלאַמערן געבראַכטע צייַלן ציטירן מיר נאָך קאָפּעלמאַנס אַלטער יידישער איבע־זעצונג. צום סוף פון דער הקדמה איז דער איבערזעצער נאָך מוסיף: „אונד ווייַלין פיללי לייטן דַס לשון הקודש צו שווער פאָר־פאַללין טוהיט, אַללים אונד ייעדיש גרינדליך צו פר שטייהן, זאָ האָבי מיר די מיהי גנומין לזכות הרבים דיזוז (דיזעס) ספר אין דייטשען צו שטעלין דאַ־מיט ייעדר פר־שטיין קאָן אויף וואָז דש כשל אויך דש נמשל מיט דעם מוסר בטייטין טוהיט, אונד דאַ־פאָן הירויז־נעמין קאָן, דש דער דרך הישר דער בעסטי וועג לעולם הזה ולעולט הבא איזט״.

וועגן יידישע איבערזעצונגען פון „משלי שועלים״ זע ביילאַגן נומ׳ 4.

פאבל ווערט פארויסגעשיקט א טאפל=פערז, ווו עס ווערט איבערגעגעבן דער תמצית פון דער פאבל, און צום סוף דער מוסר השכל, אויך אין פערזן. ניט זעלטן פאלגן נאכן מוסר השכל נאך אייניקע דידאקטישע פערזן.

בכדי צו באקאנען מיט דער מאניר און סטיל פון אונזער פאפולערן פאבל=דיכטער [1], גיבן מיר דא דריי ברכיהס משלים אין אונזער איבערזעצונג:

I.

משל ארז וסנה

(די פאבל פון צעדערבוים און דארן)

זאל דער רייכער ניט שטאלץ זיין אויף זיין גליק,
אלץ קאן ער דאך פארלירן אין איין אויגנבליק.

א צעדער פון לבנון, וואס זיין קרוין האט געטאן אין די הימלען שטייגן, איז געווען זייער שטאלץ מיט זיין ריזן=וווקס און מעכטיק דיקע צווייגן: צווישן אלע ביימער איז ער דאך איינער, אין אלע וועלדער גלייכן קאן זיך צו אים קיינער. פלוצלינג באמערקט ער: גאנץ נאענט אין דער נידער, הויקערט א דארן=שטרויך מיט זיינע צווערגן=גלידער. „דו נישטיק געוויקס! — האט מיט צארן דער צעדער אויסגעשריען — ווי וואגסטו זיך אונטערשטיין, נעבן מיר, דעם וואלד=קעניג, צו שטיין? אלע ביימער טוען פאר מיר זיך בויגן, די שענסטע פויגלען רוען צווישן מיינע צווייגן, און דו, צווערג, מיט דיינע עקלהאפטע שפיצן, ווער קאן דיך באגערן, ווועמען קאנסטו נוצן?" רויק און געלאסן ענטפערט אפ דער דארן: „צו וואס דאס פראלעריי, צו וואס דיין גרויסער צארן? יא, גרויס ביסטו און מעכטיק. דאך ראט איך דיר פארויס: זיי פארכטיק! באלד קומט דער טאג, דער טאג פון צארן — פאלן וועט דיין שטאלץ און גרויסקייט! אין שטויב וועט ליגן דיין קרוין און שיינקייט; דיין מעכטי=קער שטאם, די ריזן=צווייגן — אויף ברעטער, מאסטן וועט מען זיי צוזעגן. און איך — איך וועל דיך איבערלעבן. אויף מיר וועט קיין האק זיך ניט דערהייבן און רויק וועל איך צוזען, ווי דיין שטאלץ וועט אונטערגיין.

זייער אפט שטאלצירט דער מענטש מיט זיין
עשירות אדער שיינע גלידער,
און מיט פאראכטונג קוקט ער אויף די ארעמע ברידער.
נאר שנעל פארגייט דעם מענטשנס רייכקייט,
געבראכן ווערט זיין מאכט און גרויסקייט,
און אין שטויב ליגט דער מענטש מיטן שטארקן ארעם —
פאר דעם וואס איז עניוות=קליין און ארעם.

---

[1] אינם יאר 1561 האט א קריסטלעכער געלערנטער הנעל ארויסגעגעבן א לאטיי=נישע איבערזעצונג פון „משלי שועלים".

.II
משל שור וארי ותיש
(די פאבל וועגן דעם אָקס, דעם לייב און דעם באָק)

ווער ס׳איז געיאָגט און נידערגעשלאָגן
ציטערט זיין גאנץ לעבן פאר צרות און פּלאָגן.

אָן אָקס האָט אויפן וועג א לייב געטראָפן. געשווינדט איז ער פאר אים אנטלאָפן. מיט טויט־שרעק האָט ער אונטער זיך פארנומען דעם לייבס צאָרניק שרייען און ברומען. קוים לעבעדיק צו א הייל דערקראָכן, דאָרט וויל ער שוץ און רעטונג זוכן. פּלוצלינג, אין א ווינקל, האָט ער דאָרט א באָק דערזען: דערציטערט שטארק דער אָקס, ער קאָן אויף די פיס ניט שטיין. פארחידושט פרעגט דער באָק: „וואָס ציטערסטו מיט אַלע גלידער? מיר זיינען דאָך ווי אייגענע ברידער, פון קינדוויין אָן אין איין טשערעדע אויפגעוואַקסן?" „אַך, — ענטפערט יענער — אפילו אייגענע אָקסן וועלן איצט אין מיינע אויגן, כ׳לעבן, אויסזען ווי ווילדע לעמפּערטן און לייבן. נעכטן וואָלט איך מיר פאר קיינעם ניט געשראָקן, ניט באהאלטן; היינט איז מיך דער לייב באפאלן — ציטער איך פאר יעדן שאָטן.

דער מענטש, וואָס איז געיאָגט און נידערגעשלאָגן,
ציטערט זיין גאנץ לעבן פאר צרות און פּלאָגן.
אין אַלע ווינקלען, אין אַלע עקן,
וווּ ער גייט און וווּ ער שטייט —
אַלץ שפּירט ער לויטער געפאר און שרעק,
ווייל טויט־פיינד אין יעדן מענטשן זעט.
עס דאכט אים אַלץ — ער ווערט פונם פיינד געטראָפן,
פאר יעדן טרוקן בלאַט טוט ער מיט שרעק אנטלויפן.

.III
משל שני צבאים
(די פאבל מים צוויי הירשן)

שווייגט דער נאר, רעדט ער ניט קיין וואָרט,
מיינט מען, ער איז קלוג, צווישן חכמים איז זיין אָרט.

נעבן א טייך אויפן ברייטן פעלד זיינען צוויי הירשן גאנץ רויק געשטאנען, איינער דעם צווייטן א שטילן סוד דערציילט, א פרעמדער וואָלט קיין וואָרט פארשטאנען. גייט פארביי א מענטש און פרעגט פארחידושט ביי די הירשן: פארוואָס טוט ביי אייך אזא שטילקייט

הערשן? איר שטייט דאָך ביידע גאַנץ אַליין, איר מעגט גאַנץ הויך זאָגן אייער מיין, קיינער וועט דאָך אייער סוד דערגיין. „ניין — ענטפערן ביידע — מיר טוען קיין סודות דערציילן: מיר האָבן פשוט ניט קיין כוח, אָפּגעשוואַכט איז אונזער מוח און מיר טוען זיך פאַר לאַנגווייל קוועלן".

נאַראָנים ווען זיי שווייגן, טוען זייער שטים ניט דערהויבן,
האַלט מען זיי פאַר קלוג, אַלע טוען זיי שעצן און לויבן.
אַנטפּלעקט דער נאַר, וואָס ער מיינט און טראַכט,
ווערט ער פון אַלעמען באַשפּאָט און באַלאַכט.

מיט ברכיהס „משלי שועלים" פאַרלאָזן מיר דעם שפּאַניש־אַראַבישן באָדן. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז עס איז ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן, אין וואָסער לאַנד ברכיה הנקדן האָט געלעבט. יוסף דזשעקאָבס, דער געלערנטער פאָרשער פון דער פאַבל־ליטעראַטור אינם מיטלאַלטער, פלייסט זיך צו דערוויזן, אַז דער בעל „משלי שועלים" איז געבאָרן אין ענגלאַנד [1]. דערמיט זיינען אָבער ניט מסכים פיל אַנדערע פאָרשער, און מיר האַלטן פאַר ריכטיקער די צווייטע השערה, אַז ברכיה האָט געלעבט אין דער פּראָוואַנס, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער שטאַרקער גייסטיקער השפעה פון זייערע ברידער אין דער שכנותדיקער שפּאַניע.

מיר פאַרלאָזן דעם שפּאַנישן באָדן בלויז צייטווייליק, פאַרלאָזן אָבער אין דעם וויכטיקן מאָמענט פון אַן איבערגאַנגס־תקופה, בעת די יידישע קולטור איז דאָרט געשטאַנען אויף אַ שיידוועג, און אין איר געשיכטע האָט זיך אָקאָרשט אַ נייַ בלאַט אָנגעהויבן. אין דער פּערזאָן פונם רמב"ם האָט דער יידישער פילאָזאָפישער געדאַנק אין שפּאַניע זיין העכסטע מדרגה דערגרייכט. זיין יינגערער בן־דור, יהודה אַלחריזי, איז געווען דער לעצטער באַדייטנדיקער פאַרטרעטער פון יידישער פּאָעזיע אויף דעם פּירענעיִשן האַלב־אינזל. עס באַווייזן זיך די ערשטע סימנים פון גייסטיקער ירידה, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט דעם אַלגעמיינעם קריזיס, וועלכן ס'האָט דעמאָלט איבערגעלעבט די אַראַבישע קולטור. די פאַנאַטישע כַליפן פון דער דינאַסטיע אַלמאָהאַדן זיינען געווען די פאַר־ביטערטסטע שונאים פון פרייעם פאָרשן און וויסן. אַלס באַזונדערס פייערדיקע קנאים האָבן זיך קונה שם געווען די כַליפן אַלמַנסור און זיין זון אַל־מַמון. זיי האָבן שטאַרק גערודפט די דענקער, וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אין שפּאַניע, און אויף זייער באַפעל האָט מען געבּרענט די ווערק פון פריערדיקע פילאָזאָפן. אין די מוסולמענישע טעמפּלען האָט מען מחרים געווען אַריסטון, אַל־פַּרַבִּי און אבן־סִנה, און די גייסט־

---

[1] Jew. Encicl, III, 53

לעכע האָבן אין זייערע דרשות געפּלייסט זיך צו דערווייזן, אַז די דעות און שיטות פון די דאָזיקע דענקער זיינען לויטער אַפּיקורסות.

פיל יידישע פאַמיליעס זיינען דורך די רדיפות פון די קנאים־אַלמאָהאַדן אַנטלאָפן פון דרום־שפּאַניע און זיך באַזעצט אין דער פּראָוואַנס און אין דער קריסטלעכער צפון־שפּאַניע. גראָד אָבער אין דער ערשטער העלפט פונם 13טן יאָרהונדערט איז דער שטאַרקסטער מלוכה פון קריסטלעכער שפּאַניע, קאַסטיליע, געלונגען אָפּצוהאַלטן איין נצחון נאָך דעם אַנדערן איבער די אַראַבער פון דרום־שפּאַניע. אינם יאָר 1236, האָט דער מלך פערדינאַנד דער דריטער איינגענומען דעם עלטסטן צענטר פון אַראַבישער קולטור אין שפּאַניע, קאָרדאָווע, און דערמיט האָט ער געבראָכן די מאַכט פון די אַלמאָהאַדן. נאָך קאָרדאָווע זיינען באַלד געפאַלן די שטעט האַען, סעוויליע און דער גרעסטער טייל פון אַנדאַלוזיע. דערמיט הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור אין שפּאַניע — די תקופה, וואָס געפינט זיך שוין אין געוויסער מאָס אונטער דער השפעה פון אַ מער נידעריקער קולטור, ווי די אַראַבישע — פון דער קריסטלעך־קאַסטילישער. אינם קולטורעלן לעבן פון די שפּאַנישע יידן באַווייזן זיך נייע שטרעמונגען, און גראָד דער נאָמען פונם „מורה נבוכים״ באַשעפער איז געוואָרן די פאָן, אַרום וועלכע עס איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפער אידעען־קאַמף, וואָס האָט געדויערט גאַנצע דורות לאַנג און האָט געהאַט אַ געוואַלטיקע השפעה אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור.

בכדי קלאָר און בולט אָפּצושאַצן און ריכטיק באַגרייפן די געשיכטלעכע סיבות און פועל יוצאס פון דעם דאָזיקן קאַמף, מוז מען אָבער קודם כל זיך באַקאָנען מיט דעם קולטורעלן מצב און ליטעראַרישן שאַפן פון די יידישע קיבוצים אין די שכנותדיקע קריסטלעכע לענדער פון מערב-אייראָפּע.

דאָס וועט געשען אין די ווייטערדיקע טיילן פון אונזער ווערק.

בײלאַגן.

ביילאגע נומ׳ 1

(צו ז. 170)

יידישע איבערזעצונגען פון „חובות הלבבות“.

די ערשטע אויסגאבע פון דער יידישער איבערזעצונג איז דערשינען אין אמסטערדאם אין 1716. „אהובי רבותי, אחי ואחיותי — ווענדעט זיך אין דער פאררעדע דער איבערזעצער, שמואל פון פויזן, צו זיינע לעזער — מיט דיזן ספר הקדוש והטהור, ווערן מיר רעכט גוואר, דז גאט איז אימר אויף איביגוואר. דאש ספר ווערט חובות הלבבות גמעלט, עש איז גאר איינציג אין דער וועלט, דאש האט גמאכט, און גר וואול ביטראכט, הגאון הגדול החסיד רבינו בחיי פון פר צייטין, דז זאלין זיך דראן קערן מאנין און וויבר און אלי לייטן. עש איז גישטעלט אויף צעהן שערים און פארטין, דז עש זאלין פרשטין יונגין און אלטין“.

אויך דער „קצור חובות הלבבות“ איז באלד אין יידיש איבערגע-זעצט געווארן „אלז איטליכר מענש מחויב איזט אלי טאג איין שער דא-פון צו ליינען, בפרט בעשרת ימי תשובה איזט איין חיזב אלי טאג אויז צו לייאנו און דר נאך זיין בקשה צו טאהן, זא וווירט הש״י בודאי זיין תפילה דרהערען“ [1].

פיל תלמידי חכמים האבן געשריבן פירושים צום „חובות הלבבות“, און מגידים פלעגן פארליינען דעם פשוטן עולם ר׳ בחיים הארציקן מוסר. „דאס טייערע ספר חובות הלבבות — לייענען מיר אין איינעם פון די נייערע פאלקס-אויסגאבן — האט קיין פעדער כוח און קראפט צו בא-שרייבן זיין גרוים טייערקייט; די גרעסטע חכמי הקבלה שרייבן אויף אים, אז ער איז ראוי געוועזן, ער זאל ווערדין געגעבין אויף דעם הר

---

1 דער דאזיקער „ביאור אשפנזי“ פונם „קצור חובות הלבבות“ (סדילקאב 1836) איז געשריבן אין א הארבער אומבאהאלפענער שפראך, מיט משונה פארדרייטע זאצן, ווי א שטייגער: „דעם ענין פון שער היחוד: תארום יעדרער מענש דער ביהערצינגער און דר קלונער קען פאר שטיין און פרובירין דעם ענין פון בעפינדיגן דעם בישעפר, אז ער וועם נייטין זיין איין קלערונג אין קערונג די וועלט און אין זיינע גיבירט וואש זיין שולד איז פון זייא און די צייכניש פון די חכמות און בעשאפונג און זיין נאטור און בעוועזונג“.

סיני כמעט ווי די הייליקע תורה. עס איז ידוע, אז הונדערטער טויזנטער יידן האט דאס ספר מחזור למוטב געווען. וויא זיס, וויא ליב איז דאס צו הערין, ווי איין גוטער מגיד לערינט מיט איין עולם איין פרק חובות הלבבות, אזוי וויא דער גאלדשמיד לייטערט גאלד, אזוי לייטערט דאס ספר די יודישע הערצער צו עבודת הבורא״[1].

ביילאגע נומ׳ 2.

(ז. זייט 234)

וועגן דעם קאראימישן דיכטער משה דַרְעִי.

דער קאראימישער דיכטער משה בן אברהם דרעי פון אלכסנדריא איז מיט דער צייט אינגאנצן פארגעסן געווארן. ערשט אין דער נייערער צייט איז דעם קאראים אברהם פירקוביץ געלונגען צו געפינען א מאנוסקריפט פונם פארגעסענעם דיכטערס צווייבענדיקן דיוואן און מיט אים דעם באוווסטן געלערנטן שמחה פינסקער צו באקאנען. דער פון לאנג פארלאשענער נאמען משה דרעי האט מיט א מאל אויפגעלעבט און אומדערוואַרט צו זיך צוגעצויגן די שפאנענדיקע אויפמערקזאמקייט פון דער געלערנטער וועלט. פינסקערס צוויי ארטיקלען וועגן דרעי (לקוטי קדמוניות, I, 46—105, II, 135—7, 113—128) האבן געמאכט א געוואלטיקן רושם. שמחה פינסקער, דער גרינדלעכער און פארזיכטיקער פארשער, האט זיך דאס מאל געלאזט דורך פירקוביצן פארפירן; ער האט ניט באמערקט, אז יענער האט אין דרעיס דיוואן א דאטע געפעלשט[2], און אויפן סמך פון דער דאזיקער געפעלשטער דאטע האט פינסקער דערקלערט, אז דרעי האט פארענדיקט דעם ערשטן באנד פון זיין דיוואן אינם יאר 843[3] (לקוטי קדמוניות, 48, 71, 105). אט די דא-

---

[1] קרית ארבע, 1890, 43—44.

[2] אינם סוף פונם ערשטן באנד דרעיס דיוואן געפינט זיך פאלגנדיקע צושריפט: ברוך ד׳ הגומר בידי לחבר את כל אלה השירות בשנת אז ישיר משה ובני ישראל ולמנין שטרות. כן יגמור בעדי להוציא לאור גם החלק השני במהירות.

[3] די אותיות, וועלכע זיינען באצייכנט פון אויבן מיט פינטעלעך, באטרעפן צוזאמען 1154, און ווייל דער „מנין שטרות״ הייבט אן זיין רעכענונג מיט 311 יאר פריער פון דער קריסטלעכער, קומט אויס, אז די דאטע באטרעפט לויט דער קריסטלעכער רעכענונג 843.

זיקע דאַטע האָט עס געמאַכט די גרעסטע סענסאַציע. דרעיס שירים זיינען דאָך געשריבן לויט די שטרענגע רעגעלן פון דער אַראַבישער מעטריק, און עס ווערן דאָרט מיט גרויס גענויקייט אויסגענוצט אַלע אירע קאָנסטרוקטיווע פאָרמען. מוז מען, הייסט עס, אויף דעם סמך קומען צום אויספיר, אַז די פאָרשער האָבן די גאַנצע צייט געלעבט אין טעות: ניט דונש בן לברט און ניט שמואל הנגיד און שלמה גבירול האָבן עס איינגעבירגערט די אַראַבישע מעטריק אין דער העברעיִשער ליטעראַטור און געלייגט די גרונד־יסודות פון יידישער וועלטלעכער פּאָעזיע, נאָר דער קאַראַיִם פונם 9טן יאָרהונדערט משה דרעי. דערצו נאָך באַגעגנט מען ביי דרעין פיל סטראָפן און פערזן, וואָס דערמאָנען אָן באַקאַנטע סטראָפן ביי יהודה הלוי, אברהם אבן עזרא און אַנדערע דיכטער; מוז מען, הייסט עס, קומען צום אויספיר, אַז דאָס האָבן עס די יידישע דיכטער גענאַשט ביים פיל עלטערן קאַראַימישן דיכטער, און זיינע לידער האָבן זיי גענוצט אַלס מוסטער. עס האָט אָבער ניט לאַנג גע־דויערט, און אַ גאַנצע רייע יידישע פאָרשער, ווי גייגער, שור, נייבויער און שטיינשניידער, האָבן מיט ראיות דערוויזן, אַז פינסקערס מיינונג איז פאַלש, און איצט זיינען אַלע מסכים מיט דער דעה, אַז דרעי איז ניט געווען דער באַגרינדער פון דער העברעיִשער מיטלאַלטערלעכער וועלטלעכער פּאָעזיע, נאָר אַ טאַלענטפולער עפּיגאָן; ניט דער וועגווייזער פאַר יהודה הלוי און אַנדערע העברעיִשע גרויסע דיכטער איז ער געווען, נאָר זייער תלמיד און נאָכפאָלגער. ד. כהנא איז געלונגען קלאָר צו דערווייזן, אַז דרעי האָט זיך באַנוצט מיט יהודה הלוים לידער (ז. השלח כרך י"ג, 435—442); דער דאָזיקער פאָרשער האָט אָבער אַ טעות, ווען ער מיינט, אַז די גאַנצע צושריפט צום סוף פונם ערשטן באַנד דרעיס דיוואַן איז אַ געפעלשטע, און אַז דאָס האָט זי פירקוביץ גופא צוגע־שריבן. דער דאָזיקער מאַנוסקריפט (דער איינציקער עקזעמפּלאַר פון דרעיס דיוואַן, וואָס איז ביז איצט באַקאַנט) געפינט זיך איצט אין דער לענינגראַדער ביבליאָטעק (ערשטע קאָלעקציע־פירקוביץ נומ' 802—803). מיר האָבן דעם כתב־יד אויפמערקזאַם שטודירט און מיר זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די באַטרעפנדיקע צושריפט איז אָן עכטע און דאָרט איז ווירקלעך אָנגעוויזן אַלס דאַטע דער ביבלישער פערז: אז ישיר משה ובני ישראל. דערפאַר איז אָבער ביי אונז קיין ספק ניט, אַז די פ י נ ־ ע ל ע ך, וואָס געפינען זיך איבער אַלע אותיות פון די לעצטע דריי ווערטער און איבער דער „ריש" פון דעם צווייטן וואָרט „ישיר" — זיינען צוגעשטעלט פון אַ פיל ש פּ ע ט ע ר ד י ק ע ר האַנט. אַלע פינטעלעך, תגין און נקודות, וואָס געפינען זיך אויף דער זעלביקער זייט,

ווו די צושריפט געפינט זיך, זיינען נאָך עד היום שוואַרץ־גלאַנצנדיק פון דעם טוש, מיט וועלכן זיי זיינען געשריבן. נאָר די פינטעלעך, וואָס איבער דער ביבל־פּראָזע זיינען בלאַס־געלבלעך, פשוט דערפאַר, ווייל זיי זיינען מיט מאָדערנע אייזנטינט געשריבן, וואָס בליאַקעוועט באַלד אָפּ. עס איז קלאָר: די פינטעלעך איבער די אותיות האָט דער פאַל־סיפיקאַטאָר פירקוביץ אַרויפגעשטעלט, כדי צו באַקומען די אים געווינטשטע דאַטע (אָלֶף קנ"ד לשטרות), און פינסקער האָט דאָס ניט באַמערקט, ווייל די טינט איז נאָך דעמאָלט געווען פריש און טונקל־שוואַרץ. כדי די ריכטיקע דאַטע צו באַקומען, דאַרף מען דערפאַר רעכענען אַלע אותיות פונם גאַנצן ביבל־זאַץ און דאָס באַטרעפט צו־זאַמען אלף תפ"ב לשטרות, ד. ה. 1171 לויט קריסטלעכער רעכנונג. דרעי איז אַלזאָ געווען אַן עלטערער בן דור פון יהודה אלחריזי, און עס ווערט דאַדורך גאַנץ וואַרשיינלעך שטיינשניידערס השערה[1], אַז ספּעציעל קעגן דרעי זיינען עס געווענדעט אלחריזים סאַרקאַסטישע ציילן אין „תחכמוני" (מאַקאַמע 18): ומשוררי דמשק איש מצרי יחבר שירים אסורים לשמוע, והשומע אותם חייב לקרוע, כתאנים השוערים אשר לא תאכלנה מרוע, לא ראיתי כָּהֵנָה בכל ארץ מצרים לרוע. והוא חושב בגאותו וגאונו, כי שלמה הקטן קטן מהכיל הגיונו, ואברם כבד מאוד בשיריו לנגד צחת לשונו, ומשה היה רועה צאנו ויהודה יהודה לשכל רעיוניו וכל המשוררים הענקים הם כחגבים בעיניו.

און טאַקע ערשט, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז די דאָזיקע ציילן זיינען געווענדעט קעגן אַ קאַראַיִם, וואָס שטאַמט פון מצרים[2], ווערט פאַרשטענדלעך אלחריזים ווייטערער אויספיר: גם ראיתי במשוררי דמשק איש עברי, מכה איש מצרי...

עס איז כדאי זיך נאָך אָפּצושטעלן אויף פאָלגנדיקע פּרטים. אויף דער ערשטער זייט פונם ערשטן באַנד געפינען זיך פאָלגנדיקע צוויי פערזן:

שואל מי מלא בענק זה הספר שהם עם יָשפה
דע כי הוא מלואת פה משה בן אברהם הרופא.

אויף די ווערטער פונם ערשטן פערז זיינען פריער געווען באַזונדערע צייכן און עס איז נאָך לייכט צו באַמערקן די סימנים פון אַ מעסער, מיט וועלכן מען האָט די צייכן אָפּגעקראַצט. דאָס אייגענע חַזֶרט זיך

---

1 העברעישע ביבל. VII, 14.

2 עס איז פעסטגעשטעלט, אַז דרעי האָט געלעבט אין מצרים און דאָרט זיין דיוואַן געשריבן: אויב שטיינשניידערס השערה איז ריכטיק, האָט דרעי מאריך ימים געווען און געשטאָרבן אַ זקן.

איבער אויף דער לעצטער זייט פונם צווייטן באַנד, ווו עס איז אויפ־געצייכנט פאָלגנדיקער פיר־פערז:

חוזה שירי זה הנבחר משכלי גם מאמרי פי
התעדן בפי עץ גפני ובמתק נופת צופי,
וראה כי הוא טהור מכל מום גם נקי מכל דופי
כללתי בו כל שיר נחמד עד כי היה מכלל יופי.

ס'איז לייכט צו דערקענען, אַז איבער די ווערטער פונם צווייטן פערז זיינען געווען ספּעציעלע צייכן, און אויך זיי האָט אַ שפּעטערדיקע האַנט אויסגעקראַצט. וואַרשיינלעך זיינען דאָרט געווען דאַטן געווען אָנגעצייכנט און זיי זיינען פאַר אונזער פאַלסיפיקאַטאָר אומבאַקוועם געווען, האָט ער זיי אויסגעמעקט.

אויך ביי דער דאַטע, וואָס געפינט זיך אין דער צושריפט פונם איבערשרייבער, אהרן בן עזרא, איז בלי ספק „יד פירקוביץ באמצע". דאָרט איז אָנגעוויזן, אַז אהרן בן עזרא האָט דעם דיוואַן אָפּגעשריבן בשנת אלף תע"ד לשטרות, ד. ה. אינם יאָר 1163. די דאַטע איז געווים נעפעלשט. אין ספק איז אויך די צושריפט, וואָס געפינט זיך אויף דעם אינעווייניקסטן טאָוול פון דער בינד, פון איינעם אַן אייגנטימער, וואָס אים האָט אַמאָל דער כתב־יד געהערט. פירקוביץ פאַרזיכערט, אַז אין דער צושריפט איז אָנגעוויזן די דאַטע 1267. דאָס כתב־יד און די טינט זאָגן אָבער עדות, אַז די צושריפט איז פיל יינגער. מען מוז דערפאַר קומען צום באַשלוס, אַז אָדער די צושריפט שטאַמט פון פירקוביצן גופא, אָדער פירקוביץ האָט אַ טעות געהאַט און די דאַטע מאַכט ניט ווי ער מיינט ה' כ"ז נאָר ת' כ"ז, ד. ה. 1667.

יעדנפאַלס איז דַרעי אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע דערשיינונג. אין דער פאַרמָרָה־שחורהטער און אַסקעטיש־געשטימטער קאַראַיִמישער אַלטער ליטעראַטור איז דרעים דיכטונג עפּעס גאַנץ אומדערוואַרטעטס [1]. זיין מוזע איז פריילעך און לעבנסלוסטיק. זי זינגט שטורמישע וויין־ און ליבע־לידער, שליידערט מיט פיין צוגעשפּיצטע עפּיגראַמען קעגן גבירים־

---

1 אַגב, ס'אַ סברה, אַז משה דרעי איז ניט קיין געבאָרענער קאַראַיִם. גאָר אין דער לעצטער צייט האָט פּראָפ. ישראל דאַווידזאָן פאַרעפנטלעכט (אין דעם זאַמלבוך „מדעי היהדות", II, 1927, 297—308) אַ ביז איצט אומבאַקאַנטע דרעיס פּאָעמע „מַחְבֶּרֶת נֹא אָמון ומצרים", און אויפן גרונט פון דרעיס אייניקע אויסדריקן זאָגט דאַווידזאָן אַרויס די השערה, אַז דער דיכטער איז ניט קיין געבאָרענער קאַראַיִם: ער שטאַמט פון ספרדישע ייִדן, נאָר אין די יונגע יאָרן איז ער אריבערגעגאַנגען צו די קאַראַיִמען און געוואָרן אַ שטאַרקער קעגנער פון די „רבָּנִיִּם".

קמצנים, קעגן פאלשע פריינד און אויך קעגן די קאראַימישע פארבי־טערטע שונאים — די רבנים, וואס האלטן זיך אין דער „משונהדיקער משנה" (המשנה המשונה) [1]. אייניקע זיינע לידער, ווי „לשואל אל" א. א. מאכן נאך אפילו אויף דעם היינטיקן לעזער א שטארקן רושם.

ביילאַגע נומ' 3

(ז. זיים 276)

דער „בן המלך והנזיר" און זיינע יידישע איבערזעצונגען.

א כתב־יד פון אן אלטער יידיש־דייטשער „בן המלך והנזיר"־איבער־זעצונג פון דעם 15טן (און אפשר נאך פונם 14טן) יאָרהונדערט געפינט זיך אין מינכענער ביבליאָטעק. ציטאַטן פון דער אלטער איבערזעצונג ברענגען שטיינשניידער (המזכיר, VII, 43) און וויסלאָוויץ אינם אויבנ־דערמאָנטן ווערק (פרינץ א. דערוויש, 17) [2]. אינם יאָר 1769 האָט אייזיק הומבורג פארעפנטלעכט אין פראנקפורט דמיין דעם „בן המלך והנזיר" מיט א יידישער איבערזעצונג. דער נאָמען פונם איבערזעצער איז ניט אנגעוויזן, נאָר עס איז פעסטגעשטעלט, אז זי געהערט ראובן בן אברהם הלוי. ער גופא ווייזט דערויף אָן אין א ספּעציעלער „הערה" צו זיין העברעיִש ווערק „נחלת ראובן", וואס איז ערשינען אויך אין פראנקפורט אינם יאָר 1770 (בשנת בנחלתם): „אמר ראובן הלוי, ראה זה מצאתי למלאות רצון אחר רציתי זה ימים לא כביר שהעתקתי ס' בן המלך והנזיר כלה מלשון הקודש ללשון אשכנז מלה במלה ומסרתי להמוציא והמביא הנזכר בספר". ער ווייזט דערביי אָן, אז ער האָט אויך איבער־געזעצט אלע לידער, וואס קומען פאָר אינם בן המלך והנזיר, נאָר דער ארויסגעבער האָט געקארגט אין אָרט און דערפאר אלע פערזן ארויס־געוואָרפן (אבל בזה את חוק בריתי הפר וכ"ו וכ"ו).

---

[1] אויך אין זיין נאָר־וואָס דערמאָנטן יוגנט־ווערק טרעט ער שאַרף ארויס קעגן די אָנהענגער פון תלמוד:

ואל יפנו לספרי שוא עשוים בגלות מדבר מרמה ועולה
אשר לא נשמעו מפי נביאים ולא חוזים שלוחים מתחלה
דברים חָפאום מלב ובדום וקבלה קראום לקהלה.

[2] גרעסערע פראַגמענטן פון דער דאָזיקער איבערזעצונג האָבן נים לאַנג פאַר־עפנטלעכט פראָפ. וו. שטערק אין „לאַנדוי־בוך", 1926, ז. 58—62 און מ. עריק אין זיין „וועגן אַלט־יידישן ראָמאַן און נאָוועלע", 9—223.

שטיינשניידער, בעת ער דערמאָנט אין זיין ווערק „העבר. איבער־זעצונגען" (ז. 863) ראובנס איבערזעצונג פון „בן המלך והנזיר", איז דערביי מוסיף: „ווארשיינליך דאנאַך (ד. ה. נאָך דער דאָזיקער אויסגאַבע) זאלקווא 1771 אונד פיורדא 1783" [1]. די פיורדאער אויסגאַבע [2] איז אונז אומבאַקאַנט און מיר האָבן דערפאַר ניט געקאָנט פעסטשטעלן, אויב שטיינשניידערס השערה איז ריכטיק; בנוגע אָבער צו דער זאלקווער אויסגאַבע ווייסן מיר גאַנץ באַשטימט, אַז שטיינשניידער האָט אַ טעות געהאַט. מיר האָבן די באַטרעפנדיקע אויסגאַבע געזען [3], און מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז זי האָט מיט דער פראַנקפורטער קיין שום שייכות ניט. עס זיינען צוויי גאַנץ פאַרשידענע איבערזעצונגען. בכדי זיך אין דעם צו איבערצייגן, גענוגט צו פאַרגלייכן בלויז די ערשטע שורות פון דער פראַנקפורטער און דער זאלקווער אויסגאַבן:

פראַנקפורטער אויסגאַבע:

עז זאָגט דער אויטאָר: צור צייט דער גוואלטיגן קיניגן אין אינדיען רעגירט איינר דער לאסטערהאפטשטי אהן פר נינפיגר בלוד־דורשטיגר קיניג. ער רעגיהרט מיט לושט און בטריגרייא, אויך זוכטי ער זיך דורך אלרלייא וואהל־לושט צו בזענפטיגן. ער פיהרט איבר הויבט איין ליטר־ליכש פוילענציש לעבן און ליבטי זולכה מענשען, דיא עבין פַלס פרעסין, זויפין און ליטרליכש לעבן צו פירן זוכטן [4].

זאלקווער אויסגאַבע

בימים, אין די ערשטי טעגין אין אַן פאנג פון די ערשטי קיניגן, וואר אין לַנד הודו איין שעלבישר (שעלמישר?) קיניג אהן פר שטאנד, איין שולד בלוטיגר מאן מיט בייזי גדאנקין. עס וואר איין פרעכר און הויך גמיטיג, ער האָט גיגלוסט די נרהייט פון דר וועלט און אירע תענוגים, און האָט בגערט נאך צו יאגין זייני שטעגין פון עולם הזה, ער לויבט זיך מיט זיין גילדני געטר.

1 אויך אין „המזכיר" XV, 67, בעת שטיינשניידער דערמאָנט די זאלקווער אויסגאַבע פון „בן המלך והנזיר", איז ער דערביי מוסיף: „זא איסט זיע אפענבאר איין אַבדרוק דער אויסגאַבע 1769".

2 אַגב, בן יעקב (אוצר הספרים, 78) און נאָך אים אלעזר שולמאַן (שפת יהודית אַשכּנזית, 106) דערמאָנען אַ פיורדער אויסגאַבע פונם יאָר 1753. צי איז ווירקלעך געווען אַזאַ פריערע אויסגאַבע, אָדער ס'איז פשוט אַ טעות הדפוס און ס'איז דאָ די רייד וועגן דער זעלביקער אויסגאַבע פון 1783, האָבן מיר ניט געקאָנט פעסטשטעלן.

3 מיר האָבן זיך באַנוצט מיט אַן עקזעמפלאַר פון ש. ווינערס פריוואַט־ביבליאָטעק.

4 מיר ציטירן נאָך שולמאַנס ווערק, 106—107.

אויפן שַער־בלאט פון דער זאלקווער אויסגאבע ווענדט זיך דער ארויסגעבער צו די לעזער: „איהר מאנען און ווייבר זייט ניט קארג אויף געלט, און קויפט דאס ספר וואס איז נאך ניט גיוועזן אויף דר וועלט. ווען איהר ווערט פר שטיין וואש דער מחבר טוט ריידן, וועט איר איער גוף און נשמה מיט גוטין באקליידן. דער מוסר פון דעם ספר טוט דאש הארץ רירן, און טוט ווייזין ווי דער מענטש זאל זיך אל זיין לעבי טאג פירן, ובזכות זה ווענין מיר זוכה זיין אין דעם הייליקן לאנד ווידר צו קומין, וואס מיר זענין ווארן דרפון אוועק גינומן. אמן.

בכדי צו באקענען דעם לעזער מיט דער עלטסטער יידישער איבער־זעצונג פון „בן המלך והנזיר", ברענגען מיר דעם אנפאנג פונם צוועלפטן קאפיטל לויט דער מינכענער האנטשריפט מיטן פארגלייך פון דער פיורדער (1783) און זאלקווער אויסגאבן:

מינכענער האנטשריפט

ווי זיך זאל ביניגן איהליכם אין זיין טייל, אונד זי דֶר גַייט (גייציקע) וַורלירט זיין הַאילָא (הייל):

דר יונגא קיניג שפראך: דו זעליגר וַיזא, גיבא מיר צו ערקענען די גוואנהייט אונד ויזא דו דיך האלסט אונד ווי זינט דיינע זיטן, זא קאן איך גאין נוך דיינע טריטען, און לערן דו מיך ווי דו דיך הוסט ביטראגן, אין יוניט אין עלטר דס זאלטן מיר זאגן. דר גייסטליך שפראך אין גיזוכט ניע קיין גיט...[1].

פיורדער אויסגאבע

די טוגינד דער זיך בַקניגט, ער האבי ווענִיג אדר פיל דס לאסטר דר זואהללוסט וואן עס איהם דר מאל איינש מאנגעלט.

דר פרינץ זאגט: דו קליגער מאן, לאזי מיך דייני אויף־פיהרונג און דייני וועגי ווישן, דאמיט איך מיך מיט גוֶויהני דארינן צו וואנדלין און צי טוהן ווי דוא טוהסט. זאגי מיר אויך, וויא דוא דייני עלטר צו ברינגסט און וויא דייני הענדי ארבעט דיך נעהרן קעני. דר פרומי זאגטי וויסי דס איך מיך...

זאלקווער אויסגאבע

ויאמר: זאגט דער בן מלך: דוא באגליגטר חכם, זייא מיר מודיע דייני מנהגים און דיין וועג כדי איך זאל מיך גוויינין צו גיין אין דיא וועגין און צו טאן וויא זייער ווירג, און זאג מיר וויא דו טושט היינט דיין עלטר דר נערין און וויא דוא טושט פון דיין פר דינשט עשין. זאגט דער נזיר: דוא זאלסט ווישין, אז איך טוא מיך לאזין בנוגון...

[1] ציטירט נאך חייסלאָוויץ, 17.

ביילאַגע נומ׳ 4

(ז. זייט 292)

די יידישע איבערזעצונגען פון ברכיה הנקדנס „משלי שועלים".

אויך בנוגע צו די יידישע איבערזעצונגען פון „משלי שועלים" איז ביי די ביבליאָגראַפן אַ געוויסער פּלאָנטער. בן־יעקב (אוצר הספרים, 378) און שטיינשניידער (העבר. איבערז., 958—959) רעכענען, אַז די זעלביקע קאָפּעלמאַנס איבערזעצונג, וואָס איז דערשינען דאָס ערשטע מאָל אין פרייבורג בערך אינם יאָר 1583, איז אויך איבערגעדרוקט געוואָרן אין ווילנאַ־גראָדנאָ אינם יאָר 1825. עס איז אָבער אַ גרויסער טעות. מיר האָבן פאַרגליכן קאָפּעלמאַנס איבערזעצונג לויט דער פראַנקפורטער אויסגאַבע פון 1767 מיט דער ווילנער־גראָדנער אויסגאַבע, און מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז עס זיינען צוויי גאַנץ פאַרשיידענע איבערזעצונגען. אין דער לעצטער אויסגאַבע איז די איבערזעצונג געדרוקט אָן דעם העברעיִשן טעקסט. איבערגעזעצט זיינען ניט אַלע 107, נאָר בלויז 102 משלים; עס פעלן אויך די דאָפּל־פערזן פאַר יעדן משל און ברכיה הנקדנס הקדמה. דערפאַר אָבער איז אָפּגעדרוקט אַ גרויסע פאָררעדע פונם אומבאַקאַנטן איבערזעצער. צוליב איר אייגנאַרטיקן סטיל ברענגען מיר זי דאָ בשלמות:

„ברוך, געלויבט בישטו גאָט דער בשעפר פון דער וועלט דאָש דוא האָשט כח און שכל גיגעבן איין מענטשן צו ריידן און צו שרייבן וויא אין דעם ספר איז גשטעלט. דאָש זיינען די רייד פון דיין קנעכט ברכיה ב״ר נוטראי הנקדן וואָש ער אליין האָט די משלים אין איין זאמלונג גימאַכט, ער האָט איין משל פון אַלע בשעפעניש גיבראַכט, עס איז דערינען זייער פיל מוסר גישריבן, דען דאָש האָט ער זיך מיט זיין שכל אויש גיקליבן, כדי איטליכער מענטש זאָל פון דער משל פאַר שטיין, וויא זיך אויף דער וועלט צו בעגיין, דען דעריבער האָט ער משלים אין איין זאמלונג גימאַכט, דען איין משל קאָן מען זיך נעמן אין זינען, דורך דעם קאָן מען ווישן, ווי אויך גאָט צו דינען. דיא רייד מאָג מען זיך שטאַרק אין מח אריין נעמן, דערין דאַרף זיך אפילו דער גרוישער מאַן אויך ניט צו שעמען, דען ווארעם זאָל ער זיך גרעשער האַלטען, ווי שלמה המלך עליו השלום אליין, אין זיינע ספרים טוען דאָך אויך משלים שטיין, דוא זאָלשט זיי אין זינען האָבן אַלע צייט, דען גימאַכט האָבן דש ניט קיין קליינע לייט, אין איר גיפינשטו מוסר אַלע צייט. ער האָט דאָש גימאַכט ניט דורך דעם געלט צו פאַר דינען נאָר פאַר זיך אויך פאַר גוטע פרומע לייטן, ניט אזוי וויא דיא נאַרעשע

לייט טוען פון משלים לאכין, זיי טוען דעם משל צו נישט מאכן. טוא זיי נישט הערן, אין דיא משלים זאלשטו מיט דיין שכל דער קלערען, וועשטו זעהען פון וועגן דיא משלים זיינען גימאכט גיוואָרן, כדי דער מענטש זאָל פאַר שטיין וויא נישט זיינען גירעכט זיינע יאָהרען, ער לעבט ניט איביג ער מוז אויך שטערבן, ווען ער טוט צדקה און מעשים טובים אויף דער וועלט דאָס טוט ער זיך אליין ארבן; דורך די משלים וועשטו פאַרשטיין וויא זיך אין גוטע זאכן צונעמן איין וועג, ער זאָל זיין גלייך און זאָל ניט אראָפּ פון שטעג, דער מיט וועשטו קאָנען צו איין תכלית לעולם הבא קומן, דעם יצר טוב וויא צו זיך צו בקומען, די תאות עולם הזה וויא אַ וועק צו וואַרפען, ער זאָל דעם יצר הרע פאָלגין ניט דאַרפען, צו השם יתברך זאָל זיך זיין הארץ קערן, ער זאָל אויף דער וועלט מעשים טובים מערן. ווען ער וועט תשובה טאָן זאָל ער דערביי פאַר גיסן זייער פיל טרעהרן, כדי הש"י זאָל אים איין גוטן וועג בשערן, דער מיט זאָל ער זיך קאָנען לעוה"ב דער שלאָגען, עש איז אַלץ נישט אויף דער וועלט, מיט זיך נעמט מען ניט קיין געלט. דורך דיא משלים קאָנשטו זיך איין וועג געפינען, ווי זיך עוה"ב אויף צו שפינען, דען דאָ שטייען משלים פון אלע חיות פאַר מעלט, כדי דוא זאָלשט זעהען דעם סוף פון דער וועלט, נאָך איטליכן משל איז דער נמשל גיזאָגט גוואָרן אַלץ אויף דעם מענטשען. טוא אזוי וועט דיך גאָט בענטשען, וועשט זוכה זיין תחיית המתים דער לעבן, איין שבח מיט אלע אבות וועשטו טאָן גלייך צו גאָט געבן, נור פריער זאָלשטו זיך ארום קוקין, דוא זאָלשט פון די נאַרעשע וועלט אַרויש טרוקן, און איר זאָלשטו· דיינע יאָרן ניט פאַר ברייננען, גאָט וועט דיר דיינע יאָרן דער לייננען, אויף דער וועלט זאָלשטו גיין מיט אמת ניט מיט פאַלשקייט, וועשטו זוכה זיין צו זיצן מיט צדיקים אין גן עדן באיי זייער זייט".

די אַרויסגעבער פון זייער זייט האלטן אויך פאַר נייטיק אָנצו= ווייזן אויפן שַעַר=בלאַט: „ספר משלי שועלים האָבין מיר זיך במיהט לטובת כלל ישראל מעתיק צו זיין און אויף טייטש דרוקען, עש זאָל קענין דער גמיינר עולם אויך ווייבר קוקין; דורך דעם וועט איטליכער ווישין דבר בעתו על אופניו צו זאָגין, און אויך נאָך פיל תאוות ע"ה וועט ער זיך מיט אונרעכט ניט נאָך יאָגין, ווען ער וועט נור דעם גוטין מוסר פון דעם ספר וועלין מיט שכל במערקן, ווירד זיך דער חשק אין זיין הערץ צו מדות טובות איטליכש מאָהל שטערקין, בדרך הישר כפי רצון הבורא צו וואַנדלין, וויא רעכט און קלוג זיך צו בזעהין מיט לייטין אין האַנדלין, אימר איין שמח בחלקו צו זיין מיט דעם וואָש גאָט טוהט

אים בשערין, בכדי אויך שם טוב אויף דער ערד אויך זכיות אין הימל צו פר מעהרין״.

בעת אין קאַפּעלמאַנס איבערזעצונג באַגעגנט מען אָפט אַלטמאַ־דישע דייטשע, און אַפילו ערטערווייז אויך פראַנצויזישע אויסדריקן, וואָרפן זיך דורך אין דער גראָדנאָ־ווילנער אויסגאַבע רוסיש־סלאַווישע ווערטער. ביידע איבערזעצונגען זיינען ניט קיין ווערטלעכע; ניט נאָר זיי איבערזעצן דעם טעקסט — זיי זיינען אים אויך מסביר, דערקלערן דעם תּמצית. און יעדער מְפָרֵש דערקלערט אויף זיין שטייגער, לויט זיין וועלטאַנשויאונג. די פאַבלען באַקומען ביי די יידישע איבערזעצער אַ מער „יידישלעכן״ שניט, אַן אויסגעפּרעגט „גאַטספּאַרכטיקן״ לבוש. בפרט די מוסר השכּלס צום סוף פון יעדער פאַבל האָבן ביי די איבערזעצער גאָר אַן אַנדער פּנים, ווי אין העברעיִשן טעקסט. אין ברכיהס מוסר השכּלס זעט מען קודם כּל דעם פּקח מיטן קינסטלעריש־שאַרפן אויג; ביי די איבערזעצער — דעם פרומען בעל מוסר און ירא שמים.

בכדי צו באַקענען מיט דעם סטיל פון ביידע יידישע איבערזע־צונגען, ברענגען מיר פּאַראַלעל דעם טעקסט פון צוויי אויבן ציטירטע ברכיהס פאַבלען:

קאַפּעלמאַנס איבערזעצונג לויט דער פּראָגער אויסגאַבע, 1767

משל 30: איין אָקס און איין לייב מיט איין באָק.

דער אויף זיך האָט לוגער [1] און איין שפּייאָן (שפּיאָן)
איז בשטענדיג איין פורכטזאַמער מאַן.

איין אָקס גינג פור איין לֵיבין־גרוב פר בייא, ער דער שרעקט זער וויא ער הערט זיין גשרייא, ער לויפט אין אייני גרובין מיט גרושי זאָרגין, אַלדאַרט וואר אויך איין באָק פר באָרגין. דער באָק פראַגט דען אָקסן; וואַרום טושטו ציטרן זא זעהר, מיר זיינן דאָך אין איינם שטאַל אויף גצויגן ביז אַלהער, ער־שרעקשטו דען פר מיר, מיר זיינן דאָך גוויהנלך בייא אַנדר שון דרְ פיר? דר אָקס שפּראַך: עש קומט מיר אַל דש פיך (פיהה) פר לויטר לֵיבן פאַר, עז הוט ניט געפעהלט אום מיך איין האָר, זינטו־מאַהלין איך פר דען לֵיבן זא יעמרלעך ער שראַקין בין וואָרין, זא הבּי איך פר אוין פיך גרויזאַמי פורכט איך גיבי מיך פר לאָרין.

דאַז איז אויך דש משל: וועד איין לוגער אויף זיך טוט טראַגין, דער איז אַלצייט אין פורכט פיליכט ווערט ער גשלאַגין. אויך וועד זיין פאַרבאַרגענהייט צו איין אַנדרן טוט אַנטפּלעקין, דער קאַן זיך ניאַמאַהל

---

1. לוגער — אַן אויסזעער, נאָכקוקער. פונם אַלטן דייטשן חאָרְם לוגען—קוקן.

זיכער צו דעקין, אוב שון ער קייני גרושי פארכט זיך הוט צו מַכין, דענאך לעבט ער אין אנגשט און הוט ניקש צו דר לאכין.

משל 54: איין טענין בוים מיט איין דארין.

עז זאָל זיך דער עושר מיט זיין רייכטום ניט פיל לאזין הערין, ווייל עש ניט איביג קאן גוועהרן.

איין גרושר טעני בוים אין וואלד וואר זיך זעהר האָפערדיג אויף פיהרן, ער בריהמט זיך מיט זיינר היך און מיט זיינר שונהייט טוט ער זיך צירן. ער זיכט (זיהעט) נעבן זיך וואקסין איין דארין בוים גאנץ נידר, דא שפראך ער צום דארין: וויא אונטרשטישטו דיך נעבין מיר צו שטין מיט דייני קורצי גלידר, האשטו דען קיין פארכט פור מיר וואן דוא מיך טושט שויאן. נעמט מען דען פון דיר טענין־האלץ צו בויאן, אויך קייני מארשט־בוימן צו דיא שיפן, עש טוט אויך קיין ארץ אָדער פעך פון דיר הראפטריפן. דער דארין גאב אים אנטווארט גנץ גלימפן: מיט דייני איגני רוהם טושטו דיך זעלבשט שימפן, דר סוף פון דיר מען האקט דיך אָב אין גרונד זאמט דייני בלעטר, דייני שענשטי צווייגן ווירדן צו שניטן אויף ברעטר, מיך אבר קאן נימאנד ניצן, דא־הריבר (דאריבער) טוהי איך גאנץ זיכר זיצן.

דאָש משל גיהט דש דער ארמר מאן דער זיך פירט גאנץ נידר, קאן עש פיל מאָל בעסר הינויש פיהרען אלז דער רייכער בידר. צו ווייליו מיינט מען איהם אין זייני נידר קייט צו אונטר דרוקין, אָבר גאָט דער אלמעכטיג טוט שוין אויף אים קוקן, כמ״ש: אשכון את דכא ושפל רוח, דאז איז טייטש: די שכינה רואט אויף דיא זיך גנץ דעמיטיג פיהרען, ניכט אבר בייא דיא מען גרושי האָפערט טוט שפיהרן, אלז וויא דער טענין בוים האָט אויז זיך פיל גמאכט, דער דארין אבר הוט מיט זיין סוף אויז גלאכט.

די איבערזעצונג פון ווילנע־גראָדנער אויסגאַבע 1825.

משל 28: איין אָקס מיט איין לייב מיט איין בארָאן.

איין אָקס האָט דערזעהן איין לייב פון וועיטין, ער שראייט און ברומט אויף אלע זייטן. ער בהאלט זיך אין איינע פון דער שטאלן. פאר שרעק טוט ער אויף דער ערד אנידער פאלן, דאָרטין גיפינט ער איין באראן שטיין, ער פרעגט אים וואָש איז דיין מיין, וואָש בישטו אין אזוא איין שרעק, וואש עש איז גאר קיין עק. האָב קיין פאָרכט שטעה אויף, אפשר האָט זיך איין שלעכטע זאך דיר געדאכט קוק ניט דערויף. דער אָקס ענטפערט מיט זייער איין שלאפען רייד: הייינט איז מיר גאָר פארשטערט גיוואָרן מיין פרייד, איין לייב האָב איך דער זעהן פון וועיטן,

פאַר שרעק טוט מיר וויי דיא זייטן, איך קאן צו זיך ניט קומען, מיין אָטעם האָט מיר פאַר נומען.

זוא אויך דער מענטש וואָש האָט אַ לוגער אויף זיך, אַלע לייט שרעקט ער זיך, ער טראַכט פיליייכט קומט ער און נעמט מיך. ער רוהט ניט זיין לעבן, ער האָט ניט וואָש אים דער פאַר צו געבן. נוא איר ליבע לייט, זייט גיוואָרנט און האָט מורא פאַר גאָט אַלע צייט, זעה זיך אָרום טוא קיין שלעכטץ, און טוה זיך פאַר אים שעמען, פיליייכט טוט ער דיך באַלד פון דער וועלט אַוועק נעמען.

משל 50: איין טענן בוים מיט איין דאָרין בוים.

איין טענן בוים וואָר אין מיטן וואַלד שטיין, ער וואר זעהר הויך און שיין. אין וואַלד איז נאָך אַזוא איין בוים ניט גוועזן צו גפינן, אַלע בוימר האָבן אים גטאָן בדינן. ער קוקט אַראָפּ ער זעט איין דארין בוים וואַקסט לעבן אים; עש פר דרישט אים זיער ער הויבט אויף זיין שטים: וויא קומשטו צו מיר, בין איך דען גלייך מיט דיר, איך בין דאָך דר העכשטער צווישן אַלע בוימער וואָש אין וואַלד זיינן, אויף מיר טוט דאָך דיא זון שיינן, מיין קלענשטע רוט איז גרעשר וויא דוא גאָר אין גאַנצין, מיר איז ניט איבער צו שאַצין, און וויא קומשטו זיך לעבין מיר זעצן. איך האָב גאָט אין האַרצן, איך וואָלט דיך באַלד גיטאָן צו קוועצען. דער דאָרין ענפערט מיט קלוגע רייד: אמת צו ווישן אונז איז דאָ איין גרושר אונטר שייד, נאָך בישט דאָרט מער אין פאָרכט וויא איך, אויש האַקן וועט מען פאָרט גיכער דיך וויא מיך. איך בין שָפֵל בייא אַלע צייטן, דיך דער זעט מען דאָך פון וויטן. זייא בייא זיך ניט טייער, דען מען קאָן דיר באַלד דיין הויכהייט פר שטערן, צו מיר וועט זיך פאָרט קיינר ניט קערן.

אַזו אויך דער רייכר מאַן דער וואָש מיינט ער האָט שוין זיין גליק געפונן. דעם ארמען מענשן לאָזט ער אויף דיא אויגן ניט קומן, ער פר טרייבט אים ווען ער וואהנט לעבן אים, ווען דער ארמער שטראָפט אים קערט ער זיך ניט צו זיין שטים. לסוף ווען עס קומט זיין צייט, עש הערשין איבער אים אַלע לייט, גרוש און קליין דאש גאַנצע גמיין, זיין שטראָף גייט אים אויש צו זיינה אויגין, דעם ארמען העלפט גאָט ער זאָל נאָך אויף דער וועלט טויגן, ער האָפט צו גאָט אַלע טאָג און נאַכט, בייא גאָט איז ער אויך ניט פר אַכט.

אינהאלט:

זייט.

פונם מחבר. V

אריינפיר 13

ערשטער קאפיטל

פון אבן שפּרוט ביז אבן גבירול.

די השפּעה פון דער אראבישער קולטור. — דער מדרש און די אגדה אלס מקור פאר רעליגיעזער פּאעזיע. — ינאי און הקליר. — חסדאי אבן שפּרוט אלס מעצענאט און קולטור־טרעגער. — מנחם בן סרוק און זיין „מחברת". — דונש בן לברט און זיין פּאלעמיק. — דונש און די אראבישע מעטריק. — מנחמס בריוו צו שפּרוטן. — דער וויכוח צווישן מנחמס און דונשס תּלמידים. — חיוג' און ב'אנאח און זייער פילאלאגישע טעטיקייט. — יוסף אבן אָבִיתָר אלס ליטורגישער דיכטער. — שמואל הנגיד אלס תּלמודיסט און געלערנטער. — הנגיד אלס באשעפער פון ניי־העברעישער וועלטלעכער פּאעזיע 27

צווייטער קאפיטל

שמואל הנגידס קולטור־היסטארישע באַדייטונג. — שלמה אבן גבירול. — זיין דורשט נאך וויסן אין די יונגע יארן. — דער דיכטער־שטאלץ. — דעם דיכטערס קרענק און מרה־שחורה. — זיין פריינדשאפט מיט יקותיאל הנגיד. — זיינע טרויער־לידער. — דעם דיכטערס איינזאמקייט און די שנאה פון דער סביבה. — דער דיכטער אין גלות. — אבן גבירולס וועלט־אנשויאונג. — זיינע פּיוטים. — די נאציאנאלע שטימונגען אין גבירולס פּאעזיע. — אבן־גבירול אלס דענקער. — זיין „מקור חיים" און „כּתר מלכות". — די מעטרישע פארמען פון אבן־גבירולס דיכטונגען 53

דריטער קאפיטל

יצחק אבן גיאת. — משה אבן עזרא; זיין פרייליכע יוגנט. — לידער פון גליק און פרייד. — די אומגליקלעכע ליבע. — דער דיכטער אלס נע־ונדניק. — זיינע לידער פון יאוש און האפענונג. — דער געליבטערס טויט. — דעם דיכטערס לעבנס־דראמע. — אבן עזרא אלס פּייטן. — דער „סלחן" 100

פערטער קאפיטל

יהודה הלוי. — זיינע יונגע יארן. — זיין הארמאנישע גאנצקייט; ליבע־לידער; דער דיכטער פון נאציאנאלע ליידן און האפענונגען. — דער ציון־אידעאל אלס צארטע בלום פון מיטלאלטערלעכער ראמאנטיק. דער דיכטער איז עולה־רגל. זיינע ציון־לידער. הלוים אויסשליסלעכע באַדייטונג 122

פינפטער קאַפּיטל

די רעליגיעזע פילאָזאָפיע פון סעדיה גאון ביז דעם רמב"ם.

זייט.

דער אויפבלי פון נאַטורוויסנשאַפטן און פילאָזאָפיע ביי די אַראַבער. — דער „קאַלאַם". — די קראים און די פריידענקער. — חִוִי הבלכי און דער אומ-באַקאַנטער. די השפעה פון דער גריכישער פילאָזאָפיע. — די אַלעגאָרישע מעטאָדע פון פילון. — סעדיה גאון אַלס פּאָלעמיקער און דענקער. — רבנו בחיי און זיין ספר „חובות הלבבות". — יהודה הלוי אַלס דענקער; זיין „ספר הכוזרי". — „דער גאָט פון אַברהם און דער גאָט פון אַריסטו". — דער געראַנגל קעגן דער אַליינהערשאַפט פון דער פילאָזאָפיע. — דער נצחון פון אַריסטוס שיטה. — אבן סינה און זיין השפעה. — יוסף אבן צדיק און זיין „עולם קטן". — אבן צדיק אַלס ראַציאָנאַליסט. — דער ראב"ד אַלס ערשטער יידישער אַריסטאָטעליקער . . 150

זעקסטער קאַפּיטל

ר' משה בן מיימון, זיינע יונגע וואַנדער-יאָרן. — דער רמב"ם אַלס הויף-אַרצט, אַלס מפרש און אַלס פּוסק. — דעם רמב"מס „משנה תורה" און איר באַדייטונג. — דער „מורה נבוכים". — מיימוני אַלס ראַציאָנאַליסט; „שלטון השכל". — די פּשרה צווישן תורת משה און אַריסטוס שיטה. — רמזים און משלים אין דער תורה. — „טעמי המצוות". — דעם רמב"מס דעות וועגן דעם גאָט-באַגריף און וועגן השארת הנפש. — דעם רמב"מס באַדייטונג אין דער יידישער וועלט און אין מערב-אייראָפּע 190

זיבעטער קאַפּיטל

די פּאָעטישע פאָרמען פון דער העברעיִשער ליטעראַטור נאָך יהודה הלוי. — אַברהם אבן עזרא דער געלערנטער נע-ונדניק. זיין באַדייטונג אַלס אויפקלערער און קולטור-טרעגער. אַברהם אבן עזרא אַלס ביבל-דערקלערער און שפּראַך-פאָרשער. — די פילאָזאָפישע אָנשויאונגען פון אַברהם אבן עזרא און זיין באַדייט אַלס דיכטער. — אבן עזרא אַלס פּייטן און פּאַמפלעטיסט 218

אכטער קאַפּיטל

דער סאַטירישער ראָמאַן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור.

יהודה אַלחריזי דער וואַנדער-פּאָעט. — אלחרירי דער אַראַבישער מאַקאַמען-דיכטער. — די יידישע מאַקאַמען-דיכטער שלמה צקביל און בן סהל. — אַלחריזי אַלס חרירים איבערזעצער. — אַלחריזים נסיעה קיין ארץ-ישראל און זיין דידאַקטישע פּאָעמע. — זיין ראָמאַן „תחכמוני". — אַלחריזי אַלס הומאָריסט. — דער מוסיוו-סטיל און זיין באַדייטונג. — אַלחריזי אַלס ליטעראַטור-קריטיקער. — יהודה אבן שבתי און זיינע ווערק. — דער דיכטער יצחק קעגן שבתי. — די מעצענאַטן און די העברעיִשע ליטעראַטור. — דער דיכטער יוסף זַבאַרה אַלס אַרצט; זיין ראָמאַן „ספר שעשועים" 233

ניינטער קאַפּיטל
זייט.

די השפּעה פון יידן אויפן אייראָפּעישן פאָלקלאָר. — פּעטער אַלפאָנסי און זיין „Disciplina clericalis". — דער היסטאָרישער עפּאָס „ספר הישר". — אַברהם אבן חסדאי און זיין דידאַקטישער ראָמאַן „בן המלך והנזיר". — „כּלילה ודימנה" און אירע איבערזעצער. — „משלי סנדבאר". — דער פּראָטעסט קעגן דער פרעמד־לענדישער השפּעה. — יצחק אבן סהולה און זיין פאַבל־זאַמלונג „משל הקדמוני". — דער פאַבל־דיכטער ברכיה הנקדן און זיין „משלי שועלים". — די התחלה פון דער ירידה; די השפּעה פון דער קאַטוילישער קאַסטיליע 265

ביילאַגן 299

דרוק־פעלערן:

זייט	שורה	געדרוקט	דארף זיין
45	4 פון אונטן	אבן דאנו	אבן דאנן
52	3 "	לכית יוסף	לבית יוסף
61	12 "	הצופה"	הרופה"
"	6 "	לאמתי	לעמתי
71	22 פון אויבן	כארפאסט	פארפאסט
74	15 "	א שפרעכער	אפשפרעכער
75	4 פון אונטן	לבד	לבדה
113	7 "	ולפרוד	ולפרודי
"	6 "	שמש	שמשי
124	2 "	תקנו	תקנן
130	9 "	ניק	ניט
153	11 "	תלמורישע	תלמודישע
167	3 "	זעלביקע	זעלביקע
193	10 פון אויבן	אינשטאנר	אינשטאנד
"	14 "	חכמה	חכמת
195	4 פון אונטן	אבן־דור	א בן־דור
204	5 פון אויבן	creativex	creatio ex
209	12 "	באגריף, וואס	באגריף, וועלכן
219	13 פון אונטן	ארום דער	ארום דעם
224	2 "	געפינט זיך די	געפינט זיך א
225	9 "	ילא אזכיר	ולא אזכיר
228	5 פון אויבן	פון דער גלות־פאלק	פון דעם גלות־פאלק
"	22 "	קום דו, הה' איש	קום דו, הוי איש
229	5 פון אונטן	באקלטגט	באקלאגט
236	2 "	קונדישע שטיק	קונדסישע שטיק
240	5 פון אויבן	פריידלעך	פריינדלעך
261	1 "	ארנל בן עינו	ארנן בן עינן
270	12 "	נוסה 2	נוסח 2
292	13 פון אונטן	הדור והנכד	הדוד והנכד
311	4 פון אויבן	ער רוהט	ער רוהט ניט

באמערקונג: צוליב טעכנישע מניעות האט דער מחבר ניט געהאט די מעגלעכקייט אנטיילנעמען אין דער קארעקטור פונם בוך. זאל דער לעזער דאס נעמען אין באטראכט און דעם מחבר עס מוחל זיין.

6229

LIBRARY

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT
21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it.

A fine of 4 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

DEC 10 '61

OCT [illegible]

MAY 13 '[illegible]

MAY 19 1988

#718